STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08958

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט-טייל

מ. סטבטיון

א
זעקסטער
וועלט-טייל

ראָמאַן

פאריז
1951

M, SAMBATYON : A ZEKSTER WELT-TEYL-ROMAN
UN SIXIÈME CONTINENT - A SIXTH CONTINENT
AVEC LE PORTRAIT DE L'AUTEUR

V

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרווערט

*

אין בוך קומט אַריין דער פּאָרטרעט פונעם מחבר

*

הילע און שער-בלאַט געצייכנט פון אַ. קאַלניק

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט
אויף פּאַפּיר HELIO געבונדן אין לייוונט
און געחתמעט פונעם מחבר

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11 RUE LOUIS-BLANC, PARIS-Xe



והיה כי ישאלך בנך מחר לאמור...

אַז מײַנע אײניקלעך װעלן מיך אַמאָל פֿרעגן: „זײדע משה, אױף װיפֿל אונדז איז באַװוּסט, ביסטו אין יענע יאָרן, װען דו האָסט אַרױסגעגעבן דײַן ערשט גרױס װערק, געװען אַן עני ואביון, און אױף אַרױסהײבן אַזאַ משא, האָט מען דאָך חוץ אַלעמען געמוזט האָבן קרחס אוצרות. װער זשע האָט דיר צוגעהאָלפֿן? מי ומי המוליכים?" אױף אָט דער, באמת האַרבער קשיא, װעט מײַן ענטפֿער זײַן אַזעלכער:

— קינדערלעך מײַנע, זאָלט איר טאַקע װיסן, אַז די בלאַטע איז געװען זײער גרױס, דער װאָגן — זײער שװער. פֿיל מענטשן האָבן געהאָלפֿן רירן דעם װאָגן פֿונעם אָרט. װער מיט אַ דערמוטיקנדיק װאָרט; װער מיט אַ האַרציקן שותּף-בצער; און װער אפֿילו מיט אַװעלכער ס'איז סומע; אָבער דעם סאַמע אַנטשײדנסטן שטופּ דעם װאָגן האָט געגעבן אַ באַװוּסטער ראַבינער האַרנשטײן פֿון מינכען. דעם דאָזיקן אױסערגעװײנלעכן מענטשן האָב איך געהאַט דעם כּבֿוד צו קענען פֿון יאָר 1947, כּמעט גלײַך פֿון נאָך מײַן אָנקומען קײן דײַטשלאַנד. די רעזידענץ פֿון אָט דעם באַרימטען ראַבינער האָט זיך געפֿונען אין אַ פּאַרמרה-שחורהטער, האַלב חרובער, שטײנערנער געבײדע, װאָס איז אײנזאַם געשטאַנען אױף אַ נאָך מער חרובן פּלאַץ. זײַן כּמעט נישט מעבלירטער קאַבינעט, װאָלט געװען װײַט נישט צו גרױס פֿאַר אַ שלאָפֿצימער פֿאַר צװײ קינדער.

דאָס איינציקע פענצטער וואָס זיין „קאַבינעט" האָט פאַרמאָגט, איז געווען אַן אמתער „נשקף על פני הישימון". די פינצטערע רואינען, וואָס האָבן ווי אין אַ קאַראַהאַד געטאַנצט אַרום אַט דעם בנין, האָבן אויף קיין איין רגע נישט געלאָזט פאַרגעסן אין דעם קאָשמאַר פון „נעכטן". און מערקווירדיק, דער אויבן דערמאָנטער ראַבינער האָט דאָס ווירקלעך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. זיין אַזוי־גערופענער קאַבינעט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „תל שכל הפיות פונים אליו", און ער אַליין — אַ ווירדיקער נכד־רוחני פון משה מאָנטעפיאָרע ז"ל, פאַר די יידן פון דעם נאָכמלחמהדיקן דייטשלאַנד. פיל צענדליקער מענטשן מכל קצות העם פלעגן טאָג־טעגלעך באַלעגערן די טיר פון זיין צימער, די קאָרידאָרן און דעם גרויסן וואַרט־צימער. יעדער איז געקומען מיט זיין מבוקש, פאַרשידענע מענטשן מיט פאַרשידענערליי בקשות, און יעדער פלעגט מער־וויניקער געהאָלפן ווערן. ווער מיט אַ הויכער רעקאָמענדאַציע, ווער מיט אַ שתדלנות־בריוו און ווער — פשוט מיט אַ בכבודיקער תמיכה. דער רב אין זיין לאַנגער מאַנטיליע, האָט געטון זיין עבודת־הקודש מתוך כובד ראש, און קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין היכל בידים ריקניות. און דאָס האָט נישט געטראָפן אַמאָל־אַמאָל, נאָר ווי איך זאָג אייך — בכל יום תמיד.

און טאַקע אים, מיין הויכגעשטעלטן פריינד, דעם גרויסן יידישן שתדלן און נדבן — ד"ר אהרון האָרנשטיין, אויבער־ראַבינער פון בייערן, ווידמע איך דעם פינפטן באַנד פון מיין צענבענדיק ווערק מיט אמתער ליבשאַפט און טיפן רעספעקט.

מ. סמבטיון.

פינפטער באַנד :

א גרוס פון יענער וועלט

ערשטער טייל

קאפיטל ו

„...גפרית ומלח, שרפה כל ארצה. לא תזרע ולא תצמיח ולא יעלה בה כל עשב"...*

די הימלען — צעשמאָלצענער בליי. זיי זענען נישט סובל אונטער זיך קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש, זיי יאָגן פון זיך די מחנות וואַנדערנדיקע פייגל מיט פייערדיקע ריטער.

די ערד — ביז ווייס אָנגעגליטע זאַמד, געפּאַלדעוועטע פון די שטור־רעמווינטן אין מייל־לאַנגע כוואַליעס, אויסגעפורעמטע פון די „סאַ־מומס"** אין פאַנטאַסטישע בערג און טאָלן.

טעג — ברענענדיקע ווי פריסעק, נעכט — קאַלטע ווי שטאָל, שוועבן איבער דער וויסטעניש זאַלבענאַנד, געוועלטיקן ביד־רמה איבער אַלץ און איבער אַלעמען.

די נעכט זענען טינט־שוואַרצע, סודותדיקע, און וואַרפן אָן אַן אימה אויף די דורכרייזנדיקע. ווי נאָר די פינצטערניש פאַלט צו, אַז דער האָרי־זאָנט ווערט ביסלעכווייז פאַרשלייערט און פאַרשווינדט אין אָפּגרונט פון דעם זאַמדיקן קעניגרייך, אַזוי הייבט זיך אָן דערנענטערן אַ שווידער־לעכער געוויין פון שאַקאַלן, אַ קלאָג־רוף פון היענעס און אַ שיפּען מיט אַ פייפן פון שלענג און עקדישן. אָפט מאָל רייסט זיך אַריין אין דעם אומהיימלעכן קאָנצערט אַן אויפטרייסלענדיקער רעווע פון אַ הונגעריקן לייב. „אריה שאג, מי לא יירא"?...*** אָפט מאָל לויפט דורך מיט אַ געפילדער אַ גאַנצע שאַיקע חיות־רעות. דער גאַנצער חלל אַרום ווערט פול מיט זייער געברום. אין איין אויגנבליק פאַרשווינדן זיי ווי אַ דמיון, נאָר דער עכאָ צעטראָגט זייערע שרעקלעכע קולות אין די מרחקים. עס טרעפט, אַז דער עובר־אורח באַמערקט אין דער פינצטער צווייי באַוועגלעכע, גרינבלע־כע פייערלעך. עס גיט אויף אים אַ ווייע מיט היימלעכקייט, ער דערפרייט זיך: נאַכט־פלעמעלעך! משמעות, אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ זומפּ... ער לויפט מיט פרייד אַקעגן דער געגאַרטער פליסיקייט. אָבער פּלוצלינג גייט אים דורך אַ גרויל איבערן לייב. ער כאַפּט זיך דערויף, אַז די נאַכט־פלעמעלעך זענען גאָר: אויגן פון אַ גיפטיקער שלאַנג... אין טויטשרעק אַנטלויפט ער אין דער נאַכט אַריין פון דעם זיכערן טויט. אָבער אויך דאָרט לויערט דער טויט אויף דעם אומגליקלעכן וואַנדערנדיקן. די נאַכט אין דער וויסטע ווימלט מיט געפאַרן.

---

* שוועבל און זאַלץ, אויסגעברענט דאָס גאַנצע לאַנד. עס ווערט נישט גע־זייט, עס מאַכט נישט וואַקסן, און עס גייט דאָרט נישט אויף קיין שום גרעזעלע. פון חומש.

** אַזאַ שרעקלעכער שטורעמווינט אין דער מדבר.

*** ווען אַ לייב שרייט, ווער האָט נישט קיין מורא? פון נביאים.

אויף אומגעהייער גרויסע שטחים ליגט אַ גראָבער שיכט שניי־ווייסע זאַלץ, אַ זכר פון אויסגעטרוקנטע ימים. קומט אויף די זון, ווערט פון דער זאַלץ — אַ שפּיגל, בליצן אויף אין דעם ריזיקן שפּיגל מיליאָנען זונען, און אַלע בלענדן דאָס אויג און אַלע בראָטן דאָס לייב, ציען די קליי פון די עצמות און מאַכן דעם מענטשן טעמפּ און גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. הייבט זיך אויף די זון נאָך העכער, ווערט דער גאַנצער מרחב פול מיט גליענדיקע זונען שטראַלן, — ווי אַ וואַלד מיט פינקלענדיקע שפּיזן פון אַ גרוים חייל — פון דער אייבערשטער זון צו די אונטערשטע און פון די אונטערשטע צו דער אייבערשטער. די זאַלץ ווערט פול מיט זון, די זון שפּאַרט זיך אָן אויף די זאַלץ־שטראַלן און ני־דערט אַראָפּ צו דער ערד, אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

דער סטעפּ ברענט ווי אַ קאַלכאויוון פון ברעג צו ברעג. פון באַגי־נען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

„...ארץ ציה ועיף, בלי מים“... *

*

אַ גרין ווערימל מיט אַ שוואַרץ קעפּל האָט זיך געשלענגלט איבער די אומענדלעכע זאַמדן פון דעם וויסטן מדבר — דער קוריער־צוג מאָסקווע־טאַשקענט.

שלמה האָט פונעם ערשטן טאָג אָן פאַרגעסן, אַז ער האָט אַן אָרט אין וואַגאָן. ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אויפן טאַמבור אָדער אויף די טרעפּלעך. אפילו אין די שעהן ווען ער פלעגט שוין יאָ אַריינגיין אין וואַגאָן כאַפּן אַ דרימל, האָט אים געשטיקט, פאַרפּעלט אָטעם אין ברוסט. דאָרט האָט מען געריבערט, געשפּילט אין קאָרטן. עס איז געשטאַנען אַ געשטאַנק פון מאַכאָרקע מיט הערינג, אַ שאַרפער ריח פון בראָנפן און שוויים פון באָר־וועסע פיס. האַרמאָניעס מיט פּאַטעפאָנען האָבן געלעכערט די אויערן פון באַגינען ביז נאָך האַלבער נאַכט, טעמפּ געמאַכט דעם מענטשנס חושים צו אַלץ, וואָס קומט פאָר ארום אים.

לאַנגע, דאַרע אוזבעקן, מיט פאַקן אויף די פּנימער, האָבן געררייצט די נערוון מיט זייער טייוולאָנישער שפּראַך. ביי טאָג, אין דער גרעסטער היץ, אין וואַגאָן האָבן געשוויצט די ווענט, דאָס וואַסער אין קראַן האָט געבריט און די טונקעלע, קאַלטבלוטיקע אזיאַטן זענען געזעסן מיט די פיס אונטער זיך, אין שרייענדיקע, וואַטענע כאַלאַטן, מעטאָדיש געשפּיגן מיט גרינעם טאַבאַק און געגרעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער.

אין שלמהס קופּע איז געפאָרן אַ גרויע אוזבעטשקע מיט אַ יונג, אויס־געמוטשעט פּנים. צוזאַמען מיט איר איז געפאָרן אַ יונגע אוזבעטשקע, באַהאַנגען מיט גלעזערנע קאָרעלן און מיט בלעכענע בראַסליעטן, אַזוי אַז מען האָט זי אַליין כמעט נישט אַרויסגעזען. די אַלטע איז גאַנצע טעג גע־

---

* אַ לאַנד אַ וויסט׳ס, אַ מיד׳ס, און אָן וואַסער. פון חומש.

לעגן אין אומגעלומפּערטע, ציצענע הויזן, אזוי ווי גאַטקעס, און אין קאַ־לאַשן אויף די באָרוועסע פיס. די יונגע, פאַרקערט, איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם פאַטעפּאַן און האָט געהאַלטן אין איין ווארפן ראָזשינקעס אין מויל אריין. יעדע ראָזשינקע ווערט פריער באַטראַכט, דורכגעקנעטן, דאָס פאַר־טרוקנטע קעפעלע ווערט אָפּגעוואָרפן אין א זייט און דאָס קישמישל — מאַרש אין מויל אריין!

איין מאָל ביי טאָג איז שלמה אריינגעקומען אין וואַגאָן אריין עפּעס איבערקייען. עסנדיק האָט ער געזען, ווי די אַלטע זיצט און צוואָגט די יונ־גע מיט זויערמילך. ער האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ, נישט געלאָזט זיך באַ־הערשן פון דעם עקלדיקן געפיל וואָס האָט אין אים אויפגעברויזט און ווייטער געגעסן. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף זיין פּאָליצע און געהאַפּט איינצושלאָפן איבער די סאַמע הייסע שעהן. ער האָט שוין כמעט געדרימלט, נאָר מיט א מאָל דערהערט ער, ווי עפּעס טרישטשעט, פּונקט ווי א וואַקסן ליכט בעת דעם ברענען. ער עפנט נייגעריק די אויגן, זוכט אויף אַלע זייטן, ווו טרישטשעט עס אזוי, און דאָ דערזעט ער: פּונקט אַקעגן אים זיצט די אַלטע, צענומען די פיס, צווישן זיי זיצט די יונגע, אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע, און די אַלטע קעמט זי, קעמט און קנאַקט, קעמט און קנאַקט... זי טוט דאָס אזוי רואיק און אזוי ערנסט, אַז דאָס בלוט הייבט אָן ביי שלמהן צו קילן אין די אָדערן. ער זעצט זיך אויף. יענע באַמערקן דאָס דווקא, אָבער עס הייבט זיי אפילו נישט אָן צו אַרן. וואָס איז דאָ דאַ אַזוינס, מיט וואָס זיך צו שעמען? די אַלטע האַלט אַלץ אין איין אויסקעמען גאַנצע מחנות באַשעפענישלעך פון דער יונגערס קאָפּ און קאַלטבלוטיק מאַכט זי זיי מיטן נאָגל דעם טויט אויפן אָרט.

ווי א קאַץ שפּרינגט ער אראָפּ פון זיין פּאָליצע, שפּאַרט זיך ארויס אויפן טאַמבור און — פּליוך! וואָס ער האָט געגעסן אין יענעם טאָג און פריער מיט א טאָג און נאָך פריער מיט א טאָג. מיט דער גרינער גאַל האָט ער געבראָכן. דער קאָפּ האָט זיך אים אזוי פאַרדרייט, אַז ער האָט זיך גע־מוזט גוט צוהאַלטן ביי די פּאַרענטשעס, כדי ער זאָל נישט אראָפּפאַלן. פון דעם פאַל אָן האָט ער שוין אין גאַנצן געווייכט דעם וואַגאָן, פלעגט אריינ־קומען אהינצו נאָר ביי לית ברירה. די זון פלעגט ער שטענדיק באַגעגענען זיצנדיק אויף די טרעפּלעך. די האַלב־נאַכטיקע שטערנדלעך פלעגן זיך פאַרוואונדערט איבערקוקן צווישן זיך:

— עפּעס א מענטש קוקט זיך אונטער די גאַנצע צייט, ווער קען דאָס זיין?

די לאַנדשאַפט איז פון אָנהייב אָן געווען גאַרנישט דאָס וואָס ביז מאָסקווע. די פעלדער, — טויטע, שוואַרצע און אומענדלעכע. קיין דערפער זענען שוין נישט געווען אזוי אָפט, קיין כוטאָרעס איז שוין אין גאַנצן נישט געווען צו באַמערקן. וועלדער — אויך זייער זעלטן. דאַקעגן, טייכן פלעגן זיך טרעפן זייער אָפט. מען איז דורכגעפאָרן סאַמאַרא, אָריענבורג,

איבערגעלאָזט הינטער זיך די וואָלגע, דעם אראַלישן ים. די לאַנדשאַפט איז געוואָרן נאָך אומעטיקער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אָנגענליטע, זאַמדיקע סטעפּעס, אַן אָקעאַן פון ווייסער זאַמד, אַן אַ גרעזעלע, אָן אַ ביי־מעלע. קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש פאַרבלאָנדזשעט נישט אַהער, קיין שום פייגעלע פאַרפליט נישט אַהער, דער גאַנצער אַרום איז פּוסט און וויסט ווי ביי אים אַליין אויפן האַרצן.

שלמה האָט נאָך אין מאָסקווע אויסגעלאָשן אין זיך אַלע געפילן. ער איז אַצינד געגליכן צו אַ שיפל אין מיטן ים, וואָס מען האָט ביי דעם אַראָפּגענומען די זעגלען, אונטערגעשניטן דעם מאַסטבוים און אָפּגעלאָזט מיטן וואַסער די רודערס. עס בלאָנקעט אַרום אויפן ים־פלאַך אָן אַ ציל, אָן אַ ווילן, אָן אַ פאַרוואָס. קומט אַ ווינטל, ווערט דאָס ווינטל באַלעבאָס, קומט אַ כוואַליע, באַלעבאַטעוועט די כוואַליע. קיין אייגענע אָנפירונג איז נישטאָ. הפקר, הפקר גמור.

שלמה זיצט צענדליקער שעהן אויף די טרעפּלעך, קוקט שטאַר אויף אַלץ, וואָס קומט אויף פאַר די אויגן און דער מח אַרבעט שווער און פויל. אָט, למשל, שלעפּט זיך גאַנץ ווייט פון דאַנען אַ לאַסט־מאַשין מיט פולע זעקלעך און שלמהס מח באַאַרבעט פּאַוואָלינקע די פרישע דערשיינונג:

— פון וואַנען קען גיין אָט די מאַשין? ווי ווייט קען זי גיין? פון דער היץ קענען זיך נישט אָפּליטן די קאַמערעס? * וואָס טוט דער שאָפער, אַז עס גייט אים אויס וואַסער צום מאָטאָר? ווו נעמט ער אָט די זעלטענע פּליסיקייט אין אָט די ששת־ימי־בראשיתדיקע סטעפּעס? וואָס אַזוינס קען די מאַשין אַ שטייגער פירן? ווער איז דער שאָפער, אַ מאַן צי אַ פרוי?

אָט זעט ער, ווי פון ווייטנס שלעפּט זיך אַ קאַראַוואַן קעמלען, מיט משונהדיקע שטולן אויף די האָרבעס. אין די שטולן הוידען זיך צום טאַקט סילועטן אין קאָלירטע כאַלאַטן מיט ווייסע טיכער אויף די קעפּ. אַנדערע גייען נאָך צו פוס. אויף שלמהן גייט אַ בלאָז מיט זכרונות פון די קינדעריאָרן, מיט חדר. ווינטערדיקע נעכט. אויף צוויי לאַנגע בענק זיצן פּיצלעך קינדער מיט שוואַרצע אייגעלעך און קלינגענדיקע קולעכלעך. ביי דער הרובע זיצט די רביצין אויף אַ נידעריק בענקעלע, אויפן קאָפּ אַ טיכל, דאָס פּנים פלאַמט, זי רוקט אין הרובע־לאָך איין בינט שטרוי נאָכן אַנדערן, דער פלאַם גייט מיט אַ גרימצאָרן אַ זעץ אויף צוריק. זי שטופּט אַרויף דאָס ברענענדיקע שטרוי מיט אַ קאָטשערע און האָדעוועט ווייטער די הרובע, אָן אַן אויפהער. אָבער דאָס אַרבעט זי נאָר מיט די הענט, דער קאָפּ איז איר ביים טיש. זי הערט זיך איין, צום ווופלטן מאָל אין איר לעבן, צו דער שיינער מעשה פון יוספן מיט זיינע ברידער.

איבערן טיש הענגט אַ פאַררויכערט לעמפּל מיט אַ גרויסן, גע־קנייטשטן, בלעכענעם שטריימל. דאָס שטריימל וואַרפט אַ שפּיציקן שאָטן

---

* דאָס אינעווייניקסטע גומענע ראָד, אין וועלכן עס געפינט זיך די לופט.

אויף דעם טיש, נאָר די קינדערלעך טאַפּן אָן מיט זייערע בליקן די ווערטער אין די פאַרשמאַלצעוועטע חומשים, אין וועלכע עס האָבן נאָך געלערנט זייערע פאָטערס און אפשר אויך זייערע זיידעס, ווער ווייסט? דער רבי זיצט אויבן־אָן אין איין העמד. דער האַלדז צעכראַסטעט, אויפן קאָפּ אַ יאַרמעלקע פון אַן אַלטמאָדישער ציך. אין דער האַנט אַ קאַנטשיק. ער לאָזט נישט אויסגיין דעם שמעק־טאַבאַק פונעם גריבעלע העכער דעם גראָבן פינגער, ניסט אָן אַן אויפהער. ביי יעדן ניס גיט ער מיט אַ ירגזון אַ זעץ מיטן קאַנטשיק איבערן טיש, כדי די חברה זאָל נישט וואַגן צו לאַכן. זיין ריזיקער שאָטן הוידעט זיך איבער דער גאַנצער סטעליע און אויף ביידע לאַנגע, קויטיקע ווענט הוידען זיך נאָך אָן אַ שיעור קלענערע שאָטנדלעך. אויף דער וואַנט זעט מען, ווי איין שאָטנדל גיט אַ לייג אַריין דאָס פנים אין קורצן העמדעלע און ווישט זיך דעם שוויים. דאָס צווייטע שנייצט דאָס נעזל גלייך אין דער זשמעניע אַריין און ווישט זיך אָפּ מיטן אַרבל. דער דריטער דערלאַנגט דעם חבר אַ שנאָל אין אויער הינטן אַרומער. נאָר דאָס אַלץ שטעלט נישט אָפּ די קאַפּעליע חומש־ייִנגלעך. יעדער טוט זיך זיינס און דער חומש זינגט זיך ווייטער. די שויבן וויינען אָן אַן אויפהער, דער רבי ניסט, די רביצין שפּיצט אָן די אויערן און די הענט פאַרשטופּן דער הרובע דאָס מויל. דער לאָמפּ דרימלט געשמאַק. חברה קליינוואַרג שוויצט. די שאָטנס שאָקלען זיך רירעוודיק און מען זינגט מיט געשמאַק און מיט געפיל:

— ...וישאו — און זיי האָבן אויפגעהויבן, עיניהם — זייערע אויגן, ויראו — און זיי האָבן דערזען, והנה — און אָט, אורחת — אַ קאָמפּאַניע, ישמעאלים — טערקן, באה — קומט, מגלעד — פון גלעד, וגמליהם — און זייערע קעמלען, נושאים — טראָגן, נכאת — בשמים, וצרי — און נעגעלעך, ולט — אויך אַזאַ שמעקעכץ...

דער חדר איז איצט נישט קיין חדר, נאָר אַ מדבר. אַלע זעען, ווי די סוחרים דערנעענטערן זיך צו יוספס גרוב... יעדן קינד באַזונדער פאַרקלעמט ביים האַרצן: „דער רוח האָט זיי אָבער אָנגעטראָגן, נעבאַ וואָלטן זיי געפאָרן כאָטש שפּעטער מיט איין טאָג, אַ קלאָג צו זייערע יאָרן”... פאַר צרות ווערט דער געפילדער שטילער. אין הרובע טונקלט. די רביצין הייצט נישט מער, זי איז אין דער מדבר, זי פאָכעט מיט דער נשמה. דער לאָמפּ שלאָפט אַלץ מער איין, דער קנויט זעצט זיך... נאָר אָט גיט דער רבי אַ ניס און גלייכצייטיק אַ זעץ מיט דעם קאַנטשיק איבערן טיש. די רביצין פאַלט שיר נישט אַראָפּ פונעם בענקעלע. די שאָטנס צעשאָקלען זיך מיט פרישע כוחות:

— ...וימשכו — און מען האָט אַרויסגעצויגן, ויעלו — און מען האָט אַרויפגעבראַכט, את — און, יוסף — יוסף, מן — פון, הבור — דעם גרוב, וימכרו — און זיי האָבן פאַרקויפט, את — און, יוסף — יוספן, לישמעאלים — צו די ישמעאלים...

שלמה זעט ווי דער קאַראַוואַן גייט איבער אין אַ ווערטיקאַלער ליניע

און הייבט אָן קלענער צו ווערן. אין פוסטן מח קלאַמערט זיך אַ שפּליטער פון אַ געדאַנק:

— ווער ווייסט, אפשר פירן זיי מיט זיך איצט אויך עפּעס אַ יוסף? ווען גאָרדאָן איז דאָ דאָ, וואָלט ער שוין אַראָפּגעלאָפן אַ קוק טון...

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט געפערלעך. ער שלעפּט מיט אַלע כוחות. מען פאָרט באַרג־אַרויף. נאָר אָט גייט שוין אַ ביסל גרינגער, נאָך גרינגער און דער צוג פאַרנעמט זיך אויף לינקס. דער קאַראַוואַן פאַרשווינדט ווי אַ דמיון. ווידער הימל און זאַמד, זאַמד און הימל. און צווישן אָט די צוויי אומענדלעכע אָקעאַנען קריכט ווי פריער אַ גרין שלענגעלע מיט אַ שוואַרץ קעפּל, וואָס מען רופט דאָס: צוג. אויף דער רעכטער זייט פון דעם שלענגל הענגט אין דער לופט אַ טרעפּל און אויף דעם טרעפּל, צוהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט, זיצט אַ פליגעלע מיטן נאָמען שלמה און טראַכט גאָרנישט, גאָר—נישט, סיידן דאָס וואָס דער צוג טראָגט אים אונטער.

אָט פליט נאָך דעם צוג אַן אָדלער. אוי, דאָס איז טאַקע אַן אַנטיק! ער געדענקט נישט אויף אַקוראַט, צי מען דאַרף מאַכן אַ ברכה זעענדיק אַן אָדלער, צי ניין. ער איז דאָך עפּעס פּאַרט אַ קיסר... צי אפשר האָט אים שוין די ראַטנמאַכט געמאַכט פּאַר אוים קיסר? אַ קשיא אויף אַ מעשה? הלמאי ווי לאַנג ערשט איז ער אַליין געווען אַ מאַנאַרך, צי אַ שייך — און מען האָט אים זייער שיין געמאַכט פּאַר אויס?...

שלמה כאַפּט זיך דערויף, אַז דאָס טירעלע פון זיינע געדאַנקען האָט זיך אַ ביסל געעפנט, און ער פאַרמאַכט עס גיך אויף צוריק, שטאַרק־שטאַרק, אַז קיין שטויבעלע זאָל נישט אַרויספאַלן. ער איז נאָך נישט בכח גאָר־נישט צו טראַכטן, גאָרנישט צו געדענקען, גאָרנישט צו פילן. אין וואָ־גאָן האָט ער ביכער, נאָר אים גלוסט זיך נישט לייענען. ער האָט דאָרט אַ תהילים, נאָר אין האַלדז איז אים איבערגעטריקנט, ער קען קיין אי־בעריק וואָרט נישט אַרויסברענגען. קיין שום זאַך לעבט אין אים איצט נישט. ער איז ווי אַ לעבעדיקער מת. ער דאַרף גאָרנישט, ער בענקט נאָך גאָרנישט, ער ווינטשט זיך גאָרנישט...

ער האָט ערגעץ עלטערן — זיי פעלן אים איצט נישט. ערגעץ לעבן חברים, קרובים — ער וואָלט זיי איצט נישט געוואָלט באַגעגענען. עפּעס האָט זיך אַ מאָל געשמועסט פון אַ בוך, נאָר ער פאַרשטייט בשום־אופן נישט צו וואָס נוצט דאָס, און אויף וואָס דאַרף מען דאָס? ערגעץ איז אַ מאָל געווען אַ פּאָלי — ער בענקט נאָך איר נישט... עפּעס אַ מאָל, גע־דענקט ער, פלעגט ער בענקען נאָך אַזאַ אָרט, דאַכט זיך, ארץ־ישראל רופט מען דאָס. ער וויל איצט אַהין אויך נישט... גאָרנישט וויל ער נישט, קיין זאַך און קיינער פעלט אים איצט נישט. אים איז דאָ גוט אויפן טרעפּל מיט די קאַראַוואַנעס קעמלען, מיט די אָדלערס... אָפּגעלעבט צוויי און צוואַנציק יאָר מיט מענטשן — גענוג! איצט וויל ער שוין אַ ביסל לעבן אין די מדבריות, צווישן זאַמד און הימל. וועמענס עסק איז דאָס? ווער קען אים זאָגן אַ דעה? איי, דאָ איז אַ ביסל אומעטיק? און וווּ איז דען

פרייליכער? אין קיעוו איז פריילעכער? אין מאָסקווע איז פריילעכער? צי אפשר אין „צינימאַש" אָדער אין טרעטיאַקאָווער גאַלעריע, וועט איר זאָגן, איז פריילעכער? ניין, ניין! גענוג זיך שוין אָנגעזען: גאַלעריעס, האָטעלן, זיבעטע שטאָקן און דראַמאַטישע טעאַטערס, מיט אַלערליי אָנ־שיקענישן, רייזלס, רעוועקעס, פּאַלים און לייזיקע אוזבעטשקעס... גענוג, גענוג פּאַר אים! ער וויל שוין אין ערגעץ נישט. אפילו נישט צו מנשהן, אפילו נישט צו דער מומע טייבלען, אפילו נישט צו הרב ביאַליק. צו וואָס נוצן זיי אים? אויף וואָס דאַרף ער זיי און אויף וואָס דאַרפן זיי אים? איז טאַקע קוויט! זיי — מיך נישט, און איך — זיי נישט, קוויט און אַ סוף!

אַט דאָ אויפן טרעפּל איז אים גאַנץ באַקוועם. עס דענערווירן אים נאָר אַט די סטאַנציעס. צו וואָס טויגן אַט די סטאַנציעס? שטעלט זיך אָפּ. נודעט אוים די נשמה. דער — אַרויף, דער — אַראָפּ. אַ געשריי, אַ געפּילדער, טאַקע נאָר אַזוי ווי אים אויף צו להכעיס. ער פאַרשטייט גוט, אַז אַט די נמאסע סטאַנציעס האָט מען צוגעטראַכט ספּעציעל צוליב דעם, כדי אים אַרויספירן פון געדולד... אָבער וואָס קען ער דערצו העלפן? נו, אדרבה, וואָס קען ער העלפן? אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך צונויפ־גערעדט אַקעגן אים, אַז אַלע האָבן זיך אָנגענומען מיט אכזריות קעגן אים, נאָר אויף צעפּיקן אים די גאַל... ווייל ער וויל פאָרן, וויל דער צוג שטיין. און ווען אים וואָלט זיך פאַרגלוסט שטיין, וואָלט דער צוג זיכער דאַמאָלסט געפאָרן. נו, קען ער זיך טאַקע גיין שלאָגן מיט אַ גאַנצער וועלט? ער איינער — קעגן אַלע?

הלמאי, לאָמיר נעמען די אוזבעטשקע. אַז נישט דאַרף זי זיך דען צוואָגן? ווי לאַנג שמייסט מען זי! נאָר ווייל זי האָט געוווסט, אַז ער פאָרט אין דעם זעלבן וואַגאָן, האָט זי מיט זיך מיטגענומען אי זויער־מילך, אי אַ קעמל, אי אַן אומריינעם קאָפּ, ספּעציעל כדי ער זאָל ברעכן מיט דער גרינער גאַל... נו, זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז דעם איי־בערשטנס רצון איז אַזוי. און ווי באַלד, אַז עס איז אַזוי באַשערט, איז דאָך נישט שייך קיין חכמות דערביי. דאַרף מען אָנבייגן דעם קאָפּ און שווייגן. זיי ווילן שטיין? — זאָלן זיי שטיין! זיי ווילן זיך קעמען? — זאָלן זיי זיך קעמען! אַלץ איין שוואַרץ יאָר!...

קאפיטל II

ביי נאַכט, דערציילט מען, איז מען דורכגעפאָרן פאַרביי אַ גרויסער סטאַנציע אין קאַזאַכסטאַן, מיטן נאָמען: קזעל־אָרדאַ. שלמה האָט זי פאַרשלאָפן. דווקא אַן עבירה: מילא, קאַפּריזן אין אַ זייט, אָבער ווער ווייסט, צי וועט ער נאָך אַ מאָל פאָרן אויף דעם וועג? גיכער פון אַלץ — געוויס נישט. דערפאַר אויף צו מאָרגנס באַטראַכט ער שוין גאַנץ גענוי די סטאַנציעס: טורקעסטאַן, אַריס. מען דערנעענטערט זיך שוין צו טאַשקענט, די רעזידענץ פון אוזבעקיסטאַן, פון גאַנצן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע. געקומען קיין טאַשקענט, האָט שלמה דווקא באַלד אַ צוג אויף אָפּצופאָרן קיין סאַמאַרקאַנד, נאָר ער טוט דאָס נישט. זיין אין טאַשקענט און נישט באַטראַכטן די שטאָט, דאַרף מען דאָך זיין עפּעס אַ פּרא־אדם און שלמה וויל נישט זיין קיין פּרא־אדם. ער בלייבט אויפן וואָקזאַל נעכטיקן און נאָך דעם מעסט ער אויס די שטאָט אַ גאַנצן טאָג אין דער לענג און אין דער ברייט, אויף טראַמווייען און צו פוס. ער באַקוקט אַלץ, דעם צענטער, די „אַלטע שטאָט", די פאַרקן, די וויכטיקסטע מוזייען. ער גייט אַרום איבער די גאַסן, פון אַלע זייטן שמייען אַרום טויזנטער און טויזנטער מענטשן... צווישן אָט דעם גרויסן, פאַרשידנפאַרביקן עולם דערפילט ער ערשט די שאַרפקייט פון זיין עלנט. ער זעט זיך ווי אַן אָפּגעריסן בלעטל פון אַ בוים, וואָס דער ווינט טראָגט דאָס, קערט עס איבער אויף אַלע זייטן. און אָט ווערט ענדלעך שטיל, נישטאָ מער קיין ווינט, דאָס געוויטער איז פאַרביי. די זון שיינט ווידער, אָבער דעם פאַרוואָגלטן בלעטל איז דערפון נישט פריילעכער. זיין בוים איז ערגעץ ווייט. עס איז אָפּגעריסן, אָפּגעפליקט. ווער קען עס צוריקברענגען? ווער קען עס צוריק צוקלעפן? אפילו אַ שטיין, אַבי ער ליגט נאָר אויף איין אָרט — וואַקסט ער, אָבער ווי באַלד אָפּגעריסן פונעם וואָרצל, מעג דאָס אפילו זיין אַ יונג בלימעלע מוז דאָס צעטריטן ווערן... אחת דתו...

שלמה פילט, אַז זיין האַרץ איז געלעכערט פון בײדע זייטן. פון איין וווּנד שמעקט מיט רויך, מיט טשאַד, דאָרטן רויכערן זיך נאָך זיינע העפטן, זיין ערשטער און לעצטער גרויסער בוך, זיין גאַנצע האָפענונג, זיינע גליקלעכע חלומות, זיין היילקסטער קינדהייטס־טרוים, זיינע פאַנטאַזיעס אויף דער צוקונפט.

אין דער צווייטער וווּנד שטייט פאָלים איקאָנע. די וווּנד בלוטיקט נאָך, עס שפּריצט נאָך בלוט, דער ווייטיק איז נאָך פריש. די ערד איז נאָך נישט פאַרקילט געוואָרן, ער גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז פאָלי האָט אים אויף אַן אמת אַוועקגעוואָרפן, אַז זי איז נישט מיט אים. עס טרעפט אַ מאָל, אַז ער גייט אַזוי אין גאַס פאַרטראַכט, פּלוצלינג דערזעט ער עפּעס אַ שיינע זאַך, גיט ער זיך אַ דריי אויף רעכטס:

— גיב נאָר אַ קוק, דו זעסט?

באַלד אָבער דערפילט ער אַ טיפן שטאָך אין דער ברוסט. קיינער גייט אים נישט נאָך, ער רעדט צום ווינט... ער איז עלנט... זיין „רעכטע זייט" איז צוריק ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע. אָבער פאַר אים איז דער גן־עדן פאַרשלאָסן, אויף שווערע שלעסער פאַרשלאָסן. זיין רעכטע זייט איז שוין צוריק אין אינסטיטוט, צוריק אין „קאָנטינענטאַל", ווידער מיט מאַרוסיאַן. זיי האָבן זי בלי שום ספק אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי ליטישע מענטשן נעמען אויף אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע. און דאָס „פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע" דערציילט זיך אָן מעשות פון טויזנט און איין נאַכט, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר דער דאָזיקער שרעקלעכער וואָך. נישט קיין וואָך, נאָר אַ יאָר!... און די „קאָנטינענטאַלער" טולטשינסקים באַוואונדערן איר העלדישקייט: ווי אַזוי איז זי דאָס אַלץ אויסגעשטאַנען? ווי אַזוי האָט זי געפונען אין זיך מוט און כח זיך אַרויסצורייסן פון דעם ווילדן פאַנאַטיקערס נעגל? זיי זענען איר מוחל פונעם גאַנצן האַרצן איר לייכטזיניקן שריט. אמת, דאָס איז געווען אַ גע־פערלעכער שריט, מען קען אַזוי איינגעזונקען ווערן אויף אייביק, אָבער דערפאַר איז זי אַצינד שוין אין גאַנצן אויסגעהיילט פון דער שלמה־קרענק, און דאָס מאָל — אויף אייביק און שטענדיק. אָן עק! אויס שלמה!...

ער, שלמה, וואָלט נאָר געוואָלט וויסן איין זאַך: פאַלי האָט מקיים געווען איר צוזאָג, צי ניין? זי איז געווען אויף סאָלאָמינקע ביי זיי אין שטוב, צי עס זענען אַוועק מיטן ווינט אַלע אירע הבטחות? און ווי־דער צוריק, וואָס איז אים דען אַזוי דער חילוק? מיט וואָס איז אים בע־סער, אויב זי איז יאָ געווען? און וואָס איז אים ערגער, אויב זי איז נישט געווען? פיל ערגער איז אים דאָס, וואָס זי טוט אים נאָך אַזוי שטאַרק וויי... אוי, טוט זי אים וויי... אוי, שמערצט די ווונד... ווייזט אויס, נישט אַזוי גיך וועט ער פטור ווערן פון אָט דער קרענק... אפילו אין ציון, פילט ער, וועט אויך אַוועקגיין אַ היפּשע צייט, ביז ער וועט פאַרגעסן אָט דאָס פאַרשאָלטן, זיס פנימל...

איינס ביי נאַכט איז דער צוג אָפּגעגאַנגען פון טאַשקענט און ער איז ווי אַ געהרגטער געשלאָפן ביז סאַמאַרקאַנד. פאָרנדיק מיטן אויטאָבוס אין שטאָט אַריין האָט שלמה געפילט, אַז דאָס לעבן קערט זיך ביסלעכווייז אום צו אים. קיעוו, מאָסקווע האָבן שוין עפּעס אויסגעוויזן אַזוי ווייט, אַזוי לאַנג, פונקט ווי צענדליקער יאָרן וואָלטן אים שוין אָפּגעטיילט פון יענער צייט און פון יענע שטעט... ער האָט ווידער דערפילט אַ לעבעדיקן אינטערעס צו אַלץ, וואָס איז פאַר אים געווען ניי. ער האָט נייגעריק באַ־קוקט די אַלטע, היסטאָרישע שטאָט מיט אירע שמאָלע, שטויביקע גאַסן, מיט אירע קוים־קוים ריזלענדיקע אַריקן*, מיט אירע מעטשעטן, מיט

---

* ריטשקעס וואָס גייען איבער אַלע גאַסן. כאַראַקטעריסטיש פאַר גאַנץ מיטל-אַזיע.

איר שיינער, נייער שטאָט. די איראַפּעאישע האַלבע שטאָט איז געווען מיט אַלץ ענלעך אויף אַ רוסישן, גאַנץ היפּשן געגנט־צענטער.

שלמה האָט געהאַט צוויי ערטער וווהין צוצופאָרן. ערשטנס, צו דעם חסידישן יידן, צו וועמען ער האָט געהאַט פון קיעוו אַ וואַרעמען בריוו און וועלכער איז אַגב געווען אַ גאַנצער „חכם" ביי די בוכאַרער יידן. דער צווייטער אַדרעס איז געווען צו איינער: פּערל די פישערין, אַ כמעלניקער יידענע, אַ גרויסע קרעמערין, וואָס איז נאָך אין יאָר 1927 אַנטלאָפן קיין סאַמאַרקאַנד מיט אַלע קינדער פון דער שריפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם „נעפּ" און דאָרטן געלעבט אַ גוטן טאָג.

צו איר טאַקע איז שלמה פאַרפאָרן.

שוין דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כלים, ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט דורכצוגיין די מיליטערישע קאָמיסיע אין סאַמאַרקאַנד. ער האָט אָפּגעטראָגן דעם בריוו צום „איראָפּעאישן חכם" און איז פון אים געוואָרן זייער וואַרעם אויפגענומען. אַלע אָנגעבעטענע האָבן שלמהן צוגעזאָגט עפּעס אויפצוטון בנוגע דער פראַגע מיטן פּריזיוו. דערווייל זענען געלאָפן טעג, ער האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק, אויסגעקוקט ווו ערגעץ אַ מוזעאום, אַ מעטשעט, דעם מעדראַס* „רעגיסטאַן", וואָס איז באַוווסט איבער גאַנץ אַזיע, מיט זיינע פּילפאַרביקע מאַרמאָרנע ווענט; מיט די טורעמס פון וועלכע מען זעט אַרויס די גאַנצע שטאָט; מיט די זיילן די הייך פון וועלכע עס איז נישט מיטן אויג צו דערגרייכן. ער איז געווען אויף דניאל הנביאס קבר, באַקוקט זיין קוואַל מיט דער מקוה, איין מאָל אפילו אָפּגעדאַוונט מיט די בוכאַרער יידן אין זיין „אהל". ער האָט טאָג־טעגלעך אויסגעמאָסטן די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט, אָבער קומענדיק אַהיים קיין גוטע בשורה וועגן דעם פּריזיוו אַלץ נישט געטראָפן.

אין אַ וואָך אַרום נאָך זיין קומען איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז זיין בקשה איז אוממעגלעך אויסצופילן. נישט די רוסישע באַקאַנטע פון פּערל דער פישערן, נישט די בוכאַרער גוטע ברידער פון זיין גוטן פריינט דעם „חכם" האָבן אים נישט געקענט העלפן. דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט אין געלט, נאָר אין דיני נפשות. קיינער האָט אויף אַזאַ פאַרברעכן נישט געוואָלט גיין. אין אַ ציווילן אַנשטאַלט קען מען נאָך אַלץ מאַכן — האָבן זיי געטענהט — אָבער אין אַ מיליטערישן איז אַ פּחד און אַ מורא. איינציקווייז האָבן זיך אַלע אָפּגעזאָגט פון דער אונטערנעמונג. דאַן האָט שלמה זיך פאַרשפּאַרט מיט זיין חסידישן „חכם" אין אַ באַזונדער צימער און האָט אים אויסדערציילט אַלץ, וואָס אים האָט געטריבן קיין מיטל־אַזיע, ער האָט פאַר אים קיין זאַך נישט פאַרהוילן, אַלץ מגלה געווען און אויסגעפירט, אַז אויב ער קען נישט דורכגיין דאָ די קאָ־

---

* אַ העכערע אוזבעקישע שול.

מיסיע, מוז ער, דער „חכם“, זען זיך באַמיען, אַז ער, שלמה, זאָל זיך קענען דורכשמוגלען די גרענעץ. קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ.

דער „חכם“ האָט זיך אויף לאַנג פאַרטראַכט און דאַן געזאָגט:

— מיין נישט, שלמה, אַז דאָס איז אַזאַ גרינגע זאַך!

— קענן וואָס זאָגט איר מיר דאָס, ר׳ אפרים?

— איך מיין נישט דיך אָנצושרעקן, נאָר דו מוזסט וויסן, אַז איצט מאַכן אָט די קונץ איז גאָרנישט דאָס, וואָס פאַר פינף יאָרן אָדער כאָטש פאַר דריי יאָרן.

— איך פרעג אייך ווידער טאַקע דאָס זעלבע, ר׳ אפרים, צוליב וואָס דערציילט איר מיר דאָס? איך בין שוין אין מיין לעבן דורכגעגאַנגען אַלערליי גיהנומס און ווי איר זעט, בין איך פון דעסט וועגן געבליבן לעבן. לכן, רעכן איך, אַז איך וועל מן־הסתם דאָס אויך איבערקומען... און גלאַט, וואָס איז דאָ צו רעדן? איך גיי דען דערויף מיט מיין אייגענעם ווילן? איר האָט דאָך גוט געהערט, אַז אין אָט דעם גרויסן רוסלאַנד איז פאַר מיר נישטאָ קיין ד׳ אמות, ווו איך זאָל קענען רואיק איינשלאָפן. אין אַ זעקס, זיבן וואָכן אַרום וועל איך מיט מיין מיליטערישן דאָקומענט נישט קענען אַרויסגיין אויף יענער זייט טיר... איך האָב נאָך סיבות, צוליב וועלכע איך וויל פאַרלאָזן דאָס לאַנד, נאָר דאָס זענען שוין פריוואַטע מעשׂות. און גלאַט, צוליב פאָרן קיין ארץ־ישראל איז נישקשה זיך אַ ביסל איינצושטעלן אויך.

— מיר געפעלט, ווי דו גיסט אַ זאָג אָפּ: „פאָרן קיין ארץ־ישראל“! מען קען מיינען, אַז דאָס גייט אַ שנעלצוג גלייך אַהין. טאָ הער כאָטש, וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט.

— דערציילט, דערציילט, איך האָב דאָס טאַקע געוואָלט וויסן.

— איז אָט ווי: די גאַנצע עבודה פון אַריבערפּעקלען די גרענעץ שטייט איין ביי בוכאַרער יידן אין די הענט. אונדזערן אַ יידן, אַן אייראָפּעאישן, גלייבן זיי נישט פון דאַנען ביז אַהער, נאָר אַ זייעריקן. דאַרף איך ערשט צוגיין, דאָ אין סאַמאַרקאַנד טאַקע, צום בוכאַרישן „חכם“, פונקט איז ער אַ גוטער ברודער מיינער, און נאָך פועלן ביי אים, אַז ער זאָל ערשט נעמען פועלן פאַר דיר. און אַז ער וויל שוין גאָר יאָ, איז נאָך אויך נישט אַזוי גרינג, דו מעגסט הערן...

— דאָס פאַרשפּאָרט איר זאָגן, ר׳ אפרים, איך הער גוט. מיין גאַנץ לעבן הענגט דאָך אָפּ פון דעם...

— איז טוט זיך דאָס אַזוי: אין דער טורקמענער רעפּובליק איז דאָ אַ שטעטעלע מיטן נאָמען מאַרי, דאָס איז דאָס סאַמע נאָענטסטע שטעטל פון דער גרענעץ. ווייטער קיין ישוב איז שוין דאָרט נישטאָ. בלויז פּאָסטנס פון דער גרענעץ־וואַך, פון געפּעאו. אין דעם שטעטל וווינט אַ בוכאַרער אַלטיטשקער. אייגנטלעך וווינען דאָרטן פיל בוכאַרער יידן, נאָר צומיינסטנס פּאַכלייט, גראָבע נפשות, און פיל פון זיי אַרבעטן בסוד־סודות ביי „זיי“, מען שפּיאָנירט... דו ווייסט נישט? אַ שטעטל, וואָס

ליגט ביי דער סאמע גרענעץ?... פארשטייסט דאך אליין... נאר איין אל־טיטשקער האט זיך מקדיש געווען אויף דער דאזיקער ארבעט. מען דער־ציילט, אז דאס איז גאר א זעלטענער אלטיטשקער... איך אליין קען אים נישט, נאר דאס האט נישט צו אונדזער שמועס. איז ער, דער אל־טיטשקער, האט שוין דארט אין שטעטל זיינע פארבינדונגען. אויב ער הייסט שוין יא צושיקן צו זיך עמעצן, איז ווי נאר ער קומט, גייט ער מיט אים באלד אוועק אין דער דארטיקער גרענעץ־קאמענדאטור — די קאַ־מענדאטור איז דארט אנשטאט דער מיליץ — און ער מעלדעט אים איין צו זיך אין שטוב אלס א פאכמאן, אן אינסטרוקטאר, מיין איך, א ספע־ציאליסט, אין איינעם פון די ארטעלן, וואס זיינע לייט האבן שוין דארט: שניידערישע, שערערישע, שוסטערישע און פון פאטאגראפן.

— שוסטעריי קען איך טאקע גראד זייער גוט.

— דאס איז טאקע נישקשה, נאר אז מען קען נישט, איז אויך אן אן אומגליק. ארבעט שוין עמעצער פאר דיר. אבער אודאי איז גלייכער, אז מען קען טאקע יא, ווארעם די כלבים פון דער קאמענדאטור קענען טאקע א מאל וועלן זיך איבערצייגן: צי קען טאקע דער מענטש? וואס פאר א אינסטרוקטאר איז דאס? איך ווייס פון א סך פאלן, וואס מענטשן האבן געפטרט א האלב יאר און א מאל א גאנץ יאר אויף זיך גוט אויס־צולערנען א מלאכה, כדי די קאמענדאטור זאל קיין חשד נישט האבן. ווארעם ביי „זיי", אויף דער גרענעץ, אויב א מענטש רופט ארויס א מינדסטן חשד, קען ער שוין אויף א יאר פארפאלן ווערן מיט די עטאפן עד לחשבון... נאר נישט דאס איז דאס סאמע וויכטיקסטע. אויב מען פועלט שוין ביים סאמארקאנדער „חכם", אז ער זאל דיך רעקאמענדירן צום אלטיטשקן קיין מארי, דארפסטו זיך ארויפנעמען דריי גוטע פינקט־לעכע פאטאגראפיעס.

— דאס האב איך ביי זיך גרייט.

— איז אודאי גוט. נאר דאס איז א קלייניקייט, גרייטע, צי נישט גרייטע. איין פאטאגראפיע מיט פארשיפרירטע סימנים אויף דער לינ־קער זייט, שיקט אפ דער היגער „חכם" מיט זיין אייגענעם זון קיין מאַ־רי צום אלטיטשקן. טאמער קען נאך נישט דער אלטיטשקער דעם „חכמס" זון, ווארעם נישט נאר סאמארקאנד שיקט צו אים, נאר גאנץ מיטל־אזיע און גאנץ קאווקאז, קען ער דאך נישט קענען אלע רבנישע קינדער, אין אזא פאל איז שוין ביי זיי אפגעשמועסט, אז דער זון מוז האבן ביי זיך א בילד, וו ער איז פאטאגראפירט מיט זיין פאטער, און דער פאטער האלט איין האנט זיינע אויף דעם זונס קאפ, די צווייטע — אויף זיין אייגענעם הארצן. ערשט אויב דער שליח איז ענלעך אויף דעם, מיט וועמען דער רב איז אזוי פאטאגראפירט, איז א סימן, אז מען קען אים גלייבן. פאטאגראפיעס פון די אזיאטישע רבנים האט דער אלטיטשקער כמעט פון אלע. און טאמער האט טאקע איינער ביי אים נישט זיין פאַ־טאגראפיע, איז נאך א מאל די אייגענע מעשה: דארף א באקאנטער

רב זיין מיט אים פאָטאָגראַפירט מיט די הענט אויפן קאָפּ און אויפן הארצן... וואָס דען האָסטו געמיינט, אַזוי פראָסט? מען היט זיך גוט, ווייל דאָ שפּילט מען זיך מיטן לעבן...

— נו, נו, דערציילט, דערציילט... ס'איז זייער אינטערעסאַנט...

— נאָך דעם סאַמאַרקאַנדער „חכמס" זון קען ער שוין גראָד זייער גוט. דאַרף יענער אָפּפירן דיין בילד און עס איבערלאָזן ביים אַלטיטשקן אין פאַל אויב ער הייסט דיך צושיקן. דאָס מיינט: אויב עס איז דאָ פרייער פּלאַץ און אויב עס איז בכלל איצט מעגלעך דאָס שמוגלען. אַז גאָט העלפט שוין, ער קומט מיט אַ ידיעה, אַז עס איז אַלץ אין אָרדע־נונג און מען האָט דיר געהייסן קומען, גיט דיר ערשט ווידער דער היגער „חכם" אַ בריוו און שרייבט דיר אונטער נאָך איין פאָטאָגראַפיע מיט די זעלבע סימנים, וואָס אויף דער ערשטער, אָפּגעשיקטער, און דו פאָרסט אַהין. דאָרט גיט מען דיר אַ וווינונג און אַ שטעלע, ווו דו אַרבעטסט, צי דו אַרבעטסט נישט. און אַז עס קומט אונטער אַ געלעגנהייט, וואַרפט מען דיך אַריבער. און דאָס אַריבערוואַרפן אַליין איז אויך מיט סכנות נפשות. דאָס רעד איך, חוץ די פּאָסטנס... פאַרקערט, אויב מען פירט שוין, ווייסט מען שוין ווען און ווו. ביז היינטיקן טאָג האָט מען נאָך חלילה נישט געהערט, אַז עס זאָל נישט געלונגען. נאָר אַ מאָל טרעפט, אַז עס קומט אויס צו ליגן אין אַ הייל, צי אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז אַ טאָג און פינף און אַ מאָל צען אויך. עסן און טרינקען קען מען מיט זיך מיטנעמען זייער באַגרענעצט, גאָר־גאָר ווייניק, ווייל עס קומט אויס צו קריכן אויף אַלע פיר, און אַז נישט דאַרף מען נאָך קלעטערן אויף אַזוינע סקאַלעס, וואָס שפּאַרן אונטער די וואָלקנס, גלאַטע ווי די ווענט, פאַרשטייסטו דאָך שוין, וויפל מען קען מיט זיך טראָגן... איז וואָס זשע מיינסטו? ליידט מען זיך טאַקע גוט אָן פון הונגער און פון דאָרשט. ביי טאָג ליגנדיק אין שטיין ווערט מען שיר נישט פאַרברענט פון היץ און ביינאַכט איז די קעלט געפערלעך... ווי שטייט דאָרטן ביי יעקבן: „ביום אכלני חרב וקרח בלילה". ווייטער: טאָמער באַווייזט מען נישט פאַר דער גוטער שעה איבערצולויפן פון איין באַהעלטעניש אין דער צווייטער, מוז מען מיט דער נשמה אין דער זשמעניע לויפן צוריק אין דער ערשטער. עס איז דאָך טאַקע פּערציק, פופציק קילאָמעטער ביז צו דער פּערסישער ערד, עפּעס אַ שפּילעכל, מיינסטו? וואָס האָסטו צו קלערן? עס איז אַ שיינער גלגול מחילות! אויף אַלע יידישע שונאים געזאָגט געוואָרן...

— עס מאכט נישט אויס. איך וואָלט שוין געלאָפן אַהין, אפילו אַ באָרוועסער. יאָ, ר' אפרים, איר האָט דאָך געזאָגט דריי פאָטאָגראַפיעס. צו וואָס זשע נוצט נאָך די דריטע?

— די דריטע שרייבט דיר אונטער אויך דער זעלביקער אַלטיטשקער, אויך מיט אַזוינע סימנים און שיפערן, וואָס דער רוח אַליין וואָלט די ציין צעבראָכן אויף זיי און דו טראָגסט זי מיט זיך, ביז גאָט העלפט, דו גיסט זי אָפּ דער פּערסישער וואַך און זי שיקט זי שוין אָפּ צום טעהעראַנער

„חכם" מיט אַן אָנפראַגע: צי קען ער אַזאַ און אַזאַ מענטשן? צי איז דאָס נישט קיין שפּיאָן? דער טעהעראַנער „חכם" וויל נישט שטעלן אויף קיינעמס אונטערשריפט, נאָר — בלויז אויף דעם אַלטיטשקנס. אַז ער גיט שוין איבער אין דער קאָמענדאַטור, אַז אָט דער מענטש איז זייַנער אַ היימישער און ער איז ערוב פאַר אים, ברענגט מען דיך פון דער גרענעץ גלייך קיין טעהעראַן צום „חכם" אין שטוב אַריין און דאָרט... כ'ווייס? וואָס איז דאָ צו רעדן? הלואי ביסטו שוין דאָרטן. מען אָרדנט דיך איין אַרבעטן אין טראַנספּאָרט אָדער מען מאַכט דיך גאָר פאַר אַ שאָפער און דו פירסט אָפּ אָדער דו באַגלייטסט אַ מאַשין גלייך קיין תּל־אביב. אָבער ביז מען קומט שוין דערצו, גוטער ברודער...

— ר' אפרים! איר זענט דאָך עפּעס אַ געהויבענער ייד, — און גלאַט ראַטעווען אַ יידן איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט — בעט איך אייך, זייט איר מיין מלאך הגואל און גייט שוין צו צום היגן „חכם", טאָמער איז נייטיק, קען איך אויך מיטגיין. אמת, קיין טאַדזשיקיש קען איך נישט, אָבער ער פאַרשטייט מן־הסתם רוסיש, וועל איך אים אַליין אויך בעטן. דער חולה אַליין, אַז ער בעט, איז גאָר עפּעס אַנדערש, פּאָלגט זשע מיך און לאָמיר שוין גיין.

קאַפּיטל III

ווידער האָבן זיך אַוועקגעצויגן נודנע, הייסע זומערטעג...

שלמה האָט שוין געקענט די שטאָט מיט אַלע פּישטשעווקעס. זי איז אים שוין געקראָכן פונעם האַלדז. דעם „הכמס" זון האָט זיך דאָס מאָל געזאַמט צו לאַנג. וואָס האָט אים אין מאַרי אַזוינס געקענט פאַרהאַלטן?

ענדלעך, אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך אומגעקערט און געזאָגט, אַז שלמה מעג קומען. דער אַלטיטשקער האָט דערלויבט, און צוגענומען די פאָטאָגראַפיע. שלמה האָט ממש געטאַנצט פאַר שמחה. ער האָט זיך וואַרעם געזעגנט מיט דער כמעלניקער משפחה. ווהין ער פאָרט, האָבן זיי ביי אים נישט געוווסט. ער האָט היים באַדאַנקט ר' אפרימען, דעם סאַמאַרקאַנדער בוכאַרישן „חכם" מיט זיין זון, און ווידער האָט אים דער צוג געטראָגן איבער קישלאַקן * און סטעפּעס, באַשטאַנעס און וויינגערטנער, ברויטפעלדער און רייזפעלדער, אַראָפּ, צום ים צו, צום בייזן, ברוגזן קאַספּישן ים. אָבער מאַרי איז נאָך אַ סך נעענטער פון דעם ים, נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת צו פאָרן.

ווידער איז שלמה נישט אָפּגעטראָטן פונעם טאַמבור. די לאַנדשאַפט איז שוין געווען גאָרנישט די זעלבע וואָס ביז טאַשקענט. ווידער האָבן זיך געטראָפן גרינע פעלדער, וואַסער־באַסיינען, אמת, ווייט נישט אַזעלכע ווי אין אוקראַינע, אָבער דאָך וואַסער, דאָך גרינס.

אין האַרצן האָט שלמה זיך געזעגנט מיט דער רוסישער ערד, מיט די רוסישע הימלען. די אייביקע הימלען האָבן אַלץ צוגעזען, וואָס ער האָט דאָ איבערגעטראָגן. די ערד איז נאָך פייכט פון זיינע טרערן, פון זיין בלוט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרעפן אין וועג טורקמענער מיט די ברייטע, שעפּסענע פּאַפּאַכעס**, טורקמענקעס מיט די געקינצלטע טורעמס אויף די קעפּ. כמעט אַלע זענען זיי נידעריקע, גראָבע, מיט בראַנענע אויגן און פליישיקע ליפּן. קעמלען מיט אייזלען האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן זעלטענער, אָנשטאָט זיי האָבן זיך אָפטער באַגעגנט גאַנצע טאַבונעס שיינע, שטאַלטנע פערד. פאַסטעכער האָבן דזשיגיטירט***, געוויזן אַזעלכע קונצן רייטנדיק אויף זיי, אַז עס האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, דערפאַר האָט מען זיי געוואָרפן פּאַפּיראָסן פון די פענצטער. יענע פלעגן זיך אַרויפוואַרפן ווי די וועלף, צעבלוטיקן זיך ווי די חזירים פאַר אַ שטיקל אָפּגערויכערטן פּאַפּיראָס.

אויף אַלע סטאַנציעס האָט מען צוגעטראָגן צו די וואַגאָנעס וויינ־

---

* אַ מין כוטאָר אין די אַזיאַטישע לענדער.

** פּאַפּאַכע — אַ האָריק היטל.

*** דזשיגיטירן — וווּל־יונגעריש רייטן אויף אַ פערד.

טרויבן, גרינע פייגן, קאַווענעס, דיניעס, געטרוקנטן אורויק*, ראַ־זשינקעס, מאַנדלען, עפּל, באַרן, פּערסיקעס רויע און געטריקנטע. פּאַר דריי רובל האָט מען געקענט אַנקויפן אויף אַ גאַנצן טאָג עסן. אַנדערע האָבן צוגעבראַכט שניי־ווייסע לעפּיאָשקעס**, פּוטער, מילך, אייער, גאַנצע געפּרעגלטע הינער, שטיקער באַראַן, שאַשליקן און פּלאָוו. מיט מילך האָט מען גדאַרפט זיין פאָרזיכטיק. אויב זי האָט זיך געהאַלטן בלאַלעך, האָט דאָס געקענט זיין אויך פון אַן אייזל. אָקעגן זיי האָבן זיך געשלעפּט גאַנצע עשאַלאָנען מיט וואַסער־ציסטערנעס, וואָס באַשטאַטן קראַסנאָוואָדסק מיט וואַסער צום טרינקען. אין דעם טאָג, וואָס מען שטעלט נישט צו אַהין קיין וואַסער, ווערן דאָרט מענטשן פאַרשמאַכט פון דאָרשט.

ענדלעך, נאָך צוויי מעת־לעת שלעפּן זיך איבער די אויסגעברענטע קאַראַ־קומער סטעפּעס, איז שלמה אויפן דריטן פרימאָרגן מיט אַ קלאַפּנ־דיק האַרץ אַריינגעגאַנגען אין אַ שיין הייפל, וואָס איז געשטאַנען כמעט אויסער דער שטאָט, קעגן די נאַקעטע, ריזיקע שנייבערג, וואָס האָבן בלענדנדיק געפינקלט קעגן דער זון. אויפן הויף איז קיינער נישט געווען און שלמה האָט אָנגעקלאַפּט אין שטוב אריין. פון אַ בוידעם־פענצטערל האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ פון אַן עלטערער פרוי אין אַ ווייס טיכל. זי האָט שאַרף באַטראַכט דעם גאַסט און אַ געשריי געטון:

— וועהין קלאַפּסטו?

דאָס קול איז געגאַנגען פון אַן אָן־ציינערדיק מויל און אויף אַזאַ צעקאַליעטשעטן רוסיש, אַז מען האָט זיך גדאַרפט אָנשטויסן, וואָס מען וויל דערמיט זאָגן. שלמה האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען דאָס קול קומט. ער האָט געקוקט אויף אַלע זייטן און נישט געוווסט וועמען צו ענטפערן. דאָס קול האָט ווידער געפרעגט:

— צו וועמען דאַרפסטו?

דאָס מאָל האָט שוין שלמה באַלד זיך געכאַפּט, ווו די פרעגערין גע־פינט זיך. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף און אויסגעשריגן:

— צו ר' אבא־חלקיה יאַגודאיעוו דאַרף איך האָבן, מומעטשקע.

דער קאָפּ האָט גאָרנישט געענטפערט און איז פאַרשוווּנדן. שלמה האָט געהערט עפּעס ענלעכס אויף אַ שמועס אויבן ביים פענצטערל און נאָך דעם איז אַלץ פאַרשטילט געוואָרן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט, צי די אַלטע האָט פאַרגעסן אין אים, צי זי איז ברוגז גע־וואָרן. אַ פּאָר מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרלוירענער מיט דער וואַליזע אין די הענט. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט לייכטע טריט הינ־טער זיך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען, ווי פון אַ הויכער לייי־טער לאָזט זיך אַראָפּ פון בוידעם אויף דער ערד אַ פיגור פון אַ יונגער

* געטריקנטע פּערעשקעס.

** אַזעלכע פּלעצלעך. אין אַזיע — אָנשטאָט חלות.

פרוי. איר פּנים האָט ער נישט געקענט זען, ווייל מיט דעם האָט זי אַכ־טונג געגעבן, זי זאָל זיך נישט קיין גליטש טון. שלמה האָט אוועקגעשטעלט די וואַליזע און געוואַרט.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונגע בוכאַרקע, אַ הויכע מיט אַ געטאָק־טער פיגור. אירע גערדיכטע, שיינע, שוואַרצע האָר זענען געווען אין אומ־אָרדענונג צעשאָטן איבער די פּלייצעס. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ גרויסן קלייד פון העל־בלאָען זייד איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן רויטע וואָלקנס. דאָס קלייד האָט איר געגרייכט ביז די קנעכל. אויף די באָרוועסע פיס האָט זי געטראָגן לייכטע שטעקשיך פון געלן, דינעם לע־דער. דאָס אַלץ האָט שלמה באַמערקט אין איין אויגנבליק, נאָר אין פּנים האָט ער נישט געקענט קיין קוק טון, ווייל יענע האָט אים די גאַנצע צייט געגנוי באַטראַכט און קוקן זיך אין די אויגן מיט אַ מיידל, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל, איז אים עפּעס אויסגעקומען נישט אָנשטענדיק. היפּ־שע עטלעכע מינוט האָט ביי איר געדויערט דאָס באַטראַכטן אים. ענדלעך האָט זי אים אַ פרעג געטון אויף אַ ריינעם, קלינגענדיקן רוסיש:

— צו וואָס דאַרפט איר מיין זיידן?

שלמה איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר אומגעריכטקייט. אַזאַ ריכ־טיקן רוסיש רעדן פּאַסט פאַר אַ אינסטיטוטקע אין מאָסקווע אָדער אין קיעוו. אָבער אין מאַרי? אַ מיידל פונעם בוידעם?

ער האָט צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די אויגן אויף איר און זיי גלייך צוריק אַראָפּגעלאָזט. עס איז נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן איר בליק. איר פּנים האָט זיך געלויכטן מיט אַ אינערלעכער שיין; אַזוי זעט אויס אַ מלאך אויף ראַפאַעלס אַ בילד, נאָר יענץ איז אַ לייוונט, קען מען דאָס באַטראַכטן, אָבער דאָס איז דאָך אַ מיידל פון פלייש און בלוט.

יענע האָט ווידער אַ מאָל מיט איר שיינעם רוסיש און ריכטיקן אַק־צענט איבערגעפרעגט:

— איר האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין זיידן, צו וואָס דאַרפט איר אים?

— איך קען דאָס זאָגן נאָר אים פּערזענלעך.

— האָט נישט קיין יסורים, איר מעגט זאָגן מיר אויך. איר קומט פון קוטאַאיס, צי פון סאַמאַרקאַנד? ווייזט אייער בריוו.

— חברטע, זייט נישט בייז אויף מיר, נאָר איידער נאָך איך קען אייך גוט, מוז איך אייך מאַכן אַ באַמערקונג: איר שטעלט איין אייער טייערן זיידן מיט אייערע אומפּאָרזיכטיקע פראַגן. ווען איך וואָלט געאַרבעט אַלס אַ געהיימער געפּואיסט, וואָלט איך אין די קורצע מינוטן, וואָס איך רעד מיט אייך, שוין געוווּסט זייער אַ סך, וואָס עס איז גלייכער, אַז מען ווייסט דאָס נישט. איר האָט מיר שוין דערציילט, אַז איר דערוואַרט געסט פון קוטאַאיס און פון סאַמאַרקאַנד און אַז יעדער גאַסט מוז האָבן ביי זיך אַ בריוו. אַפילו אייערע ווערטער „האָט נישט קיין יסורים" דער־ציילן, אַז פון רעדן נישט מיט דעם, וואָס מען דאַרף, קען מען יאָ האָבן

יסורים... איי־איי־איי, נו, פּאַסט עפּעס פאַר אַזאַ אַנטוויקלט מיידל ווי איר, מיט אַזאַ ריכטיקער רוסישער אויסשפּראַך, אַזוי לייכט אויסצוגעבן אייער זיידן ?...

דאָס מיידל איז בלייך געוואָרן, נאָך דעם רויט און ווידער בלייך. זי איז געווען אַזוי איבערראַשט פון דעם פרעמדנס טרעפלעכע באַמערקונגען, אַז זי האָט זיך נישט געקענט אָננעמען מיט מוט אַ וואָרט אויסצורעדן. פון בוידעם אַראָפּ האָט זיך ווידער אַרויסגעשטעקט דער גרויער קאָפּ:

— מרים !... מרים !... ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן ?

שלמה האָט גוטמוטיק איר אַ זאָג געטון:

— גייט, מרים, גייט, די באָבע רופט דאָך אייך. און פון אייערע פראַגן, זייט זיכער, וועט דער זיידע אַלץ איינס נישט געוווּיר ווערן. איך בין נישט קיין מסור... און נאָך אַזאַ מיידל ווי איר פאַרראַטן — דאָס אודאי נישט !

— זאָגט איר מיר דאָס צו ?

— אַז איך האָב געזאָגט איין מאָל, איז גאַנץ גענוג. איך בין אַ וואָרטסמאַן.

מרים גייט לאַנגזאַם צו דער לייטער, קוקט זיך אום און גייט ווייטער. שלמה שטייט פאַרגאַפט. ער קען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ כשוף פאַרמאָגט אין זיך דאָס דאָזיקע מיידל. דער נאָמען אַליין: „מר—ים" ווייזט אים אויס גאָלע כשוף...

שוין פון דריטן טרעפּל קערט זיך דאָס מיידל אום, נישט דרייסט הייבט זי אויף אויף אים די אויגן און זאָגט שעמעוודיק:

— פון דעסט וועגן זאָלט איר נישט מיינען, אַז איך בין שוין אַזאַ לייכטזיניקע און וואָלט יעדן איינעם געפרעגט דאָס וואָס אייך.

— מרים ! אָבער איצט בין איך דאָך נאָך פונקט דער זעלבער „יעדער איינער", וועגן וועלכן איר רעדט.

— ניין, איר האָט אַ טעות. אויף אייער פּנים איז אָנגעשריבן, אַז איר זענט פון אונדזערע, אַז אייך קען מען געטרויען...

— איר זעט ? איר ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווער איך בין, און זאָגט מיר אַזעלכע ווערטער ווי „אונדזערער", „מען קען געטרויען"; דאָס איז דאָך דינאַמיט... פון וואַנען ווייסט איר, וואָס פאַר אַ אויערן עס הערן אייך? איי, מרים, מרים!...

— איך זאָג אייך ווידער, אַז אויף אייך איז צו דערקענען, ווער איר זענט...

— אין וואָס־זשע דערקענט איר, למשל ?

— אָט אויף אייער לינקער האַנט באַמערק איך נאָך אַ שפּור פון רצועות. ס'איז קענטיק, אַז איר האָט שוין היינט תּפילין געלייגט, אמת ? איאָ ?

שלמה קוקט פאַרלוירן אויף זיין לינקער האַנט, אויף וועלכער עס איז

נאָך קוים־קוים צו באַמערקן שמאָלע סימנים אין דער הויט. מרים זעט מיט אַ נקמה־געפֿיל זיין פֿאַרלוירנקייט און מוסרט אים:

— און דאָך האָט איר נישט גלייך געטון, וואָס איר האָט געדאַווענט אין וואַגאָן! מילא, נעכטן האָט איר געמוזט, ווייל צי איר זענט געפֿאָרן פֿון סאַמאַרקאַנד, צי פֿון דעם ים, זענט איר נעכטיקן מעת־לעת געווען אין וואַגאָן און געמוזט דאָרט דאַווענען, אָבער היינט, אַז איר קומט אָן אַהער פֿאַר האַלבן טאָג, האָט איר דאָך נאָך דעם זמן־תפֿילה נישט אָנגעוווירן, וואָלט איר טאַקע נישט געדאַרפֿט געווען דאַווענען אין וואַגאָן... איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז איר האָט זיך מיט דער עבודה אודאי פֿאַרקליבן אויף דער דריטער פּאָליצע אָדער אין טאַמבור, איידער עס איז רעכט ליכטיק געוואָרן, אָבער פֿון דעסט וועגן דאַרף מען וויסן, ווען מען פֿאָרט און וווהין מען פֿאָרט... אין דער גרענעץ־זאָנע וואַרפֿט זיך אַלץ אין די אויגן...

זי האָט ווי פֿריער גערעדט אין אַ פֿערלדיקן רוסיש מיט אַן עכט־אייראָפּעאישן אַקצענט. אירע גרויסע, בלויע אויגן האָבן טריאומפֿירנדיק געלויכטן. איר פּנים איז אין גאַנצן געווען באַצויגן מיט אַזאַ ראָזע נעפּל.

שלמה איז געשטאַנען אַנטציקט, אי פֿון איר אויסזען, אי פֿון אירע רייד. אַ ווײַלע האָט ער נישט געקענט ענטפֿערן, נאָך דעם רופֿט ער זיך אָן:

— מרים, איך מוז בעטן ביי אייך אַנטשולדיקונג. איר זענט גאָר נישט אַזאַ פּשוטע, ווי מיר האָט זיך לכתחילה געדאַכט.

— אַהאַ, איר זעט? זאָגט איר שוין אויך אַזוי? איצט מעגט איר מיר שוין, דאַכט זיך, אויסזאָגן, פֿון וואַנען איר קומט, צי אפֿשר ניין?

— אָבער איר וועט זיך פֿאַר קיינעם נישט אויסרעדן?

— איר קענט זיין זיכער, פֿאַר קיינעם נישט!

— אין מיר קענט איר אויך זיין זיכער, איך וועל מיך אויך נישט אויסרעדן.

זי ווערט רויט פֿון זיין חכמהלע, פֿילט זיך באַליידיקט, גאָר אַ קוק טוענדיק אויף אים, אויף זיין גוטמוטיק שמייכעלע, גייט אָפּ איר פֿאַרדרוס און ביידע צעלאַכן זיך.

— מרים! ווי קומט צו אייך אַזאַ וואָרט, ווי „זמן תפֿילה"?

— און ווי קומט צו אייך? מיט דעם זעלבן וועג וואָס צו אייך, קומט צו מיר אויך. איך בין נישט קיין יידיש קינד, צי וואָס? איר מיינט טאַקע, אַז נאָר מאַנסבילן מוזן אַלץ וויסן? אַ מיידל טאָר גאָרנישט?

— מרים, איך קען אייך נאָך נישט זאָגן, וואָס איך מיין, נאָר אין דעם בין איך זיכער, אַז די בוכאַרער יידן פֿאַרמאָגן נישט פֿיל אַזוינע מיידלעך ווי איר... זאָגט מיר, אייך באַליידיקט געווים, וואָס איך רוף אייך פּראָסט מרים, נישט לויטן פֿאָטער אָדער ביי דעם פֿאַמיליע־נאָמען! איז געטראָפֿן? נאָר מיר איז אָבער שרעקלעך אָנגענעם אויסצורעדן אָט דעם עכט־יידישן נאָמען, פֿון וועלכן עס טראָגט מיט חשמונאישן שטאָלץ, און

מיט דער הייליקייט פון א נביאה... מר—ים... דאָס איז נישט גלאַט אַ נאָ־מען, דאָס איז דער שענסטער נאָמען ביי יידן...

— וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן? נאָ דיר גאָר באַליידיקן זיך! דאָ איז אייך נישט אייראָפּע, דאָ רופט מען יעדן פּראָסט ביים נאָמען. איך וועל אייך אויך אַזוי רופן, אַז... אַז איך וועל וויסן אייער נאָמען —

— מיט פאַרגעניגן, מיך רופט מען שלמה.

— שלמה... אָ, דאָס איז אויך זייער אַ שיינער נאָמען...

— אפילו נאָר דאָס אַליין, וואָס ער האָט אין זיך איין אות פון איי־ער נאָמען, מאַכט אים שוין שיין. ווער שמועסט נאָך, ווען איר ברענגט אים אַרוים מיט אייערע ליפּן...

מרים גיט אויף אים אַ בייזן קוק:

— איר קענט אייך נישט אָפּגעווינען פון די גרויסשטעטישע מאַ־ניערן... אין מאַרי זאָגט מען נישט קיין קאָמפּלימענטן... דאָ ווינען פּראָסטע, ערלעכע מענטשן...

— מרים, וואָס זענט איר אַזוי בייז? און אַז ערלעכע מענטשן טאָר מען דעם אמת אויך נישט זאָגן?

זי גיט אים אַ קוק גלייך אין פּנים און לאָזט פאַרטראַכט אַראָפּ די אויגן.

שלמה וויל דורכאויס אַראָפּלייענען פון איר פּנים: וואָס טראַכט אַצינד דאָס מיידל? צי ער געפעלט איר אויך, ווי זי אים? מרים דער־פילט אינסטינקטיוו זיינע געדאַנקען, איר פּנים צינדט זיך אָן ביז אוי־בער די אויערן און זי גיט אַ בורטשע:

— וואָס שטייט איר? איר קענט זיך נישט צוזעצן? מען דאַרף אייך בעטן?

זי ווייזט אים אָן אויף אַ מין סוכה פון וויינטרויבן־צווייגן, ווו עס גע־פינט זיך אַ לאַנג בענקל, און אַנטלויפט נישט אומקוקנדיק זיך, צוריק אויפן בוידעם אַרויף.

קאפיטל IV

שלמה נעמט ארויס פון זיין פּאָרטפּעל אַ תהילימל, בלאָזט אָפּ דעם שטויב פון דער באַנק און נעמט זאָגן דעם „יום" תהילים.

עס גייען נישט אַוועק קיין צען מינוט, ווי עס דערהערן זיך ווידער לייכטע טריט. שלמה וויל אומיסטן נישט אויפהייבן די אויגן: זאָל זי וויסן! זי האָט געמעגט אַנטלויפן אָן אַ „זייַ געזונט", ווייל ער דער־שטערט זי נישט באַמערקן. ער הערט, די טריט זענען שוין גאָר נאָענט, אָבער ער איז נישט מפסיק. די פיגור שטייט שוין פאַר אים און וואַרט, וואָגט נישט אים איבערצושלאָגן און ער — איין מאָל ניין; ער וויל נאָר, אַז זי זאָל אים אָנרופן ביים נאָמען. ווי אַזוי וועט אָפּקלינגען „שלמה" אין איר מויל? איין מאָל האָט ער שוין דווקא געהערט, ווייל ער אָבער נאָך אַ מאָל הערן. ער געדענקט שוין נישט אַקוראַט, מיט וועלכן אַקצענט זי זאָגט אים. ער וועט זי צווינגען אים אָנרופן די ערשטע...

ער הערט נישט אויף צו זאָגן דעם תהילים און אומגערן פאַר־בלאָנדזשען זיינע בליקן אויף אירע פיס. ער קוקט שטאַר אויף די שוואַר־צע געוועבטענע שטעקשיך און גיט אַזש אַ שפּרונג אויף פאַר איבעררא־שונג... פאַר אים שטייט די אַלטיטשקע מיטן ווייסן טיכל, זי קוקט אויף אים גאַסטפריינדלעך, אין איין האַנט האַלט זי אַ גרויסע שיסל מיט וויינ־טרויבן, די ראָסע ליגט נאָך אויף זיי, און אין דער צווייטער — אַ פּיאַלע * מיט אַ אָנגעשניטענער טשאַרדזשויסקע ** דיניע. זי שאָקלט אים מיטן קאָפּ און שטאַמלט ארויס געציילטע ווערטער:

— רבי שלמה... כבוד... ברכה... שלום... שלום...

זי פאַרנויגט זיך נידעריק און גייט אַוועק צוריק אויפן בוידעם.

שלמה פאַרשטייט: זי קען אַ פּנים קיין וואָרט רוסיש נישט, ווי אַלע עלטערע בוכאַרקעס... און „יענע" האָט טאַקע נישט געוואָלט קומען... דער־ציילט דער באָבען, אַז מען רופט מיך שלמה און אַז איך בין אַ „רבי", נאָר אַליין גיין — דאָס נישט... אפשר דערפאַר, ווייל איך זיץ אין סוכּה? אַ באַזונדער געצעלט... יחוד... איך ווייס?... פאַרצייטישע צניעות... ער גיט אומגערן אַ קוק אויפן בוידעם-פענצטערל און טרעפט מרימען אַז ארויסגעבויגענע קוקן גלייך אויף אים. דערזען, אַז ער האָט זי באַמערקט, גיט זי אַ שפּרונג אָפּ פונעם פענצטער און באַווייזט זיך שוין מער נישט.

שלמה דערפילט, אַז ער איז טאַקע הונגעריק. עס ווערט פאַרברענט די גאַנצע דיניע, אפילו אויף קיין „שהחיינו" האָט ער נישט איבערגע־לאָזט. וואָס איז ער שולדיק, אַז זי איז אַזוי גוט, אַז זי צעגייט אין מויל

---

* אַזאַ פּאָרצעלייען טעפּעלע, אָדער אַ געגלייזט־שיסעלע, וואָס דינט אין די אַזיאַטישע לענדער אַנשטאָט: אַ טעלער, אַ שאָל, אַ גלאָז.

** טשאַרדזשוי — אַ שטאָט אין מיטל-אַזיע. די דאָרטיקע דיניעס זענען באַרימט אַלס די בעסטע אין רוסלאַנד.

בעסער ווי שאָקאָלאַד? ער האָט דען געוואָלט? די הענט האָבן אַליין גענומען...

פּאַרטיק געוואָרן מיט דער דיניע הייבן אָן ביי אים ביסלעכווייז אָפּ־שטאַרבן די וויינטרויבן. ער וואַרט שוין געשוואָלענע צוויי שעה און דער אַלטיטשקער איז נאָך אַלץ נישטאָ. ווען ער זאָל גראָד אין יענעם מאָמענט געווען אויפהייבן די אויגן, וואָלט ער געוועזן געזען, ווי פונעם בוידעם־שטיבל האָט אַ גרייז־גרויער ריז מיט שטרענג־צונויפגעצויגענע ברעמען און מיט פאַרשלאָסענע ליפּן אים באַטראַכט פון אַלע זייטן. מרים האָט אים דאָרט עפּעס דערלאַנגט און ער האָט פאַרגלייכט. אַ קוק צו זיך אין די הענט און אַ קוק אויף אים. אין היפּשע עטלעכע מינוט אַרום, אַז אַלע ספקות זע־נען אָפּגעפאַלן, האָט ער אַראָפּגעשיקט מרימען אַרויפרופן דעם גאַסט. דאָס מאָל האָט ער אירע טריט נישט געהערט, זי האָט אים לייכט אַ ריר געטון פאַרן אַקסל:

— שלמה, גייט, דער זיידע רופט אייך.

— אה!...

שלמה גיט אַ שפּרונג אויף און קערט איבער די באַנק גלייך איר אויף די פיס.

זי גיט אַ צאַפּל מיט אַלע אברים:

— וואָס שלאָגט איר זיך? אוי, מיין פוס!...

זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער איבערגעקערטער באַנק, פאַרקוועטשט די פוס מיט דער האַנט און פאַרמאַכט אַזש די אויגן פאַר ווייטיק.

— מרים, גוואַלד, גלייבט מיר, אַז איך האָב דאָס אומגערן געטון...

— קוים אויסגערעדט. וואָס דען? אומיסטן זאָלט איר מיר איבער־האַקן די פיס? וואָס האָב איך אייך דען שלעכטס געטון?

— איר פאַרשטייט, מרים, איך האָב מיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט און פּלוצלינג, אַזוי ווי פון הימל, גיט איר אַ זאָג: שלמה...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, עס איז נאָך דאָ, מיינט ער, וואָס צו פאַרשטיין... איר זענט אַ שלימזל און שוין! גייט שוין, גייט! גלייך אויף דער לייטער.

זי נעמט זיין וואַליזע און וואַרט, אַז ער זאָל גיין אויף צו פריער.

שלמה וויל צונעמען ביי איר פון די הענט די וואַליזע, אָבער זי — איין מאָל: ניין!

— איך האָב אייך שוין איין מאָל געזאָגט, אַז מאַרי איז אַזוי, נישט אייראָפּע. קוים זענט איר געקומען צו אונדז, טאָ נעמט אָן אונדזערע גע־זעצן. ביי אונדז באַדינט מען אַן אורח מיט אַלעמען...

— איז פאַר וואָס זשע גאָר איר?

— ווער דען? ביי אונדז איז מער קיינער נישטאָ. און ווידער, טאַקע אַ פרוי דאַרף באַדינען אַ מאַנסביל, לויט אונדזער עטיק.

— מרים, מיט אייער שיינער צורה קענט איר האָבן קנעכט שענערע פון מיר.

באַמערקנדיק, אַז זי הינקט כּאַקע אונטער, האָט ער מיט גוואַלד אָפּ־געריסן אירע פינגער, אויסגעכאַפּט די וואַליזע פון אירע הענט און זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער לייטער.

דאָרט ווו ער האָט גערעכנט, אַז דאָס איז אַ בוידעם, איז גאָר געווען אַ גאַנצע שטוב, אָדער ווי אין אַזיע רופט מען דאָס: „באַלכאַנאַ", און אַ ברייטער פינצטערער קאָרידאָר. פון אים האָבן צוויי טירן געפירט אין צוויי באַזונדערע צימערן. איינער אַ מענערישער, דער צווייטער פאַר פרויען. ער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזע אין קאָרידאָר און אויפגע־עפנט איינע פון די טירן. שלמה האָט געטראָפן פּונקט, ווי די אַלטע האָט זיך איבערגעטון. זי האָט מיט אַן אימפּעט אים אָנגעוויזן אויף דער אַקעגנאיבערדיקער טיר. שלמה איז אַרויס ווי אַן אָפּגעבריטער: עס גייט מיר היינט דורך טיר און דורך טויער — איז אים דורך אַ געדאַנק, און ער האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געעפנט די צווייטע טיר.

דער אַלטער האָט אים לאַנג אָנגעקוקט אָן ווערטער, דערלאַנגט „שלום־עליכם" און געהייסן זיך ווייזן זיינע פּאַפּירן. שלמה האָט דערלאַנגט דעם בריוו מיט דער אונטערגעשריבענער פאָטאָגראַפיע. מרים איז אויך אַריינ־געקומען און צוזאַמען מיט איר זיידן האָבן זיי פאַרגלייכט די סימנים אויף די בילדער און דורכגעלייענט דעם בריוו. איבערצייגנדיק זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און באַהאַלטן די פאָטאָגראַפיעס מיט דעם בריוו אין אַ פאַרבאָרגן טירעלע, איבער וועלכן עס איז געהאַנגען אַ פאַר־שטויבט מצהלע, האָט ר' אבא־חלקיה אומגעריכט באַוויזן שלמהן אַ פּאָר יונגע, ווייכע אויגן און פריינטלעך אַרויפליגנדיק אים אַ האַנט אויפן אַקסל געזאָגט:

— נו, זיץ. ביסט מיין גאַסט, וויל איך נישט, אַז דו זאָלסט שטיין.

— איך וועל אָבער נישט זיצן אַזוי לאַנג, ווי איר שטייט.

— גערעכט. פון איין וואָרט זעט מען, אַז דו ביסט אַ יידישער יונ־געמאַן.

שלמה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, גיט אַ זיפץ.

— מרים, נעם דערלאַנג אַ שטול, ער קען אויפן פּאָל אודאי נישט זיצן. איאָ אַזוי?

— נאָך נישט געוווינט —

— און ס'איז כּלל נישט נייטיק זיך צוגעוווינען. אין ארץ־ישראל זיצט מען נאָר אויף בענקלעך.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר רעדט פון מיר און פון ארץ־ישראל ווי פון איין זאַך.

— מיטן אייבערשטנס הילף, מיטן אייבערשטנס הילף...

שלמה זעצט זיך אַוועק אויף אַ קליין בענקעלע און דער זיידע מיטן איניקל באַזעצן זיך אויף די קישנס, מיט די פיס אונטער זיך.

— דאַכט זיך, שלמה רופט מען דיך, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

— יאָ, שלמה.

— דו זאָלסט זיך נישט באַליידיקן, וואָס איך וועל דיך נישט „אירצן", ווייל איך האָב אייניקלעך עלטערע פון דיר.

— וואָס רעדט איר, ר' אבא־חלקיה? אדרבה, איך וואָלט זיך זייער שלעכט געפילט, ווען איר „אירצט" מיך יאָ... איך בין יענע וואָך אַלט געוואָרן ערשט צוויי און צוואַנציק יאָר.

— אזוי גאָר? ערשט יענע וואָך?

ער גיט אַ ווונק מרימען, יענע פרעגט נישט איבער, גייט שטיל אַרויס און טראָגט אַריין אין עטלעכע מינוט אַרום אַ גרויסע זילבערנע טאַץ מיט פאַרשידענערליי פרוכטן, געבעקס, און אַ פלעשל בראָנפן, פאַרפּראַוועט מיט נעגעלעך.

דער אַלטער גיסט אָן צוויי כוסות און דערלאַנגט איינע שלמהן. אַליין טרינקט ער אָפּ אַ ביסל און דערלאַנגט שלמהן די האַנט:

— לחיים, שלמה! איך ווייס נאָך נישט, ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט, נאָר איך ווינטש דיר, אַז דו זאָלסט גיך און גרינג קומען קיין ארץ־ישראל... קיין ירושלים... איך וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט... נאָר עס איז שוין נישט פאַר מיינע אַלטע ביינער... געוועזן געדאַרפט נאָך פאַר די רויטע... אַנגעוווירן... פאַרפאַלן... קומענדיק אַהין דאַרפסטו נישט פאַר־געסן, אַז מענטשן, ווען זיי האָבן דיך געשיקט איבער דער גרענעץ, האָבן זיך פאַר דיר מוסר־נפש געווען, ריזיקירט מיט צעשאָסן ווערן ווי די הינט. דערפאַר דאַרפסטו דאָרט זיין אַ געטרייער זון דעם יידישן פאָלק...

ביי שלמהן פאַלט אַרויס דער בעכער פון דער האַנט, ער גיט אַ פלי אַרויס אין קאָרידאָר. ווי אַ קאַץ שפּרינגט ער אַראָפּ פון דער לייטער. אָט איז ער שוין אין סוכה. די באַנק ליגט נאָך איבערגעקערט. ער גיט אַ פאַל אויף איר. זיין פאַרשטיינערט האַרץ האָט נאָכגעלאָזט. ער וויינט נישט נאָר מיט די אויגן, פון אומעטום גיסן זיך טרערן: פון די באַקן, פון דער נאָז, פונעם האַלדז, פונעם גאַנצן פנים זעצט אַ קוואַל מיט בלוי־טיקע טרערן. דער שטורעם, וועלכן ער האָט פאַרקוועטשט אין זיך אַ חודש צייט, באַמיענדיק זיך ווי ווייט מעגלעך אָפּצוטויטן די געפילן, האָט זיך מיט אַ שרעקלעכער קראַפט צעבושעוועט פון דעם אַלטנס עט־לעכע ווערטער. זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך ווי אין פיבער. עס רי־נען אַלערליי טרערן: טרערן — פאַר זיין עלנט, טרערן — אויס בענ־קעניש, טרערן — פאַר פאָלין, טרערן — פאַר זיין בוך, טרערן — פאַר אָט דעם גרייז־גראָען ישיש, וואָס שטעלט איין זיין קאָפּ צוליב אים. ער וויינט און דער שטראָם פאַרשטאַרקט זיך נאָר, ער קען גאָרנישט אויפ־הערן... דאָס אייז האָט זיך גערירט... עס העלפט נישט גאָרנישט.

דורכן געוויין הערט ער, ווי דער אַלטער גלעט אים איבער די האָר:

— הער שוין אויף... נו, נענוג, דאָס בין איך דאָך גאָר שולדיק, הער שוין אויף... נישט געווען געדאַרפט אזוי זאָגן... אפשר ביסטו גאָר מער געטרייער זון, ווי איך... שרייבט דאָך טאַקע דער „חכם"... נו, הער שוין אויף, איך בעט דיך... באַרואיק זיך שוין, באַרואיק זיך!...

שלמה הערט, ווי דער אַלטער רעדט מיט טרערן אין קול, ער הייבט אויף דאָס פנים פון די הענט, דער אַלטער שטייט נאָך אָנגעבויגן איבער אים. אויף זיין שניי־ווייסער וויע ציטערט אַן איין און איינציקע טרער. די אַלטיטשקע שטייט לעבן אים מיט פאַרוויינטע אויגן. מרים איז אויך אין סוכה, נאָר איר פנים זעט מען נישט. זי שטייט אויסגעדרייט מיטן פנים צום פענצטער צו... שלמה קען נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען, דאָס האַרץ וואַרפט זיך נאָך אין אים ווי אַ נישט דערקוילעטער האָן. ער הייבט זיך שטיל אויף, גייט צו צום ברונעם, שלעפּט אַרויס אַן עמער וואַסער און נעמט זיך גיסן אויפן קאָפּ, אויפן פנים. די טרערן, פילט ער, טרעטן אָפּ. אין קאָפּ ווערט דער שטורעם שטילער, די כוחות קערן זיך צו אים ביסלעכווייז אום. אויסגעגאָסן דעם גאַנצן עמער, לאָזט ער זיך אַרויפגיין, כדי צו נעמען פון זיין וואַליזע אַ האַנטעך. אויפן ערשטן טרעפּל פון דער לייטער באַגעגנט ער מרימען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט אַ האַנטעך אין דער האַנט. דאָס אַלטע פאַרפאַלק אויפן הויף זעט מען שוין נישט. ער נעמט ביי איר דעם האַנטעך און הייבט אויף די אויגן אויף איר. זייערע אויגן באַגעגענען זיך, צעגליען איינע די צווייטע און שלמה פילט, אַז ער האָט אין אָט דער יפת־תואר אַ געטרייע שוועסטער. אָפּגעווישט זיך קערט ער איר אום דעם האַנטעך און נעמט זי ביי דער האַנט:

— מרים! אין קיעוו האָב איך דריי שוועסטער, נאָר אַז איך האָב אין מאַרי אויך איינע, אפשר די בעסטע, בין איך ערשט היינט געוואָר געוואָרן... איך וועל אייך דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן...

ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיין געוואַגטקייט און אויסמיידנדיק איר טרעפּל לאָזט ער זיך גיין אַרויף אין קאָרידאָר אַריין.

קאַפּיטל V

אין טונקעלן קאָרידאָר ברענגט שלמה די האַר אין אָרדענונג און גייט אַריין נישט דרייסט אין דעם אַלטנס צימער. דער אַלטער וואַרפט אויף אים אַ נייגעריקן בליק און ווייזט אים אָן אויפן בענקעלע. שלמה באַמערקט, אַז זיין כוס איז אויף דאָס ניי אָנגעגאָסן, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

— און ווו איז מרים? — ווענדעט זיך דער אַלטער צו אים.

שלמה גיט טאַמעוואַטע אַ קוועטש מיט די אַקסלען, ווי איינער רעדט: פון וואַנען זאָל איך ווייסן?

דער אַלטער גיט אים צו פאַרשטיין:

— זי איז ביי מיר אַ געלערנטע, זיבן קלאַסן געענדיקט, אַפילו ביכער לייענט זי, נוץ איך זיך מיט איר ווי מיט אַ מין „מתורגמן". טאָמער קומט אָן אייעריקער און איך פאַרשטיי נישט אַזוי אַלץ אויף דער רוסישער שפּראַך, זאָגט זי דאָס מיר איבער אויף טאַדזשיקיש. אויב עס איז דיר נישט שווער, גיב זי אַ זוך אויף און רוף זי אַריין.

שלמה גיט אַ טאַנץ פונעם בענקל גלייך צו דער טיר.

— אַ שאלה, צי ער וויל זי אויפזוכן? וואָס קען זיין נאָך אָנגענעמער דערפון?

ער געפינט זי ביי איר באָבען אין צימער בראָקן מייערן אויף אַ פּלאָוו.

— חברטע מרים, אייער זיידע רופט אייך.

אויפן קאָרידאָר שטייען זיי אין דער פינצטער אַ רגע, איינער קעגן צווייטן. זי גיט שטיל אַ פרעג:

— פאַר וואָס זשע האָט ער גאָר געשיקט אייך? מיט אַ גאַסט שאַפט מען זיך?

— מרים, איר זענט דען אַזאַ שלעכטע? איר פאַרגינט מיר אַפילו נישט אָט דעם קליינעם פאַרגעניגן?...

זי שטופט אים לייכט אָפּ און לויפט אַריין צום זיידן.

ווען אַלע האָבן איבערגעביסן, פרעגט שלמה ביים אַלטן, פאַר וואָס גיט ער נישט מרימען אויך אַ כוס.

— ביי אונדז טרינקען פרויען נישט קיינע משקאות, סיידן צו די סדרים.

ביי שלמהן אין זכרון שווימען אַרויס שווערע זכרונות: „קאָנטינענ־טאַל"... בעלער... שאַמפּאַניער...

— זייער אַ גוטע תקנה, זייער אַ קלוגע, ר' אבא־חלקיה.

— דערציילט עפּעס, שלמה, פון קיעוו, פון דער גרויסער וועלט...

שלמה טוט דאָס מיט פאַרגעניגן. ער פילט, אַז אין אים האָט אויפ־געוואַכט זיין אַלטער טאַלאַנט צו דערציילן. אין דעם צימער לעבן אויף קיעווער בילדער. ווי לעבעדיק זעען די צוהערער דעם אַרטעל „פּאַנטאָפל" מיט זיינע צוויי הונדערט שומרי־שבת, דעם קאַמף מיט די באַצווינגער,

דעם חורבן פון „פאנטאפל". דאָס זוכן פון יעדן איינעם פאר זיך אַן אופן אויף צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט און קענען דערביי בלייבן א ייד... זיין אומגליק דורך דער תלמוד־תורה... גאַרדאַנס עפּיזאָד מיט דער מקוה... ער דערציילט פון מנשהן, פון דער מומע טייבלען, פון זיין זיידן...

דער זיידע מיטן איינקל הערן זיך צו מיט גרויס כונה. טאָמער זאָגט שלמה עפּעס א שווער וואָרט, הייבט מרים אויף א פינגער, שלמה וואַרט אויס, ביז זי גיט עם איבער דעם אלטן אויף זייער שפּראַך. ווען זי ווערט אנטשוויגן, דערציילט ער ווייטער. די אלטיטשקע איז אומבאַמערקט אויך אריינגעקומען, זיך צוגעזעצט אויף דער שוועל און אויך געהערט. שלמה איז זיכער, אַז זי פאַרשטייט גאַרנישט, חוץ דאָס, וואָס מרים זעצט איבער דעם זיידן אירן. פון דעסט וועגן זיצט זי אויף דער שוועל און הערט זיך צו מיט אַזא ערנסטן פנים, מיט אַזא קאָנצענטרירטקייט, גלייך ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט.

ווען שלמה ענדיקט דערציילן, גיסט דער אלטער נאָך א מאָל אָן די כוסות:

— ווען איך זאָל דאָס אלץ נישט הערן פון דיר אליין, וואָלט איך נישט געגלייבט, אַז אין ראַסיי זענען נאָך דאָ יונגע מענטשן, וואָס שטעלן זיך איין דאָס לעבן פאַר זייער גלויבן. און מיר דאָ מיינען, אַז דאָרטן איז אויס...

— פאַר וואָס זשע גלייבט איר איצנד, הערנדיק פון מיר?

— אַזאַ קשיא! דיר גלייב איך. דיר, פיל איך, מעג מען גלייבן, האָסטו דאָרט אין קיעוו, זאָגסטו, עלטערן אויך?

— אי עלטערן, אי ברידער און שוועסטער. א זיידן, פעטערס און מומעס. קוזינעס און קוזינקעס עטלעכע טוץ, און חברים מיט גלאַט גוּטע ברידער, אָן א צאָל... יעדער איינציקער פון זיי וואָלט זיך געלאָזט א פינגער אָפּשניידן פאַר מיר און דאָך מוז איך אלץ אוועקוואַרפן און לויפן זוכן א מקום מנוחה אין צווייטן עק וועלט. ס'איז נאָך גוט, וואָס דאָס פאַרן איז כאָטש קיין ארץ־ישראל. צוליב ארץ־ישראל איז אלץ כדאי. פון קינדווייז אָן ברענט אין מיר א פייער צו אונדזער לאַנד. טעג און נעכט, פריער אין חדר, שפּעטער פאַרנדיק פון איין שפּיטאָל אין צווייטן מיט א צעהאַקטן פוס, נאָך דעם פאַרנדיק מיטן טאַטן אויף יאַרידים און אויך נאָך דעם, ווען איך האָב שוין געוווינט אין קיעוו. באַקומען פיל חברים פון מיינס גלייכן... אין אלע צייטן, ביי אלערליי אומשטענדן, האָב איך נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך אונדזער היסטאָרישער היים, וווּ עס האָבן געלעבט די אבות... וווהין עס האָט אַזוי געחלשט קומען משה רבנו... און וועלכע עס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דוד המלך... אין די סאַמע שווערסטע מינוטן פון מיין לעבן, אין שפּיטאָל אויפן אָפּעראַציע־טיש אָדער אין די שרעקלעכע פּרעסט, ליגנדיק ערגעץ אין א וואַלד מיטן פנים אין שניי, אונטער אַנגעצילטע ביקסן, פלעג איך מיר פאַרשטעלן דעם בלויען ירדן, דעם אור־אַלטן לבנון, דעם כותל־מערבי, מצודת־

דוד, און מיט דעם כח אריבערגעטראָגן אַלץ... נאָך אַלס קינד וואָלט מיר נישט שווער געווען אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר ציון און היינט — אודאי און אודאי! ביי אייך בוכארער יידן איז אפשר איינגעוואָרצלט אין הארצן, אַז אונדז קען מען נישט גלייבן פון דאַנען אַהין, אָבער איך שווער אייך, ר׳ אבא־חלקיה, אַז עס איז נישט אַזוי!... עס זענען דאָ ביי די יידן אין ראַסיי אַזעלכע פלאַמענדיקע הערצער, וואָס פאַסטן פאַר זעל־נער צו יהודה המכבי און שמעון בר־כוכבא. איר ווייסט מן־הסתם, ווער זיי זענען געווען?

— איך ווייס ווייניק, מן־הסתם גרויסע מענטשן אַזעלכע.

— דאָס זענען העלדישע באַפרייער פון יידישן פאָלק, נאָך פאַר אונדזער גלות. איר רעכנט, דאַכט זיך, אַז אייערע זיידעס זענען אפילו נישט געווען אין ארץ־ישראל צום בית שני? איאָ, איך האָב נישט קיין טעות?

— ביי אונדז איז פאַרשריבן, אַז ווען עזרא האָט אָפּגעפירט די יידן קיין ארץ־ישראל, זענען אונדזערע זיידעס אַוועק פון פרס אַהער און זיך באַזעצט אין דעם איצטיקן סאַמאַרקאַנד, אין בוכאַרא און בכלל אין דער גאַנצער געגנט.

— עס געהער זיך נישט אָן, פון דעסט וועגן וואָלט איר באַדאַרפט וויסן, ווער זענען דאָס יהודה המכבי און שמעון בר־כוכבא... איר ווייסט וואָס? ספרים האָט איר?

— עטלעכע זענען דאָ, וואָס איז דען?

— וואָלט איך מיט אייך געלערנט ביזן פאָרן, נו, עין־יעקב, תנ״ך...

— דו ווייסט וואָס? אָט דאָס, וואָס דו וואָלסט מיט מיר געלערנט, קענסטו דאָך אודאי אויך אויסנווייניק?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

— ווּעסטו דאָס דערציילן אַזוי, מיט דיינע ווערטער. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן דיין דערציילן. פאָלג מיך, אַזוי וועט זיין בעסער.

— גוט, ווען איר וועט נאָר האָבן צייט, וועל איך אייך דערציילן אַ ביסל פון גמרא, אַ ביסל פון פסוק און אַ ביסל פון חסידות...

— פון וואָס?

— פון חסידות, זאָג איך. איר ווייסט נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס חסידות?

— נישט געהערט קיין מאָל...

— איי־איי־איי! רבונו דעלמא כולא, אַזוינע טייערע יידן ווי איר און איר ווייסט אפילו נישט דעם נאָמען פון חסידות.

— וואָס זשע איז דאָס אַזוינס? אויך אַזאַ ספר?

— ניין, נישט קיין ספר. דאָס איז אַ דרך לעבודת הבורא, אַ גאַנץ באַזונדערער דרך.

— ווער זשע גייט עס עפּעס זוכן נייע דרכים?

— ניין, ר׳ אבא־חלקיה, עס רעדט זיך נאָר אַזוי: אַ נייער... איי־

גנטלעך הייסט ער גיבער — א באַנייטער. נאָכן חורבן בית־שני האָט געלעבט ר׳ עקיבאס אַ חבר, אפשר האָט איר געהערט, ר׳ שמעון בן יוחאי ?

— אודאי האָב איך געהערט. מיין זיידנס אַ ברודער איז שוין לאַנג אַוועק קיין ארץ־ישראל, האָט ער נאָך דעם געשריבן, אַז ער איז אַהין אָנגעקומען באַלד נאָך פסח פונקט אויפן יאָרצייט פון דעם... ווי אַזוי רופט איר אים ?

— ר׳ שמעון בן יוחאי. איר געדענקט גוט. זיין יאָרצייט איז ל״ג בעומר און מען פייערט אים אין ארץ־ישראל מיט גרויס פּאַראַד. איז אָט דער תנא איז געווען דער גרינדער פון תורת הקבלה. נאָר דאַמאָלסט איז נאָך געווען זייער שטאַרק דער איינפלוס פון תורת־הנגלה, די גרעסטע תנאים האָבן דאַמאָלסט געלעבט, דעריבער האָבן זיך נאָך צו יענער צייט גאַנץ ווייניק מענטשן פאַרנומען מיט זיין לערע. מיט אַ פיר הונדערט יאָר צוריק האָט אין צפת געלעבט אַ גרויסער צדיק, ר׳ יצחק לוריא, אפשר האָט איר געהערט ?

— דאַכט זיך געהערט, איך געדענק נישט אויף זיכער.

— אין יענער תקופה זענען געווען נאָך פיל אָנגעזעענע מקובלים, ווי למשל: דער מהר״ל מפּראָג, דער של״ה הקדוש, דער אלשיך הקדוש, דער בית־יוסף, דער מחבר פון „ספר חרדים״, ר׳ חיים ויטאַל און נאָך און נאָך צענדליקער און הונדערטער. דאָס איז געווען באַלד נאָך גירוש ספרד, דער ברייטער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף קבלה, געזוכט אין איר אַ טרייסט פון די צרות און אַן אָנווייז אויפן קץ־הפלאות. נאָך פאַר וואָס האָב איך אייך אָנגערופן דוקא דעם האר״י הקדוש, ווייל אין יענער פּמליא איז ער געווען דער סאַמע ווינציקסטער, דער ארי שבחבורא, כשמו כן הוא. זיין מדרגה — לאו כל מוחא סביל דא*! ער האָט פון דאָס ניי אויפגעהויבן די תורת־הסוד אויף גאָר אַ הויכער מדרגה, נאָר נישט קוקנדיק דערויף איז דאָס נאָך אַלץ געווען צו דערגרייכן בלויז פאַר יחידי־סגולה, פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט דעם, זיך אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט. צוריק אָבער מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר איז אין אוקראַינע אויפגעשטאַנען אַ גרויסער צדיק, איר האָט אודאי נישט געהערט, דער בעל־שם־טוב זכרונו לברכה...

— ניין, נישט געהערט.

— איך האָב אַזוי פאַרשטאַנען, אַז איר האָט נישט געהערט. איז אָט פון אים אָן איז זיך צעוואַקסן דאָס חסידות ביי יידן גאָר־גאָר אויף אַ ברייטן אופן. אָט פון אים און פון זיינע הייליקע תלמידים וועל איך אייך טאַקע דערציילן. אָט דער הייליקער צדיק ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז טאַקע מיינער אַ זיידע געווען, איך בין דער נייַנטער דור פון אים. מיין מו־

* נישט יעדער מח קען דאָס פאַרטראָגן.

טערם פאַטער, וועלכן איך געדענק נאָך גאַר גוט, איז געווען אין גאַנצן דער זיבעטער דור פון דעם הייליקן צדיק.

— ביסטו גאָר אַן אייניקל פון אַזאַ גרויסן צדיק? הערסט אַ מעשה...

— וואָס קומט אַרויס, אַז דער זיידע איז געווען אַ צדיק, אויב דאָס אייניקל איז אויף אים מיט גאָרנישט ענלעך?

— דו זאָג דאָס נישט. ווערליק פופצן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, און נאָך אין ראַסיי, קען זיך דער זיידע מיט דעם דאָזיקן אייניקל אויך נישט שעמען... זאָג מיר, ביי דיינע עלטערן זענען דאָ עלטערע קינדער פון דיר?

— ניין, איך בין דער סאַמע עלטסטער.

— קומט דאָך אויס, אַז דיינע עלטערן זענען נאָך גאָר יונגעלייט.

— אודאי יונגעלייט.

— און קיין כלה האָסטו נישט?

— ניין, איך האָב נישט קיין כלה.

— נישט געהאַט אויך?

— נ־נ־נישט געהאַט אויך.

שלמה וויל איבערבייטן דעם שמועס און פרעגט אין איין אָטעם:

— און ווו זענען עפּעס אייערע בני־בית?

— אָט דאָס זענען מיר אַלע דריי פאַר דיינע אויגן.

— איר האָט דאָך פריער געזאָגט, אַז איר האָט עלטערע אייניקלעך פון מיר. שוין זשע האָט איר דאָס געמיינט מרימען?

— ניין, מרים דאַרף ערשט ווערן צוואַנציק יאָר. נישט זי האָב איך געמיינט. איך האָב אַ זון, יענער קומט נישט מער אַהער. איך האָב אים דורכגעטריבן... דורכגעטריבן און פאַרשאָלטן... ער איז אין גאַנצן אַוועק פון יידישקייט, עסט חמץ אום פּסח און פאַסט נישט יום־כּפּור, ער האָט זיך שוין אין גאַנצן פאַרקויפט צום שטן. ער איז אין אשכאַבאַד, אין דער רעזידענץ אונדזערער, פון טורקמעניע, הייסט עס. אַ גאַנצער אָנפיר־רער דאָרט אין דער פּאַרטיי ביי זיי, פּאַרט קיין מאָסקווע אין קרעמל אַריין... אָבער איך דאַרף נישט אַזעלכע זין... ער איז דווקא געקומען... געשטאַנען הינטערן טירל... אָבער איך האָב אים אויפן הויף נישט אַרויפגעלאָזט... פאַרשאָלטן... נישט קיין קינד איז ער מיר...

דער אַלטער פאַלט אַריין אין אומעטיקע זכרונות. זיין שטערן רונצלט זיך, די ברעמען — אַ פּחד אַ קוק צו טון אויף זיי, די פינגער ציטערן לייכט. אַזוי גייען פאַריבער שווערע עטלעכע מינוט. מיט אַ מאָל וואַכט ער אויף, דער אַלטער, קוקט זיך פאַרלוירן אַרום און ווענדעט זיך צו מרימען:

— דו געדענקסט נישט, פון וואָס מיר האָבן פריער גערעדט?

— שלמה האָט געפרעגט, וועלכע אייניקלעך זענען ביי דיר עלטער פון אים?

— אַ־האַ! גערעכט, אמת טאַטע, — ער ווענדעט זיך צו שלמהן —

איז אָט ביי דעם זון פון אשכאַבאַד האָב איך אייניקלעך עלטערע פון דיר, ער האָט שוין אפילו צוויי קינדער אויסגעגעבענע. דווקא זייער שיינע קינדער, נאָר אַזוינע אַנטיקן ווי דער טאַטע זייערער...

— און מרימס עלטערן ווו זענען?

— אונדזער מרים האָט נישט קיין עלטערן.

— אַזוי גאָר? שוין לאַנג?

— איר פאָטער איז געווען מיין יינגסטער זון. זייער אַ פיינער מענטש געווען, איז ער געהרגעט געוואָרן אין יאָר 1916 אין די קאַרפּאַטן. אין קיעוו איז ער אויך געווען, מיר האָבן פון אים געהאַט אַ בריוו פון דאָרטן.

— און די מוטער אויך?

— ניין, איר מוטער לעבט דווקא, נאָר זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן. שוין דרייצן יאָר. אין טאַשקענט וווינט זי... כ'מיין, אין אַ שטעטל לעבן טאַשקענט... און מרימען האָבן מיר נישט געוואָלט אָפּגעבן צו קיין שטיף־פאָטער, וווינט זי מיט אונדז, מוטשעט זיך נעבעך מיט די אַלטע זיידע־באָבע... טוט אַלץ אַליין...

מרים כאַפּט אַרום איר זיידן אַרום האַלדז און באַשיט זיין געקנייטשט פּנים מיט קלינגענדיקע קושן. שלמה האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווייסט נישט וווהין אַהינצוטון די הענט. ווען מרים זעצט זיך אַוועק צוריק, פרעגט ער ביים אַלטן:

— און מער האָט איר קיינעם נישט אין מאַרי?

— עס קען הייסן, קיינעם נישט. כמעט, קיינעם נישט. כאָטש, אַז מען וויל גאָר, האָבן מיר יאָ. מיין ווייב האָט אַ קוזין, חזקיה. ער האָט אַ גרויסע משפּחה, אַלע אַרבעטן זיי אין בוכאַרישן קאָלכאָז, וועלכן מיר וועלן מיט גאָטס הילף טאַקע מאָרגן מיט דיר און מיט מרימען צוזאַמען באַזוכן, ווייל אונדזער משפּחה איז אויך דאָרטן צוגעשריבן. הייינט מוז מען דאָך ערגעץ זיין אויף אַן אַרבעט. איז אָט דער חזקיה זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. די קינדער זענען ביי אים זייער פיינע, ערלעכע און סאָלידע.

— ר' אבא־חלקיה, ווען איך וויים, אַז איר וועט נישט בייז זיין אויף מיר, וואָלט איך אייך עפּעס געפרעגט...

— קענסט פרעגן, וואָס דו ווילסט, ביי אונדז פירט זיך נישט, אַז מען זאָל בייז ווערן.

— מיר איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפל אַ שטייגער קען דויערן ביז מיין אַוועקגיין?...

— הם! וואָס זשע איז דאָ דאָ פון וואָס בייז צו זיין? און איך אויף דיין אָרט וואָלט דען נישט געוואָלט וויסן? איז אָט וואָס: מאָרגן, זייענדיק מיט דיר אין קאָלכאָז וועל איך איבערשמועסן מיט די בעלי־בתים דאָרטן צו וועלכן צעך דיך צו צושרייבן.

— איך קען גוט אַלע מינים אַרבעטן פון שוסטעריי.

— טאַקע באמת? און אויב צוויי געפּואיסטן וועלן שטיין איבער דיר, זאָלסט מאַכן אַ פּאָר שיך פאַר זיי אין די אויגן?

— ווען זיי נאָר באַוווּנדערן מיין פלינקייט און מיין בריהשקייט.

— אויב אַזוי, פאַרשפּאָר איך גאָר פרעגן. טאַקע דעם חזקיהס על־טערער זון, זבולון, איז פאַרזיצער דאָ אין אַ שוסטער־אַרטעל, וועלן מיר אין דער פרי צוגיין צו אים און ער וועט צוגיין מיט דיר אין קאָמענדאַטור, דאָס איז דאָס ערשטע! אַזוי ווי דו באַקומסט אַ שיין צו וווינען אין דער גרענעץ־זאָנע, ביסטו שוין אַ פרייער מענטש. קענסטו אַרומגיין, וווהין דו ווילסט און ווען דו ווילסט. און וועגן „אַריבערגיין” איז אַזוי: דאָ נישט ווייט אין אַ קישלאַק וווינט אַ בוכאַרער בחור, גבריאל, רופט מען אים...

שלמה באַמערקט, אַז ביי מרימען האָט אַ זעץ געטון דאָס בלוט אין פּנים אַריין. זי באַמיט זיך אויסצוזען רואיק, נאָר די אָנגעלאָפענע פאַרב גיט זי אויס. דער זיידע אירער, באַמערקט ער, זעט גוט, וואָס אין איר קומט פאָר, נאָר ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק, ער קוקט גאָר בלומרשט נישט אין איר זייט... שלמה קען בשום־אופן נישט פאַרשטיין דעם פּירוש פון איר רויט ווערן און פון דעם אַלטנס פאַרדרייען דעם קאָפּ, נאָר ער פרעגט גאָרנישט.

— ...איז אָט דער גבריאל סולימאַנאָוו איז דער דורכפירער. ער ווייסט יעדעס שפּעלטעלע אין די בערג, פון מאַרי אָן ביז צו דער פערסישער גרענעץ. ער ווייסט שוין, ווען און ווו מען קען זיך דורכגליטשן. אַ מאָל קען מען פינף טעג נאָך אַנאַנד דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן און אַ מאָל קען מען אָפּגיין די גאַנצע שטרעקע פאַר קאַרגע צוויי מעת־לעת. איז ער ווייסט שוין... פריער מיט צוויי טעג האָט ער אַוועקגעפירט אַ גרויסע גרופּע פון גאַנצע זעקס יונגעלייט. איינער טאַקע, אַן אייעריקער, פון וואָראָניעזש, און צוויי פון דערבענט, אונדזערע טאַקע, גרוזינער חברה, און דריי פון בוכאַרא. דאַרף ער פריער קומען מיט אַ בריוועלע פון זיי, ווי אַזוי זיי זענען אַריבערגעגאַנגען, נאָך דעם וועסטו שוין קענען גיין.

— איז צוליב איינעם וועט ער דען אויך וועלן גיין?

— עס איז געוועגדט אין מיר, נישט אין אים. אַז איך וועל אים שיקן, וועט ער גיין. ער זיינס באַקומט אַלץ איינס, ער מעג פירן איינעם צי צוואַנציק.

— אַנטשולדיקט, נו, און פון „דאָרטן”, האָט איר אַ מאָל ידיעות?

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן? איך האָב זיי אַלע פאַרזאָגט זהיר וזהיר, אַז זיי זאָלן צו מיר פון ארץ־ישראל נישט שרייבן. דו ווייסט, ווי אַזוי מען דאַרף היינטיקע יאָרן זיין פאַרזיכטיק? און נאָך אויף אַ גרענעץ... זאָל אויף מיר נאָר פאַלן דער מינדסטער חשד, ווערט גלייך קאַליע דער גאַנצער מעכאַניזם, ווי ביי אייך רופט מען דאָס... דו האָסט דען אַ השגה, וויפל אָט דער אומלעגאַלער „בריק” האָט שוין אָפּגעקאָסט? זאָלן זיי גאָר שרייבן בריוו צו מיר... נאָר פון זייערע משפּחות האָב איך

יאָ געהאַט אָפּט מאָל גרוסן, אַז זיי באַקומען פון צייט צו צייט בריוו פון ארץ־ישראל... ס׳איז זיי דאָרט גאַנץ גוט... הלוואי און גיכן פון דיר צו הערן נישט קיין ערגערע ידיעות.

— ר׳ אבא־חלקיה, פאַרן אַוועקגיין ווייל איך אייך איבערלאָזן צו־שטייער אויף הוצאות פאַר איבערשיקן, אַ היפּשע סומע געלט, ווייל נישט יעדער פאַרמאָגט דאָך צו באַצאָלן פאַר זיך.

— כאָטש קיין פאַרבאָרגענע אוצרות פאַרמאָגן נישט, נאָר עס האָט זיך נאָך קיינער נישט אומגעקערט פון דאָנען איבער קיין געלט... מען גיט זיך ווי עס איז אַן עצה. אָבער דערפון איז נאָך צו פרי צו רעדן. און אפשר וועסטו גאָר נישט זיין איינער. עס דאַרפן אָנקומען פון קוטאַאיס צוויי בחורימלעך, פון באַרנאַאול איינער און דריי פון טשימקענט. איך ווייס נאָר נישט אויף זיכער, ווען זיי קענען קומען...

— וואָס האָבן די לעצטע דורכגייערס געשריבן? עס איז צוגעגאַנגען גרינג, צי שווער?

— אין פרילינג האָבן איניקע געשריבן, אַז עס איז גאָרנישט פאַר קיין מענטשלעכע כוחות דאָס אריבערגיין די גרענעץ. זיבעצן מעת־לעת האָבן זיי זיך געמאַטערט, ביז זיי האָבן דערזען די פּערסישע גרענעץ־וואַך. זיי זענען שיר נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער. נאָר די לעצטע צוויי, דריי פּאַרטיעס שרייבן שוין זייער גוט. אמת, עס דויערט פון דעסט וועגן אַ זיבן, אַכט טעג, נאָר דערצו קען מען גאָרנישט העלפן. ערשטנס, טאַקע פופציק קילאָמעטער, דאָס איז נישט קיין שפּילעכל, צווייטנס, איז דער וועג זייער אַ שווערער, בערג און טאָלן, פעלזן און טייכן. הייגט, דאָס היטן זיך. טאָמער זענען גראָד די נעכט לבנהדיקע, קען מען נאָר גיין אין די פאַרטאָגן און אין די תחילת־נעכט. דאָס לעצטע מאָל האָט חברה גע־שריבן, אַז גבריאל איז ממש אַ פּרעסער... ווי זאָגן דאָס די רוסישע?

— אַ פּראָפעסאָר — האָט אים מרים פאַרריכט.

— צי אַ פּראָפעסאָר, איך ווייס, ווי מען זאָגט דאָס דאָרטן ביי אייך? ער ווייסט, הייסט עס, אַזעלכע וועגן, וואָס די וועכטער ווייסן גאָרנישט פון זיי. זיי האָבן פאַר דער גאַנצער צייט, שטייט אין בריוו, קיין איין „רויט קנעפּל" נישט באַגעגנט. וואָס־וואָס, נאָר פונעם אמת קען מען נישט אַוועקגיין: ער איז טאַקע אַ מייסטער, אָט דער גבריאל, אַ דורכ־געטריבענער יונג!

מרים גייט אַרויס אַ טרויעריקע. שלמה פילט, ווי עס פאַרקלעמט אים ביי דער נשמה פון איר אומעט, נאָר ער פאַרשטייט נישט די סיבה פון אים. דער אַלטער גייט אַוועק צום מנין דאַווענען מנחה־מעריב און שלמהן עצהט ער, דערווייל נישט גיין צום מנין, ביז אַלע פאָרמאַליטעטן וועלן נישט זיין אויסגעפּילט.

אַלע צעגייען זיך, ער בלייבט איינער אַליין אין צימער. אַן אומבאַ־גרייפלעכער אומעט דרינגט אַריין אין זיין נשמה. עס ציט ערגעץ און ער ווייסט נישט וווהין. עס בענקט זיך נאָך עמעצן און ער ווייסט נישט נאָך

וועמען. דורכן פענצטער, זעט ער, ווי די זון טוקט זיך אין שניי אויף די בערג, דערפון א פנים נעמט זיך אזא שניידנדיקע ליכט פון דער שקיעה. אויפן הויף, זעט ער, מאכט די אלטיטשקע א פלאוו. וואס טרישטשעט דארט אזוי? דאס פייער, צי די שמאלץ? די אלטע האלט אין איין מישן מיט א לאנגן לעפל, קלאפט אלע מאל אפ די צוגעקלעפטע רייז אין ראנד פון קעסל. נישט ווייט פון איר זיצט מרים אנגעשפארט אין פארקן מיט די הענט הינטערן קאפ. עפעס איז זי פארטראכט. וואס טראכט זי אזוי שווער, די בליענדיקע רויז פון מזרח? אז עס איז איר דא אומעטיק, דאס זעט מען באלד. פון אין דער פרי ביז נאכט נישט זען פאר די אויגן קיינעם, נאר דאס אלטע פארפאלק. צי אפשר האט דער אלטער אנגערירט אין איר א ווייטיקלעך ארט און דאס בענקט זי אזוי נאך איר מוטער? עס איז דאך פארט א מאמע... שלמה פרווט דאוועגען מנחה, נאר עס גייט עפעס נישט, די ווערטער באקומען זיך ליימיק, פריקרע. ער נעמט זיין גומענעם מאנטל אויף דער האנט און לאזט זיך אראפ פון דער לייטער. די לעצטע צייט האט ער ממש מורא באקומען צו בלייבן אליין מיט זיך, געשפענסטער דאכטן זיך אים. עפעס א געפעסטעט קינד געווארן, ווייסט עס דער רוח!

ער גייט צו צו דער אלטיטשקער, שטעלט אפ מיט צוויי פינגער דעם לעפל:

— פרוי יאגודאיעוו, איך וועל זיך א ביסל דורכגיין אין די בערג.

די פרוי הערט אים אוים מיט מוטנע אויגן, דרייט זיך אוים און גיט א געשריי:

— מרים!...

די אלטיטשקע רעדט נאך עפעס גיך־גיך, ווי זי וואלט זיך געווארגן מיט הייסע ארבעס. מרים באטראכט אים מיט פארוונדערטע אויגן, הייבט זיך אויף, גייט צו נאענט, נאענט צו אים און פרעגט היימיש און צערטלעך:

— וווהין גייט איר דאס, שלמה?

שלמה קען איר נישט ענטפערן א ווארט. ער טראכט, וואס שיינט איצט ליכטיקער: די זון אויף די בערג, צי איר פריש, פארטרויערט פנים?

— פאר וואס ענטפערט איר נישט, אז מען פרעגט אייך?

— מרים, וואס וואלט געווען, ווען איר זאגט מיר אויך „דו”?

מרים צעלאכט זיך פלוצלינג מיט א קינדערישן, אנשטעקנדיקן געלעכטער:

— איך האב דאך נישט קיין אייניקלעך אין אייערע יארן...

— און אנדערש טאר מען נישט?

— אגדאי נישט! דער זיידע וואלט מיך, דאכט זיך, פון דער שטוב ארויסגעטריבן. זאגט בעסער, וווהין קלייבט איר זיך צו גיין?

— איך וועל מיך א ביסל דורכגיין אין די בערג, דאָרטן טאָקע וועל איך שוין דאַווענען.
— איר זענט דאָך מיר פונעם וועג, וואָס גלוסט זיך אייך?
— איך ווער נאָר מיד, ווען איך בלייב אַליין אין שטוב.
— און דאָרטן וועט איר דאָך אויך זיין אַליין?
— אונטערן פרייען הימל, אויפן ברייטן פעלד, אויף בערג מיט שניי, ביי אָט דעם גאָלדענעם זון־אונטערגאַנג, איז מיין נשמה נישט עלנט.
— שלמה, אַנטשולדיקט מיר מיין נייגעריקייט, איר האָט אויף אייער לעבן קיין מאָל נישט געפּרווט שרייבן לידער אָדער דערציילונגען?
— מרים, שוועסטער מיינע, איך בלייב אייך שולדיק אַן ענטפער אויף דער פראַגע. איצט קען איך נישט. נו, גיי איך.
— מילא, אַז איר ווילט אַזוי שטאַרק, גייט! ווען איך זאָל קענען, וואָלט איך אייך מיט פאַרגעניגן מיטגעגאַנגען...
— פאַר וואָס קענט איר נישט?...
— ערשטנס, וועל איך באַלד דאַרפן מיט דער באָבען אַראָפּנעמען דעם קעסל פונעם פייער...
— דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס?
— און צווייטנס? דער זיידע וועט קומען, וועט אים די באָבע דערציילן... כאָטש איך רעכן, אַז פאַר מיין גיין מיט אייך וואָלט דער זיידע גאָרנישט געזאָגט, עפּעס אַזוי דאַכט זיך מיר...
— מיר דאַכט זיך אויך אַזוי...
— אייך דאַכט זיך? אויף וואָס קוקנדיק קען זיך דאָס אייך דאַכטן?
— מרים, איך רעד מיט אייך אָפן, ווי מיט אַן אייגענער שוועסטער. איך בין זיכער, אַז מיינע רייד וועלן ביי אייך בלייבן, האַ?
— איר פאַרשפּאָרט רעדן פון דעם.
— דעם זיידנס צוזאָג, איך ווייס נישט צוליב וואָס, אַז מאָרגן וועט איר אויך מיטפאָרן אין קאַלכאַז אריין, אָדער אפילו ווי איר זאָגט, זיין שיקן מיך אויפזוכן אייך, ברענגט מיך אויף דעם געדאַנק, אַז ער וואָלט נישט בייז געווען, ווען איר גייט מיט מיר...
מרים איז פאַרטראַכט. די זון האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון יענער זייט באַרג, דער שניי איז מאַט־ראָזע, גאָלד מיט זילבער צוזאַמענגעגאָסן. די לופט איז דורכזיכטיק, בלוילעך. איר געזיכט איז אויך ווי איינגעהילט אין אַ לייכט רויכל. דערפון זעט זי אויס נאָך מער מלאך, נאָך מער פאַרחלומט, גאָרנישט קיין מענטשלעכע צורה. שלמהן איז אַ חידוש, ווי אַזוי האָבן זיך דאָס די היגע איינוווינער ביז אַהער נאָך נישט געכאַפּט, אַז צווישן זיי לעבט אַ מלאך. זיינע אויגן קוקן פאַרנעפּלט אויף איר שלאַנקער פיגור, אויף איר רעליעפן געשטאַלט און ער פאַרשטייט נישט, וווּ זענען אירע פליגל? ער פילט, אַז ווען ער זעט עמעצן קניען פאַר איר, וואָלט אים אפילו קיין חידוש נישט געווען...

מרים שלאָגט אים איבער די געדאַנקען:

— מיר דאַכט זיך אויך, אַז איר זענט מיין זיידן שטאַרק געפעלן געווארן, איך האָב אפילו דערויף מער וואָגיקע באַווייזן, נאָר דאָס איז נישט וויכטיק, אַלץ איינס וועל איך נישט גיין אין ערגעץ.

די אַלטע האָט אַ וווּנק געטון מרימען, זי זאָל מיט איר אַראָפּנעמען דעם קעסל. שלמה האָט אין איין אויגנבליק אַרויסגעכאַפּט ביי איר די שמאַטקעלעך פון די הענט און אַליין פאַרזיכטיק אַראָפּגעשטעלט דעם קעסל אויף דער ערד.

— נו, מרים, די ערשטע מניעה איז אָפּגעפאַלן.

מרים האָט פאַרשטיקט אַרויסגעשעפּטשעט:

— ניין, אַ דאַנק, איך וועל אין ערגעץ נישט גיין.

קאפיטל VI

שלמה האָט רואיק געשפּאַנט צו די בערג און די בערג האָבן זיך מיט אַ פינצטערער מאַסע אָנגערוקט אויף אים, באַפאַלן אים... ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז דאָס האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן אויפצו־הייבן אויפן באַרג. אונטער די פיס איז געווען פשוט גראָז, ערטערווייז אַרומגעשטשיפּעט זייער נידעריק. שלמה איז אַלץ געגאַנגען אַרויף־אַרויף־אַרויף. מנחה איז געווען אָפּגעדאַווענט, מעריב אויך. די לונגען האָבן פריי געאָטעמט, די נאַכט האָט אונטערגעטריבן: גיי גיכער, גיי גיכער! די נשמה זיינע האָט מיט אַ שוין לאַנג פאַרגעסענער התלהבות געפליסטערט איין תפלה נאָך דער צווייטער. שלמה האָט אַלץ העכער זיך געהויבן, אָבער קיין שנייִ האָט מען שוין נישט אַרויסגעזען. דער האָריזאָנט איז גע־ווען איינגעהילט אין אַן אַשיקן נעפּל. אויפן מיטן הימל האָט שפּאַצירט אַ גאַנצע לבנה, אַ בלאַסע, אַ קאַלטע, מיט אַ סילועט פון אַ פּנים אין דער מיט. שלמה האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק און נישט פאַרשטאַ־נען: וווהין איז אַהינגעקומען מאַרי? וווהין איז אַהינגעקומען יאַגור־דאַיעווס הייפל? דער באַרג, אויף וועלכן ער האָט זיך אויפגעהויבן? פאַר אים איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַן אומענדלעכער אָפּגרונט, מיט אַ פיאָלעטן נעפּל, וועלכן די לבנה האָט קוים באַזילבערט און דערפון האָט זיך באַקומען אַ בילד, ווי כוואַליעס וואָלטן זיך געיאָגט אין דעם געדיכטן טומאַן, זיך געאַמפּערט איינע מיט דער אַנדערער און אַרומנעמענדיק זיך, צוזאַמען זיך אַראָפּגעקייקלט אין שאול־תחתית אַריין...

שלמהן האָט אָנגעכאַפּט אַ פרייִדיק געפיל:

— אָט דאָ איז גוט! אָט דאָ נעכטיקט ער! אויפן טרעפּל פון וואָגאָן האָט פאַרט עמעצער געשטערט, אָבער דאָ איז ער אַליין מיט גאָט, קיי־נער זעט אים נישט, קיינער הערט אים נישט. אָט דאָס איז דאָס, אָט דאָס האָט ער געזוכט, אַהער האָט זיך געצויגן זיין אָנגעווייטיקטע נשמה, שוין פון לאַנג, לאַנג...

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני. זיין קאָפּ ציט זיך צו גאָטס פיס־בענקעלע, צו דער מאַמע ערד. די ליפּן דערפילן פייכט גראָז, די אויגן דערזעען פאַר זיך שוין לאַנג פאַרגעסענע בילדער:

אָט שיינט די לבנה, ער זיצט אין אַ פאַעטאָן און פאָרט. ער פאָרט מיטן פאָטער קיין סקווירע צום רבין אויף ימים־נוראים.

— ווען איז דאָס געווען? אין וועלכן גלגול?

אָט שיינט די לבנה, ער גייט נאָך אַ פור מיט מעבל אָנגעפּאַקט „ביזן הימל", דאָס קליינע זיי זיך איבער פון זוועניגאָראָדקע קיין כמעלניק. ער בייט אויס דעם חדר אויפן יאַריד, די גמרא — אויפן מעטער.

— ווען איז דאָס געווען? אין וועלכן גלגול?

כמעלניק... זוועניגאָראָדקע... אַנאַניעוו... קיעוו... מאָסקווע... טאַש־קענט... סאַמאַרקאַנד...

— פון וועמען האָט ער געהערט אָט די געשיכטע?

אים דערמאָנען זיך ברענענדיקע העפטן, איינגעקאָרטשעטע בלעטלעך, שיפּענדיק אַש און גוססנדיקע אותיות... יאָ, יאָ, גווילים נשרפים ואותיות פורחות באויר... ס'איז נישט קיין נייעס, כבר היה לעולמים... אָבער בכלל —

— צו וואָס נוצט אַ בוך? און אויף וואָס האָט ער אים געדאַרפט?

אונטן, דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, דאָרט גייען אָן, ביכער, אפילו מרים די בוכאַרקע לייענט אויך... פּאָלי לייענט... רייזל לייענט... און רעוועקאַ וויינט און לייענט, וויינט און לייענט... אָבער דאָ איז דאָך אַ באַרג. ער, גאָט, יהושע און אַ באַרג... וואָס פאַר אַ באַרג איז דאָס? אפשר דער באַרג סיני? צו גאָר הר־גריזים? הר הלבנון? צי אפשר גאָר הר־הזיתים? ניין, ער ווייסט שוין, עס איז גאָר דער הר אררט. אונטן איז אַ מבול, און ער איז דאָ איינער אַליין. ניין, נישט איינער אַליין, נאָר ער מיטן בעל־שם־טוב. ער מיטן בעל־שם־טוב אין צווייען פאָרן זיי דאָס אין אַ תיבה. און אונטן איז אַ מבול, אַ שרעקלעכער מבול!.. און איצט שטייען זיי אויף דעם הר אררט. און דער אררט איז גאָר אין טערקיי... טערקיי איז נישט ווייט פון יערײוואַן... און יערײוואַן פון דערבענט... זענען שוין מאַקע די דערבענטער בחורימלעך איבערגעגאַנגען די גרענעץ און ער — נאָך נישט... זיי — יאָ, און ער — נישט, הייגט: פאַר וואָס זשע שרייען זיי נאָך? וואָס נאָך ווילן זיי? אָט וועט ער זיי געבן אַ שרייען אין מיטן דער נאַכט, וועלן זיי אים האָבן צו געדענקען!

ער כאַפּט זיך אויף אויף די פיס. די לבנה איז אַריינגעפּאַסט אין אַ געל רייפל, אַרום אים איז צעגאָסן אַ ים מיט מילך, און דער ים וויל אים פאַרפלייצן, דערטרינקען. ער ווייסט נאָך נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, עה ווייסט נאָר, אַז ער דאַרף עמעצן אָנלערנען, עמעצן פאַר־שטאָפּן דאָס מויל און יענער, אים אויף צו להכעיס, שרייט ווייטער:

— ש־ל־מ־ה! שלמה, ווו זענט איר? ש־ל־מ־ה? ! אַ־או...

שלמה פאַרשטייט נישט, ווער רופט דאָס אים? פון וואַנען ווייסן די דערבענטער בחורימלעך זיין נאָמען? אָט וועט ער אומיסטן ביי זיי, פרעגן...

מעכאַניש לאָזט ער זיך אַראָפּ אין מילכיקן אָפּגרונט. די מילך רינט אָפּ, מאַכט אים אַ וועג, און ער גייט, טרעט אויף וואָלקנס, ווי עפּעס אַ הייליקער. אין דער נאַכטיקער שטילקייט צעטראָגט זיך ווידער אַ ווייט קול, ווי פון יענער וועלט:

— ש־ל־מ־ה! ווו זענט איר? ש־ל־מ־ה! רופט זיך אָן! ש־ל־מ־ה!

שלמהן נעמט דורך אַ ציטער: עס איז מרימס קול...

— אָט בין איך, מ־ר־י־י־י־ם!... באַלד קום איך... וואַרט אוי־וי־ויים!...

ער קוקט נישט אויף קיין שטיינער, אויף קיין גריבלעך, ער לויפט פונעם באַרג, אויף צעשיט צו ווערן. זיין געוויסן לאָזט אים נישט צו רו:

— באַרעכן נאָר, וואָס פרעמדע מענטשן האָבן פון דיר אויסצושטיין. אָדער דו האַקסט איבער די פיס מיט בענק, אָדער דו צעוויינסט זיך ווי אַ נישט־נאָרמאַלער, און טאָמער איז נאָך קאַרג, ווערסטו פאַרפאַלן אויף

אַ גאַנצער נאַכט אין די בערג, און אַ מיידל מוז איינע אַליין גיין דיך זוכן... נו, אדרבה, זאָג אַליין, ווער פירט זיך דאָס אַזוי?

שלמה לויפט מיט אַלע כוחות און ביסלעכווייז הייבן אָן אַרויסשווי־מען אים אַקעגן לעמפּעלעך, סילועטן פון הויכע קוימענס, דעכער... נאָך פון דער ווייטנס האָט שלמה באַמערקט צוויי פיגורן און זיך געלאָזט לויפן גלייך צו זיי. איינע פון די פיגורן האָט אים שוין אויך באַמערקט און זיך געלאָזט אים אַקעגן. דאָס איז געווען מרים. זי האָט אים גלייך גענומען ביי דער האַנט:

— שלמה, איר שטעלט אייך גאָר נישט פאָר, וואָס מיר האָבן שוין איבערגעקלערט וועגן אייך.

— מרים, איר שטעלט אייך גאָר נישט פאָר, ווי דאָס טוט מיר וויי...

— מילא, אַבי עס איז אַלץ בשלום. וואָס זשע, פון דעסט וועגן, האָט איר דאַרפן געטון אַזוי לאַנג אַליין?

— גלייבט מיר, איך ווייס אַליין נישט. איך האָב אָפּגעדאַוונט און מער געדענק איך גאַרנישט, ביז איך האָב דערהערט אייער קול.

— אפשר זענט איר אַ לאַמעדוואָווניק און זאָגט נישט אויס?

שלמה צעלאַכט זיך אויפן קול:

— וואָס פרעגט איר? אַ פראַגע נאָך, צי איך בין אַ ל״ו־ניק?

ער שלאָגט זיך אַליין איבער:

— יאָ, זאָגט נאָר, ווער איז די צווייטע פיגור, וואָס איז געשטאַנען מיט אייך?

— די באָבע. זיי האָבן מורא געהאַט מיך אַליין צו לאָזן אין די בערג.

— וואָס זשע שטייען מיר? קומט! עס איז נישט קיין דרך־ארץ צו לאָזן זי וואַרטן.

שלמה אַנטשולדיקט זיך הונדערט מאָל פאַר דער אַלטער. מרים זעצט איר איבער וואָרט נאָך וואָרט, יענע שאָקלט מיטן קאָפּ: מוחל, מוחל...

ביז זייער הויף איז מער פון אַ האַלבן קילאָמעטער. זיי גייען און שווייגן. פּלוצלינג ווענדעט זיך מרים צו שלמהן:

— ווען איך זאָל ווייסן, אַז איר וועט נישט לאַכן פון מיר, וואָלט איך אייך עפּעס געזאָגט.

— מרים, וואָס רעדט איר? איך, פון אייך — לאַכן?

— איי, זאָל שוין זיין... נישט אַלע נאַרישקייטן דאַרף מען דערציילן.

— מרים, וואָס אייך קען זיך אויסווייזן פאַר אַ נאַרישקייט, איז ביי מיר זיכער אַ חכמה...

— ניין, איך וועל נישט זאָגן, עס האָט זיך מיר שוין איבערגעוואָלט.

— נו, איך בעט אייך, זאָגט וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן.

— איי, איך וויל נישט. דערציילט איר בעסער וואָס עס נישט איז.

שלמה שטעלט זיך אָפּ. די פרויען שטעלן זיך אויך אָפּ און קוקן אויף אים דערשטוינט.

— מרים, אויב איר דערציילט מיר נישט דאָס נאַרישקייט, וואָס איר האָט פריער געוואָלט דערציילן, גיי איך נישט מיט אייך אַהיים!

דער גאַנצער כשוף פון דער מזרח־נאַכט האָט זיך פאַרקליבן אויף מרימס געטלעך־שיין פנימל. דער ווילע באַטראַכט זי אים ליבלעך־פאַרחי־דושט און מיט אַ מאָל צעשרייט זי זיך אויף אים:

— וואָס פאַר אַ מענטש זענט איר? אָדער איר ווערט פאַרפאַלן אין די בערג אָדער איר שטעלט זיך אָפּ אין מיטן וועג און ווילט נישט גיין. איר שטרייקט גאָר! נו, קומט, קומט! איך וועל אייך זאָגן, וועט איר האָבן פון וואָס צו לאַכן. אַז איר האָט זיך אַנטפּלעקט פון דעם נעפּל אויף דער לבנה־שיין און האָט אַראָפּגענידערט פון דעם באַרג, האָט איר אויסגעזען ווי משה רבנו, בעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג סיני און האָט געשיינט. דאָס בילד איז געווען אַזוי וווּנדערלעך און פאַרכטיק, אַז איך האָב מיט מיינע נאַרישע אויגן געזוכט די לוחות אין אייערע הענט. נו, האָט איר שוין אַ מאָל געהערט אַ גרעסער משוגעת? נאָר זאָגט דעם אמת!

שלמה האָט אומבאַמערקט פאַר דער אַלטער איר אַ דריק געטון די האַנט. זי האָט אויף אים אַ פינקל געטון מיט אירע הימל־אויגן, און פאַר־שעמט זיך אַראָפּגעלאָזט.

— איצט, וויל איך אייך עפּעס פרעגן, מרים, נאָר זאָגט מיר צו צו ענטפערן דעם ריינעם אמת, נישט פּרוּוון פאַררעדן די ציין.

— איך האָב נישט קיין סודות, איך קען אייך אויף אַלץ ענטפערן.

— זאָגט איר מיר צו צו ענטפערן דעם אמת?

— זאָג איך אייך דאָך, אַז יאָ.

— זאָגט זשע מיר אָט וואָס, מרים: פאַר וואָס, אַז אייער זיידע האָט אָנגעהויבן רעדן פון גבריאלן, איז אייער פנים געוואָרן אַלערליי קאָלירן? אייער זיידע האָט גוט באַמערקט דעם איינדרוק, וואָס אויף אייך מאַכן זיינע רייד, און האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ. וואָס באַטייט דאָס אַלץ?

מרים האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און שטיל געענטפערט:

— שלמה, ווען איר באַפרייט מיך פון מיין וואָרט, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען. איך האָב פון אייך נישט דערוואַרט אַזאַ פראַגע.

— איך וויל אייך דאָס מאָל נישט באַפרייען און זאָג מיך אָפּ פון אייער דאַנקבאַרקייט.

— אָבער וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן צו וויסן אַלע אונדזערע סודות?

— מרים, טייערע מרים, איך קען אייך אין גאַנצן געציילטע שעהן און מיר דאַכט זיך, אַז איך קען אייך שוין פיל־פיל יאָרן!... אַ שמיטה, אַ יובל, אַן אייביקייט...

— נו, שאַ, שאַ, איך וועל אייך זאָגן. אָט דער גבריאל סולימאַנאָוו לויפט מיר שטאַרק נאָך, לאָזט מיך נישט לעבן אויף דער וועלט... איר פאַרשטייט מסתמא, וואָס איך מיין... גאַנצע טעג קריכט ער נישט אַרויס פון אונדזער הויף, נאָר איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. ער פאַלט דעם

זיידן צו די פיס, באַדינט די באָבען און מיך אַליין — איז שוין אָפּגע־רעדט... אַ משוגענער, זאָג איך אייך, און שוין! ער האָט זיך אַריינגע־נומען אין קאָפּ אַריין, אַז איך מוז נאָר זיין זיינע און איך — קען אויף אים נישט קוקן אַזוי ווי אויף אַ שפּין! אַז איך דערהער זיין קול, איז ווי מען זאָל מיט אַ ריב־אייזן דורכפאָרן איבער מיין לייב. פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך וואָלט אים שוין לאַנג דורכגעטריבן צו אַלדי־רוחות, לאָזט אָבער נישט דער זיידע. אָט דער ימח־שמוניק איז דער איינציקער גוטער דורכפירער, וואָס ווייסט אַלע לעבער און אַלע וועגן. הייסט דער זיידע זיך נישט צוהערן צו די אייגענע געפילן און זיין גוט מיט אים. נישט צוזאָגן אים גאָרנישט, כדי ער זאָל זיך נאָך דעם נישט האָבן צו וואָס צו טשעפּען, נאָר נישט אָפּשטויסן אים אין גאַנצן, ווייל ערשטנס קען ער ברוגז ווערן און אויפהערן אַרבעטן ביי אונדז, און נאָך אַזאַ אַרבעטער איז נישטאָ דערווייל, צווייטנס איז דאָס זייער אַ פּראָסטער יונג, אַ גראָ־בע זאַך, האָט דער זיידע אויך אַ ביסל מורא פאַר אים... ווער ווייסט, וואָס אַזאַ יונגאַטש קען אַרויסוואַרפן פאַר אַ שפּיצל, אויב מען זאָל אים צערייצן... הכלל, גייט עס אַזוי... ווי לאַנג דאָס קען זיך נאָך ציען, ווייסט נאָר איין גאָט, נאָר מיר איז דאָס לעבן נישט ניחא. ער הייבט אָן צושטיין מיט זיינע פּרעכע רייד: „גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ, נעם מיך אַרום, קוש מיך...". איך וואָלט זיך דאָס לעבן גענומען, אַזוי מיאוס איז ער מיר. איך קום אַהיים פון אַזאַ שפּאַציר, גיב איך זיך אַ וואָרף אויפן בעט און וויין אָפּ אַ גאַנצן טאָג. דער זיידע זעצט זיך צו צו מיר און וויינט מיט. ער רעדט מיר אויס דאָס האַרץ און אַליין גיסט ער מיט טרערן:
— „מרים, נו וואָס זאָלן מיר טון? מיר זענען ביי אים אין די הענט און מיר מוזן אָנקומען צו אים, קיין אַנדערער איז נאָך דערווייל נישטאָ. יעדער ייד איז מחויב זיך מוסר־נפש זיין פאַר זיינע ברידער און דאָס איז דיין מסירת־נפש... די מוזסט דערווייל ליידן פון אים. האַלט אים פון דער וויטנס, נאָר צערייץ אים נישט שטאַרק. וואָס זאָל מען טון? וואָס זאָל מען טון? דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דיינע טרערן גייען פאַרלוירן... אַזוינע טרערן פון אַזוינע ליידן, וואָס דורך זיי ווערן געראַטעוועט יידישע לעבנס, אַזוינע טרערן ציילט דער אייבערשטער ווי עכטע פּערל און באַ־האַלט זיי ביי זיך אין בוזעם". אָט אַזוי טרייסט ער מיך און אַליין גיסט ער מיט טרערן אויף מיינע צרות...

שלמה איז גערירט עד היסוד בו. ער איז בלאַס און פּליסטערט אַרויס, אַז ס'איז קוים מעגלעך צו דערהערן:

— מרים, אייער זיידע איז אַ הייליקער... אפילו אין משה־רבנוס צייטן וואָלט ער אויך געהייסן אַ הייליקער.

— ווייס איך, איר, וואָס ווייסט איר, וואָס מיין זיידע איז! קיינער ווייסט דאָס נישט אַזוי ווי איך, קיינער קען דאָס נישט ווייסן.

— היינט, איר אַליין? מיר איז אַ בזיון פאַר אייך, פאַר מיין נישטי־קייט. איך בין אַ שנעקל קעגן אייך, אַ גאָרנישט...

— רעדט נישט קיין נארישקייטן, שלמה. הלואי וואָלטן געווען ביי יידן אַ סך אַזעלכע ווי איר... זאָגט מיר, וואָס וואָלט געווען, ווען אַזאַ מיידל ווי איך למשל, קומט קיין קיעוו?

— וואָלטן אַלע געקושט די ערד פון אונטער אייערע פיס.

— איי, איר רעדט נישט צו דער זאַך. איך מיין גאַנץ ערנסט, אייראָ־פעאישע יידישע מיידלעך וואָלטן פון מיר נישט אָפּגעשפּעט ווי פון אַ ווילדער?

— מרים, אויב איר וועט וואַגן נאָך איין מאָל אַזוי רעדן אויף זיך, וועל איך אַנטלויפן פון אייער שטוב. ביי מיר אין די אויגן זענט איר אַזוי גרויס ווי די, וועמענס נאָמען איר טראָגט.

— איי, איר זענט אַ שרעקלעכער היצקאָפּ, איר האַלוצינירט... איך האָב היינטיקן טאָג פיל געטראַכט פון קיעוו. איך וואָלט אַ בעלן געווען דאָרטן צו זיין. נאָר גיי רעד, אַז די בעסטע מענטשן פון דאָרט פאָרן במילא אוועק.

— ווער האָט דאָס אייך געזאָגט? איך האָב נישט געהערט דערפון...

— אָט פאָרט איר דאָך אוועק...

— מרים, טייערע, דאָס האָט איר מיך געמיינט, זאָגנדיק „די בעס־טע“? נארעלע, דאָרט זענען דאָ אַזעלכע, וואָס איך האָב נישט די ווערט דעם שטויב פון זייערע פיס...

— איי, דאָס רעדט איר נאָר אַזוי! איר זענט דערויף נישט באַגלייבט.

אבא־חלקיה האָט די געסט באַגעגנט ביים טויער. די לבנה האָט פון דער ברייטער האַנט אַלץ באַשאָטן מיט זילבער. דער הימל האָט זיך ערגעץ אָפּגעטראָגן אין דער אומענדלעכקייט, איבערלאָזנדיק די שטערן אַליין הענגען און זיך רייצן מיט דער וועלט. דער אַלטיטשקער איז צוגעגאַנגען צו שלמהן און האָט אים גענומען באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס. שלמה האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם אַלטנס שאַרפע בליקן און אונטערטעניק געזאָגט:

— וואָס קוקט איר אויף מיר, ר' אבא־חלקיה? שלאָגט, שמייסט אריין, איך האָב דאָס כשר פאַרדינט.

— איך קוק, צי דו ביסט דער זעלבער וואָס געווען. מיר האָבן גע־רעכנט, אַז דו ביסט שוין גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

— איך האָב נישט קיין ווערטער צו פאַרענטפערן זיך. איך בין זיך אַליין שוין נמאס, פאַר די יסורים, וואָס איך פאַרשאַף אייך היינט.

— דאָס רעדסטו שוין דווקא ווי אַ קינד. נאָר גלאַט, וואָס האָסטו דאָרט געטון אַזוי לאַנג? דו ווייסט כאָטש, וויפל דער זייגער איז?

ער טראָגט אונטער שלמהן אַ גרויסן, ווייסן קעשענע־זייגער. ביי שלמהן רייסט זיך אַרויס אַ ווילדער געשריי:

— אַ פערטל אויף צוויי? גאָט מיינער!

— איז וואָס זשע האָסטו דאָרט געטון? אַליין, ביי נאַכט, אויף די בערג?

— גלייבט מיר, איך ווייס אַליין נישט... איך קען זיך גאָר נישט מוחל זיין.

— דיין זיידע, דער צדיק, האָט זיך צו דיר דאָרט נישט באַוויזן?
— לאַכט פון מיר, לאַכט פון מיר, עס קומט מיר הונדערט מאָל מער.
— נו, ווילסט נישט זאָגן, דאַרף מען נישט. קומט זשע עסן און שלאָפן.
— וואָס הייסט? איר האָט נאָך אויך נישט געגעסן?
— וואָס רעדסטו? מיר האָבן אַ גאַסט און ווען עסן אַליין?
— אָך, ווען איך קען, וואָלט איך זיך אַליין דערלאַנגט צוויי פּעטש אין די באַקן. איך וועל גאָר, דאַכט זיך, קיין כפרה נישט האָבן פאַר אייערע אומזיסטיקע יסורים.
ביים טיש זאָגט ר׳ אבא־חלקיה:
— שלמה, דו ביסט שטאַרק שלעפעריק?
— עס איז מיר אַ בזיון צו דערציילן, נאָר איך האָב מיך אויפן באַרג אַזוי אויסגעשלאָפן, אַז איך בין גאָרנישט שלעפעריק.
— צי דו ביסט דאָרט טאַקע געשלאָפן, צי דו זאָגסט נאָר אַזוי, דאָס איז דיין זאַך. נאָר אויב דו ביסט נישט שלעפעריק, וועלן מיר זיך אויס־טון און זיך לייגן אין די בעטן אַריין — דו שלאָפסט טאַקע דאָ אין דעם צימער, אַקעגן מיר — און וועסט דערציילן כאָטש איין מעשה פון דיין זיידן, דעם צדיק.
— אָך! מיטן גרעסטן כבוד. אפילו דריי, נישט נאָר איינע.
ביי מרימען צינדן זיך אָן די אויגן:
— זיידע, איך וויל אויך נישט שלאָפן, איך וויל אויך הערן.
— דו דאַרפסט דאָך פאָרן אין דער פרי אין קאָלכאָז אַריין, וואָס גלוסט זיך דיר?
— וואָס אַרט דיך, איך בין גאָרנישט שלעפעריק, אפילו קיין קאָפּ אויך נישט.
שלמה איז נייגעריק צו וויסן:
— ר׳ אבא־חלקיה, פאַר וואָס וווינט איר נישט אונטן?
— ווינטער, אַז מען דאַרף הייצן דעם סאַנדאַל*, וווינען מיר טאַ־קע אונטן, און זומער, אַז די באַרג־לופט איז מחיה־נפשות — פון אויבן. נו, מרים, דערלאַנג מים־אחרונים און בעט אונדז אויס!
אין דרויסן איז שוין געוועזן בלאָ, העכער זענען זיך שוין פאַרגאַנגען אויף קולי־קולות, — אין די נאָענטע קישלאַקן, ערגעץ אין דער נידער, האָבן זיי געזונגען אין באַזונדערע כאָרן, — ווען שלמה האָט געפועלט ביים זיידן מיטן אייניקל, אַז אויף היינט זאָל שוין זיין גענוג מעשות.
מרים האָט זיך מיט אַ קרעכץ אויפגעהויבן, איינגעדעקט איר זיידן די אַלטע ביינער און געוואָרפן אַ ווארעמען קוק אויף שלמהן. באַגעגענענ־דיק זיך מיט זיינע בליקן, האָט זי מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:
— נו, אַ גוטן טאָג אייך, שלמה, אַ דאַנק פאַר אַן אָנגענעמער שעה.

---

* אַזאַ גריבל אין מיטן שטוב, ווו מען הייצט מיט קוילן. דער אייבציקער מין הרובע אין די אַזיאַטישע לענדער.

קאפיטל VII

עס האָבן זיך אוועקגעצויגן לאַנגע זומערטעג אין דערוואַרטונג. אַלע פּאַרמאַליטעטן זענען שוין לאַנג געווען אויסגעפּילט. שלמה האָט שוין עטלעכע מאָל באַזוכט דעם יידישן קאָלכאָז, וועלכער געפינט זיך זעקס קילאָמעטער פון שטאָט. געפרווט פאָרן אַהין, אי רייטנדיק אויף אַ פערד, אי אויף אַן אייזל, אי צו פוס גיין, און איין מאָל אַפילו, צוריק אין שטאָט אַריין, מיט חזקיהס יינגערן זון, אויף אַ קעמל. דאָס ערשטע מאָל, אַז דאָס קעמל האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן שפּאַנען, האָט זיך שלמהן געדאַכט, אַז די ערד איז ערגעץ פאַרשוווּנדן און ער פליט גלייך אין הימל אַריין. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט און דורכפאָרנ־דיק פאַרביי יאַגודאַיעוס הויף נישט געלאָזט דאָס יינגל מאַכן־קניען דאָס קעמל, נאָר ער איז אַליין אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד, און געבליבן גאַנץ. מרים, וואָס האָט גראָד דאַמאָלסט געהאַלטן אין איבערשאָרן די ראָזשינקעס, וואָס האָבן זיך געטרוקנט קעגן דער זון און האָט צוגעזען די גאַנצע סצענע, האָט אים באַגעגנט מיט די ווערטער:

— פון אַזאַ קונץ, ווי איר האָט ערשט באַוויזן, קענט איר זיך אַ מאָל פאַרשפּאָרן אַ גאַנג.

— וווּהין איז אַ גאַנג?

— קיין ארץ־ישראל! מען קען זיך צעברעכן אַ פוס און פאַרשפּאָרן גיין ווייטער!

— אָבער איר וואָלט מיך דאַמאָלסט אויך נישט אַרויסגעיאָגט? איז שוין דאָס אומגליק נישט אַזוי גרויס און מען קען ווייטער שפּרינגען...

— ביי אייך איז אַלץ אַ געלעכטער... באַלד עפּעס — חכמעט איר זיך...

— מרים, איך וועל דאָך צוויי מאָל אין מיין לעבן קיין צוויי און צוואַנציק יאָר נישט אַלט זיין. איך האָב אַ צואה פונעם ערשטן שלמהן: שמח בחור בילדותך...

לאַנגע שעהן, ביי טאָג, פאַר נאַכט און גאַנצע אויפדערנאַכטן, ביזן ווייסן טאָג אַריין, פלעגט שלמה זיי דערציילן מעשות פון דער גמרא, עפּיזאָדן פון דער יידישער געשיכטע און חסידישע מעשות. זעלטן ווען פלעגט אויך די אַלטע זיך אוועקזעצן אויף דער שוועל, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין דער טיר און מיט גאָרנישט פאַרשטייענדיקע אויגן קוקן אויפן דערציילער. קוקן, קוקן, און פלוצלינג זיך אויפהייבן און אוועקגיין צו זיך. נאָר דאָס רוב פלעגט ר׳ אבא־חלקיה נאָך דער וועטשערע זיך פאַר־קלייבן אויף די וואַטענע קאָלדרעס, אָנשפּאַרן זיין איבערגעאַקערטן שטערן אויף דער האַנט און מיט גלייביקע, קינדערישע אויגן, צוגעשמידט ווערן צו שלמהס פּנים. ביי זיינע פיס — אין אַ היימישן גלאַט־רויטן זיידענעם כאַלאַט, אויפגענייט ווי אַ קיטל, אָן אַ פאַרם — זיצט מרים מיט די

באָרוועסע פיס אונטער זיך, זי האַלט אין איין פאַרפלעכטן און צעפלעכטן אירע שוואַרצע צעפּ. קיין איין קוק אויף שלמהן גיט זי נישט, נאָר שלמה זעט נאָכן ציטער פון אירע וויעס, נאָכן אָפּטן אָטעמען מיט די נאָזלעכער, אַז זי וועט קיין איין וואָרט פון זיינע רייד נישט דורכלאָזן. שלמה נעמט זיך דאָס קליינע בענקעלע און דרייט איין דאָס לעמפּל. אין שטוב צעשפּרייטן זיך באַלד בלאַסע לבנה־פּאַסן. אַ טייל פון צימער איז מיט גאָלד באַלויכטן פון דעם לעמפּל, אַ טייל — מיט זילבער פון דער לבנה, און די גרעסטע טייל איז פאַרלוירן אין שוואַרצן שאָטן און עקזיסטירט נישט. שלמה זעט פאַר זיך צוויי פּאָר הונגעריקע אויגן. פון זייער שטומער אומגעדולדיקייט, ווערט אים מאָדנע זיס אויף דער נשמה און ער הייבט אָן דערציילן. אין פאַרטונקלטן צימער וועבן זיך פאַנטאַסטישע בילדער, עס לעבן אויף פאַרצייטישע מענטשן און פאַרצייטישע געשעענישן. די קאָמבינירטע באַלויכטונג העלפט מיט דער פאַנטאַזיע, שאַפט אַן איינדרוק, ווי דאָס דערציילטע זאָל איצט פאָרקומען פאַר זייערע אויגן, אין אָט דעם צימער טאַקע.

— ...און דער בעל־שם־טוב הייסט אָלעקסען זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו די פאַרשווינען און לאָזן די פערד אַליין גיין... נישקשה, יענע סוסים האָבן נישט געדאַרפט קיין מורה־דרך, זיי וועלן אַליין אויך נישט פאַרבלאָנדזשען... די פערד טראָגן זיך ווי די אָדלערס וואַלד־אויס, וואַלד־איין, איבער שטעט און איבער דערפער. פּלוצלינג באַמערקט מען אין מיטן וואַלד אַ הילצערן הייזל און אויפן בוידעמל לייכט זיך... דער בעל־שם־טוב גיט אַ ווונק — די פערד שטעלן זיך אָפּ. דאָס ליכטל אויפן בוידעמל ווערט אויגנבליקלעך אויסגעלאָשן. דאָס הייזל שלאָפט... דער וואַלד שלאָפט... די גאַנצע וועלט שלאָפט...

שלמה זעט, דער זיידע מיטן אייניקל זענען אויך אויפן וואָגן מיט אָלעקסען, זייערע נשמות זענען דאָ נישטאָ, זיי זענען דאָרט אין וואַלד.

— ...די פרילינגס־זון האָט זיך אָנגעהויבן בייגן אויף מערב, אַלץ נידעריקער און נידעריקער... די שווערע גלעקער פון קאָרדאָווער קלויסטערס האָבן שווידערלעך געשפּאַלטן די פאַרנאַכטיקע לופט, געריסן דאָס לייב, געוואָרגן די נשמה, אונטערגעהאַקט די פיס. דאָן מיגועל־דע־ליאָן האָט מיט טיפן צער אַ קוק געטון אויף זיין פרוי, זיין פרוי — אויף אים, ביידע — אויף די קינדער, קיין ווערטער האָט מען נישט באַדאַרפט, מען האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אַזוי אויך... צום גאַניק איז צוגעפאָרן אַן עקיפּאַזש און זיי זענען מיט בלוט אין די אויגן אַוועקגעפאָרן אין קלויסטער אַריין. זיי טאָרן נישט פאַרפעלן זיין צו דער תפילה... מען קוקט זיי נאָך. אומגעקערט זיך אַהיים אין דער באַגלייטונג פון הויכגעשטעלטע געסט, זיצט מען, פאַרברענגט מען, טאַנצט מען... ווען עמעצער זאָל אַ קוק טון צו די בעלי־בתים אין האַרצן אַריין, וואָלט ער געזען: בלוט גיסט זיך דאָרט... זייער גאַנץ חיות עקט זיך, זייער נשמה צאַנקט ווי אַ ליכט, פאַר ווייטיק, פאַר פאַרשטיקטן צער. נאָר אָט איז האַלבע נאַכט...

די געסט צעפּאָרן זיך. די קאַנדעלאַבערס — אויסגעלאָשן. די לאָדן — צו. מיגועל גייט אַרום אויפן גאַניקל — ש־שאַ! קאַרדאָווע זינקט אין אַ שיכורן שלאָף... גוט, אַצינד איז די פּאַסיקסטע צייט! איינציקווייז לאָזן זיך זיינע בני־בית אַראָפּ אין אַן אונטערערדישער הייל, עס ווערן אָנגעצונדן ליכט. אויפן טיש — מצות, וויין, אַ קערה... דער פּאָטער טוט אָן דעם קיטל, ווײנט זיך גוט אויס, און זאָגט: כהא לחמא עניא... דער טישטעך איז אויסגעווייקט פון טרערן... דאָס גאַנצע ביטערניש פון זייער האַרצן ווערט דאָ אויסגעגאָסן, פאַר די יום־טובדיקע ליכט. אָט שטעלט זיך אויף דאָן מיגועל מיטן כוס אין דער האַנט, די אויגן פאַרגלאַנצט צום הימל, די פרייע האַנט אין אַ פויסט, ער הייבט אים אויף צום הימל און שרייט אויס: שפוך חמתך אל הגוים... און אין דער זעלבער מינוט דערהערט זיך אַ קלינגען פון געווער און שווערע טריט הינטער דער סאַמע טיר... דאָן מיגועל גיט אַ וואָרף דעם טיש צום אַריינגאַנג אין דער הייל. די ליכט פאַלן אַראָפּ, לעשן זיך אויס, די כוסות צעברעכן זיך מיט אַ געבראַזג, עס עפנט זיך אין דער וואַנט אַ געהיימע טיר, נאָך אַ מינוט און אַלע זענען געראַטעוועט... נאָר פלוצלינג —

שלמה זעט, אַז דער זיידע מיטן אייניקל זענען אויך דאָרט מיט די מאַראַנען אין קעלער. זיי אָטעמען נישט, נאָר די אויגן ברענען מיט אַ פיבערדיקן פייער.

— ...די געפאַנגענע יינגעלעך האָט מען צונויפגעקוועטשט אין אַ שמאָל ענג צימערל אויף דער פּאָליציי... דאָס יינגעלע וויינט, יענץ — רייסט פון זיך שטיקער, דאָס דריטע שלאָפט אין שטייענדיק, רופנדיק בעת־מעשה די מוטער... ביי נאַכט באַגנבעט דער צדיק זיין אייגן צימער, נאַכטוועכטער פּאַקן אים, ווען ער קריכט מיט אַ זאַק פונעם פענצטער און ער ווערט ביז עפּעס וואָס אַריינגעשליידערט אין צייטווייליקן אָסטראָג צו די יינגעלעך... — „קינדערלעך — זאָגט ער זיי — מאָרגן פירט מען אייך אַוועק, אייך שטייט פאַר אַ שווערער וועג, אַ שווער לעבן... מען וועט אייך שלאָגן, קאַטעווען, מיט גוואַלד אייך אָפּרייסן פון יידישן גאָט... אַליץ זאָלט איר נאָכגעבן, נאָר אַבי לעבן בלייבן... מען וועט אייך געבן טריפות — עסט! מען וועט אייך געבן חמץ אום פסח? — עסט! וואָס מען וועט אייך הייסן, זאָלט איר טון, איר זענט שוואַכינקע ווערעמלעך און יענע — זענען געזונטע גויים, אייזערנע!... נאָר איין זאַך זאָלט איר היטן מער פון אייער לעבן — אייער גלויבן, דעם יידישן גלויבן... דאָס זאָלט איר נישט אָפּגעבן... אפילו ביי טויטגעפאַר זאָלט איר דאָס רענדל נישט איבערבייטן... אין צען יאָר אַרום, צי אין צוואַנציק, צי אין דרייסיק — אַליץ איינס, נאָר איר זאָלט זיך אומקערן אַהיים — יידן". צו מאָרגנס האָט מען די קינדער אָפּגעפירט. מאַמעס האָבן זיך דערביי די האָר פון קאָפּ אויסגעריסן. ביי די רעדער פון וואָגן זיך נאָכגעשלעפּט. עס האָט זיי אָבער גאָר נישט געהאָלפן. דאָס יינגעלע, יאַנקעלע, האָט געהאַט אויסצושטיין געברענטע לייד... הונגער, קלעפּ, ביי אַ פראָסט, ווען עס שפּריצט

בלוט פון די פינגער — נאָקעט אויף דער גאַס ארויסגעטריבן... וואָס האָט מען אים נישט געטון!... אָבער ביי זיין יידישקייט איז ער פאַרבליבן... עס זענען איבערגעלאָפן פינף יאָר, צען יאָר, פופצן יאָר... יאַנקעלע איז שוין א סאָלדאַט, א „פאָניע" גלייך מיט אַלע, אָבער — דאָך נישט גלייך מיט אַלע... מיט גאָט אין הארצן... ביי יעדן נסיון שטעלט זיך אים אַוועק פאַר די אויגן דער צדיק... ער זאָגט גאָרנישט, ער קוקט נאָר ליבלעך אויף אים... און יאַנקעלע פון זיין קוקן — בלייבט א ייד... ער דינט שוין אין די סאָלדאַטן דריי יאָר, אַכט יאָר, פופצן יאָר. אַנדערע, וואָס האָבן זיך געשמדט, זענען שוין לאַנג אָפּיצערן אָדער באַפרייט געוואָרן פון מילי־טער, האָבן שוין ווייב און קינדער... און יאַנקעלע איז נאָך אַלץ א פּראָס־טער סאָלדאַט, קעמט די פערד, וואַשט די פּאָלן, רייניקט די בית־הצניעותן... ער כאַפּט קלעפּ, וויפל עס גייט אין אים אריין... ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן, דער לייגט צו א האַנט צו אים... עס איז א מצוה, ער איז דאָך א ייד! און ער שווייגט. ליידט און שווייגט... אין קישן וויינט ער זיך אויס פאַר דער געשטאַלט פונעם צדיק און דער צדיק זאָגט גאָרנישט, ער קוקט נאָר... קוקט — און זיינע אויגן שמייכלען: „גוט אַזוי, גוט אַזוי"... שוין צוואַנציק יאָר, שוין פינף און צוואַנציק יאָר, שוין דרייסיק יאָר... יאַנקעלען באַפרייט מען נישט... וואָס אַרט זיי, אַז ער וואַלגערט זיך דאָ? עס קאָסט זיי טייער? צי עס איז קיין ארבעט פאַר אים נישטאָ?... אַן אַלטער, א צעבראָכענער, מיט א גרויען קאָפּ, קערט זיך יאַנקעלע סוף־כל־סוף אום אין זיין שטאָט אריין... פון קיינעם איז אפילו קיין זכר נישטאָ... נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַמע, נישט קיין ברודער, נישט קיין שוועסטער... צעפאָרן זיך ערגעץ קיין אַמעריקע, צי וווהין... א חורבן... הערט ער, אַז ערגעץ נישט ווייט לעבט אַן עתיק, א צדיק... פאָרט ער צום צדיק... ער גיט דעם צדיק „שלום" און די האַנט ציט־טערט ביי אים... באַקאַנטע אויגן... ווו האָט ער געזען אָט די אויגן? דער צדיק קוקט אויף אים און פרעגט אים צאַרט ווי א פאָטער: — „שווער געווען, יאַנקעלע, האַ? זייער שווער"?... באַרעכנט, „ער" האָט אים דערקענט... אין פופציק יאָר ארום — און דערקענט...

שלמה זעט, אַז דער זיידע מיטן אייניקל זענען נישט אויף דעם עולם. דאָס לעמפּל צאַנקט נאָך קוים־קוים. קיין לבנה איז שוין לאַנג נישטאָ, אַנ־שטאָט איר, קוקט אריין א רויטיקער פרימאָרגן אין פענצטער. דער מזרח באַפאַרבט זיך. באַלד וועט די גאַנצע וועלט שוין אויפוואַכן, זיך נעמען צו וואָכעדיקע עסקים, אָבער אין דעם צימער ביי די יאַגודאיעווס באַ־מערקט מען דאָס אַלץ נישט. די דורשטיקע אויגן זענען נאָך אַנגעצילט אין שלמהס פנים, די מיילער — אָפן, די הערצער — קלאַפּן האַסטיק. שלמה ווערט אַנטשוויגן. אויף זייערע פרעגנדיקע בליקן ווייזט ער זיי אָן אויפן פענצטער: גרויסער טאָג! דער זיידע מיטן אייניקל קוקן זיך אי־בער, גלייבן זיך נאָך אַלץ נישט, אַז אָט דאָס איז דאָס שוין. מרים גייט

פאַרטראַכט אוועק אין איר האַלבער שטוב אריין. די מאַנסבילן שפּאַרן זיך צו, כאַפּן אַ דרימל.

ביי טאָג גייט מען שניידן וויינטרויבן פונעם זיידנס אייגענעם גאָרטן. דעם זיידן אַליין לאָזט מען איבער אין שטוב און שלמה מיט די ווייבער גייען צו דער אַרבעט. זיי שניידן די וויינטרויבן און שלמה טראָגט צונויף און לייגט צונויף. גייענדיק אַהיים מיט די פולע קוישן איז זיך אים מרים מודה:

— איר ווייסט, שלמה, אַז איר וועט אַוועקגיין, וועט אונדז שרעקלעך אומעטיק ווערן. איר זענט דאָ ערשט דריי, פיר טעג, און אונדז אַלע דאַכט זיך, ווי איר זאָלט שוין זיין ביי אונדז דריי, פיר חדשים. פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ כח: גיך צוגעוווינען מענטשן צו זיך... יאָ, איר וועט אונדז שוין שטאַרק אויספעלן... מילא, דער זיידע גייט כאָטש אין מנין, אָבער מיר וועט זייער אומעטיק ווערן. באַזונדערס די נעכט...

— מרים, און איר מיינט, אַז מיר איז גרינג פון אייך זיך צו שיידן? אייער זיידע איז ביי מיר ווי מיין זיידע — און איר אַליין? ווי מיר וואָלטן פון קינדווייז אָן אויפגעוואַקסן צוזאַמען.

מרים האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט. אויף איר פּנים בלאַנדזשעט אַ ביטער שמייכעלע. מיט אַ טרוימענדיק קול זאָגט זי שטיל:

— ווען איר וועט אַוועקגיין, וועלן מיר אייערע דערציילונגען דער־מאָנען אין אייך, וועט מיר זיין גרינגער איבערצוטראָגן מיין ביטערן גורל.

— מרים, זייט נישט בייז אויף מיר, נאָר איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

— פרעגט וואָס איר ווילט, איך האָב פאַר אייך שוין לאַנג קיין סודות נישט.

— זאָגט מיר, מרים, וואָס וועט טאַקע זיין דער סוף מיט גבריאלן?

— אוי, שלמה, איך ווייס אויך נישט...

— אָבער יעדע זאַך מוז דאָך האָבן עפּעס אַן אויסוועג, אַ תכלית?

— אפשר וועט גאָט העלפן, ער וועט אַ צווייטע בעסער ליב באַקו־מען און אין מיר פאַרגעסן.

— מרים, טייערע, גראָד אין דעם נס גלייב איך ווייניקער ווי אין אַלץ...

— אויף וואָס דען אַנדערש קען איך האָפן? איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען. אַט דאָס וועט זיין דער סוף. איך ווייס נאָר נישט ווען.

— מרים, וואָס פאַר אַ נאַרישע רייד רעדסטו עפּעס?

— דאָס זענען נישט קיין נאַרישע רייד, שלמה.

— גאָט מיינער! עס איז דיך שרעקלעך צו הערן! דו פאַרגעסט אין גאַנצן אין דיין זיידע־באָבע... אין זיך... ווי אַזוי גלייבסטו נישט אין אַזאַ פּשוטן אמת: אויב גאָט האָט דיך באַשאַפן אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ שיי־נע, מיינט ער דאָך אודאי דיר געבן אויך אַ גליקלעך לעבן. מען דאַרף נאָר זיין געדולדיק...

— עפּעס זעט מען נישט דאָס גליקלעכע לעבן, שלמה. פון וואַנען

וועט זיך עס צו מיר נעמען? אט נאך אין א פאר טעג ארום דארף „ער" שוין אנקומען פון וועג. עס ווערט מיר שוין טונקל אין די אויגן, ווען איך דערמאן מיך נאר, אז איך וועל מוזן גיין מיט אים שפאצירן, און גיין וויל ער דווקא אין די בערג, וווּ קיינער גייט נישט... אמת, עס העלפט אים טאקע נישט... אבער וויפל איך האב פון אים אויסצושטיין... גליקלעכע טעג ביי מיר, ווען ער איז אין וועג. גאט מיינער! ווי איך האב אים פיינט... ווי איך קען אים נישט לײַדן לעבן זיך...

— מרים, הערט אויף צו וויינען, דאס הארץ צערייסט זיך אין מיר אויף שטיקער. איך וואלט מיין לעבן אפגעגעבן, אבי פארבעסערן אייער לאגע...

— דאס ווייס איך אליין, אז איר האט א גאלדן הארץ...

ווען דער זיידע איז ערגעץ פארנומען, גייט מרים מיט שלמהן אים באַ־ווייזן די שטאט. דורכגעגאנגען איין מאל מיט אים דורך דעם מארק, זעט זי, אז שלמה קויפט עטלעכע ליכט מיט שוועבעלעך.

— צו וואס דארפט איר דאס אלץ?

— כ'ווייס אויך נישט, נאר אונטערוועגנס קומט א מאל צו נוץ...

קאפיטל VIII

אין יענעם אויפדערנאכט האט דעם זיידן עפעס ווי געטון דער קאפ און מען האט פאר פרי געמאכט נאכט. אין דער פרויען־אפטיילונג איז אויך שטיל געווען. שלמה האט זיך אויפגעכאפט נאכן ערשטן דרימל, גע־נומען דאס זייגערל פונעם טיש: האלב איינס. נאך אזוי פרי, און קיין שלאף נעמט אים עפעס נישט. ער טוט זיך אן שטיל, נעמט זיין מאנטל, ליכט מיט שוועבעלעך און אויף די שפיץ פינגער שלייכט ער ארויס אין קארידאר. מיט א מאל דאכט זיך אים, אז אין דעם קעגנאיבערדיקן צימער האט עפעס א שארך געטון. דאס הארץ גיט זיך אין אים א שטעל אפ. ניין, עס איז שטיל. עס האט זיך אים נאר אויסגעוויזן. אין דער פינצטער טאפט ער אן א ליידיקן זאק, נעמט אים אראפ פון צוואק. מיט צונויפגעדריקטע ציין מאכט ער א ביסל אויף די טיר פון קארידאר, און שטיל ווי א קאץ, לאזט ער זיך אראפ פון די טרעפ.

וואשנדיק זיך ביים ברונעם, האט ער א געפיל, ווי עמעצער זאל שפירן נאך אים מיט די אויגן. ער כאפט א קוק אויפן פענצטער פון זיין צימער, פונעם צווייטן צימער — מען שלאפט. אלע שלאפן. ער ווישט זיך אפ מיטן טיכעלע, נעמט אן א הויפן אש אין אויוון, וואס שטייט אויפן הויף, און לאזט זיך גיין אויף לינקס הינטער דער שטוב. דארט אקעגן דער סוכה שטייט אן אלטע חורבה פארוואקסן מיט סאקסאול * און מיט אטשערעט. שלמה רוימט זיך אויף א שטיקל פלאץ, צינדט אן א ליכט און שמעלצט עס איין אויף א שטיקל קלאץ,ווארפט ארויף זיין מאנטל אויף דער צורת הפתח פון דעם ביידל, כדי די שיין זאל נישט שלאגן אין הויף אריין, בינדט ארום דעם זאק ביי די לענדן, זעצט זיך אויף דער ערד, שיט ארויף דעם אש אויפן ארט פונעם של־ראש, און אין גאנצן אריבערטראגנדיק זיך אין זיין קינדהייט, הייבט ער אן צו זאגן „תיקון־חצות".

די נאכט איז שטיל. דער הימל ברוגז, פארבלאזן. קיין לבנה איז ניש־טא, נאר עס איז שטיל, ווארעם, שטיקנדיק. שלמה זאגט די תפילות מיט געפיל, מיט הארץ, מיט טרערן. געענדיקט „תיקון־חצות", עפנט ער דאס תהילימל, הייבט אן: אשרי האיש... עס דויערט נישט לאנג, ווי ער מוז איבעררייסן. אים דאכט זיך, אז אין סוכה האט עפעס א קלאפ געטון. ער הייבט אויף מיט א שטעקן דעם מאנטל, קוקט זיך איין אין דער פינצטער־ניש: יא, ער מעג שווערן, אז ער זעט עפעס א גלאנצנדיקס צווישן די צווייגן פון דער סוכה... וואס קען דאס זיין? א פויל שטיקל האלץ? אפשר א שטיקל גלאז? א קאץ? ער פילט זיך אויפצוהייבן און וואס גייט עס אים אן? ער לאזט אראפ דעם מאנטל און זאגט ווייטער. עס גייען אוועק עטלעכע מינוט און אים לאזט עפעס נישט צו רו אט דאס גלאנצנדיקע

---

* אזא מין סוקעוואטע האלץ אין מיטל־אזיע.

אין סוכה. ווידער הייבט ער אויף דעם מאַנטל. די ערשטע פּאָר מינוט זע־נען זיינע אויגן געוווינט מיטן ליכט, זעט ער גאָרנישט. נאָר שפּעטער ווייזט זיך אים אויס, אַז נישט איין גלאַנצנדיקס זעט ער, נאָר צוויי, עפּעס אַזוי ענלעך אויף מענטשישע אויגן... ער לאַכט אַליין פון זיך:

— נו, ווי שעמסטו זיך נישט צו גלייבן אין אַזעלכע נאַרישקייטן? וואָס איז דאָס, ווילסטו זאָגן? אַ גלגול? אַ דיבוק? אַ נישט־גוטער? גיי אומיסטן צו, ועסטו אַליין זען, אַז דאָס זענען האַלוציגאַציעס.

נישט אַראָפּגעמענדיק קיין אויג פון דעם „דיבוק", הייבט ער זיך אויף, נעמט דאָס ליכט אין די הענט און באַווייזט נאָך נישט צו מאַכן דעם ערשטן שפּאַן — שוין! אוים גלאַנצנדיקס! קיין שום זאַך זעט ער שוין נישט. אַ וואַנט ווי אַ וואַנט, פון עטלעכע דרענגלעך, פון אָרומגעפליקטע צווייגן, שיטער געפלאָכטן און מער גאָרנישט. ער שמעלצט ווידער איין דאָס ליכט, זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט, וויל שוין אַראָפּלאָזן דעם מאַנטל, נאָר ווי אויף צו להכעיס דאַכט זיך אים ווידער, אַז צוויי גרוי־סע אויגן קוקן גלייך אויף אים...

עפּעס גיט זיך אין אים אַ בייזער:

— וואָס גייסטו אַראָפּ פונעם זינען? אָדער זאָג תהילים, אָדער גיי שלאָפן!

ער לאָזט אַנטשלאָסן אַראָפּ דעם מאַנטל און ווידער גיסט זיך זיין קול ווי בוימל אין דער שטילקייט פון דער סודותפולער נאַכט: מיט געבעט, מיט בענקעניש, מיט געוויין.

ווען ער הייבט זיך אויף פון דער ערד און לעשט אויס דאָס ליכט, איז נאָך אין דרויסן שטאָק־נאַכט. קיין כמאַרעס זעט מען נישט מער, נאָר קיין לבנה איז אויך נישטאָ. ווייזט אויס, באַלד דאַרף שוין טאָג ווערן. ער הייבט זיך שטיל אויף אויף דער לייטער און טרעט אויף עפּעס אַרויף. ער הייבט עפּעס אויף פון דעם טרעפּל און קוקט זיך איין: אַ לעדערנער שטעקשוך. מרימס אַ געלער שטעקשוך. — ווי קומט ער אַהער? פּאַר וואָס האָט ער אים נישט באַמערקט אַראָפּגייענדיק פון דער לייטער? אַ פּנים, ווייל ער האָט נישט געקוקט אונטער די פיס. ער נעמט דעם שטעק־שוך, שטיל ווי אַ קאַץ גליטשט ער זיך אַריין אין קאָרידאָר, שטעלט אַוועק דעם שטעקשוך ביי דער אַקעגנאַיבערדיקער טיר און גייט אַריין צו זיך אין צימער. דאָרט איז אַלץ, ווי ער האָט געלאָזן. ר' אבא־חלקיה שלאָפט צעוואָרפן די הענט מיט די פיס, אויפן פּנים — אַן אַנגסטלעכע מינע, ווייזט אויס, נישט קיין פרייליכע חלומות זעט דער אַלטער אין שלאָף. שלמה טוט זיך אויס, וויקלט זיך איין אין זיין קאָלדרע. אין זיין שלע־פעריקן מח פּלאָנטערט זיך אַ געדאַנק:

— ווען האָט זי געקענט פאַרלירן דעם שטעקשוך, אַז פאַרן שלאָפן גיין האָב איך זי געזען אין בײדע?

זיין מח אַרבעט שוין נישט. שלעפעריק שווימען נאָך דאָרט אַרום

האַלבע פּסוקים פון תהילים. ער זעט עפּעס ענלעכס אויף אַן אויג און שלאָפט איין געשמאַק.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערהערט, איז געווען מרימס שעפּטשענדיק קול:

— ש־ש־שאַ, באָבע, זאָל זיין שטיל, מען דאַרף אים נישט וועקן.

ער כאַפּט בגנבה אַ קוק אין פענצטער, די זון איז שוין באַלד אין מיטן הימל. עס קער שוין זיין זייער שפּעט. ר׳ אבא־חלקיה איז נישטאָ אין דער היים און אים ווילט זיך נאָך טאַקע אַ ביסל אונסגלייכן די ביינער. ער ניורעט זיך איין אין דער קאָלדרע, נישט חלילה כדי צו שלאָפן, נאָר אַזוי אַ ביסל... ער בלייבט ליגן אין אַ האַלב־דרימלענדיקן צושטאַנד, נים ולא נים, תיר ולא תיר*, ביז ער זינקט ווידער איין אין אַ האַרטן שלאָף.

דאָס מאָל כאַפּט ער זיך שוין אויף פון דער באָבעס אַ געשריי. ער דעקט האַסטיק אָפּ דאָס פּנים: עס איז שוין אודאי נאָך האַלבן טאָג. דער זיידע, זעט ער, האַלט אין מיטן עסן. די באָבע, אַן אויפגערוימטע, ווייזט אים אָן מיט דער האַנט אויפן פענצטער. ר׳ אבא־חלקיה שפּרינגט אויף פון זיין אָרט. פון די טרעפּ דערטראָגן זיך עמעצנס טריט.

שלמה שפּאַרט זיך אונטער מיטן עלנבויגן און קוקט נייגעריק. אין דער טיר קלאַפּט אָן און קומט אַריין אַ שיינער בוכאַרער יונג. ער לויפט צו צום זיידן, כאַפּט אָן מיט ביידע הענט זיין האַנט:

— סאַלאַם אַלייקום, זיידעשי, וואָס מאַכט איר אין געזונט?

— דאַנקען גאָט, גבריאל, דאַנקען גאָט. נו, וואָס הערט זיך? בשלום?

— ווי שטענדיק, וואָס פרעגט איר?

— זאָג כאָטש מיט גאָטס הילף, דו, אומגלויביקער דו...

— אודאי מיט גאָטס הילף, אודאי...

— אַ בריוועלע האָסטו?

— ווי אַזוי דען?

— ווייז עס אַהער!

ער נעמט זוכן אין די קעשענעס און שלמה באַטראַכט מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ מרימס מלאך־המות. ער איז נישט הויך געוואַקסן, נאָר פעסט געבויט. האָט זייער אַ שיין פּנים, גנבהשע אויגן און קען נישט איינשטיין אויף איין אָרט. ער איז שוין געקליידעט, טראָגט אַ קאָמאַנדירסקע פרענטש און אויסגעפּוצטע שטיוועלעך. בשעת ער רעדט, קוקט ער נישט יענעם גליך אין די אויגן. פון זינט ער איז אַריינגעקומען, האָט ער שוין דריי מאָל אויסגעמאָסטן דאָס צימער אין דער לענג און אין דער ברייט. אויף אים אַליין געוואָרפן אַ וואָלפישן קוק, פון וועלכן שלמהן איז עפּעס קאַלט געוואָרן.

* נישט שלאָפנדיק, נישט וואַכנדיק.

ער האָט ענדלעך געפונען דעם בריוו און אים איבערגעגעבן דעם זיידן. דער זיידע האָט געלייענט און ער איז בשעת־מעשה געווען פאַר־טון אין אַרומרייניקן פעדערלעך פון די הויזן. דער זיידע האָט רואיק אַריינגעלייגט דעם בריוו אין בוזעמטאַש און פריילעך געזאָגט:

— איז לויט ווי זיי שרייבן, איז אַלץ געגאַנגען אַזוי, אַז בעסער קען גאָר נישט זיין.

— וואָס זשע, עס איז ביי מיר דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס?

— פאַר וואָס זשע האָט פון דעסט וועגן געדויערט זיבן טעג?

— וואָס ווילט איר? עס איז דאָך אַ מהלך רב און דערצו נאָך האַלב חודש, אָט איצטער איז שוין ענדע חודש, גלייב איך, אַז מען וועט דאָס מאַכן פאַר פינף טעג, ווייניקער איז טאַקע אוממעגלעך, דערצו נאָך אויב עס וועט קיין רעגן נישט גיין. נאָך אַ רעגן איז פיל שווערער.

— זעסט דאָך, אַז אויף קיין רעגן ווייזט נישט. נעכטן אויף דער נאַכט האָט זיך דווקא געכמאַרעט. געמיינט: עס וועט זיכער רעגענען, אָבער היינט איז שוין ווידער שיין.

— ווען, קלערט איר, זאָלן מיר נאָך אַ מאָל גיין?

— מיטן אייבערשטנס הילף, מאָרגן אויף דער נאַכט.

— אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן?

— דערווייל ערשט איינער, עס קענען אָבער אָנקומען נאָך...

— אודאי איז גלייכער עטלעכע, אַז מען גייט שוין אַזאַ וועג...

— דו באַקומסט דאָך אַלץ איינס, דיר איז דאָך קיין חילוק נישט.

— מיר איז אודאי קיין חילוק נישט, איך מיין אייער אינטערעס.

דער אַלטער נעמט אַרויס אַ שליסעלע, גייט צום קאָמאָד. גבריאל קוקט זיך אַרום:

— ווו איז עפּעס אייער מרים?

— זי איז ערשט געווען אין שטוב, זי וועט אודאי באַלד אַריינקומען.

ר' אבא־חלקיה דערלאַנגט אים דריי פּעקלעך אַסיגנאַציעס:

— נאַ, דאָ האָסטו דריי טויזנט רובל עד לחשבון.

— גוט, גוט, מיר'ן זיך צערעכענען, כ'האָב קליינע יסורים.

שלמה האָט גאַרנישט באַמערקט, ווען מרים איז אַריינגעקומען. זי איז געשטאַנען אויף דער טיר, בלאַס ווי די וואַנט און געקוקט ווי גבריאל ציילט דאָס געלט.

גבריאל האָט זי באַמערקט. איבעררייסנדיק אין מיטן ציילן דאָס געלט, האָט ער עס אַריינגעלייגט אין טאַש, און איז פריינטלעך אַקעגנ־געגאַנגען:

— האַ, מרים־אַפּאַ*, סאַלאַם אַלייקום! ווי גייען דיינע געשעפטן?

— זעסט דאָך, איך לעב, בין געזונט.

---

* אַפּאַ — שוועסטער. אַזאַ ווענדונג אין מיטל־אַזיע.

— עפעס זעט זי אוים ביי אייך זייער בלייך, זיידעשי. איר גיט איר נישט קיין עסן, צי וואָס?

— מן־הסתם איז זי געווען פאַרטשאַדעט נעכטן אויף דער נאַכט. נישט אַזוי, מרים?

— מסתמא פאַרטשאַדעט, וואָס דען?

— איז ווען דאַרף איך אַריינקומען, זיידעשי?

— גלייך פאַרן גיין. ווען וועסטו אַרויסגיין?

— איך רעכן, זייגער צען אויף דער נאַכט.

— טאָ קום פריער מיט אַ האַלבער שעה, צי מיט אַ פערטל.

גבריאל דרייט זיך אוים צו מרימען מיט אַ זים שמייכעלע:

— מרים־אַפּאַ, קום מיך אַ ביסל אונטערפירן... ביזן קישלאַק איז אַזוי ווייט... אהער אַליין, צוריק אַליין... זייער אומעטיק... קום, באַגלייט אַ ביסל... קרים זיך נישט...

שלמה דערפילט, אַז זי האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער.

— דער קאָפּ טוט מיר אָבער זייער וויי...

— איי, מרים־דזשאַן*, ביסט אַ שלעכטע, איי, ביסטו אַ שלעכטע, האָסט אויף אַ מענטשן קיין רחמנות נישט, קום! אין דרויסן וועט דיר אויפהערן וויי טון, קום!

אויפן זיידנס פּנים באַווייזט זיך אַ גרימאַסע. מרים לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ:

— נו, קום!

שלמה פאַרקריצט מיט די ציין. די נעגל שניידן זיך אים איין אין לייב ביז בלוט. ער טוט זיך אָן אַן אוממענטשלעכן כח, ער זאָל נישט אויפשפּרינגען, נישט וואַרפן זיך מרימען צו די פיס מיט אַ געשריי:

— האָב רחמנות אויף מיר, איך וויל נישט, ער זאָל מיך פירן, נאָר גיי נישט מיט אים!...

זיי גייען אַרוים. דער אַלטער ווישט זיך לאַנג דעם שטערן... שלמה פאַרשטייט, אַז אים איז נישט פיל גרינגער ווי דעם אייניקל זיינעם, אָבער דערפון ווערט שלמהן נישט לייכטער אויפן האַרצן. מיט בלוטנדיקע אויגן קוקט ער נאָך דורכן פענצטער דעם זיך דערווייטערנדיקן פּאָרל און די נשמה וויינט אין אים אומבאַהאָלפן:

— שכינתא בגלותא — וי!... אבדה נפש — וי!...

דער אַלטער נעמט ווידער אַרוים דאָס בריוועלע פון דער בוזעמקע־שענע, לייענט עס אפשר צען מאָל, דרייט עס אויף אַלע זייטן און באַהאַלט עס צוריק. ער בענטשט אָפּ אויף גיך און אפילו נישט קיין קוק טוענדיק אין שלמהס ווינקל, גייט ער אַרוים אין קאָרידאָר. דאָרטן, הערט שלמה, זאָגט ער עפּעס, שטייענדיק אויף דער שוועל, צו זיין ווייב און לאָזט זיך אַראָפּ פון דער לייטער.

---

* דזשאַן — אַ ליבלעכע ווענדונג צו מענער און פרויען.

מרים איז געקומען אין אַ צוויי שעה אַרום. זי האָט עפּעס אַ פּרעג געטון ביי דער באָבען און איז באַלד אַריינגעגאַנגען אין דער מענערשער העלפט. שלמה איז אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקעלע. אַ רגע געבליבן שטיין. אַן אומדייטלעכע שרעק פאַר עפּעס אומבאַוווסטס האָט אים צו־ריקגעהאַלטן, נישט געלאָזט זיך דערנעענטערן צו אָט דעם טייערן קינד, וואָס שטייט אַ שטומע ביי דער שוועל און וואַגט נישט צוצוגיין צו אים. באַטראַכט איר אומגליקלעך פּנים מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, איז ער צוגעלאָפן צו איר, מיט טרערן אין די אויגן געכאַפּט איר האַנט און זי באַשאָטן מיט הייסע קושן. איר האַנט איז געווען קאַלט ווי אייז. זי האָט אים נישט געשטערט.

— טייערע, ליבע מרים, איך וויל דאָס נישט, איך זאָג זיך אָפּ! צו־ליב מיין גליק זאָלסטו דאַרפן גיין מיט אַ מענטשן, וואָס איז דיר אומ־דערטרעגלעך — וויל איך נישט. איך וועל דאָס נישט איבערטראָגן.

מרים האָט מוטערלעך אים אַ גלעט געטון די באַק:

— ביסט אַ ווייל יינגל, שלמה. דו הערסט, איך זאָג דיר „דו", ווי דו האָסט אַ מאָל געוואָלט. נאָר וואָס דו זאָגסט, אַז דו ווילסט נישט, וועט במילא גאָרנישט העלפן...

— וואָס הייסט, עס וועט גאָרנישט העלפן? מען דאַרף איבעררייסן אָט די אוממענטשלעכע ליידן. מען מוז זוכן אַנדערע דרכים. איינס פון דיביידע: אָדער אַנדערע דרכים אָדער מען דאַרף גאָרנישט. קיינער איז נישט בילעכער פון דיר. דו איינע, ביסט הייליקער פון די אַלע, וואָס ער פירט דורך. עס איז גאָר קיין דמיון נישט...

— אפילו פון דיר אויך?

— פון מיר דעם ערשטן.

— דאָס דווקא זאָגסטו שוין נישט אמת, דו ווייסט דאָס אַליין...

— מרים, וואָס טויגן מיר דיינע קאָמפּלימענטן, דו זאָלסט בעסער געווען זען דיין איינן פּנים, ווי בלאַס עס איז געוואָרן, ווען דו האָסט אים דערזען. אַ שענערע לייגט מען אין דער ערד אַריין.

— שלמה, דו האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז אין מיר האָסטו גע־פונען אַ שוועסטער, היינט האָב איך אין דיר געפונען אַ ברודער — און נאָך וואָס פאַר אַ ברודער... איך לייען אין דיינע אויגן, אַז קיין זאַך וואָלט דיר נישט שווער געווען צוליב מיר.

— מרים, וויפל דו שטעלסט זיך פאָר, איז דאָס נאָך נישט קיין צענט חלק פון דעם, וואָס איך פיל צו דיר. אָבער וואָס זאָגסטו וועגן אי־בעררייסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט אָט דער פאַרשאָלטענער טיוולאָ־נישער שפּיל?

— און אויב ער וועט אונדז דערפאַר אויסגעבן?

— גיט ער דאָך אוים זיך אויך גלייך מיט אייך.

— דאָס ביסטו גערעכט, זיין חטא איז נישט קלענער פון אונדזערן. אַלנפאַלס, אָן דעם זיידנס הסכמה וועל איך נישט טון פון דאַנען אַהין.

— מרים, דו דערלויבסט מיר וועגן דעם א שמועס טון מיט דיין זיידן?

— בשום אופן נישט! איך פארוועך דאָס דיר אויפן שטרענגסטן אופן.

— פאַר וואָס, מרים?

— דאָס וועט הייסן, אַז איך האָב אים פאַרקלאָגט פאַר דיר. ניין, ניין! דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן אפילו קיין רמז דרמיזא.

— אַז דו הייסט נישט, איז נישט, נאָר מיין האַרץ איז מיר געלע־בערט. זאָג נאָר, מרים, עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דיין זיידע איז געווען אַ ביסל צעטראָגן נאָך דיין אוועקגיין. פון וואָס קען דאָס זיין?

— וואָס זשע מיינסטו? אים אַרן קאַרג מיינע שמערצן?

— ניין, חוץ דעם עפּעס, פון דיר איז אַ חוץ אַ מעשה.

— פון עפּעס אַנדערש ווייס איך נישט.

— דאָס פאַר איך מאָרגן, צען אויף דער נאַכט?

— איך ווייס? מן הסתם דו, ווער דען?

— איז ווייסטו גאָרנישט, פון וואָס דיין זיידע האָט געקענט זיין אויפ־גערעגט?

— גאָרנישט ווייס איך נישט, איך הער עס ערשט פון דיר.

קאפיטל IX

צווישן מנחה און מעריב האָבן זיך איינציקווייז, דורך פאַרשידענע ווינקלען און דורך די בערג, אָנגעהויבן צונויפזאַמלען בכבודיקע געסט.

עס איז געקומען דער פאָרזיצער פון בוכארישן קאָלכאָז, עס זענען געקומען חזקיה, דער אַלטערס קרוב, מיט זיין עלטסטן זון זבולון, ביי וועמען שלמה איז פונעם ערשטן טאָג אָן געווען צוגעשריבן אַלס שוס־טער, און נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע בוכאַרער יונגע לייט, וואָס אין מנין האָט זיי שלמה אָפט געזען, נאָר וויסן, ווער זיי זענען, האָט ער נישט געוווּסט. שלמה האָט באַמערקט ווי זיי סודען זיך וועגן עפּעס, געטראָפן פון עמעצן אַ קרומען קוק אויף זיך און פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ איבעריק. ער האָט גענומען דעם מאַנטל אויף זיך, קיינער האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן.

שלמה איז אַוועקגעגאַנגען אין די בערג. די שטימונג איז ביי אים געווען אַ נידערגעשלאָגענע. ער האָט געפּרוּווט זאָגן עפּעס, זינגען עפּעס, עס איז נישט געגאַנגען, אַזוי ווי אויף צו להכעיס — איין מאָל ניין. ער האָט אַזוי אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז ער האָט געפילט, אַז עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. ער איז אַוועק אַהיים, געטראָפן אָנגעגרייט וועטשע־רע אויפן טיש. ר׳ אבא־חלקיה האָט זיך אויסגעטון צום שלאָפן. ער איז געווען אויסערלעך רואיק, נאָר שלמה, אַ קוק טוענדיק אויף זיין דזשאַ־קיט, האָט באַשלאָסן קיין איין וואָרט נישט פרעגן.

אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר זיך וואַשן, האָט ער געטראָפן מרימען זיך אומקערן פון הויף. ער האָט זי שעפּטשענדיק אַ פרעג געטון:

— מרים, וואָס איז געשען?

מרימס האַנט האָט זיך אַ גליטש געטון איבער זיין האַלדז:

— אַלץ וועט זיין גוט, שלמה, גאָט וועט העלפן.

שלמה האָט געוואָלט עפּעס געוויוערס זיך דערפרעגן ביי איר, נאָר זי איז שוין לעבן אים נישט געווען. דאָס טירל פון זייער צימער האָט זיך געעפנט ווי אַ סוד און זי איז נעלם געוואָרן.

אין דער פרי איז דער זיידע אַוועק דאַווענען, שלמה אויך. ביים דאַ־ווענען איז צו שלמהן צוגעגאַנגען זבולון, אים אָפּגערופן אויף אַ זייט:

— רבי שלמה, געדענקט, אַז פון היינט אָן איז אייער פאָרזיצער נישט איך, נאָר מיין יינגערער ברודער עובדיה.

— וואָס איז די מעשה?

— איך פאָר אָפּ אין קאָמאַנדיראָווקע און גיב אים איבער אַלע דאָ־קומענטן. טאָמער פרעגט מען אייך, דאַרפט איר וויסן.

— אויף לאַנג פאָרט איר?

זבולון צעגעמט די הענט מיט אַ שולדיק שמייכעלע און ענטפערט גאָרנישט.

אַ גאַנצן טאָג איז ר׳ אבא־חלקיה געווען אין שטוב, נאָר אַז שלמה זאָל אים עפּעס דערציילן, האָט ער נישט געבעטן. מרים האָט אויך אויס־געמיטן אַ געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַגעגענען. ביי טאָג איז געקו־מען גבריאל און האָט זי צוגענומען אויף היפּשע עטלעכע שעה. אהיים האָט זי זיך אומגעקערט אַליין, זי האָט נאָר געעפנט די טיר אין מאַנס־בילשן צימער און איז נישט אריינגעגאַנגען. מנחה־מעריב האָט ר׳ אבא־חלקיה געדאַוונט אין שטוב. שלמה איז אויך אין ערגעץ נישט געגאַנגען. ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און מאַכנדיק איבער זיך אַן אָנ־שטרענגונג, געפרעגט ביים אַלטן:

— אַנטשולדיקט, נישט איך פאַר דאָס היינט אויף דער נאַכט?

— אַז דו וועסט דאַרפן גיין, וועט מען דיר פריער זאָגן.

— וואָס זשע דאַרף איך טון?

— שווייגן און נישט רעדן קיין וואָרט.

פּינקטלעך ניין אַ זייגער האָט זיך געעפנט די טיר און זבולון מיט אַ קליין רוקזעקל אין דער האַנט איז אַריינגעקומען, זיך העפלעך געגריסט מיט שלמהן ביי דער האַנט און באַלד עפּעס גענומען רעדן שטיל מיט ר׳ אבא־חלקיהן אויף טאַדזשיקיש. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז גבריאל געקומען אָנגעטון אין אַ וועגמאַנטל, אויך מיט אַ פּעקל אין האַנט. אַ פּאָר מינוט האָט ער אויף דער שוועל געשמועסט מיט מרימען, נאָך דעם איז ער אַריינגעגאַנגען אין מאַנסבילשן צימער. זייער געשפּרעך האָט שלמה נישט פאַרשטאַנען, נאָר געזען האָט ער, אַז גבריאל איז פון עפּעס העכסט דערשטוינט. ער וויזט אָן אויף אים, רעדט גיך־גיך, און חידושט זיך שטאַרק. דער אַלטער ענטפערט אים לאַנג און רואיק. גבריאל גיט אַ קנייטש מיט דער פּלייצע, ווי איינער רעדט:

— מילא, ניין — דאַרף מען נישט, מיר איז אַלץ איינס.

גבריאל מיט זבולונען נעמען די פּעקלעך, געזעגענען זיך, גיבן אַ קוש די מזוזה און גייען אַרויס. אַלע באַגלייטן זיי ביזן טויער, שלמה אויך.

וועטשערע האָבן אַלע פיר געגעסן צוזאַמען אין איין צימער. קיין איין וואָרט איז נישט אַרויסגערעדט געוואָרן פאַר דער גאַנצער צייט פון דער סעודה. נאָכן עסן האָט די אַלטע גענומען אָפּרוימען פון טיש און ר׳ אבא־חלקיה איז פאַרטראַכט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אהין און צוריק. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן מרימען, זיך דורכ־געוואָרפן מיט איר מיט עטלעכע ווערטער און ווייטער פאַרטראַכט אַרומ־שפּאַצירט איבערן צימער.

שלמה האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און, אויפשטייענדיק, זיך גע־ווענדעט צו אים:

— ר׳ אבא־חלקיה, „ואהבת לרעך כמוך" איז די גרעסטע מצוה. איך גיי ממש אויס, אַזוי וויל איך וויסן, וואָס איז דאָ פאַר די לעצטע צוויי טעג געשען. איך בעט אייך, זאָגט מיר.

— דו דאַרפסט נישט אַזוי שטאַרק בעטן, מיין טייערער. אַלץ איינס האָב איך גערעכנט דיר איצט אַלץ צו דערציילן. דו מיינסט, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי דיך מאַטערט דאָס שווייגעניש? נאָר פריער, כדי עס זאָל זיך אַ ביסל בייטן די שטימונג, דערצייל עפּעס פונעם בעל־שם־טוב...

— אפשר מאַכט נישט אויס נאָך דעם?

— ניין, איך בין עלטער פון דיר, דאַרף זיין, ווי איך זאָג.

שלמה האָט זיי דערציילט אַ געשיכטע. זיי האָבן געבעטן נאָך איינע, האָט ער דערציילט נאָך איינע. נאָך דעם האָט דער אַלטער אויפגעהויבן אַ פינגער:

— גענוג! אַצינד וועל איך דיר דערציילן דאָס, וואָס דיך אינטערעסירט. עס איז אַזוי די מעשה: ס'איז שוין עטלעכע מאָל פאַר דער לעצטער צייט, אַז גבריאל האָט מיר געבראַכט זייער גוטע בריוועלעך פון דער חברה. זיי שרייבן דאָרט, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס דאָס מאָל זענען געווען אַזוי ווייניק בעלנים, פאַר איין וועגס האָבן געקענט דורכגיין מער אויך. נו, איך האָב אַלץ גערעכנט, אַז דאָס שרייבן זיי אַזוי, פשוט פון גליק, וואָס זיי זענען שוין דאָרטן. אָבער ווען דאָס נעכטיקע בריוועלע איז געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף די פריערדיקע, איז דאָס מיר שוין אריין אין דער נאָז. פאַר אים, פאַרשטייט זיך, האָב איך גאָרנישט אַרויסגעוויזן: ער האָט נישט געטאָרט זיך כאַפּן דערויף, אַז איך האָב אויף אים עפּעס אַ חשד. נאָר נעכטן אויף אונדזער קליינער פאַרזאַמלונג האָבן מיר צוגעגלייכט די לעצטע בריוועלעך מיט דעם נייעם און אונדזער חשד האָט זיך פאַרשטאַרקט. קורץ און שאַרף: מיר טראַכטן איבער, טאָמער גיט אָט דער גבריאל איבער אונדזערע מענטשן צו דער גרענעץ־וואַך... ווער ווייסט אים? הייַנטיקע יונגע מענטשן קען מען עפּעס שטאַרק גלייבן? האָבן מיר אָנגענומען אַ באַשלוס צו שיקן הייַנטיקס מאָל אונדזער זבולונען. ער איז אַ קלוגער און בכלל זייער אַ ווילער בחור. אים האָבן מיר שוין אָנגעזאָגט אַ שטרענגן טעקסט, וואָס ער זאָל אונדז שרייבן. אַזוי, אַז איצט וועלן מיר שוין וויסן, צי ער שרייבט אַליין די בריוו, צי מען דיקטירט אים דעם בריוו אין געפּעאו. אָט דאָס איז אַלץ.

שלמה איז אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— וואָס זשע וועט זיין מיט זבולונען, אויב חלילה אייער חשד איז אַן אמתער?

— וואָס קלערסטו? עס איז טאַקע נישט גוט. אויף יעדן פאַל האָבן מיר אים מיטגעגעבן אַן אַדרעס אין אַ דערפל הינטער טעהעראַן, דאָרט וווינט אונדזערע אַ פרוי, און אָפּגערעדט מיט אים, ער זאָל זאָגן, אַז זי איז זיינע אַ מוטער און ער גייט זיך נאָר מיט איר זען... זי האָט אַ מאָל געוווינט אין קאַטאַ־קורגאַן און אים האָבן מיר אויך מיטגעגעבן אַ דאָקומענט פון קאַטאַ־קורגאַן. דער גאַנצער בנין איז פון שפּינוועבס, נאָר

וואָס זאָל מען טון? עס איז נאָך גוט, וואָס פונקט קען אים גבריאל נישט, אַז ער איז אַ היגער.

— און איר קלערט, אַז מיט אַזאַ תירוץ וועט אים די געפּעאו באַפרייען?

— אודאי איז דאָס זייער אַ שוואַכע האָפענונג, ווער פאַרשטייט דאָס נישט? אָבער ריזיקירן מיט דיר, האָבן מיר אודאי נישט געקענט. דו האָסט געזען, ווי גבריאל האָט זיך געחידושט, פאַר וואָס דו פאַרסט נישט? זיין אַריינמישן זיך אין מיינע עסקים, איז מיר, אָן אַלעמען, שוין געווען אַביסל פאַרדעכטיק. ער האָט זיך געחידושט און, דאַכט זיך, אפילו געבייזערט. נאָר איך האָב אים געענטפערט, אַז דו וואַרטסט דאָ אויף אַ גאַנצער גרופּע פון אַכצן מענטשן און וועסט נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ביז זיי וועלן אַלע דאָ נישט זיין.

— אָבער גוואַלד געשריגן! מיט וועלכע רעכט זאָל זבולון איינשטעלן זיין קאָפּ פאַר מיר? מיט וואָס בין איך בעסער פאַר אים?

— נישט נאָר פאַר דיר שטעלט ער זיך איין, נאָר פאַר אַלע קומענדיקע, וואָס וואָלטן נאָך געגאַנגען אין דעם וועג און דאַרפן אפשר נישט גיין. דאָס איז זיין קרבן, וואָס אים איז אָנגעצייכנט צו ברענגען פאַרן יידישן פאָלק. יעדער פון אונדז האָט זיך זיין מזבח, אויף וועלכן ער ברענגט קרבנות. דו קוקסט אָן אָט דאָס מיידל? דאַכט זיך, נאָך גאָר אַ קינד, איאָ? ברענגט זי אפשר נאָך גרעסערע קרבנות פאַר אונדז אַלע. און נאָך וואָס האָסטו אין קיעוו אויסגעהאַלטן אַ תלמוד־תורה? און יענער, וואָס דו האָסט דערציילט — אַ מקוה? אַזוי איז דאָס! יעדער אין זיין פאַך דאַרף ווייסן, נאָך וואָס ער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט. יעדער דאַרף אויספילן זיין פליכט.

שלמה האָט אַ פאַל געטון צום אַלטנס פיס, זיי אַרומגעכאַפּט, געקושט, געוויינט, נישט געקענט אויפהערן. ר׳ אבא־חלקיה האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אַרונטערגענומען זיין קאָפּ אונטער זיין גרויער באָרד און אַלץ געגלעט, געגלעט, איבערן פנים, איבערן קאָפּ... מרים האָט באַהאַלטן דאָס פנים אין די הענט. דער אַלטער האָט זי אויך צוגעצויגן צו זיך, מיט דער צווייטער פרייער האַנט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטון אין שטערן און מיט אַ קול פון אַ נביא געזאָגט:

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, קינדערלעך מיינע... מיטן כח פון אַזוינע טייערע נשמות ווי אָט דער שלמה מיט זיין קיעווער קאָמפּאַניע, ווי דו, מרים, ווי זבולון, וואָס גייט איצט אפשר צו זיין עקדה. אין אייער זכות, מיט אייערע קרעפטן וועט דאָס יידישע פאָלק אַלץ איבערלעבן. מיר אַלטיטשקע העלפן אייך נאָר, דער עיקר זענט איר: אונדזערע שטאַרקע לייבן. און כאָטש עס פאַלן קרבנות, היינט — זבולון, מאָרגן — אַן אַנדערער. ווען נישט שלמהס שוועסטער, וואָלט ער דאַמאָלסט געווען דער קרבן. ווען נישט יענץ קיעווער מיידל אויף דער דראָזשקע, וואָלטן שוין נאָך צוויי יונגע מענטשן זיך אַצינד געמאַטערט אין די טיגערישע נעגל

פון דער געפּעאו. אזוי גייט עס, יחידים פאַלן אריין, ווערן אומגעבראכט, אָבער דעם כּלל וועלן זיי נישט פאַרלענדן... צו קורץ די הענט... ווי שטייט אין דער תורה: נצח ישראל לא ישקר... נישט מער, דערווייל איז שלעכט, ביטער ווי דער טויט... שלמה איז גערעכט, מען דאַרף אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל. מרים, קינד מיינס, דו וואָלסט געפאָרן מיט שלמהן קיין ארץ־ישראל? ער וואָלט דיר געטריי געווען...

— זיידע, נאָך וואָס רעדסטו אַזוי? אייך איבערלאָזן און אַליין אַוועקפאָרן?

— איי, נאַרעלע, נאַרעלע, דו מיינסט, אַז אַ מענטש לעבט אייביק?

— זיידע, הער אויף אזוי צו רעדן, אַז נישט צערייסט זיך מיר דאָס האַרץ.

— נו, גיין איז גיין. מיינסט, אונדז, אַלטע לייט, ווילט זיך אַזוי שטאַרק זיך צעשיידן מיט דיר? הקיצור, גאָט וועט העלפן, אין פינף, זעקס טעג אַרום וועלן מיר וויסן, ווו מיר זענען אין דער וועלט.

— ר' אבא־חלקיה, נאָך איין פראַגע.

— נו, נו, וואָס נאָך?

— וואָס וועט זיין, אויב חלילה גבריאל איז טאַקע אַ פאַררעטער, איז אַז איר וועט אויפהערן אים געבן פאַרשווינען, וועט ער דאָך חלילה־וחס אויסגעבן אייך אויך?

— אפשר וועט ער דאָס נישט טון... ער דרייט זיך אַרום מרימען, האָסט דען נישט געזען? און זי מוז נעבעך ליידן פון אים ביז אַ צייט. איז אפשר צוליב איר וועט ער מיך שוינען. און ווידער? וואָס קען איך דען העלפן? אויב דעם אייבערשטנס רצון וועט זיין, אַז איך זאָל ערשט אויף דער עלטער גיין אויף סיביר, וועל איך גיין. מיר האָבן דאָך גע־רעדט, אַז יעדער אין זיין צייט. און אפשר רעדן מיר בכלל נאַרישקייטן און די ענלעכקייט פון די בריוועלעך איז נאָר אַ צופעליקע זאַך? דער־ציילן עפּעס, שלמה. דערציילן, פון וואָס דו ווילסט אַליין. איך פיל, אַז היינטיקע נאַכט וועל איך שוין נישט איינשלאָפן. מרים וויל אויך מסתמא הערן, איאָ מרים? זעסט? זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. דערציילן! מילא, מוטשע זיך אויך אָן אַ ביסל צוליב אונדז. אזוי צי אַזוי, לאַנג וועט דאָס שוין נישט דויערן.

קאפיטל X

ווידער האָבן זיך אוועקגעצויגן מאָנאָטאָנע זומערטעג. די יאגרדאיעוום האָבן זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. שלמהס דערציילונגען זענען ביי זיי אַריינגעגאַנגען אין סדר־היום ווי עפּעס אַ מין רפואה צו זייערע גרימענישן. שלמה מיט מרימען פלעגן באַזוכן דעם קאָלכאָז, די שטאָט. אין די לאַנגע שעהן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, האָבן זיי געפירט אומענדלעכע שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. מרים האָט אים באַקענט מיט דעם לעבנס־שטייגער פון די בוכאַרישע יידן און ער האָט איר געגנוי באַמאָלט, ווי אַזוי עס לעבן די יידן אויף דער אוקראַינע. זיי האָבן אָפנהאַרציק דערציילט איינער פאַרן אַנדערן עפּיזאָדן פון די קינדער־יאָרן. בכלל האָבן זיי פיל גערעדט איבער אַלץ אויף דער וועלט. נאָר וועגן גבריאלן מיט זבולונען פלעגן זיי בײדע, ווי צונויפגערעדט זיך, נישט דערמאָנען אַ וואָרט. אויב דער זיידע פלעגט נישט זיין אין שטוב, פלעגן זיי אַוועקגיין אין די בערג, פון דאָרטן באַקוקן דעם גאַנצן אַרום, זיך יאָגן איינער נאָכן צווייטן ווי די קינדער. מרים פלעגט זיך פאַרסאַפּען לויפנדיק, נעמען שלמהס האַנט און זי צולייגן צו איר האַרצן:

— דו הערסט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט? אַנו, דיינס נישט אַזוי שטאַרק? איך בין טאַקע נישט אַזאַ געזונטע ווי דו. ווען איך שפּרינג אַראָפּ פון אַ קעמל, וואָלט איך זיכער געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט.

צו שלמהן האָט זיך צוריק אומגעקערט זיין פריילעכקייט, מרים איז מער קיין מאָל נישט בלייך געווען, זיי האָבן גליקלעך פאַרבראַכט. דאָס איינגאַרטיקייט פון דער לאַגע פון יעדן איינעם פון זיי האָט אָפּגעשוואַכט זייער זכרון. זיי האָבן זיך געבאַלעוועט און געשטיפט ווי קליינע קינדערלעך. שלמה איז געווען ווי נײַ געבוירן. פאָלי, די עלטערן, דאָס פאַרברענטע בוך, דאָס פאַרשטייענדיקע גיין איבער דער גרענעץ — אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן. ער האָט נאָר געפילט, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי איז גוט. דאָס געטרייע אַלטע פערפאָלק, דאָס ליבע הייפל, די אימהדיקע שנייבערג, דער גאַסטפריינטלעכער קאָלכאָז, די זון, דער זיסער וויין און דער עיקר — די שיינע, געליבטע מרים, דאָס אַלץ האָט זיך אין זיין אויסגעמוטשעטן מח צונויפגעגאָסן אין איין געטלעכער סימפאָניע. ער איז געווען ווי באַרוישט. ער האָט זיך געפילט ווי אויף אַ באַל: אַלץ איז ציטערדיק, קיין זאַך איז דאָ נישט סטאַביל, מען דאַרף זיך צואיילן, זיך אָנזעטיקן מיט דעם שיינעם דמיון וואָס מער, ווייל אין איין הרף־עין קען אַלץ פאַרשווינדן ווי אַ חלום. די אַלטע באָבע פלעגט מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ צוקוקן, ווי איר פאַרוואָגלט אייניקל צעבליט אונטער די צופעליקע שטראַלן, וואָס די זון האָט איר צוגעשיקט. זי פלעגט אַלץ באַווייזן אַליין אָפּצוטון, אַבי מרים, איר וועלקנדיקע מרים, זאָל אָן שטערונג זיך קעגן פאַרווײַלן מיט דעם גאַסט, וועלכער, ווי זי פילט, געפעלט איר אַזוי

שטאַרק. און מרים האָט זיך געמאַכט כלא־ידע און איז לאַנגע שעהן אַרומגעלאָפן מיט שלמהן אין די בערג, שפּאַצירט אין די וויינגערטנער, געבלאָנקעט איבער די נאַקעטע פעלדער. אויך ר׳ אבא־חלקיה האָט דאָס אַלץ געוווּסט, און האָט דערויף געקוקט צווישן די פינגער, אדרבה, עס האָט אים נאָך שטאַרק הנאה געטון, וואָס מרים ווילט זיך אַ ביסל, וואָס זי האָט כאָטש אַ ליכטיקע שעה אין איר לעבן.

איין מאָל זענען זיי ביידע דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ שול. פון דאָרט איז אַרויסגעגאַנגען אַ לערערין מיט אַ פידל אין די הענט.

— מרים, דו קענסט אָט די פרוי?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? איך בין דאָך עפּעס אַ היגע.

— זי וואָלט דיר געבאָרגט דעם פידל אויף היינטיקן אויפדערנאַכט?

— אויף וואָס דאַרף איך אים?

— פרעג זי, אויב זי וועט נאָר אַנטלייען — נעם. פון מיינעט וועגן נעם.

אויף דער נאַכט, נאָך דער וועטשערע, האָט שלמה געפרעגט ביים זיידן, צי דערלויבט ער אים עפּעס שפּילן.

— מיטן גרעסטן כבוד, אויב דו קענסט נאָר —

— כ׳וועל פּרווון.

מיט אַן אינערלעכן ציטער האָט ער אויפגעפאַקעוועט דאָס פידל. אויב נישט רעכענען יענעם אָוונט פון דער מומע טייבלס ודוי — האָט ער פון ל״ג־בעומר אָן קיין פידל אין די הענט נישט געהאַלטן. פונעם ערשטן פיר מיטן סמיטשיק זענען אַלע ביים טיש פאַרשטאַרבן געוואָרן. שלמה איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, די אויגן פאַרמאַכט, אַ פּוס אויף אַ פּוס און פון די סטרונעס זענען געפלאָסן איבערן צימער ברוויזנדיקע שטראָמען מיט ליבע, מיט געטריישאַפט, מיט זיסקייט פון מסירת־נפש פאַר אַ הויכן אידעאַל. דורכן אָפענעם פענצטער איז געווען צו באַמערקן, ווי פון אַלע שכנהשע דעכער הערן זיך מענטשן צו צו די געטלעכע טענער, צו דעם מעכטיקן געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון יאַ־גודאיעוווס הייפל. שלמה האָט אַלץ געשפּילט. ער האָט אין דעם מאָמענט אַלץ פאַרגעסן: ווו ער איז, ביי וועמען ער איז און וואָס ער איז געקומען אַהער. אַ קלייניקייט: פון ל״ג בעומר אָן האָט ער כמעט קיין פידל אין דער האַנט נישט גענומען. זיינע אַלע איבערלעבענישן פאַר דעם פיינלעכן זומער האָבן זיך איצט אויסגעגאָסן דורך קולות, דורך יאַ־מער. די סטרונעס האָבן באַוויינט רייזלס קראַנק־זיין; זיין גלות פון די עלטערנס שטוב; זיין פאַרברענט בוך, וואָס איז ביי אים געווען טייע־רער פון זיין לעבן; פאַלים אוועקוואַרפן אים; מרימס אַנגסטן; גבריאלס רציחות און זבולונס קרבן. נשמות, צעקאַליעטשעטע, אונטערדריקטע און אומגליקלעכע, האָבן אָנגעפילט דעם שוואַך באַלויכטענעם צימער און געמאָנט פאַר זיך יושר, געצופּט ביי דער נשמה, געריסן שטיקער האַרץ, אויסגעשפּיגן די גאַל...

ווען שלמה איז אנטשוויגן געוואָרן, איז נאָך היפּשע עטלעכע מינוט שטיל געווען אין צימער. אַלע האָבן ערשט איצט באַמערקט, ווי בלייך שלמה איז, וואָס פאַר אַ טרויער עס קוקט אַרויס פון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן. דער ערשטער איז געקומען צו זיך ר׳ אבא־חלקיה. מיט קינדעריש־פאַרחלומטע אויגן האָט ער שטיל, נאָר דייטלעך געזאָגט:

— אַך, ווען זבולון זאָל געווען הערן דיין שפּילן פאַרן גיין, וואָלט אים איצטער זיכער פיל גרינגער געווען!

דאָס איז געווען די סאַמע האַרציקסטע אָנערקענונג פאַר שלמהן, וואָס ער וואָלט נאָר געקענט זיך ווינטשן פון אָט דעם גרייז־גראָען, היי־ליקן אַלטיטשקן. די אַלטע האָט נאָך אַלץ נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם פידל. מיט פאַנאַטישע אויגן האָט זי געקוקט אויף דעם:

— טאָמער לעבט עס נאָך, טאָמער וועט עס נאָך אַ קרעכץ טון...

מרים האָט שווייגנדיק גענומען איינפּאַקן דעם פידל אין פוטליאַר.

— לאָזט מרים, נישט אַזוי...

איינפּאַקנדיק אַליין, האָט ער אומגערן פאַרבלאָנדזשעט אויף מרימס פינגער, זיי האָבן אַ ברי געטון זיין האַנט ווי הייסע קוילן. שלמה האָט געוווסט, אַז דאָס פייער אין זיי האָט ער איצט אָנגעצונדן, אַז נאָר צו אים געהער איצטער דער פלאַם אין מרימס גרויסע הימל־אויגן, וועלכע זי האָט אַזוי שטאַרק פאַרהאַנגען מיט אירע שיינע ברעמען. די שכנים אויף די דעכער האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט זיך צעגיין. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז יענע האַרציקע, וווּנדערלעכע קולות וועלן זיך שוין מער נישט לאָזן הערן.

פון יענעם אָוונט אָן איז געוואָרן אַ שטענדיקער מנהג: אין דער פרי אָפּטראָגן דעם פידל און פאַר נאַכט אים נעמען צוריק. שלמהס קאָנ־צערטן האָבן באַקומען אַ שם אין שטעטל. אַלע אַרומיקע בוידעמס מיט די דעכער פלעגן זיין באַלאַגערט פון תחילת נאַכט אָן. גרויס און קליין פלעגן קומען הערן דאָס שפּילן פון דעם שוסטער, וואָס קוואַרטירט ביים אַלטן יאַגודאַיעוו. שלמה פלעגט זיך דווקא נישט לאָזן בעטן. קוים איז נאָר מרים געווען אין צימער, אַזוי האָט זיך געשפּילט אָן אַן אויפהער. קוקנדיק אויף איר מלכותדיקער צורה, האָבן זיך די פינגער פון זיך אַליין געצויגן צו די סטרונעס.

די טעג זענען געווען פאַרפולט מיט עסקים: אָדער דערציילן דעם זיידן מיטן איינקל עפּעס אַ געשיכטע, אָדער זיך דורכפאָרן מיט מרימען רייטנדיק אויף צוויי אייזלען אין קאַלכאַז אריין, עפּעס טון אָדער עפּעס נעמען, אַז נישט איז דורכגיין זיך אין שטאָט אַ ביסל. און ווען דער זיידע גייט אַוועק פאַר נאַכט צום מנין, צוקלערן פאַר דער באָבן עפּעס אַן אויסרעד, און זיך האַלטנדיק פאַר די הענט — אַנטלויפן אין די בערג. דאָרטן, אָדער רעדן, אָדער זינגען, אָדער לויפן, כאַפּן זיך איינער דעם צווייטן. קומענדיק אַהיים, פאַררויטלטע, מיט גליק אין די אויגן, פלעגט דער זיידע גוטמוטיק אַ בורטשע טון:

— קיין יושר האָסטו נישט אין זיך, מרים. ווי לאַנג קען טאַקע די באָבע האַלטן איינגעדעקט די וועטשערע? ביז טאָג?

און ווענדנדיק זיך צו שלמהן, מיט א כלומרשטן בייזער:

— און דו ביסט אויך א שיינער מענטש. דו ווייסט דאָכט זיך גוט, אַז מען וואַרט אויף דיר —

— מרים האָט דאָך אָנגעזאָגט דער באָבען, איר זאָלט מיטן עסן נישט וואַרטן אויף אונדז.

— נישט מיר... ווער רעדט שוין פון אונדז? זיי...

ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אין אָפענעם פענצטער אריין און שלמה כאַפּט זיך ערשט איצט אויף זיין כוונה: אַלע פענצטער, אַלע דעכער און גאַניקלעך זענען שוואַרץ פון מענטשן. זיי, די דאָזיקע מענטשן, זאָגן גאָרנישט, זיי פּליעסקען נישט, זיי מאַכן נישט קיין אָוואַציעס, נאָר זיי וואַרטן. מען זיצט געדולדיק און מען וואַרט. שלמה וואַרגט זיך מיטן ביסן. ער גיט א בענטש אָפּ אויף איין פוס און נעמט פון מרימס האַנט דעם פידל. זייערע אויגן באַגעגענען זיך. ער זאַפּט אין זיך איין די גאַנ־צע אומבאַגרענעצטע ליבע, וואָס דאַרטן ליגט פאַר אים, און גיט זי נאָך דעם אַרויס דורכן פידל, געמישט מיט זיינע אייגענע געפילן, מיט זיין אייגענער ליבע.

אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן, סאַמע אין מיטן שפּילן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. שלמה האָט אויף א סעקונדע אָפּגעשטעלט דעם סמיטשיק, די אַלטע האָט געעפנט און איז א דערשראָקענע אָפּגע־שפּרונגען. אויף דער שוועל איז געשטאַנען גבריאל. א מידער, אין דעם זעלבן וועגמאַנטל, מיט א ליידיקן רוקזאַק אונטערן אָרעם, איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אָנבליק פון דער צעשטערטער אידיליע. ר׳ אבא־חלקיה איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר אומגעריכטקייט:

— א גאַסט, א גאַסט! סאַלאַם אַליקום, גבריאל־דזשאָן!

שלמה איז געבליבן פאַרקילט מיטן פידל אין די הענט. גבריאל האָט זיך געווענדעט צו אים אויף א צעבראָכענעם רוסיש, מיט א שטאַרקן מזרחדיקן אַקצענט:

— איך זע, אַז איר האַלט אין מיטן שפּילן. כ׳האָב אייך איבערגע־שלאָגן אין מיטן הייסט עס, אַנטשולדיקט.

שלמה האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויף גיך באַהאַלטן דעם פידל אין פוטליאַר און איז אַפּגעגאַנגען אין זיין ווינקל. ר׳ אבא־חלקיה איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַרויסגעשריגן צו די שכנישע דעכער און גאַנקעס:

— דער שפּילער פילט זיך עפּעס נישט געזונט, ער וועט היינט שוין מער נישט שפּילן. צעגייט זיך! אין די קיביטקעס, אין די קיביטקעס!

ער האָט פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער און איז צוגעלאָפן צו גבריאלן:

— נו, דערציילט, ווי אַזוי איז צוגעגאַנגען היינטיקעס מאָל? גוט?

— גוט. וואָס פאַר א פראַגע? נאָר איך בין זייער מיד.

— וואָס הייסט, דו ביסט נאָך גאָר אין דער היים נישט געווען? דאָס גייסטו איצט גלייך פונעם וועג?

— גלייך פונעם וועג. ממש איך פיל קיין פיס נישט. אַ הינטישע אַרבעט.

— עס איז דאָך אָבער אַ חוץ אַלעמען אַ מצוה עפּעס אויך, צי ניין? ראַטעווען יידן, ווילסטו, זאָל דיר אָנקומען גרינג?

— ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט.

— מרים, גיב וואַסער גבריאלן. וועט ער זיך וואַשן און עפּעס אײַבערכאַפּן.

— ניין, ניין, זיידעשי, איך וועל באַלד גיין, עסן וועל איך שוין אין דער היים.

— פאַר וואָס זשע זאָלסטו עפּעס דאָ נישט אָפּעסן? ביסט עפּעס אַ פרעמדער, צי וואָס?

— פאַרקערט, עס איז מיר זייער אָנגענעם, נאָר איך וויל שלאָפן און ניי שוין אַהיים. שוין אַזוי פיל נעכט נישט געשלאָפן!

— נו, וואָס ווילסטו? האָסט דאָך עפּעס היינטיקס מאָל געמאַכט דעם קונץ אַהין און צוריק פאַר אַוועלכע —

— פונקט פינף מעת־לעת.

— יאָ, ביסט טאַקע גערעכט, פינף נעכט און פינף טעג... אַקוראַט פינף מעת־לעת. נו, דערצייל זשע עפּעס, ווי אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען?

— וואָס איז דאָ דאָ וואָס צו דערציילן? מען איז געגאַנגען און מיט גאָטס הילף דערגאַנגען... שאַט, ערגעץ דאַרף גאָר זיין ביי מיר זיינס אַ צעטעלע.

— טאַקע? זייער שיין פון זיין זייט. מען וועט טאַקע דאַרפן מיט אַ געלעגנהייט דאָס איבערשיקן קיין קאַטאַ־קורגאַן. נו, מילא, ווייז שוין...

גבריאל קראַצט אויס פון דער כאַליווע אַ שטיקל פּאַפּיר, גיט עס איבער דעם אַלטן און אַליין גייט ער צו צו מרימען:

— האָסט נישט געבענקט נאָך מיר, מרים־דזשאַן?

— איך ווייס, צי איך האָב געבענקט? איך האָב נישט געטראַכט דערפון.

— נישט לייטיש פון דיין זייט, איי, נישט לייטיש, יאָ געדאַרפט געווען טראַכטן.

ר׳ אבא־חלקיה לויפט אויף גיך איבער מיט די אויגן דאָס בריוועלע, לייגט עס אַריין אין בוזעמקעשענע, ווישט מיטן אַרבל אָפּ דעם שטערן און רייבט זיך די הענט פון הנאה:

— ברוך השם, ברוך־השם... אַזוי גרינג און גיך, אַז עס איז טאַקע נאָר קיין עין־הרע נישט צו געבן. גבריאל, דו האָסט געלייענט, וואָס ער שרייבט?

— ניין, נישט געלייענט.

— ער קען זיך גאָר פון דיר נישט אָפּלויבן. „אויף די פליגל, ווי אַן אָדלער — שרייבט ער — האָסטו אים דורכגעטראָגן"...

גבריאל טוט אַ בורטשע אונטער דער נאָז:

— אַז עס דויערט פינף טעג, איז מען אַן אָדלער, און אַז מען האָט זיך געמוזט וואַלגערן זיבעצן מעת־לעת אין די לעכער, בין איך געווען אַ קריכער.

— ווער האָט דען געזאָגט דאַמאָלסט, אַז דו ביסט שולדיק? נאָר איינער...

— אַ ביסל האָט מיר צוגעהאָלפן — וואָס זאָג איך אַ ביסל? נישט קיין ביסל, נאָר טאַקע אַ סך — דאָס וואָס עס איז איצט סוף חודש, דאָס האָט פיל צו זאָגן.

— אודאי האָט דאָס אַ גרויסע באַדייטונג און מיר וועלן טאַקע די געלעגנהייט נישט דורכלאָזן. וואָרעם נאָך דעם הייבן זיך גלייך ווידער אָן די ליכטיקע נעכט.

— וואָס, איר רעדט שוין פון נאָך אַ מאָל גיין? לאָזט מיך זיך אָפּ־רוען כאָטש אַ וואָך, כאָטש אַ האַלבע וואָך. מרים, זאָג שוין דו אַליין: דעם זיידן דיינעם, ער לאָזט אונדז נישט פאַרברענגען צוזאַמען אפילו קיין דריי פיר טעג. זיידעשי, פאָלגט מיך, לייגט אָפּ דאָס גיין אויף שפּע־טער אַ ביסל.

— ניין, גבריאל, בשום־אופן נישט. דאָס מאָל פועלסטו ביי מיר נישט. אָט דער מענטש, וואָס זיצט דאָרט אין ווינקל, האָט שוין דאָ עלף זיינע חברים. זיי זענען צעשטעלט אין אַלע עקן שטאָט. מען קען זיי דאָ מער נישט האַלטן. ער אַליין, דער פידלער, וויל אויך גיין מיט זיי און די זיבן, וואָס דאַרפן נאָך קומען, וועלן שוין גיין באַזונדער. צי אפשר, זאָג מיר, זענען צו פיל צוועלף מענטשן פאַר איין מאָל?

— צו פיל גאָר? נאַ דיר גאָר צו פיל. אַז איך גיי שוין, איז מיר צוועלף און אפילו דרייסיק אַלץ איינס. ווען זשע ווילט איר, זאָל איך מיט זיי גיין?

— מאָרגן אויף דער נאַכט. נישט שפּעטער. טאַקע דאָ פון דער שטוב.

— אודאי גלוסט זיך מיר נישט. נישט אויסגעשלאָפן, נישט אויסגע־רוט, נישט אויסגערעדט מיט מרימען קיין צוויי ווערטער, נאָר וואָס זאָל איך טון מיט אייך? איך וואָג אייך נישט אָפּצוזאָגן, ווי אַן אייגענעם פאָטער.

— און אַזוי מוזסטו טאַקע טון... — ר' אבא־חלקיה גיט זיך אַ קראַץ אונטער דער פאה און גיט צו אַן אויפגערוימטער — עס קען נאָך זיין, דו זאָלסט האָבן נאָך צוויי מענטשן. נישט קיין עלף, נאָר דרייצן. וואַרט אַ מינוט!

ר' אבא־חלקיה ווענדעט זיך צו שלמהן:

— זאָגט מיר נאָר, חבר פידלער, די צוויי מענטשן, וואָס דאַרפן

קומען צו איך פון קורסק, דערוואַרט איר מאָרגן מיטן טאַשקענטער צוג?

שלמה, א בלייכער, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— נו, וואָס זאָגסטו דערויף, גבריאל? עס וועט זיין שיין, אויב זיי וועלן טאַקע קומען, וועסטו האָבן א גאַנצן פאָלק מיט זיך...

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז מיר איז קיין שום חילוק נישט...

— געלט, דיר שוין געבן?

— ווער דאַרף ביי נאַכט געלט? נו, גיי איך טאַקע. איך קען די פּיס נישט אויפהויבן. פון פיל גיין, זענען זיי ביי מיר אַזוי ווי די קלעצער. א גוטע נאַכט, מיינע טייערע. א גוטע נאַכט, מרים־דזשאַן.

— א גוט יאָר, א גוט יאָר.

דער זיידע באַגלייט אים ביז די טרעפּ, שרייט אים נאָך:

— כאַפּ זיך מאָרגן ביי טאָג אריין א ביסל, גבריאל־דזשאַן!

— איך וועל נאָך אין דער פרי זיין. איך דאַרף מיט מרימען ערגעץ צוגיין.

דער אַלטער וואַרט ביי די טרעפּ. עס דערטראָגט זיך א קלאַפּ פון הויפטיר. ער איז שוין אוועק. אַלע קוקן אומרואיק אויף דער טיר. עס קומט אריין דער אַלטער און בלייבט שטיין אויף דער שוועל. זיין פּנים איז איבערגעביטן. ער זעט אויס שרעקלעך: א מת! ממש א מת! ער שטעקט אריין זיינע צען פינגער אין די באַקן, די אויגן — ארויסגעקויקלט פון די לעכער, די ברעמען — צעלאָזט ווי פליגל, די באָרד טאַרטשעט משונהדיק ארויס אויף פאַרנט ווי ביי א בר־מינן. ער שטייט אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, זעט אויס ווי א ריז, פאַרשטעלט מיט זיך די גאַנצע טיר. אַזוי גייען פאַריבער עטלעכע מינוט. שרעקלעכע, מיט זייער האַרצרייסנדיקער שווייגעניש — עטלעכע מינוט. ביי יעדן פון די בני־בית איז פונעם אַלטנס פּנים מיט די פינגער אין די באַקן פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן און אָפּגענומען דאָס לשון.

די ערשטע געפינט זיך מרים. מיט די לעצטע כוחות גייט זי צו, פירט צו איר זיידן צום טיש, זעצט אים אוועק. זי פרעגט גאָרנישט, נאָר דער אַלטער אַליין נעמט ארויס זבולונס בריוועלע און דערלאַנגט איר:

— נאַ, לייען אומיסטן... דו געדענקסט דאָך, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט?

מרים לייענט איבער, זי זוכט נאָך עפּעס און געפינט נישט. מען זעט, ווי עס גייט דורך א גרויל איבער איר גאַנצן לייב און איר פּנים ווערט פינצטער ווי די נאַכט, וואָס קוקט אריין דורך די שויבן.

שלמה גייט אויך צו, נעמט ביי מרימען דאָס קוויטעלע פון דער האַנט: ס'איז געשריבן אויף טאַדזשיקיש. ער קען א וואָרט נישט לייענען, נאָר ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז זבולון איז אַצינד אין סאַמע רעכטן גיהנום. ער לייגט אוועק דאָס קוויטעלע אויפן טיש און רוקט זיך הינטערוויילעכטס אָפּ. דער אַלטער גיט זיך פלוצלינג א כאַפּ אויף:

— קום, מרים! לאָמיר שוין צוגיין צו חזקיהן, עס איז דאָך זיין קינד!

נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט צו שלמהן, גייען זיי ביידע אַרויס אויפֿן הויף און דאָס טירל פֿאַרקלאַפּט זיך הינטער זיי.

שלמה בלייבט איינער אַליין. דאָס לעמפּל רויכערט זיך. דער קנויט מאַכט קונצן: אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ!... די שאָטנס אין צימער טאַנצן אַ טייוולאָנישן טאַנץ. שלמה לייגט אַריין דעם קאָפּ אין די הענט, טראַכט וועגן דעם, ווען קען זבולון נאָך אַ מאָל זיך אומקערן צו זיין פֿאָטער און מוטער? וועגן דעם, אַז אויף זיין גאַנצן לעבנסוועג וועט אים פֿאַרפֿאָלגן דער טרויעריקער שאָטן פֿון אָט דעם פֿרישן „קדוש“ און אים פֿאַראומערן די יאָרן מיט די טעג, אַז אויף זיין נשמה וועט אייביק פֿאַר־בלייבן אַ פֿלעק פֿון זבולונס יונגן בלוט. זבולון האָט זיך מקריב געווען, כדי ער, שלמה, זאָל קענען לעבן. מעג ער אָננעמען דעם קרבן?...

קאפיטל XI

דער זיידע מיטן אייניקל האָבן זיך אומגעקערט פריער ווי אין אַ שעה אַרום. אויף זייערע פינצטערע פּנימער איז געווען אָנגעשריבן, וואָס פאַר אַ חתונה עס איז געווען ביי חזקיהן אין שטוב. דער אַלטער זעצט זיך צו צו שלמהן, זיין דורכגעאַקערטער שטערן איז איצט פאַרחושכט, זיינע געשטריפּטע באַקן זענען איצט צעקנייטשט און קוויטיק. עס איז קענטיק, אַז ער מוז מאַכן איבער זיך אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג, כדי ער זאָל קענען זאָגן דעם גאַסט דאָס, וואָס ער וויל אים זאָגן. ער נעמט אים אַרום:

— שלמה-דזשאָן, קינד מיינס, טייערער, דו מוזסט די מינוט אַוועקגיין פון דאַנען, יעדע מינוט קען דאָ חלילה טרעפן אַן אומגליק. פאַר צוריק... אַהיים... קיין קיעוו... צו דיין טאַטע-מאַמע... דיין הייליקער זיידע, דער בעל-שם-טוב, וועט בעטן פאַר דיר, עס זאָל מיט דיר קיין בייז נישט געשעהן, אָבער דאָ ברענט די ערד אונטער דיר, דו ווייסט דאָך אַליין אַלצדינג... איצט איז צוואַנציק מינוט נאָך צוועלף. דריי פערטל אויף פיר גייט דורך אַ צוג פון טאַשקענט קיין קראַסנאָוואָדסק, פאַר צו צום ים, מיט דער שיף ביז באַקו, און פון דאָרט — שוין אַהיים. גרים דיינע עלטערן. גאָט ווייסט דעם אמת, ווי שווער עס איז מיר זיך צו שיידן מיט דיר. בעת איך האָב פאַרשפּאַרט פאַר מיין עלטערן זון דאָס טירל פון מיין הויף, האָט מיין האַרץ נישט אַזוי געבלוטיקט ווי איצט, אַז דו גייסט אַוועק. נאָר וואָס קען מען העלפן? ווע ווייסט, וואָס מיט מיר אַליין וועט מאָרגן זיין? אפשר וועל איך מאָרגן אין דער צייט שוין זיין דאָרטן ווו זבולון... נאָר גאָט איז מיט מיר און איך לאָך פון זיי, פון די רויטע שדים... איך האָב שוין מיין וועלט אָפּגעלעבט, שוין אַריבער אַכט און זיבעציק... וואָס עס וועט זיין, זאָל זיין, דער טויט איז מיר נישט שרעקלעך... איך האָב געוווּסט, אויף וואָס איך גיי. שלעכט איז מיר מיט מרימען... גאָט מיינער! וואָס וועט ווערן מיט מרימען?

זיין קול האַקט זיך איבער. די לינקע ברעם ציטערט שטאַרק. ער ברעכט די פינגער. מרים שטייט מיטן פּנים צום פענצטער, שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל און פאַרשלאָסן ווי אַ שטיין. דער אַלטער גיט אַ צאַפּל מיט אַלע אברים און רעדט גיך:

— טאַ גיי זשע, שלמה, דאַרפסט שוין טאַקע גיין! מיטן גראָדן וועג איז אין גאַנצן צום וואָקזאַל זעקס קילאָמעטער. אָבער איך האָב מורא, אַז מרים זאָל דיך פירן מיט דעם גלייכן וועג, אַלץ קען טרעפן. איך האָב געהייסן מרימען דיך פירן אַרום און אַרום, דורך די בערג. דאָרט אַרומער וועט זיין אודאי צען, צוועלף קילאָמעטער, וועט איר פּונקט אָנקומען גוט. טאַ מאַך זשע נישט קיין שהיות און קליב זיך שוין צונויף.

— וואָס האָב איך זיך צו קלייבן? איך נעם די וואַליזע און פאַרטיק. ר' אבא-חלקיה, גלייבט מיר, מיר איז נישט אַזאַ ווייטיק, וואָס איך פאַר

נישט קיין ארץ־ישראל, ווי דאָס שיידן זיך מיט אייך און מיט אייער מרימען. איר זענט מיר איינגעבאַקן אין הארצן. פאָרט אַלע מיט מיר! פאָלגט מיך, ר׳ אבא־חלקיה, אַנטלויפט פון דעם רוצח! אין קיעוו וועט אייך גוט זיין, פאָלגט מיך!

— גיי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, פון גאָט אַנטלויפט מען נישט! מרים, דו געדענקסט, דורך וואַנען איך האָב דיר געהייסן אים פירן? דורכן לעדער־זאַוואָד, נאָך דעם, אין אַלכסון פאַרביי דעם הייליקן אָרט און דאָרטן גלייך מיטן פעלד, ביז דיביימער, וואָס ביים וואָקזאַל... יאָ, שלמה, פריער זאָלט איר דורכגיין דורך חזקיהס שטוב, זיי שלאָפן דאָרט נישט, מעגסט זיי מקנא זיין. דו דאַרפסט זיך מיט זיי געזעגענען, זבולונס טאַטע־מאַמע האָבן עס כשר פאַרדינט... נו, שוין? אַלץ מיטגענומען? איצט פאָר געזונט!... דערמאָן זיך אַ מאָל אין אונדז...

שלמה מיטן אַלטן נעמען זיך שטאַרק אַרום. עס הערט זיך שלמהס כליפּען. זיינע פינגער טאַנצן קאָנוולסיוו איבערן אַלטנס פּלייצע. דער אַלטער גיט אים אַ קוש אין שטערן, נאָך דעם אין די אויגן, נאָך דעם אין האַלדז, נאָך דעם נאָך אַ מאָל אין שטערן, שטופּט אים אָפּ און גייט אַוועק אין אַ זייט. שלמה גייט צו צו דער אַלטער, וואָס שטייט אויף דער שוועל, ער קען אָבער גאָרנישט זאָגן, זיינע ציין קלאַפּן ווי אין פיבער, פון דעם איינגעהאַלטענעם כליפּעריי. ער שטייט אַזוי אַ ביסל קעגן איר, זי האַלט די נאָז אין טיכל, פאַרשטייט אים אָן ווערטער. ער גייט אַוועק פון איר, טאַקע נישט געזאָגט קיין איינציק וואָרט, נישט באַדאַנקט פאַר איר טרחה. ער זעט, אַז מרים האַלט זיין וואַליזע, נעמט זי אַוועק ביי איר, יענע שפּאַרט זיך מיט אים דאָס מאָל נישט. ער גיט אַ קוש די מזוזה, קערט זיך אום, גיט נאָך אַ מאָל אַ קוש דעם זיידן אין די נאַסע באַקן, באַקוקט צום לעצטן מאָל דעם הילצערנעם צימער, רירט זיך צו צו דער אַלטיטשקערס אַקסל און גייט אַרויס אויף די טרעפּ.

עס זענען געווען די לעצטע טעג פון חודש אב. אַ געדיכטע פינצטער־ניש האָט איינגעהילט דאָס שטעטל מאַרי און די אַרומיקע לאַנדשאַפט. דער הימל איז געווען שוואַרץ ווי סמאָלע, נאָר באַשאָטן מיט שטערנדלעך ווי מיט מאָן. די שטערן האָבן נאָר אויף אַזוי פיל געשיינט, מען זאָל זיי אַליין קענען אַרויסזען. אַ לייכט ווינטעלע האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז באַלד קומט אלול, און האַרבסט איז שוין נישט זומער.

מיט בלוטיקע טרערן האָט שלמה זיך געזעגנט מיט חזקיהן און מיט זיינע בני־בית. זיי האָבן שלעכט פאַרשטאַנען רוסיש, ער האָט נאָך ערגער פאַרשטאַנען טאַדזשיקיש, נאָר קיין ווערטער האָט מען נישט געדאַרפט. זבולונס פאַרטרעט אויף דער וואַנט, האָט זיי פאַרשפּאָרט ווערטער. מיט וואַקלענדיקע טריט איז שלמה אַרויס פון זייער שטוב און קוים זעגנדיק זיך איינער דעם אַנדערן איז ער מיט מרימען שטיל אַוועק אויסן דער שטאָט.

שוין לאַנג האָבן זיי אויסגעמיטן דעם לעדער־זאַוואָד, פאַרלוירן אויף

רעכטס דעם בית־עלמין און אַן אַ שטעג געגאַנגען איבער פריש צעאַ־קערטע פעלדער. לינקס איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ הויכע שוואַרצע וואַנט, דאָס איז געווען אַן אומענדלעכע קייט פון בערג, שנייבערג. די פיס האָבן זיך שווער געשלעפּט איבער די איבערגעטריקנטע הרודעס. די אַרומיקע שוואַרצקייט האָט פּיינלעך געדריקט אויף דער נשמה. קיין איין וואָרט איז נאָך נישט אויסגערעדט געוואָרן צווישן זיי פון פּאָר נאַכט אָן.

— שלמה, אז מיר וועלן אַזוי גיין, קענען מיר פאַרשפּעטיקן דעם צוג.

— נו, אויב דו קענסט נאָכגיין, וועל איך גיין גיכער.

— פאַר מיר זאָרג זיך נישט, איך וועל נישט אָפּשטיין.

ווידער גייען זיי שטיל. שלמה קוקט זיך איין אין דער פינצטער אויף זיין באַגלייטערין. איר פּנים זעט מען נישט. ער גיט אַ טראַכט:

— אָט פאָר איך אַוועק, איך וועל שוין זיכער אין די דאָזיקע מקומות נישט זיין, ווי לאַנג איך וועל לעבן. איך לאָז דאָ איבער אַזאַ טייערע נשמה, אָט די מרים. זי האָט מיך ליב, זי באַהאַלט דאָס אפילו פון מיר נישט. און איך זי — האָב דען נישט ליב? עס איז דען דאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ קרישטאָל־ריינע נשמה ווי ביי איר? וואָס וואָלט קיעוו געזאָגט דערויף, ווען איך ברענג מיט זיך אַ בוכאַרער מיידל, אַן אַזיאַטקע פאַר אַ ווייב? טאַטע־מאַמע וואָלטן זיך געקנייפּט דאָס לייב פאַר בושה און פאַר ווייטיק, אָבער זיי וואָלטן געשוויגן: — „קוים איז דאָס שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, צו וואָס דאַרף מען נאָך מצער זיין דאָס קינד"? אייניקע וואָלטן באַוויינט מיין ביטערן גורל, נעבעך, אַנדערע, פאַרקערט, וואָלטן נאָך געהאַט אין מיר אַ נקמה. גאָלדע, די ערשטע... — „וואָס דען — וואָלט זי געזאָגט — אַ פאָלי דאַרף ער? אַ פּרינצעסין? און אַ ווילדע בריאה פון די וויסטע מדבריות, איז קאַרג פאַר אָט דעם תכשיט"? גוואַלד, פאַר וואָס זאָל דאָס זיין אַזוי? פאַר וואָס זאָל מען וועגן מענטשן אורטיילן אויבערפלעכלעך? נישט אַריינדרינגענדיק אין זייער נשמה, זען וואָס דאָרטן טוט זיך?

שלמה געפינט אין דער פינצטער מרימס האַנט, קוועטשט זי שטאַרק צונויף, ציט זי צו צו זיך.

— מרים, באַרעכן נאָר, עס זענען ערשט אין גאַנצן אַוועק צען, צוועלף טעג, זינט איך בין געקומען אויף אייער שוועל, און עס איז מיר אַזוי שווער זיך צו שיידן מיט אייך, מיט דיר, ווי איך זאָל האָבן געוווינט מיט אייך כאָטש פינף יאָר.

מרים ענטפערט גאָרנישט, נאָר איר האַנט קלאַמערט זיך איין אין זיינער. מיט זיין עלנבויגן דערפילט ער איר טאַליע.

— מרים! עס איז דאָך אַ שרעק אַ טראַכט צו טון: כאָטש מיר האָבן זיך אַזוי גוט צונויפגעלעבט, כאָטש אונדזערע נשמות האָבן אין זיך אַזוי פיל געמיינזאַמס, — צעשיידן מיר זיך איצט אָן אַ מינדסטער האָפענונג, זיך ווען עס איז אין לעבן נאָך אַ מאָל צו באַגעגענען. דו וועסט מיך כאָטש אַ מאָל דערמאָנען?

— אויב איך וועל נאָר לעבן, דאַרפסטו וועגן דעם נישט פרעגן.

— מרים, ליבע מרים מיינע, וואָס רעדסטו עפּעס גאָר וועגן לעבן? דו ביסט נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט, האָסט נאָך פון דעם לעבן גאָרנישט געגאָסן...

— און עס איז דען אַזוי נייטיק צו געניסן, שלמה? אַלע קענען דען זיין גליקלעך? וויפל, מיינסטו, איז אַלט געוועון מיין טאַטע, בעת ער איז אומגעקומען?

שלמה שטעלט זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ די וואַליזע אויף דער ערד. ער לייגט אַרויף זיינע הענט אויף אירע אַקסלען, קוקט איר, דורכדרינגענדיק, גלייך אין די אויגן, רעדט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, מיט האַרץ און מיט געבעט:

— מרים, לעבן מיינס, פריינט מיינער, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל אַלע מיינע יאָרן זיין אומגליקלעך פון דיינע איצטיקע רייד, זאָלסטו שוין זאָגן, אַז דו האָסט געשפּאַסט רעדנדיק פון טויט. איך קען נישט איבערטראָגן, אַז דו זאָלסט דערפון ערנסט רעדן.

— דו פאַרגעסט, שלמה, אין וואָס פאַר אַ געפאַר מיר בלייבן דאָ:

זיי לאָזן זיך גיין ווייטער און שלמה רעדט איר אוים דאָס האַרץ:

— מרים, גאָט וועט אייך באַשיצן. אַזאַ יידן ווי דיין זיידע מוז ער באַשיצן. אַזעלכע יידן ווי ער, האָט ער נישט קיין סך... איי, די סכנה? נו, און איך אַליין וווהין פאָר? אויף מיר, מיינסטו, וואָרט נישט אין קיעוו קיין תליה?

— איי, שלמה, וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט, תליה? פּע, אַ מיאוס וואָרט! דו האָסט אַזאַ הייליקן זיידן אין הימל און אַליין ביסט דאָך אויך עפּעס נישט קיין פּראָסט יינגל.

— וואָס דען בין איך, אויב נישט קיין פּראָסט יינגל?

— אין מיינע אויגן ביסטו אַזוי ווי איינער פון די אבות.

— פון די „וואָס", מרים?

— פון די אבות.

— וואָס הייסט, פון די אבות?

— דאָס דאַרפסטו וויסן נאָך פונעם חדר.

— איי, מרים, מרים, דו מיינסט אויף אַן אמת, אַז איך בין אַזאַ אַנטיק? גלייב מיר, אַז איך האָב אפשר נישט די ווערט צו שטיין אין דיינע ד' אמות. אַזאַ אומשולדיקע, אַזאַ הייליקע ביסטו און אַזאַ נידער־טרעכטיקער, און אויסוווּרף בין איך.

— זאָלסט נישט וואַגן אַזוי צו רעדן אין מיין קעגנוואָרט, אַלץ איינס גלייב איך דיר נישט קיין איין וואָרט.

— אויב אַזוי, מוז איך דיר עפּעס דערציילן, וועסטו אויפהערן מיינען, אַז שלמה איז גאָט און ציצית.

— אויב דו ווילסט רעדן אויף זיך, וויל איך אפילו נישט הערן.

— ניין, דאָס מאָל מעגסטו דווקא יאָ הערן. אין קיעוו איז דאָ אַ

מיידל... איך בין מיט איר חבר שוין פון לאַנגע יאָרן. דאָס מיידל האָט לחלוטין קיין מינדסטע שייכות נישט צו יידישקייט, נו, גלייך ווי נישט קיין יידיש קינד. פון דעסט וועגן האָט דאָס מיך נישט אָפּגעשטעלט און איך בין שיר נישט געוואָרן קיין חתן פאַר איר... אַצינד פאַרשטייסטו שוין, וואָס פאַר אַ פרומער ייד איך בין?

— פאַר וואָס זשע האָסטו טאַקע אַזוי געטון?

— ווייל דו נאַרסט זיך אין מיר, ווייל איך בין גאָרנישט קיין ער־לעכער ייד.

— אָבער פאַר וואָס האָסטו זי גאָר אָנגעהויבן צו ווען?

— ווייל זי האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין זייער אַ שיינע... די שענסטע...

— און פאַר וואָס ביסטו טאַקע נישט געוואָרן איר חתן?

— אַ ביסל דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקענט פאַרליידן מיין יידישקייט, און דאָ איז נאָך אונטערגעקומען מיין אַנטלויפן... אָט אַזוי איז דאָס בטל געוואָרן. איצט אַז איך פאָר צוריק קיין קיעוו, בין איך כלל נישט זיכער אין זיך, אַז איך וועל זיך ווידער נישט אָנהייבן נאָכשלעפּן נאָך איר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי קען נישט פאַרליידן קיין שום יידישע תנועה. איך האָב נאָך אפילו ביי זיך איר פאָטאָגראַפיע, פרעג מיך, צוליב וואָס?

— אָ! ווייז, איך וויל זי זען.

— ביטע, איך קען זי דיר ווייזן.

ער שטעלט אוועק די וואַליזע אויף דער ערד, צינדט אָן אַן עלעקטריש לעמפּל, באַקומט אַרויס פון זיין פּאָרטפעל אַ ביכעלע, נעמט פון דעם אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע און דערלאַנגט מרימען.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינהייט, גאָט מיינער!... וואַרט, פאַרלעש נאָך נישט, נאָך איין מינוט. אוי, איז זי שיין!... אָט דאָס הייסט שיין!...

דאָס לעמפּעלע איז אויסגעלאָשן. זיי גייען ווייטער.

קאפיטל XII

די פינצטערניש איז נאָך סמאָליקער ווי פריער. אויפן האָריזאָנט פון הינטער אַ בערגל קריכן אַרויס עטלעכע פּאַריתומטע עלעקטרישע לעמפּעלעך. דאָס ווינטל הוידעט זיי און עס דאַכט זיך, אַז זיי פאַררופן צו זיך: אהערצו, אהערצו!

— מרים, וואָס איז דאָרט, וווּ עס לייכט זיך?

— דאָס איז דער וואָקזאַל. עס איז שוין נישט ווייער וווּיט.

— מרים, איך בין דאָך אויך אָנגעקומען פון דער טאַשקענטער זייט

— איז דאָך ערשט אָנגעקומען דער צוג צען אָדער עלף אין דער פרי?

— דו ביסט געפאָרן מיט דעם שנעלצוג און דאָס גייט דורך אַ געמישטער צוג פון פּאַסאַזשירסקע און לאַסטוואַגאָנעס. דאָס איז זייער אַן איינגעגעסענער צוג. אויף יעדער סטאַנציע שטייט ער אָפּ אַן אַ שיעור צייט. למשל, דאָ אין מארי שטייט ער פינף און צוואַנציק מינוט. אמת, ער בייט דאָ דעם לאָקאָמאָטיוו און נעמט דאָ אַן וואַסער. דער זיידע האָט אָבער מורא געהאַט מיט דיר וואַרטן ביז אין דער פרי. גבריאל האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען, ער קען באַמערקן אויף עמעצנס פּנים אַ פאַרדעכטיקע מינע און דאַן וואָלסטו שוין פון דאַנען קיין גאַנצער נישט אַרויס...

— אָך, מרים, אַז איך דערהער גבריאלס נאָמען, טוט מיר נאָר באַנג, פאַר וואָס איך האָב אים נישט דערוואָרגן דעם ערשטן אינדערפרי, בעת ער האָט דיך פאַרגומען מיט זיך. וואָס עס וואָלט נאָך דעם נישט געוועזן געטראָפן, אָבער אַזאַ שלאַנג אויפצורוימען, איז נישט קיין קליניקייט. און וואָס דו זאָגסט, אַז דאָס מיידל פון דער פאָטאָגראַפיע איז אַ שיינע... גלייב מיר, שוועסטער מיינע, איך שווער דיר ביי וואָס דו ווילסט נאָר, אַז דו ביסט פיל שענער פון איר. איר שיינקייט איז אַ פרעמדע, אַ קאַלטע, נישט אונדזערס. רוים איז אויך שיין, מאַדריד, מאַינץ, וואָרמס, אַלע זענען זיי שיינע שטעט, נאָר פרעמדע, פיינטלעכע, עס טראָגט פון זיי מיט אַ שוידער אויף אַן אמתן יידן. אָבער דו ביסט שיין ווי שולמית פון שיר־השירים, ווי די בנות־ציון, דו דערמאָנסט אין ירושלים, אין ירדן, אין שושנת העמקים, דו ביסט אַזוי ווי איינע פון די אמהות.

— פון די „וואָס", שלמה?

— פון די אמהות, זאָג איך.

— וואָס הייסט, פון די אמהות?

— דו ווייסט דאָס נישט ערגער פון מיר, מרים. קום ווייסטו וואָס עס הייסט אַזוינס „זמן תפילה", וועסטו זיך שוין דערמאָנען, ווער עס זענען געווען די אמהות אויך...

מרים שטעלט זיך אָפּ. ער — אויך. זי נעמט אים אַן ביים קנעפּל פונעם מאַנטל, קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— שלמה, מיין טייערער, ליבער שלמה, דו ריזיקירסט שוין דאָ מיט גאַרנישט, צום וואָקזאַל איז שוין קיין פערטל קילאָמעטער נישט געבליבן. אַט יענעביימער זענען שוין אויף דעם סאַמע פּעראָן. מיר צעפּאָרן זיך אויף אייביק. זאָג מיר, שלמה, מיר וועט דערפון זיין לייכטער דאָס שווערע לעבן. זאָג, דו האָסט מיך אויף אַן אמת, כאָטש אַ קליין קאַפּעטשקעלע ליב... נאָר דעם אמת זאָג, כאָטש וויפל עס איז...

— מרים, אוי, מרים!...

— נו, שאַ, זאָג בעסער גאָרנישט. איך גלייב דיר. איך בין שוין גליקלעך דערמיט, וואָס איך האָב געקענט געפינען ווערן אַזאַ מענטשן ווי דו. אָ! איך וועל דערפון טראַכטן אויפשטייענדיק און לייגנדיק זיך. אַצינד ווייז מיר נאָך איין מאָל יענע גליקלעכע פון קיעוו. זי וועט דיך זען אָפּט, צו איר וועסטו זיכער קומען. אָך, וואָס פאַר אַ שיינע זי איז, וואָס פאַר אַ גליקלעכע און זאָרגלאָזע אויגן זי פאַרמאָגט... אַזאַ ווי זי דאַרף נישט וויסן אפילו, וואָס עס הייסט: צרות. צו איר פנים פּאַסטן נישט קיין צרות... נו, גענוג! באַהאַלט! אַזוי איז דאָס... ווי האָט געזאָגט דער זיידע: יעדן זיינס. יעדער אין זיין פאַך. שלמה, טרעף, וואָס איז יענע־אַ, פּונקט אַקעגן אונדז?

שלמה קוקט זיך איין און זעט: פונקען פליען און טונקעלע פלעקן באַוועגן זיך, גייען און פאַלן, גייען און פאַלן.

— באמת, איך ווייס נישט. אויף אוקראַינע, זענען מיר פון צוריק מיט פיל יאָרן באַקאַנט אַזעלכע בילדער. הינטערן דאָרף, ביי אַ פאַרמעג־לעכן פּויער, בעת מען סמאָליעט אַ חזיר ביי נאַכט, פליען אויך פונקען אין דער לופטן, אָבער דאָ זענען דאָך קיין חזירים נישטאָ. איך קען נישט טרעפן.

— דאָס גייט דיין צוג. אין עטלעכע מינוט אַרום וועט ער שוין זיין אויף דער סטאַנציע. קום גיכער אַ ביסל.

זיי פאַרגיכערן די טריט. דער צוג איז שוין דאָ אויף דער סטאַנציע. דעם לאָקאָמאָטיוו, זעען זיי, האָט מען אָפּגעטשעפּעט און ער לאָזט איבער דעם צוג אָן אַ קאָפּ. נאָך עטלעכע מינוט, נאָך עטלעכע מינוט, אָט דער־גרייכן זיי די ביימער, עפּעס ווי אַ מין וועלדעלע אַזוינס. פון דעפּאָ, זעען זיי, גייט אַרויס אַ פרישער לאָקאָמאָטיוו מיט דער פלייצע צום צוג. זיי לויפן צווישן די ביימער. מען דאַרף נאָך צו דער קאַסע נאָך אַ בילעט. פלוצלינג כאַפּט מרים אָן שלמהן ביים קאָלנער און שלעפּט אים אויף צוריק. שלמה פאַרשטייט נישט, וואָס טוט זי מיט אים? ער וויל זי אַ פרעג טון, נאָר זי דערפילט דאָס און פאַרשטעלט אים דאָס מויל מיט דער האַנט. שלמה ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך. זי שלעפּט אים אַריין אין שאָטן, וווהין די שיין פון די לעמפּלעך דערגרייכט נישט. דער לאָקאָמאָטיוו שאַרט זיך לאַנגזאַם צו צו די וואַגאָנעס, שטויסט זיי צונויף.

מרים פליסטערט אים אַריין אין אויער:

— דו האָסט אים באַמערקט?
שלמה פרעגט איבער אויך שעפּטשענדיק:
— מרים, וואָס טוט זיך עס מיט דיר? וועמען באַמערקט?
— וואָס הייסט וועמען? האָסט גאָרנישט געזען גבריאלן?
שלמה דערפילט, אַז אַ פראָסט גייט אים דורך איבערן לייב. ער קוקט זיך איין אין דער ריכטונג פון איר האַנט און באַמערקט שוין אויך: ביי דער סאַמע טיר, וואָס פירט אין וואָקזאַל אַריין, שטייט גבריאל אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, האַלט די הענט אין די טאַשן און וואַרפט בליקן אויף אַלע זייטן.
— מרים, וואָס קלערסטו, טוט ער דאָ?
— דאָס איז ער געקומען נאָך דיין נשמה. זיין הינטיש נעזל האָט שוין מן הסתם עפּעס דערשמעקט, דעריבער היט ער דיך, זאָלסט נישט אַנטלויפן. דאָס איז אַ ביטערע פוקס, אים איז שווער אָפּצונאַרן.
עס גייט פאַריבער אַ מינוט, נאָך אַ מינוט... יעדע סעקונדע דויערט אַ יאָר. גבריאל שטייט אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע, קוקט אויף אַלע זייטן און רירט זיך נישט פון אָרט. שלמה און מרים שטייען, זייערע נערוון פּלאַצן שיר נישט פון אָנגעשטרענגטקייט. דער לאָקאָמאָטיוו שפּייט אין שוואַרצן הימל אַריין מיט קנוילן קוויטיקן רויך.
— שלמה, וויפל שטייט שוין דער צוג? אנו, כאַפּ אַ קוק אויפן זייגער.
— שוין זעכצן מינוט.
— נו, איך לויף.
— וווהין לויפסטו?
— שטילער, שריי נישט. איך לויף צו צו גבריאלן און פאַרשלעפּ אים אין וואָקזאַל אַריין. אין דער זעלבער מינוט, וואָס מיר גייען אַריין, לויפסטו אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און גלייך — אין וואַגאָן! דאָס בעסטע איז, אין יענעם וואַגאָן, ווו עס שטייט אַ פרוי אַ קאָנדוקטאָרשע. גרייט צו פינף רובל פאַר אַריינגיין אָן אַ בילעט, דאָרטן וועסטו צאָלן דעם קאָנדוקטאָר שטראָף, נו, פאָר געזונט, ליבער —
זי כאַפּט אַרום זיין האַלדז, קושט זיינע באַקן, זיינע אויגן, טרעפט צו די ליפּן און ווערט פאַרשטאַרבן אין אַ ליידנשאַפטלעכן קוש. מיט אַ מאָל דערפילט שלמה אַ קעלט אין פּנים, ער קוקט זיך אום, לעבן אים איז קיינער נישטאָ. ער נעמט די וואַליזע מיטן פּאָרטפעל און רוקט זיך פּאַמעלעך צו נעענטער צו דער פּלאַטפאָרמע. מרימען זעט מען אין ערגעץ נישט. גבריאל שטייט אומבאַוועגלעך ווי פריער. עס גייט אַרויס דער דיזשורנע פון וואָקזאַל, גיט צוויי קלונג אין גלאָק. אויף דער צווייטער זייט פּלאַטפאָרמע באַווייזט זיך מרים אַ לויפנדיקע. שלמה פאַרשטייט שוין: זי איז בכיוון אַרומגעלאָפן דעם וואָקזאַל און אָנגעקומען פון דער זייט, פון וואַנען עס קומען אָן אַלע פּאַסאַזשירן. זי גייט צו צו גבריאלן, פרעגט ביי אים עפּעס, אָנווייזנדיק אויפן צוג. שלמה לייענט אַראָפּ פון אירע ליפּן, זי פרעגט ביי אים, צי עס זענען נישט אַראָפּגעגאַנגען פון צוג

צוויי רוסישע בחורימלעך. ער צענעמט די הענט און קוקט זי אָן פאַר־וווּנדערט. זי נעמט אים אונטערן אָרעם און פירט אים אין וואָקזאַל אַריין. ער שפּאַרט זיך עפּעס, וויל בלייבן אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָר זי שלעפּט אים אַריין מיט גוואַלד.

די פּלאַטפאָרמע איז פריי!

מיט איין שפּרונג איז שלמה ביים וואַגאָן. אָנשטאָט אַ בילעט, שטעקט ער אַריין דער קאָנדוקטאָרשע אין דער האַנט אַריין אַן אַסיגנאַציע. זי לאָזט אים דורך און ער שטייט שוין ביים פענצטער פון דער זייט. ער זעט, ווי מרים גייט אַרויס מיט גבריאלן אונטערן אָרעם אויף דער פּלאַט־פאָרמע, מכלומרשט שנייצט זי זיך אויס די נאָז, און כאַפּט אַ קוק אין וועלדל: דערליידיקט, צי נישט דערליידיקט? זי דערפרעגט זיך עפּעס ביי אַ סטאַנציע־באַאַמטן, יענער ווייזט איר אָן. זי אַנטשולדיקט זיך שעמעוודיק פאַר גבריאלן און גייט אַוועק אין עק פּלאַטפאָרמע, צום וועלדל־צו. שלמה פאַרשטייט איר מאַנעווער: זי וויל זיך אַרויסנאַרן פון זיינע הענט, אַנט־לויפן ביי נאַכט אַליין אַהיים, כדי אַזוי שפּעט נישט דאַרפן גיין מיט אים אַזאַ וויטן וועג.

אַ טרייסל... דער וואָקזאַל רוקט זיך הינטערוויילעכטס אַפּ. סקלאַדן... שלמה דערזעט אויף דער אייבערשטער טרעפּ פון אַ סקלאַד מרימען מיט זוכנדיקע אויגן. ער ציט אויס זיין האַנט, זי באַמערקט אים גלייך, פּאַכעט אים נאָך מיטביידע הענט, שיקט אים נאָך לופטיקע קושן, אָן אַ שיעור לופטיקע קושן. שלמה שטייט שטום, געשלאָסן די הענט, און שאָקלט איר נאָר מיטן קאָפּ. נאָך אַ מינוט און מרים פאַרשווינדט. ער פאַרשווינדן די לעצטע לעמפּעלעך. דער צוג פאַרגיכערט זיין גאַנג. אַרום און אַרום זענען צעשפּרייט פעלדער. קיין זאַך זעט מען נישט, נאָר געלע פענצטער־פלעקן לויפן נאָך דעם צוג, זיפּן דורך גרויסע הרודעס ערד, קליינע הרוד־קעלעך, „קעמלשע וואַרצלען” און עלנטע קוקורוזע־שטעקנס, וואָס שטרייכן נאָך מער אונטער דעם טיפן אומעט, וואָס הערשט איצט אויף די פאַר־יתומטע פעלדער. די פינצטערניש קלערט אפילו נישט שיטערער צו ווערן. די נעכט זענען שוין פיל גרעסערע, עס איז באַלד אלול, עס שמעקט שוין מיט סליחות, מיט ימים־נוראים.

קאפיטל XIII

שלמה גייט אוועק פונעם פענצטער מיט א פארקלעמט הארץ. ווי לאנג ערשט האט ער דורכן פענצטער געזען מרימען? אט דעם בלוי־אויגיקן, גוטן, געטרייען מלאך, וואס מענטשן רופן אים מרים? ווו איז זי אצינד? האט זיך איר איינגעגעבן צו אנטלויפן אליין אין דער פינצטער, צי ער האט זי אויפגעזוכט, דער רוצח אירער? וואס וועט מארגן זיין מיט זיי? וועט דען גבריאל נישט פאלן אויפן שכל, וואס זי האט געטון אויפן וואקזאל, ווען ער וועט זיך כאפן, אז זיין קרבן איז אנטלאפן?

שלמה שעמט זיך פאר זיך אליין, מיט זיין אומבאהאלפנקייט, מיט זיין איבערלאזן אט דעם זעלטענעם אלטיטשקן מיט זיין אייניקל מיט זיך צו באצאלן פאר זיין לעבן. און אויף וואס נוצט אים אזוי שטארק דאס לעבן? וואס האט ער דען אזעלכעס דערמיט צו טון?

ער נעמט ארויס פאלים פאטאגראפיע, באטראכט זי אקוראט, יעדן מינדסטן שטריך אירן באזונדער און זיינע ליפן שעפטשען אומבאוווסט־זיניק:

— יא, מרים האט קיין גרויסן ליגן נישט געזאגט, זי איז ווירקלעך זייער שיין. נו, שוין זשע וועט ער קומענדיק קיין קיעוו — אויב נאר מאסקאליענקא וועט אים נישט פאקן — זיך ווידער נאכשלעפן אט דער פאלין? און — ווען? נאך דעם ווי זיי האבן שוין אפגעלעבט א וואך צו־זאמען אין מאסקווע, אויג אויף אויג, און דער עקספערימענט איז אזוי נישט געראטן?

ער פילט, אז די פאטאגראפיע בריט אים די פינגער. זי וועקט אין אים אויף פארלאשענע געפילן. ווידער אינטערעסירט אים, ווי האט זיך פאלי אויפגעפירט אין קיעוו? צי איז זי צוגעפארן אויף סאלאמינקע, אזוי ווי זי האט צוגעזאגט, אדער זי האט געמאכט א „ברוך שפטרני" און א שפיי געטון אויף אים מיט דער גאנצער משפחה? און וואס איז דען דער חידוש, אז קיין שרייבער איז ער שוין אויך נישט...

ער באטראכט זיינע שכנים אין קופע: בלויז טורקמענער און טורק־מענקעס. אלע דורכגענג זענען פארלייגט מיט ריזיקע פעק, קאלדרעס און פעלן פון באראנעס. טאקע גערעכט געווען מרים, ממש א היימישער צוג, אזוי ווי א געטרייע קליאטשע: וויפל דו לייגסט אויף איר נישט ארויף, איז גוט. ביים צווייטן פענצטער שטייט א הויכער סיביריאק אין א שווארצן, לעדערנעם מאנטל און אין א גראנאטענעם קאפעליוש. ער רויכערט איין פאפיראס נאכן צווייטן און נאטירט עפעס שטייענדיק. א פנים א טוריסט, צי אפשר א זשורנאליסט. ווער ווייסט אים?

אין עק וואגאן טומלט זיך. עס פארן אפשר פופציק טורקמענישע מייד־דעלעך, אויסגעפוצט מיט קאלירטע ליענטעס און מיט בלעכענע צירונגען. פון יעדן קעפעלע הענגען אראפ אן א שיעור צעפעלעך, שווארצע, דינינקע

און גלאַנצנדיקע. די אייגעלעך פינקלען, די פּנימלעך גלאַנצן, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשמירט מיט פעטס, די ציינדעלעך שעמערירן מיט זייער ווייסקייט. זיי זיצן, די פיסלעך אונטער זיך, און פאַרנעמען אַלע דריי פּאָליצעס פון ביידע זייטן. אין דער מיט אויף דער ערד איז פאַרשפּרייט אַ טעפּיכל פון קעמלשער וואָל און באַזעצט מיט אָט די קליינע קאָמעד־יאַנטקעלעך. שלמה ווייסט נישט, צי איז דאָס אַ צופעליקער אַנסאַמבל, צי אַ סטאַבילער קינדער־טעאַטער פאָרט פון אַ רעפּובליקאַנישער אָלימ־פּיאַדע — ער ווייסט נאָר, אַז די מיילעכלעך מאַכן זיך ביי זיי נישט צו אויף קיין רגע. אַלע צוזאַמען ציען זיי אַ נודנעם ניגון, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. אַ טייל פון זיי זינגען און אַ טייל פּליעסקען מיט אויסגעצויגענע הענט. צוויי פון דער כאַליאַסטרע, אויף דער מיטלסטער פּאָליצע, טרייס־לען מיט קליינע איין־וואַנטיקע פּויקן, די פינגערלעך קלאַפּן שנעל און קונציק, די אייזנדלעך קלינגען צום טאַקט און די פּויקערינס האָבן בלומרשט אַזאַ וויכטיקן אויסזען, אַזוי אויסגעגלאָצט די אייגעלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן מיט זייער שפּילן גליקלעך געמאַכט די גאַנצע וועלט. שלמה פּרוווט כאַפּן דעם מאָטיוו — אוממעגלעך!... עס איז עפּעס אַן אָפּגרונט, אַ כאַאָס! ווי אַזוי ווערט זיי גאָרנישט נמאס אָט דאָס וואָיען? און דערמיט פירט מען זיך נאָך אַרום איבערן לאַנד אַהין און צוריק... טאַקע דאָ זיך מיט וואָס צו באַרימען!

ער קערט זיך אום אויף זיין פּלאַץ און טרעפט דאָרט שלאָפן אַ טורק־מענקע אין אַ קוויטיקער, וואַטענער קאַפּאָטע. זי ליגט אויסגעצויגן אויף דער גאַנצער פּאָליצע און האָט נאָך אונטערגעלייגט זיין וואַליזע צוקאָפּנס. וועקן זי, ווילט זיך אים נישט, אַלץ איינס איז מחויב באַלד טאָג צו ווערן, דאַרף מען אומבאַמערקט אָפּדאַווענען. ער גייט צו צום פענצטער, מען קען שוין עפּעס פונאַנדערקלייבן. אויפן האָריזאָנט קומט פאָר אַ קאַמף. די נאַכט לאָזט נישט אַריין דעם קומענדיקן טאָג. שלמה באַמערקט: קיין פעלדער זעט מען מער נישט, וווּ מען וואַרפט נישט קיין בליק — נאָר זאַמד. זאַמד און הימל, הימל און זאַמד. דאָ ציען זיך שוין די קאַראַ־קומער סטעפּעס סאַמע ביז צום ים, ביז קראַסנאָוואָדסק.

אין זיין זכרון וואַכט אויף אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון די חדר־יאָרן:

...המוליך אותנו במדבר, בארץ ערבה ושוחה, בארץ ציה וצלמות, בארץ לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם...*.

דער אויסגעברענטער מדבר פּאַסט זיך גוט צו צו זיין שטימונג. פאָרנדיק אַהערצו איז אים געווען אויפן האַרצן ווייסט, איצט איז אים — פינצטער. אַ מדבר אין דרויסן, אַ מדבר אינעווייניק. אַ פּאַראומער־

*) גאָט, וואָס פירט אונדז אין דער מדבר, אין אַ לאַנד, וואָס קוועלט זיך פון טרוקעניש און איז פול מיט גריבער, אין אַ לאַנד, ווו ס'איז ווייסט און פינצטער, אין אַ לאַנד, ווו עס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען קיין מענטש און עס האָט זיך דאָרט נאָך קיינער נישט באַזעצט. פון ירמיה.

טער עבר און אַ שרעקלעכער עתיד. וווהין פֿאָרט ער, צו וועמען פֿאָרט ער און וואָס דערוואַרט אים דאָרט?

אויף דער צווייטער נאַכט, פֿאַר טאָג־צו, האָט שלמה אין דער פֿינצטער באַמערקט אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג. וויפֿל ער האָט זיך נישט באַמיט אַרייַנצודרינגען אין דעם סוד, אין דעם רעטעניש, איז אים אַלץ נישט געלונגען. אויף איין זייט צוג איז געווען אַ לויטערער הימל, אַן אויסגע־שטערנטער, מיט אַ ברייטן מילכוועג אויף דער מיט. אויף דער צווייטער זייט צוג איז די גאַנצע לאַנדשאַפֿט געווען איינגעהילט אין אַ ריזיקער כמאַרע. איבערן קאָפּ האָבן נאָך שעמערירט שטערן אָבער עטוואָס נידע־ריקער איז געהאַנגען אַ געדיכטער נעפּל, אַ נישט־דורכדרינגלעכער וואָלקן. שלמהס מח האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי קען דאָס זיין? אין איין און דער זעלבער צייט: דאָ — אַזאַ כמאַרע, און דאָרט — שטערן? ערשט מיטן זון־אויפֿגאַנג האָט זיך דאָס רעטעניש פֿון זיך אַליין געלייזט: אויף דער רעכטער זייט פֿון צוג איז נאָכגעגאַנגען דער ים, דער בלאָער, שטענ־דיק בייזער, קאַספּישער ים.

אויב נישט רעכענען די פּאָר מאָל, וואָס שלמה האָט אין אָדעס, אין די ביינאַכטיקע שעהן, פֿונדערווייטנס געזען דעם שוואַרצן ים — האָט שלמה איצט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַזוי נאָענט געזען פֿאַר זיך אַ ים. זיין פּאַטעטישע נאַטור האָט אויפֿגעוואַכט, ער איז אויף קיין מינוט נישט אָפּגעטראָטן פֿון פֿענצטער, מיט די אויגן געגעסן אָט דעם גיגאַנ־טישן באַסיין, וואָס מען רופֿט אים: ים.

די מחשבות טראָגן אים אַוועק:

— אודאי, אודאי, וואָלט גליכער געווען קומען צו פֿאָרן מיטן מיטל־לענדישן ים „אהין", נאָר גם־זו לטובה! גוט איז דאָס אויך. איידער זיך פּלאָגן ביי מאָסקאַליענקען אין די הענט, צי ביי דעם תכשיט, ביי גבריאלן, איז אודאי אינטערעסאַנטער צו שטיין אין וואַגאָן און באַטראַכטן גאָטס באַשעפעניש מיטן שרעקלעכן נאָמען: ים...

און אויפֿן אויסזען איז ער עפּעס גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. אָט קייקלט זיך אַרויס פֿון אונטער אים אַ גרויסער, רויטער עפּל. דער עפּל באַשטראַלט אין איין אויגנבליק דעם גאַנצן ים־פּלאַך, צינדט אָן יעדן טראָפּן באַזונדער און אַליין גייט ער זיך אַוועק רואיק, מאַיעסטעטיש, צו קיניגן אויף דער וועלט. אָט די פּלאַכע, עלאַסטישע בערגלעך פֿון געשלי־פֿענעם, פֿילפֿאַרביקן קרישטאָל רופֿן זיך אַ פּנים כוואַליעס. אָט יענע מח־נות קלאָר־ווייסע פֿייגל, וואָס טראָגן זיך אַקעגן דער זון, רופֿט מען אַ פּנים טשאַיקעס*, טאַקע זייער אַ שיינער נאָמען: טשאַיקעס. און וואָס איז דאָס? פֿיש אַזעלכע? זיי שפּרינגען גאָר אַליין פֿון ים, טאַנצן אַ קאַדריל אויפֿן וואַסער, און לויפֿן נאָך דעם שיפֿל? געשיקט זיך, אַז דאָס זאָלן זיין

*) ים־פֿייגל, מעוועס.

אזעלכע פיש? אָ! ער האָט גאָר פארגעסן, דאָס זענען דאָך דעלפינעס! ימישע קאוואלעריע.

דער צוג גייט שווער. די ליניעס האָבן זיך דערנענטערט צום סאַמע ראַנד פון דער יבשה. דער ברעג איז פארשוואונדן פון די אויגן. די פּאַסאַזשירן זעען דורך די פענצטער בלויז דעם ים. ווען דעם ים זאָל זיך פארוועלן, וואָלט ער מסתמא גרינג געקענט פארטרינקען די באַנליניע מיטן צוג צוזאַמען. נאָך דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט נישט אזא קאַפּריז.

אַ זייגער צען אין דער פרי שטייגט מען אוים אין קראַסנאָוואָדסק. אַ האַלבע שעה שטייט שלמה אָפּ אין ריי ביז ער באַקומט אַ בילעט צווייטע קלאַס אויפן דאַמפער „רויטער שטערן". אַצינד דאַרף מען טראַכטן פון דאַוונען. פון פאר טאָג אָן האָט זיך אין וואַגאָן געטון אזא איבערקערעניש, אזא געשטופּעריי, אז פון דאַוונען דאָרטן האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. שלמה גיט אָפּ די וואַליזע אין קאַמער פאר האַנט-באַגאַזש און צוגרייטנדיק די תפילין אין טאַש — טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָלן זיי זיין צו דער האַנט — לאָזט ער זיך אַוועק באַטראַכטן דעם פּאָרט קראַסנאָוואָדסק.

קראַסנאָוואָדסק, דאָס איז אַ שטאָט אַ סוכאַר, אַ דאַרע, טרוקענע סוכאַרקע. הייזער פון שטיין, פּארקנס פון אייזן, טראָטואַרן, וועגן — בלויז אַספאַלט. גלאַט, שיין, אַ מחיה צו קוקן, אַ פארגעניגן צו שפּאַנען, נאָר קיין וואַסער-קראַן, קיין גרעזעלע, קייןביימל, דאָס זעט מען נישט אויף דער גאַנצער שטאָט. דער דאָזיקער ישוב מאַכט אָן איינדרוק פון אַ מדברישער חיה-רעה, וואָס האָט זיך אָנגעטון אין שטיין און וויל אויסרייסן ביי מענטשן פונעם זכרון, אז ערגעץ געפינען זיך גרינע לאָנקעס, פּאַשעפעלדער, לויטערע טייכלעך און זאַפטיקע פירות. וואַסער האַלט מען דאָ אין די הייזער אויפן שלאָס. יעדער טראָפּן איז גאָלד. קיין עוף, קיין הונט, קיין קאַץ, ווער שמועסט נאָך אַ קו, צי אַ שעפּס — זעט מען אין ערגעץ נישט. דאָ טרעפט מען אזוינס נישט. ווער וועט זיי באַזאָרגן מיט וואַסער? מען איז אַליין גערן זיך צו באַנעצן דעם האַלדז אַלע מאָל. דער לעבעדיקער טראַנספּאָרט באַשטייט נאָר פון קעמלען און, זעלטן ווו, ביי עמעצן אָן אייזל. קעמלען זענען ווי אָנגעמאָסטן פאר אזא טרוקן אָרט ווי קראַסנאָוואָדסק. זיי טרינקען זיך איין מאָל גוט אָן, ווען עס קומט דער וואַסער-צוג, סטאַיעט שוין ביי זיי ביז דעם קומען פון דעם צווייטן וואַסערצוג. און דאָס אייזל? וואָס זאָל מען טון? מען קען זיך דען רירן אין די סטעפּעס אָן אָט דער געטרייער סבלנותדיקער חיה?

שלמה זוכט אַ פּאַרק, אַ ווינקל, אַ חורבה, ווו עס איז, אַבי אָנמעסטן די תפילין, זאָגן אין זיי קריאת-שמע און שמונה-עשרה, איין מאָל — ניין! גאַנץ קראַסנאָוואָדסק ליגט פאר אים ווי אויף דער דלאָניע: אָט דאָס בין איך און מער זוך נישט, ווייל דו וועסט גאָרנישט געפינען. מיט אַ מאָל באַמערקט ער אין צענטער שטאָט, האַרט ביי לענינס סטאַטוע, אַ הויכע גאַלעריע מיט שווינדל-טרעפּ. דאָס איז אַ נאַקעטע געביידע, פון אונטן

ברייט און פון אויבן שמאָל ווי אַן אור־אור־אייניקל פונעם פּאַריזער אייפל־טורעם, און כאָטש זי איז נעבעך מאָגער, אָן איין פאַרבאָרגן ווינ־קעלע, אָן אַ סימן פון אַ דעכל, דערפאַר אָבער, ווערליק די שטאָט — זייער אַ הויכע. פון דאָרט קען מען באַמערקן אַ שיף, ווען זי איז נאָך העכער הונדערט קילאָמעטער פון ברעג. אין שלמהן האָט זיך דאָס האַרץ אַ וואָרף געטון פאַר פרייד: די הויכקייט פון דער געביידע וועט מאַכן זיין דאַוונען אומבאַמערקט פאַר אַלע דורכגייער. נישט לאַנג געטראַכט, גיט ער אַ לויף אַרויף אויף דעם סאַמע שפּיץ. אַ! עס איז אַ מחיה! ער, גאָט און דער ים!... קוקנדיק אויף דער שטאָט פון אַזאַ גוואַלדיקער הייך, קען זיך דאַכטן, אַז די שטאָט איז גאָר נישט קיין שטאָט, נאָר עס איז דאָ אַ מאָל פאַרבייגעפאָרן אַ גרויסער קאַראַוואַן און האָט פאַרלוירן עטלעכע גרויסע שאַכטלען. די גרויסע שאַכטלען האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן געהאַט קליינע שאַכטעלעך און די קליינע — נאָך קלענערע, און אָט די דאָזיקע עטלעכע דורות שאַכטלען, האָבן דאָס מענטשן אָנגערופן מיט אַזאַ קליינ־געגדיקן נאָמען: קראַסנאָוואָדסק. די שטיינערנע שטאָט וואַלגערט זיך ערגעץ אונטער זיינע פיס, טומלט זיך, שמאַכט פון דאָרשט, אָבער ער לאַכט פון איר מיט אירע אומגליקן. פון פּאָרטפעל באַווייזט זיך אַ פלעשל לימאָנאַדע. ער וואַשט די הענט, פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און זאָגט דעם „לשם יחוד".

דאָס בוידעמל פון אָט דעם טרעפּלדיקן סקעלעט באַשטייט פון אַ קליין שטיקל פּלאַץ: צוויי ברעטער די ברייט, נאָך ווייניקער פון דעם שטח — די לענג און אַן אייזערן פאַרקנדל. ער הייבט אָן דאַוונען פון פאַרנט און באַמערקט נישט, ווי אַ שפּאַצירנדיק פּאָרל, אויך פון די שיף־פּאַסאַ־זשירן, הייבט זיך אויך אויף אויף די טרעפּ. ערשט ווען זיי זענען שוין עטלעכע טרעפּ נידעריקער פון אים, דערהערט ער זייערע לייכטע טריט. ער קוקט זיך אום: וואָס טוט מען? אויסטון די תפילין אין מיטן דאַוונען און פאַרפירן אַ שמועס מיט די יונגעלייט — ווילט זיך אים נישט. ער טאָר שוין נישט אויסרעדן, — שוין געזאָגט „ברוך שאמר". ער שטעלט אַריין דעם פּאָרטפעל צווישן די פיס, און שפּאַרט זיך אָן אויפן פאַרקנדל, מיט די פּלייצעס צו די אָנקומענדיקע. ער הערט ווי זיי שטייען שוין אויפן העכסטן טרעפּל. העכער גיין קענען זיי נישט, פאַר דריי מענטשן איז קיין פּלאַץ נישטאָ. ער הערט, זיי שושקען זיך עפּעס, רעדן וועגן אים.

— אַ מאָדנער מענטש, פאַר וואָס קוקט ער זיך נישט אום אויף אונדז?

— איך ווייס פאַר וואָס, בעטי?

— פרעג ביי אים עפּעס אומיסטן, יאַשאַ...

— וואָס זאָל איך אים פרעגן?

— אַליץ איינס, וואָס...

— חבר, אַ זייגער האָט איר נישט ביי זיך?

שלמה שווייגט.

— חבר, איך פרעג וויפל עס איז איצט דער זייגער, ווייסט איר נישט? דאָס זעלבע שווייגן.

— פאַר וואָס ענטפערט איר נישט, הא, חבר? איר פאָרט אויך היינט מיט דער זעלבער שיף?

שלמה פאַרבייסט אַ ליפּ, שווייגט.

זיי, הינטער אים, גיבן זיך אַ שושקע איבער.

— חבר, איר רויכערט נישט? וואָס זענט איר אַ שטומער, חבר?

— יאשא, קום, איך האָב עפּעס מורא פאַר דעם מענטשן, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ בריאה דאָס איז.

שלמה הערט מיט פאַרגעניגן, ווי זייערע טריט דערווייטערן זיך שנעל. ער דערדאַוונט ביזן סוף און פאַרלאָזט דאָס בוידעמל.

אַ גאַנצן טאָג בלאָנקעט ער אַרום איבער דער שטאָט, קוקט אויס. די שיף שטייט שוין לאַנג אין האפן. הונדערטער טרעגערס לאָדן זי אָן. אָפּגיין וועט זי האַלב אַכט אין אָוונט. אין באַקו וועט מען זיין פינף אַ זייגער פאַר טאָג. דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן אומגעריכט. שלמה האָט אָפּגע־טראָגן די זאַכן צו זיך אין קאַיוטע און שטייט אויף דער דעק פון דער שיף ביי דעם סאַמע ראַנד. אָט צערעוועט זיך דער דאַמפער און די שטאָט גיט זיך אַ דריי אויס. די ברעגן רוקן זיך לאַנגזאַם אָפּ הינטער־וויילעכטס. די הייזער פאַרלירן זייער רעליעפן אויסזען. ערגעץ ווייטלעך טראָגט זיך אַ צוג פון קראַסנאָוואָדסק, פונקט אין אַזאַ קליינינקן צוג ווי אַ קינדערשפּילעכל איז ער נעכטן געפאָרן.

די יבשה טראָגט זיך אָפּ צום האָריזאָנט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דין פּאַסיקל. אַ בלוי רויכל פאַרשטעלט אירע סילועטן, מאַכט זיי וואַ־סערדיק. דער פאָרט מיט זיין גאַנצן הו־האַ, זעט איצט אויס ווי אַ דמיון.

— זייט געזונט, מיטל־אַזיע! לעבט רואיק, איר, אומהיימלעכע קאַראַ־קומער סטעפּעס! זייט געגריסט, ווייטע מאַרי, ליב־האַרציק הייפעלע ביי די סאַמע בערג! טייערער ר׳ אבא־חלקיה! ליבע, געטרייע מרים! שטילע אַלטיטשקע! זבולון — קרבן מיינער! זייט געזונט! איך וואַרף אייך אַוועק. איך אַנטלויף ווי אַ פאַררעטער פון שלאַכטפעלד, איבערלאָזנדיק אייך אין סאַמע רעכטן פייער. זייט געזונט און גאָט זאָל זיין מיט אייך!...

דער האָריזאָנט איז געוועזן אָפּגערייניקט. די ערד איז פאַרשוווּנדן. די זון, אַ מידע, אַ צעיושעטע, האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אין אָפּ־גרונט פון ים.

דער טאָג האָט געגוססט...

קאַפּיטל XIV

פֿונעם ים האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿינצטערע נאַכט. איינציקווייז האָט זי איינגעשלונגען דעם האָריזאָנט, די כוואַליעס, דעם הימל. אַלץ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער מאַסע, אָן אַ פֿאָרם, אָן אַ גרענעץ. נאָר שטערן, גרויסע, אומרואיקע ווי קוועקזילבער, האָבן חוזק געמאַכט פֿון די הונדערטער לעמפּעלעך, וואָס האָבן באַלויכטן די שיף, זיי האָבן זיך געהיימניספֿול דורכגעוווּנקען צווישן זיך אויף דער קינדערשער קאָרעטע, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די כוואַליעס. און די קינדערשע קאָרעטע האָט דווקא קיין מינדסטן אַכט נישט געלייגט אויף אָט די שטיפֿערישע אייגעלעך ערגעץ פֿון אויבן. דאָ איז דאָס ביינאַכטיקע שיף־לעבן געפֿלאָסן גאַנץ נאָרמאַל און רואיק, כאָטש עס איז געווען גאַנץ קילבלעך. די פֿייכטקייט פֿון דעם נאָענטן וואַסער, פֿון דער געדיכטער נאַכט, דאָס געפֿינען זיך צווישן הימל און ים, אָן ווענט, פֿריי פֿאַר יעדן מינדסטן, שטיפֿערישן ווינטעלע, האָט פֿון דעסט וועגן נישט פֿאַרטריבן די רייזנדיקע אין די קאָיוטעס, קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט פֿאַרשלאָפֿן די נאַכט אויפֿן ים.

די שיף־דעק איז געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. אויף אַלע טרעפּ, אויף אַלע גאַניקלעך זענען געשטאַנען פֿאַרליבטע פּאָרלעך, גאַנצע משפּחות מיט פּיצלעך קינדער. אַ גרוזינער דעלעגאַציע האָט זיך פֿון ערגעץ אומגעקערט אַהיים, און אירע מיטגלידער האָבן געטאַנצט מיט אַזאַ קוראַזש, אַז מען האָט זיי געהערט פֿון איין עק שיף ביזן צווייטן. אַ גרופּע קאַזאַכן פֿון פּרויען מיט מענער האָבן מיט התפּעלות צוגעקוקט, ווי אַ יונגער גרוזין מיט אַ גרוזינקע טאַנצן אַ ווילדע ליזגינקע*. ער יאָגט זיך נאָך איר מיט אַ בלאַנקן קינזשאַל, די אויגן — ווי ביי אַ רוצח, די פּיס — מיטן אויג נישט צו כאַפּן, די האַנט — אָנגעצילט ווי אַ פֿייל, אָט־אָט לעכערט דער קינזשאַל דעם מיידל די יונגע ברוסט, דאָס בלוט וועט שטראָמענדיק אַ שלאָג טון אויף דעם שיף־דעק, פֿאַרשפּריצן אַלעמען, רויט מאַכן דעם ים און דאָס מיידל וועט ליגן אַ בלאַסע, אַ קאַלטע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין שטומען הימל אַריין. אָבער דאָס מיידל קלערט אפֿילו נישט קיין איין טראָפּן בלוט שענקן דעם שיף־דעק. זי טראָגט זיך לאַכנדיק איבערן קרייז, ווי אַ רוח גליטשט זי זיך אַרויס פֿון אונטער דעם אויפֿגעהויבענעם קאַלטן מלאך־המוות. זי אַנטלויפֿט און רייצט זיך נאָך מיט איר נאָכפֿאָלגער פֿאַר זיין נישט ריכעוודיקייט. יענער, אַ צערייצטער, גיט אַ בליץ מיטן קינזשאַל אין דער לופֿט און כאַפּט שוין אָן זיין קרבן ביים אַקסל, נאָר דאָס מיידל כאַפּט אָן מיט דער צווייטער האַנט דעם קינזשאַל און פֿירט אים אָפּ אין אַ זייט.

די פֿאַרשלאָפֿענע קאַזאַכן הערן נישט אויף צו באַוווּנדערן די געשיקטקייט פֿון דעם טאַנצנדיקן פּאָרל. ביי זיי אין די וויסטע מדבריות, אין די פּלאַכע זאַמדן כאַפּט מען זיך נישט אַזוי; עס איז דאָ צייט, דער הימל

* אַ גרוזינישער נאַציאָנאַלער טאַנץ.

איז נאָך הויך, דער טאָג איז נאָך גרויס, און טאָמער איז דער היינטיקער קאַרג, איז מאָרגן אויך אַ טאָג און איבער מאָרגן אויך... וואָס איז דאָס באַפּעניש? דער טייך ברענט? אַז מען שטייט אויף, שטייט מען אויף פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט, מען באַטראַכט זיך, מען באַטאַפּט זיך, מען וויקלט זיך גוט אַרום, מען קוקט זיך גוט־גוט אַרום, די אויגן זענען שמאָלינקע, דויערט אַ ביסל מער — נו, איז וואָס? וווהין איז דאָס איילעניש? די זאַמדן זענען אייביקע. זייערע עלטער־זיידעס האָבן געזען די זעלבע זאַמדן און זייערע אור־אור־אייניקלעך וועלן זיי אויך טרעפן אויפן אָרט. נישטאָ זיך וווהין צו איילן. און אַז מען שטייט שוין אויף, עסט מען פּאַוואָלינקע, צו קליינינקע שטיקעלעך, ווי אַ הענדעלע: מען גיט אַ פּיק — און מען פאַרקלערט זיך, אַ זופּ — און מען פאַרטראַכט זיך. נאָך דעם, אַז עס איז שוין נישטאָ וואָס צו טראַכטן, קוקט מען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין אַ ביסל, ווי אַזוי דען? פון קיין איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אַזוי האָבן געטון אַלע זייערע קאַזאַכישע זיידעס און אַזוי דאַרפן זיי אויך טון. און טאַנצן טאַנצט מען דען נישט? וואָס הייסט עפּעס ניין? נאָר נישט אַזוי ווי די שאַיטאַנעס...* נישט מיט קיין געווער... מען קען דאָך שטאַרבן פאַר שרעק! ביי זיי נעמט מען זיך אָן פאַר די הענט, די וואַטענע כאַלאַטן פאַרשטעקט מען אין רויטע גאַרטלען, די שטריימלען לייגט מען אוועק אין דער מיט פון ראָד און מען דרייט זיך. מען דרייט זיך, מען דרייט זיך, פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט, אָן אַ שמייכל, מיט די שמאָלע, בין־השמשות־דיקע אויגן... ווערט עמעצער מיד, זעצט ער זיך צו איין שפּאַן ווייטער פון די טאַנצנדיקע. אויף זיין ווונק ווערט אים צוגעטראָגן אַ פּיאַלע גרינע טיי. ער זופּט די קאָכיקע טיי מיט דריבנע זופּעלעך און קוקט שלעפּעריק צו ווי מען דרייט זיך. ווען די טיי איז אויסגעטרונקען און אין מויל אַריינגעוואָרפן אַ שפּאָר זשמענקעלע קיי־טאַבאַק, הייבט ער זיך בנימוסדיק אויף, לייגט אַריין זיינע שווייסיקע הענט אין נאָך אַזעלכע שווייסיקע הענט, און דרייט זיך ווייטער. פינגער ווי זאַפרען־שטעקעלעך פלעכטן זיך; אויגן ווי דיניע־שפּעלטעלעך דרימלען לייכט; טיפּזיניקע, קאַזאַכישע פּיס מאַכן באַשובטע טריטעלעך און מען דרייט זיך און מען דרייט זיך, לייטיש, סאָליד, ווי מען פלעגט טון פון קדמונים אָן... און זינגען זינגט מען דען נישט? און שפּילן שפּילט מען דען נישט? נאָר נישט מיט אַזאַ געפּילדער, נישט מיט אַזאַ האַרמידער, אַז מען קען אפילו נישט איינדרימלען, ווער שמועסט, זיך גוט אויסשלאָפן דרייענדיק זיך אין ראָד. וואָס דען, אַזוי ווי זיי? מען קען דאָך משוגע ווערן פון אַזאַ טאַנצן.

און די קאַזאַכן זענען בפירוש דאָס מאָל געווען נישט אין גאַנצן אומגערעכט. דאָס ראָד האָט זיך פאַרברייטערט אויף דריי מאָל גרעסער, געטאַנצט האָבן שוין דווקא דריי פּאָרלעך, נישט איינס; און אַקאָמפּאַנירט האָט מען שוין דווקא מיט צימבלען און מיט פּויקן, און מיט פאַרשידענע לאַנג־גאָרגלדיקע כלי־זמרים, און אַלע צוקוקער האָבן געפּאַטשט אין די

* טייוולאָנים, שדים.

דלאָניעס און געשריגן: אס־סאַ! די קינזשאַלן האָבן געשאָסן מיט פונקען, די מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייערע גראָבע שוואַרצע צעפּ, אַז נישט, האָבן זיי די צעפּ צעגומען ווי פליגלען, געשטשירעט די ציין, גע־מאַכט אייגעלעך, זיך אונטערגעשפּאַרט די טאַליע מיט די געטאָקטע, פאַרברוינטע הענט און געשוועבט איבער דער פּאַלובע ווי די טשייקעס. וואָס אַמבאַלאַנגט די קאַוואַליערן זייערע, אין די שטיוועלעך מיט די איי־זערנע פּאָדקאָוועס, ווילן זיי נאָר מאַכן אַ לאָך אין פּאָל. עס שיטן זיך קלעפּ אויף דער פּאַלובע, ממש ווי אַ פּולעמיאָט וואָלט געשאָסן... און דער עולם האַלט אין איין וואַקסן און אַלע פּליעסקען און אַלע שרייען נאָר איין וואָרט, נישט מער ווי איין און איינציק וואָרט: אס־סאַ! אס־סאַ! מען שרייט נישט זייער שטיל, נישט זייער הויך, נאָר פּונקט אויף אַזוי פיל, אַז אַ קאַזאַך זאָל באַשלאָגן מיט אַ קאַלטן שוויים און ער זאָל דער־פילן, אַז ער מוז זיך צוזעצן, ער מוז זיך באַטראַכטן: וואָס טוט זיך דאָ? וואָס פאַר אַ גיהנום איז דאָ?

שלמה פאַרלאָזט די פּריילעכע קאָמפּאַניע, גיט אַ קוק אין הימל אַריין, דאָרט, אַ פּנים, טאַנצט מען נישט קיין „ליזגינקעס", דאָרט שלאָפט אַלץ געשמאַק. די דעזשורנע שטערנדלעך שטאַמען אויך אַ פּנים פון קאַזאַכ־סטאַן. זיי קוקן מיט אומגעדולד אויף די טענצערס: ווען וועט זיי שוין נמאס ווערן? ווען נעמט עס אַן עק, מען זאָל שוין אויך קענען כאַפּן אַ דרימל? אַלע קלייטלעך אויף דער שיף זענען אָפן, מען קריגט דאָרט אַלץ, וואָס דאָס מויל קען נאָר אויסרעדן — נישט מער, די מערהייט פאַר־שווינען קויפט נאָר ביר, ווײַן און מילגרוימען. שלמה אינטערעסירט זיך: וואָס איז היינט אַזאַ אויסכאַפּעניש אויף די מילגרוימען? און באַקומט אַן ענטפער, אַז די דאָזיקע פּרי איז אַ מיטל קעגן ים־קראַנקהייט. ער פאַר־שטייט נישט:

— וואָס איז אַזוינס ים־קרענק? איז זי אַנשטעקנדיק אויך? און וואָס איז עפּעס מילגרוימען פאַר אַ רפואה? און אויב יאָ, איז וואָס זשע? עס, וויפל דו ווילסט? אַן אַ מאָס?

אין סאַלאָן, ערשטער קלאַס, איז שטאַרק פּריילעך. גרויסע קרישטאָ־לענע קאַנדעלאַבערס גיסן ווייך אָנגענעם ליכט אויף די טישלעך, אַרום וועלכע עס זיצן די אינטעליגענטן: יונגע מענטשן מיט שיינע פריזורן און מיט שניפּסן, מיט אַ קנייטש אויף די הויזן און מיט גלאַנצנדיקע שיך; דאַמעס מיט געשווירענע און מיט נישט געשווירענע האָר, עלעגאַנט געקליי־דעט. מען זיצט, מען עסט לאַנגזאַם אייזקרעם אָדער מען טרינקט ביר, מען פאַרבייסט מיט ראַקעס און מען קוקט אויף די טאַנצנדיקע. אין אַ ווינקל, אויף אַזאַ נידעריקער קאַטעדרע שפּילט מען אויף אַ פּיאַנינע, עט־לעכע פידלען און אַ וויאָלאָנטשעל. דער טאַנגאָ גיסט זיך זיס, גנבעט זיך אין האַרצן אַריין, וועקט אויף זכרונות פון דער ווייטער יוגנט, מישט אויף קינדער־פאַנטאַזיעס, אָפּגעגאַרטע טרוימען. די זכרונות כאַפּן זיך אויף „אויף די פּיס", הייבן אָן „פּאַטשן מיט די פליגלען" ווי אַ

שיירא איינגעשלאָפֿענע פֿייגעלעך, וואָס דער ווינט האָט זיי אַראָפּגעיאָגט פֿונעם בוים און צעטריבן איבערן גאַנצן גאָרטן. דאָס אַלץ לאָזט נישט אַוועקגיין. און פֿאַרלעך, שטייף־אַרומגענומענע, דרייען זיך שטיל ווי אַ סוד; עלעגאַנט, איידל, ווי עס פּאַסט פֿאַר יונגער, סאָוויעטישער אינטע־ליגענץ. דאָס ווייכע מעבל, דער גלאַנצנדיקער פּאַרקעט, די ווייכע שיין, דער געהיימניספֿולער פֿליסטער פֿון די חנעוודיקע קעלנערקעס, דער פֿינק־לענדיקער וויין אין די באָקאַלן, דאָס לייכטע הוידען זיך פֿון דעם אַלעמען אויף די כוואַליעס, די פֿאַרשיכורנדיקע מוזיק, אָט דאָס אַלץ צוזאַמען זעצט בגוואַלד אַוועק ביי אַ טישל און לאָזט נישט אַוועקגיין.

שלמה זאַמט זיך דאָ אַ פּאָר שעה און בלאָנקעט ווייטער.

אָט איז ער אין אַ טונקעלער טייל שיף. דאָ שלאָפֿט מען אויף דער אמתן. מען ליגט אויסגעצויגן אויף מאַטראַצן און אויף די הוילע ברע־טער, אָנגעשפּאַרט אין וואַליזעס און גלאָט איינער איינעם צווייטן און מען כראָפּעט אויף קולי־קולות. אָט איז דעם קאַפּיטאַנס בריקל. אין דער פֿינצ־טער איז נאָר צו באַמערקן אַ ווייס היטל, קיין פּנים זעט מען נישט. אָט שטייט דער רודער־פֿירער, ער האַלט זיך פֿאַר דעם גרויסן ראָד און קוקט רואיק אין דער פֿינצטערער געדיכטעניש אַריין. אָט דערהערט זיך עפּעס אַן אומדייטלעכער כריפּ. ער נעמט דאָס טרייבל, חזרט איבער דעם קאַפּיטאַן דעם באַפֿעל און שרייט די פֿאַראָרדענונג נאָך דעם אַריין אין אַזאַ קעסטל, וואָס גיט זי שוין איבער אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. און ווידער שטייט ער אויף זיין פּאָסטן, אַ רואיקער, אַן אויסגערעכנטער. עטוואָס לינקס איז די קאַיוט־קאָמפּאַניע*. די בייטאָגיקע וואַכטע רוט־זיך אָפּ אין די קאַ־יוטעס. די מאַטראָסן ליגן אויסגעצויגן אויף זייערע הייגנענדיקע בעטלעך, ווער עס לייענט עפּעס און ווער עס זינגט עפּעס.

אָט איז דער „רויטער ווינקל“. אַ מיניאַטור קאַיוטקעלע. אין דער מיט אַ טיש באַדעקט מיט רויטן שטאָף, אויף אים זענען אָנגעוואָרפֿן צייטונגען און ביכער. שלמה גייט אַריין, פֿרעגט אויף אַ שאָך. דער פֿאַרוואַלטער פֿון „רויטן ווינקל“ ענטפֿערט, אַז דאָ איז פֿאַרבאָטן אַריינצוקומען וועמען עס איז נישט פֿון דער קאָמאַנדע, נאָר אַזוי ווי אים אַליין גלוסט זיך אויך צו שפּילן, ער איז ערשט פֿונעם שלאָף, אויסגערוט, און שפּילן האָט ער נישט מיט וועמען, דעריבער דערלויבט ער אים דאָ צו בלייבן, נאָר ער וויל רויכערן און האָט נישט, אפֿשר האָט גראָד שלמה ביי זיך? שלמה גייט אַרויס, ברענגט ציגאַרן, ביר, געבעקס און פֿרוכטן. מען שפּילט איין פּאַרטיע נאָך דער צווייטער. דער זייגער איז נאָך צוויי. שלאָפֿן ווילט זיך נישט קיינעם פֿון זיי. דורכן אָפֿענעם אילומינאַטאָר** דערטראָגט זיך דאָס מעטאַדישע בוצקען זיך פֿון די כוואַליעס אין די מעטאַלענע באָרטן פֿון „רויטן שטערן“. דאָס מאָנאָטאָנע קאַלויצען זיך פֿון די צעקלאַפּטע כוואַליעלעך גיסט אָן דעם מענטשן מיט איינגעשלעפֿערטער רואיקייט.

* דער באַדינונגס פּערסאָנאַל אין ים־פֿלאָט.

** אַ קליין, רונד פֿענצטערל אויף אַ שיף.

די אברים ווערן שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. דער קאָפּ אַרבעט מעכאַ־ניש, מאַנאָטאָן, אָן רצון.

מיט אַ מאָל רופט זיך שלמה אָן:

— חבר פּאָליט־אָנפירער, זאָגט מיר, איאָ, ווען עס איז איצט נישט פינצטער, וואָלט מען שוין דייטלעך אַרויסגעזען די ברעגן פון באַקו?

— איר זענט ביים קלאָרן געדאַנק, צי נישט? וואָס רעדט איר?

— פאַר וואָס זאָל דאָס נישט זיין אַזוי? עס זענען נאָך געבליבן אַ וועלכע דריי שעה צו פאָרן...

— פאַר וואָס עפּעס דריי? פאַר וואָס נישט קיין פופצן?

— פופצן? מען קומט דאָך אָן קיין באַקו פינף אַ זייגער.

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? אודאי פינף, נאָר פאַר נאַכט.

— און מיר האָט מען געזאָגט, אַז פאַר טאָג.

— נו, וואָס קען איך העלפן? איך פאָר ערשט אַרום אויף דער טראַסע צוויי מיט אַ האַלבן יאָר. אפשר יענער, וואָס האָט אייך געזאָגט, אַז פאַר טאָג, פאָרט שוין מער און ווייסט בעסער?

שלמה איז געוועסן שטאַרק אַנטוישט. ער וועט קומען אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַזאַ כרך ווי באַקו, שפּעט פאַר נאַכט, ביז ער וועט נאָך ערגעץ געפינען אָן אָרט אויף צו נעכטיקן, ווו קען ער אַ שטייגער דאַווענען? פון דאַווענען אויף דעם שיף־דעק, צי ביי זיך אין קאַיוטע — קען קיין רייד נישט זיין. ערשטנס, איז פשוט אַ סכנה, מען קען אים דאָ עד לחשבון קרוינען פאַר אַן אַגיטאַטאָר. צווייטנס, איז אַ חילול־השם, אַ חוכא וטלולא... ער גיט אַ טאַפּ אין קעשענע: די תפילין ליגן דאָרט נאָך פון אין דער פרי, אָבער וואָס קומט אַרויס? ווו נעמט מען אַ מעגלעכקייט אָנצוטון זיי? שלמה וואַרפט אַ קוק אויף דער קאַיוטע, אויפן פּאָליט־אָנפירער, און ביי אים אין קאָפּ בליצט אויף אַ געדאַנק.

— וועלכן ווייַן האָט איר בעסער ליב, חבר?

— קיין שום ווייַן טאָר איך נישט טרינקען, אַזוי לאַנג ווי איך האָב דיזשור.

שלמה פאַרגעסט מכלומרשט זיין פראַגע און מען שפּילט ווייטער. אַרום פיר פאַר טאָג גיט ער צו זיך אַליין אַ בורטשע:

— אַה! פאַר טאָג ווערט אַזוי קאַלט אויף דער נשמה, אַז איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אויסגעטרונקען אַ גלאָז גוטן ליקער, נאָר אַליין גלוסט זיך עפּעס נישט.

יענער גיט אַזש אַ צאַפּל. די נאָזלעכער צעברייטערן זיך, ווי ביי אַ פערד, דערהערנדיק, אַז דער בעל־עגלה בינדט שוין אָפּ דעם עמער און ער גיט אַ זאָג מכלומרשט קאַלטבלוטיק:

— און אַז נישט, איז אויף אונדזער דאַמפּער דען דאָ אמתער ליקער? געטראָפן דאָס אָרט...

— איך מעג שווערן, אַז איך האָב געזען ליקער „גאָלדענער יאַרליק" אין בופעט פון סאַלאָן פון ערשטן קלאַס. אַנו, אַנטשולדיקט מיר אויף אַ

רגעלע. איך וועל נאָר אַ קוק געבן, צי עס האָט זיך מיר טאַקע אויסגעדאַכט. געדענקסט, עס איז מיין גאַנג, איר פרעגט מיך קעניגין. איין סעקונדעלע.

שלמה לויפט אוועק, קויפט צוויי קליינע פלעשעלעך ליקער און אַ גוטן ארבוז. ער קומט צוריק אין „רויטן ווינקל״, דער פּאַרטנער דערזעעט די קניה און ווערט פריילעכער. ער זוכט אויס פון ערגעץ טייגלעזער, מען טרינקט „לחיים״ און עס גייט גאָר אַנדערש די שפּיל. דער ארבוז איז אַזאַ פולער, אַזאַ רויטער, אַזאַ זיסער, אַז עס גלוסט זיך אַזש — נאָך אַ ביסל ליקער... עס ווערט געעפנט דאָס צווייטע פלעשל, די טיר איז פאַרמאַכט, — אַזוי איז גלייכער... דער פּאַליט־אַנפירער האַלט ביים פאַרשפּילן די דריטע פּאַרטיע, דאָס דענערווירט אים שטאַרק.

— אַך, ווייסט דאָס דער רוח! איך שפּיל, דאַכט זיך, נישט שלעכט, און איצט, שוין די דריטע פּאַרטיע, אַז איר שניידט פון מיר שטיקער.

— וואָס רעדט איר, מאַעסטראָ? איר שטייט פיל שענער פאַר מיר.

— איך — שענער פאַר אייך? איך בין דאָך שוין אַרויסגעשלאָגן פון אַלע פּאָזיציעס! אַ טורעם פאַרלוירן? — פאַרלוירן.ביידע פערד געפּטרט?

— געפּטרט. דער קעניג גייט שוין ביי מיר פאַר אַ פּראָסטן סאָלדאַט און איר זאָגט גאָר —

— לויט ווי איך זע, זענט איר פון דעסט וועגן פיל שטאַרקער פאַר מיר.

שלמה מאַכט אומגערן עטלעכע שלימזלדיקע גענג און זיין פּאַרטנער איז גאָר אויפן זיבעטן הימל. ער גיסט זיך אויס גלייך אין מויל אַריין דאָס לעצטע האַלבע פלעשל משקה, פאַרבייסט מיט אַ שטיק האַרץ פונעם ארבוז און מען שפּילט נאָך אַ פּאַרטיע. אויף דער שיף ווערט שטילער דער רעש. אין דער פּאַרטאַגיקער שעה כאַפּן אַלע אַ דרימל. די קאַיוט־קאָמפּאַניע כראָפּעט געשמאַק. די סקליאַנקעס* קלאַפּן אויס אַ פערטל אויף פינף. שלמה כאַפּט אַ קוק אין אילומינאַטאָר: בלוי! די וואַסער כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ בורעקעס־באַרשטש, אויף וועלכן עס שווימען אַרום שטיקער ווייסלעכל פון איי. עס מאַגט שוין, נישט אויף קאַטאָוועס. נאָך אַ פּאָר מינוט, און מען וואָלט שוין געמעגט תפילין לייגן. ער וואַרפט אַ קוק אויף זיין פּאַרטנער, יענער ברעכט זיך דעם מח אויף אַ גאַנג. שלמה מאַכט איין טעות נאָכן אַנדערן, יענער שפּרינגט אַזש אויף פאַר הנאה. אין צען מינוט אַרום איז שלמה מאַט. ער הייבט זיך אויף געשווינד, גייט צו נאָענט צו זיין נייעם חבר, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל און זאָגט אים גוט־ברודעריש:

— אַצינד גיט מיר דעם שליסל און לאָזט מיך איבער אַליין אויף פופצן מינוט.

— וואָס איז? וואָס דאַרפט איר דען דאָ טון?

— ווייס איך, אַ קלייניקייט. וואָס קלערט איר אַזוי לאַנג? איר האָט מורא פאַר מיר, צי וואָס? גייט, גייט!

---

* אַזאַ זייגער אויף אַ שיף.

יענער גייט אַרויס אומאַנטשלאָסן און שלמה שליסט צו די טיר נאָך אים. ער כאַפּט אַ קוק אין אילומינאַטאָר — אָ־אָ! גרויסער טאָג! ער פאַר־קאַטשעט דעם אַרבל און טוט אָן די תפילין. נאָכן דאַווענען שליסט ער אויף די קאַיוטע און לאָזט אַריין דעם אויף טויט דערשראָקענעם פּאָליט־אָנפירער. יענער קומט אַריין, האָט מורא אַ טריט צו מאַכן. פון דער שוועל באַטראַכט ער אַלץ אין צימער, די וואַנט, די סטעליע:

— וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטון?

— אַ מינגע פאַרלייגט.

דער יונגער בחור ווערט בלייך ווי די וואַנט:

— וואָס פאַר אַ שפּאַסן פּראָוועט איר מיט מיר? איך בין פאַר דער קאַיוטע פאַראַנטוואָרטלעך מיט מיין קאָפּ. וואָס זשע שווייגט איר, וואָס? וואָס האָט איר מיר דאָ אָפּגעטון?

— דעם פּאַל געלעכערט, אַז די שיף זאָל אונטערגיין.

דער פּאָליט־אָנפירער ווערט נאָך בלייכער און הייבט ערנסט אָן באַ־טראַכטן שלמהן פון קאָפּ ביז די פּיס. שלמה שיסט אויס מיט אַ געלעכטער, נעמט אַרויס די תפילין און טראָגט זיי צו גלייך יענעם אונטער דער נאָז. דער פּאָליט־אָנפירער שפּרינגט אָפּ ווי פון אַ שלאַנג געביסן.

— וואָס איז דאָס ביי אייך?

— נישט קיין דינאַמיט, שרעקט אייך נישט. דאָס איז אַזאַ רעליגיע־זער חפץ, וואָס מען טוט אים אָן בעת מען דאַוונט, אָט דאָס האָב איך דאָ געטון.

יענער שטייט מיט טרערן אין די אויגן און גלייבט זיך נישט.

— איר נאַרט מיך נישט אָפּ?

— ניין, איך נאַר אייך נישט אָפּ.

— האָט איר דאָ נאָר געדאַוונט און מער גאָרנישט?

— נאָר געדאַוונט און מער גאָרנישט.

— אויף אייער ערנוואָרט?

— אויף מיין ערנוואָרט.

— נו, אויב אַזוי, ברודערקע, אַ דאַנק אייך, אַ גרויסן דאַנק.

— פאַר וואָס זשע קומט דאָס מיר אַ דאַנק?

— פאַר אַלץ, פאַרן כּבוד, פאַרן ליקער, פאַרן שפּילן, און פאַר אייער נישט אויפרייסן די שיף. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך!...

— כאַ־כאַ־כאַ!... ביסט אַ שוטה, כאָטש דו ביסט אַ פּאָליט־אָנפירער. איך מאַך מיר אַ שפּאַס און דו האָסט זיך אויף אָן אמת דערשראָקן... אַליין ווייסטו נישט, אַז אַ ייד איז נישט קיין אויפרייסער? עך, דו!

זיי געזעגענען זיך ביי די הענט. יענער זאָגט אָן שלמהן, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז ער האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע, עס פּאַסט פאַר אים נישט. שלמה זאָגט אים צו און גייט אַרויס אַ צופרידענער, אויף גאָטס וועלטל.

קאַפּיטל XV

דער מזרח איז שוין גוט רױזע, די כוואַליעס — פריילעך און דורכ־זיכטיק. קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט אויפן גאַנצן אַרום. אויף דער שיף שלאָפט מען שוין נישט. יעדן איז אינטערעסאַנט באַגעגענען די זון גלייך פונעם „געלעגער". שלמהן איז פריילעך אויפן האַרצן. אַן אָפּגעדאַוונ־טער הערט ער די וועלט פאַר אַ פּירער. אוי, ווו נעמט ער אַצינד לעבן זיך פאַלין! ווי אָנגענעם קען מען זיך פאַרגעסן, אָט דאָ ביים ראַנד פון שיף, אין אָנבליק פון דער דערוואַכנדיקער נאַטור, ברן יחד כוכבי בוקר! קעגן אָט דעם זון־אויפגאַנג! ער נעמט אַרויס פאַלים פאָטאָגראַפיע, קוקט זיך לאַנג איין אין איר, אין דעם אַזוי ווייטן, נאָר ליבן פנים. אָן זיין ווילן גיבן די הענט זיינע אַ דריק צו די פאָטאָגראַפיע צום האַרצן. נאָך אַלע אומגליקן איז אים פון דעסט וועגן אָנגענעם, וואָס ער פאָרט אין אַזאַ אָרט, ווו מען וועט ווידער קענען זען די באַזיצערין פון אָט די אויגן, פון אָט די אויערלעך און פון אָט דעם גאָלדענעם קוילעטש אויפן קאָפּ! אין פלוג איז אים אַליין אפילו קשה: אויף וואָס קוקנדיק האָט זיין זכרון צוריק אויפגעגראָבן פאַלים געשטאַלט און רייצט זיך מיט אים? זי האָט אים דאָך אַוועקגעוואָרפן! אין סאַמע ערנסטן קריזיס פון זיין לעבן — אַוועקגעוואָרפן, פאַר וואָס זשע עפּעס איז איר נאָמען ווידער אויפגעשטאַנען ביי אים אין האַרצן תחית־המתים? ער שטופּט אָבער אָפּ אַזעלכע חקירות מיט ביידע הענט. ער גלייבט באמונה שלמה, אַז זי האָט שוין תשובה געטון אויף איר לייכטזיניקער חרטה; ער גלייבט באמונה שלימה, אַז דאָס, וואָס זיין גורל פירט אים צוריק קיין קיעוו איז אַן אצבע אלקים, אַ רמז אויף אַ באַנייטן קשר מיט פאַלין, מיט זיין טייערער פאַלין... נאָר דאָס באַשליסט ער ביי זיך פעסט: ביז ער וועט נישט דורכגיין דעם פּריזיוו און ווערן אַ פרייער מענטש, וויל ער זיך נישט זען מיט איר. וואָס האָט ער מיט איר צו רעדן, איידער ער ווייסט, וואָס מיט אים וועט טרעפן אין עטלעכע טעג אַרום? ניין, ניין! בכלל וועט ער קיינעם צו זיך נישט צולאָזן, ביז ער וועט נישט איבערטאַנצן... דערפאַר אָבער נאָך דעם... אַז זיין מיליטער־בילעט וועט זיין געשטעמפּלט פון קיעווער קאָ־מיסיע פון יאָר 1932, איז ער ווידער אַ פרייער מענטש, איז פאַר אים אָפן די גאַנצע וועלט. און אפשר האָט שוין גאָר מאַסקאַליענקאָ איינגע־נומען אַ מיתה־משונה? ער מוז דען אייביק לעבן? און דאַן וואָלט זיך אפילו קיעוו אויך צוריק געעפנט פאַר אים. מאַרי מיט די יאַגודאַיעווס ווייזן זיך אים איצט אויס אַזוי ווייט! זינט ער איז פון דאָרטן — אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג!... און קיעוו, אוריצקע־גאַס, סאַלאַמינקע — אַזוי נאָענט, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. ער איז שוין מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן דאָרטן, אויף יענער זייט דניעפּר, ביי טאַטע־מאַמע, ביי פאַלין...

דער דאַמפער האָט נאָך פּאַרשפּעטיקט אויף דריטהאַלבן שעה און איז

אָנגעקומען אין פּאָרט פֿאַר דער שקיעה. שלמה האָט גענומען אַ טאַקסי און געהייסן זיך פֿירן אין אַ צענטראַלן האָטעל. דאָרט האָט ער מיט גרויסע שוועריקייטן געקראָגן אַ בעטל און זיך באַלד אַריינגעוואָרפֿן שלאָפֿן. אויפֿן צווייטן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען זייער שפּעט און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין.

פֿינף טעג צייט האָט שלמה זיך פֿאַרזאַמט אין דער רעזידענץ פֿון סאָוויעטישן נאַפֿט. ער האָט באַקוקט דעם פּאָרט מיט אַלע איינצלהייטן, געבאָדן זיך אין אַ ים־וואַנע. ער איז אָפּגעפֿאָרן מיט אַ גערונגענעם קאַטיער אַ צען, פֿופֿצן קילאָמעטער אין ים, כּדי צו באַקוקן די שטאָט פֿון אַלע זייטן, באַזוכט טעאַטער, קינאָ, מוזייען, ביבליאָטעקן. לאַנג האָט ער באַקוקט די שוואַרצע האַלבע שטאָט — די לאַבאָראַטאָריע פֿון דעם שוואַרצן גאָלד, אַליין געשטאַנען ביי אַ ווישקע * בשעת דעם בויערן דעם נאַפֿט, צוגע־פֿאָרן מיט אַ שיפֿל אויף „איליטשעס בוכטע”, וואָס קען אַליין באַשטאַטן מיט נאַפֿט גאַנץ אוקראַינע, באַקוקט דעם אַלטן בית־עלמין פֿון די בערג־יידן.

אויפֿן זעקסטן טאָג פֿון זיין אָנקומען, צען אַ זייגער ביי נאַכט, האָט ער פֿאַרלאָזט באַקו. מען איז דורכגעפֿאָרן גראָזנע, די צווייטע שטאָט אין רוסלאַנד לויט איר נאַפֿט־עקספּלאָטאַציע. עס זענען אָנגעלאָפֿן דערבענט, מאַכאַטש־קאַלאַ. דאָ האָט אים ווידער אָנגעיאָגט דער קאַספּישער ים. ס'איז דורכגעשוווּמען אַ חנעוודיקע סטאַנציע בעסלאַן. דאָ איז דער וועג דורך וולאַדי־קאַווקאַז גלייך קיין טיפֿליס, דורכן רוקנביין פֿון די קאַווקאַזער בערג, דורך דעם באַוווּסטן מיליטעריש־גרוזינישן וועג. מען האָט דורכגעלאָזט פּראָכלאַדנאַיאַ, ווינאָגראַדנאַיאַ. די נאַכט האָט זיך בחפֿזונדיק געפּאַקט אין וועג אַריין. אין איין ווינקל פֿונעם הימל האָט אָנגעהייבן שאַריען אויף טאָג. אַלע פּאַסאַזשירן ביז איינעם האָבן איבערגעלאָזט דעם סוף־נאַכטיקן דרימל אויף די איינגעפּרעסטע געלעגערס און האָבן באַלאַגערט די פֿענצטער און די גאַניקלעך. מען האָט זיך מיט אַ קאָפּ־שווינדלערישער שנעלקייט דערנעענטערט צו דער סאַמע רוישיקסטער סטאַנציע אין דרום־מזרחדיקן קוואַרטאַל פֿון רוסלאַנד — מינוואָדע.

אויף יענער זייט ווינאָגראַדנאַיאַ, האָט דער ערשט־געבוירענער פֿרי־מאָרגן זאָרגעוודיק צוגערוימט די שיריים פֿון דער נאַכט, זיי צונויפֿגעקערט פֿון אַלע ווינקעלעך און ווי אַ ציכטיקע באַלעבאָסטע, זיי איינגעדעקט פֿון פֿרעמדע אויגן מיט אַ פֿלאַכן, זיך רויכערנדיקן נעפּל. די פֿון גאָט געבענטשטע שלוה, האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אויף די אומענדלעכע רח־בותן. דער צוג איז דאָ געגאַנגען „אין די זאָקן”, זיך באַמיט נישט אויפֿ־צוּוועקן די נאָך־דרימלענדיקע בריאה מיט זיין שטאָלענעם גערויש, מיט דעם מעשענעם געפּליעסק פֿון זיינע טאַצן. די אַנטבלויזטע פֿעלדער זענען געלעגן ביי די זייטן אויסגעבעטע מיט דורכזיכטיקער וואַטע און האָבן

* אַ הילצערנע הויכע געביידע, וווּ מען באַקומט אַרויס דעם נאַפֿט.

אָנגעוואָרפֿן אַ קלעפּיקן דרימל אויף אַלץ אַרום זיך. עס האָט זיך געדאַכט: אָט־אָט וועט אויך דער צוג זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין דעם דאָזיקן נעפּל־געוועב, זיך אויסציען אויף אָט דער פּוכיקער איבערבעט און איינדרימלען מיט אַן אייביקן דרימל.

די פֿאַרטאָגיקע אידיליע האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער טאָג האָט אָנגעגריפֿן פֿון אַלע זייטן. פֿון דער ערד האָט זיך געדראַפּעט צום הימל אַ שנייווייסער וואָלקן, — ואד יעלה מן הארץ... דער „יוצר המאו־רות" האָט צעשנורעוועט דאָס שיידל און אַרויסגעלאָזט דעם „מאור הגדול" אויף צו געוועלטיקן איבער דער וועלט אין משך פֿונעם טאָג. די זון איז שטיין געבליבן אַן איבערראַשטע, זיך אַליין געחידושט פֿון דעם אויסער־געוויינלעכן פּראַכט, מיט וועלכן די ערד האָט אין דעם פֿרימאָרגן געבלענ־דעט דאָס אויג. מיט אַ מאָל איז טונקלער געוואָרן. פֿון ביידע זייטן צוג האָט זיך געיאָגט אויף צוריק אַ יונגער, שטאַלטנער סאָסנע־וואַלד, גע־שווינד פֿאָכענדיק מיט אויסגעצויגענע, בלאַנקענדיקע שווערדן. דאָס האָט די פֿול־בלוטיקע זון דורכגעשפּאַרט איר ליכטיקן שמייכל דורך די שמאָלע אַלייען־פֿאַלדן. שלמה האָט נישט באַוויזן אָנצוזעטיקן דאָס אויג מיט אָט דעם צויבערנדיקן שטראַלן־געפֿעכט, ווי דער וואַלד איז אַוועקגעשאַרט געוואָרן — עלעהיי אַ קינדער־שטיבעלע און די זון, אַ צעפֿלאַמטע פֿון דעם רייצן זיך, האָט זיך אַ לאָז געטון צום צוג מיט איר גאַנצן חן.

מען האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו דער אַזוי־באַרימטער קנופּ־סטאַנציע. פֿון צווישן די הויכע, געדיכטע קוסטעס, זענען אַלע ווײַלע אַרויסגעשפּרונגען נייע, מיט קוילן־שטויב באַזאַלצענע ליניעס, זיי האָבן צוגעוואָרפֿן דעם עולם אין די פֿענצטער זייער שטומען „גוט־מאָרגן" און שמיידיק מיטגעלאָפֿן ביי די זייטן. די צאָל באַגלייטנדיקע שינעס איז גע־וואַקסן אָן אַן אויפֿהער. דער צוג איז געפֿלויגן אונטערהעצקענדיק זיך איבער אַריינגעשטעלטע „אַרבל" און צוגעשטעלטע „קניען", וועלכע זענען זיך ווי אין אַ ווילדן טאַנץ צונויפֿגעלאָפֿן, צוריק צעלאָפֿן און זיך ווידער צונויפֿגעפּלאָנטערט. צענדליקער סעמאַפֿאָרן, אויסגעפּוצטע ווי די כלות, האָבן פֿונווייטנס צוגעווינקן מיט זייערע רויטע און גרינע אייגעלעך: — „קום, קום צו מיר, גלייב מיר, וועסט קיין חרטה נישט האָבן"... די פֿריע זון־שטראַלן אין די פֿינקלענדיקע שויבן פֿון די יומטובדיק־אויסגעפֿאַרבטע דיספּעטשערסקעס, האָבן פֿריילעך צוגעשטימט: — „יאָ, יאָ, קענסט רואיק פֿאָרן. מיר זענען דיר ערוב פֿאַר אַ שיינעם קבלת־פּנים". לינקס פֿונעם צוג, ממש „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען", האָט זיך געוויכערט דער שטאָק־אַלטער באַרג־ריז בעשטאַו. צופֿוסנס פֿונעם באַרג, אין די קרומע פֿאַלדן פֿון זיין גראַניטענעם מאַנטל, האָט געווימלט מיט אוראַלטע קאַזאַ־קישע סטאַניצעס, טיורקישע סאַלאַרן, אָסיעטינישע דערפֿלעך און קאַ־באַרדינישע קישלאַקן אָדער כוטאָרעס. דער צעווילדעוועטער צוג האָט זיך געטראָגן פֿאַרביי אָט די פֿאַרגעסענע ישובֿימלעך מיט אַ ברומען און מיט וואָיען פֿון אַ סטאַדע וועלף, ביז ער איז מיט זיין גאַנצן האַסט אָנגע־

פלויגן אויף מינוואָדע און איז ווי אַ דערשאָסענער אָדלער צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט. דער פּאַרסאַפּעטער לאָקאָמאָטיוו האָט געשאָסן מיט שוים און מיט גרימצאָרן פון אַלע נאָזלעכער.

קיין איין וואָקזאַל אין מאָסקווע לאָזט נישט דורך פאַר אַ טאָג אַזוי פיל פּאַסאַזשירן ווי מינוואָדע — טאָג־איין, טאָג־אויס — אין די זומערדיקע חדשים. דאָ איז די דיספּעטשערסקע פון די גרעסטע רוסישע קורערטער: בעשטאַו, זשעליעזנאָוואָדסק, קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק און עסענטוקי. נישט ווייט פון דאָרט איז נאַלטשיק, נישט זייער ווייט איז סאָטשי־מאַצעסטאַ. דאָס איז די געבענטשטע סטאַנציע, וועגן וועלכער עס טראַכט דער קאָלכאָזניק זיצנדיק אויפן טראַקטאָר, די מעלקערין, גייענדיק מיטן שעפל אין דער האַנט, דער שלאָסער ביים סטאַנאָק, דער שטאָלקאָכער ביי דעם דאָמענע־אויוון, דער שוסטער ביים ווערקשטאַט און די פּאַרקויפערין פון יענער זייט טיש. יעדער מענטש, וואָס האָט אַ נשמה און אַ ביסל פּאַרשטאַנד, ווינטשט זיך אָנקומען כאָטש אויף איין חודש אין דעם דאָזיקן גן־עדן מיט דעם לאַנגן נאָמען „מינעראַלנעיע וואָדע״.

דאָ איז מען אָפּגעשטאַנען אַ האַלבע שעה און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צענטראַל־רוסלאַנד: קאַווקאַזסקאַיאַ, טיכאָריעצקאַיאַ, באַטאַיסק און צום לעצט דער שליסל פון קאַווקאַז און אוקראַינע, פון דרום, צפון און מערב־רוסלאַנד — די שיינע שטאָט ראָסטאָוו. דער צוג איז דאָ געשטאַנען אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט. שלמה האָט באַוויזן צו באַטראַכטן דעם שטאָטגאָרטן מיטן נייעם, גרויסן טעאַטער, וועלכער האָט פּרעטענדירט אויפן ערשטן אָרט אין רוסלאַנד. דער צוג האָט זיך געאײַלט קיין טאַגאַנראָג. אין די מקומות, — אויב מען זאָל גלייבן די אָרטיקע איינוווינער — טריקנט קיין מאָל נישט אויס די ערד. די רעגנס זענען דאָ אַזעלכע אָפטע געסט, אַז מען קריכט גאָר קיין מאָל נישט אַרויס פון די גומענע שטיוול. די כמאַרעס האָבן דאָ בשפע פון וואַנען אָנצופילן זייערע „כלים ריקים״: פונעם כמורן אַזאָווער ים און ווייטלעכן, קערטשער אָנגוס, פונעם דאָן און פונעם דאָניעץ, פונעם קובאַן און פון די „שכנישע״ ימען, פון שוואַרצן און קאַספּישן. און טאַקע מחמת דעם, איז אינעם גאַנצן לאַנד זעלטן צוגעפינען נאָך אַזאַ פעטן „טשאָרנאָזיאָם״, נאָך אַזאַ פרוכטבאַרן, ווי אין דעם געגנט: קראַסנאָדאַר—טאַגאַנראָג. עס איז געווען מיטאָג צייט, אָבער דער צוג איז געפאָרן אַ באַלויכטענער, ווייל מען האָט נישט געזען די וועלט. עס האָט זיך אָנגערוקט אַ געוויטער. די ביימער ביי די זייטן פונעם וועג האָבן גאָטספאָרכטיק מתפלל געווען. אין דער לופט זענען אַרומגעפלויגן פּראָקלאַמאַציעס וועגן דעם אָנקומענדיקן שטורעם. דער האָריזאָנט איז ערגעץ איינגעזונקען געוואָרן. דער אַרומיקער שטח איז קענטיק איינגעשרומפּן געוואָרן, אַ פאַרבאָרגענע, מעכטיקע האַנט האָט נעענטער צונויפגערוקט זיינע ווענטלעך, ווי אַ געטרייער מאַן רוקט צונויף די פּאָרהאַנגען אַרום אַ יולדת, כדי אַ פרעמד אויג זאָל נישט כאַפּן קיין קוק, ווו מען דאַרף נישט. איבערן קאָפּ, ווו נאָר מען האָט אַ וואָרף געטון מיט אַן

אויג, איז די הימל־יאַרמעלקע געווגען באַקלעפּט מיט טונקל־ליימיקע כמאַרעס. די שווערע כמאַרעס זענען געהאַנגען איבער דער ערד אומבאַוועגלעך, ווי אַן אכזריותדיקער גזר־דין, וועלכן קיין שום כח אין דער וועלט קען שוין נישט ענדערן. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט אָט די פינצטערע חיה, — וואָס לויערט אויף דער וועלט און וויל זי איינשלינגען — עפענען אַ ריזיק מויל און אַרויסשטעקן דער וועלט אַ פייערדיקן צונג. גלייך נאָך אַזאַ שטיפעריש „שטיקעלע", פלעגן זיך די עלטערע כמאַרעס נעמען בייזערן אויף קולי־קולות: — „ווער פּראַווועט עס אַזעלכע קונדייסישע אילומינאַציעס? וואָס פּאַר אַ רייצן זיך מיט דער אָרעמער וועלט? מילא, וואָס ס׳איז באַשערט, איז באַשערט, אָבער צו וואָס נאָך דאָס רייצן זיך"? און די „אָרעמע וועלט" איז ווירקלעך געלעגן אונטער די פייערדיקע חלפים ווי אַ געבונדענער שעפּס, נישט צו אַנטלויפן, נישט צו פּאַרטיידיקן זיך. די ערד איז נאָך געווען טרוקן. דאָס דונערן מיטן בליצן האָבן אויסגעזען ווי פּוילע ווייען פון אַ געווינערין. די „ווייסע־חברהניקעס" דאָרט פון אויבן, איז דער מוסר פון די עלטערע ווייניק וואָס געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ווידער ווערט אויפגעשפּאַלטן דער הימל, דאָס בילד מאַכט אַן איינדרוק ווי אַ פּאַרקויפער שפּאַלט אויף אַ כערסאָנער קאַווען און ווייזט דעם קונה: — „נאַ, זעסט? רויט ווי פייער! רייף, וואָס רייף הייסט"... איין אויגנבליק — און ווידער זינקט דער גאַנצער חלל אין שטומער גרויקייט און אין אומקלאָרער שרעק. מיט אַ מאָל האָט זיך ביי איין גרויזאַמער כמאַרע אומפאַרזיכטיק פּאַרקאַטשעט אַ פּאָלע. דער אונטערשלאַק וואָס מען האָט אַרויסגעזען, איז געווען העל בלוי און האָט געקוויקט דאָס אויג. דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט אַ קאָפּשווינדלערישער שנעלקייט. נאָך אַ ווײַלע און ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַדראָטער זאָנע. די אָנגעהאַנגענע שרעק איז ערגעץ פּאַרבליבן הינטן, העט־העט ווייט איבערן קאַלאַמוטנעם אַזאָווער ים. דער צוג האָט זיך מאָמענטאַל אָפּגעטרייסלט פון דער פינצטערער מרה־שחורה, וואָס האָט אים „דאָרט" אַרומגענומען און אַ צופרידענער דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן די סכנה, איז ער פריילעכער געלאָפן ווייטער. אין פיל שעהן אַרום איז אַרויסגעקראָכן פון די דערפער מיט די וועלדער — לאָזאָוואַיאַ. האָט שלמה געקענט אַ שטייגער וויסן פריער מיט עטלעכע חדשים, אַז זיין וויזיט אין דעם שטעטל וועט אים אַזוי אומגליקלעך מאַכן?

בראָך־טאָג איז דער צוג געשטאַנען אין כאַרקאָוו. מיט נישט היגע אויגן האָט שלמה באַטראַכט דעם געדראַנג אויפן פּעראָן. ווו מען האָט אַ וואָרף געטון מיט אַן אויג, האָט נאָר געווימלט מיט דערשראָקענע אויגן און מיט אָנגעלאָדענע פּלייצעס. די טירן פון די וואַגאָנעס זענען געווען באַלאַגערט מיט כלערליי פּאַסאַזשירן און פּאַסאַזשירקעס. איבערן גאַנצן וואָקזאַל האָט זיך געטראָגן אַ געפּילדער פון קליינע קינדער און אַ געקלאַנג פון טשאַיניקעס. ביי די וואַסער־בודקעס זענען געשטאַנען לאַנגע רייען נאָך

זודיק וואַסער. אויף גיך אָנגעטונענע פרויען מיט שלאָפנדיקע קינדער אויף די הענט האָבן זיך געשטופּט אויף פאָרויס — זיי קומט אָן אַ ריי!

מען איז לאַנג געשטאַנען. כאַרקאָוו איז נישט סתם קיין שטעטעלע. ביסלעכווייז האָבן די וואַגאָנעס איינגעשלונגען דעם טומלענדיקן עולם. אויף יענער זייט פּענצטער איז שיטערער געוואָרן. דאָרטן איז שוין נאָר געווען צו זען רואיק שפּאַצירנדיקע מענטשן. דאָס זענען געווען אָדער אַזעלכע, וועלכע וואַרטן אויף אַן אַנדער צוג, אָדער אַזעלכע ווילע־יונגען, וועלכע האָבן נישט ליב צו זעצן זיך, ביז דער צוג רירט נישט. ענדלעך האָט כאַרקאָוו אָנגעהויבן אָפּשטיין פונעם צוג, מיט אַ וואַקסנדיקן אימפּעט. שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז איצט גייט דער צוג שנעלער, ווי ער איז געגאַנגען ביז אַהער. ער האָט אַ טראַכט געטון:

— אַזוי ווי להבדיל אַ פערד, אַז עס קייעט אויף אַ טאָרבע האָבער און שווענקט דורך דעם האַלדז מיט אַ פּאָר עמער וואַסער, גייט עס רירעוודיקער.

דאָס אויג באַווייזט נאָך נישט זיך אָפּצורוען פון כאַרקאָווער סטאַנדאַרטנע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פון דעם אימהדיק־רוישנדיקן טראַקטאָר־זאַוואָד, פון די קילאָמעטערדיקע פראַכט־סטאַנציעס און סאָרטיר־סטאַנציעס, ווי עס שפּרינגען אונטער צוויי שטעט איינע נאָך דער אַנדערער. פון רעכטס — מאַרעפאַ, מיט די גרויס־שטאָטיש־איינגעריכטע דאַטשעס, מיט דעם באַרימטן פאַרפום־זאַוואָד פון * .Т Е Ж Е פון דער צווייטער זייט — קופּיענסק מיט די גרעסטע קאַלך־גראָבנס אויף אוקראַינע. גרויסע שטחים אַרום די דאָזיקע צוויי שטעט זענען שטאַרק געבערגלט. אַ פרעמדער מענטש, זעענדיק אָט די קאַרליקעס־בערגלעך, וואָס באַהאַלטן זיך איינס הינטערן צווייטנס רוקן, האָט דעם איינדרוק, אַז דאָ איז אַ מאָל געווען אַן ערד־ציטערניש און די ערד, נאָכן פיבער, האָט פאַרגעסן זיך אויסצוגלייכן די ביינער און איז אַזוי אַן אויפגעבײַלטע פאַרקילט געוואָרן לעולמי־עד. אָבער די אָרטיקע איינוווינער ווייסן צו דערציילן, אַז דאָ זענען אין די יאָרן פון דעם בירגער־קריג פאָרגעקומען בלוטיקע שלאַכטן צווישן קראַסנאָוום ווייסגוואַרדייאישע מחנות און בודיאָנעס העלדישער קאַוואַלעריע און אָט די הונדערטער פלאַכע בערגלעך זענען ברידער־קברים, איין אומענדלעכער בית־הקברות.

אין דעם געגנט האָט מען נאָך היי־יאָר נישט געאַקערט. די זאַנגען־רעשטלעך און די ווידערגעוויקסן טרינקען אויס די אָפּטע רעגנס און באַטראַכטן זיך פאַר די איינציקע באַלעבאַטים איבער די פאַרגעסענע פעלדער. די אויסגעמאַרכעוועטע ערד רוט זיך אויס פון די הייסע שניט־טעג. פון הינטער די מיט סטערניעס באַדעקטע בערגלעך קריכט פאָרזיכטיק אַרויס דאָס

---

* די גרעסטע פאַרפום־פירמע אין ראַטנפאַרבאַנד, פון וועלכער די אָנפירערין איז די פאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע טוערין: זשעמטשוזשינאַ, מאָלאָטאָוום פרוי.

פלאַמענדיקע פּנים פון דער זון. צום אַלעם ערשטן גיבן די שטראַלן אַ פּאַכע־אָפּ פון דער לאַנדשאַפט דעם ביז איצטיקן אומעט, דאַן באַקוקט די שיינענדיקע מלכה דעם גאַנצן אַרום, די פלאַכע שטעכיקע בערגלעך, וואָס זעען אויס פון ווייטנס ווי אַ שערענגע אַרעסטאַנטן־קעפּ, די גרויע קאַלכ־גראַבנס, וואָס זעען אויס קעגן דער זון ווי שמאָלע קאַרעטעס מיט קוועק־זילבער, די בליענדיקע דאַטשנע הייזלעך מיט די געפאַרבטע ווערענדעס. ווען זי איבערצייגט זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, קיינער האָט גאָרנישט געענדערט, דאַן שווימט זי אַ בארויקטע אוועק העכער, העכער, צו איר קעניגלעכער שטול.

עס איז אַנגעלאָפן פּאַלטאַווע. ווען עמעצער פרעגט ביי אים, צי ער איז אַ מאָל געווען אין דער שטאָט, וואָלט ער נישט געוווסט וואָס צו ענט־פערן. ער איז דאָ אי יאָ געווען, אי נישט געווען. וואָס טוט אַצינד רייזל, אָט די שטאָלצע אָדלערין? צי איז זי שוין געזונט? צי געדענקט זי נאָך יענע נאַכט אין וואַלד? יענעם שווידערלעכן פרימאָרגן קעגן דער מיל?

— זיי געגריסט, רייזל ליבערמאַן! טייערע, ליבע! איך בין נישט דייַ־נער, דו ביסט נישט מיינע, אָבער ליב האָב איך דיך, טייער ביסטו מיר. אוי, ווי טייער!

דער צוג לויפט אין דער ריכטונג אויף ראָמאַדאַן. שלמה זוכט נאָך שפּורן פון דער דאַמאָלסטדיקער קאַטאַסטראָפע, פון יענעם וועג, וואָס פירט אין וואַלד אַריין, אָבער אַלץ זעט שוין אויס אַנדערש. אַלע פעלדער זענען אַלץ איינס שוואַרץ. קיין סימנים זענען נישטאָ. — אויסגעשטאָרבן! יאָ, קיין שום זאַך שטייט נישט אויף איין אָרט, אַלץ באַוועגט זיך.

איבערגעלאָזט ראָמאַדאַן, לויפט אַקעגן לעבעדין. דאָ וווינט משה פרידמאַנס פאָטער, ר׳ יעקב פרידמאַן, דער שענסטער ייד, וואָס שלמה האָט אויף זיין לעבן באַגעגנט. אַך, הייליקע יידן! אַך, פּערלדיקע יידן! זיין זיידע, מנשה, ר׳ יעקב פרידמאַן, ר׳ אבא־חלקיה. רבונו־של־עולם! ווו פאַר־מאָגסטו נאָך אַזוינע מענטשן, חוץ ווי ביי יידן?

עטלעכע קילאָמעטער פאַר גרעביאָנקע, האָט אַ ווייטער סעמאַפאָר רויט אויפגעפינטלט און דער צוג האָט פאַרטאַרמאַזירט אין מיטן פעלד. עס איז געווען אַ קילער תחילת־נאַכט. די יונגע אַלולדיקע לבנה איז געווען גרויס נישט לויט איר עלטער. אַן אומגעריכטער ווינט איז אַנגעלאָפן פון פּיריאַטינער כוטאָרעס, פון פּרילוקער לעוואַדעס און האָט געטריבן זיינע צעבושעוועטע חיילות אַראָפּ, קיין טשערקאַס־צו. איבער דער קרישטאָל־ריינער לבנה האָבן זיך סטאַדעסווייז געטראָגן סמאָלע־שוואַרצע כמאַרעס, די לבנה האָט זיך צניעותדיק געטוקט און איז נאָך אַ שענערע אַלע מאָל אַרויסגעשווומען אין די ליכטיקע צווישן־כמאַרעדיקע ברונעמס. ערגעץ ווייט, לעבן רויט־אייגלדיקן סעמאַפאָר, האָט געהיימניספול אָפּגעגלאַנצט אַ טייך. קעגן דער לבנה האָט זיין שמאָלע טאַליע אויסגעזען ווי אַן אומ־געהייער־גרויסער גסה־הלף. שלמה האָט געהערט וועגן דעם דאָזיקן טייך. דאָס איז געווען אַ באַוווסטער טייך, וואָס האָט געשמט אין יענע געגנטן

מיט זיינע שווארצע קאראסן און מיט די גרויסע העכטן. דער טייך, א געדיכטער־באפרעגזלטער מיט הויכן אטשערעט, האט זיך ווי א שלאנג גע־שלייפט צווישן די פעלד־בערגלעך און איז אלע מאל פארפאלן געווארן פונעם אויג.

דער צוג איז אומענדלעך לאנג געשטאנען, גרעביאנקע האט נישט אריינגעלאזט צו זיך. די לבנה האט זיך אלע ווילע דורכגעשפארט דורך די וואלקנס און דאס חשכות האט זיך צונויפגעקנוילט אין געדיכטע טינט־פלעקן. מיט א מאל האט דער לאקאמאטיוו לייכט א שלעפ געטון. דער צוג איז דא געגאנגען „פוס־טריט". פון פארנט האט זיך אין דער לבנה־טונקלקייט אויסגעטיילט א שארפער בארג־ארויף. מען איז געפארן פארביי א שיטער וועלדל. אויף יענער זייט וועלדל האט העל געפלאקערט א שייטער. — מן הסתם האבן אים פאסטעכער אנגעצונדן, כדי עס זאל זיי זיין היימלעכער — האט שלמה א טראכט געטון. לאנגע שאטנס מיט שפיציקע נעגל האבן זיך אווארף געטון צו די וואגאנעס, געוואלט זיי פארשלעפן אין וואלד אריין, ווי א שפין פארשלעפט א פליג מיט זיינע קלעמערס.

ענדלעך האט זיך דער בארג געענדיקט. דער צוג האט זיך אויסגע־צויגן די איינגעשלאפענע אברים, ווי נאך א געשמאקן דרימל. איצט איז מען געפארן מיט א גלייכן מרחב, וווּ דער טייך איז געלעגן אויסגעשפרייט אין זיין גאנצער ברייט. אויף דער מיט פונעם שטילן טייך איז אין א סי־מעטרישן זיגזאג ארומגעשווימען א צניעותדיק, פלאטערנדיק לבנה־שטע־געלע, וואס האט אפגעגלאנצט מיט א גרינבלעכן פאספארישן ליכט. ווייטער א ביסעלע איז געשווימען נאך איינס און נאך ווייטער — נאך א סך, א סך אזעלכע פלאטערנדיקע „עטרהלעך" פון אומגעזוימטע טליתים. אויף וויפל דאס אויג האט נאר געקענט דערגרייכן, האט זיך ווי א שיטערע בייטש קארעלן געצויגן די ליניע פון אט די „שטעגעלעך". אינעם האלב־נאכטיקן מיראזש פון דער כשופנדיקער זומערנאכט האט זיך געוואלט גלייבן, אז דא איז עמעצער פונעם וואסער ארויפגעקראכן אויפן הימל, און דערקלייבנדיק זיך אהין, אומגעווארפן הינטער זיך די לייטער, וועלכע האט זיך פונעם פאל צעבראכן אויף גרעסערע און קלענערע קוועקזילבערנע לאסטלעך און טרעפלעך.

ס'איז שוין א שטיק אין דער נאכט. עס לויפט דורך גרעביאנקע, יאגאטין, באריספאל, און אט איז שוין דארניצע. דא ארבעטן שוין קיעווער איינ־ווינער. אהער גייט פון קיעוו דער טראמוויי נומער 14. אט פארט מען שוין איבער דעם בריק. דעם דניעפר זעט מען נישט. עס איז שוין ווייט נאך האלבער נאכט. אט איז פעטשערסק, פון דארט קען מען לייכט ארויס־גיין אויף אוריצקע. פאלין חלומט זיך אפילו נישט, אז איר געוועזענער מאנארך איז ווידער ביי איר שוועל.

פלוצלינג לויפט אים דורך אין מח א געדאנק, וועלכן ער האט די גאנצע צייט אפגעשטויסן פון זיך:

— וווהין פאָר איך צו? וווהין איז גלייכער?

צופאָרן גלייך צו די עלטערן — האָט ער מורא. ווער ווייסט, וואָס דאָרטן טוט זיך? צופאָרן אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע 27, אין זיין באַקווייטלעכער טורמע? ניין, אַהין טויג נישט. איבער פיל טעמים. ערשטנס, טאָמער נעכטיקט היינט דאָרט פּונקט קיינער נישט. צווייטנס, וועט אים זייער שווער זיין צו געפינען זיך אין דעם זעלבן צימער, ווו ער האָט געשריבן זיין בוך, עליו־השלום. ניין, אַהין איז אָפּגערעדט, אַז ניין! וואָס דען? צו די פייגנבוימס אפשר? עס איז דאָרט אָבער צו אַ גרויסער רשות־הרבים. ער וויל נישט, אַז ביז נאָכן פּריזיוו זאָל אים זען אַן איבעריק אויג... און חוץ דעם ווילט זיך עפּעס נאָר אויף סאָלאָמינקע, נאָענט צו זיין שטוב. אפשר צו די כאָדראָווס? ניין, אַהינצו טויג אויך נישט. ערשטנס, איז ביי זיי שטאַרק ענג. צווייטנס, וועט ער נישט קענען פאַרטראָגן גאָלדעס מעפיסטאָפלישן טריאומף. ניין, ער וועט איר דעם סאַרט פאַרגעניגן נישט צוטיילן. שאַ, וואָס קען זיי באַקוועמער ווי ביי נחמן דער מומע טייבלס? ער מיט איר גייען אוועק אין קלייטל פון אוטיל אויף אַ גאַנצן טאָג. די קינדער גייען אוועק אָדער אין שול אָדער צו חברים מאַכן די לעקציעס, קיינער גייט צו זיי נישט, ער וועט זיין אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און דאָך אויף סאָלאָמינקע. ווי אַזוי איז אים אַזאַ גלייכער געדאַנק פון אָנהייב אָן נישט איינגעפאַלן?

שלמה קלאַפּט אָן פאָרזיכטיק אין לאָדן. נאָך אַ מאָל. קיינער ענטפערט נישט. מען שלאָפט. ער קלאַפּט אָן שטאַרקער און ענדלעך דערהערט ער אַ קול פון אַ פרוי:

— נחמן, נחמן, דו הערסט נישט? מען קלאַפּט אין לאָדן.

נחמן גיט אַ פאַרשלאָפענעם שנאָרך און בייזערט זיך:

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, ווער קלאַפּט? צו סליחות איז נאָך צוויי וואָכן.

אים אויף צו להכעיס הערט זיך אין לאָדן נאָך אַ מאָל אַ שטילער קלאַפּ.

שלמה הערט, ווי אַ פּאָר באָרוועסע פיס שליכן צו צום פענצטער:

— ווער קלאַפּט דאָס דאָרט?

— עפן אויף, נחמן, ס'איז אַ היימישער. שלמה אפרים־אהרונס.

אין שטוב, הערט ער, ווערט אַ גערודער, די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט. אַ רוקעניש פון בענקלעך און אַ געלויף פון באָרוועסע פיס. דורך די שפּאַלטן פון לאָדן פאַלן מיט אַ מאָל אויף דער ערד דינע גאָלדענע פעדעם פון אויפגעמאַכטער עלעקטריע. ענדלעך רוקט זיך אָפּ דער פאַררוקער פון דער קאָרידאָר־טיר, נאָך אַ קייטל און איצט סתם אַ שטאַבע אייזן און עס הערט זיך נחמנס קול:

— קום אריין, שלמה, נאָר פּאַוואָליע דאָרט, אין גאַניק פעלט אַ ברעט.

קאפיטל XVI

מען האָט געמאַכט טיי, דערלאַנגט צובייסן, און אויסגעבעט שלמהן א געלעגער.

— נו, דערציייל נחמן, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אונדז אין שטוב?

— אַלץ ווי געוועזן, קיינע נייעס זענען נישטאָ.

— דער טאַטע, די מאַמע — געזונט?

— געלויבט דער אייבערשטער.

— נו, און דיין טאַטע־מאַמע?

— דער טאַטע — נישקשה, נאָר די מאַמע איז אַלץ נישט געזונט.

— אַלץ נישט געזונט טאַקע? און וואָס זענען די רעזולטאַטן פון דעם רענטגען? און די ראַדיום־סעאַנסן, הייסט עס, האָבן אויך גאָרנישט געהאָלפן?

— אפילו נישט אָנגעהייבן צו העלפן.

— וואָס זשע טוט איר פּאַרט דערצו?

— וואָס זאָלן מיר טון? וואָס קען מען טון? מיר טוען גאָרנישט.

— אפשר קיסלאָוואָדסק? אפשר סאָטשי? אפשר לעניגראַדער שפּיטאָל? דאָרט אַרבעטן דאָך שטענדיק די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון לאַנד.

— דו מיינסט, אַז אַזוי לייכט טוט זיך, ווי עס רעדט זיך? און חוץ דעם, ווייל די מאַמע נישט, מען זאָל איר זוכן פרישע רפואות; זי גלייבט אין זיי נישט.

אין צימער האָט א ווייע געטון מיט „צוואת שכיב־מרע", מיט „צידוק־הדין" און שלמה האָט זיך געאיילט צו פאַרטרייבן דעם פריערדיקן שמועס:

— נו, און זיי ווויגען נאָך אַלץ דאָרטן ביים אַנאַניעווער גוטן ברודער?

— ערשט יענע וואָך האָבן זיי זיך אַריבערגעצויגן אויף דימיטרעווסקי, אין א געדונגענער דירה.

— וואָס מאַכט רחלע? זי איז שוין איינגעאָרדנט אויף א שטעלע?

— עפּעס דרייט זיך פאַר איר אַן אַרבעט, א ליאַדע טאָג דאַרף די זאַך קומען צו אַן ענדע.

— נו, און ביי אונדז אַליין? די קינדער לערנען, ווי געוועזן?

— וואָס דען האָסטו געמיינט? עולם כמנהגו נוהג.

שלמה גיט א קרעכץ, שווייגט א היפשע ווײַלע.

— נו, און ביי מנשהן, ביים זיידן, קיין נייעס נישטאָ?

— וועלכע נייעס קענען ביי זיי זיין?

— כ'וויים? מאַלע וואָס עס קען טרעפן. דער זיידע איז געזונט?

— יאָ, ברוך־השם.

— נו, און עס זאָל זיך עפּעס טרעפן א שידוך פאַר מנשהן, פאַר זיין דינהן?

— דערווייל הערט מען עפּעס נישט. דערציייל בעסער דו עפּעס פון דער גרויסער וועלט.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? ווי זאָגט דאָס ווערטל: „די וועלט איז גרויס און עס איז זיך נישטאָ ווו אהינצוטון". די גליקלעכע איז גוט, די אומגליקלעכע איז שלעכט. צייטנווייז אַזוי שלעכט, אַז עס וואָלט זיך גע־וואָלט אויפרייסן דאָס גאַנצע לאַנד פון איין עק ביזן צווייטן — און אַן עק זאָל נעמען צו אַלעמענס צרות... וויפל איז דער שיעור אָפּצוקומען בחנם ולא דבר? צי דו מיינסט, אַז ערגעץ אַנדערש איז בעסער?

Там добре, де нас нема. *

ווידער אַ שווערע פּויזע. קיינער שטערט נישט די שטילקייט. שלמה גיט אַ נעבעכדיקן שמייכל:

— איז הייסט עס, אַלץ ווי געווען? קיין זאַך האָט זיך נישט געענ־דערט? עך, אַ מענטש איז טאַקע אַ נאַר! ער מיינט, אַז אויב זיין וועל־טעלע האָט זיך איבערגעקערט, האָט זיך מיט אים צוזאַמען די גאַנצע וועלט איבערגעקערט. אַזוי איז דאָס. ווי איז נאָר דעם, ווען עס טרעפט, און מער גאָרנישט. יאָ, זאָג מיר, נחמן, דו ווייסט נישט, אונדזער מלוכה האָט שוין אין מיר פאַרגעסן, צי מען געדענקט מיך נאָך?

— פאַר וואָס עפּעס זאָל איך נישט וויסן? איך וויים גאַנץ גוט, אַז דו ביסט אַ גליקלעכער מענטש, מעגסט בענטשן גומל, וואָס דו ביסט אַוועקגעפאָרן. דיין טאַטע האָט דאָ בראָנפן געשטעלט אין מנין.

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעם? אַ לעבן פון גאָלע ניסים...

— זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז מיט דיר פּירט זיך ניסים ונפלאות. ווען ביסטו אַוועקגעפאָרן: זונטיק, צי מאָנטיק?

— זונטיק.

— האַ? זונטיק? יאָ, ביסט טאַקע גערעכט, זונטיק. און דינסטיק ביי נאַכט זענען צען געפּואיסטן אפשר באַפאַלן דינהס צימער. סוף־כל־סוף טאַ־קע אויסגעשפּירט, ווהין מען גייט פון אייער שטוב. זיי האָבן איבערגע־קערט דאָס צימער, דעם קאָרידאָר, אפילו די וואַנע אין באָדצימער גערירט פונעם אָרט. ווען דו ביסט דאָמאָלסט דאָ, פאַרשטייסטו דאָך, וואָלסטו שוין מיט אונדז אָט דאָ נישט געזעסן... אין צוויי וואָכן אַרום איז מען שבת ביי טאָג אַריין צו די פייגנבוימס און געטראָפן דאָרט אַ גרויסן עולם. מען האָט זיי געזאָגט, אַז עס איז אַ קנס־מאָל, אַז זייערס אַ מיידל ווערט אַ כלה. מילא, זיי האָבן דווקא געגלייבט, נאָר — „ווער עס איז שלמה פּיאַטיגאָר־סקי, זאָל תיכף אַרויסגיין פאַרויס"... אַז מען האָט זיי געזאָגט, אַז אַזעלכן קען דאָ קיינער נישט, האָט מען געפאָדערט דאָקומענטן. עס איז דאָך אָבער געווען שבת, קיינער טראָגט ביי זיך גאָרנישט, זענען טאַקע מיטגעגאַנגען צו צוויי געפּואיסטן מיט יעדן איינעם צו אים אהיים, חוקר ודורש זיין, צי ער איז דאָס נישט שלמה פּיאַטיגאָרסקי. נאָר די לעצטע פאַר וואָכן הערט מען ברוך־השם גאָרנישט. שטיל געוואָרן.

מיט נחמנס יעדער נייער מעשה איז שלמהס פּנים אַלץ פינצטערער

* דאָרט איז גוט, ווו מיר זענען נישטאָ.

געוואָרן. די נאַקעטעווירקלעכקייט, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט זיך אַזוי באַמיט צו דערווייטערן פון זיינע געדאַנקען, האָט מיט אַ מאָל אומ־ברחמנותדיק דערמאָנט אין זיך. ווי נחמן האָט נאָר געבראַכט פאַרן מויל דעם שרעקלעכן נאָמען: „געפּעאו", האָט ער גלייך דערשפּירט ווי דראַ־קאָנישע נעגל שניידן זיך איין אין זיין לייב, קלעמען אכזריותדיק זיין האַלדז און וואָרגן... הערנדיק די פּרטים וועגן דעם „באַזוך" ביי דינהן אין צימער האָט אים געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. נחמן האָט געוואָלט פאַרגלעטן דעם איינדרוק פון זיינע גרוסן, צעטרייבן אַ ביסל שלמהס מרה־שחורה און זיך אָנגערופן:

— איצט איז צוויי אַ זייגער. ווען איך גיי צו צו אייך אַהיים און זאָג, אַז דו ביסט געקומען, וואָלטן זיי אַלע געקומען צו לויפן באַרוועסע, נאָר איך האַלט פאָר נישט קלוג צו גיין אַצינד קלאַפּן צו זיי, ווייל די גאַנצע סאָלאָ־מינקער מיליץ איז בשעתה געווען אויפגעשטעלט אויף די פיס, געזוכט דיך. און אונטערן בריק שטייען פּאָסטנס. עס קען פאַלן אַ חשד... פאַר־שטייסט? בעסער לייג זיך שלאָפן און אין דער פרי, אַז איך וועל גיין צום ערשטן מנין, וועל איך זיי זאָגן.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אודאי איז גלייכער אַזוי. בכלל וויל איך ביי דיר בעטן, און ביי אַלע דיינע שטוב־מענטשן, מען זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן מיין קומען. ביז נאָך דער קאָמיסיע דאַרף איך נישט קיין פרעמדע געסט, זיי פעלן מיר נישט אויס. ס'איז מיר פריילעך אויך אָן געסט, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד...

אויף צו מאָרגנס זענען זיך צו שלמהן שטילערהייט צונויפגעקומען די עלטערן, מנשה, דער זיידע, די מומע טייבל. מען איז געזעסן מיט אים, גע־פרייט זיך, וואָס מען זעט זיך ווידער, און באַקרעכצט, וואָס ער מוז פון דאָס ניי זיצן פאַרשפּאַרט, נישט געוואָלט מקבל־תנחומין זיין אויף דעם אומגליק, וואָס אים האָט זיך נישט איינגעגעבן אין ערגעץ דורכגיין די קאָמיסיע...

דער פאָטער האָט נישט געוואָלט זיין אומעטיק:

— וואָס האָט איר אָראָפּגעלאָזט די נעזער, וואָלט איך געוואָלט וויסן? עס איז געקומען אַ מענטש פון אַזאַ וועג, זיצט איר און לייגט אים שטיינער אויפן האַרצן. דער זעלבער גאָט, וואָס האָט שלמהן אַלע מאָל באַשיצט און באַשירעמט פון אַלדאָס בייז, לעבט נאָך איצט אויך. אַ שטייגער, נאָר אַ טראַכט טון, ווען דינה דערזעט אים נישט דאָמאָלסט אין טראַמווי, צי ווען ער פאָרט אַוועק פון קיעוו שפּעטער מיט דריי טעג, צי ווען יענער אַל־טיטשקער דאַרטן אויף דער גרענעץ כאַפּט זיך אויף דער ענלעכקייט פון די בריוועלעך מיט איין מאָל שפּעטער? כ'וויים? עס איז דען אויסצור־רעכענען די וואונדער, וואָס דער אייבערשטער טוט צוליב אים? איז פאַר וואָס זשע קלערט איר גאָר, אַז דאָס מאָל האָט ער שוין נישט בדעה צו העלפן? כי לא כלו רחמיך ולא תמו חסדיך, זאָגן מיר... שלמה דאַרף

איבערזיצן אַט דאָ ביי נחמנען אין שטוב. נישט אַרויסגיין פון יענער זייט טיר, ביז דער קאַמיסיע. שלמה, ווען קומט זי אויס די קאַמיסיע דיינע?
— ערב שבת־תשובה, דעם זיבעטן אָקטאָבער.
— נו, אַט וועט איר אם־ירצה־השם זען: כד בעי רחמנא לסיעה, בכולהו בעי לסיעה *. דער נביא זאָגט: „דרשו ד׳ בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב״... ווען שטייט ער נאָך אַזוי נאָענט צו אונדז ווי אין חודש תשרי? ווען איז די מדת־הרחמים נאָך אַזוי צוטריטלעך ווי אין חודש תשרי? אין אַזעלכע הייליקע טעג וועט דער וואָס איבער אונדז אויף זיכער רחמנות האָבן און ער וועט אם־ירצה־השם בשלום באַקומען דעם שטעמפּל אויפן בילעט. וואָס איז? ער איז איין זינדיקער אין קיעוו, צי וואָס? איך מיינט אויף אַן אמת, אַז די גאַנצע געפּעאו האָט מער גאָרנישט וואָס צו טון, נאָר צו זוכן שלמהן אין אַלע מייזנלעכער? די מיליטערישע מאַכט האָט קיין שום שייכות נישט צו דער געפּעאו און שלמה וועט אם־ירצה־השם דורכגיין און דערנאָך לאַכט ער פון דער וועלט. ער וועט ערגעץ אַרויספאָרן, אויסזוכן אַ פיינע שטאָט, קריגן אַ דירה און מיר וועלן אַלע צו אים אַרויספאָרן און ווידער לעבן צוזאַמען. אַזוי מוז דאָס זיין, אַזוי דאַרף דאָס זיין און מיט גאָטס הילף, אַזוי וועט דאָס זיין! אַנדערש טאָר מען גאָרנישט קלערן.
שלמה באַמקעט אויך נאָך:
— אַזוי מוז דאָס זיין... אַזוי דאַרף דאָס זיין...
דער פאָטער, אין התלהבות פון זיינע אייגענע רייד:
— איי, די יסורים? וועט דאָס זיין פאַר אַן אַפּקומעניש... יסורין ממרקין עונותיו של אדם... אומזיסט קומען זיי נישט, אין יסורין בלא חטא, מן הסתם האָבן מיר פאַרזינדיקט... נישט מער, גאָט זאָל העלפן, אַז ס׳זאָל ביי אונדז זיין ווי יענער האָט געזאָגט: „די חז״ל זאָגן, מי שיסורים באין עליו, יפשפש במעשיו. מיינסטו דאָך רבונו של עולם, נאָר דאָס אָנצוהערעניש, זאָג איך דיר: גענוג! כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען וואָס דו מיינסט מיט זיי. בלויז פאַר אַ רמז, איז שוין איבער גענוג״...
אַלע אַנוועזנדיקע ווערן מיטגעכאַפּט מיט אפרים־אהרונס גלויבן, אַלע זענען מסכים: עס וועט זיין אַן אַפּקומעניש... מען וועט יוצא זיין מיט די יסורים...
אָבער אַט צעגייען זיך די געסט, שלמה שליסט צו די טיר:
— ווידער אַליין.
דאָס שטיבל שטייט פאַררוקט אין אַ הינטערגעסל צווישן הייפלעך, צווישן פערד־שטאַלן און קו־שטאַלן. אַקעגן פענצטער — איין און איינציק ווייִנשל־ביימל. די איבערגעטריקנטע בלעטער האַלטן זיך נאָך מיט ניסים. שלמה דאַוונט אָפּ, אויף איבערבייסן האָט אים די מאַמע געבראַכט אַ גאַנצן זאַק מיט שפּייז. ער עסט אָפּ. וואָס טוט מען איצט? לייענען איז נישטאָ וואָס, און בכלל קריכן איצט נישט אין קאָפּ אַריין קיין פרעמדע געשעפטן.

---

* אַז דער אייבערשטער וויל שוין העלפן, העלפט ער שוין אין אַלע פּרטים.

נישט היינט געדאכט, פאר מאָסקווע, האָט ער געהאַט אַן אַרבעט — שרייבן... היינט, ברוך־השם, איז ער שוין פּטור דערפון אויך. ער קען נישט אָנקוקן קיין פעדער, ווי אַ פרומער ייד קיין חזיר. געגנוג פאַר אים, ער האָט שוין זיינס אָפּגעשריבן. וואָס זשע טוט מען פאָרט? שאַ, ער האָט גאָר פאַרגעסן אין אַזאַ וויכטיקער אַרבעט ווי שלאָפן. ער איז זיך נישט אויסגעשלאָפן ביי נאַכט. מען האָט אים אויפגעוועקט. ער קוקט זיך אַרום: די איצטיקע טורמע איז פיל וויניקער באַקוועם פון דער דאַמאָלסטדיקער. דאָס צימער אין וועלכן ער געפינט זיך, איז חרוב ונחרב און דינט ווי אַ מין פרשת־דרכים פאַר די ווינטן פון אַלע ריכטונגען. נישט אומזיסט דאַכט זיך אים די גאַנצע צייט, אַז די קרעכצן פון דער גאָרער וועלט ווערן דאָ אַרומער דורכגעטראָגן. און דערצו נאָך, אָט דאָס עלנטע ביימעל שפּילט אים אויך אויף די נערוון, קלאָגט זיך פאַר אים:

— נו, אדרבה, זאָג דו אַליין, שלמה, עפּעס אַ פאַרגלייך פון די מאַריער בערג צו דעם ליימענעם קבֿר? אַבי מען האָט דיר געבראַכט אַ סך עסן. בעסער וואָלטן זיי דיר געבראַכט, זון אַ שטיקעלע, וואַלד אַ ברעקעלע, אַ שטיקל טייך, מיט אַ שמאָל שיפל מאַכט אויך נישט אויס... אָדער זאָל זיין כאָטש איין קוואַרטאַל קרעשטשאַטיק, למשל: פון לענינאַ ביז דומסקע־פּלאַץ. אַך, איז דאָרט איצט פריילעך! כאָטש מענטשן לויפן דאָרט אַרום ווי די פאַרסמטע מייז צו פאַרדינען אַ קערבל, נאָר דאָס מאַכט נישט אויס! זיי זענען אָבער פריי! דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט: פריי? נישט ווי איך מיט דיר אָט דאָ. דו היטסט דאָס פענצטער פון יענער זייט, און איך פון דער זייט...

דער זייגער איז ערשט ניין, שלמה טוט זיך אויס און לייגט זיך אויף דאָס ניי שלאָפן.

קאפיטל XVII

ביי טאג פארפארט צו אים זיין שוועסטער דינה גלייך פון אינסטיטוט. שלמה טוט זיך אן. ער איז איר זייער דאנקבאר. ערשטנס, ווייל זי האט אים אויפגעוועקט, ווען נישט זי, וואלט ער אין גאנצן פארגעסן, צי מען דארף א מאל אויפשטיין, צוויטנס, ווער מען טאקע שמועסן א ביסל.

דינה דערפרעגט זיך ביי אים פון יעדע קלייניקייט. ווי אזוי איז אים געגאנגען אין וועג? וואס האט ער עפעס געזען פאר א שיינס אויף דער וועלט?

שלמה טוט איר צו ליב. אין אלגעמיינע שטריכן באמאלט ער איר מאסקווע, אזיע, קאווקאז, דערציילט פארשידענע עפיזאדן, צופאלן פון זיין אייגענער רייזע.

— נו, און אצינד, דינה, דערצייל דו קיעווער נייעס.

— נישטא קיינע נייעס, דער טאטע האט שוין אלץ דערציילט. איך, רבקה און יצחקל לערנען; דאס קליינוואַרג שפילט זיך גאנצע טעג. ביים טאטן די פרנסה איז קוים־קוים, וואס עס סטאַיעט אויף לעבן...

— נו, אצינד איז שוין ווידער דא מיין געלט, אויף וואס דארף איך דאס?

— גיי, רעד נישט קיין שטותים, אויף וואס דארף ער עס... מיר האבן דא געהאט א בריוו פון אוראל פון די פעטערלעך, וועגן דיין באזוך ביי זיי.

— וואס זשע האבן זיי געשריבן?

— גארנישט, אזוי זיך, ווייסט נישט?

— ניין, אודאי ווייס איך נישט. ווען איך זאל וויסן, וואלט איך דאך ביי דיר נישט געפרעגט.

— נו, וואס זאל איך דיר דערציילן? מיר דאכט, אז זייער בריוו דארף נאך ערגעץ זיין, איך וועל דיר אים ברענגען.

— איך בין דיר מוחל די טובה, אויף צו לייענען האב איך נישט קיין געדולד. דו מעגסט אליין דערציילן.

— נו, זיי שרייבן, אז זיי האבן זיך שטארק דערפרייט, וואס זיי האבן אזעלכע... אזא גאסט, הייסט עס... און וואס נאך שרייבן זיי? אז עס געפעלט זיי שטארק —

דינה פארבייסט א ליפ און פארטראכט זיך שטארק. שלמה איז דערנערוועוועט, נאר דאך פרעגט ער געלאסן:

— וואס געפעלט זיי שטארק?

— באלד וועל איך מיך דערמאנען... אך, ווייסט עס דער רוח! דער קאפ איז אזוי פארקלאפט מיט די לעקציעס, אז קיין זאך האלט זיך דארט נישט. א־הא! זיך דערמאנט! עס געפעלט זיי שטארק, וואס דו האסט זיך אפגעשטעלט אויף דער פראפעסיע פון א שרייבער. יא, שלמה, עס איז מיר גאר ארוים פונעם קאפ. וואס איז געווארן מיט דיין בוך?

— אפגעגעבן.

— און ווען? כ'מיין...

— איינצלהייטן איז נישט וויכטיק. דער עיקר — איך האב אלץ דער־לײדיקט, לחלוטין דערלײדיקט.

דינהן געפעלט עפּעס נישט זיין אבסאלוטע רואיקייט און זי פרעגט מער גארנישט.

— און מער איז זיי גארנישט געפעלן, די גאלדינס, נאר מיין שרייבן?

— וואס נאך דארף זיי געפעלן? איך ווייס נישט, וואס דו ווילסט האבן פון מיין לעבן.

— איך ווייס אויך נישט, נאך וואס איינגטלעך ביסטו איצט געקומען אהער? כדי מיר צו באווייזן, אז דו ביסט א קלוגיטשקע? — ווייס איך דאס שוין פון לאנג.

דינה הייבט אויף די אויגן אויף אים, זי האט זייער אן אומגליקלעך פּנים. זי האט גאר ביז אצינד נישט באמערקט, וואס פאר א געלע רעדלעך עס זענען ביי אים ארום די אויגן, ווי געקנייטשט דער שטערן איז ביי אים געווארן, ממש, ווי ביי אן אלטן מענטשן. יא, היינטיקן זומער וועט ער האבן צו געדענקען אויפן גאנצן לעבן! אויף די שלייפן איז שוין ביי אים וווּ נישט ווו צו באמערקן גרעע האר און אויפן לינקן אויער — א גאנץ פּאסמעלע! שלמה — א גראער ייד! וואס פאר א שרעק!... ער איז דאך ערשט אין גאנצן אלט צוויי און צוואנציק יאר.

— אך, שלמהלע טייערער, בארעכן נאר, איך האב גאר פארגעסן. פאר דער צייט, וואס דו ביסט אוועקגעפארן, איז דאך ביי דיר געווען דיין גע־בורטסטאג, די מאמע האט אפילו א ספּעציעלן קוגל געמאכט דעם שבת און דער טאטע האט פון דער שול אריינגערופן עטלעכע מענטשן אויף קידוש. נו, שלמה! איך ווינטש דיר לאנגע, גליקלעכע יארן זיין מיט אונדז צו־זאמען.

שלמה איז געזעסן א בלייכער, א פארביטערטער און האט גארנישט געענטפערט.

— פאר וואס זשע ענטפערסטו נישט אויף מיין ווונטש?

— ווייס איך, דאס איז שוין אלטווארג, נישט אינטערעסאנט.

— א שוועסטערס א ברכה איז דיר נישט אינטערעסאנט? וואס דען איז דיר יא אינטערעסאנט?

— דאס, וואס מיר איז אינטערעסאנט, ווילסטו דאך נישט דערציילן.

דינה זעצט זיך צו נעענטער צו אים, גלעט אים די האר:

— שלמה, דו האסט שוין א סך גרויע האר, ווייסט דערפון?

— זאלסט דערלעבן אנזאגן גרעסערע בשורות. לאז מיך צו רו, איך בעט דיך...

שלמה הייבט זיך אויף, פרעגט קאלט:

— זענען, הייסט עס, מער קיין נייעס ביי אונדז אין שטוב נישטא?

— איך זע, אז דו טרייבסט מיך שוין ארויס. דו האסט עפּעס צו טון?

— וואָס דען, ניין?

— וואָס, למשל?

— שלאָפן.

דינה נעמט אים אַרום, קושט אים אין די אויגן:

— נו, שלמה, גיב אַליין אַ קלער, פאַר וואָס בייזערסטו זיך אויף מיר? טאָמער איז דיר קאַרג שווער, דאַרפסטו מיך נאָך אַרויפפירן אויף אַזאַ שמועס, פון וועלכן עס זאָל דיר ווערן נאָך שווערער...

— שווערער, ווי עס איז מיר, וועט מיר נישט ווערן, מעגסט אַלץ דערציילן.

— וואָס, מיינסטו, האָבן זיי דאָרט אַזוינס געשריבן? פּשוט: „זי" איז זיי אויך געפעלן. אָט דאָס איז אַלץ!

— נישט וואָס זיי האָבן געשריבן, אינטערעסירט מיך. מיך אינטערעסירט צו וויסן אַלץ פון אלף ביז תיו.

— וואָס זשע זאָל איך דיר דערציילן? ס'איז נישט געווען קיין „אלף" און ס'איז נישט געווען קיין „תיו". ביי אונדז איז זי נישט געווען... דאַכט זיך, דינסטיק איז זי געקומען? און מיר זענען וועגן דעם ערשט געוואָר געוואָרן שבת פונעם זיידן. מנשה האָט אים געזאָגט. אונדז האָט ער נישט געוואָלט דערציילן. אונדז האָט אפילו די גאַנצע וואָך זייער געחידושט, וואָס פון יאַנים שטוב ווייזט זיך קיינער נישט. פריער, פון אייער אוועקפאָרן אָן, פלעגן זיי קומען זיבן מאָל אַ טאָג, און מיט אַ מאָל — אַזוי ווי אויסגערונען! נאָר וויסן האָבן מיר גאָרנישט געוווסט...

— ווי אַזוי האָט דאָס געווירקט אויף טאַטע־מאַמע?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ אַליין נישט? די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע איז סתם אַרומגעגאַנגען דערשלאָגן. נאָר אין אַלגעמיין האָט מען זיך ביי אונדז דערויף געריכט.

שלמה איז אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— ווער האָט זיך געריכט? אויף וואָס קוקנדיק?

— פון דיין בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון מאָסקווע, האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן, ביי וואָס עס האַלט. עס איז אין אים נישט געווען קיין רמז אויף שלעכטס, נאָר אויף קיין גליק אויך נישט. דו קענסט נישט שרייבן אַזעלכע בריוו, ווען עס איז דיר גוט אויפן האַרצן. צווישן די שורות האָט מען אַלץ אַרויסגעלייענט. נאָר פון דעסט וועגן איז דער קלאַפּ געווען אַ שטאַרקער. ווייסט נישט? פון אָנשטויסן זיך ביז הערן אַ פאַקט... היינט — פאַר דער וועלט!...

— וואָס האָט דען געערדט די וועלט?

— ווער איז זי דען געגאַנגען פרעגן? נאָר מסתמא האָט זי געערדט.

— דו האָסט „זי" די גאַנצע צייט נישט געזען?

— ווו האָב איך זי געזאָלט זען? אפשר האָב איך נאָך געדאַרפט לויפן מקבל־פּנים זיין די שיינע כלה? נאָר אָווראַם האָט מיר דערציילט, אַז קומענדיק אַהיים, האָט זי פיל געוויינט, געזאָגט, אַז זי וואָלט געדאַרפט צופאָרן

אויף סאָלאָמינקע צו שלמהס עלטערן, זי האָט אים דאָס צוגעזאָגט, נאָר זי האָט קיין הארץ דערויף נישט. זי האָט נישט געלאָזט קיינעם אויסרעדן אויף דיר א קרום וואָרט, געזאָגט, אז דו ביסט א מלאך, נישט קיין מענטש, אז אזעלכן וועט זי שוין מער נישט באגעגענען...

— וואָס טוט זי איצט?

— קומענדיק, האָט זי זיך שטאַרק גענומען צום גרייטן זיך און אויס־געהאַלטן די עקזאַמענס. איצט, לערנט זי אין אינסטיטוט.

— מילא, זאָל זיין געגנוג, דינה! זאָג אָן דעם טאַטן, מנשהן און דעם זיידן, אז זיי זאָלן קיינעם נישט געבן מיין אדרעס, נישט אָנפרעגנדיק זיך פריער ביי מיר. דו הערסט? קיי—נעם!...

אין דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן א געוויטער. דער רעגן שמייסט מיט אזא רציחה, ווי אין טיפן הארבסט. שלמה איז אליין אין שטוב גאַנצע טעג. קיין ביכער האָט ער נישט און ער פאָדערט אויך נישט, מען זאָל אים ברענגען. ער טוט מער גאָרנישט, נאָר ער לאָזט נישט ארויס דאָס תהילימל פון דער האַנט. געענדיקט תהילים און ווידער אָנגעהויבן. נאָך א מאָל געענדיקט און ווידער אָנגעהויבן. אזוי א גאַנצן טאָג. ער הערט זיך איין אין זיין אייגן קול, עס איז א ביסל ענלעך אויף מנשהס, אָבער דער ניגון, דאָס התלהבות, די אָפטע טרער, דאָס איז אַלץ דעם זיידנס.

קאפיטל XVIII

אין איינעם א פרימאָרגן קומט מנשה צו גיין: יאַני זיצט ביי אים אין שטוב און וויל, אַז מען זאָל אים נאָר צופירן צו שלמהן. האָט ער, מנשה, אויף זיך נישט געוואָלט שטעלן און איז צוגעגאַנגען זיך אָנפרעגן. שלמה הייסט אים אָפּזאָגן: ער איז אַצינד נישט געשטימט אויפצונעמען קיין געסט, און ער זאָגט אָן מנשהן, ער זאָל אים אַנטשולדיקן פאַר יאַנין.

עס גייט נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, מנשה איז ווידער דאָ. יאַני וויל נישט אַוועקגיין: ער מוז אומבאַדינגט זיך זען מיט שלמהן. ער בעט, אויב שלמה איז שטאַרק פאַרנומען, כאָטש אויף צען מינוט. מנשה דער־ציילט, אַז יאַני איז אויסער זיך: וואָס הייסט, שלמה זאָל זיך אָפּזאָגן אים אויפצונעמען?!

שלמה נעמט אַ בלייַשטיפט און וואַרפט אָן עטלעכע ווערטער:

„ר' יאַני, טאָמער בלייבט איר ברוגז, פאַר וואָס איך הייס אייך נישט ברענגען צו מיר, זענט איר נישט גערעכט. עס איז מיר איצט שווער אייך צו זען. איך גרייט מיך אין אַ וויַיטן, שווערן וועג אַריין און איך מוז שוי־נען מיין רואיקן געמיט. יעדע פרישע פּערזאָן באַאומרואיקט אַ ביסל, ווער שמועסט אייערע... זייט געזונט מיט אייער ווייב און קינדער. איך ווינטש אייך אַלע אַ כתיבה וחתימה טובה און האָבן פיל נחת אין אייערע קינדער. אין איין זאַך פאַרזיכער איך אייך: וואָס מיט מיר זאָל נישט טרעפן, וווהין איך זאָל נישט מגולגל ווערן, בלייב איך ווי אַלע מאָל אייער איבערגע־געבענסטער פריינט. — שלמה".

יאַני איז אַוועק אַ דערשלאָגענער פון מנשהס שטוב און שלמה איז געבליבן אַ דערשלאָגענער ביי זיך אין שטוב. ווען פאַלי קומט זיך זען מיט אים, וואָלט ער נאָך געהייסן זי ברענגען, נאָר זי קומט נישט... זי דאַרף שוין איצט נישט קיין מלאכים, זי האָט איצט גענוג מענטשן, אינסטי־טוטסקע מענטשן מיט פרייהייט, מיט אַ צוקונפט, מיט געווינלעכע, מענטש־לעכע מאַניערן, אָן אַ „מען טאָר נישט". משוגע וועט זי זיין קומען צו אים אין זיין „צעלע". און וואָס האָט זי אים דען צו זאָגן? אַז דער קלימאַט אין קיעוו האָט אויף איר צוריק גוט געווירקט? דאָס פאַרשפּאַרט זי אים זאָגן, דאָס ווייסט ער אַליין גאַנץ גוט. וואָס דען, יאַני איז געקומען, וואָס האָט ער דען מיט אים צו רעדן? יענער וועט אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן; וועט וועלן וויסן יעדעס פּיצעלע; דאָס וואָס פאַלי וויל אים נישט דער־ציילן; און ער וועט דאַרפן האַלטן אין איין ענטפערן; אין איין דערציילן... צו וואָס נוצט אים דאָס אַלץ? בכלל, וואָס האָט ער מיט יאַנין צו שמועסן? אַז נישט, איז אין אים דען די מניעה? אַז נישט, רעכנט זיך דען פאַלי מיט זיין „יאָ", צי מיט זיין „ניין"? ער איז נאָר אויף אַזוי פיל איר פאָטער, אויף וויפל זי זיצט מיט אים ביי איין טיש און מוז אויסהערן זיינע דר־שות... זייער גלייך האָט ער געטון, וואָס ער האָט אים נישט צוגעלאָזט צו זיך. אַצינד איז דער עיקר: וואָס וויַיניקער זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. אָך,

ווי דאַנקבאַר ער איז אַלעמען פאַר דער איידלקייט, וואָס קיינער האָט נאָך פאַר די צען טעג, וואָס ער איז דאָ, נישט דערמאָנט פאַלים נאָמען, נישט באַרירט די פראַגע פון די טולטשינסקים, גלייך ווי עס איז גאָר קיין מאָל מיט אים נישט געפאָרן קיין מיידל אַלס כלה. עס איז גאָר אַ חלום געווען. זייער לייטיש, זייער לייטיש פון זייער זייט.

אויפשטיין פלעגט ער זייער שפעט. די בעלי־בתים, אַוועקגייענדיק צו דער אַרבעט, פלעגן אים שטענדיק לאָזן אין בעט. ביי טאָג פלעגט ער זיך אַ חוץ דעם צולייגן אויף אַ פּאָר שעה. לייגן פלעגט ער זיך תחילת־נאַכט. ער האָט מער נישט געוווּסט ווי דריי אַרבעטן: עסן, תהילים זאָגן און שלאָפן. און אפילו ביי אָט־דעם־אָ שטרענגן סדר־היום פלעגן די בייטאָגיקע שעהן זיך ציען ווי דער יידישער גלות. בשום אופן האָט ער זיי נישט געקענט אָנפילן.

אין איינעם אַזאַ בייטאָג האָט ער באַמערקט אַריינגיין אין הויף אַריין משה פרידמאַן. יענער האָט מיט די אויגן געזוכט דעם נומער פון שלמהס קאָנספּיראַטיווער וווינונג. שלמה האָט אים אָנגעקלאַפּט אין פענצטער:

— משה, חבר פרידמאַן, קום אַריין. נאָר פאָרזיכטיק אויפן גאַניקל...

אַריינגעקומען, האָט פרידמאַן באַקוקט דאָס חדרל, באַמערקט דאָס צעעפנטע תהילימל אויפן טיש, דאָס צעוואַלגערטע בעט, שלמהס ליימיק פנים, זיין שטיין אָפּגעלאָזן, מיט פאַרגליווערטע אויגן. ער איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם וויסטן טרויער, וואָס הערשט דאָ, האָט דערפילט דעם אומעט פון יעדן ווינקעלע, און זיך אָנגערופן:

— באַ! אויף אַזוי ווייט האָב איך זיך נישט גערעכט. ווען איך זאָל געווען וויסן, אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען דו לעבסט איצט, וואָלט איך שוין דאָ געקענט געווען זיין עטלעכע מאָל. כ'האָב באמת נישט געוווּסט.

— הייסט עס, מיט דיין קומען צו מיר האָבן אָנגעפירט בלויז געפילן פון רחמנות: „אַ מענטש זיצט נעבעך פאַרשפּאַרט, דאַרף מען דאָך צוגיין. ווו איז דער יושר?” איאַ געטראָפן? אין רעכטן אמת אַריין געטראָפן? ניין, ניין! פאַרשפּאָרסט זיך פאַרענטפערן; אַלץ איינס וועל איך דיינע תירוצים אפילו נישט אויסהערן... איז אָט וואָס: קענסט שוין גיין פון דאַנען! טאַקע די מינוט! און מאַך עס וואָס גיכער, איידער איך וואַרף דיך אַרויס דורכן פענצטער!...

— שלמה, וואָס איז מיט דיר?

— וואָן, זאָג איך! מאַרש פון דאַנען, צו אַל די רוחות! איך דאַרף נישט קיין רחמנות־האָבער! וואָן! וואָן! געקומען מיך מנחם־אבל זיין!... געלויבט דער אייבערשטער, מייַנע עלטערן לעבן נאָך!

ער שטופּט האַסטיק אַרויס פרידמאַנען פון דער טיר, פאַרשליסט זי און קערט זיך אום צום פענצטער. פרידמאַן, זעט ער, שטייט אַ פאַרלוירענער, טרעט איבער פון איין פוס אויפן אַנדערן, באַטראַכט נאָך אַ מאָל די פאַרשלאָסענע טיר, דאָס צעבראָכענע גאַניקל און דאָס פאַררוקטע פאָרהענגל אויפן פענצטער. ער שטייט אַזוי עטלעכע מינוט און לאָזט זיך נישט

אנטשלאָסן צום אַרויסגאַנגס־טירל. פּייל אויסן בויגן פליט שלמה אַרויס פון דער שטוב, פאַרוואָרפט פרידמאַנען ווי אַ קליין קינד אויפן אַקסל און טאַסקעט אים צוריק אין צימער אַריין. דאָרט באַשיט ער זיין פּנים מיט קושן, מאַכט עס נאַס פון טרערן, באַהאַלט זיין קאָפּ אויף פרידמאַנס ברוסט:

— משהלע, נשמה מיינע, חבר מיינער, ברודער מיינער, איך קען דען דיך אָפּלאָזן פון זיך? איך האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר... דו דאַרפסט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן. ווען דו ווייסט, ווי מיר איז שווער! כ׳וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיקן אָט דער בין־הזמנים... זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך, נאָר אָט די פיינלעכע אומבאַוווסט־קייט דערהרגעט מיך צום איבעריקן... פאַר מאָסקווע האָב איך די פּוסט־קייט נישט געפילט אַזוי שטאַרק. געווען פאַרנומען... געשריבן... איצט בין איך שוין ברוך־השם פריי! שוין אָפּגעשריבן אויפן גאַנצן לעבן! משה, פריינט מיינער! מיט מיינע אייגענע צען פינגער האָב איך מקבר געווען מיין בוך, וואָס איז מיר אַזוי בלוטיק אָנגעקומען, אַליין דעם שייטער פון דעם אויטאָ־דאַ־פע אָנגעצונדן און אַליין דאָס פייער פאַרלאָשן מיט מיינע טרערן. פרעמדע, גאַנץ פרעמדע מענטשן האָבן ביטער געוויינט אויף מיין אומגליק. גוואַלד געשריגן! וויפל מי און אָנשטרענגונגען עס זענען גע־מאַכט געוואָרן צוליב דעם דאָזיקן בוך. אויף קיילעכדיקע מעת־לעתן פלעג איך פאַרפאַלן ווערן אין מיין צימער, נישט אַרויסגיין אפילו אויף יענער זייט שוועל, נישט געלאָזט קיין מענטשן פאַר די אויגן, זיך אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט ווי אין אַ מאָנאַסטיר. אָן אַ שיעור נעכט זיך נישט אויסגעטון. וויפל צענדליקער מאָל בין איך פונעם שלאָף אויפגעשפּרונגען און אָט אַזוי, אויפן קישן, אָן נעגלוואַסער, פאַרנאָטירט אַ געדאַנק, וואָס איז מיר איינגעפאַלן אין חלום... וויפל מאָל האָט אַזאַ נאָטיץ זיך פאַרצויגן ביזן ווייסן טאָג אַריין... וויפל מאָל פלעגט דער טאַטע אָדער די מאַמע אויף די שפּיץ פינגער אַריינשלייכן אין מיין צימער, אַרויסדרייען דאָס לעמפּעלע און מיך איבערלאָזן אין דער פינצטער... מיינסטו, אַז דאָס פלעגט זיי העלפן? דווקא נישט! איך פלעג פאַרשליסן הינטער זיי די טיר און פאַר־זעצן דאָס שרייבן ביי אַ חלבן ליכטל... און נאָר אין דער היים דען? אפילו אין „פאַנטאָפל" ביים סטאַנאָק, אין די טומלדיקע קאָרידאָרן פון „טאָרג־סין", שטענדיק און אומעטום געקליבן אַ וואָרט צו אַ וואָרט, געפּערלט יעדע שורה, געשניצט יעדע פראַזע, יעדן אויסדרוק, געטאַנצט פאַר פרייד פון יעדן געלונגענעם עפּיזאָד, געוויינט, געלאַכט, גערעדט מיט גאָט, זיך גע־קלאָגט פאַר אים ביי אַן אַנטוישונג, געדאַנקט אים ווען עס פלעגט מיר געלונגען צו כאַפּן דעם ריכטיקן געדאַנק. מיין גאַנצע נשמה האָב איך אַריינגעבלאָזן אין דעם דאָזיקן ווערק און וואָס איז געוואָרן דער סוף? פאַר אַן אָנדענק, האָט מען מיר געֶעצהט, זיך עס איבערצולאָזן, איינפּאַקן עס צוזאַמען מיט אַלטע שמות, מיט אָפּגעריסענע ציצית, מיט אָפּגעשלאָגענע הושענות, פאַרשטעקן עס ווייט־ווייט ערגעץ אונטער דער סטריכע — פאַר

אַן עין־הרע... איך האָב נישט געקענט... איך האָב נישט אויסגעהאַלטן... ווען נישט, וואָלט מיין האַרץ געווען געפּלאַצט... אָדער עס וואָלט געווען געפּלאַצט מיט איין מאָל, אָדער לאַנגזאַם געפּוילט אין מיר ווי אַ טויט קינד ביי דער מוטער אין בויך... האָב איך אויסגעקליבן דעם „ואהבת לרעך״ שמדרבנן: „בחור לו מיתה יפה״... און איצט, — אַ הויפן אַש און מיסטקאַסטן... דער ווינט האָט צעטראָגן מיין רוח־הקודש איבער אַלע מאָסקווער בולוואַרן, איבער אַלע רינשטאָקן, אויף יעדער דאַך אַ שטויבעלע, אַ זכר לחורבן... נישט געטויגט האָט מיין בוך... איך האָב מיין גאָט נישט פאַרראַטן, מיין פאָלק נישט פאַרראַטן — טויג טאַקע נישט, דאַרף דאָס ברענען... איצט זיץ איך איינער אַליין, עסן איז דאָ, טרינקען איז דאָ, אַ געלעגער אויך — וואָס פעלט מיר? די מיזינקע אויסגעגעבן? איצט מעג איך גיין טאַנצן... יאָ, ברודערקע... מיין האַרץ איז צעשטאָכן אויף דורך און דורך, פון אַרום און אַרום... אוי, ברענט אַצינד אין מיטל־אַזיע אַ הייליקער אַלטיטשקער!.. מיין האַרץ, מיין האַרץ איז פול מיט וווּנדן! גיי, משה, עפן דאָרטן מנשהן, ער קלאַפּט אין טיר!...

נאָך פון דער שוועל האָט מנשה אַ פרעג געטון:

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעס? וואָס איז פלוצלינג פאַר אַ טרערן?

שלמה האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט.

— איך פרעג דאָך ביי דיר. וואָס שווייגסטו?

— עס איז מיר דאָ שטאַרק פריילעך. דאָס האָבן מיר דאָ אַזוי געלאַכט ביז טרערן.

— פרידמאַן, זאָגט איר, וואָס איז דער געוויין פלוצלינג?

— ווער זאָגט אייך, אַז פלוצלינג? גאָרנישט פלוצלינג. עס איז אים זייער סומנע, ער קען נישט פאַרטראָגן די איינזאַמקייט.

— נו, מילא, עס איז דאָך שוין נישט לאַנג געבליבן צו וואַרטן. אַבי ער וועט נאָר פטור ווערן פון דעם פריזיוו, וועט ער אויפגעבונדן ווערן...

שלמה האָט אַ ביטערן שמייכל געטון:

— וואָס רעדט איר זיך איין פאַר אַ נאַרישקייטן? פטור ווערן... אויפגעבונדן ווערן. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת... ביז איצט האָט דאָס נאָך קיינער פון מיר נישט געהערט, מלבא לפומא לא גליא. אָבער פאַר אייך, וואָס שייך סודות? איך פיל, אַז איך גיי צו דער שחיטה. מיין פאַרגעפיל נאַרט מיך זעלטן ווען אָפּ. איך פיל שוין אפילו די קעלט פון די גראַטעס אויף מיין פנים...

— שלמה, גאָט איז מיט דיר, וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים? פאַר וואָס זאָגסטו נישט: אל תפתח פה לשטן? אַ ייד, וואָס גלייבט אין גאָט, מעג אַזוי רעדן? אויב עס איז אַזוי, ווי דו זאָגסט, ביסטו דאָך גאָר אַ מאבד את עצמו לדעת... נאָך וואָס זשע זאָלסטו גאָר גיין צו דער קאָמיסיע? פאַר וואָס זאָלסטו ערגעץ נישט אַוועקפאָרן?

— כאַ־כאַ־כאַ!... קוים אויסגערעדט: אַוועקפאָרן... וווהין זאָל איך

פאָרן, חכם מיינער? וווהין זאָל איך מיך אהינטון מיט אַ מיליטערישן בי־לעט, וואָס איז נאָך גילטיק בסך־הכל אַ צוואַנציק טעג? ווער וועט מיך אריינגעמען?

— נו, איז דעריבער? אז מען וועט דיך נישט אריינגעמען, דאַרף מען גיין זיך אָפּגעבן צו זיי אין די הענט אריין?

— מען פאַרשטייט די מעשה: ווען איך זאָל וויסן אויף זיכער, אַז מען וועט מיך דאָרט פאַרנעמען, וואָלט איך מן הסתם נישט געגאַנגען. איך גיב דאָך אָבער אַ קלער, אַז טאָמער פאָרט דריי איך מיך אוים? טאָ־מער פאָרט גליטש איך מיך דורך? נאָר חוץ אַלעמען, וויל איך פון קיעוו נישט אוועקפאָרן, איך קען פון קיעוו נישט אוועקפאָרן!

— דער טאַטע מיט דער משפחה וואָלטן דיר נאָכגעפאָרן.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי, מען פאָרט נישט אַזוי גיך. און ווידער, עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס וואָלטן נישט נאָכגעפאָרן. אַזוי איז דאָס און ווי דער אייבערשטער וועט פירן, אַזוי וועט זיין גוט... מנשה! מיין גאַנץ געלט, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך, האָב איך אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן דער מאַמען. טאָמער טאַקע פאַרנעמט מען מיך חלילה אויף דער קאָמיסיע, איז פאַרשטייט זיך, דאָס ערשטע דאַרף דאָס געלט גיין דערויף, טאָמער קען מען מיך ראַטעווען, כאָטש דאָס זענען אומזיסטע רייד. מ'יך, אויב מען וועט נעמען, וועט שוין נישט העלפן קיין ראַטעווען. נאָר, ווער ווייסט? היינטיקע יאָרן קען זיך אַלץ טרעפן. דאָס איבעריקע, פאַרשטייט זיך, זאָל דער טאַטע פאַרנוצן זיך אין מסחר, עס וואַקסן ביי אים מיידלעך, ער דאַרף אַ סך. נאָר איין זאַך וויל איך אייך אָנזאָגן, דאָס יאָ. טאָמער טרעפט זיך ביי יאַנין אַ נויט, אַ שמאָל שטיקל צייט, זאָל דער טאַטע אים בייהילפיק זיין מיט דער גרעסטער סומע פון מיין געלט, ווייל ער איז ביי מיר ביזן היינטיקן טאָג ווי אַ צווייטער פאָטער. ס'איז ביי מיר בלתי ספק, אַז ווען נישט דאָס, וואָס ער מיט זיין משפחה ווינען אין קיעוו, וואָלט איך מיר אויך אפשר געזוכט עצות געהאָלפן צו ווערן ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, און אַזוי וויל איך אפילו נישט הערן פון אוועקפאָרן פון דאַנען. עס מעג געשען, וואָס עס וויל זיך, נאָר ווידער אוועקפאָרן — איז איבער מיינע כוחות!...

אויף שלמהס פאַרוויסטן פנים איז געבליבן הענגען אַזאַ שמערצלעכער אויסדרוק, אַזוי פיל געקרענקטקייט, אַז ביידע חברים זיינע האָבן נישט גע־וואַגט הויך אַן אָטעם צו טון. אין חלל פון צימער האָט זיך ארומגעטראָגן דער ריח פון אַ קרבן, דער קרבן האָט נאָך געלעבט, אָבער זיין גורל איז שוין געווען באַשטימט — אין שעכט־הויז! מנשה איז געזעסן מיט פאַר־מאַכטע אויגן און געזען פאַר זיך דאָס „קליינע שלמהלע", וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אַראָפּפאָרן אויף אַ שבת צו זיידע־באָבע קיין כמעלניק. אויפן ביימל ביים פענצטער האָט זיך מיט אַ סווישטשעריי אַראָפּגעלאָזט אַ שיירא וואַנדער־פייגל: גראָע, שוואַרצע און געפלעקטע. די פייגל וועלכע פאַרנעמען זיך ביי צייטנס אין די וואַרעמע לענדער, געזעגענען זיך אויפן

קול מיטן עלנטן ביימל, ווישן אָפּ זייערע שנאָבלען אין דער אויסגעטריקנ־טער קאָרע און הייבן זיך אויף אין א חצי־עגול אין דער לופט. דאָרט מאַכן זיי א היפּשע הקפה ארום זייער באליבט ביימל, שיקן דעם אראָפּ די לעצטע גרוסן און שניידן זיך אריין אין דער דורכזיכטיקער הייך מיט א שאַרפן דרייעק.

פון שלמהס פאַרצאַרנט פנים פאַרשווינדט דאָס אָנגעצויגנקייט. דער אויסדרוק פון עלנט ווערט פאַרביטן אויף א לייטזעליק שמייכעלע, וואָס באַהאַלט זיך שעמעוודיק אין די טונקעלע רייפלעך ארום די אויגן און אין די ליפּן־ווינקלען. ער לאָזט אומעטיק אראָפּ די אויגן און רעדט, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם:

— די פייגל פאַרלאָזן שוין אונדזערע מקומות... הימים הנוראים ממש־משים ובאים... היינטיקע וואָך איז געווען ח"י אלול, דער געבורטס־טאָג פון מיין הייליקן זיידן, דעם בעל־שם־טוב זצ"ל, און פונעם רב הקדוש... א ליכטיקער טאָג... א טאָג, וואָס האָט באַלויכטן די וועלט... על־פּי חסידות באַטייט דאָס וואָרט „אלול": אני לדודי ודודי לי... דער ענין איז: לחבר אשת נעורים עם דודה... ומשם ימשך לנו שפע לנפש רוח ונשמה... ח"י אלול באַטייט: א מענטש זאָל זיך אזוי דערציען, אז דער אלול זאָל לעבן אין אים, חי — הייסט: ער לעבט; דער אלול זאָל אכטונג געבן אויף אים און זיך לאָזן פילן אין אלע זיינע מעשים... ווען איך וואָלט געווען א ביסל ערלעכער, וואָלט איך זיך מער א ביסל אריינגעטראַכט אין מיין נארישן, ווילדן עבר, אין מיין פאַרדעכטיקן עתיד... וואָס קומט אָבער ארויס פון די רייד, אז דער אייבערשטער האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, מיך אָפּגע־שטויסן פון זיך...

פרידמאַן, גערירט פון שלמהס רייד, פרעגט אים:

— אז דו געדענקסט אזוי גוט דעם „אני לדודי", מוזסטו דאָך אויך געדענקען, וואָס דער בעל־התניא זאָגט אויפן פסוק: „הנה זה עומד אחר כתלנו"...

— זאָג, זאָג, עפּעס געדענק איך נישט אויף דער שטעל...

— „הנה זה עומד": דער קודשא בריך הוא געפינט זיך בפועל ממש בשכנות מיט אונדז און אין אונדז, אָט איז ער, אָט שטייט ער, כאָטש ריר זיך צו אים צו מיט דער האַנט... „אחר": טאָמער זעען מיר די זאַך אַנ־דערש, זאָלט איר וויסן זיין, אז: „כתלנו" — דאָס איז אונדזער וואַנט... די מחיצה צווישן אונדז און דעם בורא איז געשאַפן געוואָרן דורך אונדז, נישט דורך אים... אזוי זאָגט דער רב הקדוש...

— איצט האָב איך זיך שוין אויך דערמאָנט דאָס וואָרט... וואָס האָסטו צו קלערן, צי ער איז גערעכט? ער איז אודאי גערעכט!.. אודאי איז די שולד מיינע, אָבער וואָס זאָל איך טון, אז לבי בל עמי... דאָס האַרץ און דער מח זענען ביי מיר אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשידענע שטותים, איין שטות גרעסער פונעם צווייטן, אז איך בין גאָר נישט ביכולת מברר צו זיין על בוריה, ווער פון וועמען עס האָט זיך אָפּגעשטויסן: צי איך האָב

זיך אַליין אָפּגעשטויסן פונעם בורא, צי דער בורא האָט מיך פון זיך אָפּגע־שטויסן. דערפאַר רעד איך, נישט דאָס וואָס מען דאַרף, דערפאַר זענען ביי מיר די נערוון אַזוי צעשרויפט, דערפאַר באַטייל איך שוין די וועלט מיט ירושה... ווייז אַן מנשהן ווען וועמען וויפל צו געבן...

פרידמאַן, נאָכדענקנדיק אַ ביסל:

— קעגן דעם וואָס דו זאָגסט, אַז דער אייבערשטער האָט דיך פון זיך אָפּגעשטויסן, דאָס איז דאָך נישט אמת! מיר ווייסן דאָך, אַז „לא ידח ממנו נדח”... פונקט פאַרקערט, דער „כביכול” איז שטענדיק גוט געשטימט צו די וואָס דינען אים מיט אַן אמת, ס'איז אַ בפירושער פסוק: „כי אתה אלוהי, רוחך טובה”...

— כ'וויים, משה, כ'וויים, אַז דער שולדיקער אין דעם הסתר בין איך, נישט קיינער. דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט? אָבער אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... אין אדם רואה נגעי עצמו. מען מוז צו עמעצן טענות האָבן, ווען נישט איז דאָך: שבקית חיי לכל בריה...

— און ס'איז אויך פאַלש צו מיינען, אַז מן השמים איז מען אויסן מיט די יסורים זיך נוקם צו זיין אין דיר, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז: „לא נבראו רעמים, אלא לפשט עקמומיות שבלב”...

— ס'איז דיר גרינג צו זאָגן „לפשט”... אָבער וואָס זאָגט די גמרא אויף: „מי שיצרו מתגבר עליו”?

— וואָס טויג דיר זיך פשטלען, , אַז ס'איז דאָ אַ בפירושער אָנזאָג: „אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש”...

— לעצטנס איז אָנגענומען צו זאָגן: „אם פגע בך מנוול זה, אל תמשכהו לבית המדרש”... לאָז איבער דעם „חברה־מאַן” אויף דער גאַס און פאַראומרייניק נישט דאָס מקום־קודש...

מנשה האָט מן הצד אַריינגעשמועלט:

— משה שפיר קאמר... ס'איז געווענדט ווער ס'איז דער מדובר. וועמען מען זאָגט „משכהו” און וועמען — „אל תמשכהו”. נישט יעדער איז גלייך, מען קוקט: לפי המבייש והמתבייש...

מנשהס אויגן, פון וועלכע עס האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט מיט־לייד און אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט, פילן זיך אָן מיט צאָרן:

— שלמה, מיט דיר איז איצט שווער צו רעדן. מען דאַרף דאָך זיין אַן אכזר מצער צו זיין אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי געיאָגט פונעם גורל ווי דו לעצטנס. אָבער דאָך קען איך נישט פאַרשווייגן דיינע רמזים און האַלבע רמזים: „פאַראַן אַזעלכע”, „פאַרשידענע שטותים”... צו וואָס טויגן דיר די מליצות? מיר זענען דאָך דאָ סאַמע היימישע מענטשן, רעד קלאָרע דיבורים: פאַלי! נאָך אַלע „היומס”, ווידער אַ מאָל דאָס אַלטע לידל: פאַלי...

שלמה איז געזעסן מיט אַן איינגעזונקענעם קאָפּ און האָט גאָרנישט געענטפערט. מנשה האָט מיט גאַל פאַרגעזעצט:

— דו ווילסט מטהר זיין דעם שרץ בק"ן טעמים, אָבער דאָס וועט זיך דיר נישט איינגעבן. אויב דו האָסט אַ פאַרגעפיל, אַז עס וועט עפּעס טרעפן

אין דער פריסוטסטוויע, טאָרסטו נישט גיין אהין, ביסטו אַ מתחיב בנפשו, ווייל ווער קען נאָך אַזוי גוט פילן ווי דער חולה אַליין... דו מוזסט אוועקפאָרן למקום שאין מכירין אותו און דער אייבערשטער וועט ווייזן אַ דרך... אַ מענטש קען נישט אַלץ באַוואָרענען... השלך על ד' יהבך...

— ווי אַזוי זשע אָן אַ מיליטער־בילעט? והיה כל מוצאי יהרגני...

— בייס זיך אָפּ דעם צונג, שוטה דו... דער זעלבער גאָט וואָס היט אָפּ מיט אַ מיליטער־בילעט, וועט אויסהיטן אויך אָן אַ מיליטער־בילעט... מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן, מי שאמר לשמן וידלוק, יאמר לחומץ וידלוק...

— איר רעדט ווי אַ בטלן, מנשה... אויף אַזעלכע סברות זיך פאַרלאָזן האָט געקענט נאָר ר' חנינא בן דוסא, נישט קיין פּראָסטער חי וקים, ווי איך. גלאַט אַבי קלאַפּן מיט דער צונג... ביי מיר איז אַצינד: מחוץ תשכל חרב ובחדרים אימה —

— נו, ובכן? מוז מען טאַקע פון צוויי רעות אויסקלייבן די לייכטערע... אימה איז פאָרט נישט דאָס, וואָס חרב...

— איר דערציילט מיר דעם טעם פון „ובחדרים"? איך האָב שוין ברוך־השם געפּרוווט דאָס אויך... ווייס איך, ס'איז כמעט איינס און דאָס זעלבע... מלאך המות — מה לי הכא, מה לי התם?...

פרידמאַן האָט געוואָלט אַריינשטעלן אַ וואָרט, נאָר מנשה האָט זיך נישט געלאָזט איבערשלאָגן:

— דער „נועם־אלימלך" פרעגט אין אַן אָרט: „מיט וואָס פאַר אַ חוצפה שטעלט זיך אַ מענטש אַוועק זאָגן דעם בורא־עולם „ברוך אתה", אויב ער האָט ערשט נעכטן מורד געווען אין אים און געזינדיקט"? און ענטפערט דערויף: — „אַזוי ווי קודשא־בריך־הוא איז „מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", איז דער מענטש אויך אַ פריש באַשאַפענער. דער וואָס האָט נעכטן געזינדיקט, איז געווען איין מענטש און דער וואָס ווענדעט זיך היינט צום באַשעפער בלשון „אתה" איז גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָס איז דער סוד פון „אדם נידון בכל יום" און דעריבער האָבן מיר אָט די חוצפה כלפי שמיא"... איך קוק אויף דיר און שטוין: האָסט ערשט איבערגעלעבט גלות „מאַלאָ־וואַסילקאָווסקי", גלות מאָסקווע, גלות אַזיע, שוין געפאָרן מיט פּאַלין אויך און זי מיט גאָטס הילף פאַרלוירן אויפן וועג, וואָס נאָך? דאַכט זיך אַזוי פיל ביטערע פּרימאָרגנס דורכגעמאַכט און דעם „חידוש מעשה בראשית" איז אויף דיר נישט צו דערקענען, די זעלבע קליפּה רחמנא ליצלן, דער זעלבער בולמוס וואָס פאַר אַ יאָרן, וואָס פאַר דריי יאָרן, וואָס פאַר צען יאָרן, כ'בין ממש נבהל ונשתומם...

— אין אייער קשיא טאַקע ליגט דער תירוץ. וואָרום ווי קומט דאָס טאַקע? אטו בשופטני עסקינן? אלא וואָס דען, ס'איז אַ סימן, אַז ביי מיר מיט איר איז איין שורש־נשמה, דעריבער ציט אַזוי... בהדי כבשי דרחמנא למה לן?

— נו־נו, פאַרקערט! מיט אַזאַ שיטה קען מען דאָך אַרויסגעבן אַ

הכשר אויף די ערגסטע נבלות און ענטפערן: „שורש נשמה", „רחמנא לבא בעי"... דערויף האבן אונדז די חז"ל אנגעוויזן אויף א דרך הממוצע, „כדי שלא יהא כל אחד ואחד הולך ובונה במה לעצמו ושורף פרה־אדומה לעצמו"...

— און דאך קען מען נישט פאראלגעמיינערן די נטיות פון מענטשן און די עובדות זייערע...

— ניין, ניין, רעד מיר נישט איין, אין יענער נאכט אויף מאלא־וואסי־לאווסקאיא, ווען דיין דינה האט געבראכט דעם גרוס, ווי אזוי זי האט אויסגעשפירט דעם שפיאן, דאמאלסט האסטו גערעדט ווי א מענטש. עס האט זיך אנגערוקט א סכנה, האסטו פארגעסן אין פאלין און האסט נאר אין זינען געהאט, ווי אזוי מאכט מען די פליטה. איצט, איז מיט דיר גע־שען דער „אשר קרך בדרך" — ער האט דיך אפגעקילט אין וועג" און אונ־טער אזא געפערלעכער כמארע, וואס הענגט איבער דיין קאפ, ביסטו א „שב על קיאו" און רעדסט ווידער וועגן איר. איך וויל דיר נאר זאגן איין וואָרט, נישט מער ווי איין וואָרט, אָבער דו טראכט זיך גוט אריין אין אט דעם איינציקן וואָרט, ווי עס ווערט אויסגעטייטשט אין חסידות: „בא אל התבה — גיי אריין מיט אלע חושים אין דעם וואָרט אריין". געדענק, פאלי האט דיך פארראטן! אין אנדערע אומשטענדן, אז א מיידל אנטלויפט צוריק פון איר חתן — הייסט עס: אוועקגעוואָרפן. אָבער אין דיין לאגע הייסט עס א פארראט און דו —

— מנשה, זאלצט מיר נישט אויף די ווונדן... כשם שמצוה לומר... איך רעדט על אזן לא שומעת... ווען עס זאל זיך מיר געווען איינגעבן די פליטה אין מיטל־אזיע, וואלט געווען פארפאלן, ווי באלד אָבער נישט, האלט איך דאָס פאר אן אצבע־אלקים און האב פעסט באשלאסן: יעבור עלי מה, און קיעוו נישט פארלאזן... איי, מאסקאליענקא קען מיך דאך פאקן און אומגליקלעך מאכן, מילא איז א סימן, אז דער אייבערשטער הייסט אזוי וכאשר אבדתי אבדתי...

לאנגע מינוטן האט אין צימער געהערשט א שטיקנדיקע שטילקייט. שלמה האט צוגעגעבן שוין שטילער און מיט געבעט:

— בעט איך אייך טאקע, מנשה, נישט פארגעסן מכח יאנין...

מנשה דערוואכט ווי פון שלאף, שטעלט אן אויף אים די אויגן:

— איך וואלט געוואלט וויסן, וואס זאגסטו מיר אן, א צוואה, צי וואס?

— מען דארף נישט אזא אפיציעלן נאמען, נאר איך דארף דאך עמעצן אנזאגן... דעם טאטן — קען איך נישט... איך וויל אים נישט מצער זיין... איך זע, אז ער רעדט זיך איין פייגעלעך אין בוזעם... פאר וואס זאל איך אים קאליע מאכן זיינע אילוזיעס?

מיט בלוטנדיקע הערצער שיידן זיך פרידמאן מיט מנשהן פון שלמהן. און שלמה, פארקערט, פילט זיך רואיקער, מער צוגעגרייט צו אלעמען... עסט געשמאק, זאגט תהילים געשמאק...

קאפיטל XIX

אויף מארגן, באלד נאך נחמנס אוועקגיין, זענען צו שלמהן געקומען פרישע געסט: קלאדניצקי מיט אדלערן. מען רעדט, מען שמועסט פון אלץ, וואס פאלט איין אין קאפ.

שמעון דערמאנט זיך אין עפעס:

— שלמה, טרעף אומיסטן וועמען איך האב נעכטן געזען אויף קו־ריניאווקע?

— ווי אזוי קען איך טרעפן? מאלע וועמען דו קענסט באגעגענען.

— אט די צוויי יינגעלעך פון לאזאוואיא, וועלכע האבן דיך געמסרט.

— ווו זשע האסטו זיי געזען?

— נעכטן בין איך געפארן פון פושטשע־וואדיצע, איז אן ערך פון א קילאמעטער פאר קוריניאווקע האט כנהוג נישט געסטאיעט קיין שטראם און אלע זענען אוועק צו פוס אויף פאראל. איך אויך. איך גיי מיר אזוי פארביי דעם אינטערנאט־געפעאו — מן־הסתם געדענקסטו, אז לינקס פון דעם גלאז־זאוואד, ווייט־ווייט אין דער אליע, שטייט א ברוינע פיר־שטאקיקע מויער, דארט איז דאס. — זע איך, אין סקווער וואס דערנעבן שפילן זיך זייער פיל יינגעלעך, בלויז יינגעלעך מיט קורצע הייזעלעך, גרינע העמדעלעך און רויטע שניפסעלעך אויף די העלדזער. צווישן זיי האב איך באלד דערקענט די יינגעלעך, וואס האבן ביי אונדז געלערנט.

שלמה איז פארטראכט. א בלויער אדער אויפן לינקן שלייף פולסירט שטארק.

— וואס נעמסטו זיך צום הארצן פון זיי? מן־הסתם, אז זיי זענען אין אינטערנאט, פאסט זיי דארט צו זיין. בעסער וואלט זיי געווען דער רוח געקענט, איידער דו האסט זייערע טריפהנע פרצופים דערזען!

שלמה הערט נישט קיין איין ווארט פון קלאדניצקים רייד. זיין קאפ איז גאר ערגעץ אנדערש. ער פרעגט פארטראכט:

— וויפל איז געווען דער זייגער, ווען דו האסט זיי געזען?

— ארום האלב איינס, צי איינס. נאר צו וואס דארפסטו דאס וויסן?

— זיי האבן דיך אויך דערקענט, שמעון?

— מסתמא נישט. איך זיי — יא, אבער זיי — מיך? פון וואנען? טאמער האבן זיי מיך אויף זייער לעבן געזען געציילטע דריי מאל?

— און זייער נאטשאלניק דארט גיט אודאי אויף זיי אכטונג? דאס איז דאך עפעס א שטיקל מיליטער־שול, איא אזוי?

— איך האב נישט געזען, אז עמעצער זאל אויף זיי אכטונג געבן. עס איז אפילו ביי דער פאראדנע פון אינטערנאט געשטאנען עפעס אן עלטערער טשין אין א מונדיר פון געפעאו, נאר די קינדער האבן זיך געשפילט פריי. עטלעכע פון זיי האב איך גאר שפעטער באגעגנט אויף קוריניאווקער מערקל, קויפן קוקורוזע. נישט האבנדיק וואס צו טון, האב איך מיך צוגע־

קוקט צו זיי. אָבער כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, נאָך וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך?

— זאָגסטו, שמעון, אַז דיך האָבן זיי נישט דערקענט?

שמעון גיט פאַרוואונדערט אַ קוועטש מיט די אַקסלען און קוקט זיך איבער מיט אַדלערן.

— האָב איך דיר דאָך שוין געזאָגט, אַז ווייסן ווייס איך נישט, נאָר איך קלער, אַז ניין... טאָר מען, הייסט עס, נישט וויסן, צו וואָס איז דער גאַנצער שמועס?

— פאַר וואָס טאָר מען נישט? אדרבה, איר בײדע דאַרפט מיר עפּעס טון. אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען אַ שטיקל טובה דערפון.

— מיטן גרעסטן כבוד! הלוואי קענען מיר נאָר עפּעס אויפטון.

— איר זאָלט גאָר נישט קענען? אַדלערם מיינע! אויף אייך פאַרלאָז איך מיך. אין עטלעכע שעה אַרום דאַרפט איר מיר אומבאַדינגט צושטעלן אַהערצו אָט די צוויי לאַזאָוואַיער יינגעלעך. וואַרט, וואַרט, שלאָגט נישט איבער! אַלצדינג וואָס איר ווילט מיר זאָגן און וואָס איך קען איינפאַלן, ווייס איך אַליין. שווייגט, הערט אויס און פאָלגט...

— גוט, מיר וועלן נישט איבערשלאָגן. זאָג וואָס דאַרפן מיר טון?

— אָט אַזוי זענט איר ווילע קינדער, אַזוי האָב איך אייך ליב. הערט־זשע אויס מיט קאָפּ: איר גייט שוין אַרויף אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ, דינגט אַ טאַקסי אויף אַ שעה אָדער אויף צוויי. וויפל מען וועט וועלן, זאָלט איר גלייך געבן. אָט דאָ האָט איר הונדערט רובל, וועט אייך שוין סטאַיען.

— שלמה ווי איז דיר קיין בזיון נישט, רעדן פון אַזעלכע נאַרישקייטן?

אין שלמהן וואַכט אויף דער געוועזענער נאַטשאַלניק, דער באַפעלנדי־קער. ער גיט אויף זיי אַ טופּע מיט דעם פוס:

— נישט וואַגן איבערשלאָגן! מען גיט אייך — נעמט! איצט הערט ווייטער.

שלמה פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע און זאָגט שטיל:

— איר זעצט זיך אַריין אין טאַקסי און פאָרט צו צו דעם אינדוסטרי־עלן אינסטיטוט אויף שוליאַווקע. איר ווייסט, ווו דאָס איז?

— וואָס דערציילסטו אונדז, ווו דער אינסטיטוט געפינט זיך? מיר זענען נעבעכטיקע, צי וואָס?

— ...דאָרט אין קאַנצעלאַריע ווערט איר געוווּיר, אין וועלכן צימער עס לערנט אַצינד מיין דינה און רופט זי אַרויס אין מיטן דער לעקציע. דאַן נעמט איר זי מיט מיט זיך און אין דרייען פאָרט איר צו צום גלאַז־זאַוואָד. נחום בלייבט אַליין מיטן שאָפער, ערגעץ נאָענט לעבן סקווערִיק און דו שמעון מיט דינהן דאַרפט אויסשפּירן אַ מאָמענט, ווען דאָס עלטערע ייִנ־געלע געפינט זיך ווייט פון זיינע חברים און קיינער פון די אויפזעער שטייט נישט דערביי. דאַמאָלסט דאַרפט איר צוגיין צו אים. טאָמער פּונקט שטייען די ברידערלעך צוזאַמען, איז נאָך בעסער. דינהן געדענקען זיי זיכער, זיי האָבן געוווינט ביי אונדז אַ שטיקל צייט און דינה דאַרף זיי זאָגן כהאי

לישנא: — „מיין שלמה האָט אייך זייער געבעטן, איר זאָלט שוין טאַקע צו־פאָרן זיך מיט אים זען. ער האָט צוגעשיקט נאָך אייך אַ מאַשין און וואַרט אויף אייך". אָט די ווערטער, מער גאָרנישט. טאָמער וועלן זיי פּרווון אָפּ־לייגן אויף פּאַרנאַכט, נאָך אַלע לימודים, אָדער זיי וועלן וועלן אַריינלויפן צו זיך, כדי זיך איבערטון, זאָלט איר באַלד מאַכן די פּליטה מיט דער מאַ־שין. אין דעם פאַל פאַלט אַ חשד אויף זיי, אַז זיי קענען מיך אויסגעבן. איר זאָלט נישט אָפּטרעטן פון זיי, נאָר זיי זאָלן שוין פאָרן מיט אייך אַזוי, ווי זיי שטייען און גייען. איר דאַרפט זיי אָנווייזן די מאַשין, זאָלן זיי זיך אַליין אַריינזעצן, אין אַ מינוט שפּעטער — איר אויך און הייסן דעם שאָפער אַרויספאָרן עטלעכע גאַסן העכער פון דאַנען, — דאָס איז שוין צוליב דעם, אַז דער שאָפער זאָל נישט וויסן, אין וועלכער שטוב ער האָט געבראַכט זיינע פּאַרשוינען, — און נאָך דעם זאָלט איר זיך אומקערן אַהער מיט זיי. אָט דאָס איז אַלץ. גייט און קומט, איך האָף צו גאָט, אַז זיי וועלן מיט אייך פאָרן.

— שלמה, און אויב זיי וועלן אין גאַנצן היינט נישט זיין אין גערטנדל?

— שיק איך אייך נישט זיי זוכן אין אינטערנאַט! נאָר איך רעכן, אַז זיי מוזן יאָ זיין. אין אַ מיליטערישער שול, אפילו אין אַ קינדערשער מוז דאָך זיין אַ שטרענגע דיסציפּלין. קוים זענען זיי נעכטן פון צוועלף ביז איינס געווען אין גערטנדל, איז ביי זיי זיכער אַזאַ סדר־היום, מוזן זיי היינט אויך זיין און מאָרגן אויך און איבערמאָרגן אויך. חברה, נישט געשטאַנען! איר האָט פיל אַרבעט און די צייט איז קורץ. געגאַנגען זאָל ווערן!

אַדלער גיט זיך אַ קראַץ אין דער פּאַטיליצע:

— אַ שווע—ער שטיקל אַרבעט...

שלמהס פּנים איז נישט צו דערקענען. עס אָטעמט מיט ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט:

— זשאַבאָטינסקי האָט אַ מאָל געזאָגט: „שווער — הייסט מעגלעך". מאַכט נישט קיין שהיות און פּילט אויס, וואָס מען באַפעלט אייך, גייט און זייט מצליח...

און אין אַ מינוט אַרום, מיט פּאַרדרום:

— איי, חברה, ערשט איצט פיל איך מה גדולים דברי חכמים! ווי ריכטיק האָבן זיי געזאָגט, אַז שלוחו של אדם — כמותו; אַז מען דאַרף עפּעס טון מיט פרעמדע הענט, איז ביטער ווי דער טויט... אָן עס, גע־גאַנגען זאָל ווערן! מיטן רעכטן פוס!

פאַרשלאָסן נאָך זיי די טיר, האָט שלמה אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און אַרויסגעקרעכצט:

— טייערער פאָטער אין הימל, זיי מצליח זייער וועג און מיין פּלאַן — אויך!

ער האָט געמאָסטן דאָס צימער אין דער לענג און אין דער ברייט.

שעהן זענען געלאָפן. די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן פונעם ביימל, וואָס אין הויף און פארפלייצט דעם גאַנצן ארום. שלמה האָט גאָרנישט באַמערקט, ער איז נאָר ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב און האָט געטראַכט. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווען עטלעכע מענטשן זענען אַריינגעקומען אין הויף אַריין און זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַניק.

א קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. ער האָט געוואָרפן אַ קוק דורכן פענצטער, וואָס גייט ארוים אויפן גאַניקל און איז אַזש דערציטערט געוואָרן פאַר פרייד: דאָרט זענען געשטאַנען: דינה, שמעון, נחום אדלער און צווישן זיי, מיט בלאַסע פנימלעך,ביידע לאָזאָוואַיער יינגעלעך אין מיליטערישע אַנצוגלעך, מיט קאָמסאָמאָלסקע שטערנדלעך אויף די רויטע שניפּסעלעך. שלמה האָט אויפגעשלאָסן. אַלע זענען אַריינגעקומען. די יינגעלעך, דערזעענדיק שלמהן, האָבן זיך מיט געוויין אַ וואָרף געטון צו אים:

— ר׳ שלמה... אוי, ר׳ שלמה... גוטער ר׳ שלמה!...

קאפיטל XX

זיי האָבן געוויינט מיט אמתע טרערן, געקושט אים די הענט. שלמה האָט זיך אַ ביסל איינגעהאַלטן און דערנאָך זיי אויך אַ קוש געטון.

— אוי, ר׳ שלמה... דאַנקען גאָט! דאַנקען גאָט, וואָס איר לעבט און וואָס יענער רוצח האָט אייך טאַקע נישט געפּאַקט... אוי, אַ גרויסער דאַנקען גאָט.

שלמה וואונדעט זיך מיט אַ שמייכל צום עלטערן:

— כאָטש איך האָב דיך אַ קוש געטון, נאָר פון דעסט וועגן בין איך נאָך נישט זיכער, אַז נישט דו ביסט מיין מלאך־המות.

— ווער, איך? איך אייער מלאך־המות? מאַמע מיינע!...

דאָס קינד איז אַנידערגעפאַלן אויף דעם ברעג פונעם באַנקבעטל מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. שלמה איז צוגעגאַנגען, אים אַ גלעט געטון איבערן קעפּל:

— דאַרפסט נישט אַזוי וויינען, איך בין דאָך נישט קיין נביא. מען האָט מיר דערציילט, אַז איר ביידע האָט געבראַכט די געפּעאו צו מיר אין שטוב אַריין, האָב איך געגלייבט. אפשר וועט איר דערציילן, אַז עס איז נישט אַזוי, וועל איך זען, אפשר זענט איר גאָר גערעכט. דערציילט אַלץ פון אָנהייב, נאָר נישט צוזאַמען: ווער איז אָט דער פידלער, וואָס איר האָט אים מיטגענומען מיט זיך צום טאַטן אין שטוב אַריין, בשעת די געפּעאו איז געווען?

ביידע יינגלעך האָבן זיך איבערגעקוקט און פאַרוואונדערט געפרעגט:

— וועלכער פידלער? עס איז דאַמאָלסט נישט געווען קיין שום פידלער.

דינה האָט זיך אַריינגעמישט:

— נישט קיין פידלער, נאָר דער מיט דער קעפּי, מיט די גראָבע ליפּן.

— אַ־הא, זאַכאַר?

— יאָ, יאָ, זאַכאַר.

— הערסט, דאָס איז ער דאָך דער גאַנצער רוצח, ימח שמו וזכרו...

— ווער זשע איז ער, אָט דער זאַכאַר?

— דאָס איז דאָך דער מאַמעס קוזין, אַזאַ הונט!...

— אַז ער איז אַ הונט, דאָס ווייס איך אַליין. נאָר איר זאָגט מיר, ווי אַזוי האָט ער געוווסט, אַז איר זענט דאָ אין קיעוו?

— וואָס הייסט: ווי אַזוי? דער טאַטע האָט דאָך אים געשריבן!

— מיין אַדרעס אויך?

— אוודאי אייער אַדרעס אויך, נאָר ער האָט אַלץ פאַרלוירן...

— וואָס הייסט: פאַרלוירן?

— אָט דאָס הייסט פאַרלוירן: דעם גאַנצן בריוו פאַרלוירן...

— ווי אַזוי זשע האָט ער אייך פון דעסט וועגן געפונען?

— דערקענט, פשוט דערקענט, באָדנדיק זיך ביים דניעפּר.

— ווי אַזוי זשע איז דאָס געווען? דערציייל אַלץ פּאַוואָלינקע. ערגער זיך נישט, זעץ זיך אַנידער, איר אויך חברים, שפּאַרט זיך צו.

— מיר זענען נאָכן לערנען געגאַנגען זיך באָדן. הלואי וואָלטן מיר דעם טאָג נישט געווען געגאַנגען! דער רוח האָט אונדז געטראָגן...

— נו, נו, דערציילט, דערציילט... וואָס זשע איז געווען, אַז איר זענט זיך געגאַנגען באָדן?

— האָבן מיר געהאַלטן אין מיטן אָנטון זיך, קומט ער אָן און דער־קענט אונדז. ער איז אַמאָל געווען ביי אונדז צו גאַסט אין לאָזאָוואַיאַ. ער האָט אונדז געפרעגט, וואָס מיר טוען, ווי אַזוי מיר פילן זיך, צי דער רבי שלאָגט אונדז נישט... צי מען לערנט גוט...

— ווי קומט ער אייך דאָס אַלץ פרעגן?

— איר הערט דאָך, ער האָט זיין יינגל אויך געוואָלט געבן לערנען צו אייך אין חדר...

— אַזוי גאָר?

— אודאי, אַזוי האָט ער אונדז געזאָגט. ווייטער האָט ער אונדז גע־זאָגט, אַז ער קען אייך גוט, נאָר ער איז אַ ביסל צעקריגט מיט אייך...

— מיט מיר צעקריגט? ווער זשע קען דאָס זיין?

— אָבער עס איז דאָך גאָלע ליגן! שקר וכזב! איר הערט דאָך, ער האָט דאָך גאָר קיין יינגל נישט... נאָר מיידלעך... און האָט אפילו נישט געוווּסט, וווּ איר וווינט. ר' שלמה, איר האָט אַ מאָל געוווינט אויף פּאָדאָל? אַ מאָל... אַ מאָל...

— אויף פּאָדאָל? נ־ניין! דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע...

— הם, זעט איר? קיין איין אמתדיק וואָרט איז נישטאָ ביי אים. און ער האָט געזאָגט, אַז איר האָט אַ מאָל געוווינט אויף פּאָדאָל... נאָר וואָס דאַרף מען רעדן? ער האָט דאָך אייך אפילו נישט דערקענט אויף דער פאָ־טאָגראַפיע.

— נו, נו, וואָס זשע איז געווען ווייטער?...

— ווייטער? ווייטער האָט ער געוואָלט נאָר איבערשמועסן מיט אייך אַליין וועגן זיין יינגל און גענומען אונדז אויף זיין אייגענער מאַשין, נאָר עס איז געווען אַ ליגן...

— וואָס איז געווען אַ ליגן?

— פון דער מאַשין איז געווען אַ ליגן. עס איז נישט געווען זיין איי־גענע. ווייל דעם פאַרטאָג, נאָך דעם ווי מען האָט אייך נישט געפּאַקט און דעם חדר נישט געפּאַקט, זענען מיר אין דרייען געגאַנגען אויף פּאָדאָל צו פוס, אַז עס איז אַזש געגאַנגען אַ רויך און אין דער מאַשין זענען גאָר אוועקגעפאָרן סאָלדאַטן.

— זענט איר, הייסט עס, נאָך יענער נאַכט אוועקגעגאַנגען מיט אים אהיים?

— נו, אודאי! דער נאַטשאַלניק, וואָס איז דאַמאָלסט געווען ביי אייך

אין שטוב, האט אים אנגעזאגט, ער זאל אויף אונדז אכטונג געבן, אויב נישט, וועט ער אים דעם קאפ אראפנעמען...

— איז ווי זשע קומט איר גאר אין אינטערנאט ?

— ס'א משל, דאס איז שוין געווען נאך דעם.

— נאך וואס ?

— נאך דעם, ווי מען האט אים טאקע ארויסגעווארפן פון דער דירה און ער איז געווארן א דווארניק אויף קירילאווסקע־גאס און זיי האבן שוין נאר געהאט א קליין צימערל...

— וואס זשע איז דאמאלסט געווען ?

— איז ער אוועקגעפארן צו יענעם נאטשאלניק און האט געפרעגט ביי אים, וואס זאל ער טון מיט אונדז, ער האט אונדז נישט ווו צו האלטן... ערשט דאמאלסט האט מען אונדז אריינגענומען אין דער מיליטערישער שול פון דער געפעאו... מיר האבן אפילו בעסער געוואלט אוועקפארן אהיים, נאר ערשטנס, האבן מיר דאך געוווסט, אז דעם טאטנס ווייב וויל אונדז נישט אנקוקן, צווייטנס האט דער פעטער זאכאר געזאגט, אז טאמער אנטלויפן מיר ערגעץ, וועט מען אונדז כאפן און שיסן... נאר מסתמא איז דאס אויך א ליגן, אזוי ווי אלץ, וואס ער רעדט.

— נו, און אין שול איז א שטרענגע דיסציפלין, קינדער ?

— יא, זייער, זייער א שטרענגע. אן א דערלויבעניש טאר מען זיך נישט רירן פון דאנען אהין...

— ווי אזוי זשע זענט איר איצט געקומען ?

די ברידערלעך לאזן אראפ די קעפ. דער עלטערער זאגט שעמעוודיק :

— מען וועט אונדז טאקע אודאי באשטראפן פאר אונדזער אוועקגיין אומגעפרעגט, נאר אז מיר האבן דערהערט, אז איר רופט אונדז, זענען מיר גרייט געווען אפילו אין פייער צו לויפן פאר אייך. אוי, ר' שלמה, ווען איר ווייסט, וויפל מיר האבן געוויינט פאר אט דעם רוצח, דעם זא־כארן, ער זאל גיין אין געפעאו און זאגן, אז עס איז אלץ א ליגן, מיר האבן אלץ אויסגעטראכט. אבער ער האט געלאכט פון אונדז... געזאגט, אז ער מוז אייך נאך פאקן און מיט זיינע אייגענע הענט דערווארגן. איבער אייך, זאגט ער, פארלירט ער זיין שטעלע און זיין דירה. איר מאכט אים אומ־גליקלעך. איר זענט א מענטש אן יושר און ער מוז זיך אין אייך נוקם זיין...

שלמה גיט א שמייכל :

— וואס אמת איז אמת, קיין יושר האב איך טאקע אין זיך נישט. ער איז זיך זיינע פיס אפגעגאנגען צו מיר און קיין פרוטה נישט פארדינט. יא, זאגט מיר, קינדער, דער זעלביקער זאכאר באזוכט אייך אפט, צי נישט זייער אפט ?

— ווי לאנג קרענקט ער, צי ער קען אונדז שוין באזוכן.

— אזוי שטרענג איז אין אינטערנאט, אז מען לאזט אפילו קיין קרוב נישט אריין ?

— נישט דערפאַר! וואָס רעדט איר? נאָר ער איז שוין דען דאָ אין קיעוו?

— וואָס הייסט? וווהין דען איז ער אהינגעקומען?

— איר ווייסט גאָרנישט פון דער גאַנצער מעשה? עס איז דאָך געווען אין גאַזעט...

— איך האָב נישט געלייענט און איך ווייס נישט...

— אַזוי גאָר? וועל איך אייך דערציילן... דאָס הייסט, ווייסן ווייס איך אויך נישט אַלץ. איך בין געזעסן ביי זיי אין שטוב בעת ליזע, זיין ווייב, דווקא אַ לייטישע, האָט געוויינט און דערציילט פאַר אַ שכנטע, פאַר וואָס מען האָט איר מאַן געגעבן זיבן יאָר און אַרויסגעשיקט אויפן ווייטן צפון... נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, נישט אַלץ האָב איך געקענט הערן, ווייל איך האָב פונקט געהאַלטן איר קליין מיידעלע אויף דער האַנט, נאָר אָט דאָס געדענק איך: עפּעס אויף קאָראָלענקאָ האָט זאַכאַר געהאַט איינע אַ קלאַרא, איך האָב פונקט דורכגעלאָזט און נישט געהערט, וואָס זי געהערט אים אָן, נאָר זי איז אַ סטודענטקע, דאַכט זיך. האָט ער, זאַכאַר, געטראָפן ביי איר עפּעס איינעם אַראָן, זיינעם אַ מיטאַרבעטער און מען האָט זיך אָנגעהויבן אַמפּערן. ווייזט אויס, אַז זאַכאַר קען אים פאַר אַ גנב, אַזוי פאַרשטיי איך, און האָט נאָר געוואָלט, אַז אַראָן זאָל אַרויס פון דער שטוב. האָט אָבער דער אַראָן אויך געוואָלט דאָס זעלבע, אַז זאַכאַר זאָל אַרויסגיין. בקיצור, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און זאַכאַר האָט מיט אַ מעסער דערלאַנגט אָט דעם אַראָנען אין פּלייצע... מען איז זיך צונויפגעלאָפן, אַראָ־נען האָט מען אַ האַלב־טויטן אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל און זאַכאַר איז געשטאַנען פאַרן געריכט. מען האָט אים געגעבן זיבן יאָר און אָפּגעשיקט ערשט מיט אַ וואָכן דריי, פיר צוריק... ווי קומט עס, אַז אַזאַ שיינע מעשה זאָלט איר נישט לייענען אין ציימונג?

— מילא, כאַפּט אים דער רוח, דעם זאַכאַרן —

Собаке — собачья смерть! *

כן יאבדו!... וואָס פאַר אַ געשעפטן האָבן מיר מיט אים? לאָמיר בעסער רעדן פון אונדזערע זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב געשיקט רופן איצט אהערצו.

די ייִנגעלעך ווערן ערנסט, זענען גרייט הערן שלמהן מיט אַלע חושים. אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדעט אויף אים. שלמה ווישט זיך אָפּ דעם שטערן, גיט אַ לייכטן זיפץ און ווענדעט זיך צו די ברידערלעך:

— איר האָט דאָ דערציילט, אַז זאַכאַר האָט אייך געדראָט מיט שיסן. דאָס פאַרשטייט יעדער, אַז ער איז סתם אַ פּראָוואָקאַטאָר, קיין קינדער שיסט מען בכלל נישט און פאַר אָוועקפאָרן אָן אַ דערלויבעניש שיסט מען קיין גרויסע אויך נישט... דאָס איז גלאַט געזעדט אין דער וועלט אריין! אָבער מיר, קינדערלעך, דראָט באמת אַ גרויס געפאַר... גאָר־גאָר אַ גרויס

* אַ הונט — קומט אַ הינטישער טויט!

געפאַר און איר בײדע קענט מיר אַ ביסל העלפן. נישט אין גאַנצן, פאַר־שטייט זיך, נאָר גוט איז אַ ביסל...

— זאָגט, ר׳ שלמה, זאָגט, קיין זאַך וועט פאַר אונדז נישט זיין צו שווער...

— יאָ, איך האָב אין זינען געהאַט אייך פרעגן, קינדערלעך: אין אינ־טערנאַט, בעת מען האָט אייך אַריינגענומען האָט מען אודאי אויסגעפילט אַן אַנקעטע?

— נישט איינע, נאָר דריי.

— אין דריי עקזעמפּלאַרן, ווילסטו זאָגן. דאָרטן האָט מען מן־הסתם פאַרשריבן אייער לאַזאָוואַיער אַדרעס אויך? איאָ אַזוי?

— אַלץ, אַלץ... אפשר הונדערט שורות...

— כ׳האָב אַזוי פאַרשטאַנען, נאָר דאָס האָט נישט צו דעם. יאָ, זאָגט מיר, אין לאַזאָוואַיאַ האָט איר אַן אייגענע דירה, צי ניין?

— ווער האָט אַן אייגענע? מיר ווינען אין אַ געדונגענער און צאָלן פּערציק רובל אַ חודש. איר זענט דאָך געווען ביי אונדז, איר געדענקט יענעם הויכן גוי, וואָס ווינט אויף דער צווייטער האַלב? — דאָס איז דער בעל־הבית.

— איך געדענק, איך געדענק, ווי אַזוי דען? נאָר דאָס זענען אַלץ זייַ־טיקע פראַגן. דער עיקר איז אָט וואָס, קינדערלעך: אויב איר ווילט מיר באמת נוצלעך זיין, דאַרפט איר אַוועקפאָרן פון קיעוו... אפילו זיך נישט אומקערן אין אינטערנאַט נאָך אייערע זאַכן. פאַר אַלץ, וואָס איר האָט דאָרט, וועל איך אייך אומקערן. מיט אייך קיין לאַזאָוואַיאַ וועלן מיטפאָרן צוויי יידן. דאָרט וועלן זיי פועלן ביי אייער טאַטן, ער זאָל מיט דער גאַנצער משפחה און מיט אייך אויך, ערגעץ אַוועקפאָרן, אַז עס זאָל אפילו קיינער נישט וויסן וווהין. אַז דאָס אַלץ וועט זיין אָפּגעטון, קען מיר דערפון אַ מאָל אַרויסקומען אַ טובה... אייער מאַמע, גלייבט איר, אַז זי לעבט אין גן־עדן? איז אָט קוקט זי אַצינד אויף אייך פון הימל, און וואַרט, אַז איר זאָלט ענטפערן „יאָ״ אויף מיין ביטע און נאָך דעם פאָטער אייערן אויך צורעדן אויף אַוועקצופאָרן.

— ר׳ שלמה, מיר האָבן אפילו נישט וואָס צו קלערן. אויב איר פאַר־שטייט, אַז אַזוי דאַרף מען, טוען מיר אַזוי. נאָר מיט מיין טאַטנס ווייב וועט איר האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט... זי וועט נישט וועלן פאָרן...

— דאָס איז שוין מיין זאָרג, נישט אייערע. עס וועלן פאָרן אַזעלכע צוויי מענטשן, וואָס וועלן זי אויך איבעררעדן. איז אָפּגערעדט, חברה, בלייבט איר דאָ און פאָרט היינט? האָ?

— וואָס פאַר אייך איז בעסער, דאָס וועלן מיר טון. פאָרן — איז פאָרן!

— קומט זשע אַהער, וועל איך אייך געבן אַ קוש אין אייערע פאַר־שייטע פּיסקעס. איך האָב אייך שטענדיק געהאַלטן פאַר ערלעכע קינדער... נישט געגלייבט, אַז איר זאָלט מיך גאָר וועלן באַגראָבן...

— ר׳ שלמה, וואָס רעדט איר? וואָס האָט איר אונדז דען געטון שלעכטס?

— נו, געננוג, געננוג! דינה, דערלאַנג זיי צום טיש עסן, אָט דאָרטן אויפן קאָמאָד שטייט אַלץ. נחום! נעם אַראָפּ אַ מאָס די חברה און פון אונטער דער ערד זאָלסטו ביז נאַכט קריגן אַ פּאָר אַנצוגלעך, פּאַלטנדלעך, היטעלעך און אַלע איבעריקע זאַכן ווי: שיכעלעך, העמדעלעך און נאָ־שערייען אויפן וועג. מעגסט קויפן אין דער צווייטער האַנט, נישטאָ היינט ווען צו זוכן לאַנג. דאָ האָסטו טויזנט רובל, עס וועט זיכער סטאַיען. צען אַ זייגער איז דאָ אַ צוג אויף ראָסטאָוו, דאַרפסטו זיין דאָ מיט דעם אַלע־מען ביז ניין. נו, שטיי נישט, מאַרש! שמעון, גיי שיק מיר צו ר׳ אברהם פייגנבוים און מיין זיידן. אהין מוזן פאָרן עלטערע, בכבודיקע און קלוגע מענטשן. זיי ביידע האָב איך אָנגעמערקט אויף צו שיקן מיט דער מיסיע. ווייטער, נעם ערגעץ אין אַ שערעריי אַ ביסל פּודער, אַ ביסל סאַזשע, פאַר־שטייסט? פאַר די יינגלעך, צום אָפּפאָרן, וועט נישט שאַטן... וואָס ווייני־קער זיי וועלן זיין ענלעך אויף זיך, איז געזונטער. ווייטער, דאַרפסטו באַלד באַזאָרגן בילעטן אויף דעם צען־אַזייגערדיקן צוג ביז לאָזאָוואַיאַ. גיי און שיק מיר שוין דעם זיידן מיט ר׳ אברהמען. דו זאָג זיי נישט, צו וואָס איך דאַרף זיי, איך האָב געבעטן גלייך צוקומען און שוין! נו, יונגע פריינט מיינע, ווו האַלט איר אין חומש? אָט ליגט אַ חומש, מישט אויף און זאָגט... עלעהיי איר האָט אייער זאַכאַרן גאָרנישט באַגעגנט און עס איז גאָרנישט געשען... נו:

— וידבר — און ער האָט גערעדט, משה — משה, אל — צו, בני־ישראל — די יידן, לאמר — אַזוי צו זאָגן...

איילנדיק זיך צום טראַמוויי, זאָגט אַדלער קלאַדניצקען:

— הערסטו, צרות איז צרות און שלמה איז שלמה. ער איז נאָך איצט אויך אַ מאַכער פון גרויסער פּאָליטיק. דו האָסט געהערט דיבורים?

— שוטה! אדרבה ואדרבה. וכאשר יענו אותו, כן ירבה... ערשט צרות שאַרפן אויס...

קאפיטל XXI

ווען דער זיידע מיט ר׳ אברהמען זענען געקומען, האָט זיי שלמה גע־בעטן אים אויסהערן אויפמערקזאַם און געזאָגט קורץ:

— איר פאַרשטייט אליין, אַז איך האָב נישט גרינג באַשלאָסן ביי זיך מטריח צו זיין אַזעלכע עלטערע יידן ווי איר און איך וואָלט דערויף זיכער נישט איינגעגאַנגען, ווען נישט דאָס, וואָס איך טראַכט, אַז דאָס קען אפשר מאַכן אַ גרויסן רושם... איצט איז אַזוי די זאַך: אין וואָס באַשטייט אייער אויפגאַבע? איך פיל, אַז פאַר מיר איז פיל געזונטער, אַז די וויינערס, איך מיין די ייִנגלעך מיט זייער פאָטער, מיט זיין גאַנצער משפחה זאָלן פאַר־שווינדן פאַר דער גאַנצער וועלט. די ייִנגלעך ווען אייך העלפן דאָס פועלן ביים פאָטער און דאָס איבעריקע דאַרף פועלן דער רובל... איך גיב אייך מיט אַ גרויסע סומע געלט. ער דאַרף אַוועקפאָרן, נישט אויסשרייבנדיק זיך אין דער מיליץ, נישט זאָגנדיק קיינעם פון זיינע באַקאַנטע און פריינט, אַז ער פאָרט און וואוהין ער פאָרט. די גאַנצע ליקווידאַציע פון זיינע נכסים קען מען מאַכן פאַר אַ פּאָר טעג. קיין אייגענע דירה האָט ער נישט. פאָרן מעג ער — אויף אוראַל, צי אויף קאַווקאַז, קיין אַזיע אָדער קיין סיביר. מיר איז קיין שום נפקא מינה נישט, נאָר פון לאָזאָוואַיאַ דאַרף ער אָפּשטאַרבן... איר דאַרפט אויף אים ווירקן מאָראַליש: אַ מענטש איז אומגליקלעך גע־וואָרן איבער זיינע קינדער און מען דאַרף אים ראַטעווען, און אַזוי ווייטער און ווייטער... מען דאַרף אייך נישט לערנען. זיין ווייב דאַרף די סיבה פונעם אָפּפאָרן נישט ווייסן, נאָר דעם כח פונעם געלט. איר דאַרפט נישט צוריקפאָרן אַהיים, ביז איר וועט אים מיט דער פאַמיליע נישט זען אין צוג. דאָס איז נישט פון די זאַכן, וואָס מ׳קען אויסבאָרגן אויפן וואָרט... אָט דאָס איז אַלץ. איצט איז פינף אַ זייגער. אייער צוג גייט אָפּ צען מיט מי־נוטן, דאַרפט איר דאָ זיין זייגער ניין, ווייל איך וויל נישט, אַז איר מיט די ייִנגלעך זאָלט זיך זעצן פון דער פּלאַטפאָרמע גלייך מיט אַלע. פאָרט קינדער פון אַ מיליטער־שול פון געפּעאו! כאָטש זיי וועלן זיין אַ ביסל גע־ענדערט... עס וועט זיי זיין שווער צו דערקענען, נאָר פון דעסט וועגן וועט מיין דינה, נחום און שמעון אייך דורכפירן הינטן אַרומער, דאָרט איז דאָ אַ לאָך אין פּלויט, וועט איר מיט די בילעטן צוגיין די ערשטע גלייך צום צוג, איידער מען הייבט אָן אַריינלאָזן די פּאַסאַזשירן פון די וואַרטע־זאַלן. און ס׳איז גלייכער נישט צוזאַמען. דער זיידע וועט גיין מיטן ייִנגערן און, אין פינף מינוט אַרום, איר, ר׳ אברהם, מיטן עלטערן... פאַרטאָג, ווען איר וועט שוין זיין הינטער כאַרקאָוו, דאַרף מען די קינדער אָפּוואַשן די פאַרב פון די פּנימער. ביי נאַכט וועט דאָס קיינער נישט באַמערקן, אָבער אין דער פרי קען זיך דאָס וואַרפן אין די אויגן. פאָרזיכטיקייט איז דאָס ערשטע. שוין! אָט דאָס איז דאָס. איך וועל אייך נישט דאַנקען, נאָר אַ מצוה איז דאָס זיכער אַ גרויסע, וואָס איז דאָ צו רעדן? אַ שטיק פדיון שבויים...

אַ פּערטל אויף צען איז די גאַנצע דעלעגאַציע געשטאַנען ביי דער טיר גרייט צום גיין. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן. די צוויי אַלטע לייט זענען געווען אין גומענע מאַנטלען מיט קאַפּטערס איבער די קעפּ. די יינגע־לעך, אין די נייע מלבושימלעך מיט אָנגעמאַלטע פּנימלעך, איז נישט געווען צו דערקענען. באַגלייטן צום צוג זענען חוץ די דערמאָנטע געקומען אויך טאַני, ניסן פייגנבוים און יוסף גאַרדאָן.

עלף אַ זייגער, ווען ביי נחמנען זענען שוין אַלע געלעגן אין די בעטן, איז אפרים־אהרון געקומען זאָגן שלמהן, אַז זיי זענען בשלום אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיי אַלע באַגלייט.

דער רעגן האָט געדויערט צוויי מעת־לעת. קיינער איז נאָך אַזוי פרי נישט געווען צוגעגרייט צו אים. אַזאַ פריער הארבסט האָט אָנגעיאָגט אַן אומעט. נחמן מיטן ווייב האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון אין קלייטל און זענען געווען גאַנצע טעג אין דער היים. צו שלמהן פלעגט זעלטן ווען אַ מאָל עמעצער קומען צו גיין. טאַקע ער אַליין האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער גיין צו אים. עס זענען אַוועק דריי טעג, פינף טעג און דער זעקסטער און פון לאַזאָוואַיאַ האָט זיך נאָך אַלץ קיינער פון זיינע שליחים נישט אומגעקערט. ערשט אויפן דריטן טאָג סליחות זענען זיי גע־קומען גאַנץ אויפגעלייגטע. זיי האָבן מצליח געווען. וואָס מען האָט נאָר געוואָלט, האָט מען אויסגעפירט.

— דו פאַרשטייסט אַ מעשה? — האָט דערציילט דער זיידע — ווי אַזוי שטייט דאָרטן ביי יעקבן? „ויִלך חרנה״ — זאָגט דער אור־החיים הקדוש: „חרן איז אים געגאַנגען אַקעגן״. ביי אונדז איז אויך אַזוי געווען. מיר קומען מיט די יינגלעך אַהיים, אַהאַ! עס איז גאָר אַ לעבעדיקע וועלט. פונעם פּאַטערס שידוך איז גאָרנישט געוואָרן. יענע קליפּה האָט פריער נישט געוואָלט די קינדער, שפּעטער האָט זי זיך באַקלערט, אַז זי וויל אים אַליין שוין אויך נישט. דער פּאַטער ווערט אויסגעריסן צוליב אַ רובל פּר־נסה און דאָס קליינע מיידעלע נעבעך בלייבט גאַנצע טעג אַליין אין שטוב. האָט ער אַ מומע, שוין אַן עלטערע יידענע, אַזש אין אָמסק, ערגעץ הינטער די הרי־חושך. האָט זי אים שוין וויפל מאָל געשריבן, אַז ער זאָל איבער־פאָרן אַהין. זי האָט אַ גרויס אייגן הויז און פּרנסה וועט ער דאָרט האָבן איבערן מויל. איז אַ גאַנצן זומער האָט ער אַלץ געדעכנט, טאָמער וועט עפּעס ווערן פון דעם שידוך, נאָר די לעצטע פּאָר וואָכן האָט ער זיך שוין מייאש געווען און געוואָלט פאָרן נאָך די יינגלעך קיין קיעוו און צוזאַמען זאָלן זיי אַוועקפאָרן קיין אָמסק. הײנט אַז מיר האָבן אים נאָך דערציילט די גאַנצע מעשה, האָט ער זיך גאָר אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, אַזש געוויינט. שטעל דיר פאָר, ער איז דווקא אַ פּראָסטער, נאָר אַ גאַנץ ווילער יונגער־מאַן... אין עטלעכע טעג האָט ער געמאַכט אַ טאָלק מיט אַלע זיינע זאַכן, אָבער פון דעסט וועגן האָבן מיר אים געגעבן צוויי טויזנט רובל צושטייער אויף הוצאות. ער האָט אונדז דווקא איינגערעדט, אַז מיר זאָלן זיך נישט פּלאָגן אומזיסט אין דער פרעמד און פאָרן אַהיים, נאָר דו האָסט דאָך אָנ־

געזאָגט, אַז מיר זאָלן וואַרטן האָבן מיר שוין אויסגעוואַרט. נאָך דעם האָבן מיר אויך געזען, אַז אַזוי איז טאַקע גלייכער, אַליין וואָלט ער זיך געקליבן אַ חודש צייט און אַז מיר זענען טאַקע געזעסן ביי אים אויפן קאָפּ, איז ער פּאַרטיק געוואָרן אין פינף טעג. מיר האָבן אים באַגלייט אין וואַגאָן אַריין און זענען אַוועקגעפאָרן ערשט אַכט שעה נאָך אים, ווייל פריער איז קיין צוג נישט געווען. און וואָס נאָך: קיין ילוד אשה ווייסט נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום, מען וועט זיך אומקוקן: והילד איננו... עיני ראו ולא זר, בפועל ממש: מלאכים האָבן אונדז צוגעהאָלפן. נו, וואָס ווייסט אַ מענטש? גאָט זאָל העלפן, אַז אונדזער טרחה זאָל נישט פאַרלוירן גיין!

עטלעכע טעג איז שלמה אַ ביסל געווען מונטערער פון זיין לאָזאָ־וואַיער אויפטו. נאָך דעם האָט זיך זיין שטימונג ווידער פאַרערגערט. עס האָט זיך אָנגערוקט ראש השנה, די כתיבה־טובה... זיין האַרץ איז געווען זייער אָנגעווייטיקט פון אַ גאַנצן זומער, און דערצו נאָך: דאָס דאַווענען ראש־השנה ביחידות, דאָס בלאָזן שופר אין דער היים. פון גיין צו אַ מנין איז געווען אָפּגערעדט. די מיליץ, וואָס גייט אַרום אויף סאָלאָמינקע אויף און אָפּ, האָט געקענט האָבן ביי זיך זיינע פּאָטאָגראַפיעס.

ערב ראש־השנה האָט שלמה געמאָלדן זיינע עלטערן, אַז היינט אויף דער נאַכט וויל ער אומבאַדינגט עסן אין דער היים, ווינטשן יעדן אַ כתיבה וחתימה טובה, און נישט זיך געפינען אין שכנות ביי נחמנען. וויפל דער פאָטער האָט אים נישט אָפּגערעדט פון דעם איינפאַל, געטענהט, אַז עס לוינט נישט צוליב דעם צו ריזיקירן מיטן לעבן — קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפן. קיין זאַך האָט אים נישט איבערצייגט. מען האָט קוים ביי אים געפועלט, אַז ער זאָל נישט בלייבן בשעתן גאַנצן עסן, נאָר קידוש מאַכן און זיך וואַשן צו דער „המוציא" מיט האָניק...

די נאַכט פון ראש־השנה איז אָקוראַט געווען זייער אַ פינצטערע. שלמה האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל, פאַרשטעלט דאָס פּנים און אין דער באַגלייטונג פון דינהן מיט רבקהן דורך הינטער־געסלעך זיך דערקליבן און זיך אויפגעהויבן אויף די גוט באַקאַנטע טרעפּ. טרויעריק איז געווען די באַגעגעניש פון שלמהן מיט זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער אין דעם יום־טובדיקן אויפדערנאַכט. ער האָט זיך מיט אַלעמען צעקושט, אָנגע־הויבן זאָגן די פייערלעכע באַגריסונג: „תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים"... און זיך דערוואָרגן אין מיטן ערשטן וואָרט. יעדער באַזונדער האָט בסוד פונעם אַנדערן זיך אָפּגעקערט אין אַ ווינקעלע אָפּווישן אַ טרער, נישט געוואָלט דעם יום־טוב פאַרשטערן. די מוטער איז אין גאַנצן אַנטלאָפן אין קיך אַריין, זיך געטרייסלט פאַר געוויין. שלמה איז געשטאַנען איבער איר, געגלעט איר דאָס פּנים, געקושט אין האַלדז, זי אַלץ געבעטן אויפצוהערן און אַליין אויך געוויינט...

שווער זענען געווען די הערצער ביי אַלעמען, שווער ווי בליי...

די טיר אויפן גאַנעק אַרויס איז געווען פאַרשלאָסן און פאַררוקט מיט אַן אייזערנער שטאַבע. דאָס פענצטער אין קיך איז געווען אָפן און אַ בענ־

קעלע איז געווען צוגעשטעלט לעבן דעם. טאַמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... אל תפתח פה לשטן... שלמה, אַן אַנגעטונענער אין מאַנטל, איז אַרומגע־גאַנגען איבער דער שטוב, אַנגערירט יעדן חפץ מיט דער האַנט, מיט אַ צעיושעטע האַרץ האָט ער זיך שטיל געזעגנט מיט יעדן ווינקעלע. אַט גייט ער צו צו זיין שרייבטיש, עפנט איין שופלאַד נאָכן צווייטן: ליידיק, פוסט און ליידיק! דאָס וואָס ער זוכט, האָט דער ווינט צעטראָגן איבערן מיסט־קאַסטן פון האָטעל „מאָסקווע"... צוזאַמען מיטן אַש איז געפטרט געוואָרן אויך זיינס אַ האַלב האַרץ... דאָס צווייטע האַלבע גרייט אַצינד לעקציעס אָדער זי הערט קידוש פונעם פאָטער אויף אוריצקע. קומט דאָך אויס, אַז אַט די אַלע בני־בית, וואָס שטייען אַצינד אין די ווינקעלעך און וויינען, האָבן אין אים גאָר קיין חלק נישט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס יעדער איינער פון זיי איז גרייט זיך מקריב זיין פאַר אים, נישט געבנדיק קיין קלער אפילו דערביי... און ער, פאַר זיי, דען נישט? צוליב וועמען דען האָט ער פאַרלוירן זיינע בעסטע יאָרן פאַרנדיק אויף די יאַרידים? נישט צוליב זיי?

דער פאָטער טאָרקעט אים:

— שלמה, איך בעט דיך, מאַך קידוש און גיי, די נשמה פליט מיר אַרויס פאַר שרעק! מען טאָר דאָס גאָר יום־טוב נישט...

— מאַך זשע דו פריער. איך וויל הערן פון דיר קידוש.

דער פאָטער גיסט זיך אָן אַ כוס. שלמה וויל אויסטון דעם מאַנטל, נאָר דער פאָטער לאָזט אים נישט. שלמה גיט אויף דעם קידוש, הערט זיך איין אין פאָטערס ניגון, האָט אין זינען בשעת־מעשה יוצא צו זיין אויף לאַנגע יאָרן. אפרים־אהרון וויל ווייזן, אַז ער האָט נישט קיין מרה־שחורה און הייבט אָן דעם יום־טובדיקן קידוש מיט גרויס קוראַזש. דער אָנשטעל קלעקט אָבער בלויז אויף די ערשטע פאָר ווערטער. זיין קול גייט איבער אין אַ קוויטש און איבער זיינע באַקן קייקלען זיך הייסע טרערן אין דער באָרד אַריין. זיך גוט אויסגעוויינט ביי דער „שהחיינו", שטעקט ער אָפּ צפורהן דעם כוס אויף צו פאַרזוכן פון „קידוש" און אַנטלויפט אין שלאָפּ־צימער אַריין.

נאָך דעם מאַכט שלמה אַליין קידוש. אַלע בני־בית באַהאַלטן די אויגן איינער פאַרן צווייטן. נאָכן קידוש וואַשט ער זיך דער ערשטער, מאַכט „המוציא", באַקוקט נאָך אַ מאָל די שטוב, יעדע מינדסטע זאַך, גיט אַ האַרציקן קוק אויפן גרויסן סקווירער רבינ'ס פּאָרטרעט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, געזעגנט זיך, גיט אַ קוש די מזוזה און פאַרלאָזט די שטוב. מיט אים גייען מיט דינה און רבקה. דינה פירט אים אונטער דער האַנט און רבקה טראָגט אַ קוישל מיט סעודת יום־טוב.

קאפיטל XXII

דאָנערשטיק, די וואָך פון עשרת־ימי־תשובה, האָט שלמה פּלוצלינג גע־הייסן זיך ברענגען פיר דיקע ביכער פון רוסישע קלאַסיקער. די שוועסטער האָבן אים דווקא געפרעגט, צו וואָס דאַרף ער האָבן מיט אַ מאָל פיר, אַז ער גייט שוין מאָרגן צו דער קאָמיסיע? ער האָט זיי קיין ענטפער נישט געגעבן, נאָר איבערגעחזרט זיין בקשה.

פרייטיק איז ער אויפגעשטאַנען פרי, איבערגעטון נייע וועש, אָפּגע־זאָגט תהילים, לאַנג געדאַוונט, שטאַרק, שטאַרק געקושט די תפילין. ער האָט גוט געוווּסט, אַז טאָמער חלילה קערט ער זיך היינט נישט אום אַהיים, קען זייער לאַנג דויערן, ביז ער וועט נאָך אַ מאָל זען תפילין פאַר זיינע אויגן. מיטנעמען מיט זיך איז אַ נאַרישקייט, „אַהין" לאָזט מען קיין תפי־לין נישט דורך און אַפילו קיין תהילימל אויך נישט. אומבאַמערקט פּאַקט ער איין די ביכער אין ציַיטונגען: צו וואָס איבעריקע שאלות?

צום געזעגענען זיך האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשער עולם. שלמה אַליין איז גוט געשטימט. ער לאַכט פון זיי, וואָס מען באַגלייט אים אויף צוויי שעה צייט מיט אַזאַ פּאַראַד. דינה גייט אַוועק נאָך אַן אויטאָ. שלמה טוט אָן די פּראַטעזע אויף דעם פאַרוואונדעטן פוס. חוץ אַלע חברים, משה פרידמאַן, אַלע יונגע פייגנבוימס, זענען נאָך דאָ אויך די מומע טייבל, מנשה, דער זיידע מיט די קינדער, דער פעטער מוזי מיט די מומע לאָהן. אַלע גלייבן, אַז דאָס פייערלעכע געזעגענען זיך איז נאָר אַ קאָמעדיע, נאָר דאָך ווינטשט מען אים אָן: צאתך לשלום ובואך לשלום.

באַגלייטן צו דער קאָמיסיע און דאָרטן אויסוואַרטן אויף אים, פאָרן דינה מיטן פאָטער. צוזאַמען מיט „עפּעס איבערבייסן" נעמט מיט שלמה די ביכער אויך, ער זעצט זיך אויף דעם אויטאָ, נאָך אַ שאָקל מיטן קאָפּ, נאָך אַ בלאַסן שמייכל און סאָלאָמינקע פאַרשווינדט פון אויג. ער איז שוין כמעט אַ חודש אין קיעוו און האָט נאָך די שטאָט נישט געזען און פאָרן פאָרן אויך אַ חודש נישט אָנגעקוקט דעם קיעווער הימל און אין וועג אויך געווען עפּעס מער פון אַ חודש... מאַמע מיינע!... שוין אַן אייביקייט, אַז ער איז פון קיעוו! און וויפל דאַרף נאָך דויערן, ביז ער וועט ווידער קע־נען פריי שפּאַצירן אויף קיעווער גאַסן?

צוגעפאָרן, האָט מען דעם אויטאָ באַפרייט. דער פאָטער מיט דינהן זענען געבליבן וואַרטן אויף דער גאַס און שלמה האָט הינקענדיק זיך אויפ־געהויבן אויף די טרעפּ.

ווען ער איז אַ נאַקעטער, נאָר אין דער פּראַטעזע מיטן מיליטערישן בילעט און רענטגען־אויפנאַמע אין דער האַנט, אַריינגעקומען אין זאַל פון דער קאָמיסיע, איז דאָרט געווען פול מיט נאַקעטע יונגע מענטשן. ווען ער וויל זיך נאָך איצט אומקערן, וואָלט אים קיינער נישט געשטערט. וועט ער זיך אַ מאָל נישט שלאָגן: „חטאתי", פאַר וואָס ער האָט אַזוי נישט גע־

טון? שלמה דערשטיקט די נארישע געדאנקען און ווארט גלייך מיט אלע. אז עס איז צוגעקומען זיין ריי, האט ער דערלאנגט דעם פארזיצער דעם מיליטערישן בילעט. יענער האט אים מעכאניש א בלעטער געטון און גלייכ־צייטיק געפרעגט:

— אייער פאמיליע־נאמען?

— פיאטיגארסקי.

— ווי אזוי? ווי אזוי?

דער פארזיצער איז צוגעשמידט געווארן צו זיין פנים. קעגן זיינע אויגן, אונטערן טאוול פון גלאז איז עפעס געווען אויפגעשריבן. ער האט אומ־גלויבלעך פארגלייכט די פאמיליע אין בילעט מיט דער פאמיליע אונטערן גלאז. שלמה האט אויפן ארט פארשטאנען, אז ער איז פארלוירן, נאר זיך געהאלטן רואיק. דער פארזיצער האט, נישט קוקנדיק מער אויף שלמהן, עמעצן פון זיינע קאלעגן געוויזן דעם בילעט און דעם נאמען אונטערן גלאז. יענער האט זיך אזש א הייב געטון פונעם בענקל, שארף און נייגע־ריק א קוק געטון אויפן נאקעטן מענטשן, וואס איז געשטאנען פארן טיש און א קוועטש געטון א קנאפקע. הינטער די פלייצעס פון דער קאמיסיע האט זיך אויפגעעפנט א געהיימע טיר און פון דארטן האבן זיך באוויזן צוויי מיליטער־לייט אין רויטע היטלען מיט בלויע באנדן.

דער פארזיצער האט זיך צו זיי געווענדעט:

— איר קענט נעמען דעם מענטשן, אויף וועלכן איר ווארט.

ביי ביידע אגענטן אין די הענט האבן זיך באוויזן פאטאגראפיעס. איין סעקונדע האבן די אויגן זייערע א פארגלייך געטון און זיי האבן פייערלעך געדריקט דעם פארזיצער די האנט. איינער פון זיי האט שפאטיש א ווונק געטון צום נאקעטן מענטשן ביים טיש:

— נו, שלמה פיאטיגארסקי, איר מעגט זיך שוין אנטון, איר זענט שוין אנגעקומען אויף אייער סטאנציע.

— איך פארשטיי נישט, וואס איר רעדט צו מיר, און וואס פאר א סטאנציע איר מיינט...

— שוין זשע פארשטייט איר נישט, אז איר זענט ארעסטירט?

דער פארזיצער שלאגט איבער זייער דיאלאג:

— ווארט אויס מיטן אנטון זיך, מיר דארפן אונדזערס אפטון. חבר כירורג, זייט אזוי גוט, גיט א קוק, וואס איז ביי אים דארט אויפן פוס? פיאטיגארסקי ווייזט די רענטגען־אויפנאמע.

שלמה ווערט באטראכט פון אלע דאקטוירים נאכאנאנד און איינער פון די אגענטן רופט דערווייל ארויס אן אויטא. זיין בילעט ווערט גע־שטעמפלט:

„...דורכגעגאנגען די פריזיוור־קאמיסיע אין קיעוו דעם 7־טן אקטאבער און באפרייט געווארן אויף אייביק לויט דעם ארטיקל...״

שלמה ווייסט: מיט אט דעם בילעט, ווי ער זעט איצט אויס, וואלט ער געקענט פארן אומעטום, אין אלע פיר עקן פון לאנד, נאר איבער אים

שטייען צוויי רויטע היטלען מיט פרײלעכע אויגן... זיי זענען העכסט צופרידן מיט זייער פאַנג. נו, פאַר וואָס נישט? דריי חדשים אומזיסט געזוכט... אָט איז ער שוין אָנגעטון, נעמט די פעקלעך זײנע. אָט אַצינד וועלן גוט צו נוץ קומען אי די ביכער, אי די שפּייז, אויב מען וועט נאָר אַלץ נישט אָפּנעמען. פאַר אים און הינטער אים — אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן. ער גייט פון די טרעפּ אויף וועלכע ער איז ערשט אַרויפגעגאַנגען און אַ ברירה געהאַט נישט אַרויפגיין.

טיף ביי זיך אין האַרצן פילט ער, אַז אַ גרויסן, גאָר אַ גרויסן חלק אין זיין בלייבן אין קיעוו האָט פאָלי. פאָלי טולטשינסקי. אָט דער אײנגעבאַקענער אין האַרצן צוויי־קלאַנגענדיקער נאָמען: „פּאָ” און „לי”... אויף איין הרף עין גיבן אַ פינקל פאַר זײנע אויגן זיין טאַטנס מיט דינהם טויטע פּנימער און דער אויטאָ רירט.

ער ווערט צוגעשטעלט גלייך צו סאָקאָלאָוון אין קאַבינעט. די, וועלכע האָבן אים אַרעסטירט, ראַפּאָרטירן:

— עס איז געבראַכט געוואָרן פּיאַטיגאָרסקי סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש פון דער פּריזיוו־קאָמיסיע. ביים נעמען אים, קיין ווידערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן.

— איר קענט גיין.

די טיר מאַכט זיך צו הינטער שלמהן. ער בלייבט שטיין אין מיטן צימער, מיט די פעקלעך אין די הענט. ווייט פון אים, ביי דער סאַמע וואַנט, אונטער דזשערזשינסקיס אַ גרויסן פּאָרטרעט, שטייט איין און איינציקער מענטש, נישט זייער קיין הויכער, מיט אַ ליסינע איבערן גאַנצן קאָפּ. שאַרפע קלוגע און לעבעדיקע אויגן, אַ שמאָלע גלייכע נאָז און דינע בלאָע ליפּן. ער טראָגט אַ שפּאָגל־נייעם אוניפאָרם־אַנצוג פון געפּעאו. אין דער פּעטליצע* — צוויי ראָמבן**. חוץ זייביידן איז אין דעם גרויסן צימער נישטאָ מער קיינער. עס הערשט אַ טויטע שטילקייט, קיין מינדסטער שאָרך דערטראָגט זיך נישט פון ערגעץ. אין דרויסן איז האַלבער טאָג, אָבער דאָ איז אַלץ טויט און שטום, ווי אום האַלבער נאַכט. אויף דער פּאָדלאָגע — עטלעכע טעפּיכער, אויף די פענצטער — רויטע, שײנע פאָרהאַנגען, די ווענט — הויכע, שטרענג־ווייסע, אָן קיינע מאָלערייען — עס הענגען בלויז דריי קינסטלערישע פּאָרטרעטן. אין דער רעכטער זייט פון דער אייבערשטער שטול — לענין, אין דער לינקער — סטאַלין, איבערן קאָפּ דזשערזשינסקי, דער זיידע פון אַלע געפּואיסטן.

עס דויערט זייער לאַנג דאָס שטילקייט. סאָקאָלאָוו טוט גאָרנישט, נאָר ער קוקט שלמהן גלייך אין די אויגן. זיין שפּיציקער קוק לעכערט דעם מח, שטעלט אָפּ דאָס האַרץ, האַקט אונטער די פיס, נאָר שלמה ווייסט, אַז אָפּפירן די אויגן הייסט: אונטערגעבן זיך. און ער האַלט אויס זיין קוק,

---

* עפּאָלעטן.

** דאַמאָלסטדיקע אָפּצייכנס פון אַ גענעראַל.

געלאָסן און געדולדיק... אין קאָפּ פּיקט אים נאָר איין געדאַנק: צוויי ראָמבן... דאָס קער שוין זיין נאָר אַ הויכער גענעראַל... אַ ראָמב איז נישט קיין שפּאָלע *.

סאָקאָלאָוו דריקט אָן אַ קנאָפּקע. עס עפנט זיך שטיל די טיר, אויף דער־שוועל שטייט אַן אָרדינאַריעץ. שלמה קוקט זיך נישט אום.

— שיקט אַריין צו מיר מאַסקאַליענקען מיט זשוראַוולִיאָוון.

די טיר מאַכט זיך צו אַזוי שטיל, ווי זי האָט האָט זיך געעפנט. סאָקאָ־לאָוו נעמט דאָס טרייבל פון טעלעפאָן:

— קאָמענדאַטור? זאָגט מיר ביטע, דער קאָמקאָר** קירסט האָט איצט געדאַרפט קומען... ער איז שוין דאָ? אין וועלכן צימער? 29? פאַר־אייניקט מיך מיט דעם צימער. יאָ, יאָ, ווער רעדט? גיט איבער דאָס טרייבל דעם חבר קירסט. האַללאָ! אָטטאָ מאַרקאָוויטש? זדראַווסטוויטיע! אויב איר ווילט זען אַ זעלטענעם עקזעמפּלאַר, קומט אַריין צו מיר... יאָ, שוין... ער איז ביי מיר אין קאַבינעט... ביטע!

---

* דאָמאָלסטדיקע אָפּצייכנס פון אַ העכערן אָפיצער.

** קאָמקאָר — אַ קיצור פון: „קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס".

קאפיטל XXIII

סאָקאָלאָוו לייגט לאַנגזאַם אוועק דאָס טריבל און האַלטנדיק די הענט אויפֿן רוקן דערנענטערט ער זיך צו שלמהן. פֿון הינטער שלמהן קומען אָן צוויי אַדיוטאַנטן און צו לעצט די גרעסטע פֿערזאָן פֿון קיעווער געפּעאו: דער שרעקלעכער קירסט. זיין נאָמען פֿלעגט מען דערמאָנען אין קיעוו מיט אַ שוידער איבערן לייב. שלמה האָט מער נישט באַוויזן צו באַמערקן פֿון אים, נאָר גרויע אויגן, בלאַסע באַקן, אַ גרויסע טשופּרינע האָר און רויטע דריי ראָמבן. אַלע פֿיר טשינען זענען געשטאַנען אין אַ ראָד אַרום אים און אים באַטראַכט ווי עפּעס אַ ווילדע חיה אין חיות־גאָרטן. ווען זיי זענען אַריינגעקומען האָט זיי סאָקאָלאָוו געזאָגט בלויז צוויי ווערטער:

— שלמה פּיאַטיגאָרסקי...

נישט מער, נישט ווייניקער. ווייזט אויס, אַז אָט דער נאָמען איז אַלע־מען גוט באַקאַנט געווען. שלמה איז געשטאַנען אויסערלעך רואיק, אָבער די אויגן אַראָפּגעלאָזט. קיין פֿיר פּאָר אויגן איז ער נישט בכח אויסצו־טראָגן.

סאָקאָלאָוו זייעט אַרוים דורך די ציין:

— איז אָט דאָס ביסטו — שלמה?

— פּיאַטיגאָרסקי סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש.

— כאַ־כאַ־כאַ! סאָ־לאָ־מאָן! ווער רופֿט דאָס דיך אַזוי — סאָ־לאָ־מאָן?

— שלמה און סאָלאָמאָן איז דער זעלבער נאָמען.

— דאָס ווייס איך, אַז דער זעלבער, נאָר ווי פּאַסט עפּעס פֿאַר אַ שעף פֿון אַ ישיבה זיך רופֿן גאָר סאָ־לאָ־מאָן?

— אַ שעף פֿון אַ וואָס?

— פֿון אַ ישיבה.

— פֿון אַ ישיבה?

— יאָ, פֿון אַ ישיבה. דו ווייסט אפֿשר נישט, וואָס עס הייסט?

— פֿאַר וואָס עפּעס זאָל איך נישט וויסן? איך בין אין יידישן אַ גע־לערנטער, איך ווייס נאָר נישט, וואָס פֿאַר אַ שייכות עס האָט אַהער?

— אפֿשר קענסטו זיך פֿון דעסט וועגן דערמאָנען?

— איך האָב גאָרנישט פֿאַרגעסן און ווייס זיך נישט אין וואָס צו דערמאָנען.

דאָס רעדל קוקט זיך איבער דער־שטוינט פֿון זיין עזות. ביי סאָקאָלאָוון, באַמערקט שלמה, האָט זיך געוויוועט העכער פֿון לינקן אויג אַ בלוי קיש־קעלע און עס פֿליסט האַסטיק אַרויף און אַראָפּ, אָן אַן אויפֿהער. נישט קוקנדיק דערויף רעדט ער ווייך:

— ווילסטו זאָגן, הייסט עס, אַז דו האָסט אין קיעוו נישט אָנגעפֿירט מיט קיין ישיבה?

— מיט וואָס פֿאַר אַ ישיבה? אַ ישיבה, וואָס מען לערנט?

— אַט־אַט־אַ, אַט דאָס מיין איך טאַקע... אַ ישיבה מיט אַ תלמוד־תורה...

— וואָס זשע הייסט, איך זאָל גאָר אָנפירן מיט אַזעלכע זאַכן? עס איז דען דערלויבט?

— אַ־האַ... ס׳איז נישט דערלויבט?!

ער דרייט זיך אויס צו זיינע קאָלעגן, וואַרפט אַרויס די רעכטע האַנט מיט אַן אַרטיסטישן זשעסט:

— ער איז דאָך גערעכט, שלמה... וואָס ווילט איר פון אים האָבן, מיינע הערן? ער זאָגט דאָך די זאַך ווי זי איז.

און באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזעלכעס טון, אַז עס איז גאָרנישט דערלויבט?

ער גייט צו צו שלמהן נאָענט־נאָענט. נאָך אַ טריט און זיי צעבוצקען זיך מיט די נעזער, און פרעגט אים גוטמוטיק מיט אַ שמייכל:

— און אַז עס איז דאָ אַ מקוה אין קיעוו, ווייסטו אפשר אויך נישט?

— פאַר וואָס זאָל איך עפּעס נישט וויסן? איך ווייס יאָ.

— געלויבט דער אייבערשטער דערפאַר, וואָס ער ווייסט כאָטש עפּעס. אַן עק! לאָמיר אָנהייבן פון דעם. די מקוה באַזוכן עפּעס פיל מענטשן?

— מען וואָלט אודאי באַזוכט, ווען זי איז נישט פאַרגאָסן...

— וואָס הייסט — פאַרגאָסן?

— איר ווייסט נישט, וואָס עס הייסט פאַרגאָסן? מיט צעמענט פאַר־צעמענטירט.

— נאָך וואָס זשע האָט איר זי פאַרגאָסן?

— ווער איז דאָס: מיר? די דירעקציע האָט זי פאַרגאָסן.

— וואָס פאַר אַ דירעקציע?

— די דירעקציע פון קאַראַוואַיעוו̈ער באָד... שוין זשע זענט איר דאָרט קיין מאָל נישט געווען און האָט נישט געזען די פאַרצעמענטירטע מקוה?

דאָס אומרואיקע קישקעלע האָט אויסגעשעפּט. שלמה האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס פון דעם טרעפלעכן זעץ — און האָט באַלד דערפילט צוויי שפּיציקע ביינדלעך ביי זיך אין מויל. ער האָט געוואָלט אויסשפּייען אין טיכעלע אַריין דאָס בלוט מיט די ציין, נאָר סאָקאָלאָוו האָט זיך אויף אים צערוועט ווי אַ געקוילעטער אָקס:

— ווער האָט עס דיר דערלויבט אויסצושפּייען? איינשלינגען! איינ־שלינגען! דאָס בלוט, די ציין, די צונג — אַלץ איינשלינגען!...

שלמה האָט ווערגנדיק זיך אַראָפּגעשלונגען דאָס בלוט און די ציין, אַרונטערגעשטופּט מיט דעם צונג אונטער דער ליפּ. אַלע פיר זענען אָפּגע־גאַנגען אין אַ זייט, זיך אַ שושקע געטון. מאַסקאַליענקאָ האָט עפּעס דער־מאָנט סאָקאָלאָוון און יענער האָט אויפגעשיינט. מיט אַ ברייטן שמייכל האָט ער אַ קוק געטון אויף שלמהן און איראָניש געפרעגט:

— פּיאַטיגאָרסקי, איז הייסט עס, לויט ווי דו זאָגסט, ביסטו נישט גע־ווען קיין שעה פון דער היגער ישיבה און תלמוד־תורה?

שלמה האָט, אָנשטאָט אָן ענטפער, אָן אומדייטלעכן מרוקע געטון.

— פאַר וואָס ענטפערסטו נישט, אַז מען פרעגט דיך?

שלמה האָט מיט שוועריקייטן אַרויסגעכריפּעט:

— די אויסגעשלאָגענע ציין שטערן מיר צו רעדן.

קירסט האָט אים אַ ווונק געטון, ער זאָל זיי אַרויסוואַרפן. אין טיכעלע אַריין איז אַרויסגעפאַלן איינער אַ גאַנצער צאָן און איינער אַ האַלבער. שלמה האָט מיט דעם צונג באַלעקט די פאַרשמאַכטע ליפּן, מיטן טיכעלע אַרומגעווישט דאָס בלוט פון זיי און שטיל געזאָגט:

— וואָס האָט איר געפרעגט? איך געדענק נישט...

— אַ שוואַכער זכרון געוואָרן ביי דיר מיט אַ מאָל, קינד מיינס... איך פרעג, דו ביסט זיך מודה, אַז דו האָסט אין קיעוו אַ חדר פון אַזעלכע הונ־דערט קינדער?

— איך פאַרשטיי נישט איין וואָרט, וואָס איר רעדט צו מיר.

— באַלד, מיין טייערער, וועסטו פאַרשטיין נישט איין וואָרט, נאָר אַ סך, אַ סך ווערטער... מאָסקאַליענקאָ! אין וועלכן אינטערנאַט געפינען זיך די וויינערס, אין זיבעטן, צי אין צוועלפטן?

— אין צוועלפטן, אויף קאַריניאַווקע, חבר קאָמדיוו *.

סאָקאָלאָוו נעמט אָן דעם נייטיקן נומער און וואַרט מיטן טרייבל אין דער האַנט.

— יאָ, יאָ, עס רעדט סאָקאָלאָוו, פון אָבל־געפּעאו. גיט מיר דעם נאַ־טשאַלניק אייערן. וואָס, וואָס? אַרויסגעגאַנגען? וווהין האָט ער צו גיין אין די אַרבעטס־שעהן? וווהין? אין די קלאַסן? רופט אים שוין אַריין, איך וואַרט.

ער וואַרפט אַ טריאומפירנדיקן בליק אויף שלמהן, ווינקט צו אים מיט די אייגעלעך, שאָקלט צו אים מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט:

— איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, שלמה, וואָס איך פאַרהאַלט אייך אַזוי לאַנג... באַלד, באַלד וועט איר זיך דערמאָנען אין אַלעמען... באַלד, באַלד...

און מיט אַ מאָל פאַלט ער צו צום טרייבל ווי אַ פּיאַווקע צו דעם אָדער:

— האַללאָ, קושנירסקי? עס רעדט סאָקאָלאָוו... שוין דאָס וויפלטע מאָל, אַז איך טרעף דיך נישט אויפן אָרט... נו, שוין, שוין, וועסט זיך אַ צווייטן מאָל פאַרענטפערן. איצט אָט וואָס: אַן אויטאָ האָסטו ביי זיך? ניין? טאָ גיי אַרויס אויפן וועג און שטעל אָפּ דעם ערשטן בעסטן אויטאָ און ברענג מיר אַרויף די ברידערלעך וויינער... וואָס, וואָס? איך הער נישט... וואָס הייסט אַנטלאָפן? נישט געפרוווט גאָר זוכן? נישט געפונען? שוין לאַנג? וויפל? אַריבער צוויי וואָכן? בופלאָקס! פאַר וואָס האָסטו מיר נישט ראַפּאָרטירט? וואָס מיר מיליץ, אוגראָזיעסק? ** מיין אַדרעס געדענקסטו נישט? אין אָפּטיילונג פון די קאַדרען האָסטו פאַרשטאַנען

---

* אַ קיצור פון: קאָמאַנדיר פון דיוויזיע.

** קרימינאַלער אַמט פון אויפזוכן.

מודיע צו זיין, דו פערדישער קאָפּ, און מיר — נישט? וואַרט, וואַרט ביים טעלעפאָן, גיי נישט אוועק!...

ער כאַפּט אַרויס פון דער הינטער־קעשענע אַ פינקלענדיקן רעוואָלווער און צילט זיך אין שלמהן. זיין קול דונערט ווי אַ האַרמאַט:

— באַלד שיס איך דיך ווי אַ הונט. עס איז דיין אַרבעט?...

שלמה איז בלייך, נאָר רואיק, ער גיט נישט קיין פינטל מיט קיין אויג. אויף סאָקאָלאָווס פראַגע קוועטשט ער מיט די פּלייצעס: ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. קירסט גייט צו נעענטער צו אים און באַטראַכט אים פון דאָס ניי. סאָקאָלאָוו לייגט אוועק דעם בראַונינג אויפן טיש, רופט אין טרייבל:

— האַללאָ, קושנירסקי!... טראָג צו צום טעלעפאָן זייער אַנקעטע, נאָר גיך! האָסט זי? לייען! פון וואַנען זענען זיי? לאָזאָוואַיאַ? ווייטער: דעם אַדרעס... וואַרט, איך וועל פאַרשרייבן... אַקטיאַבערסקע־גאַס 37/5, ריכטיק? איצט: דער פאָטער ווי הייסט? כאַסקל שאַיעוויטש? וועמען נאָך האָבן זיי דאָרט? קיינעם נישט? קיי — נעם נישט? שוין, מעגסט שוין גיין. ביסט אַ מאָלאָדיעץ!...

סאָקאָלאָוו גיט אַ בליץ אויף שלמהן מיט די אויגן:

— אַלץ איינם וועל איך דיר מאַכן דעם טויט מיט מיינע הענט. האָסט אויך אָנגעטראָפן אויף אַ גוט קינד...

ער הייבט ווידער אויף דאָס טרייבל:

— טעלעפאָן־סטאַנציע? עס רעדט דער נאַטשאַלניק פון אָבל־געפּעאו. איך דאַרף שוין לאָזאָוואַיאַ. ניין, שוין! גליך!... רייסט איבער! אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט! וואָס? אַ נאַרקאָמאָווסקע שמועס?... גוט, איך וועל אויסוואַרטן...

ער שטייט אַ דענערווירטער מיטן טרייבל אין דער האַנט. קלאַפּט עפּעס אויס מיטן אָפּצאַס אין דער פּאָדלאָגע. אַלע שווייגן. שלמה פילט, אַז עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. ער ווייסט נישט, צי דאָס איז פונעם אָפּגעגאַנגענעם בלוט, צי פון אַזוי לאַנג שטיין אויף איין אָרט. וויפל איז דאָ, זינט מען האָט אים געבראַכט אַהער? שוין זשע איז דאָס נאָך דער זעלבער טאָג, פרייטיק? שוין זשע גייען אַרום אויף יענער זייט פענצטער פריי מענטשן? און ער אַליין איז אויך אַ מאָל אַזוי אַרומגעגאַנגען?...

סאָקאָלאָוו נעמט דאָס טרייבל, גיט אומגעדולדיק אַ געשריי:

— האַללאָ, טעלעפאָן־סטאַנציע! נו, וואָס? לאָזאָוואַיאַ איז נאָך פאַרנומען? די ליניע אויף כאַרקאָוו? זיי האָבן נאָך נישט געענדיקט? רייסט איבער צו אַל די רוחות! זיי וועלן שפּעטער דעררעדן! — לאָזאָוואַיאַ? שנעל, די אָנפירונג פון דער שטאָט־מיליץ!... יאָ, יאָ, ווער רעדט? דעזשורנע? פאַראייניקט מיך מיטן נאַטשאַלניק! — ווער איז דאָרט? נאַטשאַלניק? אייער פאַמיליע? פּאָליאַקאָוו? מיט אייך רעדט דער נאַטשאַלניק פון קיעווער אָבל־געפּעאו. חבר פּאָליאַקאָוו, הערט זיך צו מיט קאָפּ און פירט אויס דעם חבר קירסטס באַפעל וואָס שנעלער: ביי אייך אין

שטאָט, אויף אָקטיאַבערסקע 37/5, וווינט איינער: וויינער כאַסקל שאַיע־וויטש... פאַרשריבן? איצט פאָרט אַליין צו מיט אַן אויטאָ און אַרעסטירט אַלע וויינערס, דאָס ווייב, די קינדער — אַלע! ברענגט זיי צום טעלעפאָן און קלינגט מיר אָן, וועל איך זיי אויספרעגן דורכן טעלעפאָן... וואָס? וואָס? אַ רעוויזיע? מען דאַרף נישט קיינע רעוויזיעס, נאָר די מענטשן... שטייט זשע נישט. איינס און צוויי!...

סאָקאָלאָוו לייגט אַוועק דאָס טרייבל, ווישט אָפּ דעם שטערן און זעצט זיך שווער אַוועק. קירסט פאַררויכערט און דערלאַנגט אים אויך. מאָס־קאַליענקאָ מיט זשוראַווליאָוון שטייען אָנגעשפּאַרט אין פענצטער, שמועסן עפּעס שטיל צווישן זיך, ווינקען אויף שלמהן. שלמה פילט, אַז באַלד וועט ער אומפאַלן, ער קען שוין נישט איינשטיין אויף די פיס. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און ווענדעט זיך צו סאָקאָלאָוון:

— חבר נאַטשאַלניק —

— שווייגן! וואָס פאַר חבר בין איך דיר? סוואָלאָטש! קאָנטער־רע־וואָלוציאָנער!

— בירגער נאַטשאַלניק, דערלויבט מיר זיך צוזעצן. איך בין אַ פאַר־ווונדעטער און טראָג אַ פּראָטעזע.

— ביסט נישט קראַנק צו שטיין, דו הונט! מיר וועלן דיר באַלד מאַכן אַ פּראָטעזע אויפן גאַנצן קערפּער. וואַרט אויס, אָט וועט נאָר זיין אַ טע־לעפאָן... זאָג נאָר, וואָס האָסטו דאָרט אין די פּעקלעך?

— ביכער, עסן...

— האָסטו, הייסט עס, געוווּסט, אַז דו גייסט אין טורמע אַריין?

— וואָס הייסט אין טורמע? פאַר וואָס קומט מיר טורמע?

— גערעכט! פאַר וואָס קומט אים טורמע? ער האָט דען עפּעס געזינ־דיקט? וואָס זשע האָסטו גערעכנט, אַז פאַר אָנפירן מיט אַ קאָנטער־רע־וואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, פאַר אויסהאַלטן ישיבות און מקוואות וועט מען דיר געבן אַ פּוטיאָווקע * קיין סאָטשי?

— עס איז אַ טעות, נישט מיך מיינט איר. איך האָב קיין באַגריף נישט אין די אַלע זאַכן...

— באַלד, באַלד, וועט דיר לאַזאָוואָיאַ באַווייזן, ווער פון אונדז עס האָט אַ טעות... צוליב וואָס זשע דען האָסטו מיטגענומען אין דער קאָמיסיע אָט דעם גאַנצן באַגאַזש, זאָגסטו?

— איך האָב גערעכנט פון דאָרט פאָרן קיין פּושטשע־וואָדיצע אויף אַ גאַנצן טאָג. איך אַרבעט איבער אַ טעמע...

— איבער אַ וואָס אַרבעטסטו?

— איבער אַ טעמע... איך בין אַ שרייבער...

— וואָס הייסט, דו ביסט אַ שרייבער?

— איך שרייב דערציילונגען. איך האָב מער פון צוואַנציק געדרוקטע זאַכן.

---

* אַ חודש אומזיסט היילן און באַשפּייזונג אין אַ קוראָרט.

אלע קוקן זיך איבער דערשטוינט. סאָקאָלאָוו גיט א שמייכל:
— איך שטעל מיר שוין פאָר, וואָס פאַר א שרייבער פון דיר קען זיין... זאָג מיר, ווו ביסטו פארפאלן געוואָרן אויף גאַנצע דריי חדשים?
— אין צוזאמענהאַנג מיטן נייעם בוך, וואָס איך קלייב מיך שרייבן, בין איך ארומגעפאָרן דריי מיט א האלבן חודש איבער גאַנץ אזיע און קאווקאז.
— ווי זשע קומט דאָס עפּעס, וואָס דיין טאַטע האָט גאָרנישט געוווסט, וווהין דו פאָרסט און נאָך וואָס דו פאָרסט?
— אונדזער שטוב ווייסט ביי מיר בכלל גאָרנישט. איך לעב מיט זיי נישט בשלום...
— פאַר וואָס?
— מיין טאַטע איז שטאַרק א רעליגיעזער... און איך — שוין נישט, זענען מיר ברוגז... און די מאַמע איז גלאַט א יידענע...
— א כלה האָסטו?
— ניין.
— עפּעס א מיידל, וואָס דו פירסט זיך מיט איר אַרום? א געליבטע?
— אַז מען האָט אין קאָפּ שרייבן א בוך, פירט מען זיך נישט אַרום מיט קיין מיידלעך...
— אַזוי גאָר? דערפון האָב איך עפּעס גאָרנישט געוווסט. ביסטו גאָר, הייסט עס, נעבעך א שרייבערל? דו ווייסט גאָרנישט פון קיין ישיבה אויף פּאָדאָל? פון א צענדליק מלמדים? פון א מקוה? פון אַן אייגענעם קאָזאַק? פון א בערל דעם שמש? פון גאָרנישט ווייסטו נישט?...
שלמה קוקט אויף אים מיט אומשולדיקע אויגן, קוועטשט מיט די פּליי־צעס: ער הערט אָט די אַלע נעמען צום ערשטן מאָל. עס דערהערט זיך א שאַרפער קלונג איבערן גאַנצן צימער. סאָקאָלאָוו שפּרינגט אויף:
— קוים א מאָל. באַלד, שרייבער, באַלד וועלן מיר דיר געבן שטאָף אויף אַן אינטערעסאַנטער דערציילונג... גאָר־גאָר אַן אינטערעסאַנטער... האַללאָ! לאָזאָוואַיאַ? איך הער... ס'איז איך... ס'איז איך, סאָקאָלאָוו... וו — וו — וואָס? וואָס האָט איר געזאָגט? חזרט נאָר איבער...
סאָקאָלאָוו איך בלייך... דאָס טרייבל ציטערט ביי אים אין דער האַנט, קלאַפּט אים אין פּנים... קירסט גייט צו, נעמט צו ביי אים דאָס טרייבל פון דער האַנט, און פרעגט מיט א רואיקן באַס:
— חבר פּאָליאַקאָוו, חזרט איבער, וואָס דערציילט איר דאָרטן?... אוועקגעפאָרן? אַלע? אַלע ווײַנערס? צוויי יינגעלעך אויך? ווער האָט דאָס אייך געזאָגט וועגן די יינגלעך? די שכנים? נו, און זיין ווייב אויך? ער האָט אין גאַנצן נישט? גוט, גוט, נו, און וווהין אוועקגעפאָרן? וואָס הייסט, מען ווייסט נישט? איר זענט אַליין געוועזן דאָרט? און קיינער ווייסט נישט? נישט קיין שכן, נישט דער דוואָרניק, נישט קיין קרוב? וואָס? קיין קרובים האָט ער נישט? אפשר ווייסט מען דאָרט, ווו ער האָט געאַרבעט? ער האָט אין ערגעץ נישט געאַרבעט? זייער ווויל... און

פון הויף־בוך זיך אויך נישט אויסגעשריבן? הייסט עם פארפאלן, אזוי ווי אין וואסער אריין, הא? געווען א גאנצע משפחה און נישט געוואָרן!... אויסגעטריקנט!... איך מאך אייך נישט שולדיק... וואָס האָב איך צו אייך? יאָ, שוין לאנג, אז זיי זענען פארשוואונדן? איר האָט אייך נישט אינטע־רעסירט, וויפל? צוויי וואָכן? נו, א גוטן, א דאנק!

קירסט האָט שמייכלענדיק וועקגעלייגט דאָס טרייבל, א רייב געטון איין האנט אין דער צווייטער און ארויסגעהודעט:

— מאָלאָדיעץ, שלמה, גלאַט אָפּגעאַרבעט!... איך האָב ליב א שיין שטיקל ארבעט!...

סאָקאָלאָוו האָט זיך א ריס געטון פון זיין אָרט, צוגעלאָפן צו שלמהן מיטן בראונינג, געשטויסן אים אונטער די אויגן:

— שיסן דיך? שיסן דיך?

שלמה האָט א טויטן שמייכל געטון:

— און אז איך וועל זאָגן ניין, וועט איר מיך דען פאָלגן?

— מיטן פנים צו דער וואנט, מערזאַוויעץ! * וועט זיין וויניקער מיט איין באנדיט אויף דער וועלט! נו, איך שיס!...

מיט א מאָל, אומגעריכט פאר אלע, האָט זיך דערהערט אין צימער א קלינגענדיקער קוש. קירסט האָט געהאלטן שלמהס קאָפּ אין זיינע הענט, נאָך א מאָל א קוש געטון די האָר און מיט א פאָטערלעכער צארטקייט האָט ער ווייך געזאָגט:

— ביסט א נאר, סאָקאָלאָוו, האָסט קיין שכל נישט! אזוינע יונגע־לייט ווי שלמה דארף מען נישט שיסן. זיי דארף מען וועגן קעגן גאָלד... שלמה, איך נעם דיך צו זיך פאר אן אדיוטאנט! וואָס דו האָסט געטון ביז היינטיקן טאָג — אלץ מוחל!... איך פרעג ביי דיר נישט!... איז אָפּ־גערעדט? ענטפער!

שלמה האָט שוואך, נאָר דייטלעך געענטפערט:

— אין דער גאנצער קאָמעדיע מיט די טעלעפאָנען פארשטיי איך א וואָרט נישט און קיין שטעלע זוך איך נישט, איך שרייב —

דאָס גאנצע צימער האָט א ציטער געטון פון דעם טראך, וואָס קירסט האָט דערלאנגט שלמהן אין קאָפּ אריין. עפּעס נישט מיט דער האנט נאָר מיטן אקסל, מיטן גאנצן האלבן קערפּער האָט ער געגעבן א פאָר ארויף אויף אים. שלמה איז אומגעפאלן, אָבער קירסט האָט זיך נאָך נישט גע־קילט דאָס הארץ, געטאָפּטשעט אים מיט די פיס און געקלאפּט אונטערן הארצן, אין די זייטן און אין פנים.

סאָקאָלאָוו האָט אים העפלעך אָנגערירט ביים אקסל, מיטן ווונק א זאָג געטון:

— איך שוין אים נישט, נאָר מיר דארפן אים נאָך —

קירסט איז אָפּגעגאנגען צום פענצטער אן אויסגעשעפּטער, אן אויס־געוועפּטער. אים איז געווען א בזיון פאר די נידעריקע טשינען פאר זיין

---

* אויסוואורף.

צעהיצן זיך. זיי האָבן בכבודיק אויף אים נישט געקוקט. סאָקאָלאָוו האָט זיך צו זיי געווענדעט.

— וואַרפט אים אַריין צו די לייבן און זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן ציען פון אים די אָדערן איינעם נאָכן צווייטן...

זיי זענען צוגעגאַנגען צו שלמהן. מאַסקאַליענקאָ האָט אים אַ שטויס געטון מיטן פוס אין בויך אַריין:

— שטיי אויף, דו, נבלה, טאָקע נאָר אויף טעפּיכער ביסטו ביי דיין טאַטן געוווינט געוואָרן צו ליגן?

שלמה האָט זיך נישט גערירט. זשוראַווליאָוו האָט זיך אָנגעבויגן, אונ־טערגעהויבן מיט צוויי פינגער זיין פּנים: עס איז געווען ווייס און קאַלט. פון אַן אויער האָט זיך געגאָסן בלוט. זשוראַווליאָוו האָט צוגענומען די האַנט. שלמהס קאָפּ איז טעמפּ אַראָפּגעפאַלן אויפן טעפּיך און אומבאַ־וועגלעך געבליבן ליגן.

— ער איז אין אַ שווערן חלשות און אין אויער האָט אַ פּנים ביי אים עפּעס געפּלאַצט...

סאָקאָלאָוו האָט בייז אַ פינקל געטון מיט די אויגן אויף זשוראַווליאָוון און יענער האָט אָפּגעהאַקט. סאָקאָלאָוו אַליין האָט גענומען זוכן ביי שלמהן דעם פּולס, נישט געפינענדיק, זיך אויפגעהויבן, געוואָרפן אַ פיינטלעכן בליק אויף קירסטס שטיוול און אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן:

— קאָמענדאַטור? שיקט מיר באַלד אַרויף צוויי סאַניטאַרן מיט אַ טראָג־בעטל. נאָר גלייך.

אין צימער איז געווען שטיל. איינער האָט נישט געקוקט אויפן צווייטן. באַלד זענען שטיל אַריינגעגאַנגען צוויי מיליטער־לייט אין ווייסע כאַלאַטן. איבערכאַפּנדיק סאָקאָלאָווס אַ ווונק, האָט איינער פון זיי גענומען שלמהן ביים קאָפּ, דער צווייטער — זיינע פיס, אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר אַריין און אַוועקגעלייגט אויפן טראָגבעטל. אויפן טעפּיך איז געבליבן אַ היפּש טינטערל בלוט. מאַסקאַליענקאָ האָט זיי נאָכגעטראָגן אין קאָרידאָר אַריין שלמהס היטל און זיינע פּאַקעטן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט סאָ־קאָלאָוו זיך געווענדעט צו אים מיט זשוראַווליאָוון:

— אַז ער וועט קומען צו זיך, זאָלט איר מיר אָנקלינגען. טאָמער דאַרף מען איינשפּריצונגען, צי עפּעס אַנדערש, כ׳וויים דאַרטן? גייט זעט, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. דערנאָך זאָלט איר אים אָפּפירן אין דער דרייצנטער קאַמער. איר זאָלט דאָרטן פריער אָנזאָגן דער חברה, זיי זאָלן אים שרעקן מיט וואָס זיי ווילן, נאָר זיך נישט צורירן צו אים מיט קיין פינגער... נאָך איין סעאַנס אַזוינער, איז ער פאַרטיק און ער האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט... ביי אים געפינט זיך דער שליסל צו אַלץ... גייט!... איך וואָלט שוין געוואָלט הערן, אַז ער לעבט... גייט און קלינגט אָן!...

קירסט האָט זיי אויף דער שוועל אָפּגעשטעלט:

— איך בין אויף דער גאַנצער אויספאָרשונג נישט געווען... פאַר־שטאַנען?

— פאַרשטאַנען, חבר קאַמקאָר...

גייענדיק פון די טרעפּ זאָגט זשוראַווליאָוו מאַסקאַליענקען:

— ווען איינער פון אונדז מאַכט שוין אַזאַ תכלית פון אַ מענטשן, וואָלט אים קירסט אַליין איבערגעגעבן צום פּראָקוראָר...

— עס איז ביי דיר אַ נייעס, אַז די גרויסע מעגן אַלץ?

— דער עיקר, ווי געפעלן דיר די לעצטע ווערטער זיינע? ער איז גאָר נישט געווען אפילו, דו פאַרשטייסט? טאָמער שטאַרבט ער, דער פאַרהאַל־טענער, און עס הייבט זיך אָן אַן אויספאָרשונג פון דער ציווילער פּראָקו־ראַטור, ווער? ווען? ווו? איז ער אין דרויסן... און ער ווייסט, וואָס ער טוט, ווייל יענע שטאַטסקע פוקסן האָבן אַ געזונטן חוש־הריח, אַ־אַ!

— מילא, וואָס ווילסטו קלערן? אַז דו וועסט זיין אין קירסטס ראַנג, וועסטו זיך אויך מסתמא דערלויבן אַזעלכע קלייניקייטן... ווי געפעלט דיר בעסער אָט דער טיפּ? דו גלייבסט אין זיין אומשולד?

— מיר דאַכט זיך, אַז איך גלייב... אפשר האָבן אים די יינגעלעך אַ מאָל געזען און גלאַט אָנגעוויזן אויף אים... און דו, וואָס?

— איך גלייב נאָר די יינגעלעך... נאָר איין זאַך קען מען ביי אים נישט צונעמען: אַן אַרטיסט איז ער אַ גוטער!... אָ! אַ וואַזשנער אַרטיסט! קוקט דעם רעוואָלווער גלייך אין די אויגן אַריין, גיט נישט קיין פּינטל... אַ שרייבער!... נישט קיין קלייניקייט, צו זיין אַ שרייבער!...

אין דער זעלבער צייט זענען קירסט מיט סאָקאָלאָוון אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק, די פּאַפּיראָסן האָבן זיך נודנע געדרייט צווישן די פינגער, נישט געקענט זיך דערוואַרטן אויף אַ צי, אַזוי פאַר־נומען זענען זיי געווען אין אַ שמועס:

— אַזוי איז דאָס, סאָקאָלאָוו, דו האָסט דאָ אַ שווער שטיקל אַרבעט. פּיאַטיגאָרסקי איז דיר נישט קיין יינגעלע... יאָ, דו געדענקסט נישט, פון וועלכן יאָר איז ער?

— דאַכט זיך, אַ צענער, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

— אַזאַ יונגער און שוין אַזאַ כוואַט, כ'בין ממש אַנטציקט פון אים...

— ער זאָל כאָטש בלייבן לעבן פון אייער אַנטציקונג.

קירסט גיט זיך אַ קראַץ הינטערן אויער:

— כ'האָב אויך מורא, אַז כ'האָב אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס.

— בפירוש, איך פאַרשטיי גאָרנישט, פאַר וואָס מאַסקאַליענקאָ קלינגט נאָך נישט אָן וועגן זיין צושטאַנד... אַנטשולדיקט, איין מינוטקעלע...

ער גיט אַ כאַפּ אַראָפּ דאָס טרייבל:

— קאָמענדאַטור? גיט מיר די מעדיצינישע אָפּטיילונג. ווער רעדט? דיזשורנע? וואָס איז מיט דעם פריש־פאַרהאַלטענעם? אַזוי, אַזוי? גוט, גוט, זייער גוט. טוט אַלץ, כדי אים צוריק געזונט צו מאַכן, זשאַלעוועט גאָרנישט. יאָ, יאָ, אין עטלעכע שעה אַרום קלינגט מיר ווידער אָן וועגן זיין געזונט. יאָ. אַ גוטן!

— נו, ער קומט, הייסט עס, ביסלעכוויז צו זיך, נאָר אין אויער איז ביי אים עפּעס אַ צרה... און אינעווייניק אויך עפּעס אָפּגעריסן... נאָר מילא, כאַפּט אים דער רוח. נאָך פאַר זיין געזונט זיך זאָרגן? דער עיקר, אַבי ער לעבט... איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, חבר נאַטשאַלניק, אַז איר דאַרפט שטעלן משקה, וואָס אייער קרבן האָט נישט אויסגעצויגן די פיס... איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער איז טויט...

— ער האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון געדולד מיט זיין טאַמעוואַטעקייט און מיט זיין אומשולדיק אויסזען. קיין שטעלע זוכט ער נישט, ער שרייבט... פאַרשטייסט אַ לשון? טשעפּעט אים נישט, דער פּריץ שרייבט... ווען רעכנסטו איבערגעבן צו פירן זיין ענין?

— אומאַנסקין, רעכן איך, ער איז אַ דורכגעטריבענער יאַט... און בכלל, אַ ייד מיט אַ יידן, אפשר וועט ער ביי אים עפּעס אויסטאַפּן...

— און אויסטאַפּן מוז מען! אַז נישט, גוטער ברודער, קענען מיר אים גאָרנישט טון. צוזאַמען מיט די ווינערס איז פאַרשוווּנדן דער איינציקער באַווייז אויף זיין שולד...

— איך קלער נאָך אים ווייזן פּראָסיען...

— קענסט עס טון, נאָר דאָס וועט גאָרנישט געבן. דער פּראָקוראָר לייגט נישט קיין אַכט אויף: „דאַכט זיך”, „טאָמער”, דאָס איז פאַר אים קיין מאַטעריאַל נישט. מען דאַרף אַלע מיטלען אָננעמען, ער זאָל אַליין זיך מודה זיין, אָנרופן נעמען...

— אפשר אַלס אויסנאַם, צוליב אַזאַ וויכטיקער אָפּעראַציע, וועט איר דערלויבן זיך אַ שפּיל טון מיט זיינע עלטערן פאַר אים אין די אויגן?

— ניין, דאָס איז פאַרבאָטן אין לעצטן צירקולאַר פון נאַרקאָם. שרעקן — יאָ!... נאָכמאַכן פּראָטאָקאָלן... נאָר אַרעסטירן זייטיקע פּערזאָנען — דאָס נישט. עס וואָלט גוט געווען ווירקן אויף אים דורך אַ כלה, אַ געליבטער...

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט...

— ווי לאַנג שמייסט מען אים... עס איז אַן אויסגערויכערטע ליולקע... ער ווייסט ווו איין און ווו אויס... ווי קלערסטו, דאָס פאַרשווינדן פון די ווינערס איז פאַרבונדן מיט אים?

— עס איז ביי מיר אפילו קיין ספק נישט, אַז עס איז אַזוי. די ייִנגעלעך — העכער צוויי וואָכן, די משפּחה — קאַרגע צוויי וואָכן... ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז איינער האָט האָט אָנגעפירט מיט אָט דעם גאַנצן פאַרברעכערישן מעכאַניזם... און איר קלערט דען אַנדערש, חבר נאַטשאַלניק?

— איך קלער אויך אַזוי... נו, איך גיי, געפּטערט ביי דיר אַ האַלבן טאָג... די הענט אויסגעשמירט... נאָר דאָס האָסטו געהאַט רעכט... אמת, אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר... אַ גוטן! איך ווינטש דיר דערפאָלג מיט דיין פּיאַטיגאָרסקין, וואָרעם אויב נישט, קומט אויס, אַז ער איז קליגער פון אונדז אַלע... מיר וואָלטן שיין אויסגעזען...

קאפיטל XXIV

אין יענעם טאָג האָט מען שוין שלמהן אין קאַמער אַריין נישט אי־בערגעפירט, אויפן צווייטן אויך נישט און אויפן דריטן — אויך נישט... פון דער צענטראַלער שטאָט־קליניק פלעגט אַלע טאָג צופאָרן אַ פּראָפעסאָר, ער פלעגט אים באַקוקן, באַטראַכטן, אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ און אַוועק־גיין. און אומגעריכט פאַר יעדן האָט דער חולה אַליין זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף די פיס, געפרעגט, וואָס פאַר אַ דאַטום עס איז און ווען מען האָט אים געזאָגט — געבעטן, מען זאָל אים גיבן זיין פעקעלע עסן. מען האָט אים דערלאַנגט, ער האָט דאָס ביסל שפּייז צעטיילט אויף צווייען. אָוונט־צו אָפּגעגעסן און געמאָלדן דער שוועסטער, אַז פון איצט אָן וועט ער אַ גאַנצן מעת־לעת נישט נעמען אין מויל אַריין, עס איז יום־כפור. זי האָט דאָס דערציילט דעם דאָקטער. יענער איז געקומען, געטריי און לאַנג אונ־טערזוכט אים, און געמאָלדן:

— בירגער פּיאַטיגאָרסקי, איך בין פאַר אייער לעבן פאַראַנטוואָרטלעך. מיר האָט דאָס אָנגעטרויט די העכערע נאַטשאַלסטווע. ביי אייער איצטיקן צושטאַנד, נאָך אַזאַ אָפּגיין מיט בלוט, אויב איר זאָלט נישט איינעמען די רפואות, וואָס מען האָט אייך צוגעשריבן, זענט איר איינגעשטעלט מיטן לעבן, וועל איך זיי אייך מוזן איינגעבן דורך דעם אַרויסגאַנגס־אָרט.

— דאָס קען איך נישט באַוואָרענען. ווי איר פאַרשטייט, אַזוי טוט.

אויף דער דריטער נאַכט נאָך יום־כפור האָט אים מאַסקאַליענקאָ אי־בערגעפירט אין קאַמער צו די „לייבן".

פאַר די לעצטע טעג, וואָס שלמה איז געלעגן צוגעבונדן צום בעט, האָט ער וועגן גאָרנישט געטראַכט. נאָר איין מאָדנער געדאַנק האָט אים ווי אַן איינגעגעסענע פליג געפּיקט אין קאָפּ אָן אַן אויפהער:

— צי קען געמאָלט זיין, אַז דאָס, וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן פון מיר איצט, זאָל נאָך אַ מאָל קומען קיין ארץ־ישראל? מיט די אייגענע אויגן באַטראַכטן דעם ירדן? דעם לבנון? מיט די אייגענע פינגער אָנטאַפּן דעם כותל־מערבי, דער מוטער רחלס קבר?

ערגעץ אין זיין צעשעדיקטן מח האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע בילד־לעך פון לאַנג פאַרגעסענע געשעענישן:

...ער לייענט „יאַסעלע סאָלאָוויי" ביי יאַנין אין שטוב — איז דאָס ווירקלעך אַ מאָל אַזוי געווען? ער גייט צו „זכור ברית" האַלבע נאַכט מיט דער מומע טייבלען — איז דאָס נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך? אָט שפּאַ־צירט ער ל"ג בעומר מיט רייזלען אין וואַלד... ניין, נישט ל"ג בעומר, נאָר ביי נאַכט נאָך דער קאַטאַסטראָפע... דאָס וואַלדשטיבל... דאָס וואַסער אין טייכל איז דאַמאָלסט געווען קאַלט... אַזש געשניטן דאָס לייב...

— זעסטו שוין, רייזל, אַז איך בין געווען גערעכט... אמת, בשעת־מעשה האָט דיין געוויין צעריסן דאָס האַרץ אויף שטיקער, דערפאַר אָבער

האָסטו אויסגעמיטן דאָס גרויסע געוויין, דאָס איצטיקע געוויין, וואָס וועט זיכער פאַרבלייבן אַ בכיה לדורות... זעסטו שוין, האַ? אַ יונגער מענטש טאָר קיין מאָל זיך נישט לאָזן באַהערשן פונעם יאוש... אַ מיאוסע זאַך — יאוש! אַמבעסטן איז אויסוויינען די צרות: מען וויינט, מען וויינט און מען וויינט זיך איבער... שלעכט איז נאָר דעם, וואָס ווערט לעבעדיק באַ־גראָבן, אָט אַזוי ווי איך דאָ...

פאַר זיינע אויגן שוועבט אַ ניי בילד... אָט שטייט ער מיט פּאָלין אין קאַפּע, אין טערעשטשענסקאיאַ... אָט זעט ער זיך אַ וויינענדיקן פּרייטיק־צו־נאַכטס ביים תהילים...

— איי, פּאָלי, פּאָלי, האָסטו מיר מבלבל געווען מיינע יונגע יאָרן... מיינע בעסטע כוחות האָב איך דיר מקריב געווען און דו האָסט זיי פאַר־לענדט מחוץ לעזרה, אָנגעצונדן מיט אש זרה און אָפּגעשיקט לעזאזל... אונדזערע חשבונות זענען שוין איצט פאַרענדיקט, דאָס מאָל — אויף אייביק פאַרענדיקט! קירסט האָט מיט איין פּאַך אונטערגעצויגן די לעצטע שורה... צי דערמאָנסטו זיך כאָטש נאָך אַ מאָל אין דיין געוועזענעם מאַ־נאַרך, וועלכן דו האָסט אַזוי פּלייסיק געצאַפּט דאָס בלוט אין מאָסקווע? צי רייסטו כאָטש אַ מאָל איבער די לעקציע אין אינסטיטוט, כדי מזכיר־נשמה זיין אַ מענטשן, וועלכער האָט דיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט? צי דערפילסטו זיך כאָטש אַ מאָל שלעכט אין מאַרוסיעס געזעלשאַפט, גלייך ווי יענער אומגליקלעכער שלמה וואָלט געווען דערביי?

אַ שווערער נעפּל הילט איין שלמהס קראַנקן מח און ווען ער איז אומ־שטאַנד ווידער עפּעס צו זען, שטייט פאַר אים אַ פרעמדער מענטש, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. ווער איז דאָס? ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, צו וועמען עס געהער אָט די שיין צעקעמטע באָרד... ווו האָט ער זי געקענט זען? אַ־האַ! אוי, אַ קאָפּ ביי אים, דאָס איז דאָך ר' אפרים!... דער רוסישער „חכם"... שאַ! אָט איז ר' אבא־חלקיה מיט אַ כוס אין האַנט... אָט אַזוי מוז אויסזען אליהו־הנביא אין דער סדר־נאַכט...

— נו, זאָגט אַליין, ר' אבא־חלקיה, האָט איר נישט אומזיסט אומגע־בראַכט זבולונען? צוליב אַזאַ „שברי־כלי" ווי איך, האָט מען געדאַרפט איינשטעלן אַזאַ תכשיט אַ יונגערמאַן, ווי זבולון? און גאָט, וואָס זעט אַלץ און ווייסט אַלץ, האָט געזען די גרויסע עוולה, וואָס איז געטון געוואָרן צו אים און האָט פאַר גרויס גרימצאָרן אַוועקגעשליידערט צום שטן ביידע: אי דעם שולדיקן אין דעם אומזיסטן קרבן אי, בהדי הוצא, דעם קרבן אַליין אויך... חבל על דאבדין...

און אָט שטייט ער מיט מרימען אין וועלדל. זי האַלט אים ביים קאָל־נער... פאַר וואָס האַלט זי אים אַזוי שטאַרק? זי וויל אים דערוואַרגן? אָט קושט זי אים... פאַר וואָס קושט זי אים אַזוי שטאַרק? אַזוי בייסט מען, נישט מען קושט...

— אומזיסט, מרים, געווען דיין טרחה... קעגן גאָט קען מען נישט

גיין, הרבה שלוחים למקום, אויב נישט גבריאל דאָרטן, איז סאַקאַלאָוו — דאָ, מצודה פרוסה על כל החיים...

אַט זיצט פרידמאַן און וויינט. וואָס וויינט ער אַזוי? ס'איז אים, שלמהן, באַוויינט ער דאָס אַזוי שטאַרק? ער לעבט דאָך נאָך! קירסט האָט אים דאָך נאָר צעקאַליעטשעט, נישט געהרגעט... אָבער אַ פּייג האָט ער זיי געזאָגט... זאָלן זיי זוכן אין אָמסק עדות אויף אים!...

*

די קאַמער מיט די „לייבן", האָט גאַנץ כשר פאַרדינט איר נאָמען.

דאָס איז געווען אין סאַמע עקסטן ווינקל פונעם אונטערערדישן קאָרי־דאָר פון דער געפּעאו־טורמע אויף פּעטשערסק. די קאַמער איז געווען אַ לאַנגע, נאָר אַ שמאָלע, מיט איין ריי נאַרעס. ביי טאָג זענען זיי געווען אויפגעשטעלט און צוגעבונדן צו דער וואַנט. עס האָט געהאַט אַ פּנים, ווי די גאַנצע קאַמער וואָלט געווען אויסגעשטעלט מיט שאַפעס. אַ ברודנע און אַ ווייסע, ווידער אַ ברודנע און ווידער אַ ווייסע. אָבער ביי נאַכט האָט די וואַנט אַראָפּגעלאָזט די פליגלען און עס איז געווען ממש נישט דורכצוגיין. איבער דער טיר האָט אין אַן אייזערן געפלאָכטן קוישעלע גע־ברענט אַ פאַרשטויבט לעמפּל פון צוואַנציק ליכט. אין לינקן ווינקל, אונ־טער דער סאַמע סטעליע, איז געווען טיף אין דער וואַנט אויסגעהוילט עפּעס אַ מין שטיקל פענצטערל מיט געדיכטע, אייזערנע גראַטעס. דאָס פענצטערל איז געווען ספּעציעל געמאַכט אַן אַ שויב. זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט איז דאָס געווען אָפן. דאָרטן אַרומער איז געגאַנגען אין קאַמער אַריין ריינע לופט פאַר זעכציק מאַן. ערטער צום שלאָפן, זענען נאָר געווען פאַר צוויי און דרייסיק מענטשן. אי־דאָס צו צוויי אַרעסטאַנטן אויף אַ נאַרע. אַלע איבעריקע האָבן, נישט האָבנדיק קיין שום זאַך אונטערצו־בעטן, זיך געוואַלגערט אויפן הוילן צעמענט.

שלמה איז געווען דער איין און זעכציקסטער. פּלאַץ פאַר אים איז שוין נאָר געווען אויף דער סאַמע שוועל. די טיר האָט זיך אַן אַ סקריפּ פאַרמאַכט הינטער אים און שלמהן האָט זיך לכתחילה אויסגעדאַכט, אַז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצטערן, פּוסטן קעלער... ביסלעכווייז האָבן זיינע אויגן אָנגעהויבן צוגעוווינט ווערן, אָנטאַפּן אין דער פינצטער מיטן בליק: ווענט, אַ סטעליע מיט אַ גראָען פלעק אין דער לינקער זייט. פון דעם ראָזע טומאַן האָבן, ווי אין אַ קאַשמאַר, אָנגעהויבן זיך אָנרוקן אויף אים סילועטן פון מענטשן. מענטשן־חיות, קליינע און גרויסע, געלע און שוואַרצע, אַלע מיט צעבראַכטעטע העמדער, צעריסענע הויזן און אַלערליי מינים שיך.

די „באַלעבאַטים" פון דער דאָזיקער קאַמער האָבן איינגנטלעך זיך דאָ געפונען, נישט ווייל זייער אָרט איז געווען דאָ. פאַר זיי, די אַזוי גערופענע „בלאַטנעיע", אויף מענטשן־שפּראַך הייסט עס: פּראָפעסיאָנעלע רוצחים, ווילדע חיות, פאַרפאַלענע מענטשן, פאַר זיי איז דאָ אין לוקיאַנאָווקער טורמע

אַ גאַנץ באַזונדערער קאָרידאָר מיטן שווידערלעכן נאָמען: „דער פערצנטער קאָרידאָר", אָדער די „שטראָף־קאַמערן". אַהינצו פלעגט מען אַריינוואַרפן דעם, וואָס האָט זיך שוין זייער שווער פאַרזינדיקט קעגן דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, אָדער אַזעלכן, וואָס האָט אַגיטירט קעגן דער איינגעשטעלטער דיסציפּלין. פון דאָרט, האָט מען שוין געוווּסט, מוז דער מענטש אָנקומען אין שפּיטאָל אַריין, און איינס פון די ביידע, אויב ער איז געווען אַ גבור, האָט ער זיך נאָך אומגעקערט אין זיין קאַמער, טאָמער אָבער איז ער געווען אַ שוואַכינקער, פלעגט ער שוין פון שפּיטאָל טרעפן גלייך אין טויטן־וואָגן אַריין. אָט דאָרט אין לוקיאַנאָווקער טורמע, אויף זייער שרעקלעכן קאָרידאָר, איז געווען זייער אויטאָנאָמיע. פאַר זיי האָט עקזיסטירט אַ באַזונדער רעזשים. עסן האָבן זיי באַקומען פיר מאָל מער ווי אַ געוויינלעכער אַרעסטאַנט, געלט האָבן זיי אויך פון ערגעץ געהאַט, קאָרטן אויך, און אפילו מעסערס — אויך... אויף יענעם קאָרידאָר איז אַ קיילעכדיק מעת־לעת געווען אַ געפילדער און אַ געבערום ווי אין אַ גרויסשטאָטיש שעכטהויז. אין דער פיל קלענערער און פיל ערגערער טורמע פון געפּעאו זענען געווען בלויז צוויי קאַמערעס־פיליאַלן פון דעם לוקיאַנאָווקער פערצנטן קאָרידאָר: די דרייצנטע קאַמער און די אַכצנטע. אין דער אַכצנטער זענען געווען אָפּגעקליבענע, ערשטקלאַסיקע מענטשן־פרעסערס, אַהין האָט סאָקאָלאָוו מורא געהאַט אַריינצוּוואַרפן שלמהן, מען קען אים דאָרט צורעכטמאַכן נאָך איידער ער האָט געזאָגט איין וואָרט. האָט ער אים געהייסן איינקוואַרטירן אין דער דרייצנטער. דאָרט זענען געווען צווייטע קלאַס רוצחים, נאָך אויך גענוג געפערלעכע, נאָר דאָך שוין אַ ביסל אויסגעלאָשענע ווולקאַנען. אָט די צוויי קאַמערן האָבן געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָל אין דעם פּראָצעס פון דער אויספאָרשונגס־טראַגעדיע.

שלמה האָט אויף דער פרייהייט זיך גענוג אָנגעהערט וועגן אָט די טיגערן אין מענטשלעכע צורות און נאָר אַ קוק טוענדיק אויף זיי האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, ווו ער געפינט זיך. זיין מח האָט האַסטיק געאַרבעט. דאָס האָט ער גוט געוווּסט, אַז פון זיין ערשטן „אַוועקשטעלן" זיך איז אָפּהענגיק זיין גאַנצע ווייטערדיקע עקזיסטענץ. נישט זאָמענדיק קיין איין סעקונדע האָט ער אַרויסגעשטעלט איין פוס אויף פאָרנט און ווילד־ווינגעריש אַ געשריי געטון:

— פּ־פּ־פּו, ענדלעך ווידער צווישן אייגענע, זדאָראָוואַ, אָדלערס!...

אַ פאַרשטיקטער „גוט יאָר" האָט זיך שיטער דורכגעטראָגן צווישן עולם. די מאַסע האָט אים נייגעריק אַרומגעשטעלט און געשטשירעט מיט די ציין. שלמה האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף עמעצנס שווייסיקן קאַרק:

— עך, ברידערלעך, איר לעבט דאָך עפּעס ווי די חזירים, אין אייער גאָטס מאַמעס בויך אַריין!... עס עיפּושט דאָך ביי אייך נאָך ערגער ווי אין אַן אוזבעקישער באָד!... לאָזט, וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט די קוּקערס אויף מיר? אַזאַ קראַסאַוויעץ נישט געזען?

דער המון האָט עטוואָס אָפּגעטראָטן. שלמה האָט אַ וואָרף געטון זיין פּעקל ביכער אויף דער ערשטער נאַרע און געטראָפן גלייך עמעצן אין בויך אריין. יענער איז אַראָפּ ווי אַ צעיושעטער וואָלף און האָט זיך גלייך גע־וואָרפן מיט די פויסטן אויף שלמהן. אין איין אויגנבליק האָט אים שלמה אויסגעדרייט די הענט אויפן רוקן און גרינג אָפּגעשלײדערט פון זיך אויף עטלעכע מעטער.

— דו קוק נישט, וואָס איך בין פאַרבאַנדאַזשירט פון קאָפּ ביז די פּיס. מען זאָל דיך געוועז אַזוי קיצלען ווי מיך, וואָלסטו שוין לאַנג ערד געקייעט. נו, אפשר ווילסטו נאָך? — קום אהער, איך האָב אַ פרישן איינפאַל, ווי אַזוי אַרויסצולאָזן די קישקעס דורכן גאָרגל!... קום אהער... וואַרפט זיך גאָר שלאָגן... זעט, אַז עס קומט אריין אַ חברה־מאַן, און איז קראַנק זיך אויפצוהייבן... וואָס זאָגסטו, ברודערל? — שלמה נעמט ווידער אַרום זיין שכן — איך בין אין אַ ביסל מער טורמעס געזעסן, פון דעסט וועגן ווייס איך, אַז ווען עס קומט אריין אַ נייער חבר, הייבט מען זיך אויף, מען גייט צו אַ קוק טון, אַ שמעק טון, טאָמער איז דאָס גאָר אַ גרינער און מען דאַרף אים ערשט לערנען טאַנצן... כאַ־כאַ־כאַ!

דער שכן, וואָס שלמה האָט אים אַרומגענומען, גיט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— פון וועמען רעדסטו? פון יענער נבלה? יענער ווייסט נאָר ליגן גאַנצע טעג.

שלמה קומט אַריין אין רעכטן פאַרדרום:

— און גלאַט, ווו איז אָפּשיי פּאָר עלטערע און קליגערע? דו זעסט, מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן, שוין געשלאָפן און זיך אויפגעהויבן באַ־געגענען אַ חבר, און ער ליגט, דער קרוינפּרינץ פון עסטרייך —

חברה שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. זיי זענען אין גאַנצן אויף שלמהס זייט. דער אָפּגעוואָרפענער מאַכט פאַרשעמט אַן אָרט אויף זיין נאַרע. שלמה זעצט זיך צו, אַלע שטעלן אים אַרום, ווילן הערן נייעס.

— וועלכע נייעס זאָל איך אייך דערציילן? אַז איך בין שוין אַליין עלף חדשים פאַרקאָנטראַקטירט מיט די עטאַפּן, טאָ — אהין, טאָ — אהער, טאָ — אהין, טאָ — אהער...

— און פון וואַנען ביסטו אַליין?

— אַליין בין איך פון קערטש אויף אַזאָווער ים, געהערט אַ מאָל?

— געהערט, געהערט, וואָס פרעגסטו עפּעס? וואָס זענען מיר, קינ־דערלעך?

— איז דאָרט בין איך געבוירן.

— און ווו האָט מען דיך גענומען?

— אַזש אין סאַראַטאָוו... אַ קרענק איר אין די געדערים!...

— ווער איז דאָס „איר"?

— איך, טאַקע מיין באַשערטער, און איר מאַמעס מאַמען אַריין!...

— האָט זי דיך גאָר אויסגעגעבן?

— זי — מיך אויסגעבן? כאַ־כאַ־כאַ! און זי, הייסט עס, איז אַ קלע־נערער בעל־מלאכה פון מיר? איר האָט נאָך אַזאַ פייער נישט געזען! מיין לידקע איז באַוווּסט אויף האַלב ראַסיי, אירע פינגערלעך זענען אָפּגע־שטעמפּלט אין אַלע מיליציעס פון אונזער אָבלאַסט, נאָר כאַפּט זי דער רוח...

— וואָס דען האָט זי דיר געטון? דערציילן, עס איז אינטערעסאַנט צו הערן...

— איין מאָל, פאַר אַ יאָרן אין דער צייט, האָט דאָס געדאַרפט זיין, אַזוי, אָסיען־צייט... גיי איך מיר פאַר טאָג צו פון אַ שטיקל אַרבעט... אַן אינטערעסאַנט שטיקל אַרבעט, איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, איך בין אַזאַ קינד, וואָס אויף קיין נאַרישע געשעפטן גיי איך נישט. איך האָב ליב אַ גראָב געשעפטל, טאָמער דאַרף מען עמעצן קאַלט מאַכן, איז אויך נישט קיין אומגליק. דער עיקר: עס זאָל לוינען, עס זאָל זיין כדאַי...

פון דער פינצטער גיט זיך אַ וואַלגער אויף שלמהס נאַרע אַ ווערזילע* מיט אַ רויטער, צעקאָשמעטער באָרד, די אויגן ביי אים פלאַקערן:

— גיב אַהער דיין לאַפּע, ברודערל, איך בין אויך אַזוי... דערוואָרגן, דערקוילען... מיטן גרעסטן כבוד... פונעם שלאָף הייב מיך אויף — גרייט! נאָר נאָך דעם זאָל זיין אַ „לחיים", ווי איך האָב ליב... אַלע מיינע יאָרן אַזוי, ווי גאָט איז הייליק. אָדער רויט, אָדער טויט!...

שלמה דריקט אים די האַנט מיט ביידע הענט, וויל אים עפּעס ענט־פערן, נאָר חברה שטויסן אָפּ דעם ריז מיט אַ געשריי:

— גיי צו אַל די רוחות, וואַניושאַ! שטענדיק מוזסטו זיך אריינמישן. ענדיק, ענדיק, ברודערל! וואָס זשע איז געווען, ווען דו ביסט געגאַנגען פאַר טאָג פון דער אַרבעט? דערצייל, הער אים נישט...

— ...די קאָמפּאַניע איז זיך צעקראָכן. מיר האָבן דאַמאָלסט אין אַ האָטעל צורעכטגעמאַכט אַ פּאָר אויסלענדישע טוריסטן, פון אַמעריקע, צי פון פראַנקרייך, ווייסט זיי דער רוח... מיר האָבן זיי דווקא געלאָזט לעבן. איר האָט געדאַרפט זען, ווי זיי האָבן גענעבן אַ הייב אויף די הענט אין הימל אריין, און אָנגעהייבן צו קראַקען אויף זייער טייוולאַנישער שפּראַך:

— אוביל נאַאו נאַדאַי... אוביל נאַאו נאַדאַי...

האָבן מיר זיי צו ליב געטון. מיר האָבן זיי גוט געבונדן, די מיילער פאַרשטאָפּט מיט זייערע נאָזטיכעלעך און פאַרשלאָסן אין שראַנק. אַליין האָבן מיר זיך אָנגעטון אין זייער הלבשה, דאָס איבעריקע אויף זיך אַרומ־געבונדן, היינט טאָר מען ביי נאַכט מיט קיין קלומקעס נישט גיין. דאָס געלט מיט די ווערטפולע זאַכן האָב איך ביי זיך... אין דער פרי, ביי אַ גלעזל משקה, פלעגן מיר זיך צעטיילן... פאַר מיין לידקען האָבן זיי אַלע אָפּשיי, זי איז ביי אונדז דער אַטאַמאַן. די קאָמפּאַניע איז זיך צעקראָכן

---

* אַן אומגעלומפּערטער ריז.

אויף אַלע פיר זייטן און איך גיי מיר אַזוי דרייסט אַהיים און איך זינג מיר אַ לידל... פּלוצלינג, ווי פון אונטער דער ערד, וואַקסט אויס אַ „מיל־טאָן *, דעם שפּייער גלייך אויף מיר: „שטיי"! — שטיי איך... — „פון וואַנען איז?" — „פון אַ חבר". — „ווו וווינט דער חבר?" — רוף איך אים אָן אַדרעס פון יענער ריכטונג, פון וואַנען איך גיי. „פאַר וואָס אַזוי שפּעט?" — „זיך פאַרזעסן, ביי אַ שמועס, גוטע חברים"... — „וואָס טראָגסטו ביי זיך?" — „טאַבאַק מיט עטלעכע רובל. וואָס קען האָבן ביי זיך אַן אַרבעטער פון אַ שוסטער־אַרטעל?"... איך רעד, און אונטערן לע־פּעלע נאָגט מיך, ווייל חוץ די זאַכן פון די אויסלענדער האָב איך ביי זיך נאָך אַ פּינקע **... נאָר וואָס קען מען העלפן? יענער שטייט דריי שפּאַן פון דיר און צילט זיך גלייך אין הארצן אריין... ער גיט אַ קאָמאַנדעווע: „קום אין ראַיאָן מיליץ!" — „וואָס איז עפּעס אין ראַיאָן?" — „דאָרט וועלן מיר אַ קוק טון, ווער דו ביסט און וואָס דו האָסט ביי זיך"... — „וואָס האָסטו דען אויף מיר אַזעלכעס דערזען?" — „גאָרנישט האָב איך נישט דערזען, קום און רעד נישט קיין סך"... — „וואָס זשע דאַרפסטו מיך שלעפּן אַזש אין ראַיאָן? אָט איז אויף יענער זייט ראָג מיין שטוב, קום אריין, וועסטו דאָרט אַלץ באַקוקן"... און ביי זיך טראַכט איך, מיר וועלן זיך שוין מיט אים אָן עצה געבן, איך מיט לידקען, ווי האָב איך אים שוין נאָר ביי זיך אין שטוב... און ווי מיינט איר? אויף מיין וואָרט, ער גיט זיך אַ דריי אויס און זאָגט מיר: „גוט! גיי פאַראויס"...

שלמה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ווערט אַנטשווייגן. דאָס פּובליקום איז אומגעדולדיק, מען טאָרקעט אים פון אַלע זייטן:

— נו, ווייטער, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

שלמה הייבט אויף דעם קאָפּ, גיט אַ פיר מיט דער דלאָניע איבערן שטערן:

— עפּעס אינעווייניק איז ביי מיר אַ גאַנצע צרה, שאַקאַלן זאָלן פרעסן זייערע לייבער... יאָ, איז ווו זשע האַלט איך?

— ווי דער מילטאָן פירט דיך...

— אַ־האַ! יאָ... גייען מיר, הייסט עס. איך שליס אויף די טיר מיט מיין שליסל, מאַך אויף די עלעקטריע... לידקע פאַר דערשרעקט און פאַר אומגעריכטקייט שפּרינגט אַראָפּ פון בעט אַ נאַקעטע, אדם־נאַקעט און שטייט. דער מיליציאָנער — ער נעמט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ. איך גיב אַ געשריי: „לידקע, ווי שעמסטו דיך נישט?" זי ווערט רויט און נעמט זיך אַרום מיט אַ ליילעך... ער הייסט מיר ווייזן אַ דאָקומענט, אַז איך אַרבעט. איך הייב אָן זוכן אין די קעשענעס... און דאָ ווייס איך נישט, צי ער האָט איר אַ ווונק געטון, צי זי — אים, צי ביידע איינער דעם אַנ־דערן, צי דער רוח ווייסט זייערע ביינער, נאָר דער „מילטאָשאַ" איז איבער־געביטן געוואָרן. ערשטנס, אַריינגעלייגט דעם נאָגאַן אין קאָבורע ***, דער־

* אויף דער „בלאַטסקע" שפּראַך: מיליציאָנער.

** אַ קורץ פיניש מעסער. *** אַ שיידל פאַר אַ רעוואָלווער.

נאָך נעמט ער מיין דאָקומענט, קוקט אפילו אויף אים נישט, לייגט אים אריין צו זיך אין טאַש און זאָגט מיר: „מאָרגן וועל איך אַ קוק טון אין ראַיאָן, צי דו ביסט צוגעשריבן, און דאַן וועל איך דיר אומקערן דעם דאָקומענט". — „ווען זשע, פרעג איך, זאָל איך קומען נאָך אים?" — „דאַרפסט נישט קומען", זאָגט ער מיר, „איך וועל דיר אים אַליין אריינ־ברענגען". — „צו וואָס דאַרפט איר זיך מטריח זיין?" — „זאָל דיך נישט אַרן. דו זאָג בעסער, ווען טרעפט מען דיך מאָרגן אין דער היים?" — „איך אַרבעט מאָרגן אויף דער צווייטער סמענע, אַזוי אַז ביז איינס בין איך אין דער היים." — „גוט, וועל איך אים דיר אַריינטראָגן ביז איינס"... הקיצור, איך בין אַוועק אין אַרטעל, ער האָט אים דווקא נישט געבראַכט... ביי נאַכט, איך קום פון דער אַרבעט, דער דאָקומענט ליגט אויפן קאָמאָד. לידע דערציילט, אַז ער האָט אים אָפּגעבראַכט, ווי נאָר איך בין אַרויסגעגאַנגען. עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג, איך האָב שוין גאָר כמעט פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה. נאָר עפּעס איין מאָל פרעגט מיך אַ שכן: „סאַשקאַ, וואָס גייט עפּעס צו דיר אַלע טאָג אַ מיליציאָנער?" איך ענטפער אים עפּעס אַ תירוץ און פרעג נאָך דעם ביי לידען, וואָס האָט שוין דאָ ווידער געוואָלט דער נאַרישער „מילטאָן"? — „ווייסט אים דער רוח", ענטפערט זי, „ער וויל, אַז דו זאָלסט אים מאַכן אַ גוטע פּאָר שטיוול"... — „וואָס זשע האָסטו אים געענטפערט?" — „אַז איך קען אים גאָרנישט ענטפערן, איך וועל פרעגן ביי דיר"... — „פּאַר וואָס זשע האָסטו נישט געפרעגט ביי מיר?" — „איך האָב גאָר פאַרגעסן"... בקיצור, עס זענען אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר וואָכן. ע, איך זע, אַז עס איז אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, היינט איז אַ מעשה מיט שטיוול, מאָרגן מיט עפּעס אַנדערש. די שכנים טייטלען אויף מיר מיט די פינגער... די שכנטעס באַהאַלטן די פּנימער, אַז איך גיי דורך, לאַכן מיר הינטער די פּלייצעס, קנייפּן זיך און שטיקן זיך פאַר געלעכטער... און איך, ווי אויף צו להכעיס בין אין דער לידען... ביז איבער די אויערן!... נו, טראַכט איך מיר, דו „מילטאָשאַ", וואַרט אויס!... איך בין אויך אַ יונג אַ כוואַט!... אין איינעם אַ פרימאָרגן טראַכט איך אויס לידען, אַז צו דער אַרבעט גיי איך היינט נישט, ווייל עלף אַ זייגער פאַר מיטאָג פאָר איך מיט עטלעכע חברה־לייט אַוועק מיטן צוג... ס'קען דויערן עטלעכע טעג... אַ מעשה מיט אַ צוקער־טרעסט... מען דאַרף באַקומען געהאַלט פאַר דריי חדשים מיט אַ מאָל... בקיצור, איך נעם די פינקע, געזעגן זיך און איך גיי אַוועק... ביז האַלבער נאַכט בין איך געזעסן אין רעסטאָראַן, פּונקט אַ פריילעכע קאָמפּאַניע געווען, שוין פאַרבראַכט, טאַקע גאַנץ שיין פאַרבראַכט.

שלמה פאַרקרימט זיך און נעמט זיך טאַפּן ביים בויך. די חברה איז אומצופרידן, וואָס ער שלאָגט זיך אַליין איבער, אפילו וואַניושאַ שרייט שוין אויך אָן אויף אים:

— דו ביסט דאָך נישט קיין דאַמעטשקע, וואָס הערסטו זיך איין אַלע מאָל? דער בויך איז אַ בויך, זאָלסט אים נאָר האָבן, מיט וואָס צו האָדע־

ווען. דערציי̇ל שוין, נו, האָסטו פאַרבראַכט אין רעסטאָראַן... וואָס זשע איז געוואָרן?

— ...יאָ, האָב איך פאַרבראַכט אין רעסטאָראַן... בקיצור, איך האָב געמאַכט יענע כוסה... האַלבע נאַכט, איך שלים אויף די טיר מיט מיין שליסל. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב באַמערקט פאַר דער לבנה־שיין, איז געווען אַ רעוואָלווער אויפן טיש... איך — אין טאַש אריין! איך דעק אָפּ די קאָלדרע — יאָ, אַזוי ווי די טייבעלעך... נו, אונטערן גלעזל בין איך געווען... נישט געווען גענדאַרפט טרינקען... דער ספּירט האָט מיר אַ זעץ געטון אין קאָפּ, און זיי — ווי אויף צו להכעיס, שלאָפן... אַזוי אַרומגענומען. איך האָב אים מיט דער פּינקע אַ קיצל געטון ביים האַלדז... טאַקע נישט מער ווי אַ קיצל געטון, זאָג איך אייך, ערנוואָרט!... נאָר איך האָב אַ שווערע האַנט, ווייסט זי דער רוח... דער בחור האָט אפילו קיין כאָרכל נישט געטון, אַזוי ווי אַ הינדעלע אויסגעצויגן די פיס... נו, זי האָט אויפגעהויבן אַ קוויטש... מען איז זיך צונויפגעלאָפן... מיליציע געבראַכט... נו, איר פאַרשטייט אַליין נישט? אַ מיליציאָנער — טויט, אין טאַש — אַ רעוואָלווער... מען וואָלט מיך שוין אפשר לאַנג אויפגעהאַנגען, טשעפּן זיי זיך צו מיר וועגן אַ באַנק מיט פּייער־קאַסעס מיט נאָכגעמאַכטע שלים־לען... אַזאַ נאַר בין איך, מיינען זיי, איך וועל גיין ליידן פאַר אַלע... גלייך ווי איך איינער בין געווען דאַמאָלסט. יענע לעבן ערגעץ אַ גוטן טאָג און איך זאָל אויף זיך נעמען דעם אחריות פון דער גאַנצער באַנק... נישט דערלעבן וועלן זיי!... כ'בין אויך אַ גוטער, נישקשה....

— ווער האָט דאָס דאָרט דיך אַזוי גוט אויסגעקנעטן?

— כ'ווייס, ווער ער איז? איך בין געווען אויף זיינע קריסטינעס? *

— דו האָסט געאַרבעט בלויז אין סאַראַטאָוו?

— וואָס? כאַ־כאַ־כאַ!... דו האָסט נישט אַזוי פיל האָר אין קאָפּ, אין וויפל שטעט איך האָב מיינע פינגערלעך צוגעלייגט. איך האָב גאַסטראָלירט אין קאַזאַן און אין אָריאָל, אין אופאַ און אין וויטעבסק, אין קאַמיניעץ־פּאָדאָלסק און אין וואָראָניעזש, איך ווייס ווו נאָך? איך האָב גאָרנישט אַזאַ גרויסן קאָפּ צו געדענקען... אוי, די ביינער ברעכן!... די אויספאָר־שערס — הונדערט מכשפות זיי אין בויך אריין! זיי האָבן גאָר קיין רחמנות נישט אויף קיין מענטשן!...

וואַניושאַ האָט זיך ווידער צוגערוקט, פאַרקוקט געטריי שלמהן אין די אויגן:

— וויפל ביסטו אַלט, פריינט?

— דריי און דרייסיק, וואָס איז דען?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי. דריי און דרייסיק און איך האָב געמיינט צוואַנציק! קום, דו וועסט שלאָפן מיט מיר אויף דער נאַרע... איך וועל דיר עפּעס אונטערשפּרייטן. געגעסן האָסטו נאָך אויך אודאי נישט?

* דאָס טויפן.

שלמה באַלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּן און פֿרעגט גיריק:
— אַז נישט, וואָס האָסטו דען?
— אָ־אָ! ביי אונדז זענען דאָ אַלע גוטע זאַכן!... קום, וועל איך דיר געבן...

שלמה הייבט זיך אויף, וואַניושאַ נעמט זיין פּעקל ביכער.
— אוי, וואָס איז ביי דיר דאָרט אַזאַ שווערס? מען מעג אַ קוק טון?
— נישט נאָר אַ קוק טון, נאָר אפילו פּאַרזוכן אויך...

שלמה צעפּאַקט דאָס פּעקל און צעוואַרפֿט די ביכער איבער דער נאַרע. וואַניושאַ מאַכט אַ קרומע מינע:
— פע, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאַסקודסטווע? דו פֿאַרנעמסט זיך מיט אַזעלכע צערעמאָניעס? וועסט נאָך באַקומען אַ פּאַפּירענע נשמה.
— וואַניושאַ, ביסט אַ גרויס פערד און מער גאָרנישט!... דו פֿאַרשטייסט נישט דעם קונץ, חכם איינער? זיי מיר: באַנק, שליסל, טויזנטערס; און איך זיי — ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט, היסטאָריע. דאָס געשעפֿט לוינט... קענסט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן...
— איי, ביסטו אַ געבלאַטעוועטער... אַזוי אַ קוק טון, קען מען מיינען: אַ פּריצל... גיי טרעף, וואָס אין אַזוינעם שטעקט...

פֿון אַלע נאַרעס ווערט צונויפֿגעטראָגן פֿאַר שלמהן „מיט די געסט": ברויט, שטיקלעך חזיר, שטיקלעך קאָלבאַס און כאַלאָדיעץ *...

שלמה ברעכט אָפּ אַ שטיקל ברויט. דאָס ברויט איז אַלט־געבאַקן און פֿאַרשימלט. אין האַלדז איז טרוקן. ער קייעט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ער טראַכט, ווען האָט ער זיך דאָס געוואַשן? היינט, צי נעכטן? עס איז ביי אים אין קאָפּ אַזאַ מישמאַש, אַז ער האָט שוין גאָר פֿאַרלוירן דעם חשבון פֿון די טעג... אפשר מאַכן שוין גאָר מענטשן ערגעץ: „לישב בסוכה"?... ער פֿאַרקייעט אָט די פֿראַגע מיט אַ סוכאַר און באַמיט זיך צו פֿאַרגעסן, אַז ערגעץ איז דאָ אַ צווייטע וועלט.

וואַניושאַ קוקט אים אָן פֿאַרוווּנדערט:
— פֿאַר וואָס נעמסטו נישט צובייסן?
— די דאָקטוירים האָבן מיר פֿאַרבאָטן.
— וואָס, דו גלייבסט אין אָט די ווייסע כאַלאַטן מיט די הילצערנע אויערן? ביסטו דאָך נאָך גאָר אַ יאָלד!...
— ביסט אַליין אַ יאָלד און נאָך אַ גרויסער אויך!... איך הער מיך צו נישט צו זיי, נאָר צו דעם, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אינעווייניק!... זיי האָבן מיר אָפּגעריסן די קישקעס, אַ יאַזווע ** זיי אין מאָגן...

ער קייעט אויף דעם סוכאַר, טוט אויס די שיך, ציט אויס די צעבראָכענע ביינער און וויל פּרווון איינשלאָפֿן. ער הערט, עמעצער פּאַרעט זיך ביים שלאָס. דער שליסל דרייט זיך איבער, און דער סאָלדאַט רופֿט אויס:
— פּיאַטיגאָרסקי, צום אויספֿאָרשער!

---

* פּאָרקילטע פעטע יויך. ** אַ מכה.

קאפיטל XXV

שלמה מאכט זיך נישט הערנדיק, וואניושא טארקעט אים:

— גיי שוין, גיי, זעסט דאָך, אַז מען פארגעסט אין דיר נישט.

מיט די לעצטע כוחות טוט שלמה אָן די שיך, נעמט אויף זיך דעם מאַנטל און גייט אַרויס אין קאָרידאָר. דאָרטן וואַרטן שוין אויף אים צוויי זעלנער מיט די נאַגאַנען אין די הענט. איינער גייט פאָרויס, דער צווייטער הינטער אים. זיי דאַרפן דורכגיין אַ לאַנגן הויף. די צענטראַלע פּאַראַדנע איז גאַנץ ווייטלעך. שלמה שפּאַנט לאַנגזאַם, באַטראַכט די קײַלעכדיקע לבנה מיט די לעבעדיקע שטערנדלעך. ער טראַכט: וויפל יאָרן בין איך אַרומגעגאַנגען אויף דער פרײַ און גאָרנישט געפילט קיין טעם אין דעריי־נען... דער הינטערשטער זעלנער טרײַבט אים אונטער מיט אַ שטורך אין פּלייצע. ער פאַרגיכערט די טריט און זיי גייען אַרײַן אין פּאַראַדנע. שלמה ווערט אַרויפגעפירט אויף דעם זעלבן קאָרידאָר, וואָס אין ערשטן טאָג פון זײַן אַרעסט, און ער באַמערקט, אַז מען האָט אים אָפּגעשטעלט לעבן אַ פרעמדער טיר אין מיטן קאָרידאָר. אַ זעלנער עפנט שטיל די טיר און ראַפּאָרטירט:

— צוגעשטעלט דעם אַרעסטאַנט פּיאַטיגאָרסקי.

אַ קלינגענדיק יונג קולכל ענטפערט לוסטיק:

— פירט אים אַרײַן און איר זענט פרײַ!

זיי לאָזן אים דורך און פאַרמאַכן פאָרזיכטיק הינטער אים די טיר.

דער אויספאָרשער גיט אים נישט קיין צײַט זיך אַרומקוקן. ער שטייט אויף אַקעגן אים, ווענדעט זיך צו אים פרײַנטלעך אויף „איר":

— זיצט, חבר פּיאַטיגאָרסקי. אָט האָט איר אַ שטול.

און ער אַליין שטייט און באַטראַכט שלמהן פון קאָפּ ביז די פיס. אויף זײַן פּנים איז אויסגעגאָסן אַזוי פיל רחמנות, אַזוי פיל מיטגעפיל...

שלמה כאַפּט אַ קוק אויף אים: אַ האַרציק פּנים, אַ שיין יידיש בחורל. אודאי נישט עלטער פון אַ יאָר צוויי, דרײַ און צוואַנציק, ממש בלוט און מילך... און רופט אים „חבר"...

— אַך־אַך־אַך! איך קוק אויף אײַך און דאָס האַרץ צערײַסט זיך אין מיר אויף שטיקלעך. וויפל זענט איר אַלט, שלמה?

— צוויי און צוואַנציק יאָר.

— צוויי און צוואַנציק יאָר! און איר זעט אויס ווי אַ פערציק־יעריי־קער! נאַט אײַך אומיסטן, גיט אַ קוק...

ער דערלאַנגט שלמהן אַ טאַשן־שפּיגעלע. שלמה קוקט פאַרוואונדערט אויף דעם פרעמדן פּנים, וואָס קיקט אויף אים פון דאָרטן. אַ האַלבער קאָפּ מיט איין אויג איז פאַרבאַנדאַזשירט, אַרום צווייטן אויג — אַ שוואַרץ רעמל, ווי אויסגעשמירט מיט סאַזשע. די באַקן — שרעקלעך אײַנגעפאַלן, די ליפּן — טויט, אַ באָרד אָנגעוואַקסן... און וואָס איז די רבותא? אין דער היים פלעגט ער זיך טאַקע שערן אַ טאָג איבער אַ טאָג.

— ...און קוקט, ווי איר האָט ערשט נישט לאַנג אויסגעזען...

שלמה נעמט אין האַנט אַ פאָטאָגראַפיע. אָ! אַ באַקאַנטע פאָטאָגראַפיע. פון די זעלבע, וואָס פאַלי האָט איינע ביי זיך... ער דרייט זי אוים אויף דער לינקער זייט: „אויף אַן אייביקן אָנדענק מיין טייערער שוועסטער דינה". פון אַלבאָם, הייסט עס, צוגענומען. שלמה פאַרגלייכט זיין פנים אין שפיגעלע מיט זיין שיינענדיק פנים אויף דער פאָטאָגראַפיע. אַ געדאַנק לויפט אים דורך ווי אַ בליץ: מה־דאָך אַז פאַלי האָט מיך נישט געוואָלט מיט אַזאַ ליכטיק פנים, היינט וואָס וואָלט זי שוין איצט געזאָגט, ווען זי דערזעט מיך?

— אויב איר ווילט, קענט איר די פאָטאָגראַפיע לאָזן ביי זיך, וועט איר אָפטער אַ קלער טון וועגן אייער איצטיקער לאַגע... דאָס שפיגעלע וואָלט איך אייך אויך געשענקט, איך קען קריגן אַן אַנדערס, נאָר אין קאַמער דערלויבט מען נישט האַלטן קיין גלאָז...

— ניין, אַ דאַנק אייך, מען דאַרף גאָרנישט.

שלמה קערט אום ביידע זאַכן דעם אויספאָרשער.

— פאַר וואָס זשע נעמט איר נישט די פאָטאָגראַפיע? שוין זשע איז ביי אייך נישט טייער אַן אָנדענק פון אייער פאַרלוירענער פרייהייט?

— פונקט פאַרקערט, טאַקע ווייל אַזוי... נישט כדאי אויפצורודערן די ווייטיקן...

יענער גיט גלייכגילטיק אַ קוועטש מיט די פּלייצעס:

— ווי איר ווילט אייך, דאָס איז אייער זאַך... דער אויער שמערצט אייך נאָך?

— נישקשהדיק...

— אוי, וואָס ווילט איר? הידים ידי עשיו... אַז נישט איז ביי זיי אַן אַרעסטאַנט פאַררעכנט פאַר אַ מענטשן? אַז נישט ווייסן זיי פון אַ מאָס? שלמה שווייגט.

— נו, וועלן מיר זיך נעמען צו אונדזער אָפיציעלער אַרבעט, הייסט עס... מיך רופט מען אומאַנסקי. מיר האָט מען איבערגעגעבן אייער ענין דערפירן ביז צו ענדע... אָדער ביזן באַפרייען, אָדער ביזן שיסן... דאָס וועט זיין געווענדט, חבר פּיאַטיגאָרסקי, אין אייך אַליין... איך וועל אייך נישט שלאָגן... איך וועל פון אייך נישט שניידן קיין שטיקער ווי אַנדערע טוען... איך בין אויך אַ ייד... און נאָך אַ רבינס אַן אייניקל... קוקט נישט דערויף, וואָס איך אַרבעט אין געפּעאו, איינס האָט נישט מיטן אַנדערן...

ער גייט אַריבער פון יענער זייט טיש און זעצט זיך אַוועק אויף זיין אָרט.

— רוקט זיך צו, פּיאַטיגאָרסקי, נעענטער אַ ביסל...

ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין ביידע הענט און לייענט עפּעס אין שלמהס פּאַפּקע פּאַפּירן. ער לייענט לאַנגזאַם, לייענט פינף מינוט, צען מינוט... ער גיט אַ שמוצער מיט די ליפּן, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ קוק אויף שלמהן און וואַרפט אַרוים אַ בויגן פּאַפּיר פון דער פּאַפּקע אויפן טיש.

ווידער לייענט ער. נאָך פינף מינוט, נאָך צען מינוט... שלמהן שלע־פערט... ער דערמאָנט זיך מיט בענקשאַפט אין וואַניושעס שטיקל נאַרע, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן. דער אויספאַרשער, א פנים, האָט אין גאַנצן אין אים פאַרגעסן. ווי כלאחר־יד קוקט זיך שלמה אום אויף אים און טרעפט אויף זיך אָנגעצילט א פּאָר שאַרפע אויגן ווי אָפגעניקלטע צוויי שפּיזן.

יענער פרעגט אים מיט אַן אָנגענעמען טענאָר, ווי אין מיטן א שמועס:

— איז וואָס זשע קלערט איר אַצינד צו טון?

— וואָס איר וועט הייסן, בירגער אויספאַרשער.

— אויב איר וועט אַזוי טון, איז א סימן, אַז איר זענט א קלוגער מענטש.

שלמה שווייגט.

— איר מוזט מיר אויסדערציילן אַלץ, וואָס איר ווייסט... ממש — פון אונטערן נאָגל...

— אויב איך וויס נאָר... ווי דען אַנדערש?

אומאַנסקי קראַצט אָפּ מיטן נאָגל א פּינטעלע פונעם גרינעם טיש־געוואַנט און זאָגט מיט דעם זעלבן גוטברודערישן טאָן:

— קיין קינדער טשעפּע איך נישט, נאָר די נעמען פון די מלמדים דאַרף איך אומבאַדינגט וויסן...

— איך האָב פון צען יאָר אָן קיין מלמד פאַר די אויגן נישט געזען...

— דאָס איז שוין אַלט. איר אַליין רעדט און לאַכט. מיר רעדן דאָך ערנסט.

— איך רעד נאָר ערנסט. לאַכן גלוסט זיך מיר עפּעס גאָרנישט...

— יאָ — אָ, א שיינער ערנסט... און פון קיין מקוה ווייסט איר אודאי נישט?

— מיין ווייב גייט נאָך נישט אין קיין מקוה...

— האָט איר, הייסט עס, יאָ א ווייב?

— טאַקע דערפאַר גייט זי נישט, ווייל איך האָב זי נאָך נישט...

— איר זעט, אַבי איר האָט געזאָגט, אַז אייך גלוסט זיך נישט לאַכן. אָט ווערטלט איר זיך...

— עס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט... טאַקע א נאַרישקייט... אַנטשולדיקט!

— אַן אַנדער ברירה האָב איך? איר, פּיאַטיגאָרסקי, אַנטשולדיקט מיר אויך. איך האָב אייך אומזיסט אַרויסגערופן... איר קענט זיך אומקערן שלאָפן. מיר האָבן, אויב אַזוי, גאָרנישט פון וואָס צו רעדן.

— עס טוט מיר זייער לייד, נאָר וואָס קען איך העלפן?

— איר קענט אודאי העלפן, איר קענט זיך מודה זיין...

— איך האָב אָבער נישט אין וואָס...

— זאָגט מיר, מיט דעם וועג פון כאַרקאָוו אויף ראָסטאָוו זענט איר א מאָל געפאָרן?

— איין מאָל אין מיין לעבן.
— ווען איז?
— ערשט נישט לאַנג, צוריקפאָרנדיק פון מיטל־אַזיע.
— און איך זאָג, אַז דריי מאָל.
— איך געדענק עפּעס נישט.
— פון די קלעפּ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביי אייך דער זכרון...
ער גייט אַרויס פון טיש, גייט צו, לייגט אַרויף שלמהן אַ האַנט אויפן אַקסל, פאַרקוקט אים לאַכנדיק אין די אויגן און זאָגט מיט אַ שמייכל:
— נו, איין מאָל, צי דריי מאָל?
— איך געדענק נאָר איין מאָל.
— און נאָך די ייִנגעלעך קיין לאָזאָוואַיאַ אַהין און צוריק, האָט איר פאַרגעסן?
— וועלכע ייִנגעלעך?
— נו, די ברידערלעך וויינער, אייערע סטודענטלעך...
— איך הער דאָס ערשטע מאָל פון אַ סטודענט וויינער...
— ע, גוטער ברודער, עס קען דאָך גאָר פּלאַצן די גאַל רעדנדיק מיט דיר. גיי, איך בין מיט דיר ברוגז...
שלמהס מח פיקסירט:
— ער איז שוין איבערגעגאַנגען אויף „דו“, אַ סימן — אַז עס הייבט זיך שוין אָן...
אומאַנסקי נעמט אַראָפּ דאָס טרייבל פון טעלעפאָן:
— קאָמענדאַטור? שיקט מיר אַרויף צוויי זעלנער אויף דורכצופירן דעם אַרעסטאַנט פּיאַטיגאָרסקי.
אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, רעדט ער פאַרטראַכט, ווי צו זיך אַליין:
— אַ מענטש שרייבט זיך אַליין אונטער אַ טויט־אורטייל. זיין ענין וועט אַוועקגיין אין פּאָליט־טריבונאַל און מען וועט אים זיכער שיסן...
עס קומען אַריין צוויי זעלנער. שלמה גייט דורך אין דער מיט צום אַרויסגאַנג צו. הינטער זיינע פּלייצעס גיט אומאַנסקי עפּעס אַ ווונק צום זעלנער, יענער ענטפערט אים מיט אַ ווונק און פאַרמאַכט די טיר.
אויפן קאָרידאָר איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. צי איז עס דערפאַר, וואָס די טירן זענען אויסגעבעט מיט אַזאַ מין מאַטעריאַל, וואָס לאָזט נישט דורך קיין שאָרך, צי ס'איז טאַקע פּשוט שפּעט. די שיין פון די מילכיקע אַבאַזשורן שלעפערט. די פיס — קוים וואָס ער פּלאָנטערט מיט זיי. אָט זענען שוין די טרעפּ. אין דרויסן וועט ער נאָך אַ מאָל זען די לבנה, אָט דעם זילבערנעם סימבאָל פון ליבע...
— גיכער אַ ביסל ריר זיך, פּגירה דו! קריכט ווי אַ זשאַבע —
און שלמה פליט פון אַלע טרעפּ ווי אַ פעסל, צעשמעטערט זיך אַלע אברים אין די צעמענטענע טרעפּ און אין די אייזערנע שטאַכעטן. ער פּילט ווי מען קלאַפּט אים מיט אַ שטיוול אין פּוס:

— נו, אויפגעשטאַנען זאָל ווערן, נבלה, דאָ איז דיר נישט קיין קרעטש־מע...

מיט די לעצטע כוחות הייבט זיך שלמה אויף און פליט גלייך פון דעם צווייטן שטאָק טרעפּ... ווידער אַ טאַרקע. אַ צעיושעטער הייבט ער זיך אויף, מאַכט אַ שריט פאָרויס און פליט ווידער פון דעם לעצטן שטאָק. אונטן שלעפּן זיי אים אַרויס אויפן הויף, שטעלן אים אויף, און זאָגן קורץ און שאַרף:

— גיי!...

זיי פירן אים צו צו אַ וואַסערקראַן:

— וואַש זיך אָרום דאָס פּנים מיט די הענט און טאָמער גיסטו כאָטש אַ פּיפּס דעם אויספאָרשער פון דעם אָלעמען, ביסטו אַ פאַרפאַלענער...

ווי עס איז וואַשט שלמה אָרום דאָס בלוט. דער באַנדאַזש האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דעם אויער און איז נאַס. די אויגן זענען אונטערגעשלאָגן, קוים וואָס ער זעט ווו צו גיין. זיי שטופּן אים אַריין אין קאַמער און פאַר־שליסן די טיר.

אין קאַמער שטייט אַ געשטאַנק, אַז ס'איז נישט אויסצוהאַלטן. וואַ־ניושאַ שלאָפט ווי אַ געהרגעטער, צעוואָרפן די הענט מיט די פיס. גע־שטאָרבן דער געלעגער אויך. ער מוז זיך אָבער ערגעץ צוזעצן. ער ציט זיך אוים אויפן צעמענט ביי דער סאַמע טיר און דערפילט ערשט זיינע וווּנדן. עס גייען אַוועק עטלעכע מינוט. שלמהן דאַכט זיך, אַז אויב ער וועט זיך אָנשפּאַרן אין דער וואַנט, וועט ער קענען כאַפּן אַ דרימל. ער רוקט זיך אונטער האַרט צו דער שווייסיקער וואַנט לייגט אונטער דאָס היטל אונטערן קאָפּ און וויל שוין צומאַכן אַן אויג, ווי ער דערהערט טריט הינטער דער סאַמע טיר. עס לויפט אים דורך אַ געדאַנק:

— אודאי אַ פרישער גאַסט. ווו וועט ער זיך לייגן?

די טיר עפנט זיך אויף, מען האָט שיר נישט אַרויפגעטראָטן אויף אים. עס צינדט זיך אָן אַן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל, עס גיט אַ שמיר דאָס צימער ווי מיט אַ באַרשט פון אויבן ביז אַראָפּ:

— פּיאַטיגאָרסקי, ווו ביסטו ערגעץ?

— אָט בין איך.

— קום!

קאפיטל XXVI

אומאַנסקין טרעפט שלמה אין דער זעלבער פּאָזע, וואָס ער האָט אים נאָר־וואָס איבערגעלאָזט. יענער הייבט אפילו נישט אויף די אויגן, רעדט מיט אַ שטאַמלענדיק, שולדיק קול:

— איך האָב אין זינען געהאַט, אין זינען געהאַט, און טאַקע פאַרגעסן אייך צו זאָגן איין זאַך. זיצט, פאַר וואָס שטייט איר עפּעס?

ער הייבט אומגערן אויף די אויגן אויף שלמהן און גיט אַזש אַ שפּרונג אונטער:

— גאָט מיינער! ווו האָט איר זיך עס אַזוי צעביילט דעם שטערן, די אויגן?

— איך האָב זיך אומגערן אַ גליטש געטון אויפן קאָרידאָר.

— איי, איי, איי! ווי אַזוי איז עס אַ מענטש אַזוי נישט געהיט? איי, נישט גוט...

אין שלמהס כמעט פּאַראַליזירטן מח פליט דורך אַ געדאַנק:

— גבריאלס אייקען...

— יאָ, וועגן וואָס זשע האָבן מיר גערעדט? אַ־האַ, זיך דערמאָנט!... אָט האָט איר באַשלאָסן צו באַצאָלן מיט אייער לעבן פאַר אָט די פאַר־שיווע יינגעלעך, וואָס האָבן אייך אויסגעגעבן מיט אַלע פּישטשעווקעס... צי דאָרטן פאַר די מלמדים, וואָס יעדער פון זיי קען באַקומען צו דריי חדשים צוואַנגסאַרבעט פאַר לערנען אָן שטייער־אָפּצאָלונג... מילא, האָט איר אייך איינגעשפּאַרט אויף אייער לעבן, דאָס פאַרשטיי איך נאָך... מען קען מסכים זיין אָדער נישט מסכים זיין, אָבער עס ליגט זיך נאָך אויפן שכל... אָבער ווער — וואָלט איך געוואָלט וויסן — האָט אייך געגעבן דאָס רעכט מפקיר צו זיין אייערע עלטערן?

שלמהן ווערט קאַלט אין אַלע אברים. זיין מח לייטערט זיך אויס פון דער שלעפּעריקער טעמפּקייט און ער הערט — און הערט — און הערט.

יענער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, ציט לאַנגזאַם די עצמות און גיט צו רויטלענדיק זיך:

— אָט ליגט ביי מיר... באַלד ווייז איך אייך...

ער זוכט עפּעס אין שלמהס פּאַפּקע דאָקומענטן. זוכט, זוכט — און קען נישט געפינען. ער גייט אַרום פון די כלים, ער קוקט אונטערן טיש, קוקט אונטערן געוואַנט, וואַרפט אַ בליק אויפן טיש און גיט אַ געשריי:

— און איך זוך, אַליין אַרויסגעלייגט און נישט געדענקט... איז אָט ליגט ביי מיר אַ באַפעל פון קירסטן, איר ווייסט אודאי, ווער דאָס איז אַזעלכער קירסט? איז אָט באַפעלט ער דעם יעניקן, וואָס וועט פירן די אויספאָרשונג, אַז ער זאָל אַרויסרופן אייערע עלטערן און זיי פאַר אייך אין די אויגן שלאָגן מכות־רצח, ביז איר וועט אָנרופן די נעמען, וואָס מען פאָדערט פון אייך...

שלמהן טרייסלט אזש פאר פחד. אויף די דאזיקע רוצחים מיט די קאלטע לונג־און־לעבערס איז אלץ צו גלייבן... גאטעניו, גאטעניו, וואס וועט דאמאלסט זיין? ווער ווייסט, צי ער וועט דאמאלסט אויסהאלטן?

אומאנסקי הייבט עקשנותדיק נישט אויף די אויגן און זעצט פאר מיט זיין זיידענער שטימע:

— נאט, לייענט אליין אומיסטן... איר זעט? נו אט!... וואס עס הייסט דיסציפלין, פליכט, ווייסט איר? קירסט איז מיין שעף... איך וועל ווארטן נאך א טאג, נאך א טאג, אויב איר וועט אלץ זיין איינגעשפארט, וועל איך מוזן ברענגען אהער אייערע טאטע־מאמע און שינדן פון זיי די הויט, ביז איר וועט קליגער ווערן. פארקערט, אייך אליין וועל איך דווקא נישט טשעפען. איך בין גראד מסכים מיט אייך, אז אן אייגן לעבן קען מען א מאל אוועקשענקען, אבער די עלטערנס? זיי האבן דאך נאך קינדער?... דאס איז אלץ, וואס איך האב אייך געוואלט זאגן... טראכט זיך גוט אריין אין מיינע רייד... איצט קענט איר גיין...

ער האט אנגעקלונגען און מען האט אים אפגעפירט צוריק.

אצינד איז שלמה זיכער, אז מען וועט אים שוין היינט מער נישט טשעפען. ער שפארט זיך אן אין דער וואנט, ציט אויס די פיס. ער פילט א שרעקלעכע מידקייט אין גאנצן קערפער, נאר קיין שלאף נעמט אים שוין נישט. זיין מח ארבעט אויף אלע שרייפעלעך:

— שוין זשע קענען זיי טאקע דאס טון, וואס ער האט געזאגט? דאס איז דאך הימל־שרייענדיק!... ביי די אמאליקע רוימער אין מיטלאלטער האט זיך געקענט טרעפן אזא אכזריות, מען זאל קאטעווען עלטערן פאר קינדער אין די אויגן אדער פארקערט. אבער די ראטנמאכט? פופצן יאר נאך דער רעוואלוציע? אמת, זיי האבן א גרויסן ווייטיק, וואס זיי האבן אים מיט גארנישט אין די הענט. אבער ווער לאזט זיי דען נישט, אים שיסן אזוי, אן באווייזן? ער האט זיך דען שלעכט געקייקלט פון דריי שטאק, אן באווייזן? בעסער זאלן זיי אים שיסן אויך, נאר אן די עלטערן... ער וויל אפילו נישט, אז זיי זאלן אים זען אין אזא נעבעכדיקן צושטאנד. בעסער זאל ער אויף שטענדיק פארבלייבן ביי זיי אין זכרון אזעלכער, ווי ער איז אויף דער פאטאגראפיע, וואס איז אונטערגעשריבן דינהן.

ער איז אזוי געווען פארטיפט אין זיינע מחשבות, אז ער האט גאר־נישט געהערט, ווי די טיר האט זיך געעפנט, כאטש ער איז געזעסן כמעט אויף דער סאמע שוועל. א שניידנדיקער שטראל האט אים א זעץ געטון גלייך אין די אויגן און ער האט דערהערט איבער זיין קאפ א שעפטשע:

— פיאטיגארסקי, קום, נו, געשווינדער!...

שלמה מיינט, אז עס איז א חלום. ער האלט פארמאכט די אויגן און ווארט אויפן סוף, נאר א טארקע מיטן שטיוול אין דער זייט דערמאנט אים אין דער ווירקלעכקייט. ער עפנט די אויגן: פאר אים שטייען די באקאנטע צוויי זעלנער און קוקן זיך איבער אומגעדולדיק.

— וואס ווילן פון אים אט די מענטשן? ער איז דען פון אייזן?

ער הייבט זיך אויף. זיי פירן אים איבערן הויף. דער הימל — טיף און טונקל, די לבנה איז איינגעהילט אין א געלבלעכן, דורכזיכטיקן שלייער. שטערן זענען דאָ פיל ווייניקער, ווי דאָס ערשטע מאָל... עס מוז שוין זיין ווייט נאָך האלבער נאכט... וואָס וועט טאקע זיין דער תכלית ? ביי טאָג, ווייסט ער איז אין די קאמערן פארבאָטן צו שלאָפן, אָן אן אויסנאַם, ווען זשע וועט ער זיך שוין א ביסל אויסרוען ? דאָס נישט קענען כאפּן א דרימל איז דאָך ערגער פון אלץ...

זיי פירן אים צו ביז אומאנסקיס טיר, הייסן זיך אים אוועקשטעלן ביי דער וואנט קעגנאיבער און דאָרט שטייען סמירנאָ *. טאָמער גיט ער זיך א ריר, האָט ער דעם טויט אויפן אָרט !...

זיי זענען ערגעץ פארשוווּנדן און שלמה בלייבט שטיין. די פיס, פילט ער, ווערן פארהילצערט. קיין איין אָדער לעבט שוין אין זיי נישט. דער קאָפּ איז ליידיק, קיין סימן פון קיין געדאנק איז אין אים נישטאָ, פּוסט ווי אין א פאַס. איין זאך נאָר טוט אים באנג : ער האָט זיך שוין געהאט אזוי גוט אויסגעצויגן, איידער זיי זענען אריינגעקומען... און אויף וואָס ווארט דער אויספאָרשער ? פאר וואָס רופט ער אים נישט אריין ? שוין זשע איז דאָ עמעצער ביי אים ? עפּעס הערט מען נישט... אין גאנצן קאָרידאָר איז אזא טויטע שטילקייט, ווי אויף קארא־קומער סטעפּעס אום האלבער נאכט...

עס גייט פאראיבער א האלבע שעה, א שעה... צוויי... שלמה שטייט נאָך אלץ... א לאנגער שמועס דאָרטן ביי אומאנסקין... ער איז שוין אזוי פארשטיינערט געוואָרן שטייענדיק, אז ער ווייסט גאָר נישט, ווי אזוי וועט ער זיך שוין א מאָל אנידערזעצן. די ביינער וועלן זיך דען נאָך בייגן ?... עס גייט פאראיבער נאָך א שעה. שוין א גאנצע אייביקייט, זינט ער איז פון דער קאמער. ער בענקט איצט נישט אזוי אהיים, נישט קיין ארץ־ישראל — ווי צו זיך אין קאמער, אין דער קאמער נומער דרייצן, צו יענעם גוטן־גוטן וואניושען, וואָס ביי אים איז: אָדער טויט אָדער רויט... וואָס איז יענץ פאר א בלויע לאמטע דאָרטן אין עק קאָרידאָר? שוין זשע טאָג? שוין זשע טאָג? אים ווילט זיך אָפּווישן דעם שטערן, נאָר ער האָט מורא צו רירן מיט אן אבר... מען טאָר נישט! די צייט גייט... די לאמטע ווערט אלץ בלאסער, ווייסער...

פון די טרעפּ אין עק קאָרידאָר דערהערן זיך טריט. עס באווייזט זיך סאָקאָלאָוו. ער איז פארטראכט. ער שפּאנט לאנגזאם, באמערקט אים נישט, די אויגן אראָפּגעלאָזט, די הענט אויפן רוקן, גאָרנישט אויף דער וועלט... דורכגייענדיק פארביי שלמהן, פארטשעפּעט זיך זיין בליק אין שלמהס שיך. ער גלייכט זיך אויס, קוקט פארוווּנדערט און באמיט זיך עפּעס צו דער־מאָנען...

— ווי אזוי איז... דיין פאמיליע ?

---

* אויסגעצויגן, אויפן מיליטערישן אופן.

— פּיאַטיגאָרסקי.

— אַך, יאָ, פּיאַטיגאָרסקי, גאָר פאַרגעסן!... איז וואָס זשע שטייסטו גאָר דאָ? אויף וועמען וואַרטסטו?

— מען האָט מיך געבראַכט צום אויספאָרשער.

— צום אויספאָרשער? וואָס זשע, זיי זענען משוגע? אומאַנסקי האָט דאָך נאָך צוויי אַ זייגער מיר אָנגעקלונגען, אַז ער גייט אהיים שלאָפן און איצט איז שוין נאָך זעקס. אַך, באָלוואַנעס* אַזעלכע!...

ער שליסט אויף אומאַנסקיס קאַבינעט. דאָרט איז שטאָק־פינצטער.

— כ'האָב דאָך געוווּסט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען... גלאַט אין דער וועלט אַריין שלעפּן אַ מענטשן, ווען אַלע שלאָפן...

שלמה שווייגט.

— נו, ווי גייען עס דיינע געשעפטן מיט אים? איר האָט זיך שוין צונויפגערעדט?

— איך האָב מיט אים נישט וועגן וואָס צו רעדן.

— דו טוסט אַ גרויס נאַרישקייט, פּיאַטיגאָרסקי, אומאַנסקי איז אַ דימענט, מיט אים קען מען דורכקומען... אויב מיר וועלן זען, אַז ער צאַצ־קעט זיך מיט דיר, וועלן מיר איבערגעבן דיין ענין צו אַ צווייטן אויספאָר־שער און יענער איז שוין נישט אַזאַ אינטעליגענט ווי אומאַנסקי. יענער וועט פון דיר מאַכן אַ קאַשע... וואָס זשע שווייגסטו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? דערויף בין איך ביי אייך אין די הענט, אַז איר זאָלט מיט מיר טון, וואָס איר ווילט.

— דו קלערסט, אַז מיר זענען הענקערס? מיר וואָלטן נישט געוואָלט בעסער דיך לאָזן לעבן?

— איך ווייס נישט, וואָס איך קלער.

— אין וועלכע פראַגן גייסטו זיך נישט צונויף מיט אומאַנסקין?

— דאַכט זיך, אין אַלע.

— וואָס הייסט אין אַלע?

— ער פרעגט מיך אַלע אַזוינע זאַכן, וואָס איך ווייס אים דערויף נישט וואָס צו ענטפערן.

— האָסטו זיך נאָך פאַר אים גאָרנישט געעפנט?

— ער וויל, איך זאָל אים עפענען אַזוינס, וואָס איך האָב גאָר קיין מאָל נישט פאַרשלאָסן...

— ע, פּיאַטיגאָרסקי, עס איז נישט גוט מיט דיר!... די עלטערן דיינע האָט ער דיר שוין געבראַכט?

— ער האָט צוגעזאָגט די טעג צו ברענגען.

— און דיך אָרט דאָס גאָרנישט, וואָס מען וועט עלטערע מענטשן אָפּשניידן די אויערן פאַר דיר אין די אויגן?

— איך קען דען העלפן דערצו?

---

* באָלוואַן — גולם, שלימזל.

— קענסט גאָרנישט העלפן ?
— איך זאָל קענען, וואָלט איך אודאי געוואָלט.
— און זיך מודה זיין ?
— אין דעם וואָס איך האָב נישט געטון ?
— איך זע, אַז דו ביסט אַ חיה, נישט קיין מענטש, אַ וואַמפּיר ! אַ בלוטזויגער ! מיר וועלן זיך מיט דיר לאַנג נישט שפּילן, איינס און צוויי — און צו דער וואַנט ! דו ווייסט כאָטש, לויט וועלכע אַרטיקלען דו גייסט ביי אונדז ?
— איך ווייס נישט.
— דיינע פאַרברעכנס שטימען מיט די אַרטיקלען 54/8, 54/10 און 54/11...
— צוליב אַן איינאונאיינציקער קויל דאַרף מען האָבן אַזוי פיל ציי־פערן ?
סאָקאָלאָוו קוקט אויף אים פיינטלעך, מערדעריש, זייעט אַרויס דורך די ציין :
— ביסט, דאַכט זיך, אַ קלוגיטשקער ? ביסט נאָך אָבער אין די הענט נישט געווען. וואַרט אויס, מיר וועלן דיר דיין חכמה פאַרשטאָפּן...
ער גייט אַריין אין אומאַנסקיס קאַבינעט, מאַכט אויף די עלעקטריע, רופט אַרויס אַ וואַך און מען פירט אים אַרויס.

קאפיטל XXVII

אויפן הויף איז שוין גרויסער טאָג. פון א לאַסטמאַשין וואַרפט מען אַראָפּ קוילן. אין צוויטן עק הויף פירט מען א גרופּע אַרעסטאַנטן אויפן שפּאַציר. עס גייט דורך א באַקאַנטע סאַניטאַרקע פון שפּיטאָל. א פאַרחי־דושטע באַטראַכט זי אים א ווײַלע און גייט געשווינד אַוועק. שלמה האָט דעם אײַנדרוק, אַז ער איז די גאַנצע נאַכט געווען אויפן הויף. פון הינטער דער הויכער וואַנט באַווײַזט זיך די זון. אויף איר איז גאָרנישט צו דער־קענען, צי עס זיצט נאָך איין מענטש אין געפּעאו, צי ווייניקער איינער. וואָס פאַר א טאָג איז שוין היינט? שמחת־תורה? חנוכה? צי גאָר פּורים? שוין עפּעס אַזוי לאַנג, פון זינט ער האָט געהערט דעם קידוש פונעם טאַטן... זינט די מומע טייבל האָט אים נאָכגעשריגן אויף דעם אויטאָ אַרויף:

— פאָר געזונט און קום געזונט!...

א באַקאַנטער דריי מיטן שליסל און ער איז ווידער אין קאַמער.

דאָרט איז נאָך האַלב־טונקל, נאָר אַלע זענען שוין אויף די פיס, די נאַרעס אויפגעשטעלט, די פּאָדלאָגע אויסגעקערט. מיט זײַן אַרײַנקומען הייבט זיך אויף א „הורא". עפּעס איינער פרעגט אים:

— וווּ ביסטו געווען? זיך אויסגעשלאָפן מיט לידקען?

— וואָס פרעגסטו? נאָר מיט איין לידקען?

וואַניושאַ גייט צו צו אים, דערלאַנגט אים א זעץ אין פּלייצע:

— וווּ האָסטו גענעכטיקט היינטיקע נאַכט?

— אין „גראַנד האָטעל". אַליין פאַרשטייסטו נישט?

— ווײַזט אויס, א רעכט שליסעלע האָסטו נאָכגעמאַכט, אַז זיי קענען זיך מיט דיר גאָרנישט אָנרעדן...

— זיי גייט נישט אַזוי אינעם שליסל ווי אינעם געלט... אָבער זיי קענען בײַ מיר רעדן נאָר צום לאָמפּ... נישט בײַ סאַשקען נעמט מען געלט צוריק... איך ווייס פון גאָרנישט, איך בין א ליטעראַטאָר...

— מאַלאַדיעץ סאַשקאַ, אודאי אַזוי, א קרענק זיי אין די געדערים!...

— לאָז, לאָמיך זיך אויסגלײַכן די ביינער...

וואַניושאַ באַקומט א דערשראָקן פּנים:

— וואָס רעדסטו? בײַ טאָג שלאָפן? דאָס איז דאָך פאַרבאָטן!

— איך וועל דיר געבן פאַרבאָטן, איך פאַל מיטן האַרצן צו דער ערד...

— נו גוט, סאַשקאַ, מיר וועלן אַלץ אײַנאָרדענען. דו וועסט זיך אַוועק־לייגן אויף דער פּאָדלאָגע אין יענעם עק צימער, און מיר אַלע וועלן דיך פאַרשטעלן... א מכה וועלן זיי זען דורכן „אייגל"... און טאָמער עפּעס וואָס, גיב איך דיך א זעץ אויף און זאָל ער טרעפן, צי דו ביסט געשלאָפן אָדער ניין. נאָר פאָלג מיך, וואַרט שוין אויס, באַלד דאַרף מען אונדז פירן

אויפֿן שפּאַציר, נאָך דעם — גלייך טיי מיט ברויט... וועסט זיך דורכגיין, אָפּעסן, וועסטו נאָך דעם שלאָפֿן געשמאַקער...

שלמה האָט דערפֿילט, ווי צום האַלדז שפּאַרט אים צו אַ קנויל.

— גיי, ריכט זיך, וועמען מען קען אַ מאָל טרעפֿן צווישן די „לייבן"... ממש ווי אַ געטרייע מוטער...

און אויפֿן קול ענטפֿערט ער אים טרוקן:

— פֿאַר אַפּעטיט צום שלאָפֿן זאָרג איך מיך ווייניק, נאָר דו ביסט גערעכט, אַז איר אַלע גייט אַרויס, קען איך דאָך במילא נישט בלייבן אַליין... און גלאַט, כ'וויל טאַקע אַ קוק טון, ווי אַזוי דער דרויסן זעט אויס פֿאַר דער טאָגשיין...

אין אַ האַלבער שעה אַרום רופֿט מען אַלע אויפֿן שפּאַציר, נאָר פּיאַטיגאָרסקין, איז דאָ אַ פֿאַראָרדענונג נישט צו לאָזן גיין.

די טיר שליסט זיך צו, ער איז איינער אַליין אין קאַמער. דאָס שלע־פֿעריקייט איז עפּעס אַזוי ווי פֿאַרשווונדן. ער גייט צו אין יענעם ווינקל, וווּ פֿון אויבן איז אָפֿן דאָס פֿענצטערל, גיט אַ רייב די הענט אין דער וואַנט, לייענט קריאת־שמע, זאָגט שמונה־עשרה. קיין זאַך בעט ער נישט ביי גאָט, ער איז אים אַלץ מוחל און איז אויף אַלץ מסכים, נאָר זיינע עלטערן זאָל מען נישט טשעפּען. וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק, אַז אים האָט זיך געגלוסט זיין אַ שיינער ייד מיט תלמוד־תורהס? ער איז דאָך נישט איינער ביי זיי...

עס קערן זיך אום די אַרעסטאַנטן, שלמה דערוואַרט זיך נישט אויף דעם איבערבייסן און פֿאַלט אום אין ווינקל, ווי אַן אונטערגעשניטענער בוים...

דער טאָג האָט זיך געעקט, ווען שלמה האָט געעפֿנט די אויגן. ער האָט זיך געפֿילט דערפֿרישט, מונטערער. ער האָט עפּעס אָפּגעגעסן און גענומען זיך אַרומקוקן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט ווידער אַ רוף געטון:

— פּיאַטיגאָרסקי, צום אויספֿאָרשער!

— עס הייבט זיך שוין אָן — האָט שלמה אַ טראַכט געטון — און איז אַרויסגעגאַנגען.

די זעלנער זענען געווען נישט די נעכטיקע, אַנדערע. זיי האָבן אים געבראַכט אויף דעם זעלבן קאָרידאָר, אין וועלכן ער איז נעכטן אָפּגעשטאַ־נען די צווייטע האַלבע נאַכט. אָט גייען זיי פֿאַרביי אומאַנסקיס צימער און מיידן אים אויס... וווּהין פֿירן זיי אים? זיי שטעלן זיך אָפּ ביי דער צווייטער טיר. אַ פּנים — פֿרישע זעלנער, האָבן זיי אַ טעות געהאַט... זאָגן זיי? ניין, ער וועט שווייגן... דער טעות וועט זיך אַליין אַרויסווייזן.

זיי עפֿענען די טיר, נישט אָנקלאַפּנדיק, און הייסן אים אַריינגיין.

דאָס צימער איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף אומאַנסקיס, נאָר אין אַ ווינקל שטייט אַ צונויפֿגעלייגט אייזערן בעטל. שלמה פֿאַרשטייט

נישט, צו וואָס נוצט אָט דאָס בעטל? שוין זשע איז דער אויספּאַרשער א בחור און שלאָפט דאָ?

אַרויף צו, ביי דער וואַנט, זיצט אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק. קיין פּנים זעט מען נישט, ער האַלט דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט און לייענט עפּעס. שלמה באַמערקט נאָר פלאַקסענע האָר און גרויסע, ביינערדיקע אויערן. אויפן פינגער טראָגט ער אַ רינג, אין רינג זיצט אַ שטיינדל, דאָס שטיינדל ווינקט צו אים שטילערהייט:

— נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען? אַנטלויף, איידער ער באַמערקט דיך...

נאָר שלמה ווייסט, אַז ער האָט נישט וווהין צו אַנטלויפן און שטייט ביי דער טיר אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

— וואַקולין, גיי צו נעענטער!

שלמה רירט זיך נישט פון אָרט. יענער הייבט אויף די אויגן פון די פּאַפּירן, קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט, הייבט זיך אויף און גיט אַ געשריי:

— ווי קומסטו אַהער? ווער ביסטו?

— מען האָט מיך אַהער אַריינגעפירט. איך בין פון דער קאַמער נומער דרייצן, פּיאַטיגאָרסקי.

— לאָשעקעס אַזעלכע!... מען שיקט זיי נאָך וואַקולינען, ברענגען זיי גאָר פּיאַט... ווי אַזוי זאָגסטו?

— פּיאַטיגאָרסקי סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש...

— עפּעס אַ באַקאַנטע פאַמיליע — פּיאַטיגאָרסקי... וווּ האָב איך זי געקענט הערן? שטיי נאָר, דו ביסט צופעליק נישט אָט דער קאָנטער־רע־וואָלוציאָנער — אָרגאַניזאַטאָר, וואָס גיט זיך אויס פאַר אַ שרייבער?

— איך בין אַ געטרייער זון פון מיין פאָטערלאַנד, נישט קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

— בין איך, הייסט עס, אַ ליגנער?

— נישט איר זענט אַ ליגנער, נאָר מען האָט אייך נישט ריכטיק אינ־פאָרמירט.

— אַזוי זאָגסטו, הייסט עס...

ער גייט צו הארט צו שלמהן, באַטראַכט אים אַ סעקונדע, גיט אים אַ כאַפּ אָן ביים גאָרגל און וואָרגט אים מיטן גאַנצן כח:

— דו וועסט זאָגן, ווו עס זענען דיינע מלמדים? די יינגעלעך?

שלמה כאָרכלט ווי אַ געקוילעטע גאַנדז, ער איז אין גאַנצן בלוי. יענער נעמט צו די פינגער פון זיין האַלדז, ביי שלמהן פליען פונקען פון די אויגן. אין קאָפּ הודעט אים מיט הונדערטער קלויסטער־גלאָקן. עס ווילט זיך אים ברעכן. ער כאַפּט זיך אָן ביים האַרצן.

די „אויערן” שטייען דערנעבן, די האָריקע הענט — פאַרפלאָכטן אויף דער ברוסט, אין די גזלנישע אויגן — אַ טעמפּער שמייכל. עס איז קענטיק, אַז ער קלייבט נחת פון די משונהדיקע העוויות וואָס זיין פּאַציענט מאַכט

פון דעם ערשטן געריכט. ער גיט מיט די פינגער א קעם ארויף זיינע העלע, אומגעהאָרכזאַמע האָר און פרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם בייזער:

— וואָס מאַכסטו גרימאַסן? דו רעכנסט מסתמא, אַז דו האָסט שוין פאַרזוכט פון מיין אַרסענאַל? כאַ־כאַ־כאַ! ברודערקע, דו לאַכסט פון מיר, צי וואָס? אַנו, זעץ זיך צום טיש! לעבעדיקער!

שלמה שפּאַרט זיך צו אויף אַ שפּיץ בענקל. יענער זעצט זיך אויף זיין אָרט און נעמט אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר. ער טונקט איין די פּען און פרעגט מיט אַ שטרענגן געשריי:

— דו קענסט ענטפערן קורץ און שאַרף?

— איך קען.

— זאָג, פון וויפל מענטשן איז באַשטאַנען דער שטאַט אין ישיבה?

— אין וועלכער ישיבה?

— אין דיין ישיבה, אין דיין ישיבה, סוואָלאַטש, אין דיין גאָטס מאַמען אַריין!...

— איך האָב נישט געאַרבעט אין קיין ישיבה.

— נישט דו האָסט געאַרבעט, מען האָט ביי דיר געאַרבעט...

— איך האָב קיין מאָל קיינעם נישט עקספּלאָאַטירט.

— דו חכמהסט זיך גאָר מיט מיר? די נאַכט איז שוין באַלד אַוועקגעגאַנגען און איך האָב נאָך קיין איין וואָרט נישט אָנגעשריבן. דו רייץ מיך נישט אויף, וואָרעם איך, אַז איך ווער אין כעס, זאָל גאָט אָפּהיטן!

— וואָס זשע קען איך טון? אַז איר ווילט פּאַרט, איך זאָל זאָגן אַזעלכעס, וואָס איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

— דו וועסט ענטפערן ווי אַ מענטש, צי ניין?

— איך ענטפער די גאַנצע צייט ווי אַ מענטש.

דער אויספאָרשער בייגט זיך אַריבער איבערן טיש, דערנענטערט זיין פּנים צו שלמהן, שטעקט אים אַריין די נעגל אין פּנים אַריין:

— וווּהין האָסטו אַהינגעטון די וויינערס? רעד! רעד! רעד!

— וועלכע וויינערס?

— פון לאָזאָוואַיאַ, די וויינערס... דו קענסט זיי נישט?

— ניין.

— אַך, אַז־ז־זוי? דו קענסט זיי גאָר נישט?

ער גיט אַ ריס אויף אַ שופלאָד, כאַפּט אַרויס אַ זשמוט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, מיט אַ פלינקייט פון אַ בליץ רייבט ער אָן אַ שוועבעלע, צינדט אָן דעם זשמוט און — גלייך שלמהן אין פּנים אַריין.

שלמה פילט, אַז ער ברענט. פון דערשרעק נעמט אים אָפּ דאָס לשון. ער שפּרינגט אויף, נאָר אַ שווערע האַנט זעצט אים אַוועק צוריק. איין אויגנבליק — דאָס פייער איז צוגענומען פון פּנים, אָדער שוין אויסגעברענט, אָבער שלמה זעט נאָך גאָרנישט, ער פילט נאָר, אַז דאָס גאַנצע פּנים איז אָפּגעפּרעגלט. ער עפנט אַן אויג, דאָס צווייטע. אוי, עס איז אַ לעבעדיקע וועלט, ער זעט נאָך... ער לעבט!... אָט זעט ער, ווי זיין מלאך־

המות טרייסלט זיך אַרום פונעם אַש און זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט. שלמה גיט אַ טאַפּ אַ ברעם — קויל! ברעקעלעך קוילעכלעך שיטן זיך פון דאָרט. די באָרד איז אויך שטאַרק אָפּגעסמאַליעט. פאַרשפּאָרן זיך צו שערן. ער גיט אַ טאַפּ די נאָז: עפּעס אַ נאָס, אַ קלעפּיקס... און אַן אוממענטש־לעכער ווייטיק... די ליפּן — אויך אַזוי.

נאָך נישט פאַרענדיקט זיך צו באַטאַפּן, ווי עס דערהערט זיך אַ דו־נערנדיקער געשריי:

— נו, האָסט זיך שוין דערמאָנט זייער נייעם אַדרעס?

— וועמענס?

— וועמענס פרעגסטו מיך ערשט? די ווייַנערס...

— איך קען נישט קיין ווייַנערס...

— און דו רעדסט זיך איין, אַז איך וועל זיין אַזאַ נאַר און דיר גלייבן, אַז דו קענסט זיי נישט? האַ? זיי דיך — יאָ, און דו זיי — נישט? צי דו מיינסט אפשר, אַז דו וועסט שוין אַזוי גיך פּטור פון מיר?

— איך מיין גאָרנישט.

— זאָלסטו טאַקע נישט מיינען, וואָרעם עס איז נאָך אפילו קיין אָנ־הייב נישט.

שלמה זיצט איינגעהויקערט און שווייגט.

— זאָג מיר, דער פאָטער ווייַנער איז צוזאַמען מיט זיינע יינגעלעך?

— פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן, אַז איך קען זיי נישט.

— זאָג נאָר, זיי האָבן געוווּסט, וואָס עס קומט פאַר דעזערטירן, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון דעם אינטערנאַט?

— איך קען אייך גאָרנישט ענטפערן, ווייל איך ווייס נישט, וואָס איר פרעגט מיך.

— פּיאַטיגאָרסקי, פיר מיך נישט אַרום פון געדולד. פּיאַטיגאָרסקי, דיין לעבן איז אַ גראָשן נישט ווערט!... געדענק! וויפל מלמדים האָבן געלערנט אין ישיבה?

— איך האָב נישט געזען קיין ישיבה פאַר מיינע אויגן.

— די מקוה פונקציאָנירט נאָך ביז היינטיקן טאָג?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— די ווייַנערס זענען אין קיעוו, צי דו האָסט זיי פאַרשיקט ערגעץ? ענטפער! ענטפער, דו אשמדאי!

— אַז איך קען זיי נישט — ווייס איך נישט!...

— אַך, עס נעמט דאָך דיך קיין קויל נישט, טאָ גיב זשע אַהער!

ער כאַפּט אָן שלמהס האַנט, וואַרפט אַריין די פינגער אין שופלאָד און קוועטשט זיי צו מיט אַלע קרעפטן. שלמה פילט, אַז עס שפּאַלטן זיך אַלע הימלען, עס דונערט אין קאָפּ, עס ברענט אַ פייער אין אַלע אברים... ער פילט אַליין נישט, ווי ער שרייט, נישט מיט קיין מענטשלעכן קול. אַלע בלוטן זידן אין אים אויף און ער שרייט אָן געדאַנק, אָן חשבון.

עס רייסט זיך אויף די טיר און עס פליט אריין אומאנסקי. ער שרייט עפּעס, כעסט זיך געפּערלעך אויפן אויספאַרשער:

— ווער האָט אייך געבעטן מיר באַהילפיק זיין? מיט וועלכע רעכט נעמט איר גאָר אויספרעגן מיינעם אַן אַרעסטאַנט? איך וועל מיך אויף אייך באַקלאָגן פאַרן נאַטשאַלניק!...

שלמה הערט גאָרנישט, ער בלאָזט אויף די צעקוועטשטע, צעבלוטיקטע פינגער און וויינט, וויינט מיט גרויסע טרערן, מיט הייסע, זודיקע טרערן ווי אַ קליין קינד.

אומאַנסקי נעמט אים אַרום ביי דער טאַליע:

— קום, שלמה, קום!.... מעגסט אים מקנא זיין, אַט דעם המן, ער וועט שוין ביי מיר האָבן פאַר דעם מישן זיך נישט אין זיינע געשעפטן. ער — וויל מיר צוהעלפן... גלייך ווי עס בעט ביי אים עמעצער!... איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט, אַז קיין האָרעלע וועט פון דיין קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן, נאָר אודאי דאַרפסטו, פון דיין זייט, אויך מיר באַהילפיק זיין... יושר דאַרף מען דאָך האָבן, צי ניין?

ער קלינגט אָן, מען ברענגט אַריין אַ גלאָז קאַקאַאָ מיט מילך, עטלעכע שטיקלעך שאָקאָלאַד, פיינקוכן. שלמה האַלט אין איין גלעטן די פינגער און רירט זיך צו גאָר נישט צו. די ליפּן ציטערן אַזש אַזוי חלשט אים דאָס האַרץ, נאָר ער קוקט נישט אויף דעם טיש מיט די נאַשערייען.

— פאַר וואָס זשע נעמסטו נישט, שלמה? דערקוויק זיך.

— איך האָב זיך שוין דערקוויקט. איך בין שוין זאַט.

— נעם, זיי נישט קיין נאַר, יענער איז אַזאַ רוצח, אַז עס איז אפילו נישטאָ אויף וועמען פאַראיבל צו האָבן.

שלמה שווייגט.

— וואָס זשע שווייגסטו?

— וואָס האָב איך צו רעדן? איך האָב אויף קיינעם קיין פאַראיבל נישט.

— אפשר געבן מיר אצינד אַ קלוגן שמועס?

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו שמועסן, און איר — ווי איר ווילט אייך.

— נו, איך בין לייטישער פון דיר. איך באַליידיק זיך נישט. דו ביסט אצינד אַ ביסל צעטראָגן. גיי, רו זיך אָפּ, קום צו זיך.

ער קלינגט אָן נאָך אַ קאָנוואָי.

— נעם מיט אין קאַמער אַריין דעם פיינקוכן מיטן שאָקאָלאַד. נעם, נעם מיט!...

— אַ דאַנק, איך בין נישט הונגעריק, עס איז מיר זיס אָן שאָקאָלאַד אויך.

— ווי אַזוי דו ווילסט. גיי און באַקלער זיך גוט, גוט. די שפּיל הייבט זיך ערשט אָן, דאָס רעכטע־גערעכטע האָסטו נאָך נישט געזען.

עס קומען אַריין די זעלנער און פירן אים אָפּ אין קאַמער.

קאפיטל XXVIII

פון דער דאזיקער נאכט אן, האבן זיך אוועקגעצויגן קאלירלאזע טעג מיט נעכט. די טעג פלעגט שלמה אפשלאפן אויף וואניושעס וואטענעם לייבל אין קאמער־ווינקל אויפן צעמענט און די נעכט אדער איבערשטיין אויפן קארידאר, אדער זיך מאטערן ביי אומאנסקין אין קאבינעט. יענעם מיט די פלאקסענע האר האט ער מער נישט געזען. סאקאלאוון מיט קירסטן — אויך נישט. און דער ווידער, פלעגט אים בפירוש נישט אנרירן מיט קיין פינגער, א מאל א געשריי קין, זיך א בייזער טון, אבער שלאגן — קיין מאל נישט, נאר פרעגן דאס, יענץ, פלאנטערן אים, וועלן כאפן ביים ווארט, כדי זיך האבן צו וואס צו טשעפען, איבערפרעגן הונדערט מאל דאס זעלבע. און אז קיין נייעס האט שלמה פון דעסט וועגן נישט גע־זאגט, פלעגט ער אים אפשיקן אין קאמער אריין און טאקע גלייך אים שיקן רופן צוריק, און ווידער א מאל דאס זעלבע און נאך א מאל דאס אייגענע, אזוי פון תחילת נאכט אן ביז שפעט אויפן טאג. פון קאבינעט — אין קאמער, פון קאמער — אין קאבינעט, און אזוי כסדר אן אן אויפהער. שלמה וואלט מיט פארמאכטע אויגן געטראפן דעם וועג, אזוי געדענקט ער אים שוין אויף אויסנווייניק. קערט ער זיך אום אין קאמער אריין, גייט ער שוין נישט אוועק פון דער טיר. קוים הערט ער, אז מען גייט, שטייט ער שוין אויף דער שוועל און נאך איידער דער זעלנער רופט אן זיין פא־מיליע, שטייט ער שוין אויף יענער זייט טיר. יענער דרייט איבער דעם שליסל נאר איין מאל, ער ווייסט, אז באלד וועט ער אים אודאי ברענגען צוריק. און אזוי גייט עס שוין א מאל פופצן דורך דער נאכט ארויף און אראפ, אויף די טרעפ און פון די טרעפ. אומאנסקין ווערט נישט נמאס אים שלעפן. און שלמה? — אן אנדער ברירה האט ער? אים דאכט זיך שוין גאר, אז אזוי מוז דאס זיין, אז פון זיין געבוירן אן האט ער מער גארנישט געטון, נאר געשלאפן אויפן צעמענט און געמאסטן די טרעפ אהין און צו־ריק, אהין און צוריק.

קיין חשבון פון טעג און פון חדשים ווייסט ער נישט. נישט עמעצער זאגט דאס אים, נישט ער האט ביי וועמען צו פרעגן. און ווידער, וואס איז אים דען אזוי נייטיק צו וויסן? עס איז עפעס א נפקא־מינה צום שלאפן אדער צום מעסטן דעם הויף אהין און צוריק?

איין מאל ארום האלבער נאכט, ווען ער האט זיך אומגעקערט אין קא־בינעט אריין מיט דער פינפטער הקפה, זאגט צו אים אומאנסקי:

— זאג נאר, שלמה, וואס טראכסטו זיך?

— אויף וויפל מיר גיט זיך איין, באמי איך זיך גארנישט צו טראכטן.

— טאקע באמת? נו, פארקערט... אויב אזוי, איז דאך ביי אונדז א מעשה אן אן עק!

— וואס זשע בין איך שולדיק?

— שלמה, מיין מוטער האָט מען היינט אָפּערירט און איך בין אפילו נישט צוגעגאַנגען געוויר ווערן, צי עס איז געלונגען די אָפּעראַציע. וואָס איז? גאָט האָט מיר געהאָלפן דיך פאַר אַ קונד. וואָס קלערסטו? איך וועל דיר שווייגן פאַר די אַלע צרות, וואָס איך האָב פון דיר?

— האָט איר דאָך געקענט היינט גיין צו דער מוטער, ווייל מיך ווערט איר קיין מאָל נישט אָן. איך בין דאָך במילא אייערער.

— קיין עצות פרעג איך ביי דיר נישט, דו דערלויבסט זיך צו פיל... דו וואָלסט געדאַרפט מיין שכן פון דעם צווייטן קאַבינעט זאָגן אַזעלכע ווער־טער, וואָלסטו שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויסגעגאַנגען פון אים...

— אַנטשולדיקט, איך וועל מער נישט.

— וואָס גיט מיר דיין אַנטשולדיקן זיך? זאָג מיר, אין קינאָ פלעגסטו אָפּט גיין?

— זייער אָפּט.

— מערסטן טייל, מסתמא, מיט דער כלה?

— ניין, מיט דער שוועסטער.

— וואָס פאַר אַ טעם האָט עס פאַר אַ יונגן בחור צו גיין מיט אַ שוועס־טער אין קינאָ?

— איך פלעג זוכן דעם טעם אין פילם, נישט אין דער באַגלייטערין.

— אַ־האַ! אין פילם... מהם... אָבער מיט דער כלהס ברודער קען מען דאָך שוין יאָ גיין.

— נישט אַלע כלות האָבן ברידער.

— אָבער דיינע האָט דאָך יאָ?

— אפשר האָט זי, דערווייל קען איך נישט, נישט זי, נישט אים.

אומאַנסקי מיט שלמהן קוקן זיך אין די אויגן, שאַרף, קאַלט און פאַר־זיכטיק.

— איז פלעגסטו, הייסט עס, גיין נאָר מיט דיין שוועסטער? גוט... יאָ, וועלכן פילם האָסטו צום לעצטן מאָל געזען?

— „אַ לעבן פאַר אַ לעבן".

— ווען איז דאָס געווען?

— דעם פינפטן אָקטאָבער, צוויי טעג פאַר מיין אַרעסט.

— ווו האָט מען אים געוויזן?

— אויף קרעשטשאַטיק, אין דעם צווייטן מלוכהשן קינאָ.

— ווי אַזוי זשע ביסטו געגאַנגען אַהין?

— וואָס הייסט, ווי אַזוי? מיט די פיס...

— וואָס הייסט מיט די פיס? מען האָט דיך דען געזען אין גאַס די לעצטע צייט?

— וואָס דען, ניין? די פאַר וואָכן, זינט איך בין געקומען פון מיטל־אַזיע, האָב איך נאָר געהאַלטן אין איין אַרומגיין אַהין און אַהער...

— און ווו האָסטו געוווינט?

— איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע, וואָס איז, כ'האָב קיין היים נישט?

— שלמה, דו ביסט אַ גראָבער ליגנער... מעגסט זיך שעמען! אַ ייד, וואָס לייגט אַוועק כוחות אויף תלמוד־תורה און בכלל אויף יידישקייט, זאָל אַזוי צוויקען אין די אויגן!... ווו האָסטו געוווינט, זאָגסטו?

— ביי די עלטערן, אויף ענגלס־גאַס 72, וווינונג 3.

— לייגסט ווי אַ הונט! אונדזערע אַגענטן פלעגן שטענדיק נאָכקוקן דער שטוב און האָבן דיך איין מאָל נישט באַמערקט...

— מן הסתם האָבן זיי אַזוי גוט געקוקט.

— דאָס רעדסטו שוין אויף אונדזער מלוכה־אַפּאַראַט, אַז זייער אַר־בעט טויג אויף גאָרנישט, איאָ אַזוי?

— ווען זייער אַרבעט זאָל אויף גאָרנישט טויגן, וואָס פאַר אַ באַנ־דאַזש וואָלט איך געטראָגן אויפן אויער?

— הייסט עס, נאָר אויף שלאָגן טויגן מיר, מער — אויף גאָרנישט?

— איך מאַך נישט קיין בילאַנסן, דאָס זאָגט איר...

— און דו וואָסט זאָגסט?

— איך האָב נישט וואָס צו זאָגן. ווי קום איך עפּעס גאָר צו זיין אַ מבין אויף דער אַרבעט פון אַזאַ וויכטיקן אַפּאַראַט ווי אייערער?

— די חברה קליינוואַרג פלעגסטו אויך אַ מאָל מיטנעמען מיט זיך אין קינאָ?

— זייער אָפט, כמעט שטענדיק.

— און זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס זיין זעען?

— זייער גוט פאַרשטאַנען, נישט ערגער פון מיר.

— נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען נאָך אַזעלכע קליינינקע?

— יאָ. קליינע, נאָר פאַרשטאַנדיקע.

— אין דער היים, אין קליינעם שטעטל פלעגן זיי אויך באַזוכן קינאָ?

— זייער ווייניק, זיי זענען דאָך נאָך פּיצלעך געווען.

— הייסט עס, ערשט נאָך דעם, ווי דו האָסט זיי געבראַכט קיין קיעוו, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרשטיין קינאָ, נאָר גיך געכאַפּט דעם שניט...

— יאָ, אודאי ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב זיי געבראַכט...

— דו ביסט דאָך אַליין געפאָרן נאָך זיי, איאָ אַזוי?

— אומעטום אַליין, מיט וועמען האָב איך מיך דען צו שאַפן?

— ביסטו כאָטש געווען צופרידן מיט זיי?

— וואָס שייך צופרידן? קינדער ווי אַלע קינדער... טאָמער פלעג איך פאַרגעסן פאַרשליסן דעם שופלאָד, פלעג איך טרעפן אַן איבערקערעניש...

— זיי האָבן זיך דען לאַנג אויפגעהאַלטן ביי אייך?

— וואָס הייסט אויפגעהאַלטן? און היינט ווו זענען זיי, נישט ביי אונדז?

— וואָס הייסט: ביי אייך? אויף אוריצקע 72? האָסטו זיי גאָר אין ערגעץ נישט אָפּגעשיקט?

— פאַר וואָס דאַרף איך זיי נאָר אָפּשיקן ? איך פאַרשטיי נישט...
— ווי אַזוי רופט מען ביים נאָמען דעם עלטערן ?
— ניין, זי איז די עלטערע, ער איז דער יינגערער...
— פון וועמען רעדסטו דען ?
— וואָס הייסט : פון וועמען ? פון שיינדעלען מיט יונהלען, מיין ברו־דערל און שוועסטערל.

אומאַנסקי איז בלייך, נאָר ער שמייכלט :

— דו האַלטסט מיך, אַ פנים, פאַר אַ גרויסן אידיאָט ? איאָ אַזוי ?
— כ'האַלט גאָרנישט. איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט האָבן פון מיר.
— קינדער פון אַ תלמוד־תורה איז עפּעס פּאַסיק צו פירן אין קינאָ אריין ?
— איך מיין אויך, אַז ניין.
— זעסטו ? האַלטסטו אַליין אויך, אַז ניין. הײַנט, פאַר וואָס זשע האָסטו זיי יאָ געפירט ?
— וועמען ?
— די ברידערלעך.
— וועלכע ברידערלעך ?
— נו, די ברידערלעך וויינער. פאַר וואָס ביסטו אַזאַ נודניק ?
— איך האָב זיי נישט געפירט.
— פאַר וואָס זשע עפּעס האָסטו זיי נישט געפירט ?
— ווייל איך האָב זיי אויף מיין לעבן אין די אויגן נישט געזען.
— האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט —
— אַז וואָס האָב איך געזאָגט ?
— אַז דו פלעגסט זיי מיטנעמען ?
— עפּעס געדענק איך נישט, אַז איך זאָל אייך האָבן אַזוי געזאָגט...
— וואָס דען געדענקסטו יאָ ?
— אַז איך בין שוין אפשר אַ יאָר נישט געשלאָפן, דאָס געדענק איך גוט.
— און טאַקע דערפאַר, קען זיין, קענסטו זיך נישט דערמאָנען אין פיל אַנדערע וויכטיקע זאַכן ?
— עס קען זיין, אַז דערפאַר...
— מהם... דאַרף מען, הייסט עס, זוכן אַן עצה צו דיין געשלאָגענעם זכרון... באַלד, באַלד, באַלד... באַלד וועל איך מיך דערמאָנען, עפּעס האָב איך געדענקט אַזאַ מיטל... אַזאַ מיטל... אַ־האַ — געפּאַקט ! זיך קוים דער־מאָנט !... מען האָט מיר דאָס מיטל שטאַרק געלויבט... אָט וועלן מיר באַלד זען...

ער גיט אַ קוועטש אַ קנאָפּקע, עס דויערט אַ ווײַלע און עס קומט אַריין אַ זעלנער. אומאַנסקי ווענדעט זיך צו אים העפלעך :

— חבר רויטאַרמייער, טוט מיר אַ געפעליקייט, נעמט צו זיך נאָך

עמעצן און טראָגט מיר אַרויף אַ לייטער, אַן עלעקטראָ־מעכאַנישע לייטער. אויפן הויף לעבן גאַראַזש האָב איך געזען שטיין אַזאַ לייטער.

דער רויטאַרמייער גייט אַוועק. אומאַנסקי קוקט אַפילו נישט אויף שלמהן, ער לייענט דערווייל די היינטיקע צייטונג. שלמהן באַשלאָגט אַ קאַלטער שווייס. ער קען גאָרנישט פאַלן אויף דעם שכל, צו וואָס דאַרף מען דאָ אַ לייטער? וואָס פאַר אַ מחותן איז אַ לייטער מיטן זכרון? שלעפּן אַ לייטער פונעם גאַראַזש, אַזש אויפן דריטן שטאָק... דאָס איז דאָך עפּעס נישט קיין קינדער־שפּילעכל!

עס עפנט זיך די טיר, דער זעלנער עפנט אויף אויך די צווייטע העלפט, עס ווערט אַריינגעטראָגן אַ דאָפּלטע לייטער, די שטאַפּלען — שמאָלע, גליטשיקע פון ערשטן שניי. אומאַנסקי גייט אַרויס פון הינטערן טיש און שאַפט זיך העפלעך מיט די זעלנער:

— אהער שטעלט, אהין אַ ביסל, אונטערן סאַמע לאָמפּ, אָט אַזוי! אצינד צענעמט ביידע העלפטן, שטעלט זיי גלייך — העכער אַ ביסל — אַ! פּונקט גוט!... סאַמע גוט!...

ער רייבט צופרידן איין האַנט אין דער צווייטער און ווענדעט זיך צו איינעם פון די זעלנער:

— איר זענט פריי, איך וועל מיך שוין באַגיין מיט אייער חבר. גייט, גייט!

און צום צווייטן זאָגט ער:

— גייט אַרויף און נעמט פּאָרזיכטיק אַראָפּ דעם אַבאַזשור, גיט טאַקע אין איין וועגס אַ וויש אַרום דאָס לעמפּעלע אויך.

ווען יענער ווערט פּאַרטיק, זאָגט אים אומאַנסקי מיט אַ שמייכעלע:

— איצט וועל איך אייך דערקלערן, אין וואָס עס באַשטייט אייער אויפ־גאַבע: אָט דער אַרעסטאַנט קלאָגט זיך פאַר מיר, אַז די לעצטע צייט איז ביי אים נעבעך שטאַרק געשלאָגן דער זכרון. און פון וואָס, מיינט איר, נעמט זיך דאָס? פון גאָרנישט, נאָר פון צעשטרייט קוקן אויף אַלץ. בעת אַ מענטש קוקט אויף אַ סך זאַכן מיט אַ מאָל, טראַכט ער אויך וועגן אַ סך זאַכן מיט אַ מאָל... און קוים טראַכט ער וועגן אַ סך זאַכן מיט אַ מאָל, קען ער זיך שוין אין עפּעס דערמאָנען? פאַרשטייט זיך, אַז ניין... וואָס זשע איז די עצה? דאַרף מען קאָנצענטרירן אָט אַזאַ מענטשנס קוק אויף איין זאַך, בלויז אויף איין זאַך, נישט מער, דאַן לייטערט זיך אויס זיין זכרון און ער מוז זיך דערמאָנען אין אַלעמען, אין וואָס עס גלוסט זיך אים און אין וואָס עס גלוסט זיך אים נישט... אָט אַזוי איז דאָס... פאַרשטאַנען?

— אַלץ פאַרשטאַנען, חבר אויספאָרשער!

— מאָלאָדיעץ! פאַרגעדענק אָט די לעקציע, טאָמער וועט דיר אויך אַ מאָל אויסקומען צו זיין אַן אויספאָרשער, וועט זי דיר גוט צו נוץ קומען. איצט וועט דער אַרעסטאַנט פּיאַטיגאָרסקי אַרויפגיין אויף איין זייט לייטער, און איר, חבר רויטאַרמייער, אויף דער צווייטער. דער אַרעסטאַנט וועט זיך איינקוקן אין לעמפּעלע און נישט אַראָפּנעמען פון דעם קיין אויג און

איר וועט אכטונג געבן, ער זאָל נישט אָפּפירן זיין בליק פון דעם, אפילו אויף קיין איין רגע. נאָט אייך די פעדער, טאָמער וועט איר זען, אַז ער פירט אָפּ זיין קוק פונעם לעמפּעלע, גיט אים עטלעכע שטאָך אין באָק, אָדער אין נאָז, וועט ער זיך דערמאָנען. מיינט איר, אַז דאָס דאַרף לאַנג דויערן? בפירוש נישט. צוואַנציק מינוט איז גאַנץ גענוג, כדי אים אומ־צוקערן דעם זכרון. אַ זייגער האָט איר?

— יאָ, חבר אויספאָרשער.

אומאַנסקי רעדט און זיינע הענט דערווייל, רוען אויך נישט. מיט אַן אומשולדיקער מינע שפּילט ער זיך אַזוי לאַנג מיט דעם קאַטשערקעלע, וואָס שטייט אין ווינקל ביים קאַמין, ביז ער פאַרשלעפּט דעם האָריקן טע־פּיך פון דער טיר צו דער לייטער, אויף דער זייט, וו שלמה דאַרף זיך אויפ־הייבן. אַלע פאַרשטייען, אַז דאָס טוען זיינע הענט מעכאַניש, אָן זיין וויסן. אומאַנסקי איז כלל נישט אויסן, אַז שלמהן זאָל זיין ווייכער צו טרעטן. אַ באַווייז איז — אין אַ מינוט אַרום גיט ער האַסטיק אַ וואָרף דאָס קאַ־טשערקעלע אין ווינקל אַריין און מיט אַ גוט־ברודערישן שמייכל נעמט ער זיי אונטעריאָגן:

— נו, חברה, שטייט זשע נישט. פּיאַטיגאָרסקי, זיי זיך מטריח אַרויף און דערמאָן זיך אַלץ, אַלץ... איך גיי דערווייל אַוועק אויף עטלעכע מינוט... העכער גיי אַרויף, נאָך העכער! די אויגן זאָלן זיין אויף איין ליניע מיטן לאָמפּ... נאָך איין טרעפּל... נאָך איינס, אַ! אָט דאָס איז דאָס! אָט אַזוי איז פונקט גוט צום זכרון...

אומאַנסקי מאַכט צו די טיר הינטער זיך און מער הערט מען גאָרנישט. שלמהן בריט אַ ביסל אין פּנים, עס שעמערירט אַ ביסל אין די אויגן, אַ לאָמפּ פון צוויי הונדערט ליכט! אונטער די פיס איז אַ ביסל נישט באַ־קוועם, פון דער הויכקייט שווינדלט אַ ביסל אין קאָפּ. שלמה האַלט זיך שטאַרק אָן אין דער לייטער, דער רויטאַרמייער שטערט אים נישט. דאָס איז נישט פאַרבאָטן. אין אַלגעמיין איז שלמה צופרידן, ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן. מילא, קוקן איז קוקן. ער האָט געמיינט, מען וועט אים כ׳וויים וואָס טון...

עס גייט אַוועק נאָך אַ מינוט, נאָך אַ האַלבע... שלמה זעט שוין נישט איין לאָמפּ, נאָר זיבן... דרייסיק... וואָס דרייסיק? טויזנט! די לאָמפּן שטעכן אים מיט דינע, שאַרפע שפּיזעלעך, זיי שפּאַלטן דעם שאַרבן, גריב־לען זיך אין מח, סמאַליען די געהירן.

ס׳איז פאַראיבער נאָך אַ מינוט, שלמה פילט, אַז עס איז אים פינצטער אין די אויגן. ער זעט שוין גאָרנישט, נאָר די זון... ער איז אין דער זון. ניין, די זון איז אין אים. אינסטינקטיוו כאַפּט ער זיך אָן שטאַרקער אין די ווענטלעך פון דער לייטער, ער איז העכער צוויי מעטער פון דער פּאָד־לאָגע. פון דער טויטער שטילקייט, וואָס הערשט אין צימער, דאַכט זיך שלמהן, אַז דער קנויל פייער, וואָס לאָקערט אויף אים, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט זיין קאָפּ ווי מיט אייזערנע רייפן — הודעט און ברומט מיט קולי־

קולות, ווי אין זוועניגאָראָדקע, די קלויסטערס בשעת א שרפה. ער פּרוווט מאַכן אַן ערמה, עטוואָס אויפהייבן די אויגן אויפן פּאַטראָן * און דערפילט, גלייך ווי א בין וואָלט אים א ביס געטון אין דעם סאַמע שפּיץ נאָז. ער קוועטשט צו מיטן פינגער, גיט זיך א וואַקל אויפן טרעפּל, כאַפּט זיך אָן צוריק און קוקט ווידער אין סאַמע קנופּ פון די פייערדיקע דראַטלעך. ער פּרוווט צומאַכן איין אויג און מיטן צווייטן קוקן און דערפילט מיט א מאָל דריי שטאָך אין די באַקן. ער גיט א קוויטש, ווי א שלאַנג וואָלט אים א ביס געטון, און קוקט ווייטער ווי עס דאַרף צו זיין...

עס גייט פאַראיבער נאָך א מינוט, נאָך א מינוט, ער איז שוין אין גאַנצן בלינד. דאָס פייער פונעם לאָמפּ איז אים אריין אין אַלע אֵברים, אָנגעצונדן יעדעס אָדערל, יעדן נערוו. ער פילט, אַז באַלד פאַלט ער אַראָפּ א טויטער. דעם סאָלדאַטס פּנים זעט ער נישט, נאָר א שוואַרצע שפּיז, זעט ער דורכן לאָמפּ, קוקט אויף אים, גרייט צו לעבערן די נאָז. שלמה שעפּ־טשעט שטיל:

— חבר... ביסט דאָך א מענטש... האָסט עלטערן... איך באַשווער דיך אין זייער נאָמען... אין נאָמען פון מענטשלעכער באַרעמהערציקייט... לאָז מיך איין קוק טון אַראָפּ... נאָר איינטונקען די אויגן אין שוואַרצן... אָפּקילן זיי... האָב רחמנות... איך ווער פאַרברענט... איך ברען...

יענער גיט א רעווע איבערן גאַנצן צימער:

— שווייג! טאָמער לאָזסטו אַראָפּ איין אויג, צעשטעך איך דיר דאָס פּנים ווי א פּלעצל! קוק וווהין מען האָט דיר באַפוילן, עס איז ערשט זיבן מינוט...

און גלייך נאָכן געשריי דערהערט שלמה א שטילן פליסטער:

— דו ווילסט מיך אומגליקלעך מאַכן? די ווענט האָבן אויערן, די טיר האָט אויגן. ווען איך גיב דיר נאָך, נעכטיק איך שוין היינט אין דער אכצנטער קאַמער... גלייב מיר, דאָס האַרץ —

און אויפן קול:

— קוק... קוק...

שלמה דערפילט א פרישן שטאָך אין באַק און גלייכצייטיק באַמערקט ער דורכן לאָמפּ, ווי א טרער וואָלט דורכגעשווומען...

אין שלמהס מח איז א קאַלך־אויוון און אין קאַלך־אויוון פליט אַרום א כרוז: ערשט זיבן מינוט... ערשט זיבן מינוט... ער פילט, אַז ער וועט אפילו קיין צען מינוט אויך נישט אויסהאַלטן... נישט נאָר צוואַנציק... וואָס זשע וועט דאַמאָלסט זיין? ער וועט אַראָפּפאַלן? זיך צעברעכן דעם נאַקן? עס וועט פּלאַצן דער צווייטער אויער? וואָס קען ער העלפן? ער וועט גיין אָנרופן אָמסק? ער וועט אויסגעבן טאַנין? ער וועט הרגענען קלאַדניצ־קען? גאָרדאָנען? שאַ, אפשר וועט גאָט העלפן און ער וועט אין

---

* דאָס מעשענע מאַשינקעלע, אין וועלכן עס איז אַריינגעדרייט דאָס לעמ־פּעלע.

גאַנצן דערהרגעט ווערן? ער גערענקט, אַז אַרויפגיין האָט גערויערט לאַנג, ער האָט זיך אויפגעהייבן אפשר אויף פינף און צוואַנציק שטאַפּלען. אפשר וועט ער פּונקט טרעפן אויף אַ האַרטער זאַך און צעשמעטערט ווערן, און אַן עק זאָל נעמען צו זיינע ליידן?! אַלץ איינס פּילט ער, אַז נאָך עטלעכע סעקונדן... העכסטנס אַ האַלבע מינוט... ער פּלאַמט!...

— חבר, דערלויב... חבר, אַ רגע... איך שטאַרב!...

— שווייגן!... קוק!... קוק!...

— שמע ישראל!... אוי, מאַמע מיינע!...

עס גייט אַ ציטער אַלץ אין צימער פון דעם פאַל. אויף דער שוועל שטייט אומאַנסקי. שלמה ליגט אויפן טעפּיך צונויפגעדרייט ווי אַ דערשאָ־סענער פויגל, אומבאַוועגלעך. אומאַנסקי פרעגט רואיק:

— וויפל האָט ער אויסגעהאַלטן?

— קאַרגע ניין מינוט.

— אַ גבור, אַ יונגאַטש, וויסט דער רוח די נשמה זיינע!

ער גייט צום טעלעפאָן און רופט אַרויס אַ זעלנער מיט אַ טראָג־בעטל. ווען יענער קומט אַריין, זאָגט ער זיי אָן:

— טראָגט אים אָפּ אין מעדיצינישן פּונקט, זאָלן זיי אים דאָרט לייגן קאַלט וואַסער צו די אויגן און בכלל ברענגען אים צו זיך. איר וועט דאָרט אויסוואַרטן און ווי נאָר ער וועט אָנהייבן רעאַגירן אויף דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, זאָלט איר אים באַלד ברענגען צו מיר. אויב עס וועט זיין נייטיק, איז אפילו אויפן טראָגבעטל.

ווען די זעלנער האָבן אים אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום געבראַכט אונטער די הענט צו אומאַנסקין אין קאַבינעט אַריין, איז דאָרט געווען אַלץ ווי פריער: דער אַבאַזשור אויפן בענקל, די לייטער אונטערן לאָמפּ, דער צונויפגעקנוידערטער טעפּיך צופוסנס ביי דער לייטער, אפילו די פעדער איז געלעגן אויפן עק טיש... אומאַנסקי איז אַרויס פון הינטערן טיש, אַרומגעכאַפּט שלמהן, פאַרזיכטיק אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און זיך אַ וואָרף געטון אויף יענעם זעלנער מיט די קולאַקעס:

— דו באַלוואַן! דו דאָרפישער טינופת! אויסוואורף! סוואָלאַטש! ווער האָט דיר דערלויבט דערפירן אַ מענטשן ביז חלשות? יענער קלאָגט זיך. פאַר מיר, אַז ער קען זיך עפּעס נישט דערמאָנען און איך וויל אים העלפן, בלויז העלפן, ווי אַ געטרייען חבר, האָב איך דיך גענומען, איך האָב גע־מיינט, אַז דו פאַרשטייסט עפּעס. זאָל איך מיך רעכטן, אַז דו ביסט אַזאַ פוסטע פּאַס? דו זעסט, אַז אַ מענטשן איז שלעכט, ער וויל שוין מער נישט קלערן, ער האָט זיך שוין דערמאָנט... לאָזסטו אים אַראָפּפאַלן? נאָך דיין דיזשורסטווע זאָלסטו אַוועקגיין אין טורמע און מעלדן דעם קאָ־מענדאַנט, אַז איך האָב דיך געשיקט אויף צען טעג אין פערצנטן קאָרידאָר, וועסטו זיך דאָרטן אַ ביסל אָננעמען מיט פאַרשטאַנד. און דערווייל גייט אַרויס און וואַרט אויפן קאָרידאָר, ביז איך וועל אייך דאַרפן.

ער דרייט זיך אוים צו שלמהן, פארקוקט אים אין די אויגן, גלעט אים די האָר:

— נו, שאַ, שאַ! קענסט נישט, אָט די פאַניעס מיט די גראָבע קעפּ? מען זאָגט אים: צוואַנציק מינוט, מיינט ער, אַז עס מוז זיין דווקא צוואַנציק... איי, טאָמער האָט זיך יענער דערמאָנט אין דריי מינוט? צי אין פינף? צי אין זיבן, למשל? ניין, איז אים קאַרג!... אזא סוואָלאָטש!... אזא חזירשער עק!... האָסטו זיך שטאַרק צעקלאַפּט, שלמה?

— די דאָקטוירים זאָגן, אַז ניין.

— און דו אַליין ווי פילסט זיך?

— איך קען מיך נישט באַקלאָגן, איך פיל מיך גאַנץ גוט.

— אויב אַזוי, איז גוט, ביסטו אַ בראַוועד יאַט! איך האָב פיינט אַזעלכן, וואָס באַלד עפּעס באַווינט ער זיך אויף זיינע יאָרן. דו ביסט טאַקע אַ מאָלאָדיעץ, דערפאַר האָב איך דיך טאַקע ליב.

ער גיט שלמהן אַ קלאַפּ אין פּלייצע און גייט אַוועק אויף זיין אָרט.

שלמהס פּנים איז געל ווי זאַפרען. פאַר די אויגן דרייען זיך נאָך אַרום רעדער. אויפן הינטער־חלק קען ער נישט זיצן, — דאָרט טוט נאָך וויי פון די צוויי איינשפּריצונגען, וואָס מען האָט אים ערשט אין מעדיצינישן פּונקט געמאַכט, קעגן קאָפּשווינדל און קעגן האַרץ־שוואַכקייט, — זיצט ער מיט דער זייט, און קוקט מיט אַ שוידער אויף דעם צוויי־זייטיקן עשאַפאָט. פאַר וואָס שטייט זי נאָך דאָ? פאַר וואָס האָט מען זי נאָך נישט צעגענומען?

אומאַנסקי לייענט פון זיין פּנים און זאָגט מיט אַ פאָטערלעכער צאַרטקייט:

— איך זע מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג דו קוקסט אויף דער לייטער און אויף מיין וואָרט, דו ביסט טאַקע בפירוש גערעכט. ערנוואָרט, גערעכט... פע, אַ פּאַסקודנע לייטער... לאָמיר בעסער נישט קוקן אין איר זייט... ברענט זי אויפן פייער!... דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? לאָמיר איצט ענדיקן אונדזער ענין, ווייז איך דיר אַ קונץ, אַז פאַר דיר אין די אויגן צעהאַק איך זי אויף שטיק־שטיקלעך... אויף סאַמע דינינקע שפּענדעלעך... נו, דערצייל: אין וואָס האָסטו זיך דערמאָנט קוקנדיק אויפן לאָמפּ?

— אָ! אין אַ סך זאַכן האָב איך מיך דערמאָנט...

— דערצייל, דערצייל אַלץ, שעם זיך נישט.

— איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין קינדהייט.

— אין וואָס נאָך?

— אין דעם, ווי גוט דאָס איז, וואָס איך לאָז נישט איבער נאָך זיך קיין ווייב און קינדער.

— דו שטאַרבסט שוין דען?

— כ'האָב דאַמאָלסט געהאַלטן נישט ווייט דערפון...

— און דער סאָלדאַט האָט דיך אַלץ נישט אַראָפּגעלאָזט? איך וועל

אים שוין ווייזן!... אין וואָס זשע נאָך האָסטו זיך דערמאָנט? פון אונדזע־רע, פון אונדזערע פראַגן...

— כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז אייך אינטערעסירט די ישיבה...

— מאַלאַדיעץ!

— די תלמוד־תורה, די מלמדים...

— שלמה, איך פיל, אַז דו קויפסט זיך די פרייהייט!...

— ווייטער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איר זענט נישט צופרידן מיט דער מקוה, מיטן קאַזאַק און דאַכט זיך, מיטן שמש — איך געדענק נישט, ווי סאַקאַלאָוו האָט אים דאָרט אָנגערופן...

— דו האָסט אַן אייזערנעם קאָפּ, שלמה!...

— און אַז איר מוזט פּאַקן די פּאָר דעזערטירלעך פון לאַזאַוואַיאַ...

— אַט־אַט־אַ, דאָס איז דאָס ערשטע...

— און אַז אין חדר, האָט איר אויסגערעכנט, זענען דאָ אוועלכע הונ־דערט קינדער...

— דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק...

— וויכטיק, צי נישט וויכטיק, אָבער איך דאַרף דאָך אויסרעכענען אַלץ, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט, אויפן לאָמפּ קוקנדיק...

— נו, נו... מאַך עס אַ ביסל גיכער, איך ווייס נאָך אַלץ נישט, ווי אַזוי עס איז דורכגעגאַנגען די אָפּעראַציע ביי מיין מוטער...

— ווייטער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אויף די אַלע פראַגן דערוואַרט איר פון מיר אַ גענויעם ענטפער...

— אודאי אַזוי... איצט רעדסטו צו דער זאַך...

— און צום לעצט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אַט די אַלע מעשות זע־נען פאַר מיר תרגום־לשון... איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט...

אומאַנסקי שטעלט זיך אויף. ער איז ווייס ווי די וואַנט. שלמה שטעלט זיך אויך אויף. אַט אַזוי שטייען זיי אַ היפּשע ווײַלע איינער קעגן צווייטן. ביידע האָבן איין וווקס, אַלץ איינע אויגן, ענלעכע פּנימער, שטאַמען ביידע פון איין פאָלק און זענען אַזעלכע בלוטיקע שונאים איינער דעם אַנדערן.

ביי אומאַנסקין ציטערט עטוואָס די אונטערשטע ליפּ, נאָר אין אַלגע־מיין איז ער שוין בארויקט. ער זעצט זיך אויף זיין פאָטעל, שלמה בלייבט שטיין. יענער שמייכלט צו זיך אַליין, קלאַפּט עפּעס אויס מיט די פינגער אין טיש. ער הייבט אויף די אויגן און פרעגט שלמהן גוטמוטיק:

— וואָס האָסטו זיך אויפגעשמעלט?

— איך האָב געמיינט, אַז דאָ כאַפּט איר אַרויס דעם נאַגאַן און שיסט מיך, האָב איך געוואָלט באַגעגענען דעם טויט שטייענדיק...

אומאַנסקי צעשיט זיך אין אַ קינדערישן, זאַרגלאָזן געלעכטער:

— אוי, שלמה, ביסטו אַ פאַנטאַסט! דו ביסט אַן אמתער שרייבער, מוז איך דיר זאָגן. זעץ דיך, זעץ דיך, עס האַלט נאָך נישט ביים שיסן... מעגסט דערווייל זיצן, צום טויט איז נאָך גאַנץ ווייט... שיסן דיך וועלן מיר קיין מאָל נישט פאַרשפּעטיקן... דאָס וועט פון אונדז נישט אַנטלויפן...

דערווייל וועסטו ביי מיר גיין צוריק אויף דער לייטער. איך זע, אז דו דארפסט טאקע גאנצע צוואנציק מינוט...

— נו, וואס קען איך העלפן, אז גאטס ווילן איז אזוי, גיי איך.

אומאנסקי שפרינגט אויף פון זיין ארט, רויט פון כעס, זיין שטימע דונערט ווי א הארמאט:

— נישט גאטס, נישט גאטס ווילן, נאר מיין ווילן... מיין אייגנער... א רוח אין דיין געפגרטער באבען אריין! מארש אויף דער לייטער! איך אליין וועל אכטונג געבן...

שלמה קריכט ארויף אויף איין זייט, אומאנסקי — אויף דער צווייטער. ווידער דער באקאנטער שניט אין די אויגן, אלץ צינדט זיך אן אין אים אין איין אויגנבליק, עס זענען נאך נישט פארשווונדן די פריערדיקע זונען... ער קלאמערט זיך איין מיט די הענט אין דער לייטער און קוקט... ווען עמעצער וויל ביי אים דעם פרייז, וואלט ער אפגעגעבן צען יאר פון זיין לעבן פאר איין קוק אין דער זייט אריין, נאר קענען אים שטייט אומאנסקי, ער דארף נישט זיינע יארן, אלץ איינס זענען זיי אין זיינע הענט... שלמהס אויגן הייבן אן צו טאנצן, דער קאפ ווארפט זיך ביי אים, אזוי ווי בשעת אן אטאקע פון דער שווארצער קרענק*. מיט א מאל פליט א פאטש אין דער רעכטער באק, אז זי לויפט אויף:

— וואס חנדלסטו זיך דארטן, דו קרומער הונט? קוקן סמירנא — און נישט אויפן גלאז, נאר גלייך אין פייער אריין...

— איך קוק דאך —

תוך כדי דיבור באקומט ער א האסטיקן טראך אין דער לינקער באק פאר זיין עזותדיקן ענטפער. ער פילט, אז אין מויל איז ביי אים ווארעם און פריקרע־זיס, נאר ער געדענקט נאך סאקאלאווס תורה, אז דאס אלץ גייט אויף איינצושלינגען און ער האט שוין מורא ארויסנעמען א טיכעלע. פאר די אויגן פארן ארום גאלדענע און זילבערנע קארעטעס, עס שיסן הארמאטן, עס האגלט אין קאפ. די אלץ מער צוקומענדיקע פליסיקייט אין מויל קיצלט אין נאז, פארשטעלט פאר די לונגען די לופט... ער כאפט א זעץ אונטער דער בארד, די ציין גיבן זיך וויטיקלעך א שלאג צונויף.

— פאר וואס האסטו אנגעבלאזן די מארדע?

שלמה שלינגט אראפ דאס גאנצע בלוט מיט די שטיקלעך ציין, עס רייסט זיך ארוים א כוואליע פון אונטער זיין הארצן, און — פליוך! גלייך אויפן לאמפ. אומאנסקי האט קוים באוויזן זיך אפקערן און איז גיך אראפ, שלמה האט נאך אלץ מורא אראפצונעמען די אויגן פונעם לאמפ און ער ברעכט מיט דער גרינער גאל. אין צימער איז אלץ געווארן באלויכטן מיט א רויטלעכער שיין, פונעם לאמפ קאפען רויטע טראפנס, גרינע טראפנס און פון דער נאז שפריצט מיט שטיקלעך דאר ברויט...

פלוצלינג שיסט אוים אין צימער. שלמה בלייבט שטיין אין דער פינצ־

---

* עפילעפסיע.

טערניש. עס האָט געפּלאַצט דער לאָמפּ. שלמה דערפילט אין די באַקן, ווי נאָדלען וואָלטן זיך אַהין אַריינגעשטאָכן און זיי קריכן וואָס טיפער אין לייב אַריין. ער פאַרשטייט, אַז דאָס זענען שפּליטערס פון גלאָז. און כאָטש דאָס בלוט רינט אים איבער די באַקן גלייך אין האַלדז אַריין און כאָטש דער ווייטיק איז אַן אוממענטשלעכער און כאָטש ער פילט, אַז ער וועט באַלד פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, ווייל דער שטאַפּל, פילט ער, גליטשט זיך אַרויס פון אונטער די פיס, דאָך איז ער זיך שטאַרק מחיה מיט דער פינצטערניש. ער שלינגט זי דאָרשטיק. ער טונקט די אויגן אין איר. טונקט, טונקט, און קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן. ער לאַכט מיט די פאַרבלוטיקטע באַקן, מיט די אויסגעזעצטע ציינער. ער לאַכט פון זיינע תלינים דאָס גרעסטע געלעכטער. זיינע גלעזערנע אויגן זענען בלינד אויסגעגלאָצט, דאָס פּנים איז געשוואָלן און פאַרבלוטיקט, דער געלעכטער איז משונהדיק. ווי ביי אַ גוסס, נאָר ער לאַכט, ער לאַכט און קוקט... קוקט און לאַכט...

אַ סנאָפּ ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּל גיט אַ זוך זיין פּנים אין דער פינצטער. עס איז פאַרגליווערט און עס קוקט שטאַר אין דעם ליידיקן פּאַטראָן מיט די אָפּגעבליאַקעטע, גלעזערנע סטרעמפּלעך.

— גיי אַראָפּ!

שלמה הייבט אויף אַ פאַרהילצערטן פוס, דעם צווייטן, מאַכט אַ פּאָר טריט אַראָפּ און קערט זיך איבער מיט דער לייטער צוזאַמען אין פינצטערן צימער. דאָס מאָל איז ער דווקא גאַנץ. ער הייבט זיך אויף, אויף אומאַנ־סקים וווּנק גייט ער אַרוים פונעם צימער. יענער פאַרשליסט די טיר און זאָגט אַן די זעלנער:

— שטעלט אים אַוועק אין יענעם ווינקל מיטן פּנים צו דער וואַנט און גיט אַכטונג, ער זאָל זיך נישט אומקוקן. טאָמער פאָלגט ער נישט, הרגעט, שלאָגט אָן רחמנות... איך פּאָר אויף סאָלאָמינקע נאָך זיינע על־טערן, עס וועט זיך דאָ באַלד אַזוינס טון, אַז זינט די וועלט שטייט, האָט מען נאָך אַזוינס נישט געזען. אָט וועט איר זען אַ שיינע זאַך! זייערע גוואַלדן וועט מען קענען הערן אויף פּאָדאָל. איר קענט אייך נעמען בענק־לעך, איר דאַרפט נישט שטיין.

מיטן ווּנק ווייזט ער זיי, אַז זיי קענען אַוועקגיין אין קאָמענדאַטור, דער אַרעסטאַנט וועט אַליין אויך שטיין ווי געהעריק.

שלמה שטייט מיטן פּנים אין פינצטערן ווינקל אַריין, הינטער זיינע פּלייצעס הערט מען נישט קיין שאָרך, נאָר ער ווייסט דעם באַדייט פון אַזאַ שווייגעניש. זיי וואַרטן נאָר, ער זאָל זיך אַ דריי טון מיט אַן אַקסל, וועלן זיי זיך אַרויפוואַרפן אויף אים ווי די וועלף. ניין, אים וועלן זיי נישט אָפּנאַרן מיט דער שטילקייט, ער וועט זיי נישט געבן קיין מאָטיוו צו דערענדיקן אים צום איבעריקן און אים אַרט גאָרנישט אַזוי שטאַרק, וואָס ער שטייט... ער איז שוין געווינט... די וואַנט קילט מחיהדיק דעם שטערן, די פינצטערניש איז זיס ווי האָניק און די פיס זענען ביי אים געזונטע, אייזערנע. ווער זאָגט עס, אַז ער טראָגט אַ פּראָטעזע? עס איז

אן אויסגעטראַכטע זאַך, עס איז אַ ליגן, ער איז נישט קיין קרומער הונט... נאָר אומאַנסקי האָט אַזוי געזאָגט. יאָ, אומאַנסקי... שוין זשע איז ער טאַקע אַוועק אויף סאַלאַמינקע נאָך זיינע עלטערן?

ער פילט, ווי מוראַשקעס גייען ביי אים אַרום איבערן לייב. פּאַרט ערגעץ ווו אַ מאַשין, שפּיצט ער אָן די אויערן און פאַרכאַפּט דעם אָטעם: שוין זשע אהער? שוין זשע פירט מען דאָס מיינע עלטערן? דערהערט ער טריט הינטער זיך, רייסט זיך אים אָפּ אינעווייניק. אין די אויערן קלינגט אים שוין זיין טאַטנס קול:

— קינד מיינס, וואָס האָסטו צו מיר? איך בין אַ טאַטע פון קליינע קינדער, וואָס האָסטו זיך גענומען אויף מיינע יאָרן? אָט דאָס איז דיין כיבוד־אב אַזעלכער?... אָט דאָס הייסט: „ברא מזכה אבא"?

פאַר דער גאַנצער נאַכט דערפילט ער צום ערשטן מאָל, ווי טרערן קומען אָן אין זיינע אויסגעברענטע אויגן. אויף אַ ווײַלע דערפרייט ער זיך, וואָס זיינע אויגן טויגן נאָך אויף עפּעס, אָבער קיין שום געדאַנק פאַרהאַלט זיך איצט נישט אויף לאַנג. זיין גאַנצע נשמה איז דאָרט, אויף סאַלאָמינקע, ווו מען נעמט איצט די עלטערן. ער טראַכט בכובד־ראש:

— „גאָט מיינער! אפשר וועל איך חלילה נישט עומד בנסיון זיין, ווען מען וועט נעמען קאַטעווען מיינע עלטערן פאַר מיינע אויגן"... גלייך אָבער דערמאָנט זיך אים אַ מאמר, — ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, ווו ער האָט אים געהערט: „איתא בגמרא, אלמלי נגדוהו לחנניה מישאל ועזריה, הוו פלחין לצלמא".* פרעגט עמעצער דאָרטן: „מה להם לחכמים לספר בגנותם של הנביאים הללו? אלא חז"ל באו ללמדנו, שאין איש בא לידי נסיון שאינו יכול לעמוד בו".** און דער געדאַנק פירט אויס: — ...שלמה־סערדצע, אויב די השגחה האָט גוזר געווען דיך שטעלן פאַר אַזאַ נסיון, איז אַ סימן, אַז דו ביסט הגון לכך און ער שטייגט נישט אַריבער דיינע כוחות. געדענק, ברודערקע, מען זאָל דיך און אפילו דיינע עלטערן צעבראָקן אויף שטיקלעך, טאָרסטו נישט אָנרופן פאַר אָט די קאַניבאַלן קיין אײן יידישן נאָמען. היינט איז ביי דיר דער טאָג פון „יהרג ואל יעבור". הכון לקראת אלהיך! אפשר גאָר האָט מען דיך אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם, בלויז צוליב היינטיקן טאָג... אַז דו זאָלסט היינט מקדש זיין את השם ברבים...

ער שטייט לאַנג, אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג... ער פאַרשטייט נאָר

---

* ווען מען זאָל חנניה מישאל ועזריה געשלאָגן — נישט אַרײַנוואַרפן אין קאַלכאויוון — נאָר שמייסן, וואָלטן זיי זיך אפשר געווען געבוקט צום אָפּגאָט.

** צו וואָס האָט געטויגט די חכמים צו רעדן אויף אָט די נביאים, אַז זיי וואָלטן נישט געווען ביי־געשטאַנען דעם נסיון פון שמיץ? נאָר די חז"ל קומען אונדז מיט זייערע רייד צו לערנען און דאָס בלייבט שוין ווי אַ כלל, אַז די השגחה שטעלט קיין מאָל נישט קיין מענטשן פאַר קיין נסיון, וועלכן ער קען נישט אויסהאַלטן.

נישט איין זאַך: פאַר וואָס דויערט דאָרטן ביי אים אַזוי לאַנג, ביי אור־מאַנסקין? ער איז דאָך געפאָרן אהינצו אודאי מיט אַן אויטאָ, פאַר וואָס זשע דויערט אַזוי לאַנג? קיין רעוויזיע דאַרפן זיי דאָך שוין נישט מאַכן. יאָ! ביי וועמען אין קאַבינעט וועט פאָרקומען די באַלדיקע סצענע? אור־מאַנסקים חדר איז דאָך חרוב ונחרב, די לייטער האָט אומפּאַלנדיק צע־בראָכן די גלעזערנע שאַפע, דער לאָמפּ האָט געפּלאַצט. ווו דען? אודאי ביי סאָקאָלאָוון... אין יענעם ווייסן סאַלאָן, מיט די דריי אָפּגעטער... אָבער פאַר וואָס דויערט טאַקע אַזוי לאַנג? שאַ, טריט!... איין מענטש גייט... אַ פּנים זיי גייען הינטן...

— דריי זיך נאָר אויס, ווער ביסטו?

שלמה דרייט זיך אויס, פאַר אים שטייט זשוראַוולִיאָוו. אין פענצטער שיינט פרייליך אַריין די זון. עס קער שוין זיין אודאי צען אַ זייגער און אויפן קאָרידאָר איז נאָך פּוסט, ווי אויף אַ בית־עולם. אין דעם גיהנום הייבט זיך ערשט אָן קאָכן פון נאָך האַלבן טאָג און דער עיקר: ביי נאַכט. יענער שטייט און באַטראַכט אים מיט טרויעריקע אויגן און ווענדעט זיך צו אים שטיל:

— שוין לאַנג, אַז דו שטייסט דאָ?

— קיין זייגער האָב איך נישט, נאָר אודאי פון האַלבער נאַכט.

— ווער האָט דיך אַזוי צורעכט געמאַכט?

— מיין אויספאָרשער.

— ווער איז דיין אויספאָרשער?

— אומאַנסקי.

— אַה, אומאַנסקי!... מהם... און ווי אַזוי איז דיין פאַמיליע־נאָמען?

— פּיאַטיגאָרסקי.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי האָסטו געזאָגט?

— פּיאַטיגאָרסקי.

— נישט דיך האָט מען מיט אַ פיר, פינף וואָכן צוריק גענומען פון דער מיליטערישער קאָמיסיע?

— יאָ, מיך.

— אור־וואַ, נישט צו דערקענען!... ווייזט אויס, קיין האָניק פאַר דער צייט האָסטו נישט געלעקט.

שלמה שווייגט.

זשוראַוולִיאָוו איז צעקאָכט. ער קוקט זיך אום מיט אָפענער שנאה אויף אומאַנסקים טיר. אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט ער ווייטער:

— וואו־זשע איז ער, דיין אומאַנסקי?

— ער איז נישטאָ. ווו ער איז, ווייס איך נישט.

— אין וועלכער קאַמער זיצסטו?

— אין דער דרייצנטער.

— נאָך אַלץ אין דער דרייצנטער? אַ ביסל צו לאַנג האַלט מען דיך דאָרט. דו האָסט זיי נאָך אַלץ גאָרנישט געזאָגט?

— איך האָב נישט וואָס צו זאָגן.

— נו, דאָס איז דיין זאַך, זאָגן צי נישט זאָגן. דאָס איז אַ פראַגע פון געוויסן. קום מיט מיר.

ער גייט דורך דער קאָמענדאַטור, נעמט דעם שליסל פון דער דרייצנ־טער קאַמער און פירט אים אַליין אָפּ אַהין. אויפגעשלאָסן — רופט ער אויס דעם סטאַראָסטע פון דער קאַמער. עס טרעט אַרויס אויף פאָרנט אַ נידעריקער, געלער גזלן.

— איך בין סטאַראָסטאַ, בירגער נאַטשאַלניק.

— דעם אַרעסטאַנט פּיאַטיגאָרסקי נישט אָנרירן מיט קיין פינגער, דו הערסט?

— דאָס האָט מען אונדז אָנגעזאָגט דעם ערשטן טאָג, נאָך איידער מען האָט אים געבראַכט צו אונדז.

— זאָג איך אייך אָן נאָך אַ מאָל, אַז איר זאָלט נאָך שטאַרקער גע־דענקען.

די קאַמער שליסט זיך צו. שלמה ווענדעט זיך צום סטאַראָסטע מיט אַ קרענקלעך חוזקל:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס אויף דעם פּאַראַד?

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אַ באַנקיר איז נישט קיין פּראָסטער מענטש.

— איך בין שטאַרק צעקאַליעטשעט?

— גאַנץ נישקשהדיק. זיי קענען די מלאכה נישט ערגער ווי אָן אונ־דזעריקער.

— און ווער זענען זיי דען? זאָג נאָר, איר זענט שוין היינט געגאַנגען אויפן שפּאַציר?

— שוין לאַנג.

— און געפרישטיקט אויך?

— וואָס פאַר אַ קשיות פרעגסטו? עס איז דאָך שוין באַלד צייט צו עסן מיטאָג.

— אויב אַזוי, גיי איך שלאָפן.

— דיין חלק איז דאָ, קענסט אָפּעסן.

— ניין, אַ דאַנק, איצט וויל איך נישט. אפשר פאַר נאַכט, נאָכן שלאָף.

ער איז צוגעגאַנגען אין וויטן ווינקל, דאָרט האָט פאַר אים וואַניושאַ שוין אויסגעשפּרייט זיין וואַטנע לייבל. שלמה האָט אים אַרומגענומען און האַרציק אַ קוש געטון, נאָך דעם זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן געלעגער און איז אָפּגעטראָגן געוואָרן פון דעם עולם.

קאפיטל XXIX

פאר נאכט, ווען שלמה האט זיך אויפגעכאפט, איז נאך געווען א פאר שעה צום „רופעניש". ער האט עפעס איבערקייעט, זיך צוגעשפארט לעבן וואניושען אויף דער נארע און גענומען ווארטן... די זעלנער האבן דאס מאל פארשפעטיקט. פון אלע זייטן האט זיך דערטראגן א שווער כראפען. מענטשן זענען שרעקלעך מיד געווארן פארן טאג. גארנישט טון איז שווערער פון שטיינער טראגן. ווי עס פלעגט נאר שווארץ ווערן דאס לאטקעלע אין דער לינקער וואנט, אונטער דער סטעליע, אזוי פלעגן זיי אנטפאלן ווערן אזוי ווי די געהרגעטע.

דאס לעמפעלע האט געצאנקט, די לופט איז געווארן שטיקנדיק. די נעזער האבן געפייפט אויף אלערליי אינסטרומענטן. וואניושא ביי דער זייט האט געוואָרעמט ווי אן אנגעהייצטע הרובע. שלמה האט זיך באמת נישט אנטשלאפן צו ווערן. פונעם שלאף אז מען רייסט אויף איז נאך שווערער. דער צעבראכענער ארגאניזם האט אבער געמאנט זיינס. אין קאפ איז לויז געווארן דער געדאנק, וואס האט אים אפגעהאלטן פון איינשלאפן. די נאכט האט גענומען דאס איריקע און שלמה איז אנטשלאפן געווארן.

זעקס א זייגער, צום קלינגען אין קארידאר, האט שלמה געעפנט די אויגן און זיך אליין נישט געגלייבט, אז ער האט איבערגענעכטיקט אין קאמער און איז געשלאפן אויף א געלעגער ווי א מענטש... דאס איז געווען די ערשטע נאכט, וואס מען האט אים געלאזט צו רו, זינט ער איז פון שפיטאל. ער האט זיך באמיט צו דערמאנען, אפשר איז ער ביי נאכט יא ארויסגערופן געווארן אויף דער אויספארשונג, נאר ער געדענקט שוין נישט. ער האט באטאפט דעם קערפער, דאס פנים, — ניין, קיין נייעס איז דארט נישט געווען! ער איז מיט א מאל פריילעך געווארן. ער איז געגאנגען גלייך מיט אלע זיך ארומוואשן, זיך געלאזט גיין גלייך מיט אלע אויפן שפאציר, נאר דא האט אים דער דיזשורנע פון קארידאר אפ־געשטעלט: דער פארבאט פאר פיאטיגארסקין צו גיין אויפן שפאציר איז גילטיק אויף היינט אויך. ניין — דארף מען נישט, כאפט זיי דער רוח! וואס וועט ער שוין פעט מאכן די יויך מיט צען מינוט זיך דורכגיין?

עס פארשליסט זיך די טיר. ער גיט א דאוון. ער פארקוועטשט די אונ־טערגעקלאפטע אויגן, דריקט צונויף די רעשטלעך ציין. אן ווערטער זינגט ער א לויבגעזאנג צו גאט, אין הארצן ביי אים שפילט א פידעלע. ער הערט זיך איין אין דער נייער מעלאדיע און וויל כאפן די סיבה: פון וואנען האט זיך צו אים פלוצלינג גענומען אזא יום־טובדיקע שטימונג? פון דער נאכט אפרו, וואס זיי האבן אים געשענקט? פון זשוראוולויאָווס סימפאטיע, וואס ער האט אים ארויסגעוויזן? פון זיינע עטלעכע מענטש־לעכע ווערטער: „דאס איז דיין זאך, זאגן, צי נישט זאגן". דערפון איז אפשר דאס פידעלע? צי גאר דערפון, וואס דער סטאראסטע האט זיך

אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז מען האָט זיי געוואָרנט אים נישט צו טשעפּען. אפשר דערפון?

שלמה ווייסט נישט, אויף וועלכער זאַך אָנצוווייזן, נאָר פון אַלץ צו־זאַמען איז ביי אים יום־טובדיק, שטאַרק יום־טובדיק אויפן האַרצן. ווער ווייסט? אפשר נאָך אַזאַ שטיק צייט מוטשען אים, און נאָך דעם, ווי זיי זעען, אַז זיי קענען מיט אים גאָרנישט מאַכן, וועלן זיי אים אָפּלאָזן אַהיים? אָך, וואָס וואָלט דאַמאָלסט געווען? ווי שרעקלעך גוט עס וואָלט אַלץ געווען!... ווידער טאַטע־מאַמע, ווידער מנשה, ווידער מומע טייבל, ווידער פאַלי, ווידער קאַראַוואַיעוווסקע 67, ווידער די ליכטיקע וועלט... יאָ, אינ־טערעסאַנט, צוליב וואָס האָט אים יאַני געדאַרפט זען? עס איז זייער אינטערעסאַנט, וואָס האָט ער אים געהאַט צו זאָגן? ווען פאַלי זאָל געווען, קומענדיק אַהיים, אים מעלדן, אַז אַלץ איז געענדיקט, וואָלט דאָך יאַני שוין נישט געהאַט נאָך וואָס צו לויפן צו אים? וואָס דען? אַ פּנים, אַז איין פּאָדעם איז נאָך געבליבן אַ גאַנצער!... זאָל זיין נאָר איינער, אָבער דאָך אַ גאַנצער... אַזוי מוז מען דאָך זאָגן... אַז נישט, איז טאַקע ווידער דאָס אייגענע: וואָס זשע האָט אים יאַני באַדאַרפט?

שלמה פילט זיך נאָך נישט אין כח אַריינצוגלידערן זיך אין אַזאַ בלוטיקן ענין. ער לייגט דאָס אָפּ אויף דער פריי, דאַמאָלסט... דאַמאָלסט וועט זיך אַלץ פון זיך אַליין אויפקלערן. דערווייל וויל ער פון גאָרנישט טראַכטן. דערווייל איז ער גלאַט אַזוי פריילעך, גלאַט אין דער וועלט אַריין צופרידן. וואָס איז? מען טאָר אפשר נישט? נישט שיין זיך צו פרייען אין טורמע? נישקשה, דאָס איז נאָך נישט די טורמע, די אמתדיקע טורמע איז אויף לוקיאַנאָווקע. דאָ איז דערווייל נאָר געפּעאו. וויפל קען מען דאָ האַלטן אַ מענטשן? אַ חודש, צוויי, העכסטנס דריי! אין טורמע אַריין שיקט מען דעם, ביי וועלכן עס איז שוין געענדיקט די אויספאָרשונג און עס איז פעסטגעשטעלט אַ פאַרברעכן, אָבער אויף אים האָבן זיי דאָך דערווייל גאָרנישט. סיידן, זיי וועלן אונטערשטעלן פאַלשע עדות, געמאַכטע יונגע־לעך. דאַן איז שלעכט, דאַן איז ביטער. אָבער זיי וועלן דאָס אפשר נישט טון? טאָמער שווימט דאָס אַרויס, קענען זיי באַקומען אַ גרויסע שטראָף... איז אפשר טאַקע וועלן זיי אים פאָרט שיקן אַהיים...

אויך דעם צווייטן מעת־לעת האָט מען שלמהן נישט געטשעפּעט, דעם דריטן — אויך נישט. צו שלמהן האָט זיך אומגעקערט זיין לוסטיקייט. ער האָט פיל דערציילט זיינע נייע חברים וועגן זיין אַרבעט אין קאַזאַן און אין וויטעבסק... אַלע האָבן אים ליב באַקומען פאַר די אינטערעסאַנ־טע אויפטוען בשעת דער אַרבעט, פאַר זיין פריילעכקייט... שלמה האָט שוין כמעט פאַרגעסן, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן. ער געדענקט שוין גאָרנישט, צי האָט מען אים גאָר אַ מאָל גערופן אויף דער אויספאָרשונג, צי ניין.

אויפן פערטן אויפדערנאַכט, אַ זייגער צען, עלף, האָט מען אים אַ רוף געטון:

— פיאַטיגאָרסקי, קום!...

ער איז דאַן געלעגן איינגעניורעט אין וואַניושען. אויף דעם רוף האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־שטורעם אין אַלע זיינע רמ"ח אברים. די אויגן האָבן נאָך געדענקט דעם לאָמפּ, די פינגער — דעם שופלאָד, דער האַלדז — די נעגל, די באַקן — די פעדער, און דער גאַנצער קערפּער — די טרעפּ מיט דער לייטער. דער פאַרשלאָפענער מח האָט אים אונטערגע־זאָגט אַ גליכן געדאַנק, אַז ער זאָל זיך מאַכן נישט הערנדיק און זיך נישט אָנרופן, אפשר וועלן זיי פאַרגעסן אין אים, פאַרשליסן און אַוועקגיין.

דער צווייטער געשריי זייערער האָט שוין אויפגעטרייסלט די גאַנצע קאַמער:

— פיאַטיגאָרסקי, קלעזמער שיקן נאָך דיר, צי וואָס?

אויפן וועג צו דער פּאַראַדנע האָט ער געכאַפּט עטלעכע שטורך אין די זייטן אַריין, און אַ פּאָר נישקשהדיקע סטוסאַקעס אין די פּלייצעס. דאָס איז שוין אויפן חשבון פון זיין נישט אָנרופן זיך אויפן ערשטן רוף. מען איז אַריין אין פּאַראַדנע. שלמה באַמערקט, אַז לעבן דער קאָמענ־דאַטור שטייען פיל אויספאַרשערם — אָנגעטון אויף צו גיין אהיים, צווישן זיי — אומאַנסקי אויך. נאָר אָט דער מיט די פלאַקסענע האָר, אומאַנסקים שכן, שטייט אין פרענטש, אָן אַ היטל, און שמייכלט קוקנדיק אים גלייך אין פנים אַריין.

שלמהן ווערט קאַלט אין אַלע אברים. ער פאַרשטייט שוין, צו וועמען מען פירט אים. אַלע צעגייען זיך פונעם קאָרידאָר, אַ פּנים אויך צוליב דעם, כדי ער זאָל בלייבן אַליין מיט זיין קרבן. מיט אַ פינצטערער נשמה הייבט זיך שלמה לאַנגזאַם אויף אויף די טרעפּ. צו אים דערטראָגט זיך אַ קלינגענדיקער, פריילעכער שמועס ביי דער קאָמענדאַטור־טיר. דער, מיט די פלאַקסענע האָר פרעגט:

— אומאַנסקי, היינט וועסטו אויך דערלאַנגען אויף מיר אַ ראַפּאָרט דעם נאַטשאַלניק דערפאַר, וואָס איך וויל מיך אַ ביסל אַ באַלעווע טון מיט דיין אַרעסטאַנט?

— ער מעג שוין זיין דיינער, קאָזאַקאָוו... כאָטש בראָט אים אָפּ לע־בעדיקערהייט, איז מיר שוין אַלץ איינס.

— כאַ־כאַ־כאַ! מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אויף די זאַכן בין איך אַן אַקאַדעמיקער.

שלמה הערט יעדעס וואָרט. זיין טייוולאָנישער געלעכטער לעכערט אים דאָס האַרץ. ער געזעגנט זיך ביי צייטנס מיטן לעבן און הייבט זיך אויף אויפן דריטן שטאָק. ביי דער טיר וואַרטן זיי לאַנג, אפשר אַ שעה. מיט אַ מאָל דערטראָגן זיך לויפנדיקע טריט איבער די טרעפּ, מען הערט, ווי עמעצער שפּרינגט איבער פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער און זינגט זיך אונטער אַ מאָדנעם וואַלס. צוגעלאָפן, שליסט ער אויף דעם קאַבינעט און גיט שלמהן אַ קניפּ אין באַק:

— דיך געלאָזט אַ ביסל וואַרטן? אַנטשולדיק, שלמה, קום אַריין.

און איר, חברים, קענט גיין אין דער קאָמענדאַטור — יאָ, פון וואָס האָבן מיר גערעדט? אהאַ! איך האָב מיך פאַרהאַלטן אַ ביסל. נו, וואָס ווילסטו? איך בין דאָך נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש. אַ שמועס מיט דעם, אַ שמועס מיט יענעם, עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען אויך. און אַ קניפּ טון די בופעטשיצע דאַרף מען אויך, זי איז ביי אונדז אַ נייע, אַזאַ דרייענ־דיקע, ווייסט? און אַ שיינינקע, אָ! אַ שיינינקע. הערסטו, שלמה, איך בין היינט עפּעס אויפגעלייגט, דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז היינט וועלן מיר זיך נישט קריגן. און דו ווי פילסטו?

— איך פיל גאָרנישט.

— דו קערסט זיכער מיינען, אַז איך בין אַ חיה, אַז איך האָב גאָר־נישט אין זיך קיין מענטשלעך געפיל... איאַ אַזוי? וואָס שווייגסטו?

— גאָרנישט מיין איך נישט.

— בפירוש האָסטו אַ טעות און נאָך אַ גרויסן טעות אויך. איך האָב אַ כלה... דו ווילסט זען איר פאָטאָגראַפיע?

— איך ווייס נישט, צי איך וויל...

— גאָרנישט מיינסטו נישט, גאָרנישט ווייסטו נישט... נאָר איך וויל אַצינד נישט ברוגז ווערן. ס'איז דיין גליק, וואָס איך האָב היינט אַ גוטן טאָג... נאַ, און קוק אומיסטן, וואָס פאַר אַ שיינע זי איז ביי מיר.

שלמה נעמט די פאָטאָגראַפיע, באַמערקט אַ גראָבע, לאַכנדיקע שיקסע מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און לייגט אַוועק צוריק די פאָטאָגראַפיע אויפן טיש.

דער אויספאָרשער באַהאַלט זי אין טייסטער און רעדט ווייטער:

— עס איז אין דיר געווענדט, אַז מיר זאָלן בלייבן חבר, אפילו אויף דער פרייהייט אויך. אין זעקס טעג אַרום איז ביי מיר די חתונה, וועסטו אויך קומען, זיך פאַרזעגנלעך באַקענען מיט מיין קאַטיושען. אַזאַ שיינ־הייט טרעפט זיך זעלטן! זי איז אַן אַגראָנאָם. נישט פּראָסט, האַ? דו פרעגסט אפילו נישט, ווי אַזוי קענסטו זיין אויף מיין חתונה, אַז דו ביסט אַרעסטירט? עך, דו!... עס אינטערעסירט דיך שוין גאָרנישט די פרייהייט? האַ?

— פאַר וואָס זאָל זי מיך נישט אינטערעסירן? איך האָב דאָך דאָרט עלטערן.

— פאַר וואָס רעכנסטו די עלטערן צום אַלעם ערשטן? אַ כלה איז נישט נעענטער?

— אַז מע האָט זי, איז זי אפשר נעענטער, אָבער איך האָב נישט קיין כלה.

— זאָגסט ניין, זאָל זיין ניין. וועגן דעם וועל איך מיך מיט דיר נישט שפּאַרן. סוף־כל־סוף איז מיר אַ קליינע נפקא־מינה. כאָטש דעם אמת גערעדט, גלייב איך דיר נישט. דיינע אייגעלעך מסרן דיך. וועגן וואָס זשע האָבן מיר גערעדט? איז בענקסטו, הייסט עס יאָ נאָך דער פרייהייט?

— אודאי בענק איך...

— פאַר וואָס זשע האָסטו נישט געפרעגט, ווי אַזוי דו קענסט נאָך זיין אויף מיין חתונה?

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קוים האָט איר אָנגעהויבן זאָגן, וועט איר שוין מן הסתם דערזאָגן ביזן סוף...

— אַהאַ, דו האָסט פאַרשטאַנען? אַזוי פאַרשטייסטו דווקא געזונט, נאָר אַז ס'קומט צו ענטפערן אויף אַ פראַגע, נעמט דיר גאָר אָפּ דער פאַר־שטאַנד... נאָר גאָרנישט, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין היינט אויפגעלייגט און איך וויל זיך אַצינד אויף דיר נישט בייזערן. דעריבער וועל איך דיר אַליין זאָגן, כאָטש דו פרעגסט נישט...

ער גייט אַרויס פון זיין אָרט, פרוווט די טיר, צי זי איז גוט צוגע־שלאָסן, רוקט צו אַ בענקל נאָענט צו שלמהן, זעצט זיך אַוועק און רעדט שטיל, געהיימניספול:

— היינט ביי טאָג האָט מיך אַריינגערופן קירסט... דו ווייסט, ווער דאָס איז אַזעלכער?

שלמה שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ אויף יאָ:

— איך האָב געהאַט די ערע...

קאַזאַקאָוו לאָזט דורך שלמהס ענטפער פאַרביי די אויערן און זעצט פאָר מיט דעם זעלבן סודותדיקן אויסדרוק אויפן פנים:

— האָט מיר קירסט אַליין געזאָגט: גיב איבער פּיאַטיגאָרסקין... — אָבער דו קענסט דאָך פאַר עמעצן אין קאַמער זיך אויסרעדן מיט אַ וואָרט...

שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ...גיב אים איבער — האָט ער געזאָגט — אַז ער קען אפילו שוין מאָרגן גיין אַהיים. ער דאַרף נאָר אָנרופן איין פּערזאָן פון דער ישיבה, איין פּערזאָן פון דער מקווה און אפילו די יינגעלעך אויך נישט, נאָר זייער פּאָטער... אָט די דריי פּערזאָנען רופסטו אָן און דו גייסט שוין אַהיים. אפילו די מינוט, איצט אום האַלבער נאַכט. מיט מיין אויטאָ וועל איך דיך צושטעלן גלייך אויף סאַלאָמינקע. וואָרט, וואָרט... ענטפער נאָך נישט. מיר טוען קיין מאָל נישט אָפּ קיין האַלבע זאַך... מיר פאַרשטייען, אַז דיר גלוסט זיך נישט, מען זאָל אין דער היים וויסן, אַז דו האָסט עמעצן אָנגע־רופן. האַ, געטראָפן? עך, דו... דו מיינסט, אַז אויב מיר זענען נישט קיין שרייבערס, פאַרשטייען מיר שוין גאָרנישט? וואָרט, וואָרט!... קירסט, קאַמקאָר און פאַרטרעטער פון נאַרקאָם קירסט גיט דיר זיין ערנוואָרט, אַז נישט, אויב דו וועסט זיך איינשפּאַרן, קען איר דיר געבן שריפטלעך, אַז זעקס חדשים נאָך דיין באַפרייאונג רירט ער זיך נישט צו צו די מענטשן, וואָס דו וועסט אָנרופן. דו הערסט? זעקס חדשים! און אין אַ האַלב יאָר אַרום ווען עמען וועט שוין איינפאַלן, אַז ס'איז דיין אַרבעט? פאַרשטאַנען? דו ביסט זיך וויטער אויף דער פריי, שרייבסט זיך ביכער דאָרטן, צי זשורנאַלן, שפּילסט זיך מיט שיינע מיידלעך, גייסט אויף חתונות, און טאָקע צו מיר אויך — פאַר וואָס נישט? דו מיינסט, אַז איך האָב דיך נישט ליב?

ער נעמט אַרום שלמהן און קוועטשט אים צו צו זיך:

— און ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט מען יענע אַ נעם טון, אַ פּרעג טון און אָפּלאָזן... וואָס דען, מיינסטו, וועט מען זיי טון? דו מיינסט, אַז מיר דאַרפן זיי טאַקע? עס גייט אונדז נאָר אין פּרינציפּ, מיר זאָלן וויסן פון זיי... ביי דיר אַן אַמביציע, ביי אונדז אַן אַמביציע... מער גאָרנישט... אַצינד באַקלער אַ ביסעלע דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דיר דאָ פאָרגעלייגט, און זאָג: געפעלט דיר קירסטס פּלאַן, צי ניין?

קאַזאַקאָוו הייבט זיך אויף, גייט אויף זיין אָרט און זעצט זיך. נישט געאיילט פאַררויכערט ער, וואַרפט אַריין אַ קאָנפעקטל אין מויל, מישט עפּעס פּאַפּירן, לייענט כלומרשט, זינגט זיך אונטער.

— נו, וואָס האָסטו צוגעקלערט גוטס?

— איך פאַרשפּאָר גאָר קלערן. דעם נאַטשאַלניקס פּלאַן איז אודאי אַ גלענצנדיקער, וואָס קען זיין בעסער? געזאָגט, אַרויסגעגאַנגען און שוין זיך געשפּילט מיט שיינע מיידלעך... וואָס קען נאָך זיין אָנגענעמער ווי איינגיין אויף אַזאַ גאָלדענעם פּלאַן?

— איז דאָך גוט, נאָר וואָס דען?

— נאָר ווו נעמט מען אָט די דריי פאַמיליעס?

— וואָס הייסט ווו? אין קאָפּ!

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע שלעכט, וואָס אין קאָפּ זענען אַזעלכע פאַמיליעס קיין מאָל נישט געווען.

— און אָט דעם ענטפער ווילסטו זאָל איך איבערגעבן קירסטן?

— עס איז מיר אודאי שטאַרק נישט אָנגענעם, נאָר וואָס קען איך העלפן?

קאַזאַקאָוו קוקט אויף אים ווילד, דאָס גאַנצע בלוט גייט אים אַריין אין פּנים, נאָר ער האַלט זיך נאָך איין און פרעגט שטיל:

— דו ווייסט, אַז דו שפּילסט זיך מיט פייער? פאָלג מיך, נעם זיך אין די הענט אַריין, אַזוי לאַנג ווי דו האָסט נאָך צייט חרטה האָבן. דער־נאָך וועט זיין שפּעט, געדענק!

— גוואַלד, איך קען נישט אויסטראַכטן קיין נעמען. וואָס ווילט איר פון מיר?

— שאַ, ווייסטו וואָס? אַ מאָל טרעפן זיך אַזעלכע מענטשן, וואָס אַרויסברייינגען מיטן מויל איז זיי שווער און אָנשרייבן — גרינגער. איך האָב פיל אַזעלכע געזען פאַר מיין פּראַקטיק. נאַ, נאַ דיר אַ בויגן פּאַפּיר און שרייב אָן אָט די דריי פאַמיליעס. נעם דעם בלייפעדער, נעם, אַ פייער זאָל אין דיר אַריין!... אָדער דו שרייבסט באַלד אָן, אָדער איך צעשרויף דיך אויף אברים... דו מעגסט מיר גלייבן, איך באַרים זיך נישט פאַר דיר. שרייב!... שרייב, אַ בראַנד דיר אין די ביינער, שרייב!...

שלמה פילט, אַז דאָס מאָל קען מען קאַזאַקאָוון גלייבן, ער וועט זיין הבטחה מקיים זיין, נאָר וואָס זשע זאָל ער שרייבן? וועמען זאָל ער אָנ־רופן? זיין פּנים איז ווייסער פון עם באַנדאַזש וואָס אויפן אויער. די האַנט

מיטן בלייפעדער וואַרפט זיך ווי אַן אומרו. דער בלייפעדער קלאַפּט אויס אויפן גלאָז אַ פּיבערדיקן מאַרזאַ. קאַזאַקאָוו דערוויל עפנט אויף אַ שופלאַד, פאַרעט זיך דאָרט מיט קלינגענדיקע זאַכן, קלייבט עפּעס אויס און מאַכט אים צו צוריק. שלמה הייבט אויף די אויגן אויפן ארויסגענומענעם חפץ: אַ צוואַנגל!... אַ גאַנץ געוויינלעך שוסטעריש צוואַנגל, נאָר נישט מיט פאַרמאַכטע ליפּן, נאָר מיט אויסגעצויגענע איינגעקאַרבטע ליפּעלעך, אַקו־ראַט ווי אַ פּיסקל פון אַ קאַטשקע, אפילו אייגעלעך צוויי האָט עס אויך, און זיי ווינקן צו שלמהן:

— שרייב בעסער, שרייב ברודערקע, וואָס זאָל מען טון? אַז מען פאַלט אַריין צו אַזאַ רוצח, מוז מען נאָכגעבן, ביסט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, שרייב... שרייב... באַהיט דיך גאָט, זאָלסט דאַרפן פאַרזוכן דעם טעם פון אונדזערע טעמפּע קאַרבן... פאָלג אונדז, שרייב בעסער...

קאַזאַקאָוו הייבט זיך אויף געלאַסן, באַמערקט, אַז דער בויגן פּאַפּיר איז נאָך אין גאַנצן ווייס און רופט זיך אָן שאַרף ווי אַ חלף:

— לייג אַוועק דעם בלייפעדער!

שלמה לייגט אַוועק.

— טראָג צו דאָס בעטל צום טיש!

שלמהס פּנים ווערט פיאָלעט. — אָט צו וואָס עס נוצט אָט דאָס סדום־בעטל! ער גייט נאָכן בעטל און בעט ביי גאָט דעם טויט אויף זיך. גע־בראַכט, גיט אים יענער אַ ווונק, שלמה צענעמט דאָס האַרט ביים טיש און בלייבט שטיין אומבאַהאָלפן.

— טו זיך אויס!...

שלמה גלייבט נישט זיינע אויערן. ער קוקט זיך אום אויף יענעמס פּנים: אַ שוואַרצער וואָלקן רוט אויף דעם. שלעכט! מען דאַרף זיך אויס־טון. אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּידזשאַקל, דאָס העמדל, בלייבט ער שטיין.

— ווייטער!...

שלמה טוט אויס די שיך, די זאָקן, אויף אים איז געבליבן בלויז די וועש, דאָס היטל.

קאַזאַקאָוו גיט אַ ווונק, עס ווערט אַראָפּגענומען דאָס איבערגעבלי־בענע אויך. שלמה שטייט אדם־נאַקעט אין מיטן צימער און ציטערט ווי אַ בלאַט. קאַזאַקאָוו נעמט דאָס צוואַנגל אין דער האַנט און דערנעענטערט זיך צו אים. שלמהן באַשלאָגט אַ קאַלטער שוויס, ער איז נאָענט צו חלשות.

— פון וואָס איז ביי דיר אָט די צאַצקע אויפן פוס?

— בלוט פאַרגאָסן פאַר דער ראַטנמאַכט...

— וועסט באַלד דערגיסן דאָס איבעריקע... וויפל נעגל האָסטו אויף דיין קערפּער?

— פיר מאָל פינף... צוואַנציק הייסט עס...

— צוואַנציק ריטשקעלעך בלוט וועלן זיך באַלד גיסן פון די אָפּגע־

ריסענע נעגל... גלייב מיר, נישט סאָקאָלאָוו, נישט קירסט, נישט יאַגאָדאַ,*
שטעלן זיך אפילו נישט. פאַר, אויף וואָס איוואַן איוואַנאָוויטש קאָזאַקאָוו
איז פעאיק. אָבער דו וועסט עס באַלד וויסן... אַך, ווי דו וועסט עס באַלד
וויסן... ליג זיך!... נישט זיצן, נאָר ליגן האָב איך געהייסן!... אָט אַזוי,
צי זיך אויס... מערער, מערער!... אָט אַזוי!...

ער לייגט אַוועק דאָס צווענגל ביי שלמהן אויפן בויך. שלמה גיט זיך
אַ וואָרף. קאָזאַקאָוו קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער:

— אַ קאָמעדיע מיט דיר, אויף מיין וואָרט! וואָס האָסטו זיך דער־
שראָקן? דו ווילסט נישט ליידן, דאָס צווענגל זאָל ליגן אויפן בויך? קען
איך דיר דאָס אַריינלייגן אין בויך אַריין. מאַך נישט אַזאַ קרומע מינע,
איך וועל דיר נאָך טון ערגערס פון דעם אויך. נאָר דערווייל קלייב אַליין
אויס, וועלכן פינגער זאָל איך דעם ערשטן לײדיק מאַכן. זע מיין יושר,
איך גיב דיר אויף אויסצוקלייבן. צי אפשר האָסטו זיך דערמאָנט די נעמען?

— ווען איך וואָלט געהאַט וואָס, וואָלט איך מיך שוין לאַנג דער־
מאָנט.

— איז וועלכן נאָגל?

— וועלכן איר ווילט, מיר זענען אַלע טייער.

— כאַפּ אַ קוק אויף זיי צום לעצטן מאָל, אויב זיי זענען דיר טייער.
באַלד וועלן זיי זיך וואַלגערן אויף דער פּאָדלאָגע.

שלמה טוט דאָס במילא, זיינע אויגן זענען פול מיט טרערן.

— צוערשט וועלן גיין די נעגל, דערנאָך די ציין, נאָך דעם די האָר
פונעם קאָפּ. נאָר אומאַנסקין האָסטו אָנגעמאַכט אַ פּאָגראָם אין קאַבינעט
בשעת דער אויספאָרשונג, ביי מיר וועט דאָס נישט געשען. ביי מיר איז
אַלץ מיט אַ סדר, שיין, ריין, פיין, ווי אין אַן אַפּטייק... נו, וועלכן פינגער
נעמען מיר צוערשט?

ער נעמט אָן שלמהס גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט. שלמהס
קערפּער גיט זיך קאָנווולסיוו אַ וואָרף. ווי מיט אַ פייערדיקן קלעם כאַפּט
קאָזאַקאָוו אָן מיטן צווענגל דעם נאָגל און נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג
פון זיין קרבן. שלמה ווינטשט זיך איין זאַך: ער זאָל כאָטש אָפּרייסן מיט
איין מאָל, כאָטש נישט מאַטערן...

קאָזאַקאָוו לייענט איבער שלמהס געדאַנקען אין זיינע שרעקלעך צע־
עפנטע אויגן און נעמט לאַנגזאַם אונטערהייבן דעם נאָגל פון דעם פלייש.
דער ווייטיק איז אומדערטרעגלעך. נישט נאָר פון פינגער גיסט זיך בלוט,
נאָר פון אַלע אברים שפּריצן פונקען און דער עיקר רינט בלוט פון די
אויגן... טרערן אויסגעמישט מיט בלוט, בלוט אויסגעמישט מיט טרערן...

שלמה ווייסט, אַז שרייען איז אומזיסט. קיינער וועט אים נישט קומען
צו הילף, ער שטעקט אַריין די ציין אין די פלאַטערנדיקע ליפּן און שווייגט.

---

* אין יענע יאָרן : פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אינערן-ענינים, ד. ה. נאַטשאַל-
ניק פון דער אַלפאַרבאַנדישער געפּעאו.

ער זעט, ווי אַ האַלבער נאָגל איז שוין אָפּגעריסן. ער פאַרמאַכט די אויגן, כאָטש נישט צוקוקן, נאָר קאָזאַקאָוו דערלאַנגט אים אַ שנאָל אין דער נאָז און זאָגט מיט אַ זיסער שטים:

— איצט איז נישט קיין צייט צו שלאָפן, גיב אַכטונג, צי איך טו גוט...

ביי שלמהן הייבט זיך די ברוסט ווי אַ בלאָז־זאַק. קאַלטער שווייס גיסט זיך פון זיין פנים אויפן נאַקעטן לייב. ער קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן, ער קרעכצט, ער כליפּעט, ער זעט: שוין באַלד... נאָך אַ ביסעלע... אָט באַלד... אוי, וואָס ציט ער אַזוי די נשמה? פאַר וואָס גיט ער נישט קיין ריס מיט אַ מאָל.... אוי, עס איז נישט איבער־צוטראָגן... עס וואַרפט אים ווי אין קדחת... עס ברענט אונטער אים דאָס בעטל... מיט דער געזונטער האַנט כאַפּט ער די לופט... אוי, נאָך אַ ביסעלע... שוין טאַקע באַלד איז דער גאַנצער נאָגל פריי... אוי, כאָטש אויסהאַלטן...

קאָזאַקאָוו ענדיקט קאַלטבלוטיק די אָפּעראַציע. ביי שלמהן פון דער ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ רעווע, וואָס שפּאַלט הימלען. דאָס רעווען גייט איבער אין אַ קוויטש פון וועלכן עס קילט דאָס בלוט אין די אָדערן. קאָזאַקאָוו רייסט אויף ביי שלמהן דאָס מויל און וואַרפט אים אַריין אַהין דעם פאַרבלוטיקטן נאָגל. איין רגע זענען זיינע אויגן ווי מיט אַן אינגער־לעכער שרעק צוגעשמידט צו שלמהס פאַרשוויצטן פנים, דאַן גיט ער אים אַ שפּיי גלייך אין די אויגן אַריין און גייט אָפּ אַ צעקאָכטער אויף אַ זייט.

שלמה זיצט אַ נאַקעטער. קוקט אויפן רויען, גרינבלעכן פלייש און פאַרשטעלט עס מיט דער האַנט. דעם נאָגל האַלט ער אונטער דער ליפּ. אַראָפּשלינגען האָט ער נישט קיין כח, אַרויסוואַרפן — האָט ער מורא. און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך נעמען פאַר די ציין? וועט ער דאָך דערזען דעם נאָגל! אַלע צוואַנציק נעגל! וואָס זשע טוט מען טאַקע? ער קען זיך קיין עצה נישט געבן.

קאָזאַקאָוו גייט צו, פרעגט אים כמורנע:

— נו, ווי אַזוי איז דער נאָגל אין טעם, נישקשה?

שלמה שווייגט.

— פאַר וואָס ענטפערסטו נישט, אַז מען פרעגט דיך?

— גאַנץ געשמאַק, בעסער קען נישט זיין.

— אפשר געדענקסטו שוין עפּעס?

— אַז איך האָב נאָך ניינצן נעגל, דאָס געדענק איך זייער גוט...

— מער, הייסט עס, געדענקסטו גאָרנישט? צי זיך אויס!... נו, לע־בעדיקער!...

שלמה דערשטיקט אַ קרעכץ, ציט זיך אויס, שטרעקט אויס די געזונטע האַנט דעם רוצח און וואַרט אין ציטערניש. נאָך איידער יענער רירט זיך צו צום נאָגל, פילט ער שוין אַלע טעמים פונעם גיהנום. די אויגן זענען

פאַרלאָפן מיט בלוט, דאָס האַרץ וויל נאָר אַרויסשפּרינגען פון אונטער דער ברוסט — און ער האַלט די האַנט אויסגעשטרעקט...

קאָזאַקאָוו גייט צו, נעמט אָן דעם מינדסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט, כאַפּט אים גוט אָן... און מיט אַ מאָל גיט ער אַ וואָרף דאָס צווענגל אויפן טיש, לאָזט אָפּ שלמהס האַנט.

— ניין, ברודערקע, דאָס נעגל־רייסן טראָגסטו גרינג איבער. פּע, אַן אַלט־מאָדישער אינסטרומענט, אַ צווענגל. נישט אַזוי, שלמה?

שלמה שווייגט, ער כאַפּט איבער דעם אָטעם. וואָס עס וועט זיין, וועט זיין, אָבער דערוויילע האָט ער אים אָפּגעלאָזט? גוט איז אַ חיי־שעה...

— איך האָב פאַר דיר אַ שענערס, נאַרעלע...

ווידער גריבלט ער זיך אין שופלאָד. עס הערט זיך אַ געקלאַנג פון מעטאַלענע אינסטרומענטן און פּלוצלינג גיט קאָזאַקאָוו פרייליך אַ געשריי:

— אָט דאָס איז עס! דו זעסט אָט דעם אוצר? אָט דער גאַנצער אַר־סענאַל מיט כלי־משחית דינט ביי אונדז געוועגלעך נאָר אויף אָנצושרעקן, אָבער דו, טויגעניכטס איינער, דו ביסט גאָר עפּעס אַנדערש, דו ביסט אַ יוצא מן הכלל! אויף דיר מוז איך אויספּרובירן יעדעס כלי־זין באַזונדער און זען ווי עס ווירקט... כאָטש נקמה נעמען אין דיין פאַרשאָלטענעם קערפּער... אָדער איך באַקום גלייך די דריי פאַמיליעס, אָדער דו באַקומסט מיט אָט דעם ריבאייזן איבערן גאַנצן לייב. נו, לעבעדיקער, קלייב אויס...

שלמהס אויגן ווערן משונה־גרויס און עפּעס טרוקן. ער קען גאָר־נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי וועט קאָזאַקאָוו זיך באַנוצן מיט אָט דעם מלאך־המות. ער האַלט אין דער האַנט אַ קוואַדראַטנע אייזערן בערשטל, אָדער אַזאַ קעמל, די צענדלעך — שטאַרק נידעריקע און שטאַרק שאַרפע — און פון דעם טויט־מעכאַניזם שטעקט אַרויס אַ באַקוועם הענטל פון רויט־געפאַרבטן האָלץ.

שלמה דערמאָנט זיך, אַז אַזעלכע קעמלען האָט ער שוין ערגעץ יאָ געזען. מיט אַזעלכע קעמט מען אויס דאָס לייב פון די פערד. אָבער אַ מענטשן? דאָס הוילע לייב? גוואַלד, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? און מיט אַ מאָל דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שוין יאָ געהערט געוואָרן. כבר היה לעולמים. ווי האָט ער געקענט אַזאַ זאַך זיך באַלד נישט דערמאָנען? סטייטש, ר' עקיבא בן יוסף איז דאָך געשטאָרבן אונטער אַזאַ קעמל! ווי שטייט דאָרטן:

„...והיו סורקים את בשרו במסרקות של ברזל"... *

זיי האָבן געקעמט און ער האָט געשריגן „שמע ישראל"... ווען זיי האָבן דערגרייכט ביז דעם אָרט, ווו דער של־ראש ליגט, איז אַרויסגע־גאַנגען זיין נשמה „באחד"...

שלמהן ווערט מיט אַ מאָל פרייליך דערפון, וואָס אים איז באַשערט צו שטאַרבן מיט דעם זעלבן טויט, וואָס דער גרויסער ר' עקיבא. ער וועט

---

* „... און מען האָט געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קעמלען".

איך שרייען שמע־ישראל, אפשר וועט ער זוכה זיין דאָרטן זיך צו געפינען אין דעם תנא׳ס מחיצה, על־כל־פנים, כאָטש איין מאָל זען אים. ער זאָגט אַפּ אין הארצן ודוי און איז גרייט צו דער עקידה.

— נו, וואָס האָסטו אויסגעקליבן? אָט דאָס קראַצערל, צי די פאַמיליעס? איך האָב געזען, אַז דו טראַכסט, האָב איך דיר נישט געוואָלט איבערשלאָגן. האָסט זיך שוין אַלץ דערמאָנט? ניין, ניין, ענטפער נישט, איך היים נישט ענטפערן! נאַ, שרייב בעסער אָן. שרייב, שרייב, אַלץ שרייב, קיין מינדסטע זאַך לאָז נישט פאַר זיך... איך וועל נישט קוקן, דו זעסט? איך פאַרקוק מיך, ווילסט קען איך אין גאַנצן ארויסגיין, אַלץ איינס זע איך גאָרנישט...

שלמה זיצט אויפן אייזערנעם בעטל אַ נאַקעטער, מיטן בלייפעדער אין דער האַנט. זיין פּנים שיינט, מיט נישט קיין היגער שיין, ער איז שוין כמעט אין דער מחיצה פון גרויסן ר׳ עקיבאַן. ער טראַכט פאַרוואונדערט:

— וואָס וויל פון אים אָט דער מענטש? די נשמה? ער האָט זי שוין לאַנג מפקיר געווען, ער קען זי נעמען! וואָס דען וויל ער? די פאַמיליעס? דאָס נישט! ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַרן מינדסטן פינגערל פון זיין טייערן גאָרדאָנען, טאַנין, זעליק פיינגבוים צי משה פרידמאַן. וואָס דען קען ער אים שרייבן? דאָס לעצטע וואָרט פאַר זיין טויט? ביטע, ער וועט אָנוואַרפן אַ פּאָר ווערטער און זאָל ער זיך אָפּטשעפּען פון אים.

ער בייגט זיך אָן איבערן טיש און שרייבט אָן פאָלגענדעס:

„איך פיל, אַז איך וועל באַלד שטאַרבן אויף דעם אייזערנעם בעטל, נאָר ווען איך בלייב לעבן, וואָלט איך דער וועלט נאָך געשאָנקען זייער אַ אינטערעסאַנטן בוך... אַ ספר הספרים...”

שלמה האָט געענדיקט שרייבן און אוועקגעלייגט דעם בלייפעדער. ווי אַ וואָלף האָט קאַזאַקאָוו זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן פּאַפּיר, דורכגעלאָפן די פּאָר שורות מיט די אויגן און אַ ריטשע געטון ווי אַ טיגער:

— ווי לאַנג קרענקסטו, צי דו וועסט ביי מיר בלייבן לעבן!... כ׳זאָל אפילו וויסן, אַז מען וועט מיך אַליין שטעלן צו דער וואַנט פאַר דעם שטיקל אַרבעט, מוז איך דיר צעשרויפן די אברים און זיי דיר דערלאַנגען אין פּיסק אַריין אײנציקווייז... וואָרט, דו האָסט נאָך נישט געזען, וואָס איך קען... צי זיך אויס!... פון וואַנען זשע הייב איך אָן? פון הינטן אַרויף? צי פון אויבן אַראָפּ? ווי מיינסטו, חבר שרייבער?

— פון די פיס צום קאָפּ צו, אַזוי האָט מען שטענדיק געטון...

— פאָלג איך דיך!...

מיט אַן אוממענטשלעכער אכזריות האָט קאַזאַקאָוו אָנגעכאַפּט דעם פאַרוואונדעטן פוס און אַ פיר געטון איבער אים מיטן אייזערנעם קעמל. אַ שוידערלעכער „שמע־ישראל” האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע מויער. שלמה האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אויף און איז געוואָרן אומגעוואָרפן

מיט אַ שטויס אין דער ברוסט. דאָס קול האָט געשפּאָלטן אַלע זיבן הימ־לען... קאַזאַקאָוו האָט מיט אַ צערייצטער רציחה געגעבן נאָך אַ פּאָר איבער דער סאַמע וווּנד. שלמה האָט נאָך אַ צאַפּל געטון און איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן. טאַקע נישט דערצויגן ביז „אחד״, נישט אַזאַ גבור ווי ר׳ עקיבא...

קאַזאַקאָוו האָט אַ שמיץ געטון דאָס קעמל אין דער ערד אַריין, זיך נישט צענזוריש אויסגעזידלט און גענומען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן:

— קאָמענדאַטור? שיקט מיר אַרויף אַ דאָקטער מיט צוויי סאַניטאַרן...

ווען יענע זענען געקומען, האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף שלמהן:

— ברענגט אים צו זיך. און בכלל מאַכט אים צורעכט, וואָס מען דאַרף. ניין, ניין, אין ערגעץ דאַרף מען אים נישט נעמען. דאָ אויפן אָרט טוט וואָס מען דאַרף, איך וועל אייך נישט שטערן. איך וועל זיין אין קאָ־מענדאַטור. ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק, קלינגט מיר אָן...

קאפיטל XXX

א שעה מיט א פערטל האט קאזאקאוו זיך געלאנגווייליקט אין קא־מענדאטור, ביז עס האט זיך דערהערט א קלונג. פון אויבן האט מען גע־קלונגען, אז ער מעג שוין ארויפגיין. נאך אויף דער טיר האט ער בא־מערקט, ווי נישט צו דערקענען שלמה איז געווארן פאר דער לעצטער שעה. ער איז געווען נישט בלאס, נישט געל, נאר פשוט: טויט, א מת. אין פולן זין פון ווארט: א מת. די אויגן — פארלאשן, און א מינדסטן סימן פון לעבן. דער רעכטער פוס — פארבאנדאזשירט, דער גראבער פינגער פון דער לינקער האנט — אויך דאס זעלבע. ער איז נאך אלץ געווען נאקעט, געזעסן אויפן אייזערנעם בעטל. אויפן טיש איז נאך געלעגן דאס צוועגל; אויף דער פאדלאגע, נישט ווייט פון דער טיר — דאס פערדישע קעמל.

קאזאקאוו האט א ווונק געטון צו די ווייסע כאלאטן און זיי האבן שטיל פארלאזט דאס צימער. פארן ארויסגיין האט דער דאקטער אפגע־רופן קאזאקאוון אין א זייט און אים עפעס איינגערוימט אין אויער. שלמה האט פון זיינע ליפן אראפגעלייענט:

— טשעפעט אים מער נישט, ער קען בלייבן דא אויפן ארט. מיר האבן אים אזוי אויך קוים דערמינטערט.

— האט קיין יסורים נישט, איך ווייס אליין ווען יא און ווען נישט.

די טיר האט זיך הינטער זיי צוגעמאכט און קאזאקאוו האט נישט מיט זיין קול א געשריי געטון:

— נו, וואס געדענקסטו, הינטישער זון?

— א! פיל זאכן געדענקט איך איצט.

— א־הא! זיך שוין דערמאנט? האב איך דען נישט געזאגט, אז דאס קעמל איז דאס סאמע מאדערנסטע מיטל, סיי צום זכרון, סיי צו עקשנות... זאג, וואס געדענקסטו. נאר קורץ און שארף!

— איך געדענק, אז איר האט נאך ביי מיר ניינצן נעגל, אלע ציין, אלע האר, און דעם גאנצן קערפער, א חוץ דעם רעכטן פוס...

— דו ווילסט מיך טאקע דערפירן דערצו, איז זאל דיך צוענדיקן?

— ווייס איך, וויפל פעלט נאך דען?

— נו, מיט וואס זאל איך נעמען ארבעטן, מיטן צוועגל צי מיטן קעמל? דו ווייסט דאך, אז אלץ פרעג איך ביי דיר און פאלג פינקטלעך.

— מיין מיינונג איז, אז איר זאלט נעמען דאס צוועגל אין דער רעכטער האנט, דאס קעמל אין דער לינקער און ארבעטן מיטביידע צוזאמען.

קאזאקאוו שטייט איבער שלמהן אן אויסגעשעפטער, א פארלאשענער, קוקט אויף אים מיט טיפער פאראכטונג. ער זייעט דורך די ציין:

— און דו מיינסט, אז דיך פאלגן וועט זיין פאר מיר שווער?

— פארקערט, איך בין זיכער, אז זייער גרינג.

— הייסט עס, דו האַלטסט מיך פאַר אַ באַנדיט?

— פאַר וואָס קלערט איר אַזוי? איר פילט נאָר אויס ערלעך די אויפ־גאַבע, וואָס אייער פאָסטן לייגט אויף אייך אַרויף...

— זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז אַזוי איז דאָס... אַצינד לאָמיך הערן, ענטפער מיר צום לעצטן מאָל: דו רופסט מיר אָן די דריי פאַמיליעס, צי דו קלערסט שוין אַזוי אָפּקומען מיט שמועסערייען?

— איך וויים זיי נישט.

— צי זיך אויס!... אין דער גאַנצער לענג!... דעם לינקן פוס אַהער!

ער בייגט זיך אָן, הייבט אויף דאָס קעמל פון דער ערד און גייט צו.

שלמה זעצט זיך מיט אַ מאָל אויף, כאַפּט זיך ביים האַרצן און הייבט זיך אָן צו וואַרפן. קאַזאַקאָוו גיט אַ געשריי:

— וואָס פאַר אַ קונצן פּראָוועסטו?

שלמה שעפּטשעט קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן:

— עס איז מיר עפּעס ווידער שלעכט... אוי, מאַמע, עס ווילט זיך מיר ברעכן...

קאַזאַקאָווס מערדערישע צורה ווערט באַלויכטן פון אַ נייער אידייע. ער צעלאַכט זיך ווילד פון זיין נייעם איינפאַל, זיינע גרויע אויגן גלאַנצן מיט אַ שלעכטס־אָנזאָגנדיק פייערל:

— אַזוי גאָר? דו האָסט פּאָסטעווקעס? * וואַרט זשע אויס! איך האָב אַ מיטל דערצו אויך... טו זיך אָן!...

שלמה גלייבט נישט זיינע אויערן, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל זען דעם שנייאיקן דרויסן, דעם הימל. מיט ציטערנדיקע פינגער ציט ער אַרויף אויף זיך דאָס אָנטון. קאַזאַקאָוו באַהאַלט די אינסטרומענטן און וואַרט. די פּראָטעזע גייט נישט אַרויף אויף דעם באַנדאַזש, שלמה נעמט זי אין דער האַנט און פּרוווט זיך אויפשטעלן. עטלעכע מאָל פאַלט ער אום אויפן בעטל, נאָר אונטערן וואָלפישן קוק פון קאַזאַקאָווס אויגן הייבט ער זיך אויף מיט די לעצטע כוחות און הינקט אים נאָך. אין קאָמענדאַטור נעמט קאַזאַקאָוו אַ שליסל און זיי גייען איבערן הויף.

אין דרויסן איז האַרבסטיק, עס איז געוועזן אַ שניי, האָט אים דער נעפּל צעפּרעסן. אונטער די פיס איז בלאָטיק. שלמה גיט זיך אַ פּאָר מאָל אַ גליטש אויס. קאַזאַקאָוו שטעלט אים אויף פּאָרן קאַלנער און מען גייט. אָט איז מען שוין אין אונטערערדישן קאָרידאָר. נאָך עטלעכע טירן און עס וועט זיין די דרייצנטע קאַמער, זיין קאַמער. מיט אַ מאָל נעמט שלמהן דורך אַ שוידער: זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען זיין קאַמער. וווהין פירט אים אָט דער גזלן? אפשר האָט ער אַ טעות?

זיי שטעלן זיך אָפּ ביי דער קאַמער נומער אַכצן. שלמהן ווערט פינצ־טער אין די אויגן. טאָמער איז אים קאַרג היינט אויף דער נאַכט, פירט ער אים נאָך אין דער דאָזיקער שרעקלעכער קאַמער. שוין אפשר גלייכער

---

* קאַפּריזן ביי אַ שוואַנגערער פרוי.

געוועז באקומען ווידער א מאָל מיטן קעמל איידער זיך באקענען מיט אַט די חיות.

די קאַמער איז אויפגעשלאָסן, אַלע שלאָפן. דער סמבטיון רוט אויך אַ מאָל. קאַזאַקאָוו נעמט קלאַפּן מיטן שלאָס אין דער אָפענער טיר, עס כאַפּן זיך אויף אייניקע, מאַכן אַ ליאַרעם:

— אויפהייבן זיך! אַ נאַטשאַלניק! שטיין סמירנאַ!

אין שלמהן קילט דאָס בלוט. מיט מוטנע אויגן באַקוקט ער אַט דעם אָפּגעקליבענעם עולם און ווידער טראַכט ער, אַז דאָס איז אַ פּיל געפער־לעכערער מעכאַניזם ווי דאָס פערדישע קעמל. קאַזאַקאָוו הייבט אויף אַ האַנט און עס ווערט שטיל. ער ווייזט אָן אויף שלמהן און ווענדעט זיך צו אַלעמען:

— איר זעט אַט דעם „שטומפּ" * מיט דעם לעדערנעם פּוס? — איז ער אַן אַפּטייקער... אַ פּאַפּיראָסן נעזל ביי אים...

עס דערהערט זיך אַ הילכיק הירזשען ווי פון ווילדע פערד.

— קלאָגט ער זיך פאַר מיר, אַז עס נודיעט אים צום ברעכן...

ווידער אַן אויפרייס פון געלעכטער. די פּנימער ביי די אַרומיקע — ווי ביי עכטע מענטשנפרעסער.

— האָב איך אים אייך געבראַכט, איר זאָלט אים אַ ביסל אָפּפּרישן...

— גוט, גוט, בירגער נאַטשאַלניק. ער וועט שוין זיין פריש... ווי אַ הענדעלע!

— וואַרט, נישט געכאַפּט. איך וועל אים אויסשרייבן אַ רעצעפּט און איר וועט אים מאַכן...

— גוט, גוט, נאַטשאַלניק! שרייב אויס!...

— ערשטנס, נישט אָנרירן מיט קיין פינגער, ער איז ביי אונדז אַ טייערער...

אומצופרידענע חיהשע בליקן לעברן שלמהן אויף דורך און דורך. עס איז שטיל. קאַזאַקאָוו זעצט פאָר:

— איר טוט אים אויס נאַקעט, רוקט אים אַרונטער אונטער אַ נאַרע און פרישט אים אָפּ מיט לעקעך און מיט בראָנפן, איר פאַרשטייט שוין וואָס איך מיין.... און אַזוי זאָל ער דאָרט ליגן ביז מען וועט אייך רופן אויף שפּאַציר. איך וועל שוין אָנזאָגן, וואָס מען זאָל דערנאָך מיט אים טון.

דער סטאַראָסטע טרעט אַרויס אויף פאָרנט:

— די לייבן זענען אַ ביסל אומצופרידן, וואָס זיי טאָרן נישט צע־קייען אפילו איין ביינדעלע זיינס... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?

— נישט נאָר צעקייען, נאָר אפילו נישט אָנרירן. עס וועט נאָך זיין דאָס אייך, נאָר שפּעטער מיט עטלעכע טעג. ער וועט פון אייערע הענט נישט אַוועקגיין. נאָר דערווייל נעמט און טוט, וואָס איך האָב אייך

* אַזאַ זידלוואָרט אין טורמע.

געהייסן. עס איז נאָך אין גאַנצן געבליבן דריי, פיר שעה ביזן שפּאַציר, ער וועט נישט באַוויזן זיך אָפּצופרישן ווי עס געהער צו זיין. נו, אַ גוטע נאַכט, חברימלעך. נאַט אים אייך. איר טוט אים זיין רעכט און איך וועל אייך שוין דערנאָך שאַפן אַ שנעפּסל, נאָר אַ יענץ...

— זייט זיכער, בירגער נאַטשאַלניק. ער וועט שוין ביי אונדז פילן אַלע טעמים...

עס דערווייטערן זיך קאָזאַקאָווס טריט. עטלעכע מינוט שטייען אַלע ביי די נאַרעס, שלמה ביי דער טיר און מען באַטראַכט זיך איינס דאָס אַנדערע. דער סטאַראָסטע פרעגט:

— אַ ייד?

— אַ ייד.

— פאַר וואָס זיצסטו?

— פאַר גאָרנישט.

— אַלע אייעריקע זיצן פאַר גאָרנישט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, האָב קיין מורא נישט, ביי אונדז וואָלט זיך באַלד געיאַוועט אַ „פאַר עפּעס"... דיין גליק, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט נישט געהייסן דיך טשעפּען...

ער גיט אַ ווונק צו צוויי חברה־לייט. יענע קומען צו צו שלמהן און הייבן אים אָן אויסטון. אויסגעטון, רוקט מען אים אַ נאַקעטן אַרונטער אונטער אַ נאַרע אויפן הוילן צעמענט און ער הערט, ווי דער סטאַראָסטע קאָמאַנדעוועט צו אים:

— העכער, נאָך העכער... נאָך אַ ביסעלע... צוריק אַ ביסעלע... רעכטס, רעכטס, אין דיין מאַמעס בויך אריין. לינקס אַ ביסעלע, אונטערן סאַמע לאָך. אָט אַזוי, ליגן סמירנאָ!... נו, חברה, ווער גיט בראַנפן?

שלמה הערט, עטלעכע מיט אַ מאָל שפּרינגען אַרויף אויף די נאָענטע נאַרעס. עס גייען אַוועק עטלעכע סעקונדן און אויף שלמהס פּנים גיבן אַ שמיים עטלעכע הייסע שנירלעך וואַסער. אייניקע צילן זיך אין די אויערן, אַנדערע — אין דער נאָז, אין די אויגן. שלמה ליגט מיט אַ זייט, דאָס מויל פאַרשלאָסן, פאַרשטעלן מיט די הענט טאָר מען נישט. עט־לעכע צענדליק מענטשן ליידיקן זיך אויס אויף שלמהן, און דער סטאַ־ראָסטע גיט אַ קאָמאַנדעווע:

— נו, אָדלערס, אַ מענטשן חלשט דאָס האַרץ, גיט אים עפּעס צו־בייסן... פּאַוואָליע, נישט מיט אַ מאָל, איר וועט אַלע באַוויזן, צו טאָג איז נאָך ווייט. איינציקווייז, איינציקווייז...

שלמה ליגט און פילט, אַז ער וועט שטאַרבן מיט זייער אַ מיאוסן טויט. נישט זוכה געווען ווי ר׳ עקיבא צו שטאַרבן אונטערן קעמל, וועט אים אויסקומען דערשטיקט צו ווערן אין אַ באַרג טנופת. אפילו וידוי איז נישט רעכט צו זאָגן אין אַזאַ אומריינקייט.

ער דערפילט די ערשטע לאַטקע אויפן פּנים. נאָך אַ פליוך, נאָך אַ פליוך... ער האָט אַ פול מויל מיט איבלדיקס. די פאַרמאַכטע אויגן שפּרינ־גען אים אַרויס פאַר אָנגעשטרענגטקייט. ער כאַפּט אַ מאָמענט, ווען איינער

גייט אַפּ פונעם לאָך און דער צווייטער גייט צו, גיט אַן עפן דאָס מויל, גיסט אויס אַלץ וואָס איז אָנגעלאָפן דאָרט פאַר דער צייט און פאַרשליסט עס ווידער. ווידער אַ פּליוך, שוין אַזוי ווי מיט וואַסער, עס צעגיסט זיך איבערן גאַנצן ליִב. שלמה ליגט מיט פאַרשלאָסענע מויל און אויגן. אונטן בריט דער קאַלטער צעמענט, פון אויבן דאָס עקלדיקע געמויזעכץ.

שלמה וויינט אין זיך פאַרן רבונו־של־עולם:

— צי איך וועל בלייבן לעבן, צי ניין, דאָס איז נישט וויכטיק. נאָר שענק נישט קאָזאַקאָוון אָט דעם מיאוסן אויפטו קעגן מיר. שענק אים נישט, ווייל איך בין אים נישט מוחל...

אין מיטן קלערן דערפילט ער אַ הייסן קלאַפּ צווישן די אויגן. דאָס איז ביי עמעצן אַ האַרטער מאָגן, מער גאָרנישט. דאָס האַרטע שטיקל קייקלט זיך אַראָפּ אויפן האַלדז און בלייבט דאָרט ליגן. אַראָפּנעמען פון דאָרט טאָר מען נישט, מען האָט געהייסן ליגן סמירנאָ. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס באַשיטן אים, ווייסט ער נישט. קיין אויגן עפענען קען ער נישט. די אויערן זענען פאַרלייגט, נאָר דאָך הערט ער, ווי דער סטאַראָסטע פרעגט איבער, צי עס זענען נאָך דאָ בעלנים, נאָר קיינער וויל שוין נישט. מער פילט ער איידער ער הערט, אַז אַלע אַרעסטאַנטן גייען אַפּ אין צווייטן עק קאַמער, אַזאַ געשטאַנק איז דאָ. שלמה ליגט אַן אָפּגעשוואַכ־טער, אַ פאַרגליווערטער, האָט מורא זיך אויסדרייען מיטן פנים אַראָפּ, כדי עס זאָל אַ ביסל אַראָפּפאַלן. קיין מינדסטער געדאַנק איז אין זיין קאָפּ נישטאָ.

ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט, ווייסט ער נישט, נאָר אויפגעוועקט האָט אים דאָס קלינגען אין קאָרידאָר. דער סדר־היום אין טורמע הייבט זיך אָן. עס ווערן אויפגעהויבן די נאַרעס. עס ווערט אָנטפּלעקט דאָס ביינאַכטיקע שטיקל אַרבעט. אַלע האַלטן זיך וואָס וויטער פון יענעם בית־הצניעות, אין ווינקל, מען לאַכט עס וואַלגערט זיך עפּעס אַ קערפּער פון אַ מענטשן. עס דויערט נאָך אַ ביסל, מען שליסט אויף די קאַמער און עס דערהערט זיך אַ סקאָרבאָווע צעצויגענער אויסרוף:

— אויף ש־פּ־אַ־צ־י־ר!...

עס דערטראָגט זיך אַן אומדייטלעכער געמורמל און אַ זידלען זיך:

— פע, פאַרשיווצעס, וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַן אָפּטריט?

— אין קאָמענדאַטור ווערט געוווּיר.

עס פאַרשליסט זיך צוריק די טיר, עס דויערט לאַנג, זייער לאַנג. ענד־לעך עפנט מען צוריק. עס דערהערן זיך שווערע טריט און עפּעס שלעפּן איבער דער פּאָדלאָגע. די אַרעסטאַנטן שיקט מען אַפּ אויפן הויף און שלמהן הייסט מען זיך אויפהייבן. ער שטייט אויף, פאַרטריקנטע שטיקער שיילן זיך פון זיין ליִב, פאַלן אַראָפּ. ער עפנט די אויגן, גלייכט זיך אויס די ביינער, ווישט זיך אָפּ דאָס פנים. פאַר אים שטייען יענע צוויי זעלנער, וואָס האָבן אים געקוויקלט פון די טרעפּ. זיי האַלטן אַ פּייער־לעשער־

„שלאנג" מיט א קרענטל. זיי פירן אַפּ שלמהן אין א זייט און דרייען עס אויף.

שלמהן גיט עס אזש א וואָרף צו דער וואַנט, אזוי מעכטיק איז דער שטראָם. זיי שמייסן מיט אים איבערן גאַנצן קערפּער, פון קאָפּ ביז די פּיאַטעס. דאָס וואסער איז שניידנדיק קאַלט, אָבער ריין, פריש. שלמה בריט זיך, ציטערט, ממש ארכבותיה דא לדא נקשן,* נאָר ער איז זיך מחיה מיט דער ריינקייט. ער וואַשט זיך מיט די הענט די האָר, דאָס לייב, די אויערן, דאָס פּנים. ווען זיין קערפּער איז שוין רויט, צעשמיסן פון דעם שטאַרקן, קאַלטן שטראָם, הייסט מען אים זיך אָנטון.

שלמה, א דערפרווירענער, א צעגלידערטער, נאָר א גליקלעכער מיט דער אומגעקערטער ריינקייט, זוכט מיט די אויגן זיין אָנטון און געפינט עס נישט, נאָר אין אווינקל וואַלגערט זיך זיין פּראָטעזע און עטלעכע אומ־ריינע שמאַטעס. איינער פון די זעלנער שפּרינגט ארויס אויפן הויף. עס דערהערט זיך א פייף און אין א מינוט אַרום ברענגט מען אריין אַלע אַרעסטאַנטן. מען שטעלט זיי אויס און דער זעלנער זאָגט:

— חברה, די מינוט זאָל ווערן פּיאַטיגאָרסקים אָנטון, פונעם היטל ביזן נאָזטיכעלע. נו גיכער, איינס און צוויי!...

קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. אַלע קוקן אַראָפּ, פינצטער און פאַר־עקשנט. ביי שלמהן קלאַפּט א צאָן אין א צאָן פאַר קעלט און פאַר פחד פאַר אָט דער שרעקלעכער מאַסע חיות. ער וואָלט זיי שוין מוחל געווען זיינע בגדים, אַבי וואָס גיכער פון זיי פּטור ווערן, נאָר קיינער פרעגט נישט זיין מיינונג. איין זעלנער רופט אָפּ דעם סטאַראָסטע אין א זייט, רעדט עפּעס מיט אים עטלעכע מינוט. יענער גייט צו צו זיינע חברים, זאָגט שטיל, נאָר שטרענג:

— ברידערלעך, דאָ איז נישט דאָס אָרט, מען דאַרף אים אָפּגעבן... נאָר אַליין! אויב ער וועט אויף עמעצן דערקענען עפּעס זיינס, בין איך יענעם נישט מקנא.

איינציקווייז גייען אַרויס אַרעסטאַנטן פון דער ריי, טוען אויס פון זיך שלמהס הלבשה. שלמה טוט זי אָן, נעמט די פּראָטעזע, וואַרפט א קוק אויף יענעם בערגל אומריינקייט, אין וועלכן עס איז נאָך צו דערקענען די פאָרמען פון זיין קערפּער. די טיר פון דער קאַמער נומער אכצן מאַכט זיך צו, די טיר פון דער קאַמער נומער דרייצן ווערט אויפגעשלאָסן און ער איז ווידער צווישן זייניקע.

---

* די קני־ען קלאַפּן איינע אין דער צווייטער.

קאפיטל XXXI

ווידער גייען פארביי עטלעכע רואיקע טעג. שלמה איז אויסגעשלאָפן, אויסגערוט, אָפּגעגעסן, וואָס מעגלעך. פאַר קלײנגעלט, וואָס ער האָט ביי זיך, קויפט ער צו דורך די אָרעסטאַנטן ברויט און זויערע אוגערקעס פון דעם טורמע־קלייטל. צו דעם הייסן וואַסער, וואָס מען גיט צוויי מאָל אין טאָג, קויפט ער זיך קאָנפעקטן און לעבט אַ גוטן טאָג. נאָר זיין לוסטי־קייט האָט ער ערגעץ פארלוירן. צי ביי קאַזאַקאַוון אויפן בעטל, צי אין דער „אַכצנטער" אונטער דער נאַרע, נאָר קיין שמייכל זעט מען נישט אויף זיין פּנים. גאַנצע טעג ליגט ער אין ווינקל, גאַנצע נעכט מיט וואָ־גיושען. אפילו דאַווענען זעט מען אים נישט. ער איז שטאַרק מאָגער געוואָרן, רעדט נישט צו קיינעם, זיך אין גאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער אויסערלעכער וועלט.

עס טרעפט פאַר נאַכטלעך, ווען דורכן שמאָלן פענצטערל פארבלאָנ־דזשעט אַ לעצטער שטראַל פון אַ פראָסטיקער זון, גיט זיך ביי שלמהן אַ מיש אויף אין קאָפּ אַ בילד: סאַלאָמינקע. אַלץ איז אין שניי. אין שטוב איז וואַרעם. דער טאַטע איז ביי מנחה. די קינדער, נאָכן צוגרייטן די לעקציעס, פאָרן אַראָפּ אין צענטער שטאָט אַריין אין קינאָ. שפּעטער, ווען אַלע זיצן ביי דער וועטשערע, גיט די מאַמע אַ קרעכץ: „אַך, ווען שלמה זאָל דאָרט האָבן אַזאַ לעפל יויך, אַזאַ שטיקל ביילעק... ווער ווייסט, וואָס מיט אים פּאַסירט איצט דאָרט?" — אַלע ביים טיש לאָזן אַראָפּ די קעפּ. קיין איין ביסן קריכט שוין נישט אין האַלדז אַריין. און דער סקווירער רבי אויפן פּאָרטרעט הערט זיך צו, הערט זיך צו. ער געדענקט נאָך אָט דאָס שלמהלע פון וועלכן מען רעדט איצט ביים טיש, נאָך גאָר אַלס קליי־נינקן אין פּיאַטער.

שלמה ווישט אָפּ אַ טרער און פארטרייבט די געדאַנקען.

עס טרעפט, אַ ביינאַכטיקע שעה, שלמה ליגט אויפן עק נאַרע, ס'איז ווייך, וואַרעם אויך, נאָר קיין שלאָף נעמט אים נישט. קענען זיין ווילן טראָגן אים די געדאַנקען אַריבער אין דעם באַלויכטענעם זאַל פון דעם אָפּערע־טעאַטער. דאָס פּובליקום איז רייך געקליידעט, פרייעלעך געשטימט. אין דרויסן שיט אַ פראָסטיקער שניי, עס ווייעט אַ ווינט, רייסט אויף די פּאָלעס פון די דורכגייער און נעמט אַדורך אַלע אברים. אָבער די ווענט פון דער קיעווער אָפּערע זענען געבויט מאַסיוו, זיי לאָזן נישט דורך גאָרנישט פון דעם בייזן דרויסן. דאָ איז אַלץ גן־עדנדיק, סיי דאָס ווייכע ליכט, סיי די פּליושענע שטולן, סיי די וווּנדערלעכע מוזיק, סיי די אַקציע וואָס קומט פאָר אויף דער בינע... די דאָזיקע פיר שעה, מעג מען אַרויס־וואַרפן פונעם צעטל וואָכעדיקע שעהן, דאָס זענען יום־טובדיקע, הייליקע שעהן, שעהן פון בלויז פארגעניגן...

אין פּאַרטער, נישט ווייט פון דער סצענע, זעט ער פּאָלין מיט איינעם

אַ בלאָנדין, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. דאָס איז איר לערער פון מאַטעמאַטיק. בסוד סודות פאַר אַלע סטודענטן לערנט ער מיט איר אַ חוץ ביי זיך אין דער היים, ווייל אויף דעם געביט הינקט זי אַ ביסל אונטער. פאַלי טראָגט דאָס נייע קלייד, וואָס ער האָט אויף איך געזען אין מאָסקווע: גלאַט־גראַנאַט, מיט אַ רויט סטענגעלע ארומגעזוימט, ענג צום לייב און שטרענג פאַרשלאָסן אויפן סאַמע האַלדז. די האָר זענען קענן איר געוויינהייט צעשאָטן אויף די פּלייצעס. אין איין האַנט האַלט זי אַ ביינערנעם פּעבער, יענעם פּושטשע־וואָדיצער פּעבער, אין דער צווייטער — אַ פּראָגראַם־צעטל. דער לערער קוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן, זי דערלויבט אים דאָס. ער פאַרלייגט דעליקאַט די האַנט אויף איר שטול און אומגערן, מיט צוויי פינגער בייגט ער זי צו צו זיך. זי דראָט אים שמייכלענדיק מיט אַ פינגער ביים געטאָקטן נעזל —ביידע צעלאַכן זיך און ער פאַרשטייט, אַז ער מעג זיך דערלויבן עפּעס מער אויך...

שלמה הערט אפילו וואָס זיי שמועסן צווישן זיך:

— פאַליאַ, איר מיינט, אַז פאַרן קלאַס זענען אונדזערע באַציאונגען אַ סוד?

— ס'איז נישט קיין סוד? מילא, וואָס קען איך טון? אייך פאַרדריסט דאָס זייער?

— מיך זאָל דאָס פאַרדריסן? פאַליטשקע, איך האָב דאָך דיך וויפל מאָל געבעטן, זאָלסט איבערגיין צו מיר און אַן עק זאָל נעמען צו די אַלע סודות...

— דו רעדסט נאַרישקייטן, מיטיאַ, איך האַלט נאָך נישט דערביי...

— זומער מיט יענעם אַרעסטאַנט האָסטו געהאַלטן דערביי און אַצינד מיט מיר — נישט?

— איך האָב דאָך דיר וויפל מאָל געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיר נישט דערמאָנען יענעם אומגליקלעכן. יענער איז נישט קיין פּראָסטער מענטש געווען. אָ! יענער איז נישט געווען ענלעך אויף דיר. דו, טאָמער נעמסטו זיך מיט מיר לערנען, איז באַלד: קום אויף די הענט, קום אויף די פיס... יענער איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, יענער איז געווען אַ מלאך!...

— און פון דעסט וועגן האָט אָט דער מלאך געוווינט מיט דיר באַזונדער אין מאָסקווע אַ גאַנצע וואָך...

— וואָס זשע האָסטו מורא, מיטיאַ, אַז דיר איז ווייניקער געבליבן?

— איך האָב גאָרנישט מורא, נאָר מאַרוסיאַ האָט מיר דערציילט, וואָס פאַר אַ ברענענדיקע אויגן דיין מלאך האָט געהאַט... איי, לאָמיר מער נישט רעדן דערפון, ווייל ווען איך דערמאָן זיך, אַז דו ביסט מיט אים אַליין, גאַנץ אַליין, געווען זיבן נעכט, ווערט מיר נמאס דאָס לעבן...

— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איצט ליגט ער מיר שוין נישט אין קאָפּ, איצט ביסטו באַלעבאָס. הײַנט, וואָס ערגערסטו זיך?

— אַזוי לאַנג ווי מען האָט אים דאָרט נאָך נישט געשאָסן —

— פאַר אַזעלכע ווערטער, מיטיאַ, קען איך פאַרלאָזן די אָפּערע און אוועקגיין אָן דיר.

— איז אַזוי לאַנג, ווי ער לעבט נאָך, יאָגט מיך נאָך זיין שאָטן, כאָטש איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען... און איך וויל טאַקע ענדלעך דיך האָבן אויף מיין פאַמיליע־נאָמען...

— און אויב מיר וועט גאָר געפעלן בלייבן אויף מיינעם?

— דאָס איז אַלץ איינס, נאָר האָבן אַ בשותפותדיקע מעטריקע.

— און דאָס, וואָס איך דערלויב דיר טון מיט מיר אַלץ, וואָס דו ווילסט, איז נאָך אַלץ קיין באַווייז נישט?

— מען קען אויף אַן אמת מיינען, אַלץ וואָס איך וויל... דו לאַכסט פון מיר, איאָ? פּאָליאַ, קום מאָרגן אין „זאַגס"...

— כ'האָב דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז נישט פריער פון פרי־לינג. איך וועל דורכגיין די עקזאַמענס אויפן ערשטן קורס, דאַן וועלן מיר זיך פאַרשרייבן און טאַקע אין דעם זעלבן טאָג אַוועקפאָרן ערגעץ אויף אַלע קאַניקולן.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. פּאָליאַ מיט מיטיאַן נעמען זיך פאַר די הענט...

שלמה קוקט זיך אַרום: דאָס לעמפּעלע ברענט אַזוי טונקל, אַז קוים וואָס מען זעט עס אַליין אַרויס. נישט קוקנדיק אויפן אָפענעם פענצטערל, שטייט אין קאַמער אַ געדיכטע דושנעקייט, עס הערט זיך אַ מאָדנער אָר־קעסטער פון אַלערליי נעזער. אָט גיט איינער אַ לאַנגן שנאָרך און ווידער פּליסט די מאָנאָטאָנע קאָמפּאָזיציע אָן אַ גרענעץ און אָן אַ ברעג. אַלע שלאָפן, שלמה איז איין וואַכנדיקער אין דער גאַנצער קאַמער. ער זעצט זיך פאַרזיכטיק אויף, גיט אַ וויש דעם שטערן. פאַר די אויגן שוועבן נאָך שטיקלעך אָפּערע, שטיקלעך שמועס. שלמה פאַרטרייבט עס פון זיך, ווי מען פאַרטרייבט אַ בייזע פליג פון דעם שטערן.

איין מאָל תחילת־נאַכט, מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו לייגן זיך שלאָפן, ווי עס ווערט אויפגעשלאָסן די טיר און עס דערהערט זיך אַ באַקאַנטער אויסרוף:

— פּיאַטיגאָרסקי, צום אויספאָרשער!

שלמה שטעלט זיך אויף, טוט אָן דעם מאַנטל, באַקוקט די קאַמער, די פּנימער, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז דאָס זעט ער די קאַמער צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן. גייענדיק איבערן הויף, בויערט אים נאָר איין געדאַנק אין קאָפּ:

— וועלכן אינסטרומענט וועט היינט קאָזאַקאָוו אויסקלייבן?

צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג באַגעגנט אים אומאַנסקי אויף די טרעפּ, שיקט אָפּ דעם קאָנוואָי און באַגלייט אים אַליין צו זיך אין קאַ־בינעט אַריין.

— נו, פּיאַטיגאָרסקי, ווי גייען עפּעס דיינע געשעפטן?

— הלואי אויף ווייטער נישט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט...

— איך האָב מורא, אַז עס איז אַן אומזיסטיקער ווונטש, וואָס ווײַטער, וועט גיין אַלץ ערגער, סיידן אפשר ביסטו פאַר דער לעצטער צייט קליגער געוואָרן?

— ניין, אַלץ דער זעלבער נאַר, דער זעלבער גראָבער קאָפּ... גאָר־נישט געדענק איך נישט, קיינעם קען איך נישט.

— עפּעס צו דרייסט ביסטו מיר געוואָרן... דו רייצסט זיך מיט מיר?

— איך בין גאַנץ ווייט פון רייצן זיך מיט אייך, כ'האָב אייך פּשוט פאַרשפּאָרט צוויי אומזיסטיקע פראַגן.

— אַ דאַנק פאַרן פאַרשפּאָרן, איך בין פּשוט גערירט פון דיין געטריי־שאַפט צו מיר... יאָ, יאָ... פון דעסט וועגן, שלמה, אפשר וואָלטן מיר זיך פאָרט איבערגעבעטן?

— איך בין אויף אייך נישט ברוגז, סיידן אפשר איר אויף מיר?...

— אָ! איך אויף דיר — זייער שטאַרק...

— וואָס זשע קען איך העלפן? מיט דער גאַנצער וועלט קען מען דען זיין שלום?

— מיט דער גאַנצער וועלט — נישט, נאָר מיט מיר וואָלסטו גע־דאַרפט לעבן בשלום. דאָס וואָלט קודם־כל געווען געזונטער פאַר דיר.

— איך וואָלט אויך געוואָלט דאָס אייגענע, ווילט איר דאָך נישט.

— איך וויל נישט? דו ווייסט יאָ, וואָס דו רעדסט?

— אַז איך זאָג אייך, אַז אָט די אַלע מעשׂות, וואָס איר פּרעגט ביי מיר אויף זיי, העד איך דאָס פון אייך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן און איר ווילט מיר נישט גלייבן, הייסט עס, אַז איר ווילט נישט.

— נישט איך וויל דיר נישט גלייבן, נאָר איך קען דיר נישט גלייבן, ווייל עס איז אַ גראָבער ליגן. דו האָסט נאָך דאָ קיין איין אמת וואָרט נישט געזאָגט.

— איז דאָך אָפּגערעדט פון שלום...

— און דו מיינסט, אַז אויב דו זאָגסט אָפּגערעדט, בלייבט דאָס אַזוי?

— ווי קען איך אַזוי מיינען, אַז איך בין נישט ביי זיך אין די הענט?

— דו פאַרשטייסט דאָך: אַז די יינגעלעך האָבן אָנגעוויזן דיין שטוב; דערקענט דיינע פאָטאָגראַפיעס; אויסגערעכנט די מלמדים ביי די נעמען; געבראַכט אונדז אין תלמוד־תורה אריין... און דו ווילסט מיר איינרעדן, אַז דו קענסט זיי אפילו נישט? נו, זאָג אַליין, אדרבה, וואָס קען מען דאָ זאָגן?

— אפשר האָט זיי מיינער אַ שונא אָנגערעדט, זיי זאָלן אויף מיר אָנ־ווייזן?

— זיי האָבן דיך אָבער דערקענט אויף דער פאָטאָגראַפיע.

— ביי יענעם פאַרבאַרגענעם שונא מיינעם האָט אויך געקענט זיין מיין פאָטאָגראַפיע, האָט ער זיי געוויזן... און די שטוב געוויזן...

— זיי האָבן דאָך אָבער געוווינט ביי אייך אין שטוב צוויי וואָכן?

— אויסטראַכטן קען מען אַלץ...

— אויסטראַכטן... נו, גוט, מיר וועלן דיר נאָכגעבן... אַ מעשה מיט אַ שונא. ווער זשע איז דאָס דיין פאַרבאַרגענער שונא? די יינגעלעך זענען פרעמדע קינדער... לאַזאַוואַיער... ווי זשע קומען זיי צו דיין שונא? און ווער קען ער זיין? שוין זשע אָט דער קאַריעריסט זאַכאַר שטיין?

— ווער איז דאָס זאַכאַר שטיין?

— ניין, דו קענסט אים נישט. אים קענסטו ווירקלעך נישט.

— איר וועט זיך מיט דער צייט איבערציינגן, אַז קיינעם קען איך ווירקלעך נישט.

— אַך, דו אומפאַרשעמטער! דיינע אומפאַרשעמטע אויגן גיבן דיך אויס!... וואָגט נאָך מיר צוויקען אין די אויגן, אַז קיינעם קען ער נישט...

ער הייבט זיך אויף אַ צעקאָכטער, שפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק. שלמה זיצט איינגעהויקערט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און שווייגט. אומאַנסקי נעמט אַ בענקל, זעצט זיך צו צו שלמהן נאָענט, רעדט ווידער געלאַסן מיט זיין פריערדיקן טאָן:

— צי, אַ שטייגער, אַזאַ יידישער יונגערמאַן, ווי דו, ווילסטו מיר איינרעדן, אַז דו ווייסט נישט פון אַן אומלעגאַלער מקוה, וואָס עקזיסטירט אין קיעוו, צי דו קענסט נישט אָט דאָס שוואַרצע מיידל מיט די צעפּ, אין די פּענסנע, וואָס זי איז די גאַנצע אָנפירערין ביי זיי, צי זייער פורמאַן, איך ווייס דאָרטן, וואָס ער איז? אַ קאָזאַק, צי נישט קיין קאָזאַק, אַ יונגער, צי אַן אַלטער? עס איז דאָך אַ געלעכטער צו טראַכטן אפילו, אַז אַזאַ חשובער, אַזאַ אָנגעזעענער ווי דו —

— אויב איר נעמט מיך אָן פאַר אַ גלויביקן, האָט איר אַ גרויסן טעות... מיין פאָטער איז אַ רעליגיעזער, מיין זיידע, אָבער איך? איך האָב צו רעליגיע פּונקט אַזאַ שייכות ווי איר...

— דו לאַכסט פון מיר אין די אויגן.

— פאַר וואָס קלערט איר, אַז איך לאַך? אַזוי פריילעך איז מיר דען? ווו האָט איר געזען, אַז אַ שרייבער זאָל זיך נאָך פאַרנעמען מיט אַזאַ אַלטמאָדישן ענין, ווי רעליגיע? רופט אַרויס אַלע פון דער רעדאַקציע, זאָלן זיי זאָגן, וויפל מאָל בין איך דאָרטן איבערגעזעסן גאַנצע שבתים און געשריבן? וויפל טריפהנע אָנבייסנס מיר האָבן אין די רעסטאָראַנען אַריינגעשטעקט צוזאַמען? נו, און יום־כפור ביי נאַכט בין איך מיט זיי נישט געווען ביי עמעצן אויף געבורטס־טאָג? נאָר צו די סדרים קען איך נישט אָפּזאָגן די עלטערן און זיץ מיט זיי, צי דאָרטן יום־כפור אין שול זיך אַריינכאַפּן אויף אַ פּאָר שעה.

— וועמען ווילסטו עס איינרעדן?

— אויב איר גלייבט מיר נישט, קען איך אין גאַנצן שוויגן, נאָר איך האָב שוין אפשר פינף יאָר נישט געזען פאַר מיינע אויגן קיין... אוי, ווי אַזוי רופט מען דאָס? דאָס וואָס מען טוט אָן צום דאַווענען, מיט שטריקלעך אַזעלכע... אַזוי ווי אויף צו להכעיס פאַרגעסן ווי מען רופט

דאָס... און וואָס איז עפּעס נאָך דאָס? און מיט שיקסעס האָב איך זיך קאָרג אַרומגעפירט? אַ־אַ!

— רוף אָן אָן אַדרעס פון איינער.

— נאָך די אַדרעסן זייערע געדענקען? איך בין אַ מאָל געגאַנגען אַהיים צו זיי? מען קריגט נישט די מציאה אין טאַנצזאַל? איצט פאַר־שטייט איר שוין, אַז איר פרעגט מיך וועגן עפּעס אַ מקוה און פאַר מיר איז דאָס נישט מער און נישט ווייניקער ווי כינעזישע שריפט?

— און די ישיבה, אויך כינעזישע שריפט?

— די ישיבה אויך.

— און די ווײַנערס אויך?

— אַלע אייערע פראַגעס זענען פאַר מיר כינעזיש.

— און דאָס ווילסטו איינרעדן מיר, אַן אויספּאַרשער, אַ פּאַכמאַן?

— גלייבן, צי נישט, דאָס איז אייער זאַך...

אין צימער האָט אַ הילך געטון אַ פייערדיקער פּאַטש:

— נאַ דיר, פאַר דער לעקציע, וואָס דו האָסט מיר דאָ געלייענט.

אַ פליאַסק אין דער צווייטער באַק האָט אַזש שלמהן אויפגעשטעלט:

— דאָס האָסטו דיר פאַר דיינע אויסגעטראַכטע שיקסעס, פאַר דיין איינבילדן זיך, אַז דו האָסט מיר איינגערעדט אויף אַ קוצע קו, אַז ס'איז אַ ווינטמיל!...

ער האָט גענומען לויפן איבערן צימער ווי אַ צעמישטער:

— וואָס וואָלט איך דיר עפּעס אַזוינס געטון, אַז עס זאָל זיין אַ געהעריקע נקמה פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דו מוטשעסט מיך?

ער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער, אַליין גערעדט צו זיך אַליין:

— איי, נוקמט ער זיך אין מיר, איי, צאַפּט ער מיין בלוט, אָט דער פּאַראַזיט. וואָס וואָלט איך אים עפּעס אַזוינס געטון, אַז מיר זאָלן זיין קוויט און עס זאָל מיט אַ מאָל ווערן אוים שלמה אויף דער וועלט? גוואַלד, וואָס טראַכט מען צו? וואָס טראַכט מען צו? אַ! עס איז דאָ!... איי, עס איז דאָ!... קום...

ער נעמט אַ שליסל אין קאָמענדאַטור, פירט אים איבערן הויף, לאָזט זיך אַראָפּ מיט אים אין אונטערערדישן קאָרידאָר, גייט דורך פאַרביי דער דרייצנטער קאַמער און שפּאַנט ווייטער. שלמהן ווערט שרעקלעך קאַלט... זיי שטעלן זיך אָפּ פאַר דער אַכצנטער קאַמער. שוין זשע ווידער אַ „לעקעך און בראָנפן"? עס עפנט זיך די טיר, דער געפילדער ווערט ווי מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט. אַלע זענען נאָך וואַך, ס'איז ערשט תחילת־נאַכט. די קאַמער איז לאַנג און ברייט, מיט צוויי רייען אַראָפּגעלאָזטע נאַרעס. דער סטאַ־ראָסטע טרעט אַרויס אויף פאָרנט און ווערט פאַרגליווערט אין אַ וואַרטנ־דיקער פּאָזע.

אומאַנסקי, אַ יונגער, אַ שיינער, מיטן נייאינקן שינעל אויף די אַקס־לען אַ־לאַ טשאַפּאַיעוו, שטעלט אַרויס דעם רעכטן פוס אויף פאָרנט, פאַר־

ליגט אינקוויזיטאָריש די הענט אויף דער ברוסט און זשמורעט כיטרע מיט די אייגעלעך:

— פון דיין קאַמער האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז איר האָט שוין באַלד פאַרגעסן ווי אַזוי מען שפּילט אין וואָלעי־באָל?

פון אַלע עקן קאַמער דונערן צופרידענע קולות:

— גיב אַהער, גיב אַהער, בירגער אויספאַרשער. שוין טאָקע לאַנג נישט געשפּילט. ווייז אים אַהער, אָט דעם מערזאַוויעץ! יענער נאַטשאַלניק האָט אונדז טאַקע צוגעזאָגט, אַז אָט דאָס טיפּטשיקל וועט שפּעטער אויך אונדזער כאַטע נישט אויסמיידן.

— איר זעט, אויך איך פאַרגעס אין אייך נישט, געבראַכט אייך אַזעלכן און אויף גאַנצע צען מינוט... דאָס איז אייך נישט קיין שפּילעכל.

די קאַמער הודעט אַזש פון גרוים צופרידנקייט.

— ווי אַזוי איז אייך בעסער, אין דער ליכטיק, צי אין דער פינצטער?

— אין דער פינצטער, אין דער פינצטער איז בעסער...

— גיי איך אַרוים און שליס אוים ביי אייך די עלעקטריע.

דער סטאַראָסטע שטעלט אים אָפּ:

— איין רגעלע, וואַרט נאָר אוים מיטן אויסלעשן, ביז מיר וועלן זיך אויסשטעלן.

ער ווענדעט זיך צו זיינע חברים:

— יעדער אויף זיין פּאָסטן, מאַרש!

עס שטעלן זיך אַוועק פיר גבורים ביים אָנהייב נאַרעס און נאָך פיר כמעט ביי דעם צווייטן עק פון די נאַרעס. אין דער מיט — דער שטח פון אַ זיבן, אַכט מעטער. אַלע איבעריקע שטעלן זיך אוים פוןביידע זייטן, פאַרקאַטשען די אַרבל, שטעלן אַרוים אַ פוס אויף פאָרנט — גרייט! עמעצער נעמט ביי שלמהן אַראָפּ דעם מאַנטל, די שיך. פירט אים צו אין די שקאַרפּעטקעס צו די ערשטע פיר. יענע לייגן אים אַוועק אין דער ברייט אויף זייערע הענט און גיבן אַ ווונק אומאַנסקין, אַז ער מעג שוין פינצטער מאַכן.

אומאַנסקי גייט צו צום ליגנדיקן שלמהן, רוימט אים איין אין אויער אויף יידיש:

— שלמה, מאַך זיך נישט נאַריש, דאָס איז דער לעצטער אַקט פון דיין לעבן. פון דעם שפּיל גייט מען גלייך אין קבר אַריין. גלייב מיר.

— איך גלייב אייך זייער שטאַרק און האָב זיך שוין אפילו מיט דעם לעבן געזעגנט.

— זאָג, ווּהין האָסטו אַהינגעטון די ייִנגעלעך?

— וועלכע ייִנגעלעך?

— כאַפּט דיך דער רוח, הינטישער זון!...

פון דער שוועל ווענדעט ער זיך צו אַלעמען:

— נאָר שפּילן זיך, נישט וואַגן קיין קלאַפּ טון...

— גאָט באַהיט, צו דער שפּיל דאַרף מען נאָך שלאָגן?

די מיר גיט א סקריפּע. דער גאַנצער עולם פאַרציט עפּעס א תּלינישן ניגון. די עלעקטריע ווערט פאַרלאָשן. דער ניגון הילכט ·שרעקלעך. אַלע פּאַטשן אין די דלאָניעס, אַז מען קען טויב ווערן.

שלמה גיט א פלי — עס שטעלט זיך ביי אים אָפּ דאָס האַרץ. שטאַרקע הענט כאַפּן אים אָן און וואַרפן אים גלייך צוריק. שלמה פילט: אַט דאָס איז דער טויט... קיין אָטעם האָט ער שוין נישט. ער זאָל אפילו יאָ בכח האָבן שרייען, וועט אים אויך קיינער נישט דערהערן, אַזאַ געפּילדער מיט אַזאַ פּליעסקעריי איז אין קאַמער.

נאָך א פלי — ער שרייט מיט אַלע כוחות:

— שמע ישראל!

ער שרייט:

— זיידע בעל־שם־טוב, נעם מיך צו, איך האָב מיינע ברידער נישט פאַרראַטן... ר׳ עקיבא, נעם מיך צו. אַט דאָס וואַרפעניש איז נישט ערגער פונעם קעמל, איך האָב שוין יענץ אויך פאַרזוכט...

נאָך א פלי — שלמה גיט נאָך א כריפּע:

— תהא מיתתי כפרה על כל עונותי.

און שוין גאָר־גאָר שטיל:

— אוי, טייערע מיינע, זייט געזונט!... לעבט גליקלעך!... מאַ — מע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ע נ ד ע פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל.

צווייטער טייל

קאפיטל XXXII

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל XXXIII

דער ווינטערדיקער פרימאָרגן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די איינוווינער פון קיעוו מיט זיין גאַנצער פּראַכט. נאָך וואָכנלאַנגע שנייאיקע און סתם פּאַסמורנע וועטערס האָט זיך אומגעריכט באַוויזן די זון. דער כמורנער צודעק פונעם הימל איז בבושת־פּנים נעלם געוואָרן. דער שניי האָט אויפגעשיינט, די שויבן פון די הייזער האָבן אויפגעגלאַנצט, די פרומע סאָסנעס אין די פּאַרקן, איינגעהילט אין זייערע שעמעוודיקע טליתים, האָבן געטרייסט די וועלט מיט דער גרינקייט פון זייערע נאָדלען: „נאָר געדולד, טייערע חברימלעך, נאָר געדולד, מיר זענען אייך ערוב, אַז אַלץ וועט נאָך גרין זיין. אויף אַלץ קומט אַ צייט, לכל עת"... און די קיעווער איינוווינער האָבן געדולדיק געריסן פונעם קאַלענדאַר איין בלעטל נאָכן צווייטן און האָבן דערוויל, אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט, גענאָסן פון די ווינטערדיקע תענוגים: זיך געשליטלט אויסן דער שטאָט געשפּאַנט מיט פיר פערד נאַשפּיץ, איינגעאָרדנט פאַרמעסטונגען אין געלויף מיט איין־פערדיקע שליטעלעך, ביז האַלבער נאַכט זיך געגליטשט ביי דער קאָלירטער שיין פון פיל פּראָזשעקטאָרן אויף דעם אויסגעשליפענעם רוקן פון דעם שלאָפנדיקן דניעפּר, אויפגעריסן דער וועלט די אויגן מיט די סאָבאָלנע פוטערס, מיט די שוואַרצהנעוודיקע טכוירן, מיט די צניעותדיקע קאָנגורן און מיט די באַרימטע מזרחדיקע קאַראַקולן. פלעגט צופאַלן דער אָוונט, אַזוי פלעגן באַלאַגערט ווערן די טעאַטערס, די קינאָס, די ביבליאָטעקן. הונדערטער קורסן און אָוונטשולן האָבן אויסגענוצט די לאַנגע ווינטער־נעכט. די גאַסן פלעגן זיין פאַרפּלייצט מיט שפּאַצירנדיקע, נישט ערגער ווי אין חודש מאַי. געווען אפילו אַזעלכע פּאָרלעך, וועלכע האָבן געפונען פאַר גאַנץ היימלעך זיך אַרומשלעפּן אין די פאַרשנייטע אַלייען פון די נישט באַלויכטענע פּאַרקן און סעדער. ערגעץ ווייט, פון יענער זייט פלויט, באָדט זיך קיעוו אין אַ ים פון ליכט, פאַרכלינעט זיך פון פיל געזאַנג און געשפּיל, און דאָ, זיי ביידע — די כאַמע זיך ליבנדיקע פּאָר, זינט ווען אָן ס'האָבן זיך פּאָרלעך אָנגעהויבן צו ליבן — בלאָנדזשען אַרום אין די פּריוואַטע וויטן, זאָגן אויס דעם גרויסן סוד פון זייער ליבע נאָר דעם אָנגעלאָפענעם ווינט און די פאַרפרוירענע ביימער, וואָס באַגלייטן זיי ווי שטומע עדות. אַזעלכע פּאָרלעך האָבן געפילט אין זייערע שפּאַצירן אַן אייגנאַרטיקן טעם, וועלכן — זענען זיי געווען זיכער — עס קען נישט פילן קיינער חוץ זיי. און דעריבער, באַגעגענענדיק זיך אין אַ פוסטער אַלייע פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַנדער פּאָרל, פלעגן זיי ברוגזע אַנטרינען ווערן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט דערפון, וואָס נאָך עמעצער פּרוווט זיי נאָכטון. צייטנווייז האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז די איינוווינער האָבן זיך שוין אַזוי פעסט איינגעפונדעוועט אין דעם ווינטער מיט זיינע פאַרשידענע מכשירים, אַז זיי ווילן שוין

גאָר דעם פּרילינג נישט אַריינלאָזן. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ פאַרבלענדניש. אַ מין אחיזת־עינים. קוים האָט די זון אַרויסגעוואָרפן אַ בינטל וואַרעמע שטראַלן, אַגב אורחא אָפּגעבריט אַ באַק ביי אַן אַלטן דעמב, פון אונטער דעם אייז פאַנצער פלעגט אַרויסקריכן אַ געל־גרינע קאָרענע לאַטע מיט גוט באַקאַנטע חן־גריבעלעך, צופוסנס פון אַ פּלויט, פלעגט זיך צערוקן דער שניי און לאָזן אָפּאָטעמען עטלעכע גרינע פּאַסמעלעך פאַראַיאָרעדיק גראָז, דאַן פלעגן ביי יעדן אויפבליכטן די אויגן פון פאַרבאָרגענער פרייד. באַגעגענענדיק זיך אין גאַס פלעגט איינער זאָגן צום צווייטן: „וואָס זאָגסטו נאָר אויף היינטיקן טאָג, האַ? וועסנע און שוין! כאָטש וואַרף אַראָפּ דעם פאַלטן און צעעפן די פענצטער”.

אויף יעליזאַוועטינסקע־גאַס, ווו עס געפינט זיך די אָנפירונג פון קיעווער אָבלאַסטנאָי געפּעאו, מאַכט מען אויפן הויף פון דער טורמע אין אַזעלכע ליכטיקע טעג, אַ גענעראַלע־אובאָרקע,* מען פירט אַרויס עטלעכע מענטשן פון אַ קאַמער, מען גיט זיי אייזערנע לאָפּאַטעס מיט בעזעמער און זיי דאַרפן מאַכן אין הויף: גינגאָלד, אַלץ זאָל בליאַסקען ווי אַ טעלער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס אויפרוימען אַזאַ ריזיקן הויף איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט, פון דעסט וועגן, ווען די וועכטערס קומען אַריין נאָך אַ „נאַריאַד”**, באַפאַלן זיי די אַרעסטאַנטן ווי די היישעריקן: נעם מיך, נעם מיך! יעדער איינער וויל געניסן פון דער טאָג־שיין און פון פרישער לופט. נעמען נעמט מען טאַקע נאָר פון די, מיט וועלכע די אויספאָרשערס דאַרפן זיך נישט „אָפּעסן דאָס האַרץ”, וועלכע מאַטערן נישט קיין איבעריקס, נישט זיך, נישט יענעם.

*

שוין עטלעכע מינוט ווי שלמה פילט, אַז עמעצער האַלט עפּעס אַ וואַרעמס אויף זיין בויך. עס קיצלט אים לייכט, עס גלעט און עס קראַצט אָנגענעם ווי אַ פעדערדיק בערשטעלע. — וואָס קען דאָס זיין? ער עפנט מיט גרויס מי איין אויג, וויל עפענען דאָס צווייטע, נאָר עס פאַרשטעלט עפּעס. ער זעט, אויף זיין בויך רוקט זיך אַ קאָפּ מיט אַ פריזור בלאָנדע האָר, פון איין אָרט אויפן צווייטן, הערט זיך איין, טאַפּט עפּעס און הערט זיך ווידער איין, ווערט פאַרשטאָרבן אויף עטלעכע סעקונדן און רוקט זיך ווייטער. — וואָס טוט ער דאָס מיט אים?

אַרום בעט שטייען מענער מיט פרויען אין ווייסע כאַלאַטן. ווער זענען זיי? דאָס וואַרפן האָט זיך שוין געענדיקט? פון וואַנען האָט זיך פלוצלינג גענומען די זון? ער געדענקט דאָך גוט, אַז ווען אומאַנסקי האָט אים געפירט, איז געווען ביי נאַכט. אפשר איז דאָס גאָר אַ חלום? ער מאַכט צו

---

* אויפרוימונג.

** דאָ געמיינט: אַ גרופּע מענטשן אויף צו מאַכן אָרדענונג.

די אויגן און ווערט צוריק דערטרונקען אין אומענדלעכן ים פון אומ־באוווסטזיין.

דאָס צווייטע מאָל כאַפּט ער זיך אויף, שוין מיט אַ ביסל אַ קלאָרערן געדאַנק. ער באַמערקט אין צימער נאָך עטלעכע בעטלעך, אויף זיי זיצן מענטשן אין קאַזיאָנע העמדער, אויף די פענצטער — גראַטעס פאַרהאַנגען מיט פאָרהענגלעך. הייסט עס, ער איז אין שפּיטאָל. אָבער עס איז דאָך שוין שפּעט אויפן טאָג און אים האָט מען דאָך געוואָרפן ביי נאַכט, ווי אַזוי זשע געדענקט ער נישט, ווי אַזוי די נאַכט איז דורכגעגאַנגען?

עס גייט דורך אַ שוועסטער, ער רופט זי צו מיטן ווונק, ווייל זי עפּעס פרעגן, נאָר זי לייגט אַרויף די האַנט אויף זיין מויל און קוקט אויף אים מיט אַזוי פיל האַרציקייט:

— פּיאַטיגאָרסקי, איר הערט מיך?

ער גיט אַ פינטל מיטן פרייען אויג:

— יאָ.

— איז אַט, אייך איז לחלוטין פאַרווערט צו רעדן! זייט דיסציפּלי־נירט און ריזיקירט נישט מיטן לעבן.

שלמה ווייזט איר מיט די פינגער, אַז נאָר צוויי ווערטער, מער אינטע־רעסירט אים נישט ווי נאָר צוויי ווערטער. ער וויל אַראָפּנעמען איר האַנט פון זיין מויל, זי נעמט זיין האַנט און לייגט זי אַרונטער אונטער דער קאָלדרע:

— קיין איין וואָרט אויך נישט! איר זענט דאָך נישט קיין קליינינקער, איר פאַרשטייט נישט, וואָס עס הייסט מען טאָר נישט?

שלמה האַלט זי ביי דער האַנט, ער לאָזט זי נישט אַוועקגיין. זיינע אויגן בעטן: ער מוז עפּעס געוווויר ווערן...

זי בייגט זיך אָן כלומרשט, כדי אים צורעכט מאַכן דאָס קישן און ווען זי באַמערקט, אַז קיינער קוקט נישט אין דעם ווינקל, רוימט זי אים איין אויפן אויער:

— איצט פּאַסט נישט. אין אַ שעה אַרום, ווען אַלע וועלן אַוועקגיין אויף שפּאַציר, וועל איך אַריינקומען דורכלויפטערן דאָס צימער, דאַן וועלן מיר רעדן. דערווייל נעמט איין אָט דאָס אָ, עס איז פּונקט די צייט.

זי פאַרשווינדט ווי אַ חלום. שלמה מאַכט צו די אויגן און בלייבט ליגן מיט אַ זיסן טעם אין מויל. פאַר דער גאַנצער צייט זינט דעם אַרעסט איז עס דער ערשטער מענטש, וואָס רעדט צו אים מיט וואַרעמקייט. אמת, וואַניושאַ האָט אים אויך גוט באַהאַנדלט, אָבער יענער איז דאָך אַ גזלן, און דאָס איז אַ יונגע, סימפּאַטישע פרוי. אוי, ווי אָנגענעם עס איז צו הערן אַ מענטשלעך וואָרט. אין בויך, פילט ער, איז עפּעס אַן איבערקע־רעניש, ס׳איז נישט זיין בויך. זיינער האָט נאָך קיין מאָל אין לעבן אַזוי נישט געשמערצט, אָבער ער קען זיך איצט נישט צוהערן צו קיין ווייטיקן, ער מוז טשאַטעווען די מינוט, ווען די חולאים וועלן פאַרלאָזן די פּאַלאַטע. דער שלאָף מאַטערט אים אומדערטרעגלעך, ווי ער וואָלט שוין אַ יאָר נישט

געשלאָפן, נאָר ער וועגדעט אָן אַלע כוחות אויף נישט איינצושלאָפן. ער קען נאָך נישט הערן, ווי אַלע וועלן אַוועקגיין אויפן שפּאַציר און נישט אויסנוצן זיין בלייבן מיטן מיידל אַליין.

ענדלעך קומט אַריין אַ זעלנער און נאָך אים „זי".

— נו, קלאַוואַטשקע, וועמען גיסטו מיר היינט מיט אינדרויסן אַרויס?

— אַלע קענען גיין, חוץ דעם קראַנקן אויפן בעטל נומער זיבן.

— נו, הייב זשע זיי אויף, דער טאָג שטייט נישט.

איינער טוט זיך אַליין אָן, אַנדערע טוט קלאַווע אָן און העלפט זיי אַרויסגיין אויפן שפּאַציר־הויף.

שלמה ברענט פאַר אומגעדולד, ער קען נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זאַמט זי זיך אַזוי? צי אפשר האָט זי שוין גאָר פאַרגעסן איר צוזאָג? ענדלעך עפנט זיך די טיר, קלאַווא שמייכלט צו אים נאָך פון וויטנס. זי עפנט אַלע פענצטער, נעמט אַ סודנאָ* און גייט צו צו שלמהס בעט. שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, ער דאַרף איצט גאָרנישט.

— לאָזט, וועל איך אייך אַרונטעררוקן דעם סודנאָ, וועט דאָס זיין אַ תירוץ צוליב וואָס איך זיץ לעבן אייך, אַנדערש איז נישט דערלויבט זיך צו געפינען לעבן אַן אַרעסטאַנט — און שמועסן אודאי נישט.

שלמה דאַנקט איר מיט די אויגן און לאָזט זי אַרונטעררוקן אים די סודנאָ. שוין היינט נישט צום ערשטן מאָל דערפילט ער אין בויך אַ שטאַרקן ווייטיק, עפּעס אַן אומבאַקאַנט קלעמעניש. פון וואָס קען דאָס זיין? נאָר ער האָט אַצינד נישט וועגן צו קלערן. ער פאַרקריצט מיט די ציין און טראַכט נישט וועגן ווייטיק. ער וויל שוין עפענען דאָס מויל זי עפּעס פרעגן, נאָר זי לייגט ווידער אַרויף איר האַנט אויף זיין מויל און רעדט אָנגענעם און שטיל:

— רעדן טאָרט איר נישט, פּיאַטיגאָרסקי. אָט האָט איר אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער, איר וועט אָנשרייבן אייערע פראַגן און איך וועל אייך ענטפערן מינדליך. נאָר פרעגט דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס אייך אינטערעסירט, ווייל אין צען, פופצן מינוט אַרום וועלן אַריינקומען אַלע קראַנקע און דאַמאָלסט קען איך מיט אייך אפילו איין וואָרט נישט רעדן, ביז מאָרגן אין דער צייט. נו, עס איז אייך באַקוועם צו שרייבן? שטעלט אונטער אַ קני, וועט זיין בעסער. וואָס? עס טוט וויי? אוי־וואַ! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז אייך טוט וויי יעדער אבר. וואָרט זשע!

זי גייט צו צו עמעצנס בעטל, נעמט פון זיין בענקל אַ טעלער, דערלאַנגט שלמהן מיטן דנאָ אַרויף:

— אָט אַזוי וועט אייך זיין באַקוועם. שרייבט!

— ערשטנס, טייערע קלאַוואַ, זאָגט מיר צו, אַז אַלע אינדערפרי וועט איר מיר שענקען די צייט פון שפּאַציר. דאָס איז מיין בעסטע רפואה, רעדן מיט אַ מענטשן, פאַר וועמען איך דאַרף נישט מורא האָבן.

---

* אַ נאַכט־טעפּל, ספּעציעל פאַר ליגנדיקע קראַנקע.

— איך גיב אייך דערויף מיין ערנוואָרט.

— מען האָט מיך נאָך געבראַכט אַהער ביי נאַכט, גלייך פון דער קאַמער נומער אַכצן, צי ערשט היינט אין דער פרי, ווען יענער מיט דער פריזור האָט מיך באַטראַכט?

קלאַווא גייט צו צום טעוועלע, וואָס הענגט צופוסנס ביי שלמהן אויפן בעט, רעכנט עפּעס, קערט זיך אום, גיט אים אַ גלעט איבערן שטערן:

— איר ליגט שוין אויף דעם בעטל, פּיאַטיגאָרסקי, דעם אַכצנטן טאָג

— און איר זאָגט גאָר: היינט.

ביי שלמהן פאַלט אַרויס דער בלייפעדער פון דער האַנט. ער קוקט זי אָן ווי אַ משוגענע: זי אָבער שמייכלט אַזוי געטריי, אַזוי מיטפילנדיק, גאָרנישט ענלעך אויף קיין משוגענער. אָבער וואָס עפּעס האָט זי געזאָגט אַכצן? זי דערלאַנגט אים ווידער דעם בלייפעדער און ער וואַרפט אָן:

— איר קערט וועלן זאָגן אַכצן שעה?

— וואָס רעדט איר, טייערינקער? אַכצן טאָג, נישט קיין אַכצן שעה! אַז מען האָט אייך יענעם ביינאַכט געבראַכט, האָבן אַלע געמיינט, אַז איר זענט שוין אַ טויטער. איר זענט געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן, אויב איר האָט זיך אומגעקערט צום לעבן. אַלץ אין אייך איז חרוב ונחרב, נאָר אַצינד וועט איר שוין לעבן.

— וואָס פאַר אַ דאַטע איז היינט?

— דער דרייצנטער דעצעמבער.

— גאָט מיינער!... שוין אין מיטן ווינטער?

— אויף דער גאַס איז עכטער ווינטער.

— איר אַרבעט אין געפּעאו אַלס געדונגענע?

— ניין, אַלס מיליטערישע, אין טשין פון אַ קאָמאַנדיר זוואָדאַ.*

— איר וווינט אויך דאָ?

— ניין. דאָ אַרבעט איך נאָר. וווינען וווין איך אין אַ פּריוואַטער ווױנונג.

— אָבער אין קיעוו?

— וווּ דען? אודאי אין קיעוו.

— מען מעג ווּיסן אויף וועלכער גאַס?

— פאַר וואָס טאָר מען נישט ווּיסן? אויף קרוגלע-אוניווערסיטעטסקע־גאַס.

— קלאַווא, איר זענט צו אַלע ביי אונדז אין פּאַלאַטע אַזוי גוט, צי בין איך אַן אויסנאַם?

— צו אַלע גאָר? מיט וועלכע רעכט? אייערע שכנים דאָ זענען פאַר־ברענטע ספּעקוליאַנטן, קולאַקעס און גלאַט שונאים פון פאָלק, אָבער איר זענט גאָר עפּעס אַנדערש.

— פון וואַנען נעמט איר דאָס, אַז איך בין גאָר עפּעס אַנדערש?

* זוואָד — אַ קלענערע מיליטערישע אָפּטיילונג.

— פארלאָזט זיך אויף מיר, פּיאַטיגאָרסקי. דאָס, וואָס איך ווייס נישט — זאָג איך נישט. יענע וואָך האָב איך געהערט ווי סאָקאָלאָוו האָט זיך אויסגעדריקט פאַר דעם נאַטשאַלניק פון שפּיטאָל, אַז איר זענט דער סאַמע ערגסטער פון אַלע אַרעסטאַנטן. איז אויב ער זאָגט דער סאַמע ערגסטער, איז אַ סימן, אַז איר זענט דער סאַמע בעסטער.

שלמהן איז שווין צו שווער דאָס שרייבן, ער גיט נאָר אַ קרענקלעכן שמייכל. אין קאָרידאָר דערהערן זיך פּיל טריט. קלאַווא רייסט אויס ביי אים דעם בויגן פּאַפּיר און וואַרפט אים אַריין אין סודנאָ. זי גיט זיך כלומרשט אַ קראַץ אין פוס און רוקט אַריין דעם בלייפעדער אין שטיוול. דער דיזשורנע דאָקטער באַגעגנט זי ביי דער טיר מיטן סודנאָ, שטעלט זי אָפּ:

— ווייזט דעם „אַרויסגאַנג” פון קראַנקן נומער זיבן.

— ער האָט זיך געמוטשעט, געמוטשעט — און עס האָט זיך ביי אים גאָרנישט באַקומען.

— נאָך וואָס זשע האָט איר אים געלאָזט אַזוי לאַנג זיך מאַטערן? איר ווייסט דען נישט, אַז אים איז דאָס פאַרבאָטן?

— ער האָט אַלץ געזאָגט, אַז עס ווילט זיך אים, חבר נאַטשאַלניק.

— ער מעג זאָגן און איר דאַרפט וויסן אייערס... גייט!

שלמה דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע און טראַכט:

— זי שטעלט זיך איין דאָס לעבן צוליב מיר... אַ גאָלדענע נשמה, אַ שאָד, וואָס אַ רוסישע. איך וואָלט אָן אַ מינדסטן ישוב־הדעת אויפגע־האַנגען אומאַנסקין פאַר איר קלענסטן פינגער.

די שוואַכקייט באַקעמפט זיינע געדאַנקען און ווידער טוקט זיך זיין מח איין אין אַ פאַרבלאָזן נעפּל פון באַוווסטלאָזיקייט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט שלמה אַ גרויסן אומגליק: עס די־זשורעט גאָר אַן אַלטער סאַניטאַר. ער פירט אָפּ דעם עולם אויף שפּאַציר, לופטערט דאָס צימער, פרעגט ביי שלמהן אויפן ווונק, צי וויל ער עפּעס? שלמה, פאַר עגמת־נפש, קען אפילו אויף אים נישט קוקן. עס איז אים נמאס דאָס לעבן, פאַרפאַלן דער היינטיקער טאָג, אַ גאַנצער טאָג... מען קוועטשט אים דעם בויך, ער פילט שרעקלעכע שמערצן. מען באַנדאַזשירט אים איבער דעם געקעמטן פוס. דער פוס איז אין גאַנצן באַדעקט מיט אייטערדיקע געשווירן. ער איז צעשפּאַלטן, די קאַרבן מיט בלוט פאַרלאָפן און זעט אויס, ווי אַ צעשניטענער, רויטער אַרבוז. די גרינבלעכע בלאָטערס זעען אויס ווי די קערנדלעך. נאָר שלמהן טוט גאָרנישט אַזוי וויי ווי קלאַוועס נישט דיזשורען היינט אין דער פרי.

קאפיטל XXXIV

אויפן צווייטן אין דער פרי וועקט שלמהן אויף פון שלאָף אַ קאַלטער ברי אויפן הויכן לייב. ער עפנט די אויגן: קלאַוואַ ליגט אים אַריין אַ טערמאָמעטער אונטער דער פאַכווע. ער כאַפּט אָן אירע פינגער, דריקט זיי שטאַרק צום האַרצן, זי רייסט זיי נישט אויס. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין ביים צווייטן בעטל, ביים דריטן. אין גאַנצן אַרויסגעגאַנגען. שלמה טראַכט: קרוגלע־אוניווערסיטעטסקע איז אין שכנות מיט אוריצקע. ווען זי וויל איבערגעבן אַ צעטעלע צו די טולטשינסקים... זיי וואָלטן עס שוין אָפּגעגעבן אַהיים... אוריצקע איז פאַרט נישט ווייט... אפשר וואָלט איך זי איינגעבעטן? נאָר ניין! ער וויל זיך נישט נוצן מיט זייערע טובות... זאָל זיי שוין גוט גיין אָן אים... ער איז די טולטשינסקים נישט קיין שונא, נאָר ער וויל זיך שוין צו זיי נישט צורירן. און ווידער, אויב זי וועט מסכים זיין עפּעס אָפּצוטראָגן אויף אוריצקע, וועט זי איינגיין אויף סאָלאָמינקע אויך. עס איז נישט געווענדט דערינען — ווייט, צי נאָענט.

ביים אַרויסנעמען דעם טערמאָמעטער און פאַרשרייבן אין ביולעטין זיין טעמפּעראַטור זאָגט זי אים גלאַטן:

— דער דאָקטער האָט נעכטן איינגעשריבן אין זשורנאַל, אַז געציילטע ווערטער, אויב נישט הויך, מעגט איר שוין רעדן.

ער כאַפּט זי אָן ביים אָרבל:

— אויב איר קומט נישט היינט בעתן שפּאַציר, זאָלט איר וויסן — שטאַרב איך!

— גוט, וועל איך וויסן.

די טיר האָט זיך קוים צוגעמאַכט הינטער די שפּאַצירנדיקע, ווי קלאַוואַ האָט שוין צעעפנט די פענצטער און איז צוגעגאַנגען צו שלמהן.

— קלאַוואָטשקאַ, איר זענט ביי מיר אַצינד טייערער פון מיין לעבן...

— איר האָט געהערט אייערנעכטן מיין אינצידענט מיטן דיזשורנע דאָקטער? ס'איז נאָך גוט, וואָס ס'איז אָפּגעלאָפן גלאַט. נישט אַלע מאָל טרעפט אַזאַ גליק...

— געהערט און באַוווּנדערט אייער דימענטענעם כאַראַקטער. איר שטעלט זיך איין דאָס לעבן צוליב אַ פרעמדן מענטשן. נאָך וואָס טוט איר דאָס?

— יעדער מענטש מוז דאָך אַ מאָל טון עפּעס „אַזוינס"...

— אָבער לחלוטין אַ פרעמדן מענטשן? איר ווייסט דאָך אפילו נישט, ווער איך בין!

— צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן? דערפאַר אַליין, וואָס יענע רוצחים פון אויבן האָבן אייך פיינט, האָב איך אייך ליב...

— קלאַוואַ, איר זענט אַ... אַ... אוי, איך האָב גאָר קיין נאָמען נישט, גוואַלד, פאַר וואָס זענט איר נישט קיין יידיש קינד?

— איר רעדט זייער נאַריש, פּיאַטיגאָרסקי. יידישע, צי נישט יידישע, וואָס איז דען דער אונטערשיד? מענטשן זענען מיר אַלע? פאַרדינען מיר שוין דערמיט אַליין אַ מענטשלעכע באַהאַנדלונג. איר באַוווּנדערט אַזוי מיין גוטסקייט, אַז מען קען מיינען, אַז איר האָט אויף אייער לעבן קיינעם קיין גוטע זאַך נישט געטון...

— איך — אַ גוטע זאַך? עפּעס געדענק איך טאַקע נישט.

— מן־הסתם זאָגט איר נאָר אַזוי. הערט, פּיאַטיגאָרסקי, אויב איר ווילט, אַז איך זאָל מיט אייך פאַרברענגען אַלע צוואַנציק מינוט פון שפּאַציר —

— אַ שאלה ערשט, צי איך וויל? דאָס איז פאַר מיר ווי לופט...

— מוזט איר איינגיין אויף זייער נישט קיין אָנגענעמער זאַך, נאָר אַנדערש קען דאָס נישט זיין. אַז נישט בין איך איינגעשטעלט מיטן לעבן.

— איך גלייב נישט, אַז אַזאַ גוטע נשמה ווי איר זאָלט קענען זאָגן נישט קיין אָנגענעמע זאַכן.

— איר לייגט אָפּ אייערע קאָמפּלימענטן אויף אַן אַנדערש מאָל און הערט מיך אויס ערנסט: אויב נישט צוליב אייער האָבן דעם מאָגן, טאָר איך זיך מיט אייך דאָ נישט געפינען, אפילו קיין איין מינוט. האָב איך נאָך אין דער פרי באַהאַלטן אויפן קאָרידאָר אַ סודנאָ מיט עמעצנס „ארויסגאַנג”, ווייל מער אָפּנאַרן איז געפערלעך. טאָ קלייבט אויס איינס פון דיביידע: אָדער איך זאָל אייך אַרונטעררוקן יענעמס סודנאָ און זיצן לעבן אייך, אָדער איך מוז אייך די מינוט פאַרלאָזן.

שלמהן שלאָגט צו צום האַרצן אַ כוואַליע פון עקל, אָבער ער מאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און ענטפערט מיט אַ געמיטלעך שמייכעלע:

— קלאַווא, מיין גאַנץ לעבן וועל איך אייך נישט פאַרגעסן. גיט זי אַהער גיכער, נאָר אַבי זיצט לעבן מיר.

ווען קלאַווא ווערט פאַרטיק מיט דעם מיאוסן שטיקל אַרבעט, זעצט זי זיך צו לעבן שלמהס בעט. שלמה באַמיט זיך נישט אַרויסצווייזן קיין עקל פון דעם אָפּגעטונענעם שטיקל אַרבעט, זיין געדאַנק איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— קלאַווא, איך קוק אויף אייך, ווי איר פאַרשטיקט אַלע אייערע מענטשלעכע געפילן צוליב מיר און באַוווּנדער אייך. איך טראַכט איצט נישט מער, נאָר וואָס פירט אַן מיט אייערע גוטע טאַטן?

— מיר האָבן שוין דערפון גערעדט, זאָגט עפּעס אַ נייעס.

— קלאַווא, איך האָב צו אייך אַ ביטע.

— אויב עס איז נאָר מעגלעך, וועל איך זי מסתמא טון.

— מיט אַזאַ ביטע קען מען זיך ווענדן נאָר צו אַ געטרייער מוטער. נאָר, טייערע מיינע, איך פיל צו אייך אַזאַ צוטרוי, אַזאַ צוטרוי...

— און וואָס באַשטייט די ביטע?

שלמה רופט זי מיטן ווונק צו נאָענט, זי בויגט זיך אַן צו אים און ער שעפּטשעט איר אַריין גלייך אין אויער:

— איבערגעבן אַ ברִיוועלע צו מיין טאַטע־מאַמען.

זי שפּרינגט אָפּ, ווי אַ שלאַנג זאָל זי אַ ביס טון:

— אויף קיין פאַרברעכן גיי איך נישט.

— קלאַווא, קענן ווענען אַ פאַרברעכן? קענן יענע פאַרברעכערס אין די קאַבינעטן? דערצו זאָג איך דיר צו, אַז עס וועט אין דעם גאָרנישט זיין קיין סודות, בלויז אַ גרוס. ס'איז שוין דער דריטער חודש, אַז זיי ווייסן נישט, וווהין מיין געביין איז אַהינגעקומען. עס וועט זיין געשריבן אין רוסיש, וועסט אַליין לייענען, וועסטו זען... קיין סודות האָב איך נישט. קלאַווא, לעבן מיינס, האָב רחמנות!... אויב נישט אויף מיר, איז אויף זיי דאָרטן, זיי גייען דאָרט אויס... זיי שלאָפן נישט דורך די נעכט. קלאַווא, זאָג יאָ!...

— איך זאָג ניין! מיין מונדיר וועל איך נישט באַפלעקן און דערצו האָב איך אויף אויסהאַלטונג אַ מוטער מיט צוויי קליינע שוועסטערלעך. איך טאָר נישט אַזוי ווייט ריזיקירן מיט זיך.

— קלאַווא, אין שטאָט טראָגסטו דען אויך די מיליטערישע אוני־פאָרם?

— ווי מיר גלוסט זיך, אַז איך וויל, טו איך אָן אַ ציווילן קאָסטיום.

— איצט זאָג אַליין, ווער וועט דיר גיין נאָכקוקן אויף דער נאַכט אין אַ ציווילן קאָסטיום? קיין שום ריזיקע איז דערביי נישטאָ, אויסגעשלאָסן!

קלאַווא פאַרטראַכט זיך און שלמה וואַרט מיט ברענענדיקע אויגן.

— דו ווייסט, וואָס איך טראַכט, פּיאַטיגאָרסקי?

— פאָלג מיך, טייערע, דו דאַרפסט גאָרנישט אַזוי פיל טראַכטן.

— איי, לאָז צו רו, שלאָג נישט איבער... יאָ... זאָג נאָר, ווען האָסטו נעכטן געהאַט דעם שטולגאַנג?

— קענן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

— ענטפער, אַז מען פרעגט ביי דיר!

— שפּעט אויף דער נאַכט.

— אויב דו ווילסט, אַז אונדזערע זעאונגען זאָלן דורכגיין בשלום אי פאַר מיר, אי פאַר דיר, מוזסטו ענדערן די צייט פון דיין „אַרויסגיין". אַז נישט קען טרעפן אַ שיינע געשיכטע.

— איך פאַרשטיי נישט.

— אָט באַלד וועסטו פאַרשטיין. מען קען מיר הייסן אַריינגיין מיט דיין סודנאָ אין לאַבאָראַטאָריע, וועט מען מאַכן אַן אַנאַליז פון אַ פרעמדן שטולגאַנג און נעמען היילן אין דיר אַ פרעמדן מאָגן. איצט פאַרשטייסטו שוין?

— איז ווי אַזוי זשע קען איך אים ענדערן?

— גאַנץ פּשוט, אַז עס וועט זיך דיר אויף דער נאַכט פאַרוועלן, זאָלסטו זיך איבערהאַלטן ביז אין דער פרי. וועט שוין ווערן דיין שטענ־דיקע צייט נאָר אין דער פרי.

— ווי אזוי זשע וועל איך וואגן רעדן מיט דיר בשעת אזא מיאוסער ארבעט?

— און וואס איז מיר לייכטער, אז דו זיצסט אויף א פרעמדנס?

— קלאווא, אז דו ביסט שוין יא אזא מלאך, זיי שוין אזוי ביזן סוף: וואס הערט זיך מיט מיין ביטע?

— איך קען זי דיר נישט טון. אלצדינג — יא, נאר דאס נישט!

— דאס איז דיין לעצט ווארט?

— אזוי איז געווען מיין ערשטער ענטפער און אזוי איז מיין לעצטער אויך.

— זאג איך מיך אפ פון דער מינוט אן פון אלע אייערע באדינונגען.

— פיאטיגארסקי, ווו געפינט איר זיך? איך פיר מיט אייך נישט קיין ליבע. איך בין אויף מיין פאסטן און פיל אויס מיינע פליכטן.

— איר קענט אויספילן אייערע פליכטן צו אלע קראנקע חוץ צו מיר. צו מיין בעטל, זאלט איר נישט וואגן צוצוגיין. ווען נישט, וועל איך גע־צוווּנגען זיין מעלדן דער נאטשאלסטווע, אז איך האב מיט אייך אלטע חשבונות נאך פון פארן ארעסט און וויל נישט, איר זאלט מיך באדינען.

קלאווא האט גארנישט געענטפערט. זי האט שטאלץ אויסגעגלייכט איר שלאנקע פיגור, ארויסגענומען דעם סודנא און איז נישט אומקוקנדיק זיך אויף שלמהן ארויסגעגאנגען פון דער פאלאטע. אים האט זיך געדאכט, אז ביי דער טיר האט זי זיך פארדעכטיק אויסגעשנייצט די נאז. עס האט אים אנגענומען ביים הארצן א חרטה־געפיל: וואס האט ער געהאט צו איר? זי איז דען ווייניק גוט צו אים אזוי אויך?

אין עטלעכע שעה ארום, בעתן באזוכן די פאלאטעס, ווען אלע דאק־טוירים מיט די דיזשורנע שוועסטער און מיטן נאטשאלניק פון שפיטאל אין דער שפיץ זענען צוגעקומען צום זיבעטן בעטל, האט זיך שלמה גע־ווענדעט צום נאטשאלניק:

— דערלויבט זיך ווענדן מיט א ביטע.

— זאגט, וואס פעלט אייך?

שלמה האט געזען ווי קלאוועס פנים איז געווארן ווייס ווי קאלך.

— איך וויל אייך בעטן א דערלויבעניש צו באקומען מיינע ביכער פון דער קאמער.

— אין וועלכער קאמער האט איר זיך געפונען?

— אין דער דרייצנטער.

— נישט אין דער אכצנטער?

— אין דער אכצנטער פלעגט מען מיך ברענגען צו גאסט, אבער ווינען פלעג איך אין דער דרייצנטער.

— גוט, אז איך וועל ענדיקן דעם באזוך ביי די קראנקע, וועל איך אנ־קלינגען ארויף, אויב מען וועט דערלויבן, וועט איר זיי באקומען. אבער איר פילט זיך שוין דען אין כח צו לייענען?

— אָ, איך פֿיל מיך אויסגעצייכנט, כאָטש גיין צוריק אין דער אכצנטער קאַמער.

— איך זע, אַז אייך איז גאַנץ לוסטיק אויפֿן הארצן.

— אַלץ הייסט לוסטיק...

אין אַ שעה אַרום האָט קלאַוואַ צוגעטראָגן צו זיין בעט דאָס פּעקל בי־כער, שלמה האָט זיך צו איר אפֿילו נישט אויסגעדרייט.

פֿאַראיבער עטלעכע טעג.

שלמה האָט כמעט נישט געלייענט, ליגן האָט ער געקענט נאָר אויפֿן רוקן, האַלטן דאָס בוך אויפֿן הארצן האָט ער נישט געקענט. זיין האַרץ האָט אַצינד קיין זאַך נישט געקענט טראָגן אויף זיך. אויף דער זייט זיך אויסדרייען איז פֿאַר אים געווען אַ גיהנום. פֿלעגן טאַקע ליגן די ביכער אויף אַ בענקל אומבאַרירט און ער פֿלעגט מערסטן טייל שלאָפֿן אָדער טראַכטן. פֿון זיין האָפֿענונג אויף קלאַוועס, אַז זי וועט אים פֿאַרבינדן מיט די על־טערן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. דאָס אומוויסן וועט זיי דאָרטן הרגע־נען און אים דאָ. און ווידער איז אַרום אים ימש־חושך, אָן איין ליכ־טיקן שטראַל. וואָס דערוואַרט אים? ער וועט געזונט ווערן — אויב עס קען נאָך בכלל אַזאַ זאַך געמאָלט זיין — וועט מען אים ווידער אָפּגעבן צו די קאַזאַקאָוס מיט די אומאַנסקיס, ביז זיי וועלן אים דערענדיקן... ער וועט אפֿילו צו קבר ישׂראל נישט קומען...

מיט קלאַוועס פֿלעגט ער זיך אפֿילו מיט די אויגן נישט באַגעגענען. אין איר דיזשורסטווע פֿלעגט זי זיין טערמאָמעטער אים אָוועקלייגן אויפֿן בענקל און אַוועקגיין. ער פֿלעגט אים שוין אַליין אַרונטערלייגן און אַרויס־מען. דאַן פֿלעגט זי צוגיין, אַ קוק טון און פֿאַרשרייבן אין זשורנאַל. קיינער פֿון זיי האָט קיין מינדסטן שריט נישט געמאַכט צו שלום מאַכן.

קאפיטל XXXV

איין מאָל, ביי טאָג איז דאָס געווען, איז קלאַווא צוגעגאַנגען צו שלמהס בעטל, ווי גאָרנישט געווען און מיט אַן אָנגענעמער שטימע אַ פרעג געטון, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן:

— פּיאַטיגאָרסקי, מען מעג אַ קוק טון, וואָס פאַר אַ ביכער איר האָט?

שלמה האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף איר, נאָר זי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער פאַדלאָגע.

— ביטע, פאַר וואָס נישט?

זי האָט אַ ביסל אָפּגערוקט די ביכער, זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ שפּיץ בענקל, גענומען דאָס אייבערשטע פון זיי און עס אָנגעהויבן בלעטערן. ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, האָט זי פונעם אַרבל אַרויסגעוואָרפן אַ ביי-געלע פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און גיך עס פאַרמישט מיט פרישע בלעטער. שלמה האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעצויגן, כלומרשט אויך אַ קוק טון אין בוך, און שטיל זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו איר האַנט. זי האָט מיט די שפּיץ פינגער אים אָנגענומען פאַר דער נאָז און אַ דריי געטון. דער שלום איז אַן ווערטער געשלאָסן געוואָרן. זי האָט זיך צופרידן אויפ-געהויבן און געזאָגט:

— דווקא אַ אינטערעסאַנט בוך, נאָר איך האָב אַצינד קיין צייט נישט. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך זיך באַפרייען און נאָך אַ מאָל אַ קוק טון אין אים.

שלמה האָט דעם סיגנאַל פאַרשטאַנען: דאָס בריוועלע דאַרף זיין גרייט. נישט קוקנדיק אויף דעם ווייטיק האָט ער זיך אויסגעדרייט אויף דער זייט און פאַרשטעלנדיק זיך פון די שכנים מיט דער קאָלדרע אָנגעשריבן:

„טייערע עלטערן, שוועסטער און ברידערלעך, קרובים מיינע ליבע, זייט געגריסט פון אייער שלמהן... איך שרייב מיט סכנות-נפשות פאַר זיך און פאַר אָט דעם מיידל, וואָס ברענגט אייך מיין בריוועלע. איך וואָלט מיר געווונטשן צו זיין אין גן-עדן אין דער מחיצה ווו זי, נאָר פאַר דעם אַליין, וואָס זי טוט דאָ פאַר מיר. איך פיל מיך זייער גוט. וואָס מיט מיר וועט זיין, ווייס איך נישט, מען דאַרף פיל רחמים. איצט האָב איך געמאַכט אַ קונץ און געפינען זיך אין שפּיטאָל. דאָ איז פראָסט באַקוועמער ווי אין קאַ-מער, נאָר האָט נישט קיין יסורים, עס איז אַלץ אין אָרדענונג. אויפן ערשטן מאָל וועט זיין געגוג, לעבט גליקלעך, אייער ליבענדיקער שלמה".

שלמה האָט זייער דייטלעך אָנגעשריבן דעם אַדרעס און איר אָנגע-מאָלט אַ פּלאַן ווי צו טרעפן פון דער טראַמוויי־סטאַנציע אין שטוב אַריין. ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז קלאַווא זאָל אפילו נישט דאַרפן קיין איין פרעג טון ביי קיינעם.

אויף צו מאָרגנס האָט זי ערשט פאַרטרעטן די דיזשורסטווע פון נאָך האַלבן טאָג. נאָך אויף דער שוועל האָט שלמה אויפגעכאַפּט אין אירע אויגן

אַ גליקלעך פּייערל. זיין האַרץ האָט זיך אין אים אַ וואָרף געטון: שוין זשע, שוין זשע, האָט זי מיר געבראַכט עפּעס פון דער היים?

די גאַנצע צייט האָט זי דער נאַטשאַלניק אַרומגעטריבן אַהין, אַהער; קיין איין פריייע מינוט האָט זי נישט געהאַט. שלמה האָט גוט באַמערקט איר אומגעדולד. אים אַליין איז שיר די נשמה נישט אַרויסגעשפּרונגען, אַזוי האָט ער שוין געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך אין דער היים. שלמה האָט געוווּסט, אַז זי זיצט אין אַ שכנהשער פּאַלאַטע ביי אַ געפּערלעך־קראַנקן, אָבער וואָס קומט אים אַרויס דערפון?

פאַר נאַכט צו האָט זי זיך אויף גיך אַריינגעכאַפּט:

— פּיאַטיגאָרסקי, איך זיץ דאָרטן ביי אַ קראַנקן, איר קענט מיר באָרגן אַ בוך צום ליינען?

— פאַר וואָס עפּעס נישט?

זי נעמט דאָס אייבערשטע בוך, גייט צו צום פענצטער און מישט נער־וועז די בלעטלעך. אין אַ פּאָר מינוט אַרום גייט זי צו:

— ניין, דאָס בוך האָב איך שוין אַ מאָל געלייענט, איך וועל בעסער נעמען אַן אַנדערס.

— נעמט וועלכעס איר ווילט, איך לאָז אייך דען נישט?

זי נעמט דעם צווייטן:

— אָ! דאָס בוך האָב איך נאָך טאַקע נישט געלייענט. גיי איך, אַ גוטע נאַכט אייך אַלע!

אפשר אַ האַלבע שעה רירט זיך שלמה צום בוך נישט צו, כדי עס זאָל קיינעם קיין שום חשד נישט איינפאַלן. נאָך דעם גיט ער אַ טיפן קרעכץ, נעמט פויל דאָס בוך, שמעלט עס אַוועק אויף דער קאָלדרע, עפנט עס, מישט אַזוי לאַנג, ביז עס פאַלט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר. שלמה לייענט אַ ביסל דאָס בוך, נאָך דעם דרייט ער זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, פאַרשטעלט זיך מיט דער קאָלדרע און צעוויקלט דאָס צעטעלע: זיין טאַטנס כתב.

„ליב קינד אונדזערס שלמהניו! באַשרייבן דיר דעם מאָמענט, בעת אַט דאָס שיקסל איז אַריינגעגאַנגען, געטראָפן אַלע ביים טיש, זיך געמינעט, נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו טון, ביז זי האָט אַרויסגענומען דיין טייער בריוועלע... ניין, דאָס וואָלסט דו געקענט באַשרייבן, איך בין נישט קיין שרייבער. איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז די מאַמע האָט איר ממש די פּיס געקושט. מיר האָבן זי אַלע שיר אויפן קאָפּ נישט געזעצט. דו שרייבסט, אַז דו וואָלסט זיך געוווּנטשן איר עולם־הבא. איך וואָלט זיך כאָטש געוווּנטשן איר עולם־הזה: זען דיך אַלע טאָג, רעדן מיט דיר, באַדינען דיך... נו, זי איילט זיך. עס איז שוין באַלד צוועלף. זי איז אומיסטן געקומען כמעט מיטן לעצטן טראַמוויי. אי דאָס אויף סאָלאָמינקע איז זי נישט אַרויפגעפאָרן, נאָר פון מאַרינסקע געגאַנגען צו פוס, אַלץ כדי עס זאָל זי קיין באַקאַנטער נישט באַגעגענען. וואָס איז דאָ צו קלערן? אודאי איז דאָס אַ מלאך פון גאָט. איך קען גלייבן, אַז עס איז גאָרנישט

קיין שיקסל, נאָר אַ שליח פון דיין הייליקן זיידן, דעם בעל־שם־טוב, דיך און אונדז אַ ביסל צו דערמונטערן. קיין נייעס איז ביי אונדז נישטאָ, נאָר דו פעלסט אונדז אויס אויף יעדן טריט און שריט. אַז מיר זעצן זיך עסן און דערמאָנען זיך, ווו דו ביסט און וואָס דו עסט, מעגן דאָס שוין זיין געבראָטענע טייבעלעך, גייט דאָס אונדז שוין נישט איין. מיר וואָלטן ליבערשט געגעסן דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, נאָר אַבי זיין מיט דיר צוזאַמען. בכלל איז איצט אין לאַנד די לאַגע זייער אַ שווערע. צי ס'איז טאַקע קיין גערעטעניש נישט געווען, צי דאָס איז אַלץ פּאָליטיק, ווייסט מען נישט אויף אַקוראַט, מען איז מחולק אין דערינען, אָבער אַ הונגער איז אַ געפערלעכער. מענטשן פאַלן אין גאַס ווי די שטרוי. השם ירחם. אָבער דו האָב נישט קיין יסורים, נאַש־בראַט דרייט זיך אויס ווי עס איז, דער וואָס איבער אונדז פאַרלאָזט נישט. ביי אַלע אונדזערע און ביי אַלע חברים איז אַלץ אין אָרדנונג. נאָר איין וואָלקן פאַרשטעלט אונדז די זון און דער דאָזיקער וואָלקן — ביסטו... ווען וועלן מיר שוין אויך אויפגעריכט ווערן? אונדז דאַכט זיך, אַז עס איז שוין צען יאָר, זינט דו ביסט אַוועק פון אונדז, נישט קיין צען וואָכן... דו שרייבסט אפילו און דאָס מיידל זאָגט אויך, אַז דו ביסט פאָלקאָם געזונט און דאָס שפּיטאָל איז גלאַט אַזוי — נאָר די הערצער זענען אונדז שווער... עפּעס איז דאָס מיידל צו רויט געווען ביים דערציילן... מיר האָבן שוין אין דער גענעראַלער פּראָקוראַטור אָפּגעשלאָגן די שוועלן גייענדיק. מען קען אונדז שוין פאַר רחמנות נישט אָנקוקן. די מאַמע — זי דערהרגעט זיך!... זי טרעט נישט אָפּ פון זיי, זי איז דאָרט מער ווי אין שטוב, עס העלפט אָבער גאָרנישט. זיי זאָגן, אַז ביז דריי חדשים האָט די געפּעאו רעכט זעלבסטשטענדיק צו פירן די אויספאָרשונג און ערשט ווען עס ענדיקן זיך די דריי חדשים, רופן זיי אַרויס דיין ענין און זען, ביי וואָס עס האַלט. אָבער קיין איין טאָג פאַר די דריי חדשים קענען זיי דאָס נישט טון. וואָס זאָל מען טון? עס זענען נאָך געבליבן אַוועלכע צוויי וואָכן... דו שרייבסט, אַז מען דאַרף רחמים, איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז דער זיידע פון זיין זייט און די מומע טייבל פון איר זייט הערן נישט אויף צו זאָגן תהילים פאַר דיר. מען הערט פון זיי מער גאָרנישט, נאָר שלמה און שלמה און נאָך אַ מאָל שלמה! נו, איך וואָלט נאָך געשריבן, נאָר דאָס שיקסל, צי דאָס מיידל, ווי דו רופסט זי, שטייט שוין אָנגעטון. מען הערט שוין קלינגען איר טראַמוויי. זיי געזונט און קום גיך און געזונט. שטאַרק זיך... די גאַנצע וועלט באַקאַנטע בעטן פאַר דיר און אין הימל שווייגט מען אודאי אויך נישט... אַלע קושן דיך, דיין פאָטער.״

שלמה קערט איבער דאָס בריוועלע אויף דער לינקער זייט, אַ צושריפט אויף רוסיש: „פּיאַטיגאָרסקי, לייענט איבער און לייגט דאָס אַריין אין באַנדאַזש אויף דעם פוס. עס איז אַ טורמע, מען דאַרף זיין גרייט אויף אַלצ־דינג. אַז איך וועל פאָרן שלאָף אייך מעסטן די טעמפּעראַטור, גרייט דאָס מיר אָן אונטער דער פאַכווע, איך וועל דאָס פאַרברענען, אַזוי מוז מען!״

שלמהן טוט ווי דאָס האַרץ אויפֿן בריוועלע, וואָס מען דאַרף דאָס פֿאַר־ברענען, ער ווייסט אָבער, אַז זי איז גערעכט. ער לייענט דאָס איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ער קען דאָס שוין אויף אויסנווייניק. ער ניורעט איין דעם קאָפּ אין שטרויענעם קישן: הייסט עס, דערווייל האָט מען אים דאָרט נישט פֿאַרגעסן. אויף דער גרויסער ערד האָט מען אים אויך ליב, אויב אַזוי, איז נאָך כדאי צו לעבן, כדאי צו קעמפֿן פֿאַרן לעבן...

קאפיטל XXXVI

אין יענעם יאָר איז דער ווינטער געווען אַ פריער און זייער אַ שניי־איקער. אויף וויפל דער זומער איז געווען אַ הייסער, אַזוי איז דער ווינטער געווען אַ שנייאיקער. אַרום האַלב דעצעמבער האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע פרעסט, אָפּגעהאַלטן אַ טאָג צען און ווידער האָבן זיך אַ שאָט געטון גע־דיכטע און נאַסע שנייען. עס זענען געבליבן געציילטע טעג ביז צום נייעם יאָר. אין אַלע וויטרינעס זענען געשטאַנען אויסגעצירטע יאָלקעס *, באַ־האַנגען מיט קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּעלעך. איבער אַלע גאַסן האָט מען דורך די טעג נאָר געזען טראָגן סאָסנעס, גרויסע און קליינע. גרויסע שריי־ענדיקע פּלאַקאַטן האָבן דערציילט, אַז אין דער אָפּערע וועט מען קאָלעקטיוו באַגעגענען דאָס ניי־יאָר, עס וועלן אָנטייל נעמען זיבן אָרקעסטערס און דריי כאָרן. וועגן דעם זעלבן, נאָר אין אַן אַנדער פאָרמאַט, האָט אַנאָנ־סירט דער „קאָנטינענטאַל", פיל קלובן און אפילו דער צירק.

אין יענעם אינדערפרי איז ביי פאַלין קאַליע געוואָרן די שטימונג באַלד ביים אויפשטיין. זי האָט געגומען זוכן אַ סוועטער אין שאַפע און אונטער דער האַנט איז איר ווי אויף צו להכעיס, אפשר צען מאָל אונטערגעקומען דער מאָסקווער קופאָן ענגלישער באָסטאָן, וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ זיך אויפצוניין. נאָך דעם האָט זי זוכנדיק עפּעס אַ קאָנספּעקט, זיך עטלעכע מאָל אָנגעשלאָגן אין דעם אַלבאָם פון טרעטיאַקאָווער גאַלע־רייע, וועלכער טראָגט זי אַלע מאָל אַזוי שטאַרק אַריבער אין יענעם שווערן שבת. אַך, ווי לאַנג עס איז שוין אין דעם און ווי ווייט שלמה איז אַצינד!... זי האָט וועגן אים מער נישט געוווּסט נאָר, אַז ער זיצט. מער האָט זי נישט געפרעגט און קיינער איז איר נישט געגאַנגען דערציילן.

פאָרנדיק שפּעטער אין אינסטיטוט אַריין, האָט זי אויף אַ סטאַנציע דערזען אין אייגל פון דעם פאַרפרוירענעם טראַמוויי־פענצטער דעם אַלטן שלומען מיט אַ היפּשן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, זיך שטופּן צו דער טיר. און ווידער האָט עס זי דערמאָנט אין יענעם דאָנערשטיק פאַר נאַכט אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע, ווען ס'איז נאָך געווען פאַר אַלעמען... ווידער אין שלמהן... זיצנדיק אויף דער לעקציע, וויפל מאָל זי האָט אויפגעשלאָסן דאָס טעשל, אַרויסצונעמען דאָס נאָטיכבעלע, ציך דאָס שפּיגעלע, האָט זי אַלץ פאַרבלאָנדזשעט אין יענער אָפּטיילונג, וווּ עס איז געלעגן שלמהס פאָטאָגראַפיע. וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ כישוף געשען מיט איר? עפּעס אַ שלמהדיקער טאָג! פונקט ווי אַ זאָרגעוודיקע האַנט וואָלט איר אַלץ אונ־טערגערוקט נאָר אַזעלכע זאַכן, אַז זי זאָל זיך מוזן דערמאָנען אין שלמהן... וואָלאָדיאַ, איר שכן אויף דער פּאַרטע אין אינסטיטוט, אָט דער נאַרישער, פּרישטשעוואַטער בחור, איז איר דערגאַנגען די יאָרן מיט זיינע פראַגן:

---

* סאָסנע־ביימלעך ביי קריסטן צום ניי־יאָר.

פאַר וואָס איז זי היינט עפּעס אַזוי נישט אויפגעלייגט? וואָס האָט געטראָפן? אפשר זאָרגט זי זיך אַזוי פאַר אַ קעגנשטאַנד פון די למודים, קען ער זיך בייטן מיט איר מיט די העפטן.

אַרויסגייענדיק פון אינסטיטוט איז איר געווען אַזוי סומנע אויף דער נשמה, אַז זי האָט פאַררופן צו זיך אַהיים, חוץ וואָלאָדיען, מיט וועמען זי פלעגט שטענדיק גרייטן די לעקציעס צוזאַמען, נאָך זעקס, זיבן חברטעס, כדי מען זאָל היינט צוזאַמען צוגרייטן די לעקציעס. נאָך ניין אויף דער נאַכט, ווען די לעקציעס זענען שוין געווען צוגעגרייט און די חברטעס האָבן זיך גענומען קלייבן גיין אַהיים, האָט זיך פאַלין ווידער נישט געגלוסט בלייבן אַליין. גיין שלאָפן איז נאָך געווען פרי, און זי האָט זיך געווענדעט צו אַלעמען:

— מיידלעך! איר ווייסט וואָס? איך האָב היינט באַמערקט, אַז אין דעם פינפטן קינאָ, אָט דאָ באַלד אויף קרעשטשאַטיק, גייט אַ נייער פילם. קומט אַריין אים זען. איר וועט נאָך באַווייזן זיך אויסצושלאָפן!...

אייניקע האָבן פּראָטעסטירט:

— אַזוי שפּעט? עס איז גאָר אַ מורא נאָך דעם צו גיין אַהיים. בעסער שוין אין אַן אָפּרוטאָג, אויף אַ בייטאָגיקן סעאַנס.

— שפּעט, שפּעט!... ווי שעמט איר זיך נישט? צוויי מאָל לעבט מען דאָך נישט. קומט — און גענוג צו קלערן!...

בילעטן האָט מען געקריגן אויף צען אַ זייגער. צום אָנהייב פון סעאַנס איז נאָך געבליבן העכער אַ האַלבע שעה און די קאָמפּאַניע איז געשטאַנען לעבן אַ פענצטער פון אַ גרויסאַרטיקן קאַפע־רעסטאָראַן און האָט פריילעך געשמועסט. אין דרויסן איז געווען וואַרעם ווי אונטער אַן איבערבעט. פון דעם הימל האָבן זיך געשאָטן פאַרשידנקאָנטיקע פעדערן. פאַלים שלעכטע שטימונג האָט זיך אין גאַנצן אויסגעוועפּט. צוזאַמען מיט אַלע חברטעס האָט זי נאָכגעשפּירט די שנייעלעך, וואָס פאַלן פאַר דער שיין פון גרויסן, מילכיקן אַבאַזשור. צווישן זיי איז געגאַנגען אַ געוועט: וועלכע פאַלן מער, פינף־עקיקע, צי זעקס־עקיקע שנייעלעך?

קרעשטשאַטיק איז געווען פאַרפלייצט מיט שפּאַצירנדיקע. אויטאָס מיט געפלאָכטענע קייטן אויף די רעדער, מחמת דעם גליטש, האָבן זיך געטראָגן אַהין און צוריק ווי די רוחות און אָנגעפילט דעם חלל מיט אַ מעטאַלישן געקלאַנג. די פאַרשידענע, קאָלירטע לעמפּעלעך פון די יאָלקעס אין די אילומינירטע פענצטער האָבן געוואָרפן אויפן טראָטואַר פאַנטאַסטישע געמעלן. קיעוו האָט געלעבט מיט זיין פריילעכן, ווינטערדיקן לעבן... דאָס יאָר 1933 האָט געצויבערט מיט זיין פאַרנעפּלטקייט, מיט זיין סודותדיקייט, אין וועלכן עס איז נאָך געווען איינגעהילט. די נייע בייכיקע ציפער האָט יעדן איינגערוימט אַ הבטחה אויף אַ זאַט, גליקלעך לעבן, ווען ברויט וועט זיך „וואַלגערן אין די גאַסן" און אַלץ וועט זיין בזול־הזול.

פאַרביי דער פריילעכער קאָמפּאַניע איז דורכגעגאַנגען נישט קיין הויכער יונגערמאַנטשיק מיט אַ קרומלעכער נאָז און מיט גרויסע, טיפע אויגן.

פון דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער האָט ער אַ קוק געטון אויף דער לאַכנדי־קער גרופּע מיידלעך און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער. אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן קוואַרטאַל, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט זיך אום, גיט זיך אַ רייב דעם שטערן און גייט האַסטיק צוריק. דער זייגער איז זיבן מינוט צו צען. די כאַליאַסטרע מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען ביים קאַפע־פּענצטער, שטייען שוין ביים אַריינגאַנג אין קינאָ אַריין. מען טרייסלט זיך אַרום פון דעם שניי און מען לאַכט. דער יונגערמאַן לייגט אַראָפּ דעם קאָלנער, גייט צו נאָענט צו זיי און קוקט זיך איין אין די פּנימער. איינע פון די סטודענטקעס ווענדעט זיך צו אים:

— וואָס שטופּט איר זיך, פּעטערל? איר דאַרפט עפּעס?

— איר האָט גראָד געטראָפן. איך דאַרף איינע פון אייך.

— וועלכע געפעלט אייך? קלייבט אויס!

— איך האָב שוין אויסגעקליבן, אָט יענע מיידל דאַרף איך.

— פּאָלקאַ! גיי, מען רופט דיך, אָט דער חבר —

פּאָלי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט:

— מיך דאַרפט איר? איר האָט נישט קיין טעות?

— ניין, איך האָב נישט קיין טעות. אייך דאַרף איך אויף עטלעכע מינוט.

— אָבער איך קען דאָך אייך אפילו נישט?

— עס מאַכט נישט אויס, דערפאַר קען איך אייך זייער גוט...

פּאָלי קוועטשט מיט די אַקסלען, קוקט זיך אַרום אויף די חברטעס מיט אַן אָפענעם פאַרדרוס און גייט אַרויס פונעם רעדל.

דער אומבאַקאַנטער זאָגט איר מיט זיין רואיקער, עטוואָס פאַנפאַטער שטימע:

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, נאָר דאָ איז זייער ענג און רוישיק, מיר וועלן אַרונטערגיין אָט הינטער יענעם הויז, דאָרט וועט אונדז קיינער נישט שטערן.

— חבר, דער סעאַנס הייבט זיך אָן...

— איך וועל אייך לאַנג נישט פאַרהאַלטן... איר וועט נאָך באַווייזן... עס לויפט צו וואָלאָדיאַ:

— פּאָליאַ, נאַ דיר דיין בילעט, מיר גייען דערוויל אַריין און דו וועסט שוין דערנאָך אָנקומען... מיר'ן פאַרכאַפּן אַן אָרט פאַר דיר אויך...

ער רוקט איר אַריין אין די פינגער אַ גרין פּאַפּירל און אַנטלויפט גלייך אין פּאָיע אַריין.

דער אומבאַקאַנטער מיט פּאָלין גייען אַריין אין אַ טונקעלן פּאַסאַזש. ער באַקוקט זי שאַרף פון קאָפּ ביז די פיס און רעדט געלאַסן און באַטאָנענדיק:

— איך האָב אייך אַוועקגענומען פון אייער פריילעכער קאָמפּאַניע, נאָר דאָס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן, איז אפשר אַזוי פיל וויכטיק, ווי דער קינאָ.

— חבר, זאָגט גיכער וואָס איר דאַרפט, דער פילם גייט שוין, איך ווער אָן... און בכלל: ווער זענט איר?

— אויב עס גייט נאָר דערין, וואָס דער פילם גייט שוין, איז עס א קליייניקייט...

נישט געאיילט נעמט ער אַרויס דעם בילעט פון איר האַנט און צערייסט אים אויף קליינע שטיקעלעך. ביי פּאָלין רייסט זיך אַרויס אַ ווילדער געשריי:

— וואָס טוט איר? מיט וועלכע רעכט?

דער פרעמדער ווערט פון איר געשריי גאָרנישט נתפעל. ער ציט זיינע ווערטער מיט דעם זעלבן רואיקן נאָר שטאַלענעם טאָן:

— און דאָס וואָס איר פרעגט, ווער איך בין? וועט אייך מיין נאָמען גאָרנישט זאָגן. איר האָט אים זיכער קיין מאָל נישט געהערט און איר וועט פון אים גאָרנישט פאַרשטיין. און זאָגן וויל איך אייך אָט וואָס —

פּאָלי שטייט ווי אין היפּנאָז. זי נעמט נישט אַראָפּ איר בליק פון זיינע טיפע, טרויעריקע אויגן און האַלט איין דעם אָטעם.

— איז אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן... הערט מיט קאָפּ און באַמיט זיך צו דערפילן מיט אייער גאַנצער נשמה, אויב איר האָט זי נאָר, דאָס וואָס איך גיי אייך איצט דערציילן... עטלעכע טעג פאַר שלמהס אַרעסט איז מיר מיט נאָך איינעם אַ חבר אויסגעקומען צו זיין ביי אים. שלמה האָט קעגן זיין געוווינהייט זיך מיט אונדז צערעדט אָפּנהאַרציק און געזאָגט, אַז כאָטש ער פילט, אַז ער גייט אויף אַ זיכערן אומגליק, דאָך וויל ער פון קיעוו נישט אַוועקפאָרן, ווייל דאָ וווינט איינע אַ מיידל... אפילו אין טורמע, נאָר ער וויל זיין מיט איר אין איין שטאָט... אין זיין צוואה, וואָס ער האָט מנשהן איבערגעלאָזט, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט אייער פאָטער זיין אין אַ נויט, זאָל מען אים אָפּגעבן האַלב געלט פון דעם, וואָס ער לאָזט איבער, ווייל יאַני איז ביי אים פאַררעכנט פאַר אַ צווייטן פאָטער. איצט ליגט ער אין שפּיטאָל... אין טורמע־שפּיטאָל... עטלעכע בריוועלעך געוועזן... ער לייקנט פאַר די עלטערן, פאַר וואָס ער געפינט זיך אין שפּיטאָל... דעם מענטשן, וואָס ברענגט די בריוועלעך, האָט ער אויך אַ פנים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט דערציילן... אָבער עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז מען האָט אים דאָרט אודאי אָפּגעשלאָגן די לונגען... יענער מענטש לוידט אפשר אַלץ, געדענקענדיק די גאַנצע צייט אין אייך, און איר — פאַרברענגט דאָ אַזוי פריילעך און זאָרגלאָז... אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן. אַנומלטן האָב איך איינער אַ פרוי, איר קענט זי נישט, איז אין יענער שטאָט, ווו זי וווינט, האָב איך איר דערציילט, פון שלמהס אַרעסט און פון זיין געפינען זיך אין שפּיטאָל, האָט זי אויף זיך געריסן די האָר, געקלאַפּט זיך קאָפּ אין וואַנט...

— איר פאַרשפּאַרט זי אָנרופן, איך ווייס, ווער זי איז, דאָס איז רייזל ליבערמאַן!...

— איך בין נישט אייער אינפאָרמאַטאָר און בין נישט מחויב אָנצורופן

פינקטלעך יעדן ביים נאָמען, נאָר נאָך יענערס יאָמער, אַז איך האָב דערזען, ווי גליקלעך איר פאַרברענגט, האָט מיך אַ שניט געטון ביים האַרצן און איך האָב אייך אויף אַ מינוטקעלע אַוועקגערופן... וואָס איז שייך דעם, וואָס איך האָב אייך קאַליע געמאַכט אַ בילעט, איז אָט האָט איר —

פּאָלי האָט אויפגעהויבן די אויגן, לעבן איר איז שוין קיינער נישט געווען, נאָר אין איר הענטשקע האָט געשטעקט אַ נייע אַסיגנאַציע פון פינף רובל...

אירע אויגן זענען געווען צוגעקאָוועט צו דעם אָנגעמאָלטן אַרבעטער, וואָס אויפן פינפערל, פּונקט ווי זי זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל. זיינע אויגן האָבן איר דערציילט, וואָס פאַר אַ פלאַמענדיקע שנאה עס פלאַקערט אין די הערצער פון שלמהס חברים צו איר און ווי גערעכט זיי זענען. שלמה זיצט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן קיעוו, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט דעם פאָטער אירן פאַר די אויגן נישט געלאָזט.

— גאָט מיינער! פון וויפל טיילן באַשטייט אָט דעם שלמהס האַרץ און ווי זינדיק איך בין קעגן איִם... ער איז געקומען... געזעסן איינזאַם... און איך בין אפילו איין מאָל נישט צוגעפאָרן זיך מיט איִם זען... אָרעמע עלטערן!... ווי זיי קער זיין שווער!... היינט, אים אַליין דאָרט... אי גייס־טיק, אי פיזיש...

זי האַלט דאָס פינפערל אין די הענט און ווייסט נישט וואָס צו טון דערמיט. זי פילט, אַז זי מוז איצט עפּעס טון... זי מוז עפּעס אַזעלכעס טון, אַז זי זאָל פאַרלירן די פאַראַכטונג צו זיך אַליין. אָבער וואָס זאָל זי טון? שאַ! ס'איז דאָ! זי וועט שוין, תיכף ומיד, צופאָרן אויף סאָלאָמינקע צו שלמהס עלטערן. וואָס קען זיין איינפאַכער און שענער פון דעם? דאָרט וועט זי שוין געוויר ווערן אַלץ, מיט אַלע פּרטים. יאָ, עס איז באַשלאָסן! זי פאָרט צו אַהין! זי וויל גאָר אפילו מער נישט טראַכטן וועגן דעם.

און נישט פאַרלירנדיק דעם עקסטאַז אויף קיין איין מינוט, הייבט זי זיך אויף פון קרעשטשאַטיק אויף קאָראָלענקאָ, טרעפט פּונקט אַ טראַמוויי און פאָרט אַוועק אויף סאָלאָמינקע.

אַ גאַנצן וועג האָט זי נאָר געטראַכט, וואָס פאַר אַ פּוראַר עס וועט מאַכן איר ערשטער וויזיט ביי די פּיאַטיגאָרסקיס, זינט מאָסקווע. ווי אַלע וועלן זיין איבערראַשט, ווי די מוטער וועט וויינען פאַר פרייד. מיט די דאָ־זיקע ליכטיקע געדאַנקען הייבט זי זיך אויף אויף די גליטשיקע טרעפּ און עפנט אַנטשלאָסן די טיר.

קאפיטל XXXVII

אין שטוב, חוץ די בני־בית, טרעפט זי נאָך דעם זיידן שלום, מנשהן און די מומע לאה. מיט איר אַריינקומען ווערט שטיל אויף איין מינוט. אַלע באַטראַכטן זי דערשטוינט, אפילו דאָס חנוכה־לעמפּל פונעם סקווירער רבינס „שמירות״, וואָס שטייט אויף אַ בענקל ביי דער טיר און צאַנקט, האָט אויך ברייט צעעפנט די האַלב־אויסגעלאָשענע אייגעלעך און פאַר־חידושט אָנגעקוקט דעם אומגעריכטן גאַסט. ווען די ערשטע איבעררעשונג גייט פאַריבער, גייט דינה צו צו איר און בעט זי זיצן. די מוטער זאָגט איר העפלעך:

— פאָלי, אין שטוב איז הייס, נעם אַראָפּ דעם פּאַלטאָ.

רבקה נעמט צו ביי איר דעם פּאַלטאָ מיט דעם היטעלע. פאָלי פאַר־שיינט ממש די שטוב, נאָר די הערצער זענען אַזוי פאַרביטערט, אַז קיינער באַמערקט דאָס אפילו נישט. די מוטער גרייט צום טיש, ווענדעט זיך צו פאָלין:

— פאָליא, קום מיט אונדז עסן, וועט פאַרט זיין היימלעכער.

— אַ דאַנק, מיט פאַרגעניגן.

אַלע וואַשן זיך. ביים טיש לאָזט מען איבער פאַר פאָלין אַן אָרט ביי אפרים־אהרונס רעכטער האַנט. זי פאַרשטייט, אַז דאָס איז שלמהס שטענ־דיק אָרט. מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ פאַרנעמט זי איר פּלאַץ. אין דער לינ־קער האַנט, העכער דעם שפּיגל, הענגט שלמהס אַ גרויסער פּאָרטרעט. אַ לאַנג פאַרגעסן געפיל פאַרקלעמט זי ביים האַרצן: איר שלמה, איר מאָנאַרך, איר שיינער פּרינץ... זיינע לעבעדיקע, קלוגע אויגן קוקן גלייך אויף איר, זיי רעדן צו איר, זאָגן איר: דו פאַרשטייסט, פאָליטשקע? מיין נשמה האָט ליב דיין נשמה, דאָס איז העכער פון קערפּערלעכע באַציאונגען. דאָס איז אַ געטלעכע פאַרבינדונג...

פאָלי מאַכט איבער זיך אַן אוממענטשלעכע אָנשטרענגונג און ווענדעט זיך צו אפרים־אהרונען:

— עס זענען עפּעס דאָ פרישע נייעס?

— מיר האָבן דערהאַלטן פון אים דריי בריוועלעך.

— דאָס ווייס איך, ער איז נאָך אַלץ אין שפּיטאָל?

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? איר מיינט, אַז עס אינטערעסירט מיך נישט?

— איך ווייס שוין נישט, וואָס צו מיינען... יאָ, ער איז נאָך אַלץ דאָרטן...

— און וואָס, קלערט איר, האָט אַזוינס געקענט פּאַסירן, וואָס מען האָט אים אַהין אַריינגענומען?

— זי, דאָס מיידל, וואָס ברענגט די בריוועלעך, זאָגט אפילו, אַז עס

איז אים גאָרנישט, נאָר קיין שום ביטערער שונא וואָלט אונדז דאָס נישט געוווּנטשן, וואָס מיר טראַכטן שוין איבער.

— די בריוועלעך האָט איר נאָך ערגעץ?

— אודאי, ווי דען? יצחקל, נעם אַרויף דאָס סלאָיקל פון קעלער.

פּאָלי נעמט לייענען. דער זיידע הייבט זיך אויף:

— עס איז שוין אודאי עלף אַ זייגער און איך וויל נאָך אַריינגיין צו מיכאלן. ווי מיינסטו, אפרים־אהרון, „זי" וועט שוין אודאי היינט נישט זיין?

— וואָס קען איך וויסן? עס איז עפּעס שייך נביאות דערביי?

— מן הסתם אַזוי שפּעט שוין נישט. גיי איך, דער אייבערשטער זאָל זיך אויף אונדז מרחם זיין. אַ גוטע נאַכט.

— וואַרט, שלום, איך גיי אויך מיט דיר.

די מומע לאה געזעגנט זיך און זיי גייען ביידע אַרויס. מנשה זיצט נאָך אַ צען מינוט און גייט אויך אַוועק. עס בלייבן שוין בלויז די שטוביקע און פּאָלי. זי ענדיקט לייענען און לייגט פאַרטראַכט צונויף די בריוועלעך.

— און היינט ביי נאַכט דאַרף זי נישט זיין?

— ווער קען דאָס וויסן? אפשר האָט זי גאָר היינט נישט דיזשורעט?

— זי קומט יאָ אַ מאָל אַזוי שפּעט?

— פאַרקערט, נאָר אַזוי שפּעט! זי היט זיך אַזוי... דו וואָלסט געמעגט הערן — דערציילט זי — ווי שווער עס קומט אים אָן יעדעס בריוועלע אָנצושרייבן און איר — דורכצוטראָגן. ממש מיט סכנות נפשות! אַז יעדער קראַנקער איז אַ שונא דעם צווייטן און מען דאַרף זיך פאַר אים היטן ווי פאַר פייער. זי אַליין טראָגט עס אַרויס אונטער די האָר, אַזאַ פּחד איז!...

— פאַר וואָס זשע איז זי זיך אַזוי מפקיר פאַר אים?

— נאָר פאַר איר גוט האַרץ, דו האָסט נאָך אַזאַ גוטע נשמה נישט באַגעגנט!

— ס'איז טאַקע נישט געהערט געוואָרן...

אַ פּאָר מינוט איז שטיל. דינה פרעגט זי:

— נו, און ווי אַזוי גייט ביי דיר דאָס לערנען?

— גאָרנישט, אַזוי זיך, געמוטשעט... אין מיינע יאָרן איז גוט צו ענדיקן אַ אינסטיטוט, נישט אָנצוהייבן... נו, און ביי דיר?

— ווייס איך, ווי געוויינלעך.

— פאַר וואָס, ווי געוויינלעך? אַוואָס דערציילט דאָך, אַז דו ביסט די ערשטע אויף דיין קורס?

— ע, אַוואָס מעשות... און איר האָט, דאַכט זיך, געעסט?

— יאָ, דער פעטער שמואליק איז געקומען פון סלאַוווטע מיט דער גאַנצער משפּחה. קוים אַנטלאָפן אַ לעבעדיקער...

— וואָס הייסט, אַנטלאָפן?

— ער האָט דאָרט געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער אין אַ גרויסן מאַגאַזין, האָבן אַלע פאַרקויפער מיט די פאַרקויפערינס אָנגעלייגט פולע קעשענעס

און אז עס איז געקומען אַ רעוויזיע פון אָבלאָסט * — ער איז צופעליק דאַמאָלסט געווען אין שעפּעטאָווקע — האָט מען אויסגעפונען, אַז עס פעלט לויט די ביכער פון דער בוכהאַלטעריע נישט קיין סך, נאָר הונדערט צען טויזנט רובל... פאַרשטייסט דאָך, אַז מען האָט גלייך פאַרחתמעט דעם מאַגאַזין און די שטוב, מען האָט שוין נאָר געוואַרט אויף אים. איז זיין עלטער מיידעלע אַוועקגעלאָפן קיין שעפּעטאָווקע און אים געוואָרנט. איז ער שוין געקומען גלייך אַהער. שפּעטער, זענען זיינע בני־בית אויך אָנגעקומען, אָן גאָרנישט, נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. זענען זיי ביי אונדז אַלע... און דאָרט זוכט מען אים נאָך... צושרייבן וועלן זיי זיך דאָ נישט קענען, ווייל טאָמער זוכט מען זיי אין קיעוו אויך, וועלן זיי זיך אַליין אויסגעבן. וואָס האָסטו צו קלערן? עס איז זיי אויך ניין מאָל גוט... איינער, זיינער אַ באַקאַנטער דערציילט אים, אַז אין סלאַוווטע האָט זיך שוין אָנגעקליבן אויף אים אַ גאַנצער ענין. ער ווערט באַשולדיקט לויטן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט, דאָס הייסט דאַכט זיך, אַז פאַר באַגנבענען די מלוכה קומט אָדער צען יאָר אָדער שיסן...

— יאָ... יעדן איז גוט אין זיין פאָרמאַט...

פון די טרעפּ דערהערט זיך דאָס סקריפּען פון שניי. אַלע כאַפּן אַ קוק אויפן זייגער: דריי פערטל אויף צוועלף. אַן אומרואיק איבערקוקעניש. אויף אַלעמענס פּנימער איז אָנגעשריבן:

— ווער קען דאָס גיין אַזוי שפּעט?

עמעצער קלאַפּט אָן אין טיר. עטלעכע קולות ענטפערן מיט אַ מאָל:

— קומט אַריין!

אויף דער שוועל שטייט קלאַוואַ אין אַ פוטערן סעקעלע, מיט אַ שוואַרץ קאָטיקאָווע ** היטעלע. זי איז אין גאַנצן פאַרשאָטן מיט שניי. די פערדערשטע לאָקן זענען אָנגעזעצט מיט שניי־דימענטן, די באַקן — צעפלאַמט פונעם פראָסט, פון גיך גיין, און זעען אויס ווי באַשפּרינקלטע פערשקעס, ערשט פונעם בוים. אין אירע אויגן לייכט זיך אַ פייערל פון נצחון. אַלע שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער. דינה מיט דער מוטער לויפן צו, צעקושן זיך מיט איר, טוען איר אויס דעם מאַנטל, קושן איר די הענט און טרעטן נישט אָפּ פון איר. אין פאַלים פאַרוווּנדערטע בליקן איז צו זען אַ לייכטן אייפער. קלאַוואַ רופט זיך אָן לאַכנדיק:

— לאָזט מיר כאָטש זאָגן „אַ גוטן אָוונט"... נו, נו, האָב איך דאָס היינט געהאַט אַ וועג!...

פאַלי גייט אַרויס פון הינטערן טיש, גייט צו צו איר:

— מען מעג זיך מיט אייך באַקענען, טייערע חברטע?

— אויב איך געפין מיך דאָ, איז אַ סימן, אַז מען מעג.

— מיך רופט מען פאַליאַ.

---

* דאָ געמיינט: געגנט־אָרגאַן פון יעדער אינסטיטוציע.

** קאָטיק — אַזאַ טייערער, שוואַרצער פוטער.

— און מיך — קלאַוואַ.

אַ מינוט קוקן זיי זיך גלייך אין די אויגן אַריין, מיט אַ מאָל ציט זי פּאָלי צו צו זיך און גיט איר אַ שטאַרקן קוש גלייך אין די ליפּן.

— אַצינד דערציילט, פאַר וואָס האָט איר דאָס מאָל געהאַט אַ שווערן וועג?

— אַ־האַ, יאָ! ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, איז נאָך קיין צען נישט געווען. האָט זיך מיר אויף איינעם געדאַכט, אַז ער שפּירט מיר נאָך. איך גיי אַראָפּ אויף בעסאַראַבקע, ער — אויך!... אומקערן זיך אַהיים אָן גאָרנישט — קען איך אויך נישט. מאָרגן פאַרטרעט איך פון זיבן אין דער פרי די דיזשורסטווע און נישט ברענגען אים קיין ענטפער הייסט עס, אים אַוועקהרגענען אויף דעם טאָג... דאָס קען איך נישט... ער עסט מיך אַזוי אויך אויף מיט די אויגן, ביז מיר גיט זיך איין אים אַריינשטעקן דאָס בריוועלע. אַזוי, אַז אָן דעם האָב איך ממש מורא געהאַט צו קומען אין פּאַלאַטע.

זי דערמאָנט זיך אין עפּעס און צעלאַכט זיך:

— אָנו טרעפט אומיסטן, ווי אַזוי איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס לעצטע בריוועלע?

— ווי אַזוי קענען מיר טרעפן אַזאַ זאַך, קלאַוואָטשקע?

— איר ווייסט דאָך, אַז דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אויף דער בייטאָגעדיקער וואַכטע. קיין היץ מעסטן דאַרף מען נישט. אַזוי רוק איך עס אים שוין אַרונטער צוזאַמען מיטן טערמאָמעטער. און דאָ וואָס טוט מען? און ווי אויף צו להכעיס שיקט מען מיך באַגלייטן אַ קאַרעטע מיט אַ געפערלעכן קראַנקן אין אַלעקסאַנדראָווסקע־שפּיטאָל. מען דאַרף אים דאָרט אָפּפירן און איך ווייס גוט, אַז דאָס איז אַ מעשה נישט אויף איין שעה און אָנשטאָט מיר וועט מען דאָ דערווייל אַוועקשטעלן אַ צווייטן די־זשורנע און דאַן איז — אַמען! האָב איך שוין אפילו נישט קיין אויסרייד אויף אַריינצוקומען צו אים אין פּאַלאַטע. דער אויפּטו מיט זיינע ביכער טויג שוין נישט, שוין אָפּגענוצט. גוואַלד, וואָס טוט מען? דאָס בריוועלע אייערס ברייט מיר דאָס לייב ווי אַ האָלאָוועשקע און קיין עצה קען איך מיר אַלץ נישט געבן. ביז איך בין געפאַלן אויף אַ געדאַנק: איך האָב אָנגע־שאָטן אַ ביסל צוקער אין בריוועלע, גענומען אַ לעפל וואַסער און בין אַריינ־געגאַנגען:

— פּיאַטיגאָרסקי, איר האָט נעכטן אויף דער נאַכט געהאַט דעם „מאָגן"?

ער איז ביי אייך גאָרנישט קיין נאַר, ער פאַרשטייט אַלץ מיטן קוק.

— ניין — זאָגט ער — איך האָב נישט געקענט האָבן און איך פיל טאַקע אַ שטאַרק שניידעניש אין בויך...

— נעמט איין אַ פּראָשעק, וועט אייך אויפהערן צו שניידן.

איך שיט אויס דעם צוקער אין לעפל אַריין, פאַרליר דאָס פּאַפּירל צווישן

די פאַלדן פון דער קאָלדרע און פאַר אַוועק אויף דער קאַרעטע מיט אַ גרינגן געמיט.

צפורה לויפט צו צו קלאַוון, קושט איר די האַר, דעם האַלדז, קען זיך גאָרנישט אָפּרייסן פון איר. אפרים־אהרון שלאָגט איר איבער:

— יאָ, וואָס זשע איז געוואָרן מיטן אויסשפּירער?

קלאַווע שמייכלט גוטמוטיק:

— איר רופט אים שוין אָן אויסשפּירער? גיכער מן־הסתם האָט זיך מיר אויסגעוויזן, נאָר איך בין געווען געצוווּנגען צו פאָרן מיטן אויטאָבוס ביזן טראַמוויי נומער 16, זיך אַראָפּלאָזן אויף פּאָדאָל, און פון דאָרט מיטן דרייצנטן צום וואָקזאַל, און פונעם וואָקזאַל — דורך דער קינדער־קאָלאָניע צו אייך. עס איז פאַלג מיך אַ גאַנג, האַ? שוין אודאי צוועלף?

— יאָ, פופצן מינוט נאָך צוועלף.

— אָך, שפּעט! נאָט זשע אייך זיין היינטיק בריוועלע...

זי דרייט זיך אויס צו דער וואַנט, נעמט אַרויס פון בוזעם אַ צונויפגעלייגט שטיקל פּאַפּיר און גיט דאָס אָפּ אפרים־אהרונען.

פּאַלי רופט זיך אָן:

— אויב איר ווילט, גיט וועל איך לייענען.

— מיטן גרעסטן כבוד! פאַר וואָס נישט?

„ליבע, טייערע עלטערן! און אַלע וואָס נעמען אָנטייל אין מיינע יסו־רים! אייך דערציילן, אַז איך לעב אַצינד נאָר מיטן חיות, וואָס איך האָב פון אייערע בריוועלעך, האַלט איך פאַר איבעריק, דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין יעדן פון אייך. ווייל וואָס נאָך איז מיר געבליבן אין מיין לעבן חוץ אייך? קיין נייעס ביי מיר איז נישטאָ. איך קוק שוין אויך אַרוים גלייך מיט אייך אויף דעם אַריינמישן זיך פון דער גענעראַלער פּראָקוראַ־טור, כאָטש די געזעצן זענען די זעלבע אין גאַנצן לאַנד און קיין גרויסע האָפענונגען לייג איך נישט אויף דער פּראָקוראַטור אויך, זיך שטאַרק אָפּנאַרן איז נישט געזונט, נאָר גלאַט, ווי זאָגט מען: זאָל אפילו זיין ער־גער, אַבי אַנדערש. עס זענען אַצינד די לעצטע ליכטלעך פון חנוכה. טאַטע! דו געדענקסט יענעם חנוכה פון דער „זעלבסטבאַשטייערונג" אין כמעלניק, ווי אַזוי מיר פלעגן גאַנצע נעכט איבערזיצן ביי יאַנין אין שטוב, לייענען און שפּילן און גלאַט שמועסן. עס זענען ערשט אַוועק זעקס יאָר פון דאַ־מאָלסט אָן און עס ווייזט זיך מיר אויס אַזוי ווייט, פּונקט ווי טויזנטער יאָרן וואָלטן מיך אָפּגעשיידט פון יענע גליקלעכע קינדעריאָרן, וועלכע וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט אומקערן. פאַר וואָס איך האָב זיך איצט פּונקט דערמאָנט דווקא אין יענעם חנוכה? — ווייס איך אַליין נישט. אפשר דער־פאַר, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט יאַנים שטוב. דעם אַלטן שאַיעס שטוב — ווי מאָדנע דאָס זאָל פאַר אייך נישט קלינגען — געדענק איך פיל בע־סער פון אונדזער אייגענער... גאַנץ כמעלניק איז ביי מיר פאַרבליבן אויס־געקריצט אין האַרצן ווי אַ קליין ארץ־ישראל, אָבער יאַנים שטוב — ווי אַ

מין בית־המקדש, ווו דער מענטש קען אויסגיסן זיין נשמה, און... און א מאָל אויך דערהערט ווערן...

פאָלי גיט א וואָרף דאָס בריוועלע אויפן טיש און באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט. דינה ענדיקט דאָס לייענען:

„...נאָר וואָס גיבן אָט די ווייטע זכרונות? עס זענען שוין דאָ שפּעטערדיקע און זיי איז אויך נישט כדאַי אויפצורודערן. איין גליק, וואָס א מענטש לעבט נישט מער ווי זיבעציק יאָר. אין די טעג דאַרף זיין דער באָבע זעלדעס יאָרצייט, א כשרע יידענע געווען. איך בין, דאַכט זיך, ביי איר געווען דאָס עלטסטע אייניקל. אפשר וועט זי אין איר איצטיקן יאָרצייט עפּעס אויספּועלן ביי גאָט פאַר מיין יונגן לעבן... נו, איך קען מער נישט שרייבן. מען קען באַמערקן. איך שרייב אייך שוין צום הונדערטסטן מאָל, אַז אין דער קלאַוועס מוז זיין א נשמה פון די אמהות. איר האָט גאָר קיין השגה נישט, ווי דער מענטש לייגט זיך אוועק פאַר מיינעטוועגן, כאָטש זי קען מיך נישט און ווייסט מיך נישט. פאַר וואָס זאָלן א מאָל די חברים אויך נישט צושרייבן? דינה! וועגן דו זעסט א מאָל אוראַמען, אויב עס אינטערעסירט אים, דערצייל אים, אַז פון מיר זענען דאָ ידיעות... אַז איך לעב נאָך... זייט מיר געזונט, איך דריק אייך אין געדאַנק אַלע צום האַרצן. איך פאַרליר נישט די האָפענונג, טוט איר אויך אַזוי. שלמה".

אפרים־אהרון הייבט זיך אויף, ווישט אויס די אויגן און גייט אַריין אין שלאָפצימער. דאָרט זאַמט ער זיך בסך־הכל א רגע. אומקערנדיס זיך צוריק אין זאַל אַריין גייט ער צו צו קלאַוועס און ווערט רויט איבער די אויערן:

— חברטע קלאַוואַ, פאַר דעם, וואָס איר טוט אין אונדז, פאַרמאָגט נאָר גאָט צו באַצאָלן, נאָר דערלויבט מיר אייך געבן כאָטש אָט די פינף הונדערט רובל.

קלאַוואַ גיט א שפּרונג אויף ווי אַן אָפּגעבריטע:

— חבר פּיאַטיגאָרסקי, אויב איר נעמט נישט די רגע אייערע ווערטער צוריק, קוקט איר מיך מער נישט אָן אויף אייער שוועל!...

— איך האָב נישט געמיינט אייך צו באַליידיקן... אַנטשולדיקט מיר...

— קיין גרעסערע באַליידיקונג איז ביי מיר נישט פאַראַן!

— איר האָט עלטערן?

— נאָר א מוטער מיט צוויי שוועסטערלעך.

— זענט איר פיר מענטשן, הייסט עס?

— ריכטיק, פיר מענטשן.

— און חוץ אייך אַרבעט קיינער נישט?

— ניין, נאָר איך איינע אַליין.

— און וויפל באַקומט איר א חודש געהאַלט?

— צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק רובל.

— און דאָס איז אַלץ?

— און די מאמע פינף און פופציק רובל פענסיע פארן טאטן. ער איז אומגעקומען אין דעם בירגער־קריג.
— און דערפון לעבט איר?
— דערפון לעבן מיר, וואס דען, מיר שטארבן?
— וואלטן דאך אייך עטלעכע רובל טאקע גוט צו נוץ געקומען...
— איר חזרט ווידער איבער אייערס? וואס מיינט איר? איך האב מיר געמאכט א פרנסה דערפון? איך בין א קאמאנדיר זוואדא פון גע־פעאו־מיליטער און טראג מיין מונדיר ערלעך, נאר איך האב געזען זייער האנדלונג קעגן פיאטיגארסקין און עס האט מיך אנגענומען ביים הארצן... דערפאר טו איך אזוי...
— וואס זשע פאר א האנדלונג אזא, האט איר געזען, קלאווא?
קלאווא דרייט זיך פלוצלינג אויס צום זייגער:
— אוי־וואַ, איינס א זייגער! זיבן דארף איך שוין זיין אויף דער ארבעט!...
— איז וואס זשע האט איר געזען? מיר זענען דאך עלטערן, ער איז דאך אונדזער בלוט און פלייש, ער טוט דאך אונדז ווי... איר האט אנגע־הויבן — ענדיקט שוין...
— וואס האב איך אנגעהויבן? איך האב גארנישט אנגעהויבן... איך זאג נאר, קיין מענטשן האט ער דאך אודאי נישט געהרגעט, וואלט ער נישט גערארפט דארט זיצן... און וואס איר זארגט זיך פאר מיין באלוינונג, וואלט איך נישט פארביטן איין דאנקבארן בליק פון אייער זון אויף צען טויזנט רובל... נו, איר האט שוין געענדיקט שרייבן? ווייזט אהער, וועל איך דאס באווארענען און גיין.
זי שלעפט אראפ א שטיוול, באהאלט דאס אונטער דעם אונטערשלאק און געזעגנט זיך. פאלי הייבט זיך אויף:
— ווארט, חברטע קלאווא, איך גיי אויך מיט אייך.
— צוליב מיר ספעציעל דארף מען נישט. איך האב נישט קיין מורא.
— נישט צוליב אייך. איך גיי אויך אהיים. ווו וווינט איר?
— אויף קרוגלע־אוניווערסיטעטסקע.
— און איך אויף אוריצקע, זענען מיר דאך גאר שכנים. קומט, א גוטע נאכט!
— א גוטע נאכט, א גוט יאר. פאלי, כאפ זיך א מאל אראפ. דיך זען ביי אונדז איז אויך ווי א גרוס פון שלמהן. דו פארשטייסט דאך אליין...
— איר פארשפארט דאס מיר זאגן... איך וועל מיך באמיען אפטער קומען...

קאפיטל XXXVIII

קיין טראַמוויי האָט מען שוין נישט געזען. פּאָלי האָט זיך אָנגערופן:
— קלאַוואַ, קומט צו פוס, עס איז אַזאַ גוטער וועטער.
— וואָס רעדט איר? אַזוי ווייט צו פוס? טאָמער וועט נאָך אָנלויפן אַ טראַמוויי...
— גלייבט מיר, קלאַוואָטשקאַ, אַז מיר וועלן צו פוס גיכער אָנקומען. קומט, לאָמיר גיין!
— מילא, קומט, אַן אַנדער ברירה האָב איך?
פּאָלי נעמט קלאַוואַן אונטערן אָרעם און זאָגט:
— נו, קלאַוואַ, אַצינד דערציילט אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן שלמהן.
— ווער זאָגט אייך דען, אַז איך ווייס מער פון דעם, וואָס איך האָב דערציילט די עלטערן?
— קלאַוואָטשקאַ, מיט וועמען רעדט איר? איך בין פּיאַטיגאָרסקיס כלה...
— האַ?
קלאַוואַ האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ דערשטוינטע. שטרענג און נייגעריק האָט זי באַטראַכט פּאָלין פון קאָפּ ביז די פיס און איראָניש געזאָגט:
— אַ כלה? איך בין שוין אויף סאָלאָמינקע דאָס פערטע מאָל און אייך זע איך היינט דאָס ערשטע מאָל. אָט דאָס הייסט אַ כלה?
— איך בין געווען אַ לענגערע צייט אין קאָמאַנדיראָווקע און ערשט היינט צוריקגעקומען.
— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. וואָס זשע ווילט איר וויסן?
— ערשטנס, ווי זעט ער אויס? ער איז שטאַרק אַראָפּ פונעם פנים?
— וואָס קען איך אייך דערויף ענטפערן? איך האָב אים דאָך נישט געקענט פון דער פרייהייט.
— איך קען אים אייך ווייזן, וועט איר זען, ווי ער האָט אויסגעזען פאַרן אַרעסט. קומט נאָר צו אָט צו יענעם לאַמטערן.
פּאָלי מאַכט אויף איר טעשעלע און דערלאַנגט קלאַוואַן אַ פאָטאָגראַ־פיע. יענע גיט אַזש אַ קוויטש:
— אָט דאָס איז פּיאַטיגאָרסקי?
פּאָלי ווערט בלייך:
— אַזוי געענדערט איז ער איצט?
קלאַוואַ ענטפערט נישט. ביי איר ציטערט אַ ליפּ. די ברעמען זענען אַרויפגעקראָכן אויפן שטערן און זי קען גאָרנישט אָפּרייסן די אויגן פון שלמהס פנים. פּאָלי רעדט עפּעס צו איר, נאָר זי הערט גאָרנישט. אַ מינוט האַלט זי פאַרמאַכט די אויגן, רופט אַרויס שלמהס אויסזען דאָרט אין פּאַ־לאַטע, פאַרגלייכט עס מיט דעם בילד, וואָס זי האַלט אין דער האַנט. עס גייען פאַראיבער נאָך עטלעכע מינוט, קלאַוואַ גיט אַ טיפן קרעכץ:

— יאַ־אַ־אַ...

זי קערט אום פּאָלין די פאָטאָגראַפיע און מען גייט ווייטער.

— וואָס זשע, אַזוי שלעכט זעט ער איצט אויס?

— איך ווייס אייך נישט ווי אַזוי צו זאָגן, גוט, צי שלעכט, נאָר אַנדערש זעט ער אויס. אָ! שטאַרק אַנדערש, שטאַרק אַנדערש...

— און וואָס האָט מען אים דאָרט געטון?

— מען האָט אים געטון וואָס נעענטער צום טויט.

פּאָלי דריקט פעסטער צו איר אָרעם און גייט איבער אויף „דו״:

— דערציייל, קלאַוואָטשקע, דערציייל אַלץ, איך גיי אויס צו וויסן...

— קיין איינצלהייטן ווייס איך אַליין אויך נישט, צו אונדז האָט מען אים שוין געבראַכט אַ פּאַרטיקן. נאָר איך האָב איין מאָל אונטערגעהערט אַ שמועס, פאַרשטיי איך שוין...

— וואָס זשע האָסטו אונטערגעהערט? פאַרפעל נישט קיין איין וואָרט, איך בעט דיך...

— עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי מען האָט דיין שלמהן געבראַכט צו אונדז, ער איז נאָך דאַמאָלסט געווען באַוווסטלאָז...

— אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געווען?

— נישט מער, נישט ווייניקער, ווי זיבעצן מעת־לעת...

— זי־בע־צן? גאָט מיינער! גאָט מיינער!

— אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי מען האָט אים געבראַכט צו אונדז, בין איך פּונקט געשטאַנען אין קאַבינעט ביים נאַטשאַלניק פון שפּיטאָל, בעת עס איז אַריינגעקומען סאָקאָלאָוו איבערקוקן דעם זשורנאַל פון די קראַנקע.

— ווער איז דאָס, סאָקאָלאָוו?

— דו ווייסט נישט, ווער עס איז סאָקאָלאָוו? און פון קירסטן האָסטו אויך קיין מאָל נישט געהערט?

— ניין, איך ווייס נישט, ווער עס זענען די מענטשן.

— דאָס זענען נישט קיין מענטשן, דאָס זענען באַנדיטן אין אַל־אוקראַי־נישן מאַסשטאַב. דער ערשטער איז נאַטשאַלניק פון אַבל־געפּעאו, דער צווייטער איז פּאַרטרעטער פון נאַרקאָם. זייער גלייך וואָס דו קענסט זיי נישט, הלואי וואָלט זיי דיין פּיאַטיגאָרסקי אויך נישט געקענט...

— איז וואָס זשע האָבן זיי געשמועסט דאָרט אין קאַבינעט?

— ווי נאָר סאָקאָלאָוו איז אַריינגעקומען, האָט מיין נאַטשאַלניק מיר אַ ווונק געטון, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם קאַבינעט. איך בין אָבער געווען נייגעריק צו הערן, האָב איך נישט פעסט צוגעמאַכט די טיר און אין קאָרי־דאָר אונטערגעהערט. איך הער זיי רעדן פון דעם קראַנקן, פון יענעם, געקומען צו פּיאַטיגאָרסקין פרעגט סאָקאָלאָוו:

— נו, וואָס מאַכט אָט דער פויגל?

— איר מעגט זיך איבערנעמען מיט אייער אַרבעט!...

— אַזוי שלעכט איז מיט אים?

— ערגער קען נישט זיין! איך בין נאָך איצט אויך נישט זיכער מיט אים, צי ער וועט לעבן. איך ווייס נישט, פאַר וואָס איר האָט זיך צו אים אַזוי גענומען?

— איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ בלוטזויגער אָט דער פּיאַטיגאָר־סקי איז. ער האָט מיר שוין דאָס האַרץ אויפגעגעסן מיט זיין שווייגן. איך שפּיי שוין, דאַכט זיך, באַלד מיט בלוט פון זיין עקשנות.

— אפשר איז ער טאַקע אַן אומשולדיקער, ער איז דאָך נאָך אַזאַ יונגער?

— ווער? פּיאַטיגאָרסקי איז אומשולדיק? איר האָט נאָך אַזוינע העלדן נישט געזען!... וואָס האָבן מיר אים שוין נישט געטון? לעבעדיקע שטיקער געריסן פון זיין לייב, געבראָכן די ביינער, אָנגעצונדן, געריסן די נעגל מיט צוואַנגען... ווייס איך, עס איז דען צו פאַרגעדענקען, וואָס מיר האָבן אים שוין איבערגעטון? און אַלץ ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט: ער קען קיינעם נישט און ווייסט קיינעם נישט און געדענקט גאָר בכלל גאָרנישט. אָבער מיר האָבן געוויסע ידיעות, אַז ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר און דער אָנפירער פון אַ גרויסער, רעליגיעזער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער גרופּע, איך זאָג אייך, די גאַל קען פּלאַצן!... מען זאָל שוין זיין פון אייזן, וואָלט מען אויך נישט געקענט איבערטראָגן.

— און ער האָט זיך נאָך אין גאָרנישט מודה געווען?

— אין גאָר — נישט... ער ליקנט הויט און ביין... אַ כשר לעמעלע...

— עפּעס זעט ער גאָרנישט אויס צו זיין אַזאַ שרעקלעכער ווי איר מאָלט אים...

— יאָ, ער איז קליגער פאַר אונדז אַלע... איר שטעלט אייך גאָרנישט פאָר, וואָס פאַר אַ דורכגעטריבענער יונג דאָס איז. ער איז אַ ביטערער און געפערלעכער שונא. גיט איר אים אונדז נאָך נישט אָפּ צוריק?

— וועמען? פּיאַטיגאָרסקין? עס איז דאָך ביי אים אַלצדינג אינעוויי־ניק אָפּגעריסן... איך האָב דאָך אייך שוין וויפל מאָל ראַפּאָרטירט, אַז איר זאָלט אייך מיט אָט די מענטשנפרעסערישע קאַמערן נישט נוצן און באַ־זונדערס מיט אָט דעם פאַרשאָלטענעם „וואָליי־באָל"... געדענקט מיינע רייד, מען וועט ווען עס איז שטעלן צו דער וואַנט פאַר די קונצן...

— איך בין שוין אויף אַלץ מסכים, אַבי אָט דעם טייוול עפענען דאָס מויל, איר פאַרשטייט דאָך מיין לאַגע, אַקאַקי סעמיאָנאָוויטש, ער זיצט שוין ביי אונדז אַוועלכע צוויי חדשים, איצט פאַרהאַלט איר אים...

— איך גאָר פאַרהאַלט אים? עס איז שוין באַלד נישט געבליבן וועמען צו פאַרהאַלטן... הלוואי, ער זאָל אין צוויי חדשים אַרום ווערן אַ מענטש גלייך מיט אַלע.

— נו־נו, איר מאַכט מיר גוט, וואָס איז דאָ צו קלערן? אין אַ חודש אַרום וועלן די ציוויל־ע אייזלען, אַריינשטעקן די נאָז און מיר האָבן נאָך קעגן אים גאָרנישט אין די הענט. ער האָט זיך אַזוי קלוג אויסגעבעט, אַז מיר אַלע זענען פאַרבליבן מיט לאַנגע נעז, און ער וועט, גלייבט מיר, גיין

אהיים ווייטער אָנפירן מיט זיינע געהיימע אַנשטאַלטן. איר פאַרשטייט שוין איצט, וואָס פּיאַטיגאָרסקי איז?

ביי די רייד בין איך אַוועק פון הינטער דער טיר, ווייל ווען סאָקאָלאָוו פּאַקט מיך דאַמאָלסט, וואָלט ער מיך, דאַכט זיך, דערשאָסן.

— וואָס הייסט דאָרט ביי זיי וואָליי־באָל און וואָס מיינט מען מענטשן־פרעסערישע קאַמערן?

— דאָס זענען אַזעלכע אַנטיקן, וואָס ווען איך מיט דיר פאַלן אַהין אַריין, וואָלטן מיר שוין לאַנג געלעגן מיטן בייליק אַרויף... שלמה איז אַ פּאַקיר, אַז ער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן און לעבט...

— זעט ער היינט פיל ערגער אויס, ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע?

— אַזוי צו זאָגן, וואָס הייסט ערגער? אפשר איז ער גאָר נאָך היינט שענער? נאָר אַנדערש זעט ער אויס.

— ער איז גרוי?

— ניין. דאַכט זיך, נישט גרוי. און די אויגן ברענען פּונקט ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. בעת מיר זענען געווען ברוגז —

איבער פּאָלים געזיכט שוועבט דורך אַ לייכט וואָלקנדל. כלומרשט אָן אַ באַזונדער כוונה, גיט זי אַ פרעג:

— וואָס הייסט ברוגז און וואָס הייסט חבר?

— פון אָנהייב, ווען ער האָט מיר פאַרגעלייגט איבערצוגעבן אַהיים אַ בריוועלע, האָב איך אָפּגעזאָגט. האָט ער מיך פון זיך פאַרטריבן. פאַרוועררט צוצוגיין צו זיין בעטל. נאָר בעת איך פלעג דורכגיין די פּאַלאַטע, פלעגן זיינע אויגן מיר אויסברענען לעבער אין דער פּלייצע, ביז איך האָב מיך טאַקע אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן איבערגעבן.

— קלאַוואַטשקע, דו ביסט אים אַ גוטער פריינט?

— איך ווייס? דאַכט מיר, אַז יאָ.

— אָט געפינען מיר זיך איצט צען טריט פון מיין היים. קום אַריין, וועל איך דיר אָנשרייבן פון זיינעט וועגן עטלעכע ווערטער, ער וועט דיך אַ קוש טון פאַר זיי... גלייב מיר...

— און ביי אייך שלאָפט מען דען נאָך נישט?

— דאָס מאַכט נישט אויס, איך וועל אויפוועקן.

— און פאַר וועמען דאַרף איך גילטן ביי אייך אין שטוב? דו פאַר־שטייסט דאָך, אַז איך ריזיקיר מיטן לעבן...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן... אונדזער שטוב איז שלמהס שטוב... דו וועסט אָנגיין פאַר אַ סטודענטקע פון מיין קורס און איך שרייב דיר איבער עטלעכע פאָרמולעס.

— און אויב עס וועט זיין ענטפער, ווי אַזוי וועט ער קומען צו דיר?

— צו דיר קומען טאָר מען נישט?

— גאָט באַהיט! וואָס רעדסטו?

— דאַן וועל איך דיר געבן אין שטוב אַ פּעקל קאָנווערטן, דו וועסט יעדעס בריוועלע צו מיר אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט, איך אַליין וועל אויף

יעדן אָנשרייבן „פּערזענלעך פּאַר פּאָלין", און דו, גייענדיק צו די פּיאַטי־גאָרסקים, וועסטו מיטן וועג עס אָפּגעבן ביי אונדז אין שטוב. דו שטעלסט זיך גאָרנישט פּאָר, קלאָוואַטשקע, וואָס פּאַר אַ גרויסע זאַך דו גייסט דאָ טון.

— נו, קום, אַן אַנדער ברירה האָב איך? אַז ס'איז גוט איין בריוועלע, וועט שוין מוזן זיין גוט אויך צוויי.

קאפיטל XXXIX

שלמה האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער זייט, מכלומרשט פאַרריכט דעם טערמאָמעטער און צעוויקלט דאָס בריוועלע. דערזען פֿאַלים האַנטשריפט, האָט אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שוויים. ער האָט געמוזט אויף עטלעכע מינוט פאַרמאַכן די אויגן. ער האָט צונויפגעזאַמלט די רעשטלעך כוחות און אָנגעהויבן לייענען.

זי האָט אים געשריבן:

„מיין ליבער, טייערער שלמהלע! היינטיקע נאַכט בין איך פונקט געזעסן ביי אייך אין שטוב און מיר האָבן געגעסן וועטשערע, ווען „זי" איז אַריינגעקומען. נאָך דעם בין איך מיט איר צו פוס געגאַנגען אַהיים. זי האָט מיר אַלץ דערציילט, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, אַזוי, אַז איך זע דיין לאַגע — כ'מיין אונדזער לאַגע — קלאָר, אַקוראַט ווי דו אַליין... איין ביטע האָב איך צו דיר: האָב רחמנות אויף מיר און פאַרגעס די מאָסקווער „אומגליקלעכע" וואָך. דאָס איז די סאַמע טראַגישסטע וואָך אין מיין לעבן, טאָמער קענסטו זי נישט פאַרגעסן, וועל איך מיט מיין בלוט אָפּוואַשן אָט דעם פלעק פון אונדזער אויפגייענדיקער זון. גאָט וועט העלפן, דו וועסט זיך אומקערן — „זי" זאָגט, אַז אַ דאַנק דיין העלדישן אויסשטיין אַלע נסיונות האָבן זיך דיינע שאַנסן אויף צו באַקומען די פרייהייט שטאַרק פאַרגרעסערט — דאַן וועלן מיר נאָך גליקלעך זיין, אויף צעפּיקעניש דער גאַנצער וועלט!... פון זיך שרייב איך איצט גאָרנישט. וואָס פאַר אַ נייעס קענען ביי מיר זיין? מיר איז אפילו אַ בזיון צו רעדן וועגן מיינע נישטיקע אינטערעסן מיט אַזאַ העלד ווי דו ביסט... קום וואָס גיכער, און אין גאַנצן געזונט, דיין געליבטע פֿאַליא..."

שלמה האָט אויף דער שטעל אַ טראַכט געטון:

— „געליבטע"? נישט „ליבהאָבנדיקע"? פון דעם ווייס איך אַליין נישט? זי דאַרף מיר דאָס שרייבן?

ער האָט איר אויף דעם בריוו געענטפערט:

„פֿאַליא, האַרץ־פריינט מיינער! צי האָסטו זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס און צו וועמען דו שרייבסט? דאָס איז נישט דער זעלבער שלמה פון אַמאָל, וואָס היינט גייסטו מיט אים, מאָרגן מיט מאַרוסיאַן, און טאָמער געפעלט דאָס אים נישט, האָט ער אַ ברירה נישט צו קומען. פון דאַמאָלסט אָן פֿאַליא, האָט זיך אין מיין לעבן אַ סך געענדערט. דיין פאַנטאַזיע וועט דיר אפילו קיין מאָל נישט פאָרשטעלן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן צווישן אָט די פיר ווענט. מיין קאָפּ נעמט איצט אויף יעדע זאַך מיט אַ טאָפּלטער שאַרפקייט. שוין העכער פיר חדשים, אַז איך הייל מיך פון דעם נאָמען פֿאַלי. צי דאָס איז מיר געלונגען, צי ניין, דאָס ווייסט גאָט און איך. אָבער אַצינד, אַז דו גייסט מיר דערמאָנען אין זיך — און וועמען? אַן אַרעס־

טאַנט מיט אַ פֿאַרנעפּלטער צוקונפֿט, מיט אויסגעמוטשעטע נערוון — דאַרפֿסטו פֿריער גוט־גוט קאָנטראָלירן דײַנע געפֿילן צו אים, אויף וויפֿל דו ביסט צוגעגרייט צו לײַדן צוליב אים, אַנדערש איז דאָס אַ פֿאַרברעכן, אויף וועלכן עס איז גאָר קיין מחילה נישטאָ. דאָס ערשטע בריוועלע דײַנס קען נישט גערעכנט ווערן, באַקלער זיך הונדערט מאָל: צי באַשטעטיקן דאָס, צי פֿאַרקערט...״

דערויף האָט זי אים געענטפֿערט:

„לעבן מײַנס! פֿאַר וועמען האַלטסטו מיך? דו קלערסט, אַז איך האָב דיר געשריבן יענץ בריוועלע אין אַ שכורן צושטאַנד, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון, וואָס איך טו? שלמה, איך שווער דיר, אַז נאָר דו אײנער ביסט שטענדיק געווען נאָענט צו מײַן האַרצן. און אַזוי וועט דאָס בלײַבן ביזן לעצטן הויך פֿון מײַן נשמה. איך צייל שוין די מינוטן, אַז איך זאָל דיך שוין קענען צודריקן צו מײַן אָנגעווייטיקט האַרץ, און אָנגעווייטיקט איז דאָס זייער שטאַרק. איך קלער נאָר שטענדיק וועגן דעם, וויפֿל בלוט איך האָב דיר פֿאַר מײַן לעבן אָפּגעצאַפּט... מיט וואָס וועל איך דיר פֿאַר דעם אָפּצאָלן? און באַזונדערס אָט דער חודש, וואָס דו ביסט אָפּגעזעסן אויף סאָלאָמינקע נאָך דײַן קומען פֿון אַזיע... ווי אַזוי האָב איך געקענט נישט צופֿאָרן דיך זען? דאָס איז דאָך הימל־שרײַענדיק!... איך וואָלט זיך שוין לאַנג צעקלאַפּט דעם קאָפּ אויף אַ שטיין, ווען נישט די האָפֿענונג, אַז דו, מײַן לעבן, וועסט געפֿינען אַן אַנדער מיטל ווי אַרום צו באַרואיקן מײַן פֿאַרגיפֿטעטן געוויסן. פֿרײַטיק צו נאַכטס בין איך געווען בײַ אייך, געהערט פֿון דײַן טאַטן קידוש, זיך דערמאָנט אין יענעם מאָסקווער פֿרײַטיק צו נאַכטס... גאָט מײַנער! ווי נאַריש איך בין דאַמאָלסט געווען! דאָס האַרץ צערײַסט זיך אין מיר פֿאַר ווייטיק... מיר זענען שטאַרק שפּעט געזעסן, אַלץ גערעדט פֿון דיר און איך בין שוין בײַ אייך געבליבן נעכטיקן. מען האָט מיר אויסגעבעט אויף דײַן געלעגער... פֿאַרן שלאָף האָב איך דיר אַ קוק געטון אין די אויגן אויפֿן פּאָרטרעט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ווינטשסט מיר אַ גוטע נאַכט. אין דער פֿרי, נאָך געשמאַקער טשאָלנט־מילך מיט גוטן שטרודל, בין איך אומיסטן, כדי זיך נוקם צו זײַן אין זיך אַליין פֿאַר יענעם שבת, אַוועקגעגאַנגען צו פֿוס אין אינסטיטוט אַרײַן״...

שלמה האָט שטאַרק געכליפּעט אין דער קאָלדרע אַרײַן. זײַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— גרויסער גאָט! מיט וואָס פֿאַרדין איך אַזעלכע חסדים? דו ביסט דאָך צו מיר בעסער ווי צו דער גאַנצער וועלט. מיט איין האַנט שטראָפֿסטו מיך, אָבער מיט דער צווייטער העלפֿסטו מיר. גאָט מײַנער! איך וועל דיך אײביק דינען, איך בין גרייט דיר מקריב זײַן דאָס לעצטע ביסל בלוט מײַנס, נאָר דו פֿון דײַן זײַט, היט מיר אויס פֿאָלים האַרץ, עס זאָל שוין אַזוי פֿאַרבלײַבן, נישט קאַליע ווערן...

און אים פֿלעגט זיך דאַכטן, אַז דער בורא־עולם קען נישט פֿאַר־

נעמען זיין געבעט. ער האט דאך אליין אנגעשריבן: קרוב ד׳ לנשברי לב, היינט, ווער איז נאך אזוי צעבראכן ווי ער?...

פאלים בריוועלעך פלעגט ער נישט אפגעבן קלאווען צום פארברענען, דאס איז געווען העכער פון זיינע כוחות. ער פלעגט מיט נאס ברויט צו־גויפקלעפן צוויי בלעטער פון זיין בוך און צווישן זיי אריינלייגן יעדעס בריוועלע באזונדער.

איין מאל, נאך דעם ווי אלע קראנקע זענען ארויס אויפן שפאציר — שלמהן האט מען נאך אלץ נישט דערלויבט ארויסצוגיין — האט קלאווא באווארנט, וואס מען האט געדארפט, און זיך צוגעזעצט א ביסל שמועסן. זי האט אים מיט אלע איינצלהייטן געמוזט דערציילן וועגן אירע באגעגע־נישן מיט פאלין. ער האט זי פארשאטן מיט פראגן: ווי זעט זי אויס? וואס גייט זי אנגעטון? וואס האט זי געזאגט? ווי אזוי האט זי געקוקט?

מיט א מאל עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין דער נאטשאלניק פון שפיטאל. ער ווענדעט זיך שטרענג צו קלאווען:

— פאר וואס זיצט איר עפעס דא?

— איך האב דעם קראנקן אונטערגעשטעלט דעם סודנא.

— איר זענט שוין פארטיק, פיאטיגארסקי?

— ניין, נאך נישט אין גאנצן.

— קלאווא, גייט ארויס און מאכט צו די טיר. אז איך וועל אייך דארפן, וועל איך אייך רופן.

עטלעכע מינוט באטראכט דער נאטשאלניק שלמהן שווייגנדיק, נאך דעם פרעגט ער שטרענג:

— ווי פילט איר זיך, פיאטיגארסקי?

— דערווייל גארנישט בעסער, איך וואלט שוין אליין גערן ארויפגע־גאנגען.

— אט וואס, ביי טאג וועט אהער קומען א פארשטייער פון דער גענע־ראלער פראקוראטור באזוכן אייך און קאנסטאטירן דעם פאקט, אז איר ליגט טאקע אין שפיטאל. ער וועט מיט אונדז צוזאמען וועגן דעם צונויפ־שטעלן אן אקט. עס קען זיך טרעפן, אז ער זאל זיך אינטערעסירן מיט אלע קלייניקייטן, איר פארשטייט מסתמא, וואס איך מיין?... איז טאמער כאפט איר זיך ארויס מיט אן איבעריק ווארט, זאלט איר געדענקען, אז דערווייל בלייבט איר ביי אונדז, און דא זענען מיר באלעבאטים... אט דאס איז אלץ. וועט איר געדענקען?

— אוודאי וועל איך געדענקען! וואס זשע, איך ווייס נישט ווו איך געפין זיך? ווי קען איך אזא זאך פארגעסן, אז איך ליג שוין באלד זעקס וואכן און קען נאך אלץ קיין פוס נישט ארופשטעלן...

דער נאטשאלניק האט פארלאזט די פאלאטע, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד.

זייגער צוויי נאך מיטאג איז אין פאלאטע אריינגעגאנגען א גאנצע דע־לעגאציע. דער נאטשאלניק פון שפיטאל, דער דיזשורנע דאקטער, עפעס א

פרעמדער דאָקטער אין אַ כאַלאַט אונטער דעם פּאַלטאָ, איינער אַ הויכער אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ געלן לעדערנעם מאַנטל, סאָקאָלאָוום אדיוטאַנט, מאַסקאַליענקאָ און נאָך איינער מיט עפּאָלעטן פון געפּעאו מיט דריי שפּאַלן.

דער גאַנצער עולם איז גלייך צוגעגאַנגען צו שלמהס בעטל און דער, וואָס מיטן לעדערנעם מאַנטל האָט זיך צו אים געווענדעט:

— ווי איז אייער פאַמיליע, קראַנקער?

— פּיאַטיגאָרסקי.

— אייער נאָמען? אייער פאָטערס נאָמען?

שלמה האָט געזאָגט.

— שוין לאַנג, אַז איר ליגט דאָ?

— שוין זייער לאַנג.

ער ווענדעט זיך צום פרעמדן דאָקטער:

— אַלעקסיי יעפימאָוויטש, אונטערזוכט דעם קראַנקן!

און צו שלמהן ווידער:

— פון וואָס האָט זיך ביי אייך אָנגעהויבן די קראַנקהייט?

מאַסקאַליענקאָ איילט זיך צו ענטפערן:

— ער האָט זיך אודאי פאַרקילט אין קאַמער, פון נישט געוווינטקייט...

דער מיטן לעדערנעם מאַנטל דרייט זיך אוים צו אים, זאָגט קאַלט און געלאַסן:

— חבר לייטענאַנט, אויב איר וועט מיר שטערן צו דער אַרבעט, וועל איך אייך בעטן פאַרלאָזן די פּאַלאַטע.

— אַנטשולדיקט...

— אַלזאָ, פּיאַטיגאָרסקי, איר האָט מיר נאָך נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע.

— אודאי פון פאַרקילן, פון וואָס דען? אַלע קרענק נעמען זיך פון פאַרקילונג...

— פון אַלע קרענק פרעג איך ביי אייך נישט, נאָר פון אייערער.

— נו, אודאי פון פאַרקילונג, פון נישט געוווינטקייט.

— אפשר האָט מען אייך דאָ נישט פאָרזיכטיק אַ גלעט געטון? זאָגט, האָט נישט קיין מורא...

— גאָט באַהיט! ווער טוט היינטיקע יאָרן אַזעלכע זאַכן?

— האָט איר קיינע פּרעטענזיעס נישט אויף דער באַציאונג צו אייך?

— אדרבה, זייער לייטיש, אויפן העכסטן סאָוויעטישן מאַניער.

— און פאַר וואָס איז עפּעס ביי אייך פאַרבאַנדאַזשירט דער פּוס?

— עס איז ביי מיר אַן אַלטע וווּנד, אָט איז אפילו מיין פּראָטעזע, און איצט, פון דער זעלבער צוקילונג, האָט ער זיך ביי מיר צעשפּילט...

דער מיטן געלן מאַנטל קוקט זיך פאַרדעכטיק אום אויף מאַסקאַליענ־קען, נאָר יענער רייניקט זיך פונקט דעם אויער.

— און וועלכער קאַמער זענט איר דאָ געזעסן?

— אין דער אכטער.
— איר גערענקט גוט, אז אין דער אכטער?
— וואָס פאַר א פראגע?
— וואָס פאַר א ווונטש האָט איר?
— וואָס פאַר א ווונטש קען האָבן אַן אַרעסטאַנט, חוץ באַפרייט צו ווערן?
— אַלעקסיי יעפימאָוויטש, איר זענט פאַרטיק?
— איך וואַרט שוין אויף אייך.
— קומט.

קאפיטל XL

און ווידער האָבן זיך אַוועקגעצויגן טעג מיט וואָכן אָן קיינע ענדערונ־גען. שלמהס געזונט האָט זיך זייער לאַנגזאַם אומגעקערט צו אים. קלאַווא פלעגט אים אָפט ברענגען בריוו פון די עלטערן, פון פּאָלין, פון יאַנין, און איין מאָל האָט זי אים געבראַכט טאַקע אַ גאַנץ פּעקל בריוו פון אַלע חברים, אַז ער האָט געהאַט אויף דריי טעג צו לייענען. חוץ דעם פלעגט אים קלאַ־ווא ברענגען שאָקאָלאַד, נאָר אָפּגעבן אים די גאַנצע פּליטקע מיט אַ מאָל האָט זי מורא געהאַט: טאָמער מאַכט זיך פּונקט אַ רעוויזיע אין פּאַלאַטע, זענען זיי דאָך ביידע איינגעשטעלט מיטן לעבן. נאָר בשעת דער עולם פלעגט אַוועקגיין אויפן שפּאַציר, פלעגט זי אַליין רעדן, און אים פאַרשטופּן דאָס מויל מיט שאָקאָלאַד און אויך אין משך פון טאָג ביי אַ קוק טון אין בוך אַריין אָדער מיט אַן אַנדער אויסרייד פאַרלירן אויפן בעט אַ קוואַדראַ־טיק אָדער צוויי.

ביסלעכווייז האָט זיך שלמה אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן פון בעט. בעת דער עולם איז געגאַנגען אויף שפּאַציר, פלעגט אים זיין דערלויבט צו שטיין ביים אָפענעם פענצטער. ס'איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. שלמה איז אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו קלאַוועס זאָרגן וועגן אים, אַז ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער איז זיך באַגאַנגען אַלע יאָרן אָן איר?

איין מאָל, זייגער עלף אין דער פרי קומט זי אַריין:

— פּיאַטיגאָרסקי, קומט!

— וווהין איז?

— מען האָט ערשט אָנגעקלונגען פונעם נאַטשאַלניקס קאַבינעט, אַז מען זאָל אייך צושטעלן אַהין מיט אַלע אייערע זאַכן.

— קלאַווא, שוין, הייסט עס?!

— נאָך קאָרג זיך אָנגעלעגן? איר ווילט נאָך?

— ליגן איז אודאי שלעכט, אָבער אין קאַמער איז נאָך ערגער...

— אפשר וועט מען אייך שוין נישט שיקן אין קאַמער?

— ווייס איך, איר רעדט נאַרישקייטן, קלאַווא.

— נעמט מיט די ביכער, אַט וועל איך זיי אייך צונויפבינדן. און די פּראָטעזע פאַרגעסט נישט.

שלמה גייט אַרויס אין קאָרידאָר אין דער באַגלייטונג פון קלאַוועס. אין צווייטן עק קאָרידאָר, אויף דער שוועל, שטייען צוויי זעלנער און וואַרטן אויף אים.

— קלאַווא, אפשר וועלן מיר זיך שוין מער נישט זען? גאָט מיינער, ווי שווער עס איז מיר זיך צו שיידן מיט אייך.

— גייט, גייט, מען וואַרט דאָך אויף אייך.

אַט־אַזוי־אַ האָבן זיי זיך טאַקע נאָך אַזאַ צייט באַקאַנטשאַפט אפילו נישט געזעגנט.

ביי סאָקאָלאָוון אין קאַבינעט האָט שלמה געטראָפן אַ גאַנצע פּאַרזאַמ־לונג: סאָקאָלאָוו, קירסט, מאָסקאַליענקאָ, זשוראַוולעוו, אומאַנסקי, קאָזאַ־קאָוו און נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע הויכע טשינאָווניקעס. שלמה איז מיט די זאַכן געבליבן שטיין ביי דער טיר, פּונקט ווי מיט זיבעצן וואָכן צוריק. ווידער האָט די זון געשיינט, ווידער האָט זיך פון דער גאַס קיין מינדסטער שאָרך נישט דערטראָגן אין קאַבינעט אריין.

לעניִן האָט צוגעוווּנקען שלמהן:

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ! כ'האָב זיך אין דיר נישט גענאַרט!...

סטאַלין האָט געהאַלטן פאַרשנורעוועט די ליפּן, געקוקט אַנגעכמורעט, בייז...

דזשערזשינסקי האָט נייגעריק באַטראַכט שלמהן פון קאָפּ ביז די פיס, זיינע ליפּן האָבן שטיל, גאָר פאַר שלמהן געמורמלט:

— כ'וואָלט גאָר געוואָלט וויסן, דו ביסט דאָך גאָר אַ חסיד, ווי זשע קומט צו דיר אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט? אַזאַ סבלנות? דערויף האָבן מיר באָלשעוויקעס אַ מאָנאָפּאָל, אָבער ווער ביסטו?...

אַלע אין צימער האָבן שלמהן שטיל באַטראַכט. עס ווייזט אויס, אַז פאַר זיין אריינקומען האָט מען פון אים גערעדט. מאָסקאַליענקאָ האָט אים אָנגעוויזן מיטן ווונק, ער זאָל איבערלאָזן די זאַכן ביי דער טיר און אַליין צוגיין נעענטער צום צענטראַלן טיש. שלמה האָט געפאָלגט.

סאָקאָלאָוו האָט אים דערלאַנגט עטלעכע פּאַפּירלעך:

— נאַ — לייען, און קלייב אויס.

שלמה איז אויף גיך דורכגעלאָפן מיט די אויגן די דריי פּאַפּירלעך. איינס איז געווען אין קאָמענדאַטור אריין, אַ דורכלאָז־שיין פאַר אים אויף דער פריי. דאָס צווייטע, אַ באַפעל אין סאָלאָמינקער מיליץ, אַז מען זאָל באַלד צושרייבן דעם אין גאַנצן באַפרייטן פּיאַטיגאָרסקין. דאָס דריטע איז געווען אַ צעטל אין טורמע אריין, אַז עס ווערט זיי איבערגעשיקט אַ פּאָלי־טישער אַרעסטאַנט, וועמענס ענין עס איז אָוועקגעגאַנגען קיין מאָסקווע אין דער „באַזונדערער אָפּטיילונג” פון העכסטן טריבונאַל — און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— נו, וווהין שמייכלט דיר בעסער? אויף סאָלאָמינקע, צי אויף לוקיאַ־נאָווקע?

— פאַרשטייט זיך, אַז אַהיים.

— עס איז גאָר אין דיר געוועגדט, דו קענסט שוין גיין אַהיים, טאַקע די מינוט, גאָר מיט איין באַדינג...

שלמה האָט אָנגענומען וואַסער אין מויל און שווייגט.

— וואָס זשע שווייגסטו?

— איך ווייס נאָך נישט אויף וואָס צו ענטפערן...

— דאָס ביסטו גערעכט... איצט צופעליק ביסטו גערעכט. איז אָט וואָס —

סאָקאָלאָוו ווישט אָפּ דעם שטערן, וואַרפט אַ יאַושדיקן בליק אויף אַלע ארומיקע און רעדט ווייטער:

— ...איז אַט וואָס, פּיאַטיגאָרסקי: אונדזער פּאַרטיי און מלוכה האָט געענדערט איר פּאָליטיק. מיט קיין אידייען קעמפן מיר מער נישט. דו ווילסט אַ ישיבה? — מאַך דיר אַ ישיבה! דו ווילסט אַ תלמוד־תורה? — מיטן גרעסטן כבוד, מאַך דיר אַ תלמוד־תורה! ווילסט אַ מקוה? — אפילו זיבן קענסטו דיר עפענען כאָטש אין מיטן קרעשטשאַטיק!... אוים!... אַז מען מעג אַלץ, איז דאָך נישט שייך. נאָר דאָס פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אַז די רויטע אַרמיי איז דאָס הייליקטום פון דעם לאַנד, דער גאָלדענער פאָנד פון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען. ביסטו דערמיט מסכים, צי ניין?

— מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה...

— אָט דאָס פאַרשטיי איך! אָט דאָס איז אַן ענטפער פון אַ סאָוויע־טישן בירגער. איך בין אַלע מאָל געווען איבערצייגט, אַז דו ביסט נישט אין גאַנצן קאַליע... איז אַט וואָס, די דעזערטירלעך מוזסטו אונדז טאַקע אָפּגעבן...

— וועלכע דיזערטירלעך?

— די ווײַנערס פון לאַזאָוואַיאַ...

— איר פרעגט בעסער, צי איך ווייס ווו לאַזאָוואַיאַ געפינט זיך...

שלמה מיט סאָקאָלאָוון קוקן זיך גלייך אין די אויגן, אַזוי דויערט עטלעכע שווערע מינוטן, מיט אַ מאָל כאַפּט סאָקאָלאָוו פונעם טיש ביידע ערשטע פּאַפּירלעך, צערייסט זיי אויף שטיק־שטיקלעך, שרייט, אַז דער שוים זעצט אים אַזש פונעם מויל:

— איך האָב דיך געוואָלט ראַטעווען, לאָזסטו זיך נישט. וואַרט זשע, וועסט ביי מיר פאַרפוילט ווערן אין טורמע. ביז אין דער טיפער עלטער וועסטו נישט אָנקוקן די ליכטיקע שיין. וואָן פון קאַבינעט, דו קרעציקער הונט! אויף די טרעפּ וואַרט אוים, מען וועט דיך באַלד אָפּפירן אין טור־מע!... וואָן! וואַרפט אים אַרוים!...

שלמה נעמט די זאַכן, גייט אַוועק אָן אַ באַגלייטונג ביז צו די טרעפּ, שטעלט זיך אין אַ זייט, נעמט אַ בוך צום לייענען און באַקלערט זיין נייע טרויעריקע לאַגע. ער פילט, אַז די מעשה מיט דער טורמע איז דאָס מאָל אַן אמת. גוואַלד! טורמע, דאָס איז דאָך אויף זייער לאַנג, אויף יאָרן... מאָרגן וועט ער שוין קיין בריוו נישט דערהאַלטן פון קיינעם, און איבער אַ יאָר אויך נישט און איבער פינף יאָר — ווער ווייסט? אין געפּעאו האָט נאָך זיין אַרעסט עפּעס פאַרט געטראָגן אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, דאָ זעט מען נאָך אַרוים אַ שטיקל הימל, דאָ טרעפט זיך נאָך אַ קלאַווא. אָבער אין טורמע? אין דער באַוווסטער, שרעקלעכער, טרויעריק־באַרימטער, לוקיאַ־נאָווקער טורמע?

שלמה פילט, אַז ער וואָלט אפילו שוין צוריקגעגאַנגען צום לעמפּל און צום צווענגל, צום פערדישן קעמל און צום וואָליי־באָל, אַבי נישט פאָרן אין

דעם שוידערלעכן לוקיאנאַוועקער גיהנום. נאָר עס איז שוין פאַרפאַלן, צוריק כאַפּט מען נישט! אַוועק די זיבן גוטע יאָר. אַלע האָפענונגען אויף באַ־פרייט צו ווערן זענען אַוועק מיטן רויך... און די עלטערן האָבן אַזוי שטאַרק געגלייבט אין דער הילף פון דער גענעראַלער פּראָקוראַטור...

שלמהן איז דאָס האַרץ שווער... און נאָך שווערער איז עס דערפון, וואָס די צוריקגעפונענע פאַלי שווימט ווידער אָפּ פון האַריזאָנט און דאָס מאָל, א פנים — שוין אויף אייביק... שלמה האָט גאָרנישט געהערט, ווי עמעצער איז צו אים צוגעגאַנגען. ער גיט זיך אַ וואָרף פון דערשרעק, פון אומגעריכטקייט: נישט ווייט פון אים שטייט זשוראַווליאָוו און קוקט אויף אים מיט גרויסע, גוטע אויגן. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און זעט נישט קיינעם, דאַן גיט ער אַ לויף צו צו שלמהן, כאַפּט זיין האַנט און דריקט זי שטאַרק. גיט אים אַ קוש אין דער לינקער באַק, ער רעדט גע־שווינד, וואַרגנדיק זיך מיט די ווערטער, די אויגן בליצן ביי אים, די ברע־מען ציטערן:

— פּיאַטיגאָרסקי, איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ העלד איר זענט! עס האָט נאָך קיינער נישט איבערגעטראָגן דאָס וואָס איר און זאָגן זיי אַ פּייג. עס איז ממש אַ לעגענדע... איר האָט זיי פאַרשמירט פון קאָפּ ביז די פּיס. זיי האָבן זיך שוין באַרימט מיט אייך פאַר מאָסקווע, איצט קענען זיי קיינעם אין די אויגן נישט קוקן. זיי שעמען זיך אויפצוהייבן די אויגן איי־נער אויפן צווייטן. שרעקט אייך נישט, וואָס איר פאָרט אין טורמע, איר וועט זיין אויף דער פריי — און נאָך אין גיכן אויך!

מיט אַ מאָל גיט ער אַ רעווע, נישט מיט זיין קול:

— וואָס איז דיר דאָ אַ ישיבה, צי אַ קלוב? צומאַכן דעם בוך! אָט אַהין אין ווינקל שטעל זיך אַוועק!...

ער דרייט זיך אויס צו אומאַנסקין, וואָס קומט אָן פון קאָרידאָר, און ווייזט אים אָן אויף שלמהן:

— ווי געפעלט דיר אָט דער קאַוואַליער? ער האָט זיך צעליינט מיט דער ביבליאָטעק און געמאַכט זיך דאָ אויף די טרעפּ אַ לייען־שטיבל... וואָס פעלט אים?

אומאַנסקי גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי בשעת איינער וויל אָפּ־טרייבן אַ בייזע פליג, ער גיט אפילו אויף שלמהן נישט קיין קוק און ביידע גייען אַראָפּ פון די טרעפּ שווייגנדיק.

שלמה טראַכט וועגן זשוראַווליאָוון: מי יתן יקר מזולו... אַבי מען זאָגט: אין אדם גר עם נחש בכפיפה אחת... אָבער הלואי איך זאָל ליגן זאָגן: אָט דער מענטש וועט שלעכט ענדיקן! ער וועט פאַר זיין מענטש־לעכקייט טייער באַצאָלן. עס קען אַנדערש נישט זיין...

אַרויספאָרנדיק פון טויער, דאַכט זיך שלמהן, אַז פון אַ זייטיקן ווינקל קוקן אויף אים אַ פּאָר מיידלשע, געטרייע, גוטע אויגן...

די לאַסט־מאַשין איז אָן אָפענע, די אַרעסטאַנטן זיצן אויף דער פּאָד־לאָגע און פון אַלע פיר זייטן זיצן זעלנער מיט ביקסן. ווייַ, ווייַ, עס איז

שוין באַלד נאָכן ווינטער — טראַכט שלמה — און ער איז דאָס ערשטע מאָל אויף דער גאַס. די מאַשין פאָרט שנעל איבער דער שטאָט. די זון שיינט, דער פראָסט צופּט אַ ביסל די נאָז. אַזוי ווי אויף צו להכעיס זעט מען נישט קיין איין באַקאַנט פּנים. אָט פאָרט מען שוין באַלד אַרויף אויף לוקיאַנאָווקע. אומשטיינס געזאָגט, דאָס הייסט אויך געווען אין קיעוו... אינטערעסאַנט, ווען עמעצער פון זייניקע גייט פונקט פאַרביי, וואָלט ער אים דערקענט, צי ניין? אָט פאָרט מען שוין לענגאויס דער טורמע־וואַנט. אַך, וואָס פאַר אַ מין שרעקלעך לאַנגע מויער, אפשר אַ קילאָמעטער די לענג! אויפן הויכן, געמויערטן פּלויט — קליינע טורעמלעך, אויף וועלכע עס שטייען זעלנער אין שמויסענע פּעלצן מיט ביקסן אין די הענט. גאַ־טעניו! ביז וואַנען ציט זיך אָט די וואַנט? שאַ! זייער מאַשין הודעט עפּעס, זיי שטייען פאַר אַ הויכן, שוואַרצן, אייזערנעם טויער. שלמה האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז זיי געפינען זיך שוין נישט אויף דער גאַס, נאָר אין אַ היפּשן, שטאַרק פאַרוויסטן גאָרטן. אויף די האָרביקע בערגלעך איז געווען אויסגעצויגן דער עלנט פון דער גאָרער וועלט. ווער קען וויסן צי דאָס איז מחמת דעם אכזריותדיקן ווינטער, צי מחמת דעם שכנות מיט דער טורמע, ווו אַזוי פיל מענטשישע לעבנס ווערן לאַנגזאַם אויסגעלאָשן... דער טויער לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, נאָך אַ קרעכץ פון דער סירענע און ער עפנט אויף זיין שרעקלעכן בית־הבליעה מיט אַ האַרצרייסנדיקן סקריפּ.

— זייט געזונט, טייערע מיינע! זיי געזונט און גליקלעך, פאַלי! זיי געזונט, פרייע וועלט.

דער טויער מאַכט זיך שוועך צו הינטער זיי און זיי פאָרן אַרויף אויף אַ צעמענטירטן הויף. אָט דאָ איז שוין טורמע.

קאַפּיטל XLI

עס איז געווען נאָך מיטאָג. מען האָט דעם פֿרישן טראַנספּאָרט אַרעסטאַנטן אַרומגעשווירן מיט ריזיקע מאַשינקעס, אויף וועלכע זייערע צוגעזשאַווערטע ליפּן מיט די אויסגעזעצטע ציין האָבן עדות געזאָגט וועגן זייער פּאַרציטישן יחוס און אַז זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעדינט; אָפּגעבאָדן אין זודיק וואַסער, ווייל קיין קאַלט וואַסער איז גראָד נישט געווען. שפּעטער האָט זיך שוין דווקא באַוויזן אויך קאַלטע, נאָר דאָס מאָל שוין — אָן הייסער. אַזוי האָבן זיך טאַקע אין משך פֿון די צוויי שעה, וואָס שלמה האָט פֿאַרבראַכט אין באָד אַ נאַקעטער, נישט באַגעגנט דאָס הייסע וואַסער מיט דעם קאַלטן. דערפֿאַר האָט מען דווקא געגעבן לרוב לויזע, שטינקענדיקע זייף פֿון אַ פֿאַס, מיט אַן אויסזען פֿון צעפּלאָסענער סמאָלע. שלמה האָט זיך, גלייך ביים אַריינקומען אין באָד אַריין, פֿלייסיק אַרומגעשמירט מיט אָט דעם טונקעלן שמירעכץ, פֿאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט קיין באָד נישט געזען פֿאַר די אויגן, אויסגעריבן כדבעי יעדן אבר באַזונדער, נאָר אַז מען האָט גענומען טרייבן גיך זיך אָנטון — עס דאַרף אַריינקומען אַ צווייטע קאַמער אַרעסטאַנטן און איינער דעם צווייטן טאָר נישט זען — האָט ער ערשט דערזען, אַז אַרומוואַשן זיך פֿון דעם קלעפּיקן זייף איז נישטאָ מיט וואָס. פֿון איין זייט שמייסט אַ הייסער שטראָם, פֿון דער צווייטער אַ קאַלטער... וואָס טוט מען? זשמעניעסווייז האָט שלמה אָנגענומען קאַלט וואַסער, אונטערגעטראָגן אונטערן הייסן שטראָם און עס לעבלעך מאַכנדיק זיך ווי עס איז צוריק ווייס געמאַכט דעם קערפּער. פֿון דאָרט האָט מען זיי אַרויסגעטריבן אין אַ לידיק צימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ שטאַרקער פּראָסט. דאָרט אויפֿן בריענדיקן צעמענט האָבן זיי נאַקעטע אויסגעוואַרט בערך פֿון אַ האַלבער שעה, ביז מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿן זייער הלבשה פֿון דער דעזינפֿעקציע־קאַמער. די אָנגעגליטע מלבושים האָבן געסמאַליעט דאָס לייב. די שלעכט אָפּגעוואַשענע זייף האָט זיך צעשמאָלצן פֿון דער בריענדיקער פּאַרע און איבערן גאַנצן קערפּער האָט זיך אויסגעגאָסן אַ מין שיכט גומי, וואָס כאַפּט אַרום אַלע אברים ווי מיט אַ צוואַנג.

דער קאָמענדאַנט, וועלכער דאַרף פֿאַראָרדענען וועמען, וווהין צוצופֿירן, איז שוין נישט געווען און מען האָט אויף דער ערשטער נאַכט איבערגעלאָזט די „געפּואיסטן" נעכטיקן אין דער ריזיקער פּוסטער עטאַפּ־קאַמער. דאָרט האָט זיי באַגעגנט אַ מחנה שטשורעס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, וואָס הייסט גאָר מורא האָבן פֿאַר מענטשן. זיי זענען גלייך געקראָכן אויף די פּיס, אויפֿן בויך, זייערע שאַרפֿע אייגעלעך האָבן שטיפֿעריש געפֿינקלט אין דער טונקלקייט פֿון דער קאַמער. קיינער פֿונעם פֿרישן טראַנספּאָרט האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטון מיט קיין אויג, מורא־האָבנדיק, אַז אָט די קליינע חיהלעך קענען אָפּגריזען אַ שטיקל פֿון לייב. אַנדערע האָבן פֿון אָט דער משלחת געבראָכן אָן אויפֿהער מיט דער גרינער גאַל,

געקלאַפּט צום קאָרידאָר־וועכטער, אַז זיי וועלן נישט אַריבערטראָגן אָט די פאַרפּלייצונג פון די שטשורעס, מען זאָל זיי אַרויספירן אויפן קאָרידאָר, אפילו אין דרויסן אויפן שניי, אַבי נישט מיט אָט דער מיאוסקייט. דער קאָרידאָר־וועכטער, אַ ברוגזער, פאַר וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט, האָט זיי שרעקלעך געזידלט, געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט שרעקן, אַז דאָס זענען היימישע שטשורעס, טורמעדיקע. מערסטן טייל טשעפּן זיי נישט, און אויב יאָ, איז אויך נישט קיין גרויסער שאָדן. שפּעטער, וויפל מען האָט שוין נישט געקלאַפּט, איז ער שוין אפילו מער נישט צוגעגאַנגען צום אייגל.

עפּעס איינער אַ טאַטער, וואָס איז אויך געווען צווישן זיי, האָט מיטן שטיוול דערהרגעט אַ שטשור, דווקא גאָרנישט אַזאַ גרויסן, נאָר אַ מסוכנעם עזות־פּנים. נישט קוקנדיק אויף יענעמס טרייבן האָט ער נאָר געוואָלט זיך דערקלייבן צו זיין קאָפּ. ווען ער איז מיט אַן אויפגעפּראַלטן בויך אַראָפּגעפאַלן אויפן צעמענט, זענען זיך די איבעריקע חברים זיינע פון אָנהייב צעלאָפן, נאָר באַלד זיך צוריק צונויפגעזאַמלט אַרום דעם געפאַלענעם. ס'איז שווער צו טרעפן, ווי אַרום זענען געוואָרן אַלע שטשורעס פון דער טורמע וועגן דעם טויט פון זייער חבר, נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פון אַלע ווינקעלעך טויזנטער און צענער־טויזנטער, גרויסע און קליינע. ווו דאָס אויג האָט נאָר אַ קוק געטון, האָט עס בלויז געקענט זען פינקלענדיקע פינטעלעך ווי די נאַכט־פלעמעלעך אויף די וואַלד־זומפּן. אַלע נאַרעס זענען געווען פאַרפלייצט פון אָט די קליינע וועלפּעלעך. די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן זענען געשטאַנען אויף די עקן נאַרעס מיט די קלימקעס אין די הענט, ווי אויף אַ שיף, וואָס טרינקט זיך און אָט־אָט גייט זי אונטער...

איינער איז געפאַלן אויף אַ המצאה און אַלע האָבן גלייך אָנגעהויבן שרייען גוואַלד, טופּען מיט די פיס און זעצן אין דער טיר מיט אַלע כוחות. עס האָט נישט געדויערט קיין פערטל שעה, ווי עס זענען אַריינגעקומען: דער קאַראַאול־נאַטשאַלניק, דער מיטהעלפער פון קאָמענדאַנט און דער די־זשורנע פון דער קאַנצעליאַריע. געגאַנגען זענען זיי מלא רציחה, מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס אַריינצוואַרפן די „שטערער פון אָרדענונג" אין דעם פערצנטן קאָרידאָר, אַז זיי זאָלן זיך אַ ביסל אָפּקילן די היציקע מוחות, נאָר ווען זיי זענען אַריינגעקומען און האָבן דערזען, ווי די אומגליקלעכע שטייען מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן פאַר שרעק, מיט בלאַסע געזיכטער און מיט די פעקלעך אין די הענט, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און זענען אַ ביסל ווייכער געוואָרן. מיט די ליכט־סנאָפּן פון די עלעקטרישע לעמפּעלעך האָבן זיי צעטריבן אַלע שטשורעס, געהייסן דעם קאָרידאָר־וועכטער אַרויסוואַרפן דעם געהרגעטן שטשור און אַריינטראָגן אין קאַמער אַריין צוויי בעזעמער, 'אַלס געווער צו פאַרטיידיקן זיך, אויב דער אַטאַק וועט זיך איבערחזרן נאָך אַ מאָל. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די בעזעמער זענען געווען לאַנגע און ברייטע און וואָס מען האָט דווקא צווישן זיך אויס־

געקליבן צוויי דיזשורנעס, וועלכע דארפן היטן דעם שלאָף פון די איבעריקע, פון דעסט וועגן האָט שוין קיינער נישט צוגעטון מיט קיין אויג.

ווען צווישן די גראַטעס האָט זיך באַוויזן אַ בלאַס שטיקל הימל און אַ געדיכט־פאַלנדיקער, פייכטער שניי, זענען אַלע געזעסן מיט רויטע אויגן פון דעם נישט שלאָפן און מיט שטאַרק צעקנייטשטע פנימער. שלמה האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט, גאַרנישט גאַסטפריינטלעך האָט אים לוקיאַנאָוועקער טורמע באַגעגנט. זיכער ווייסט מען שוין אויך אויף סאָלאָמינקע, אַז שלמה איז שוין איצט נישט פּראָסט קיין אַרעסטירטער, נאָר אַ פאַלנע קאַטאָרזשניק: מיט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אַן אָפּגעמאָסטענער און מיט אַן אָפּגעשטעמפּלטן פינגער. קלאַוואַ האָט שוין זיכער אַלץ איבערגעגעבן. ווען מען זאָל אים נישט געוועזן איבערפירן אַהער, וואָלט ער שוין אַצינד געהאַט אי בריוו, אי שאָקאָלאַד, אי קלאַוועס אַ געטרייע פאָר ווערטער. אָבער איצט איז יענץ נאָר אַ גוטער חלום. און אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז פון שפּיטאָל האָט זיך אים נישט אַזוי געבענקט אַהיים, ווי אַצינד, צוריק אין שפּיטאָל אַריין.

עלף אין דער פרי האָט מען זיי צעפירט אין די קאַמערס.

שלמה איז אָנגעקומען אין ניינטן קאָרידאָר, אין דער פינפטער קאַמער. דער ניינטער, דאָס איז אַ קאָרידאָר פון כל־בו, אַ מיש־מאַש פון אַלערליי מינים פאַרברעכערס. אין דער פינפטער קאַמער האָט שלמה געטראָפן אי קליינע ספּעקוליאַנטלעך, אי אַזעלכע פויערן, וואָס מען איז זיי חושד אין זיין גוטע ברידער מיט די אַרויסגעשיקטע קולאַקעס. ס'איז געווען איינער, וואָס האָט דערשטיקט זיין ווייב מיט צוויי קינדער. עס זענען געווען אונטערצינדער, שלאָסברעכערס און פּראָסטע קעשענע־גנבים. עס זענען געזעסן מענטשן פאַר געבן נישט קיין ריכטיקע וואָג אין מאַגאַזין אָדער וועלכע האָבן איבערגענומען עפּעס אויף דעם פּרייז. עס איז געזעסן אַ נאָטאַר פאַר פעלשן אַן אונטערשריפט, עפּעס איינער, וואָס האָט צעשלאָגן אַ מיליציאָנער ביז בלוט. עס זענען געווען אי אָפּגעמשפּטע, אי ערשט וואַרטנדיקע אויפן משפּט. די קאַמער איז געווען פיל העכער און ליכטיקער ווי די קאַמערס וואָס אין געפּעאו, געהאַט אַ שאַפע פאַר אַלערליי געשיר ביי דער סאַמע טיר. נאָר אויך דאָ זענען געווען מענטשן צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל נאַרעס. לויט דער טאַבעלע איז שלמה געווען דער פיר און פופציקסטער. אין קאַמער איז געווען שטאַרק אָנגערויכערט, שטאַרק אָנגעמיסטיקט און עס האָט געשטונקען מיט צעפּאַרעטן טשעכאָן * און מיט איבערגעזייערטע פּאָמידאָרן.

ווען שלמה איז אַריינגעקומען אין קאַמער אין געשוואָלענעם גומענעם מאַנטל, מחמת דער דעזינפעקציע, אַ שלעכט אָפּגעשוירענער, מיט היפּשע סטערניעס סיי אויפן קאָפּ, סיי אויף דער באָרד, מיט זיינע ביכער אין איין האַנט און מיט דער פּראָטעזע אין דער צווייטער, האָבן די דריי און פופציק

---

* אַ ביליקער סאָרט הערינג.

זיצנדיקע, יונג און אַלט, אַן אונטערשיד, געהאַלטן אין מיטן שפּילן זיך. די מאַסעווע שפּילן אין די רוסישע טורמעס, זענען אַ חוק ולא יעבור. קיינער קען נישט זיין פּטור פון זיי. די דאָזיקע טראַדיציע גייט איבער בירושה פון די אַלטע „זיצערס" צו די נייע, און ווערט אָפּגעהיט ווי אַ ריטואַל. די פינפטע קאַמער האָט איצט געהאַלטן אין מיטן אַזאַ „עבודה". אַלע פּנימער זענען געווען פאַרשוויצט. אַלע אויגן האָבן געבליאַסקעט מיט ווילדער גיריקייט מנצח צו זיין. שלמה האָט טרויעריק באַטראַכט אָט דעם געמישטן המון. אויף דער פריי איז זיכער יעדער איינער פון זיי געווען צוגעפּוצט, פּאַרמאַסקירט, זיך באַמיט אויסצוזען ווי אַ גאַנץ חשובער מיט־גליד פון דער געזעלשאַפט, און דאָ, נישט האָבנדיק שוין וואָס צו פאַרלירן, האָט מען זיך צעגאַרטלט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם סאַמע עלעמענטאַרן מענטשלעכן „לפנים" און אויפגעפירט זיך ווי די חיות און צייטנווייז נאָך ערגער...

דאָס שפּיל, ביי וועלכן שלמה האָט זיי געטראָפן, איז באַשטאַנען אין דעם: אויף דער מיטלסטער נאַרע, מיט אַ פּאַלטאָ אויף די ברייט־צעשטעלטע פיס, איז געזעסן איינער, אַרום אים אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די נאַרעס זענען געשטאַנען אַלע איבעריקע. איינער פון זיי גייט צו צום זיצנדיקן, לייגט אַריין דעם קאָפּ אין פּאַלטאָ. דער זיצנדיקער דעקט אים גוט איין, ער זאָל בשום אופן גאָרנישט באַמערקן. דער אָנגעבויגענער פאַרלייגט די הענט אויפן הינטער־חלק און עמעצער פון דעם שטייענדיקן עולם דערלאַנגט אים מיט אַלע כוחות אַ פּליאַסק אין זיינע דלאָניעס. נאָך אַ מינוט ליגט דער געשמיסענער, דערנאָך הייבט ער זיך אויף, באַקוקט גוט אַרום אַלע פּנימער, נאָר אַלע זענען רואיק, אויף קיינעמס פּנים איז גאָרנישט צו באַמערקן, ער ווייזט אָן אויף איינעם:

— דו האָסט געשלאָגן!

טאָמער האָט ער דאָס מאָל נישט געטראָפן, באַקוקט ער נאָך אַ מאָל דעם שמייכלענדיקן עולם און ווייזט אָן אויף אַן אַנדערן. דער עולם קייכט שוין פאַר געלעכטער, ער האָט ווידער נישט געטראָפן. דער שלימזל שטרענגט אָן די לעצטע כוחות פון זיין דערפינדערישקייט און ווייזט אָן צום לעצטן מאָל. האָט ער געטראָפן, לייגט זיך שוין יענער אויף די קני, אלא נישט, לייגט זיך נאָך אַ מאָל דער פריערדיקער, און עס חזרט זיך איבער נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע און ווידער אַ מאָל דאָס אייגענע.

דערזען שלמהן, האָבן זיי אָוועקגעוואָרפן די שפּיל, נייגעריק באַקוקט זיין אויסגעמוטשעט, פינצטער פּנים און דעם לעדערנעם פּוס. איינער פון זיי, נישט העכער און נישט דינער פון אַ בירפעסל, מיט פאַרשמאָלצענע, אַשיקע אייגעלעך, האָט ממזריש אַ ווונק געטון צו די איבעריקע און אַ זאָג געטון שלמהן:

— וואָס שטייסטו אויף דער שוועל, קראַסאַוויטשיק? האָסט זיך דער־שראָקן?

— פאַר וועמען זיך דערשראָקן, אפשר פאַר דיר?

— און אז פאַר מיר, מיינסטו, דאַרפסטו זיך נישט שרעקן?

— מילא, קום אַהער, וועלן מיר זען, איך — פאַר דיר, צי דו — פאַר מיר...

— חברה, עפּעס צו אַן אויפגעבונדן צינגל ביי אַט דעם שטומפּ, אַנו, לאָמיר אים אַ טאָפּ טון...

שלמה האָט לאַנגזאַם אראָפּגעלייגט זיינע פּעקלעך, גענומען צוויי לייַ־דיקע פלעשער פון דער פּאָליצע ביי דער טיר און זיך אַוועק געשטעלט אין אַ באַקוועמער פּאָזיציע. די עטלעכע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אַ רים געטון צו אים, האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיין רואיקייט האָט עפּעס געשראָקן.

— צו וואָס האָסטו דאָס גענומען די פלעשער?

— איר פאַרשטייט נישט, נאָך וואָס? מען דאַרף דאָך אייך מיט עפּעס מכבד זיין.

— געדענק, טאָמער רופסטו צו הילף דעם קאָרידאָר־וועכטער, אַזוי ציען מיר דיר אַרויס די צונג דורכן פּופּיק...

— זעט, אַז איר זאָלט נישט רופן צו הילף.

— אַזאַ „ברעכער" ביסטו?

— איר וועט שוין זען דאָס גרייטע... דאָס הייסט, זען וועט איר שוין נישט האָבן מיט וואָס, ווייל אייערע ציין מיט די אויגן מעגט איר רעכענען פאַר אַרויסגענומענע.

דער פּעסלדיקער קאַרליק איז דערשטוינט ביז גאָר. ער שפּאַרט זיך אונ־טער די טאַליע מיט זיינע קינדערשע, פּוכקע הענטלעך, וואָס זענען באַשאָטן מיט בלאָטיקע, געקרייזלטע הערלעך. ער קוקט זיך אום אויף זיין קאָמאַנ־דע:

— נו, וואָס זאָגט איר אויף דעם עזות? האַ? איר האָט שוין אַ מאָל געהערט אַזוינס?

אַ צווייטער פרעגט ביי אים:

— פון וואַנען קומסטו עס אַן אַהער? פון שטאָט, צי פון דאָרף?

— פון פּעטשערסקער געפּעאו.

— אַך, אַזוי גאָר? שוין אַ „געעפנטער", הייסט עס? לאַנג האָט מען דיך דאָרט מאַרינירט?

— וויפל קלערט איר אַ שטייגער?

— אַ וואָך, צוויי, מער האַלט מען דאָרט נישט.

— הלמאי זאָל איך זאָגן? מיך האָט מען דווקא געהאַלטן גאַנצע זיבעצן...

— זי־בע־צן? אַ־אַ! ווייזט אויס, אַז דו ביסט אַ גרויסער העכט. האָסטו שוין, הייסט עס, פולווער געשמעקט געגנוג?

— פרעגט גאָר נישט.

— אויב אַזוי, ווער אַ היימישער, קיינער וועט דיך מיט קיין פינגער נישט טשעפּען.

— דאָס איז אין אייערע אינטערעסן, אַזוי גוט ווי אין מיינע.

שלמה איז צוגעגאנגען צו א פרייער, אראפגעלאזטער נארע און האט געפרעגט ביים בעל־הבית:

— דא איז דערלויבט ביי טאג אראפצולאזן די נארעס?

— ווי דען?

— און אין געפעאו —

— דא, ברודערקע, איז דיר נישט קיין געפעאו! דא איז באלעבאס די פראקוראטור און דער געגנט־געריכט.

שלמה האט מיט געבעט א פרעג געטון:

— מען מעג זיך א ביסל צושפארן?

— ביי טאג — מיטן גרעסטן כבוד!

שלמה האט אונטערגעלייגט די ביכער צוקאפנס און מיט א ווייטיקלעכן פארגעניגן זיך אויסגעצויגן אויף די טרוקענע, שמאלע ברעטלעך.

— וואס פאר א קישקעס זענען אויפגעלאפן אויף דיין מאנטל?

— פון דער פארשאלטענער דעזינפעקציע.

— וואס הייסט: דעזינפעקציע? גומענע זאכן דארף מען דאך נישט —

— פון וואנען האב איך געזאלט וויסן? זיי האבן געזאגט אלץ, חוץ די שיך.

— וואס זשע איז דען דער חילוק פון גומי ביז לעדער? ביידע האלטן נישט אוים קיין הויכע פארע.

— ווייסט זיי דער רוח מיט זייערע געזעצן!... כ'האב שוין זיך פאר־זארגט, נאך דעם מאנטל פארזארגן... אט די דאגה זאל מיר בלייבן — דער מאנטל.

— אין וואס באשטייט דיין פארברעכן, וואס מען האט דיך געהאלטן אין געפעאו גאנצע פיר חדשים?

— דו ווייסט וואס, טייערער חבר? קוים ביסטו שוין געווען אויף אזוי פיל גוט, מיך לאזן זיך אוועקלייגן, טא זיי שוין גוט ביזן סוף און לאז מיך איינדרימלען. יענע נאכט אין עטאפנע האב איך קיין אויג נישט צו־געטון. היינטיקע — אויפן הוילן צעמענט, וועל איך מסתמא אויך נישט שלאפן...

— נו, שלאף, שלאף, ווער לאזט דיך דען נישט? צי אפשר ווילסטו גיין מיט אונדז א ביסל א שפיל טון? דו זעסט? אט יענעם יאלד פאטשט מען שוין דאס פינפטע מאל און ער קען אלץ נישט טרעפן.

— ניין, איך האלט נישט אצינד ביים שפילן זיך.

שלמה זעט פון דער ווייטנס, אז דער געשלאגענער איז רויט ווי אן אינדיק. די אויגן זענען פול מיט טרערן פאר שאנדע און פאר ווייטיק און ער לייגט זיך ערשט ווידער א מאל. דער לעבעדיקער אינטערעס איז גובר דעם שלאף און ער פרעגט ביי זיין נייעם באקאנטן:

— טאקע אינטערעסאנט, פאר וואס טרעפט ער אלץ נישט, ווער עס פאטשט אים? פאר אזוי פיל מאל — איין מאל נישט טרעפן?

— ביסט אַ טשודאַק! פיר חדשים געווען אין געפּעאו און קענסט נישט פאַלן אויף אַזאַ פּראָסטן שכל?
דער נייער באַקאַנטער בייגט זיך צו צו שלמהס אויער און לאַכט אַריין:
— און אַז ער טרעפט יאָ, זאָגט מען אים דען אויס?
שלמה עפנט גרויסע־אויגן און קען נישט פאַרשטיין:
— נאָך וואָס זשע טוט איר דאָס אַזוי? דאָס הייסט דען אַ שפּיל?
— מען טוט אים דאָס דערפאַר, ווייל ער איז נאָך אַ גרינער אַגרעס. אַז מען גיט אים אַ רוף צום אויספאָרשער, באַקומט ער פולע הויזן. אַז ער באַקומט אַ פּעקל פון דער היים, שלאָפט ער אויף דעם, גיט נישט קיי־נעם קיין ברעקל. ער האָט פון אַ מ.ט.ס.* געגנבעט בענזין, מען וועט אים מן־הסתם שיסן. אוי, ציטערט ער פאַרן טויט! שרעקלעך...
— ווייסטו וואָס? צי מען וועט אים שיסן, צי ניין, לאָז מיך דערווייל שלאָפן!...

* ראשי־תיבות פון: מאַשין־ און טראַקטאָר־סטאַנציע.

קאפיטל XLII

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ קנאַלנדיק געלעכטער. ער האָט זיך אויפגעזעצט, גענומען רייבן די אויגן און נישט געקענט פאַרשטיין, ווער קען דאָס אין זיין פּאַלאַטע אַזוי הילכיק לאַכן? און פאַר וואָס שלאָפט ער גאָר אין אָנטון?

ביסלעכווייז האָט ער זיך אומגעקערט פון דעם עולם־החלומות, מיט אַ טיפן וויייטיק זיך דערמאָנט, אַז זיין טייערע פּאַלאַטע איז זייער ווייט פון דאַנען, אַז קלאַוואַ, זיין קלאַוואַ, צערטלט שוין איצט אַ צווייטן. איר קעמען מיט די פינגער די האָר — וועלכעס ער האָט אַזוי ליב געהאַט — וועט ער שוין מער קיין מאָל נישט פילן. ער פאַרטרייבט צום איבעריקן דעם שלאָף פון די אויגן, שפּאַרט זיך אונטער אויפן עלנבויגן און הייבט אָן צו רעאַגירן אויף אַלץ וואָס קומט פאָר אין קאַמער.

איבער דער טיר האָט געלויכטן אַ געגוג גרויסער לאָמפּ. דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ פינצטערע נאַכט. עס איז געווען צו באַמערקן, ווי געדיכטע הויפנס שניי פאַלן שווער פאַרביי די שויבן, לאָזן איבער אויף די גראַטעס אַ שטויב פון זיך און ווערן נישט. אין קאַמער האָט שלמה באַלד באַמערקט אַ נייעם פאַרשוין, דאָס איז געווען אַ יונג, שיין אוקראַינישט בחורל, העכער פון דער מיטעלער וווקס. לויט זיין ווייס־אויסגענייט העמד, לויט דעם שניפּס מיט די צניעותדיקע קאַלירן, לויט די פאַרחלומטע אויגן מיט די ווייסע מיידלשע הענט און איבערהויפּט דאָס פאַרלוירענע האַלטן זיך צווישן די אַרעסטאַנטן איז נישט שווער געווען צו טרעפן, וואָס ס'איז געווען זיין פּראָפעסיע אויף דער פרייהייט. ער האָט געמוזט זיין, אויב נישט קיין מוזיקער איז אַן אַרטיסט, אפשר אַ סטודענט אָדער גאָר אַ זשורנאַליסט... אַלנפאַלס, זיין אויסזען האָט פון דעם ערשטן קוק געקענט אַרויסרופן סימפּאַטיע ביי יעדן, חוץ ביי די איינוווינער פון דער קאַמער. און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז ערשט אין גאַנצן עטלעכע שעה געווען אין קאַמער, האָט מען אים שוין מכבד געווען מיט אַ „טעלעפאָן".

פון דעם טיוואָלאַנישן שפּיל „טעלעפאָן" האָט שוין שלמה געוווּסט פון דער געפּעאו. יעדער פון די אַרעסטאַנטן פלעגט, רויט־ווערנדיק איבער די אויערן, „וועלן אָפּלייקענען, אַז מיט אים אַליין האָט געטראָפן די זעלבע געשיכטע, און האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָס געזען ביי פרעמדע. די שפּיל איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: מען נעמט עטלעכע מאַנטלען, מען שטעקט אַריין איין אַרבל אין צווייטן, ביז עס ווערט געשאַפן אַ רער פון פיר, פינף מעטער די לענג, און נאָך איינע — אַ קלענערע, פון אַ צוויי, דריי פּאַלטנס, נישט מער. דעם לעצטן פּאַלטאָ פון דער גרויסער רער טוט אײנער אָן אויפן קאָפּ מיט אַזאַ חשבון, אַז די רער זאָל אים אויסקומען צום סאַמע אויער. די קלענערע רער דערלאַנגט מען אים צום מויל און ער ווערט דערמיט אַן אַמתדיקער טעלעפאָניסט. ער רעדט דורכן טרייבל אין דער לופט אַריין, וואָס עס פאַלט אים איין, און דעם ענטפער הערט ער דורך דער לאַנגער רער. אַזוי דויערט עטלעכע מינוט און עס בייטן זיך איי־

בער די טעלעפֿאָניסטן. ווידער אַ שמועס אין דער וועלט אַריין און נאָך אַ מאָל געביטן זיך. די טעלעפֿאָניסטן בייטן זיך אַזוי לאַנג, ביז מען גיט אַריין חשק דעם „פֿרישינקן” אויך פּרוּוון אַ ביסל אַ שמועס צו טון. אַבי ער ער ווערט נאָר מרוצה, ווערט מיט אַ מאָל דער עולם פֿריילעכער. מען „רייסט איבער דעם שמועס” פֿון דעם פֿריערדיקן פּאָרל, מען פּאַקט דעם קרבן גוט איין אין דעם פּאַלטאָ, דורך וועלכן ער דאַרף הערן. ער איז איינגעדעקט פֿון קאָפּ ביז דעם האַלבן גוף, אויף אָטעמען לאָזט מען אים איבער בלויז דאָס קליינע רערל און אין אַ צען מינוט אַרום, ווען מען הערט אין יענעמס קול, אַז ער איז שוין גוט צעפּאַרעט און פֿאַרשוויצט, ברענגט עמעצער אַ כּלי פֿון אַ פֿיר, פֿינף ליטער קאַלט וואַסער. דאָס וואַסער שטייט ביי דער סאַמע טיר אויפֿן הויף צעמענט. די קאַמער ווערט נישט באַהייצט, אַזוי אַז עס שניידט די הענט פֿאַר קעלט און ווען יענער גיט אָנצוהערן זיין פּאַרטנער, אַז ער וויל ענדיקן דעם שמועס, אַזוי באַקומט ער גלייך אין אויער אַריין אָנשטאָט אַן ענטפֿער אַ קאַלטן שטראָם וואַסער. געטרייע הענט האַלטן אים שוין צו, אַז ער זאָל זיך נישט צעוויקלען פֿון פּאַלטאָ, ביז די קאַלטע וואַסער נעמט אים נישט דורך און דורך... אַלע לאַכן פֿון דעם קאַלטן ביטל, וואָס דער נייאינקער האָט דאָ ערשט באַקומען, און דער אומגליקלעך־אָפּגעצוואָגענער — אַן אַנדער ברירה האָט ער — לאַכט אויך מיט.

שלמה באַטראַכט, ווי דער נאַסער אַרעסטאַנט לאַכט מיט טרערן אין די אויגן, ווי ער האַלט אין איין ציטערן פֿאַר פּלוצלינגער קעלט און עס זידט אין אים אויף דאָס גאַנצע בלוט. ער גייט צו צו אים און גיט אים זיין פֿידזשאַקל מיטן מאַנטל, ער זאָל זיך אַ ביסל דערוואַרעמען, כאַפּט אים אַליין, פֿון שלאָף, קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער ווערט געוויר, ווער עס איז דער סטאַראָסטע פֿון דער קאַמער, און אויף אַ קול, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן, פֿאַלט ער אָן אויף אים:

— פֿע, ווי שעמסטו זיך נישט, אַזאַ געזונטער פֿערד ווי דו, דערלאָזן אין דיין קאַמער, אַז מען זאָל זיך אַזוי איזדיקעווען איבער אַ מענטשן. גיב נאָר אַ קוק, ווי ער ציטערט מיט אַלע אבֿרים פֿון דיין חכמהלע. דו מיינסט, אַז איך האָב נישט געזען, ווי דו האָסט געהייסן אַריינגיסן די וואַסער און נאָך דעם נישט לאָזן זיך אים אויפֿהייבן. דו גרוביאַן! דאָס איז דאָך אַ באַנדיטיזם — און קעגן וועמען? דער „נייאינקער” זעט דאָך אויס ווי דיינס אַ קינד, ער איז דאָך נישט עלטער פֿון צוואַנציק יאָר און דו, אַזאַ געזונטער בופּלאָקס, קענסט אים אומברענגען מיט דיינע חכמות!... און אין וואָס שטעקט דאָ די חכמה, וואָלט איך געוואָלט וויסן? יענער פֿאַרגלייבט זיך דיר ווי אַ לייטישן מענטשן, ווי זיינעם אַ גלייכן און דו, אויסוווּרף איינער, הינטער זיינע אויגן, גיסט אים אָפּ מיט קאַלט וואַסער אום ווינטער... קוק, ווי ער וויינט, פֿאַר וואָס קומט אים די שאַנדע און דער ווייטיק? קוק, ווי ער ציטערט פֿון נעץ און פֿון קעלט. דו וועסט אים אָפּטרעטן דיין אָרט אויף דער נאַרע? איאָ ניין? וואָס דען? אַ דורכגענעצטער וועט ער זיך לייגן אויפֿן קאַלטן צעמענט און באַקומען אַ לונגען־

אַנצינדונג, וואָס אַרט דיך? ער איז דיר שווער אָנגעקומען? אַבי דיין חוצפּהדיקע מאָרדע האָט זיך אָנגעלאָכט צו זעט...

דער סטאַראָסטע, וואָס האָט זיך פון אָנהייב אַ ביסל פאַרלוירן, איז צוגעגאַנגען צו שלמהן נאָענט, נאָענט, און דראָענדיק אַרויסגעשיפּעט:

— דו קענסט פאַרמאַכן דיין מיסטקאַסטן, צי ניין?

— איך רעד נישט נאָר צו דיר, נאָר צו דער גאַנצער קאַמער אויף דיין אַדרעס. און נישט דו קענסט מיר הייסן אַנטשווייגן ווערן.

— און דאָך הייס איך דיר די מינוט פאַרמאַכן דאָס מויל.

— דו ביסט אַ קליינער בעל־הבית אויף מיין מויל, דו האָסט נאָר אַ ברירה זיך פאַרשטעקן די אויערן. צי אפשר ווילסטו זיך שלאָגן? זאָג, שעם זיך נישט, איך האָב שוין לאַנג אין פוטבאָל נישט געשפּילט. קום, וועלן מיר פּרווון, ווער עס פאַרקלאַפּט גיכער אַ גאָל, איך, צי דו. נאָר געדענק, אַז מען וועט מיך צונעמען אויפן פערצנטן קאָרידאָר, וועט מען דיך אין שפּיטאָל מינטערן מיט מאָרפיום!

שלמה פאַרקאַטשעט קאַלטבלוטיק די אַרבל. דער סטאַראָסטע גיט אַ שפּיי און גייט אַוועק. שלמה רעדט ווייטער:

— אַלע מיר, וואָס געפינען זיך דאָ, זענען קאַנדידאַטן אויף צו ווערן אַמאָל צוריק פרייע מענטשן. ווער פריער, ווער שפּעטער, אָבער אַלע וועלן מיר נאָך אַמאָל זיין ביי זיך אין דער היים. און אויב אַזוי דאַרפן מיר זיך נישט פאַרוואַנדלען אין קיין חיות רעות, מיר דאַרפן נישט פאַרלירן אונדזער מענטשלעכע געזיכטער. אויף אונדז וואַרטן קרובים, וועלכע ווילן אין אונדז נאָך זען מענטשן, נישט קיין ווילדע.

קיינער האָט אים נישט איבערגעשלאָגן, נאָר קיינער האָט אים אויך נישט אונטערגעהאַלטן. דער סטאַראָסטע האָט מיטן ווונק צוגערופן עטלעכע חברה־לייט, וועגן עפּעס מיט זיי זיך געסודעט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף שלמהן. שלמה האָט געפילט, אַז ער האָט שוין אין קאַמער געפערלעכע שונאים, דאָס האָט אים בפירוש שטאַרק געקרענקט, נאָר וואָס איז ער געווען שולדיק? שווייגן האָט ער נישט געקענט! דאָס איז דאָך נישט קיין שטראָף־קאַמער, אין וועלכער מען דאַרף אָפּזיצן אַ טאָג אָדער דריי, דאָ דאַרף מען דאָך זיצן און זיצן. ניין, אַנדערש קען ער נישט. ער וואָלט איצט אויך אַזוי געטון. ווער ווייסט? אפשר האַלטן אייניקע מיט אים און נאָר אויס מוֹרא פאַר די איבעריקע שווייגן זיי.

דער וועכטער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אַז ס'איז צייט צו מאַכן נאַכט. שלמה האָט אונטערגעלייגט דאָס היטל אונטערן קאָפּ און זיך איינגעוויקלט אין מאַנטל. די פּראַטעזע האָט פאַרביטן אַ קישן. שלמה האָט זיך אויסגעצויגן אויפן צעמענט און האָט ערשט אויף דאָס ניי דערפילט, אַז אַלע אברים טוען אים נאָך וויי. דער פּוס האָט געברענט ווי ערשט פונעם קעמל, דער בויך האָט געשמערצט אָן אַן אויפהער. דער הונגעריקער מאָגן האָט בייז אונטערגעבורטשעט. דער קאָפּ איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. שלמה האָט איינדרימלענדיק אַ טראַכט געטון: ווען קלאַוואַ וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי אים נישט געלאָזט שלאָפן אויפן הוילן צעמענט.

עמעצער האָט אים געטאָרקעט אין דער זייט. ער דרייט זיך אויס: דער „אויסגעבאָדענער". ער ליגט נישט ווייט פון אים, אויך אויף אַזאַ ווייך געלעגער ווי ער און פרעגט ביי אים שטיל:

— חבר, פון וואַנען האָט זיך צו אייך גענומען אַזאַ דרייסטקייט, אייער קענגן אַלע?

— איר דאַרפט מיר אויף דער דרייסטקייט נישט מקנא זיין, איך האָב פאַר איר געצוג טייער באַצאָלט... זאָל אייך גאָט אָפּהיטן פון אַזאַ קורס, ווי איך האָב דורכגעמאַכט...

— אוי, איר ווייסט גאָרנישט, ווי איך בין אייך דאַנקבאַר!...

— שלאָפט און לאָזט מיך אויך שלאָפן. אַ גוטע נאַכט!

לאַנגע שעהן האָט זיך שלמה געאַמפּערט מיט דער שלאָפלאָזיקייט, ביז ער איז ענדלעך נאָך האַלבער נאַכט, אַ פאַרפרוירענער, אַ פאַרהאַרטעוועטער פון דעם צעמענט, אַנטשלאָפן געוואָרן. ביי נאַכט האָבן זיך אים געחלומט דעלפינען, פליענדיקע דעלפינען מיט שמאָלע נעזער, לאַנגע וואָנסן און ווייסע פליגל, אָן אַ שיעור ווייסע פליגל. זיי האָבן זיך געפליוסקעט צווישן די כוואַליעס און מיט די פליגל האָבן זיי דערגרייכט זיין פּנים, געגלעט עס, געקיצלט און געפלויגן פאַרביי.

פאַר טאָג, ווען שלמה האָט געעפנט די אויגן, האָט זיך אים אין דער ערשטער מינוט געדאַכט, אַז עס איז אויסגעפאַלן אַ שניי אין קאַמער. אַלע פיר ביכער זענען געווען צעפליקט אויף פיצ־פּיצלעך און צעזייט אַרום אים. אַלע אָרעסטאַנטן זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן. דאָס שטיקל אַרבעט איז געווען מייסטעריש אָפּגעאַרבעט, קיין שולדיקע זענען נישט געווען...

דער חוב פאַרן אָננעמען זיך איז געווען געסילוקט.

שלמה דערשטיקט אַ טיפן קרעכץ און קוקט זיך אַרום. אויף יענער זייט פענצטער איז נאָך געהאַנגען דער שנייאיקער פאַרהאַנג. די גראַטעס האָבן אויסגעזען ווי גראָב אָנגעשמירט מיט קעז. אויף דעם ווייטן וועכטער־גאַניקל, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ גרויסער לאָמפּ, איז דער שניי געלעגן פלאַכעסווייז, ווי אַרומגעטאָקטע שטיקער מאַרמאָרשטיין. דער וועכטער אַליין מיט דער ביקס אויפן אַקסל, האָט אויסגעזען ווי אַ שניי־מענטש מיט אַ בעזעם, וואָס קינדער מאַכן אויף צו פאַרווײַלן זיך. אָט זעט ער דורכן פענצטער־קוואַדראַט, ווי די שניי־מאַסע האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן וואַקלען, ווי אַ פאַרבאָרגענע האַנט וואָלט זי געקנעטן פון אַלע זייטן. אַ פּנים ס'איז אַ שטאַרקער ווינט אויף דער גאַס — טראַכט שלמה און פון דעם געדאַנק ווערט אים נאָך קעלטער. ער וויקלט זיך שטייפער איין אין זיין אַריפּגעבלאָזענעם מאַנטל און קוקט ווייטער אין פענצטער אַריין. דער שניי זידט ממש. פונעם שניי־דאַשעק, וואָס אויפן וועכטער־גאַניקל גייט אַזש אַ פּאַרע. די זאַווערוכע קערט איבער דעם דרויסן, טראָגט אַרום פאַרן פענצטער שנייאיקע ליילעכער און ציכן. דאָס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אויף יענער זייט פענצטער וואָלט געווען צעהאַנגען וועש און דער ווינט שפּילט זיך מיט דעם.

און קיין ביכער האָט ער שוין טאַקע נישט...

קאפיטל XLIII

אויפן שפּאַציר האָט שלמה זיך געקויפט אין קליטל פּאַפּיר און אַ בליי־פעדער, פאַרשימלטע גאַלעטן * און טיולקעס ** ווי די ווערים די גרייס. מער איז דאָרט קיין זאַך נישט געווען, חוץ קאַלבאַס. אַ גאַנצן טאָג האָט קיינער מיט אים נישט גערעדט און ער האָט זיך אויך נישט זייער אָנגעשלאָגן אויף קיין שמועסן. איבערן טאָג האָט מען דריי אַרעסטאַנטן ערגעץ אַרויסגערופן מיט די זאַכן און צוויי נייע געבראַכט: איינעם, עפּעס אַן אויסגעשריגענעם פערד־גנב, און דעם צווייטן — אַן אַלטן אַרבעטער פון אַ יאָר זעכציק. געזעסן איז ער פאַר אַן אינטערעסאַנטן פאַרברעכן:

ער איז געווען אַ נאַטשאַלניק פון צעך אין אַן אינסטרומענטאַלן זאַוואָד. ווען ער האָט דערזען, אַז זיינע טאָקערס יאָגן זיך נאָך דער צאָל פון דער פּראָדוקציע, נישט נאָך דעם איכות פון דעם דעטאַל, און קיינע דראָונגען האָבן נישט געהאָלפן, האָט ער זיך מיישב געווען און געמאָלדן דעם גאַנצן צעך, אַז ער נעמט אָן פינף און זיבעציק פּראָצענט פּראָדוקציע פאַר הונדערט, נאָר עס זאָל זיין געמאַכט, ווי ער האָט ליב. אַזוי איז דאָס געגאַנגען עטלעכע חדשים: ער האָט זיי געגעבן קוויטן אויף הונדערט פּראָצענט אויספילונג פון פּלאַן און אין סקלאַד אַריין האָט ער אָפּגעשיקט נאָר זיבעציק, אַכציק פּראָצענט פון פּלאַן. צום אָנהייב יאָר האָט די בוכהאַלטעריע אָנגעוויזן, אַז ביי אים געפינען זיך נאָך טויזנטער טיילן, וועלכע ער האָט צוליב עפּעס פאַרהאַלטן ביי זיך. די רעוויזיע האָט אין אַלע זיינע פּזמונות וועגן זיין אויפטו נישט געגלייבט און ער ווערט באַשולדיקט, לויטן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט, פאַר באַגנבענען דאָס אייגנטום פון דער מלוכה.

דער אַלטער איז געווען אַ הויכער, אַ דיקלעכער, מיט אָדערדיקע, מאָזאָליעדיקע הענט און מיט גרויסע, גוטע אויגן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַלטן אין איין וויינען, אַז ער וועט שוין מער נישט זען זיין ווייב, זיינע קינדער און אייניקלעך.

אין דרויסן האָט אַ גאַנצן טאָג געשאָטן ווי פון אַן איבערבעט. די ווייסע „קוילעטשלעך", וואָס זענען אויפגעגאַנגען אויף די גראַטעס, האָבן מיט זיך פאַרשטעלט די טאָגשיין. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די גאַנצע קאַמער וואָלט געווען איינגעדעקט מיט אַ פּיקייענער קאָלדרע. ווען עס האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן, האָט זיך דער עולם גענומען קלייבן אין עפּעס שפּילן. אָנגעהויבן האָט מען אַלע מאָל פון יענער שפּיל מיטן פּאַטשן אין הינטער־חלק. דאָס איז געווען די סאַמע גרינגסטע און די סאַמע פריילעכסטע שפּיל. שלמה האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און פון וויטנס

---

* דאַרע, פּאַסטנע פּלעצעלעך.

** פּיצעלעך געזאַלצענע פּישעלעך.

צוגעקוקט: דעם אַלטן אַרבעטער האָט מען אַריינגענומען אין קאָן אַריין, נאָר צו זיין גרויסן חידוש האָט ער באַמערקט, אַז מען האָט זיך מיט אים באַגאַנגען זייער בכבודיק, ווען עס איז אויף אים געפאַלן דער גורל — ליכט געפּאַטשט און אפילו ווען ער האָט נישט ריכטיק געטראָפן ווער עס האָט אים געשמיסן, האָט דער סטאַראָסטע געהייסן זיך לייגן דעם, אויף וועלכן ער האָט צופעליק אָנגעוויזן, און באַפרייט דעם אַלטיטשקן.

שלמהן איז אַריין אין דער נאָז אָט די מאָדנע מעשה. עפּעס האָט אים אויסגעזען פאַרדעכטיק די גוטסקייט פון יענעם רוצח, וואָס קען האָבן אַ האַרץ צו צערייסן אָדער הייסן צערייסן אַזעלכע אינטערעסאַנטע ביכער. ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום עולם און די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דער שפּיל. ווען די שפּיל אין „פּאַטשעריי" איז דעם עולם שוין נמאס געוואָרן, האָט דער סטאַראָסטע אויסגעשריגן און אַנדערע האָבן גלייך אונטערגעכאַפּט:

— איצט אין בלענדזעניש, קומט שפּילן אין בלענדזעניש!...

עס איז אַרויסגעגאַנגען פון רעדל אַ הויכער, געזונטער אַרעסטאַנט, פאַרקאַטשעט די אַרבל ביז העכער די עלנבויגנס, עמעצער האָט זיי אים איבערגעבונדן אויף דער מיט מיט אַ שוכבענדל און עס האָט זיך באַקומען אַ פּאָר שטייפע, פליישיקע קאַטשלקעס. פאַר יעדן אין די אויגן האָט מען צווישן זיי אַריינגעשטעקט אַ צונויפגעדרייט שטיקל פּאַפּיר, וועלכעס האָט אַרויסגעשטעקט אויף פאָרנט ווי אַ צוויאַק. דאַן האָט דער סטאַראָסטע געהייסן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ זייגער, אַלע מאָל אויסשרייען, ווי לאַנג ביי יעדן איינעם דויערט דאָס געפינען, און אַליין האָט ער געהייסן זיך דעם ערשטן פאַרבינדן די אויגן. מען האָט זיי אים מיט אַ טיכעלע שטאַרק פאַרבונדן, אָפּגעפירט שטרענג־הינטערווייַלעכס עטלעכע טריט און געהייסן געפינען מיטן מויל דאָס שטיקל פּאַפּיר. דער פאַרבונדענער האָט זיך בריה׳ש, אָן אַ מינדסטן אָפּנויג אומגעקערט אויף זיין פריערדיקן אָרט, עטלעכע מאָל אַ פיר געטון מיטן מויל אַהין און אַהער און מיט די ליפּן אַרויסגעשלעפּט דאָס שטיקל פּאַפּיר. די גאַנצע קאַמער האָט באַגייסטערט אַפּלאָדירט. ער האָט דאָס טיכעלע געטראָגן אויף די אויגן בסך־הכל אַ מינוט צוויי.

נאָך אים האָבן זיך אַ סך געמעלדן, אַז מען זאָל זיי פאַרבינדן די אויגן. ביי וועמען עס האָט געדויערט ביז דריי מינוט, האָט מען נאָך אָפּלאָדירט, אַנדערע האָבן אָבער אַזוי ווי אומיסטן געטראָפן אין דער זייט אַריין און געזוכט מיטן מויל דאָס פּאַפּירל, ווייל מיט קיין הענט האָט מען נישט געטאָרט רירן: זיי האָבן געדאַרפט ליגן רואיק אין קעשענע. די סצענע, ווי יענער מיט די פאַרבונדענע אויגן און מיט אַרויסגעשטעקטע ליפּן ווי אַ חזיר, שמעקט די לופט און קען נישט טרעפן צום פּאַפּירל, איז ווירקלעך געווען אַ לעבערלעכע און חברה האָט געפייפט און געטופּעט אין פּאַדלאָגע פאַר אַנטציקונג.

שלמה איז געשטאַנען צווישן אַלע, באַטראַכט די שמחה און זיך עפּעס

נאָך נישט געגלייבט, אַז אָט דאָס איז די גאַנצע שפּיל. אמת, זי איז געווען זייער נאַריש און קינדעריש, אָבער דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עפּעס קער נאָך דאָ זיין פאַרבערעכעריש, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שמעקן מיט טורמע, און דאָס האָט מען נאָך דערווייל נישט געזען. די שפּיל איז געגאַנגען מיט גרויס קוראַזש. חברה האָט פאָרגעלייגט דעם נעכטיקן „טעלע־פּאָניסט" אויך צו פּרווון: ער, ווי אַ געלערנטער, מוז זיך אָריענטירן גיך און ריכטיק. יענער איז אָבער נאָך פון נעכטן געווען אַזוי אָנגעשראָקן מיט דעם קאַלטן באָד, אַז ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט. דער אַלטער אַרבעטער האָט זיך אַ ריס געטון אין ראָד אַריין, גענומען דאָס טיכעלע און זיך געהיצט:

— נאַט אייך אַ גראָשן פאַר זיין געלערנטקייט! די יונגע צוציקעס ווייסן עפּעס? ער וועט אייך ביז דער טיר פאַרקריכן און מיך מעגט איר אָפּפירן אפילו אויף פינף טריט, וועל איך אויך טרעפן אין איין מינוט, פאַרטיק! איך זע שוין גאָרנישט! פירט מיך אָפּ, איך לאַך פון אַזעלכע אויפגאַבעס, אַ ביסל שווערערס אין מיין לעבן דורכגעפירט, דאָס איז קיי און שפּיי!...

שלמהס שאַרף אויג האָט אויף אַ סעקונדע באַמערקט אַ פאַרלוירנקייט אויף די פנימער פון אייניקע און אַ חיהשע פרייד אויף די פנימער פון די איבעריקע. ער האָט אומבאַמערקט זיך צוגערוקט נעענטער צום שלאַכטפעלד און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם אַלטיטשקן. ביז דער לעצטער סעקונדע האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ גייט בשלום, מען האָט דעם אַל־טיטשקן אָפּגעפירט די באַשטימטע צאָל טריט, אויסגעדרייט מיטן פנים צוריק צום עולם און איבערגעלאָזט אַליין. ער האָט אַ פיר געטון מיט די פאַרבונדענע אויגן פון אויבן אַראָפּ און לאַנגזאַם, נאָר ריכטיק זיך גענומען דערנעענטערן צום ציל. און דאָ ערשט האָט שלמה דערזען, אַז יענער מיטן פּאַפּירל צווישן די הענט איז ערגעץ פאַרשוווּנדן און אויף זיין פּלאַץ, נאָר מיט די פיס אויף די נאַרעס, שטייט אַן אַנדער אַרעסטאַנט, די הויזן אַראָפּ־געלאָזט און מיטן הוילן הינטער־חלק גלייך קעגן אַלטנס מויל. שלמהן האָט אַזש אַ שווידער געטון פאַר צאָרן. ער האָט אַליין נישט געפילט, ווי ער איז צוגעשפּרונגען צום אַלטיטשקן. יענעמס ליפּן זענען שוין געווען גאַנץ נאָ־ענט פון „יענעם מקום", ווען שלמה האָט אים געגעבן אַ ריס אַראָפּ דאָס טיכעלע פון די אויגן און אַ געשריי געטון אויף דער גאַנצער קאַמער:

— קוק, אַלטער, וווהין דו רוקסט דיין מויל...

דער אַלטער איז בלייך געוואָרן און האָט זיך אַ פאַרלוירענער אַרומגע־קוקט. גלייכצייטיק איז שלמהן געפלויגן אַ פּאַטש אין פנים. אָנכאַפּנדיק זיך פאַר דער באַק, האָט ער געכאַפּט מיט אַן אָפּצאַס פון אַ שטיוול אין דער זייט אַריין און זיך אַ וואַקל געטון.

דער סטאַראָסטע האָט אויף אים געשיפּעט:

— אַצינד וועסטו שוין וויסן, ווי אַזוי צו שטערן דער קאַמער אין איר נאָרמאַלן לעבן?

— דו האָסט מיך נאָך נישט אָנגעלערנט, דו באַנדיט איינער! איך וועל, ווי פריער זיך נוהג זיין, ווי מיר געפעלט!

— איז ווער פון אונדז שפּילט בעסער אין פוטבאָל?

— דאָס איז דען געשפּילט? דו ביסט דאָך אומגעריכט אויף מיר אָנגעפאַלן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן קולאַצקע הונט ווי דו ביסט!

— דו וועסט נאָך לאַנג רעדן? אָט רייס איך דיר אַרויס דיין צונג.

ביי שלמהן איז געוועזן אונטערגעלאָפן אַן אויג און צעבלוטיקט די ליפּ. ער האָט מיט דער לינקער זייט פון דער דלאָניע אָפּגעווישט דאָס בלוט און אַ קרומען שמייכל געטון:

— איך שפּיי אויף דיר, דו הינטישער זון! איך בין אַ פּאָליטישער. דאָס מאָל ווילט זיך מיר נישט שמירן די הענט אין דיין פּאַרעפּושט בלוט, אָבער ביי אַ צווייטן מאָל, אויב דו וועסט זיך צורירן צו מיר מיט אַ מינדסטן פינגער, רוף איך באַלד אַרויס דעם פּראָקוראָר און מען פּאַרפּאַקט דיך מיט דיין באַנדע, וואָס דו האָסט דאָ אַרום זיך צונויפגעקליבן, אויף אַ חודש צייט אין פּערצנטן קאָרידאָר! דאָרט וועט איר זיך קענען קושן איינער דעם צווייטן, וווהין איר וועט וועלן און וויפל אייער האַרץ וועט גלוסטן און עס וועט אפילו קיינעם נישט אַרן!...

שלמה האָט באַמערקט, אַז ביי די ווערטער „פּאָליטישער", „פּראָקוראָר" און „פערצנטער קאָרידאָר" איז יענער אַ ביסל דערשראָקן געוואָרן, און נישט לאָזנדיק דאָס אייזן זיך אָפּקילן, האָט זיך שלמה געווענדעט צו דער גאַנצער קאַמער, אַרטיסטיש אויסציענדיק די לינקע האַנט אין דער זייט פון דעם אַלטיטשקן:

— ווי שעמט איר זיך נישט, צו קוקן אָט דעם בכבודיקן, אַלטיטשקן אַרבעטער אין די אויגן אַריין? עך, סוואָלאָטשעס זענט איר אַלע! אַזעלכע ווי איר וואָלט איך גאָרנישט געהאַלטן אין קיין קאַמער. אין די וועלדער, אין נאָרעס ווי די בערן, איז אויך צו פיל פאַר אייך! איך קען נישט אָט דעם אַלטיטשקן, אָבער זיין פּנים און זיינע מאָזאָליעס אויף די הענט דערציילן מיר, אַז דאָס איז אַן ערלעכער אַרבעטער, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט פון זיין בלוטיקן שוויס, און אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן ווי אַ מייסטער האָט מען אים באַשטימט פאַר נאַטשאַלניק פון צעך. און אפילו זיין אַזוי גערופענער פאַרברעכן דערציילט אונדז אויך, ווי געטריי און איבערגעגעבן ער האָט געאַרבעט פאַר דער ראַטנמאַכט. עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז בשעתן געריכט וועלן זיך געפינען עטלעכע דרייסטע אַרבעטער, וועלכע וועלן פאַר די ריכטער אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת מיט דער „קורצער נאָרמע" און ער וועט זיך גאָר גיך אומקערן אויף זיין פּאָסטן און צו זיין ווייב און קינדער. היינט, פאַר וואָס קומט אים אַזוי שענדלעך צו דערנידעריקן?!

אויפן אַלטנס בלייכן געזיכט איז געוועזן צו זען אַזוי פיל צער און בושה, אַז ס'האָט אַזש אָנגענומען ביים האַרצן. אויף די שניי־ווייסע וויעס

זענען געהאַנגען קאַלאַמוטנע טרערן. שלמה האָט נאָר אָפּגעאָטעמט און גע־רעדט ווייטער:

— מילא, אַז די אויספאַרשער טוען אַ מאָל אַזוינע זאַכן, קען מען אויף זיי קיין גרויסן פּאַראיבל נישט האָבן, זייער אַרבעט איז אַזעלכע. אָבער אַז אַז איין אַרעסטאַנט זאָל זיך איזדיקעווען אויפֿן צווייטן? איין אומגליק־לעכער זאָל שפּייען אין פּנים אַריין דעם צווייטן, איז דאָס מענטשלעך? אדרבה, זאָגט איר אַליין! נעכטן האָט איר געפּאַטשט דעם פון דער מ.ט.ס. ווי אַמתע זשוליקעס. ווען ער האָט אפילו יאָ געטראָפן, האָט איר אים אויך נישט אויסגעזאָגט און ווייטער געשלאָגן... נאָך דעם, האָט איר געפּאַקט אָט דאָס יונגע בחורל, וואָס קען, דאַכט זיך, קיין הויך וואָרט נישט זאָגן, און האָט אים פּאַרקילט אויף טויט... איר האָט געהערט, ווי ער האָט גע־הוסט אַ גאַנצע נאַכט? דאָס איז אייער אַרבעט! און היינט האָט איר צו־געטראַכט אַ „כּיבוד" פאַר אָט דעם אַלטיטשקן. איר מעגט זיך טאַקע אײ־בערנעמען, עס איז שוין דאָ צווישן אייך וועמען אַרויסצולאָזן אויף דער פרײַ...

עמעצער פון הינטער די פּלייצעס האָט אַ פרעג געטון:

— איז וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט? מיר זאָלן זיצן ווי די גולמס און קוקן אויף דער סטעליע? מען קען דאָך משוגע ווערן!...

— פאַר וואָס עפּעס קוקן אויף דער סטעליע? אויב עס איז אומעטיק, קען מען נישט עפּעס זינגען? אָדער דערציילן? מיר דאַכט זיך, אַז יעדער איינער קען פון זיין אייגן לעבן עפּעס זיך דערמאָנען אָדער וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט. אויב עס איז דאָ אַ ביכל, קען איינער פאָרלייענען פאַר אַלע, נישט צעפּליקן אַזעלכע טייערע פיר ביכער אויף פּיץ־פּיצלעך. און אויב אפילו שוין יאָ זיך שפּילן, מוז מען דען דווקא צוזוכן אַזעלכע קונצן אויף פּטרן יענעם דאָס געזונט אָדער אים פּשוט דערנידעריקן? אַנדערש קען טאַקע נישט זיין?

דער סטאַראָסטע האָט פון זיין אָרט געפּאָכעט מיטן קולאַק צו שלמהן:

— וואָרט אויס: מיר וועלן אין איין שיינער נאַכט מאַכן מיט דיר אויך דאָס זעלבע, וואָס מיט דיינע ביכער, וועסטו וויסן ווי אַזוי איינצופירן אין קאַמער דיינע מנהגים, דערווייל בין איך נאָך סטאַראָסטע!

אַנדערע האָבן געוואָלט פאַרגלעטן דעם סכסוך און נאָך ווייטער פירן די שפּיל, נאָר די שטימונג איז ביי אַלע קאַליע געוואָרן און מען האָט זיך דאָס מאָל געלייגט שלאָפן מיט עטלעכע שעה פריער ווי געוויינלעך.

אויף צו מאָרגנס נאָך פרישטיק האָט דער וועכטער אָפּגעטראָגן צום קאָ־מענדאַנט פון דער טורמע צוויי ביטעס פון דער קאַמער „ניין־פינף". אין איינער האָט די גאַנצע קאַמער געבעטן, אַז מען זאָל פון זיי צונעמען דעם אַרעסטאַנט פּיאַטיגאָרסקי, ווייל ער שטערט דאָס אַלגעמיינע רואיקע לעבן אין קאַמער אאַז"וו. אויס מורא פאַרן סטאַראָסטע האָבן זיך אונטערגע־שריבן אַלע ביז איינעם. די צווייטע איז געווען פון שלמהן אַליין. ער האָט געבעטן ביים קאָמענדאַנט דאָס נעמלעכע, וואָס אַלע אַרעסטאַנטן: „אַזוי

ווי ער קען זיך נישט צונויפלעבן מיט דער קאַמער, בעט ער, מען זאָל אים איבערפירן אין אַ צווייטער קאַמער אָדער אפילו אין אַן איינצל־קאַמער, אויב מען וועט אים נאָר געבן פאַר זיין אייגן געלט עטלעכע צענדליק העפטן און אַ טינט און פעדער". קיין ענטפער האָט קיינער נישט באַקומען, נישט ביים אָנבייסן, נישט צום אָוונטברויט.

דער טאָג איז אַדורך זייער סומנע. מען האָט זיך אין גאַנצן נישט געשפּילט. אַלע האָבן פיינטלעך געקוקט אויף שלמהן. שלמה האָט געפּילט, ווי עס ווערט פאַר אים אומדערטרעגלעך די אַטמאָספער אין קאַמער. אויגן ווי שפּילקעס האָבן אים געשטאָכן, ווהין ער האָט זיך אַ קער געטון; און געברענט דאָס לייב. אויף דער נאַכט האָט מען זיך צונויפגענומען אין אַ רעדל אַרום דעם סטאַראָסטעס נאַרע און שלמה האָט פון דער ווייטנס געהערט, ווי מען שמועסט פון יידן — בכלל און פון אים — בפרט.

קאפיטל XLIV

אין דער פרי, ווען מען האָט געבראַכט פרישטיק, האָט שלמה אומגע־קערט דעם וועכטער זיין פּאָרציע עסן און אים מיטגעגעבן אַ מעלדונג צום קאָמענדאַנט, אַז ער הייבט אָן אַ הונגערשטרייק.

ער האָט אַזוי געשריבן:

„איך מעלדע אַ הונגערשטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן אַריינוואַרפן מיך אין אַ קאַמער פון קרימינעלע פאַרברעכער און אַנטיסעמיטן. איך בין אַרעס־טירט אונטער אַ חשד אין אַ פּאָליטישן פאַרברעכן און פאַרלאַנג, אַז איר זאָלט מיך באַהאַנדלען אַזוי ווי עס זאָגט דאָס געזעץ פאַר פּאָליט־פאַרברע־כער. איך וועל פאַסטן אַזוי לאַנג, ביז מען וועט מיך נישט אַריבערפירן אין אַ קאַמער פון מיינס גליכן, אָדער אפילו אין אַן איינצל־קאַמער."

קיין ענטפער איז נישט געקומען. דעם מיטאָג האָט ער אויך אומגעקערט און דעם אָוונטברויט אויך. קיין ענטפער איז אַלץ נישט געווען. ווען מען האָט דערהערט אין קאַמער, אַז ער הונגערט, האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן שטילער, ווי עס וואָלט דאָ געלעגן אַ חולה. ווי עס איז נאָר נאַכט געוואָרן, אַזוי האָט זיך יעדער געלייגט אויף זיין פּלאַץ, עס איז אפילו קיינעם נישט איינגעפאַלן צו פאַרפירן אַ שפּיל. אין דער פרי, ביים איבערציילן די אַרעס־טאַנטן, האָט דער דיזשורנע אויפזעער פון דער טורמע געפרעגט, ווער עס הונגערט דאָ. מען האָט אים אָנגעוויזן אויף שלמהן, ער האָט אים לאַנג באַטראַכט און גאָרנישט געזאָגט. צום פרישטיק איז שוין שלמה געלעגן אָן כוחות. אָבער דאָס עסן האָט ער פון דעסט וועגן אומגעקערט דעם וועכ־טער. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען אים אַרויסגערופן צום קאָמענ־דאַנט פון דער טורמע.

אַרויסגייענדיק אויפן הויף, האָט אים די פרישע לופט אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין, ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס און איז אומגע־פאַלן אויף דעם באַרג פון שניי, וואָס איז צונויפגעשאַרט געוואָרן פונעם הויף. דער וועכטער האָט אים מיט עטלעכע טרייסל אויפגעוועקט פון דעם לייכטן חלשות, געהייסן אַראָפּשלינגען אַ ביסל שניי און אים אַריינגעפירט אין טורמע־טויער. דאָרט האָט ער אים צוגעפירט צו אַ געוויינלעכער פּאַ־ראַדנע און געהייסן גיין פאָרויס. שלמה איז קוים אַרויפגעקראָכן אויף די טרעפּ. דער וועכטער האָט אים אַריינגעפירט אין זייער אַ שיינעם קאַבינעט. די פענצטער אָן גראַטעס. דאָס מעבל, די שיינע נאַטור־בילדער האָבן שלמהן אויף אַ רגע אַריבערגעטראָגן אין זיין אַמאָליקער וועלט. דער קאָמענדאַנט האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל און אַ ווונק געטון דעם וועכטער, ער זאָל אויסוואַרטן אויף יענער זייט טיר. ער האָט פון אַ טישקעסטל אַרויסגע־נומען אַ מאָגערע פּאַפּקע פּאַפּירן, געלייענט עפּעס. נאָך דעם האָט ער גענו־מען פון טיש שלמהס מעלדונג וועגן הונגערשטרייק, געלייענט און ווידער געלייענט.

— דאָס איז אייער מעלדונג, פּיאַטיגאָרסקי ?
— יאָ, מיינע.
— פּאַסט איר שוין העכער אַ מעת־לעת ?
— יאָ.
— און איר קלערט פּאָרזעצן דעם הונגער ?
— איך בין געצוווּנגען דערצו. איך בין אַ מענטש אָן אינטעליגענטנער. אַ שרייבער. מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ געמישטער קאַמער פון קר־לאַקעס מיט רעצידיוויסטן. איך קען זיך בשום אופן נישט צונויפלעבן מיט זיי. זיי מיט מיר זענען אויך אומצופרידן. איך בין אַ פּאָליטישער און בעט מיך איינצואָרדענען אין איין קאַמער מיט פּאָליטישע.
דער קאָמענדאַנט קוקט עפּעס אין אַ פּאַפּיר, שאָקלט מיטן קאָפּ:
— וואָס האָט איר זיך איינגערעדט, אַז איר זענט אַ פּאָליטישער ? דער־ווייל זענט איר נאָך אַ גאָרנישט... וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס איבערפירן אייך, וועל איך אייך צוליב טון. איך שיק אייך אָפּ דווקא ווידער אין אַ געמישטער קאַמער, נאָר אַ פּיל רואיקערע. פּעקלעך באַקומט איר ?
— ניין.
— פאַר וואָס ?
— ווי אַזוי קען איך דאָס וויסן ?
— וויפל צייט זענט איר שוין אין טורמע ?
— אַ קאַרגע וואָך.
— ווער איז אייער אויספאָרשער ?
— איך האָב געהאַט פיל אויספאָרשערס אין געפּעאו.
— אַז מען האָט אייך געבראַכט אַהער, איז אוים געפּעאו ! איך פרעג אייך: פון דער פּראָקוראַטור — ווער איז אייער אויספאָרשער ?
— איך האָב נאָך קיינעם נישט געזען.
— עפּעס אַ פאַרגעסענער „פּאָליטישער" זענט איר, פּיאַטיגאָרסקי.
שלמה, דערמונטערט אַ ביסל, נעמט זיך אָן מיט מוט:
— אפשר וועט מיר דערלויבט זיין אָנצושרייבן אַהיים, אַז מען זאָל מיר עפּעס ברענגען, איך גיי זומערדיק אָנגעטון און עס כמעט גאָרנישט.
— ניין, דאָס קען איך נישט. באַקומען אַ פּעקל — קענט איר, אָבער אָנשרייבן פון דער טורמע איז נישט דערלויבט. איז אָט וואָס: איך פיר אייך איבער אין ספּעציעלן קאָרפּוס, אויפן פערטן קאָרידאָר אין דער צווייטער קאַמער. איך וועל הייסן אייך געבן אַ גלאָז קאַווע, ווייס ברויט מיט פּוטער און איר זאָלט תיכּף איבעררייסן אייער הונגער.
— איך בין ממש גערירט פון אייער גוטסקייט צו מיר.
— איך טו אַלץ לויטן געזעץ, נישט פון גוטסקייט.
— אָ ! נישט יעדער וויל פאַרשטיין דאָס געזעץ, ווי עס איז געשריבן.
דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעקלונגען, געזאָגט דעם וועכטער דעם נייעם אַדרעס און מען האָט שלמהן צוריק אַרויסגעפירט אויפן הויף. זיי זענען דורכגעגאַנגען צוויי גרויסע הויפן, אַ קיילעכדיקן פרייען פּלאַץ, דערנאָך

פאַרביי אַ בעקעריי, אַ קיך, אַ באָד און אַ גרויסן שפּיטאָל. אַזש אין צווייטן עק פון דעם ריזיקן טורמע־הויף איז גאַנץ אָפּגעזונדערט געשטאַנען דער ספּעץ־קאָרפּוס. אַ באַזונדערער טיף וועכטער האָבן אים באַוואַכט. די קאָרידאָרן זענען געווען שטרענג זויבערע, מיט אַ שמאָל, אָנגעצייכנט שטעגעלע אין דער מיט. אויף ביידע זייטן איז געווען אויסגעגאָסן סמאָלע און דער אַרעסטאַנט האָט געמוזט שפּאַנען אויסגעמושטרירט ווי אַ זעלנער, ווייל קוים מאַכט ער אַ טריט מחוץ פון יענער ליניע פון קרייד, וועלכע האָט צעטיילט ביידע סמאָליקע זייטן, אַזוי איז שוין זיין שוך איינגעדריקט אין דער סמאָלע און ער וועט זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון קיין שטראָף: אָדער ער וועט פאַרלירן די רעכט אויף שפּאַציר אָדער אויף צו באַקומען פּעקלעך.

די צווייטע קאַמער פון דעם פערטן קאָרידאָר איז געווען אַ ווייסע, אַ גרויסע און אַ ליכטיקע. דאָרטן האָבן זיך אין גאַנצן געפונען צוויי און צוואַנציק מענטשן און נאָרעס זענען געווען פיר און צוואַנציק. צוויי „באַקוועמע" געלעגערס האָבן געפּוסטעוועט. דער סטאַראָסטע האָט שלמהן באַלד אָנגעוויזן אויף זיין בעטל. שלמה האָט געוואַשן די הענט, גענומען דאַווענען און זאָגן „עננו". ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן דאָס דאַווענען, ווי מען האָט אים געבראַכט דעם צוגעזאָגטן אָנבייסן. חוץ דעם האָט דער וועכטער געפּאָדערט אין נאָמען פון קאָמענדאַנט אַ שריפטלעכע מעלדונג, אַז ער האָט אויפגעהערט צו הונגערן. אונטער אַלעמענס דערשטוינטע בליקן האָט שלמה אָנגעשריבן די מעלדונג און אויף גיך אָפּגעגעסן. ווי דורכן שלאָף געדענקט ער, אַז עפּעס אַ גלח האָט אים אונטערגעטראָגן אַ צעריסענע ריאַסע * אונטערצושפּרייטן און אַ קישעלע אויף אונטערצולייגן אונטערן קאָפּ. שלמה האָט אים אָן ווערטער באַדאַנקט און מיט גרויס הנאה זיך אויסגעצויגן אויף דער נאָרע. דער שלאָף האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און ער איז שווער איינגעזונקען אין ערשטן געשמאַקן שלאָף, פון זינט ער האָט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל אין געפּעאו.

*

עס איז אוועק אַ וואָך.

פאַר דער צייט האָט שוין שלמה באַקומען צוויי פּעקלעך פון דער היים. מער האָט מען נישט דערלויבט צו באַקומען, ווי איין מאָל אין דריי טעג. אין די פּעקלעך האָט זיך געפונען: וואַרעם אָנטון, אַ קאָלדרע און אַ קישעלע, פאַרשידן עסנוואַרג און אַפילו אויך געקעכטס. נאָר ווי געטריי מען האָט דאָס אין דער היים נישט איינגעוויקלט, פון דעסט וועגן, ביז עס איז אָנגעקומען אין שלמהס הענט, איז עס געוואָרן קאַלט ווי אייז. יעדע זאַך איז געווען גרונטלעך דורכגעגנישטערט און אַפילו דורכגעשניטן מיט אַ מעסער אין דער לענג און אין דער ברייט. דערפון האָט שוין שלמה פאַר־

---

* אַזאַ גלחישע קאַפּאָטע.

שטאַנען, פאַר וואָס מען ליִיגט אים נישט אַריין קיין קוויטעלע ערגעץ ווו אין עסנוואַרג אָדער אין אָנטון. קיין בריוועלע בײַליִיגן האָט מען נישט דערלויבט, נאָר אַ רשימה פון דעם וואָס מען שיקט, מער קיין וואָרט נישט. מער ווייניקער איז שוין שלמה איצט געווען זאַט, וואָרעם אָנגעטון און האָט געקענט זיך אַרומקוקן, ווו און מיט וועמען ער געפינט זיך.

דאָס צווייטע בעטל פון אים האָט פאַרנומען אַ גרוזינער, אַ פּאַלקאָווניק. אין דער סיבה פון זיין אַרעסט איז געווען איינגעהילט אַ מלוכהשער סוד. ער האָט וועגן דעם נישט ליב געהאַט צו רעדן. עפּעס אַ מעשה מיט אַ פאַרפאַלענעם פּלאַן און מיט אַ שטאַב־אינטריגע... דער פּאַלקאָווניק אַשכאַקאַדזע איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער , מיט אַ פּנים באַגריבלט פון קינדערשע פּאָקן, נאָר זיין פיגור איז געווען זייער אַ שטאַלטנע. ער איז געווען שיין אויסמושטרירט און פון דער טבע זייער אַ לעבעדיקער און אַ מילדער. טאָמער האָט ער געקענט מיט וואָס עס איז נישט איז, יענעם נוצלעך זיין, איז ער געווען דער גליקלעכסטער אין קאַמער. אין קיעוו האָט ער קיינעם נישט געהאַט. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיינע אויספאָרשער נישט אויסגעזאָגט זיינע קרובים, ווו ער געפינט זיך, ווייל ער איז שוין געזעסן ניין וואָכן אָן איין פּעקל. אין די אומעטיקע ווינטער־פאַרנאַכטן, ווען די זון, אַ צעפלאַמטע, פלעגט זיך לאַנגזאַם גליטשן פון די ווייטע זאַוואָדן־קוימענס, אַראָפּנידערן טרעפּל נאָך טרעפּל, נישט געכאַפּט, דאַן פלעגט זיך אַשכאַקאַדזע אַרויפדראַפּען אויפן הויכן פענצטער־שפּוע, זיך אָנכאַפּן אין די גראַטעס, זיך צושפּאַרן אין לינקן ווינקל, אַז דער שאָטן זאָל אים אויסבאַהאַלטן פון וועכטערס אויג, און אָט אַזוי פלעגט ער הענגען, צווישן יענער וועלט, ווו מענטשן באַוועגן זיך פריי, האָבן קיין צייט נישט און לויפן אַרום אויף און אָפּ, ווי די פאַרסמטע מייז, און צווישן דער קאַמער, ווו אַלץ איז טויט־פאַרגליווערט. דאָ אין קאַמער האָבן מענטשן נישט וואָס צו טון מיט זייער צייט. אויף דער טיר ווערט אַלע טאָג אָנגעשריבן די פרישע דאַטע, דער נאָמען פונעם טאָג און פונעם חודש. דאָס איז די איינציקע זיכערע נייעס, וואָס מוז געשען אַלע פרימאָרגן, און אויסער דעם האָט אַ ברירה היינטיקער טאָג צו זיין ענלעך אויף דעם נעכטיקן, מאָרגנדיקער — אויף דעם אייערנעכטיקן — און אַזוי גייען פאַריבער וואָכן, חדשים און אַ מאָל אויך יאָרן.

אַשכאַקאַדזע פלעגט איינקלאַמערן זיינע פינגער אין די אָנגעפרוירענע גראַטעס, ווי ווייט מעגלעך זיך בעסער איינאָרדענען אין דעם פענצטער־חלל און פאַרציען אַ מזרחדיקן ניגון אָן ווערטער, אָן הויכע טענער, נאָר אַ האַרציקן, דורכגעווייקט מיט בענקעניש. הערנדיק אים זינגען, זענען נישט־ווילנדיק אַרויסגעשווומען פאַר די אויגן פון די אַרעסטאַנטן אוראַלטע קאַווקאַזער בערג, שמאָלע, זידנדיקע בערגטייכן, שטויביקע, נידעריק־געוואַקסענע וויינגערטנער, טשערעדעס פון טויזנטער שוואַרצע באַראַנעס מיט געקרייזלטע פעלצן אויף זיך. דער דמיון טראָגט אונטער דאָס בילד, ווי שיינע גרוזינקעס אין ווייסע זיידענע שאַלן טאַנצן ווילד אַ שטורמיש, נאַציאָנאַלן

טאַנץ און אַן אָרקעסטער פון גרייז־גרויע אַלטיטשקע שפּילט זיי צו. עס שווימט אַרום דאָס רווישיקע האַלב־מיליאַניקע טיפלים, דאָס שטילע שטע־טעלע באַרזשאַם — און איבער דעם אַלעמען הענגט אַ טיפער, דורכזיכטיק־בלויער הימל מיט אַ פולער לבנה. עס ווייזן זיך די בערג מיט זייערע פאַר־באָרגענע היילן, עס הערן זיך די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די שאַ־קאַלן, די קולות פונעם האָרן, וועלכער דינט אַלס סיגנאַל צווישן די מחנות נאַכט־פּאַסטעכער. צייטנווייז הערט זיך דאָס יאָמערלעכע וואָיען פון די וועלף אין די טיפע פינצטערע טאָלן, עס זעט זיך דאָס ברענען פון די גרוי־סע שייטער־הויפנס אויף די שפּיץ בערג און עס שוועבן דורך די סילועטן פון די העלדישע פּאַסטעכער אויף די שוואַרצע, צעבאַלעוועטע פערד. זיי יאָגן זיך פאַרביי דעם שייטער ווי די רוחות, פאַרשטעלן אויף איין אויגנ־בליק מיטן קערפּער פונעם פערד דאָס פייער און צערונען פּלוצלינג ווי אַ חלום.

אַשכּאַקאַדזעס אויגן ווערן אין יענע זכרונות־שעהן גרעסער, פאַר־טרויימט. ער איז איצט ווייט־ווייט פון לוקיאַנאָווקער טורמע.

קאפיטל XLV

עס איז געווען נאָך אַ שכן: מעדאָוואַר. אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, פינף און פופציק. אַ קליינינקער, אַ שיינינקער, מיט ראָזע בעקעלעך. דער קאָפּ, די באָרד — כמעט גרוי. דער שטערן — אַ גלאַטער, אָן קנייטשן. הענט — קורצינקע, פּוכקע — מיידלשע הענט. אייגעלעך — שוואַרצע, גנבישע, אומ־רואיקע... מעדאָוואַר זיצט שוין נישט פון ערשט און האָט אַ רעכט פּעקל אויף זיך. ער האָט געאַרבעט אויף שוליאַווקע אַלס פאַרוואַלטער פון אַ פאַרמאַכטן מאַגאַזין * פון זאַוואָד „לעונינס קוזניע". האָט מען אים איין מאָל צוגעשיקט דריי הונדערט ליטער בוימל פאַר דעם אינזשינעריש־טעכ־נישן פּערסאָנאַל פון זאַוואָד, אויף יעדן האַלבן ליטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלער טאַלאָן און צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוויי און פערציק ליטער האָבן אים געפעלט. ער האָט אפילו געוויזן דער נאַטשאַלסטווע אַן אַקט, אונטערגעשריבן פון אים אַליין און פונעם פורמאַן, וואָס האָט געבראַכט דעם בוימל, אַז איין פאַס האָט געפּלאַצט און אַזוי ווייטער... האָט אָבער די געפּעאו גענומען דעם פורמאַן אין דער אַרבעט ווי עס געהער צו זיין, און ער האָט תיכף ומיד מודה געווען, אַז ער האָט פאַר דריי הונדערט רובל געחתמעט דעם אַקט, כאָטש קיין טראָפּן בוימל איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. דער פורמאַן האָט באַלד באַקומען זעקס יאָר אַרויסשיקן אויף דעם ווייטן צפון און מעדאָוואַרס ענין געפינט זיך אין מאָסקווע אין „דריילינג־טריבונאַל", ער ווערט באַשולדיקט לויטן „געזעץ פון זיבעטן אויגוסט" און עס דערוואַרט אים אַ שווערער פּסק־דין. ער וויינט אָפט און קלאַפּט זיך אין האַרצן מיט דער פויסט:

— גוואַלד, גוואַלד! גוואַלד דאַרף מען שרייען אין אַלע גאַסן! צו וואָס אַ שטייגער האָב איך דאָס געדאַרפט? אמת, די אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע און פערציק ליטער בוימל האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַוועלכע פינף טויזנט רובל, אָבער צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט? דער מאַגאַזין האָט מיר דען ווינ־ציק געגעבן אויף צו לעבן? אפשר מיינט איר, אַז קיין פּיאַנינע שטייט ביי מיר נישט? צי מיינע קינדער האָבן נישט קיין וועלאָסיפּעדן? צי אפשר מיינט איר, אַז איך ווין חלילה נישט אין צענטער שטאָט? — האָט איר אויך אַ טעות! גרויסאַרטיקער פון מיין וווינונג קען שוין גאָר נישט זיין, ווו האָט איר גאָר היינט דאָס רחבות מיט די באַקוועמלעכקייטן? אויף צו מאָרגנס נאָך די תנאים האָט מיר מיין שווער, מיר צו לענגערע יאָרן, אַריינגעשיקט די שליסלען פון דער דירה און פון דאַמאָלסט אָן וווין איך דאָרט און וועל די דירה נישט איבערבייטן פאַר כל הון דעלמא, ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר. און ווו מיינט איר שטייט זי? ערגעץ לעבן אַ מערקל, צי אונטער די וואָלקנס רויך פון אַ זאַוואָדל דאָרטן? — אָבער

---

* אַ ספּעציעלער מאַגאַזין פאַר דער אָדער יענער אינסטיטוציע.

גאָר לאַ מיט אַ ספּאָדעק! אויפן סאַמע ראָג פון קאָראָלענקאַ און פּראָרעזנאַיאַ האָב איך די וווינונג פון פינף צימערן אויפן צווייטן שטאָק. און חוץ דעם אַ קיך, אַ באָדצימער, אַ באַזונדערער אַריינגאַנג. היינט, האָב איך דאָרט דריי שפּיגלען פון דער סטעליע ביז דער פּאָדלאָגע און אַ חוץ נאָך איין שפּיגל מיט אַ זייגער איינגעפּאַסט. עס שטייען ביי מיר צוויי ניקלנע בעטן — זענען, דאַכט זיך, אַזעלכע אין קיין שום קאָמיסיע־מאַגאַזין * נישטאָ!... היינט די קליידער־שראַנקען, די ראַדיאָ־אויפנעמערס, די טעפּיכער, די בילדער... גאָט מיינער! וואָס האָט מיר געפעלט? צו וועלכע רוחות האָבן מיר געטויגט די אומגליקלעכע עטלעכע ליטער בוימל? איך האָב דען פאַר דריי יאָרן נישט באַצאָלט קיין דרייסיק טויזנט רובל פאַר אַ דירה דעם זון און צוועלף טויזנט פאַרן מעבל — אָן בוימל? וואָס דערוואַרט מיך און וואָס וועט ווערן פון מיין ליבהאַרציקער שטוב? אַז ביי לשון „באַגנבענען די מלוכה" הייבט זיך גאָר אָן ביי זיי פון קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן... און חוץ דעם אַלעמען איז דען ביי מיר יעצט אַ צייט דאָ צו זיצן? איך האָב אַ טאָכטער — מען זאָל אויספאָרן די אימפּעריע, איז זי איינע ביי גאָט! אָן אויסגעשפּילט קינד, אַ שיינהייט און אַ קאָפּ — זעט מען אַזוינס נישט אויף קיין האַלבער וועלט. איז זי אויפן לעצטן קורס פון מעדיצינישן אינסטיטוט, מען קען זאָגן — שוין אַ פּאַרטיקער דאָקטער! און נעמט דעם דירעקטאָר פון דער דריטער קליניק. זי איז ערשט נישט לאַנג פאַר אים אַ כלה געוואָרן. זי פלעגט גיין צו אים אין קליניק אויף פּראַקטיק און ער האָט זיך אין איר פאַרליבט פונעם ערשטן קוק... ווי נאָר זי האָט אויס דעם עקזאַמען אין פרילינג, אַזוי האָבן זיי גלייך חתונה. אַ דירה האָט ער אין דאָקטוירים־הויז. אמת, נישט אַזאַ פּאַלאַץ ווי מיינער, נאָר פאַר אַ פּאָר־פאָלק אַ גאַנץ שיינע. אָבער אַזוי רעדט מען אויס — אַ קינד חתונה מאַכן?... גוואַלד! עפּעס פאַר איין טאָג טוט זיך אָפּ אַזאַ זאַך? ווי אַזוי באַגייען זיי זיך גאָר דאָרטן אָן מיר? מען זאָל מיך כאָטש נישט וועלן האַלטן ביז איבער דער חתונה... איך וואָלט דאָס, דאַכט זיך, נישט אויסגעהאַלטן... זי איז ביי מיר די עלטסטע פון די טעכטער, פאַר איר האָב איך דריי זין אויסגעגעבענע, אַלע גרויסע קאָמערסאַנטן, פאַרנעמען גרויסע פּאָסטנס. נאָך איר האָב איך נאָך אַ מיידל אויפן צווייטן קורס פון באָטאַנישן אינסטיטוט. דאָס איז אַזאַ מזיק אַ מיידל, אַז זי קען צען יינגלעך פאַרשטעקן אין גאַרטל. אמת, זי איז שוין נישט אַזאַ שיינע ווי די עלטערע, נאָר אויך זייער אַ געראָטענע! און נאָך אַ יינגל פון פופצן יאָר... אוי, אַ טייער קינד!... אַ פּלאַסטער צום האַרצן!... גיי, זיי אַ חכם, דאַרף זיך מיר פאַרגלוסטן בוימל!... נאַ דיר גאָר בוימל!... און ווו איז געווען מיין קאָפּ? אַז בסך־הכל איז שוין פערטהאַלבן חדשים קיין סימן פון קיין בוימל אין „לענ־קוזניע" נישט געווען. אַנו, ווען איר זאָלט

---

* אַ מאַגאַזין אין וועלכן יעדער איינער קען אָוועקגעבן זיינעם אַ חפץ צו פאַרקויפן. דאָרטן ווערן אַממייסטנס אָנגענומען נאָר טייערע חפצים, אַנטיקן.

אפילו געווען געבן אַ רענדל פאַר אַ לעק. האָט מיר דער קאָפּ גאָרנישט פאַרטראָגן, אַז יעדער גראָם וועט ביי זיי זיין אויסגעמאָסטן... און גלאַט עפּעס אַזוי רעדט מען אויס: פּערציק קילאָגראַם? אינו דומה, מ׳מאַכט אַ קנייטש אין דער יאַרמעלקע אויף דריי קילאָ, זאָל זיין — אויף פינף! אַן עק, זאָל שוין זיין אויף צען! איבערגעזאַלצן, האַ? וואָס דען, פּערציק? פּערציק מכות מיינע שונאים אין האַרצן, ווער טוט עס אָפּ אַזאַ נאַריש־קייט? ווען איך קען, וואָלט איך זיך אַליין אויסגעפּאַטשט פאַר אָט אַזאַ פאַרטאַטשנע שטיקל אַרבעט... פּיטש־פּאַטש אין ביידע באַקן, ווי אַ דינסט־מויד! וווּ איז געווען מיין שכל? און דאָ איז ביי מיר טאַקע ערב אַ חתונה!... איך זיץ דאָ אויף הייסע קוילן... און זיי — דאָרטן? — פרעגט גאָרנישט!... און וואָס דויערט דאָרטן ביי זיי אַזוי לאַנג, אין דעם מאָסקווע? זיי, אַ פּנים, גייט וויינִיק וואָס אָן, וואָס די כלה האָט נאָך נישט קיין שיי־נעם זומערדיקן פּאַלטאָ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגער דירעקטאָרשע פון אַ קליניק... וואָס מען דאַרף באַשטעלן אין לענינגראַד אַ גאַרניטור מעבל פון נוסנהאָלץ פאַר זייער קוואַרטיר... נאָר וואָס קען איך טענות האָבן צו מאָסקווע, אַז איך האָב בעסער טענות צו זיך אַליין... אַז איך האָב עס גאָר אין גאַנצן נישט געדאַרפט... אַז איך שפּיי אויף די פינף טויזנט רובל... אַז איך קען זיי אָפּגעבן דריי מאָל אַזוי פיל, אַבי מיין טייער טעכטערל זאָל זיך נישט דאַרפן קיין קרום טון אויף איר טאַטן, אַז ער האָט זי אָפּגעשיקט פון זיין שטוב, נישט ווי עס געהער צו זיין... נו, נו, נאַ דיר בוימל!... וויפל איך וועל לעבן, וועל איך שוין מער, דאַכט זיך, קיין בוימל נישט פאַר־זוכן!... אַ מיאוסער פּראָדוקט — בוימל, פעט און נאַס און עס קלעפּט זיך... און ערגער פון אַלץ, פאַרשטייט איר מיך, איז מיר דאָס, וואָס איך האָב אַ לאָך אין האַרצן, האָב איך... איך פיל, אַז איך בין שולדיק... אמת, אמת: חטאתי, עויתי, ופשעתי... נישט מאָסקווע איז שולדיק, נאָר איך, איך אַליין... ווען איך זיץ אויף איר אָרט און זי אויף מיין אָרט, וואָלט איך איר דען פאַר אַזאַ הנדלען נישט געטון קיין מעשים אשר לא יעשו?... איך בין דאָך אַ רוצח, אַ בלוטזויגער, אַ הורג־נפשות, אַ... אַ איך וויים אַליין נישט וואָס... מיט וואָס פאַר אַ האַרץ גיי איך דאָס אָוועקרויבן דעם לעצטן טראָפּן חיות ביי פינף און אַכציק אָרעמע פאַמיליעס, ביי עטלעכע הונדערט ווייבער, קינדער און אַלטע לייט?... מיט וואָס פאַר אַ רעכט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? יונג און אַלט זיצן פון ווייס איך ווען אָן אַ טראָפּן פעטס און אַזאַ „וואָס אין דער קאָרט” ווי איך, גיי אין אַ שעת־חירום זיך אָנשלאָגן אַ בייטל... ווער אַ שטייגער, קען גיכער גיין קויפן אַ ליטער בוימל אויפן שוואַרצן רינאָק, איך צי דער אמתער האָראָפּאַשניק? וואָלט נאָך געווען שנים כתיקונם, מ־נע, העלפט נאָך תשובה, אָבער אין אַזאַ יאָר... אין אַזאַ יאָר... ס׳איז דאָך שוין אַ יובל, אַז דער אַרבעטער האָט נישט געזען קיין לעק בוימל אויף זיין מאָגערער קאַשע, איז אַז גאָט האָט געטון אַ נס און ס׳איז אָנגעקומען אַ טראָפּן אויפן ים איז — יעמוד ר׳ מעדאָוואַר! דער גרעסטער קבצן אין דער משפחה, אַיאָ? אוי, בין איך זינדיק... אוי, בין

איך זינדיק... ווען איך זאָל אָבער געווען דאַמאָלסט קראַנק זיין, וואָלט איך דאָך אַצינד געזעסן ווי אַ קעניג אין מיין שטוב, אין מיין קליט און געווען אַ מחותן ביי מיין טעכטערל, און אַזוי... גאָט ווייסט ווהין מיין געביין וועט אהינקומען... רבש"ע, ס'איז דאָך ערשט נישט לאַנג געווען חנוכה, יידן האָבן זיך משמח געווען מיט דיינע ניסים. האָב רחמנות, דערמאַן זיך אין יענעם נס מיטן בוימל און טו מיר אויך אַ נס, אַז איך זאָל ניצול ווערן פון אַט די פאַרשאָלטענע פערציק ליטער בוימל. כ'בעט דיך, באַרג מיר אויס נאָך דאָס מאָל, אַט וועסטו זען ווי איך וועל שוין ליטישער ווערן... פּרווו, וואָס ארט דיך...

*

עס איז געווען נאָך אַ שכן: וואַסיוק. אַ בריגאַדיר פון אַ קאָלכאָז, ער־נעץ פון הינטער טשערקאַס. אַ יונגער שגץ פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנ־ציק. אַ שעמעוודיקער ווי אַ קינד, אָבער ווען מען האָט זיך אָנגעהויבן אמפּערן, אַ גבר מיט אייזערנע מוסקולן. אַן אויסגעצייכנטער שאָך־שפּילער, אַ זינגער, נאָר אַ פינצטערער מרה־שחורהניק. ווען עס פלעגט אויף אים אָנפאַלן די בענקשאַפט נאָכן דאָרף, פלעגט ער זיך אויסציען אויף זיין נאַרע מיטן פּנים צו דער סטעליע און קוקן אין איין פּינטל אַריין. דאַמאָלסט האָט מען נישט געטאָרט נאָענט צוגיין צו אים, ער וואָלט געקענט הרגענען אויך. אָבער ווי עס איז אים נאָר איבערגעגאַנגען דאָס „משוגעת", איז ער געווען אַ לוסטיקער, אַ טאַנצנדיקער בחור, באַטש שיק אים גלייך פון דער קאַמער אויף אַ חתונה. פּעקלעך פלעגט מען אים שיקן איין מאָל אין צוויי, דריי וואָכן: היימישן קאָלבאַס, געזאַלצענעם לעשטש, ציבעלעס, קנאָבל און בי־ליקע, טרוקענע באַרן. זיין ענין איז אויך שוין לאַנג געווען איבערגעגעבן קיין מאָסקווע, נאָר אין דער „באַזונדערער באַראַטונג", וואָס האָט שוין במילא געהייסן פיל־פיל גרינגער פון דעם „דריילינג־טריבונאַל". כאָטש קיין אָנקלאַגע אויפן אורטייל האָט מען נישט אָנגענומען נישט פון דעם אָרגאַן, נישט פון יענעם, דאָך האָט מען געוווסט, אַז דער צווייטער געריכט איז אַ פיל וויניקער געפערלעכער פונעם „דריילינג".

געזעסן איז ער פאַר אַזאַ מעשה:

ביי זיין שוועסטער האָט געדאַרפט זיין אַ חתונה, האָט אויסגעפעלט מעל אויף וואַרעניקעס *. האָט ער אויסגעשפּירט אַ מאָמענט, ווען דער פאַרוואַלטער פונעם סקלאַד האָט אים ווי אַ בריגאַדיר אָנפאַרטרויט דעם שליסל פון סקלאַד און ער האָט אונטער דעם שטרוי אויפן הויף באַהאַלטן אַ האַלב זעקל מעל פון אַ פופציק קילאָ. צוויי נעכט האָט דאָס זעקל געגעב־טיקט אין סטויג און עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו נעמען עס אהיים. ערשט אויף דער דריטער נאַכט, פאַר טאָג צו, בעת דאָס גאַנצע

* אָזעלכע קרעפּלעך געפילטע מיט זיסוואַרג, מיט קאַרטאָפל־פּיורע אָדער מיט פלייש און געפּרעגלטע אין פעטס.

דאָרף איז געשלאָפן, האָט וואַסיוק אַרויסגעשלעפּט דאָס זעקל פון דעם באַהעלטעניש, אויף גיך עס געבראַכט אַהיים און אויף דער סאַמע טיר געוואָרן פאַרהאַלטן דורך דעם נאַכט־קאַראַאול פון דער לייכטער קאַוואַלעריע *. די פאַרוואַלטונג פון קאָלכאָז האָט בפירוש צוגעשטעלט דעם אויספאָרשער אַ היפּש צעטל פון זיינע פאַרדינסטן פאַרן קאָלכאָז. זיין בריגאַדע איז אויפן געביט פון אויספילונג פון פּלאַן, פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקציע און אין זעלבסט־בילדונג געגאַנגען אויפן ערשטן אָרט אין דעם גאַנצן „קושטש“ **. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער ראַיאָן־פּראָקוראָר האָט דעם ענין איבערגעגעבן דעם אָבל־פּראָקוראָר אין טשערקאַס און טשערקאַס האָט אים איבערגעשיקט קיין קיעוו. וואַסיוק געפינט זיך שוין אין קיעווער טורמע עלף וואָכן און ערשט נישט לאַנג האָט מען אים אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז זיין ענין איז אַוועקגעגאַנגען קיין מאָסקווע אין דער „באַזונדערער באַראַטונג“, .ווייל ער ווערט באַשולדיקט לויטן „געזעץ פון זיבעטן אויגוסט“.

וואַסיוק איז נאָך אַ יונגער שנעק, ער האָט נישט קיין כלה, אָבער לויט ווי ער דערציילט, זענען אַלע שיקסעס פון זיין דאָרף נאָך אים געווען די כפרה. נאָר ער לאַכט פון זיי. ער האָט אַן אויג אויף אַ לערערין פון אַ נאָענט שטעטל. ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבן שמועסן מיט איר „צו דער זאַך“, נאָר ער האָט אַלץ נישט געקענט איר זאָגן אָפן וועגן זיין פאָרשלאַג. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויבן און אַלץ נישט געקענט צוקומען צו דעם עיקר, אַלץ אַריבערגעשפּרונגען אויף פרעמדע ענינים, ביז עס איז אונטערגעקומען זיין שוועסטערס חתונה און ער האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן אויף דער סאַמע חתונה זיך איר דערקלערן... ער האָט זי איינגעלאַדן און זי האָט מיט חשק אָנגענומען זיין איינלאַדונג. איצט, צוליב די וואַרעניקעס מוז שוין אָפּגעלייגט ווערן זיין דערקלערונג פאַר דער לערערין, ביז נאָך דער באַפרייאונג. נאָר דערפאַר אָבער קען ער שוין איצט אויף אויסנווייניק אַלץ, וואָס ער דאַרף איר זאָגן. ער וועט זיך שוין מער נישט לאָזן אַראָפּפירן פון דער „טעמע“, ער ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון ! ער דאַרף, ערשטנס, אין קאָאָפּעראַטיוו איינקויפן אַלערליי נאַשערייען און אפשר אַ גוט פלעשעלע ווייַן אויך. נאָר דאָס מוז מען האַלטן באַזונדער, דאָס טאָר זי נישט באַמערקן, ביז העט־העט... נאָך דעם דאַרף ער זיך זען מיטן דירעקטאָר פון איר שול. אַהער — אַהין, ער דאַרף פּועלן ביי אים פאַר אַירעט וועגן אַן אורלויב אויף אַ גאַנצן טאָג. קומענדיק שפּעטער צו איר וועט ער זי בעטן, אַז זי זאָל מיט אים אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה שפּאַצירן אין דעם בעריאָזע־וועלדל, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פון איר דאָרף. זי וועט אויפהייבן אויף אים אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן :

---

* אַזאַ נאָמען האָט געטראָגן אַ יוגנט־קאָנטראָל־אָרגאַניזאַציע אין יעדער שטאָט און דאָרף.

** אַ פּאַראַייניקטע גרופּע פון קאָלכאָזן.

— וואַסיוק, דו ביסט שכור, צי וואָס? און די שול וועט אויף מיר וואַרטן?

ער וועט געבן אַ גליקלעכן שמייכל:

— שכור אפשר וועל איך אויך זיין, נאָר דערווייל בין איך נאָך ניכ־טער...

און ער דערלאַנגט איר דעם מאַגיקן אורלויב, שוואַרץ אויף ווייס. זי ווערט רויט, דראַט אים מיטן פינגער, טוט אָן יענץ גרינע זיידענע קלייד מיט די גלעלע מאַנדעלעך, — דאָס וועט ער זי שוין בעטן, אַז זי זאָל אָנטון דווקא דאָס קלייד, נישט קיין אַנדערס — אין דעם קלייד זעט זי אויס ווי אַן אַרטיסטקע. אַז זי וועט זיין זיינע, וועט ער אין טשערקאַס אָדער אין קיעוו קויפן הונדערט מעטער אַזאַ מאַטעריאַל און לאָזן אויפנייען פון איר־רעט וועגן עטלעכע צענדליק אַזעלכע קליידער, כדי זי זאָל שטענדיק, פון דעם אויפשטיין ביז דעם לייגן זיך, נאָר טראָגן אָט דעם קאָליר, וואָס פּאַסט איר אַזוי שטאַרק צום פּנים. אין וואַלד וועט ער גלייך פונעם אָנהייב צוטרעטן צו דער דערקלערונג:

— אַזוי ווי ער האָט זי שוין פון לאַנג ליב, נאָך פון פאַרן אַרעסט, און קען אויף קיין אַנדער מיידל נישט קוקן, ווייל זי פאַרטונקלט זיי אַלע, אין קאָלכאָז פאַרדינט ער פון זיבן ביז אַכט הונדערט „אַרבעטס־טעג" אין יאָר; אויב עס איז אמת, אַז דעם פאָרזיצער פון זיין קאָלכאָז וויל דער „צענטער" שיקן אין דאָרף־וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אויף פיר יאָר, האָט ער גרויסע שאַנסן צו פאַרנעמען זיין פּאָסטן. זי ווידער, קען גיין אַרבעטן אין שול אַלס לערערין אין זייער דאָרף, כאָטש היינט אפילו... ער האָט שוין דערפון געשמועסט... הכלל, אַלץ איז גלאַט און גוט, זי דאַרף נאָר זאָגן, אַז זי האָט אים אויך ליב, און דאַן — איז אַ חתונה און פאַרטיק!

שפּעטער דאַרף ער זי אָננעמען ביי דער האַנט, לייכט צוציען צו זיך און זי נישט לאָזן ענטפערן. אָט דאָ איז פונקט די פאַסיקע מינוט אַרויס־צונעמען דאָס פלעשל, אַליין אַ זופּ טון און איר געבן. און אויב נאָר זי לאָזט זיך איינרעדן צו פאַרזוכן פון זיין משקה נאָך אַזאַ פאָרשלאַג, דאַן קען ער זיך שוין דערלויבן זי אַרויפזעצן ווי אַ קליין קינד אויף די אַקסלען און זי אָפּטראָגן גלייך צו זיך אַהיים... אָך, וואָס פאַר אַ חתונה דער קאָלכאָז וועט פאַר אים פראַווען!... אַלע קאָלכאָזנע מיידלעך וועלן צעפּיקעט ווערן פון קנאה, וואָס ער נעמט גאָר אַ געלערנטע. און ער, פאַרקערט, מוז אויף צו להכעיס אַלע פאַרוּבקעס* אויף זיין חתונה איבערטאַנצן מיט אַלע זיי־ערע דיוּוקעס** און פרעגן ביי יעדער באַזונדער, צי געפעלט איר עפּעס זיין כלה. נאָר וואָס קומט אַרויס פון זיין טראַכטן? ער פילט, אַז היינטיקן ווינטער וועט שוין די חתונה נישט זיין... זי וועט שוין מוזן זיין פרילינג!... „זי" זאָל כאָטש נישט מיד ווערן וואַרטנדיק אויף אים... שוין זשע שטעלט

---

* שקצים.

** שיקסעס.

זי זיך נישט פאַר, וואָס ער פילט צו איר? זי איז דאָך עפּעס אַ פּרויענצי־מער און נאָך אַ געענדיקטע דערצו. מוז זי דאָך פילן, אַז זיין האַרץ צעגייט ווי וואַקס, ווי נאָר ער דערזעט זי... אָבער וויפל קען מען אים נאָך דאָ האַלטן פאַר די דריי פּוד מעל? שוין זשע וועט ער נאָך פריִלינג אויך נישט קענען פּראַווען זיין חתונה? און פאַר וואָס איז עפּעס פּלוצלינג אַזוי שטיל געוואָרן אין קאַמער? און ווען איז דאָס פינצטער געוואָרן אויף יענער זייט פענצטער? ווען ער האָט זיך אָוועקגעלייגט, איז דאָך געווען פאַר האַלבן טאָג! און ווער דערציילט דאָס דאָרטן עפּעס? אַ־האַ — לו־קיטש! אָט דער פאַרזשאַווערטער קולאַק!...

קאפיטל XLVI

לוקיטש איז געווען דער עלטסטער אין קאַמער, לויט די אָפּגעזעסענע יאָרן. געבראַכט האָט מען אים פון וולאַדימיר־וואָלינסק נאָך אין חודש מאַי 1930 און מען האָט אים נאָך קיין איין מאָל נישט אַרויסגערופן צום אויספאָרשער. ער איז עפּעס אַ נישט פאַרענדיקטער קולאַק און פוילט שוין באַלד דריי יאָר אין די טורמעס אָן אַ פאַרוואָס. צוויי זין האָט ער אַרויס־געשיקטע אויף סאַכאַלין מיט ווייב און קינדער און מיט אים ישובט מען זיך נאָך. נאָר דער ישוב איז אַזאַ לאַנגער, אַז לוקיטש גלייבט שוין גאָר־נישט, אַז מען וועט זיך נאָך אַ מאָל אין אים דערמאָנען און פון דער טיר וועט מען נאָך אַ מאָל אַ געשריי טון: „לוקיטש, צום אויספאָרשער!”... אָדער: „לוקיטש, הער אוים דיין אורטייל!”...

די פענצטער פון דער קאַמער זענען אַזוי ווי מיט שוואַרצן קרעפּ פאַר־האַנגען. אַ פּנים עס איז סוף חודש און קיין פראָסט איז אויך נישטאָ. לו־קיטש זיצט אויף זיין נאַרע און דערציילט, וואָס דאָ אין קאַמער האָט גע־טראָפן מיט היפּשע עטלעכע חדשים צוריק. דריי פּאָליאַקן זיצן דאָ שוין אויך זייער לאַנג פאַר איבערגיין די גרענעץ קיין רוסלאַנד. כאָטש זיי האָבן מיט אַלע סימנים דערוויזן, אַז זיי זענען אַרבעטער און קאָמוניסטן און די גרענעץ האָבן זיי געשוואַרצט נאָר דערפאַר, ווייל די פּאָליציי האָט זיי אָנ־געהויבן נאָכצוקוקן פוסטריט, דאָך האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. ביז די קאָנטערראַזוועדקע * וועט אין פּוילן נישט פעסטשטעלן דעם אמת וועגן זיי, קענען זיי נאָר זיצן און חרטה האָבן אויף זייער קומען אַהער. איצט זיצן זיי און שאָקלען צו מיט די קעפּ. רעדן אויף רוסיש איז זיי נאָך שווער, אָבער פאַרשטיין פאַרשטייען זיי גרינג און זיי געדענקען אויך גוט דעם פאַל, וואָס לוקיטש דערציילט, און אָט דאָס שאָקלען זיי צו מיט די קעפּ, זייענדיק מסכים מיט אים.

וואַסיוק דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט מיטן פּנים צום דערציילער און וויל אויך עפּעס כאַפּן, וואָס עס דערציילט דאָרט אַזוינס דער אַלטער מנוול.

— ...ס'איז געווען, געדענק איך, אַ לבנה־נאַכט און שוין נישט פרי... פאַר וואָס, וועט איר פרעגן, געדענק איך גראָד אַזעלכע אייַנצלהייטן? וועל איך אייך זאָגן. אין יענעם טאָג האָב איך באַקומען דאָס ערשטע פּעקל פון מיין טייער שנורל — די ערד מעג זי קענען — קנאָבל מיט סוכאַרעס. מער איז דאָרט גאָרנישט געווען... און זי שרייבט נאָך אַזוי ווייך: „אַזוי ווי אין טורמע מאַכט זיך אָפּט, אַז מען באַקומט צינגאַ** שיק איך אייך קנאָבל, דאָס איז אַ גוטער מיטל קעגן צינגאַ, און קעגן דעזענטעריע —

---

* דער סאָוויעטישער אָרגאַן פון געהיימער אויסשפּירונג אין אויסלאַנד.

** סקאָרבוט.

שווארצע סוכארעס, און דער עיקר, היט דאָס געזונט, טייערער פּאַפּאַשאַ"...
אַ קרענק איר אין די זייטן און אַ ווונד אין בויך!... מיט קנאַבל זאָל איך איר היטן דאָס געזונט... זי איז קראַנק געווען קוילען אַ חזירל, צי דאָרט אַ קעלבעלע און צושיקן גריוון מיט אָנגעפּילטע קישקעס, גלייך ווי זי ווייסט גאָרנישט, די מרשעת, אַז איך האָב דאָס ליב ווי דאָס לעבן... אַז נישט ווייס איך נישט, אַז זי ווינטשט מיר צו בלייבן אין טורמע אויף אייביק? איך קען נישט אָט דאָס צרעת? יאָ, כ'האָב מיך פאַררעדט, דאָס האָט אהער קיין שייכות נישט. דער עיקר, זאָג איך אייך, אַז די מעשה מיט טשאַ־באַטאַריאָוון איז געווען דעם זעלבן טאָג, וואָס איך האָב באַקומען אָט דעם פאַרשיווע קנאָבל. איך געדענק אפילו אַזאַ נאַרישקייט: איך שטיי מיר אַזוי און צעפּאַק די קויל־שווארצע סוכארעס מיטן קנאָבל, די פינגער ציטערן מיר אַזש פאַר כעס: מיט וואָס אָט די כלבטע הייסט מיר היטן דאָס געזונט! אַלע קערעווען אַפּ די אויגן, קענען אויף מיר נישט קוקן פאַר רחמנות... איך זאָג אייך, ווען איך האָב בשעת מעשה מיין שנור אין קאַמער, שוווער איך אייך ביי גאָטס מאַמע, אַז איך וואָלט זי צעריסן אויף שטיקער! איך רעד שוין נישט פון גריוון, נאָר פאַר מיין בזיון... מילא, וואָס האָט איר צו קלערן? עס איז מיר געווען גוט פריילעך אויפן האַרצן און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, קריכט נאָך אָט דער טשאַבאַטאַריאָוו מיט זיינע חלומות:

— זיידעשי לוקיטש, האַ, לוקיטש! מיר האָט זיך היינטיקע נאַכט געחלומט אַ חלום, זיי מיר אים פּותר, האַ?

איך שפּיי אויס און ענטפער אים:

— אַלע בייזע וויסטע חלומות זאָלן פאַלן אויף דיין קאָפּ און אויף מיין שנורס הענט און פיס!... ווען גאָט באַשערט דיר אַזאַ אָנגעלייגט פּעקעלע ווי מיר, וואָלסטו אין דיינע חלומות פאַרגעסן.

— ניין, לוקיטש, באמת אַ שרעקלעכער חלום האָט זיך מיר געחלומט. דו מעגסט הערן, וועסטו אַליין אויך זאָגן דאָס זעלבע... מיר האָט זיך גע־חלומט, אַז איך שטיי ביי זיך אין קאַבינעט און אויפן פּאָל ליגט אַ פּרעכ־טיק אויסגעאַרבעטע פעל געלער כראַם. איבער איר, מיטן קריידל אין די הענט, שטייט דער בעסטער צושניידער אין דער שיך־פאַבריק און פרעגט מיך, וואָס זאָל ער אויסשניידן, טופל, שטיוול צי טעשעלעך? און איך ענטפער אים שטרענג: נאָר קאָבורעס זאָלסטו אויסשניידן! קיין זאַך נישט, נאָר קאָבורעס!... וואָס קען דאָס הייסן לוקיטש? אַז בסך־הכל האָט מען קיין קאָבורעס אויף אונדזער פאַבריק קיין מאָל נישט אויסגעאַרבעט און בכלל האָב איך אויף מיין לעבן קיין מאָל נישט געזען, ווי אַזוי מען מאַכט אַ קאָבורע. און דאָ נאָך: אַזאַ גאָלדענע פעל! איך זאָג אייך, כאָטש מאַך פון איר נאַרקאָמעווסקע שטיוועלעך, און פּלוצלינג — נאַ דיר גאָר קאָבו־רעס!... וואָס קען דאָס אַלץ הייסן? האַ, לוקיטש?

אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען, דער טשאַבאַטאַריאָוו, פון איינעם צום

צווייטן: „זאָג, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? זאָג, וואָס זאָל דאָס באַדייטן?" און קיינער האָט אים נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן...

טאַקע דעם זעלבן ביינאַכט איז דאָס געווען... עס דאַרף שוין זיין לאַנג אין דער מעשה. כ'האָב מורא, אויב נישט קיין האַלב יאָר. עס איז געווען, געדענק איך, נישט לאַנג נאָך דעם, ווי עס איז אַרויס דאָס געזעץ פון זיבעטן אויגוסט, טאַקע גאָר נישט לאַנג. טשאָבאָטאַריאָוו איז געווען פון די ערשטע, וואָס מען האָט זיי מכבד געווען מיט דער מתנה... מיר זענען שוין גאָר אַלע געשלאָפן, נאָר פונעם שלאָף הערן מיר ווי עס עפנט זיך שטיל די טיר און דער קאָרידאָר־וועכטער פרעגט ביי דעם, וואָס ליגט אויפן עקסטן בעטל, ווו עס שלאָפט דאָ ערגעץ טשאָבאָטאַריאָוו. ביסלעכווייז האָבן אַלע אויפ־געהויבן די קעפּ, מיר זעען אויף דער שוועל שטייט אַ גאַנצע סוויטע: דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע, דער נאַטשאַלניק פון דער אָפּעראַטיווער אָפּ־טיילונג, דער קאָמענדאַנט, דער נאַטשאַלניק פון די קאַראַאולן און צוויי מענער אין ציווילער קליידונג. חוץ זיי זענען נאָך געשטאַנען אין קאַמער אפשר אַ צענדליק זעלנער מיט ביקסן. די ציווילע מיטן נאַטשאַלניק פון דער טורמע האָבן איבערגעפרעגט אַלע פּרטים דעם בלאָס געוואָרענעם טשאָבאָטאַריאָוון, אַריינקוקנדיק בשעת מעשה אין עפּעס אַן אַנקעטע. דער־נאָך האָבן זיי פאַרגליכט זיין געזיכט צו אַ פאָטאָגראַפיע. אַז אַלץ האָט אַ פּנים געשטימט, האָט דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע אַ ווונק געטון דעם קאָמענדאַנט און ער האָט שוין געהייסן צוויי זעלנער, וועלכע האָבן טשאָבאָטאַריאָוון באַלד פאַרשלאָסן די הענט אַרונטער מיט אַזאַ בראַסליעט. עטלעכע זעלנער האָבן זיך געשטעלט פאַר אים, און עטלעכע הינטער אים און מען האָט אים געהייסן גיין. ער האָט זיך געווענדעט צו די נאַטשאַל־ניקעס:

— נו, און מיינע זאַכן? איר מיינט, אַז אַ קאַטאָרזשניק דאַרף שוין גאָרנישט?

— אַ קאַטאָרזשניק דאַרף אפשר, אָבער דו דאַרפסט שוין נישט.

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר מען האָט אים מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט און פאַרשלאָסן די קאַמער. קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער קיינער האָט שוין אויך נישט געקענט איינשלאָפן. וויניקער ווי אין צוואַנציק מינוט אַרום האָט אַ לאַסטמאַשין אָנגעהויבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן רעש לאָזן דעם מאָטאָר און אין מיטן דעם גערויש האָבן מיר דייטלעך דערהערט אַ זאַלפּ פון ביקסן. אין דער פרי האָט אונדז דער קלייטניק שוין דערציילט, אַז יענע נאַכט האָט מען אין מיטלסטן הויף געשאָסן עפּעס איינעם פון ספּעץ־קאָרפּוס. אונדז האָט מען שוין נישט געדאַרפט דערציילן, ווער דער איינער איז... יענץ בעטל, וואָס אָט דאָס יידישע יינגל האָט נישט לאַנג פאַרנומען, איז געווען זיין בעטל. אין עט־לעכע טעג אַרום איז מען געקומען פון דער קאַנצעליאַריע נאָך זיינע חפצים.

שלמה גיט אַ ציטער מיט אַלע אברים און באַקוקט אויף דאָס ניי זיין שרעקלעך בעטל.

וואַסיוק לאָזט אַראָפּ די פּיס פון דער נאַרע:

— לוקיטש, ווו האָט ער געאַרבעט, אָט דער טשאַבאַטאַריאָוו?

— אין דער פּערטער שיך־פאַבריק, אויף קאַריניאַווקע.

— וואָס איז ער דאָרט געווען?

— טעכנישער דירעקטאָר פון דער פאַבריק.

— און אין וואָס האָט מען אים באַשולדיקט?

— האָב קיין מורא נישט, אומזיסט שיסט אפילו די ראַטנמאַכט אויך נישט. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ שיין פּעקל.

— וואָס זשע פּאָרט?

— מען האָט ביי זיי אויף דער פאַבריק געטיילט דעם אינזשיניעריש־טעכנישן פּערסאָנאַל אָפּשניצלעך פון לעדער און אָפּגענוצטע קאָפּיטעס פאַר הייצונג אויף ווינטער. מען האָט באַוואָרנט, אַז ווען די צוויי פורן, איינע מיט אָפּשניצלעך און איינע מיט קאָפּיטעס, זענען אַריינגעפאָרן צו טשאַבאַטאַריאָוון אין הויף אַריין און מען האָט פאַרשלאָסן דעם טויער, זענען אַלע איינוווינער פונקט נישט געווען אין הויף, נאָר דעם הויז־וועכטערס אַ מיידעלע פון אַ יאָר נײַן האָט מען נישט באַמערקט. זי האָט אַלץ געזען און אויף צו מאָרגנס אין שול עס דערציילט די חברטעס. עס האָט גראָד אונ־טערגעהערט אַ לערער, פּאָרזיכטיק אויסגעפרעגט דאָס מיידעלע וועגן אַלע איינצלהייטן און אין אַ שעה אַרום האָט שוין די געפּעאו איבערגעוואָרפן דאָס גאַנצע הייצונג און אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די קאָפּיטעס זיבן פעלן כראָם אויף העכער פופציק פאָר שטיוול. טשאַבאַטאַריאָוון האָט עמע־צער געגעבן אַ ידיעה, וואָס ביי אים אין דער היים טוט זיך, און מען האָט אים שוין געכאַפּט אויפן וואָקזאַל. אַזוי איז דאָס... פריער, אָדער שפּעטער... ביי דער מלוכה ווערט גאָרנישט געשענקט. קוים האָסטו נאָר ווען עס איז געזינדיקט קעגן זיי, הענגט שוין איבער דיר אַ חלף און ער מוז אַ שניט טון. אַ גרעסערן שניט, צי אַ קלענערן, אָבער אַ שניט מוז ער טון... וואָס דאַרפסטו מער? אָט, נעם מיך...

וואַסיוק וויל „אים״ נישט נעמען, ער קען שוין זיין נודנע געשיכטע גוט, זי קריכט אים שוין פון האַלדז. ער גלייכט זיך אויס, ציט אויס די הענט צו דער סטעליע און קרעכצט אַרויס:

— אוי, שוועסטערל מיינס, האָבן מיר דיינע וואַרעניקעס אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה... ווייסט עס דער רוח פאַר וואָס, נאָר עס איז מיר נמאס דאָס לעבן!

קיינער שלאָפט נישט אין קאַמער, נאָר עס הערשט אַ טויטע שטילקייט. יעדן באַזונדער איז פון דער מעשה וועגן טשאַבאַטאַריאָוון פינצטער אויף דער נשמה. יעדער מאַכט זיך אין האַרצן אַ חשבון־הנפש און פּרוווט טרעפן: וואָס דערוואַרט אים?...

קאַפּיטל XLVII

עס איז געווען נאָך אַ שכן ביי שלמהן — אַ גלח, אָדער ווי אַלע אין קאַמער האָבן אים גערופֿן: פּאָטער וואַסילי, און אויפֿן פֿאַמיליע־נאָמען: לאָבאָוו. לויט זיין רעליגיעזן ראַנג, איז ער געווען אין די פּעטשערסקע לאַווורעס* עפּעס אַ מין אַרכי־יעפּיסקאָפּ אָדער מעטראָפּאָליט... דאָס איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, זייער אַ שלאַנקער און נישט קיין מאָגערער. געהאַט האָט ער שוואַרצע, לאַנגע האָר און אַ באָרד אויך אַ שוואַרצע, נאָר נישט זייער קיין לאַנגע. עס איז געווען צו באַוווּנדערן, אַז אַ מענטש אין זיינע יאָרן זאָל נישט האָבן קיין איין און איינציקע גרויע האָר... דער שטערן האָט זיך ביי אים אַרויפֿגערוקט ביז אין מיטן קאָפּ און זיך פֿון דאָרטן פֿאַרשפּיצט אין צוויי טיפֿע ווינקלען. אונטער אָט דעם פּראָפֿעסאָרישן, ווייסן שטערן האָבן ערנסט, נאָר ווייך, אַרויסגעקוקט אויף דער וועלט אַ פּאָר קלוגע, גוטע און רואיקע־רואיקע אויגן. נאָך נידעריקער אויפֿן פּנים האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַ לענגלעכע, סעמיטישע נאָז, דינע, שוואַרצע וואָנסן און רויטע ליפּן, ווי אָנגעפּאַרבטע. גערעדט האָט ער, אָט דער לאָבאָוו, שטיל, געלאַסן און אויף אַ פּרעכטיקן, ליטעראַרישן רוסיש. געקליידעט איז ער געווען נישט רייך, נאָר זייער זויבער. אייניקע אין קאַמער, קיעווער איינוווינער, האָבן אים געקענט פֿון דער פֿרייהייט. לויט זייערע רייד איז אָט דער לאָבאָוו די ערשטע רעליגיעזע פּערזאָן אין אוקראַינע. חוץ דעם האָט ער אין פּאַריז געענדיקט אויף דאָקטאָר פֿילאָזאָפֿיע, רעדט פֿריי כמעט אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. ווען די מאַכט־אָרגאַנען האָבן, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת זיך באַשלאָסן אים איינצושפּאַרן, זענען פֿון מאָסקווע אָנגעקומען באַזונדערע פֿאַראָרדענונגען וועגן דעם פּאָטער וואַסילי. קיינער האָט נישט געוווּסט, פֿאַר וועלכע זכותים, נאָר מען האָט אים געגעבן אומגעהערטע פּריווילעגיעס. עסן — פֿלעגט ער באַקומען פֿון זיינע אָנהענגער דריי מאָל אַ טאָג און עס פֿלעגט גלייך אָפּגעשיקט ווערן אין קאַמער, אַזוי אַז ער פֿלעגט אַלץ באַקומען אין אַ הייסן צושטאַנד. די האָר האָט מען אים נישט געשאָרן. דאָס איז געווען איין אויסנאַמפֿאַל אין דער גאַנצער טורמע. חוץ דעם האָט מען אים דערלויבט טראָגן אויפֿן האַלדז אַ לאַנגן ווייסן צלם. ביי אַן אַנדערן וואָלט דאָס שוין פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ געווער אויף צו באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר אין דעם פּאָטער וואַסילי האָט מען געמעגט זיין זיכער, אַז ער וועט זיין האַנט אויף זיך נישט לייגן. נישט פֿון די שוואַכינקע נאַטורן געווען... עס האָט פֿון אים קיינער קיין מאָל קיין קרעכץ נישט געהערט. ער האָט שטאָלץ און ווירדיק געטראָגן זיין גורל.

---

* אַ פֿעסטונג מיט היסטאָרישע קלויסטערס אין קיעוו. ביי די אָרטאָדאָקסישע קריסטן זענען די לאַווורעס געווען נישט ווייניקער הייליק, ווי דער קרעמל פֿון מאָסקווע.

די ערשטע טעג, איידער שלמה האָט זיך מיט אים נעענטער באַקענט, פֿלעגט ער נייגעריק זיך צוקוקן צו אָט דעם וווּנדערבאַרן מענטשן. פֿון אין דער פֿרי אָן האָט ער אָנגעהויבן שפּאַצירן צווישן די נאַרעס אַהין און צוריק, אַהין און צוריק: קיין איין גיכער טראָט נישט — נאָר פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, צו קליינע שפּאַנ מעסטן דעם צימער אַרויף און אַראָפּ. אויף די ליפּן פֿלעגט ביי אים רוען אַ שטילער, גליקלעכער שמייכל, עס האָט אויסגעזען, אַז אָט דער מענטש איז גאָר צופֿרידן פֿון זיינע יסורים... נישט ער גענעמט זיי אָן פֿאַר ליב, נאָר ער איז זיי גערן; ער וואָלט זיי גאָרנישט געוואָלט אויסמיידן... ווען ער פֿלעגט מיד ווערן פֿון זיין לאַנגן שפּאַציר, פֿלעגט ער זיך צוזעצן אויף זיין נאַרע, אַריינלייגן דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און אַזוי פֿאַרגליווערט ווערן אויף לאַנגע שעהן. פֿון אָנהייב, ביי אַזאַ פֿאַל, האָט שלמה געטראַכט, נישט אַנדערש, ווי דער מענטש איז איינגעשלאָפֿן; ער האָט זיך אָבער עטלעכע מאָל איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ טעות. דער פֿאָטער וואַסילי שלאָפֿט נישט, ער טראַכט נאָר. קוים האָט עמעצער פֿון די אַרעסטאַנטן אַ זיפֿץ געטון, אַזוי פֿלעגט ער איבעררייסן זיינע ווייטע געדאַנקען, אַ זוך טון מיט די אויגן דעם זיפֿצנדיקן, שטענדיק אָן אַ טעות געפֿינען אים, שווער זיך אויפֿהייבן, צוגיין צו יענעם, אויספֿרעגן זיך ביי אים, פֿאַר וואָס זיפֿצט ער, אויסהערן יענעמס שווער האַרץ, זיך באַטייליקן אין יענעמסליידן, אויסרעדן אים דאָס האַרץ, דערציילן אים אַ נעמלעכע געשיכטע פֿון די הייליקע שריפֿטן, מוסרן אים, פֿאַר וואָס ער טראַכט צופֿיל, פֿאַר וואָס זאָל ער נישט שפּילן אין וועלכער עס איז שפּיל, און ער פֿלעגט זיך נישט באַרויקן, ביז ער האָט נישט געזען דעם קרעכצנדיקן שפּילן אין דאָמינאָ אָדער אין דאַמקע. און ווידער מעסט דער פֿאָטער וואַסילי די קאַמער אַרויף און אַראָפּ, מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די בליענדיקע ליפּן.

נאָר וווּנדערלעכער פֿון אַלץ איז געווען זיין עסן, דאָס הייסט — זיין נישט עסן. זיינע דריי אָנבייסנס, וואָס ער פֿלעגט באַקומען טאָג־טעגלעך, האָבן זיכער אויסגעמאַכט אַ זעקס, זיבן קילאָגראַם עסנוואַרג, פֿון וועלכע דער פֿאָטער וואַסילי פֿלעגט אפֿשר אויפֿעסן דריי הונדערט גראַם פֿאַרן גאַנצן טאָג. ער האָט נאָר אויף אַזוי פֿיל געגעסן, אַז די נשמה זאָל זיך האַלטן אין קערפּער, און דאָס איבעריקע פֿלעגט ער צעטיילן צווישן די הונגעריקע אין קאַמער. אָבער ווי אַזוי צעטיילן? שלמהן פֿלעגט זיין אַ בזיון מודה צו זיין פֿאַר זיך אַליין, ווי אַזוי אַ קריסט פֿאַרשטייט אַזוי גרונטלעך דעם אופֿן פֿון צדקה־געבן. דעם סוד פֿון „מתּן בסתר“. אין ברייטן אַרבל פֿון זיין סוטאַנע פֿלעגט ער אַריינגעמען אַ האַלבע בולקע מיט אַ שטיק פֿלייש, זיך אַזוי לאַנג אַרומדרייען אַרום דעם הונגעריקן אַרעסטאַנטס נאַרע, ביז אים איז טאַקע געלונגען אומבאַמערקט אַריינרוקן די שפּייז צו יענעם אין ליידיקן טעפּל, אָדער זי געבן אַ שטעק אָפּ אונטער דעם צוקאָפּנס. אַן אַנדער מאָל פֿלעגט ער אָננעמען אַ שיסעלע וואַסער צום טרינקען און „אומגערן“ עס אויסגיסן. דאַן פֿלעגט ער זיך ווענדן צו איינעם פֿון די

הונגעריקע פּאַליאַקן מיט א פראַגע, צי קען ער אים טון א געפעליקייט און אויסווישן דעם צעמענט פאַר אים. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יענער פלעגט זיך איילן צו טון עפּעס פאַר דעם הייליקן פּאַטער וואַסילי, און נאָכן אויס־ווישן האָט ער שוין געמוזט אָפּעסן מיט אים אָנבייסן... דאָס הייסט, יע־נער האָט געגעסן און לאַבאָוו פלעגט זיצן דערביי און פלעכטן זיך די האָר. נאָך דעם, פלעגט ער אים נאָך מיטגעבן עסנוואַרג פאַר זיינע חברים, די פּאַליאַקן.

טאַמער האָט ער געזען, אַז דער טאָג גייט אַוועק און אים גיט זיך נישט איין קיינעם גאַרנישט אונטערצוּוואַרפן און ער קען נאָך חלילה בלייבן מיט זיין קראַם אויף מאָרגן, דאַן פלעגט ער אויסרופן איבער דער קאַמער, אַז ביי נאַכט האָבן אים שטאַרק געביסן וואַנצן, על־כן, איז ווער עס וויל זיך באַמיען אים ריין צו מאַכן די נאַרע, וועט ער דערפאַר באַלוינען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן זיך א וואָרף געטון אַרבעטן פאַר דעם פּאַ־טער וואַסילי, נאָר ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי פיל מענטשן דאַרף ער נישט. ער פלעגט איבערלאָזן נאָר די סאַמע הונגעריקע ביי דער אַרבעט. ווען די רעוויזיע איז געווען געענדיקט, פלעגט ער אַלעמען אַוועקזעצן ביים טיש, אַליין אַרומשמאַיען אַרום זיי און דערלאַנגען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. די אַרבעטער פלעגן נישט וועלן נעמען, טענהן:

— טייערער פּאַטער וואַסילי, אונדז קומט דאָך נישט, מיר האָבן דאָך קיינע וואַנצן נישט געפונען...

— וואָס זשע זענט איר שולדיק? איר האָט דאָך געוואָלט געפינען. איי, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן — אָבער אין אייך איז דאָך קיין מניעה נישט געווען... עסט, עסט, איר האָט כשר פאַרדינט!...

און אויף צו מאָרגנס פלעגט זיך אים ווידער דאַכטן, אַז עס בייסט אים...

געזעסן איז ער דערפאַר, ווייל פון מאָסקווע האָט מען געפאָדערט, אַז דער אַרכי־יעפּיסקאָפּ וואַסילי לאַבאָוו זאָל דורך דער פרעסע זיך אָפּ־זאָגן פון זיין ראַנג, מיט דעם מאָטיוו, אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ, אין וואָס ער האָט געגלייבט ביז אַהער, איז פאַלש, נאַריש און בלויז שווינדל...

ער, פון זיין זייט, האָט געענטפערט די אויספאָרשערס, אַז זיין לעבן איז גאַרנישט אַזוי טייער ביי אים, זיי קענען דאָס פריי צונעמען, אויב זיי דאַרפן עס, אָבער אַזאַ דאָקומענט וועט ער נישט אַרויסגעבן...

עס איז צו אים ספּעציעל געקומען פון מאָסקווע א מענטש פון די גאַר־גאַר הויכגעשטעלטע לייט און אים הייליק צוגעזאָגט, אַז זיין אָפּזאָג וועט אין די רוסישע צייטונגען נישט דערשיינען, דאָס איז גאָר בלויז פאַר אויס־לאַנד, א ריין פּאָליטישער אַקט. דערויף האָט אים לאַבאָוו געענטפערט, אַז ווען מען זאָל אפילו באַלד פאַר אים אין די אויגן צערייסן דעם געפאָדערטן דאָקומענט, וועט ער אים אויך נישט אָנשרייבן... קיין קאַטאָוועס מיט גאָט מאַכט מען נישט...

דאן האט די הויכגעשטעלטע פערזאן א קלאפ געטון אין טיש:

— דו מיינסט, לאבאוו, אז איך שפיל זיך מיט דיר? אויב דו שרייבסט נישט אן דאס, וואס מען לייגט דיר פאר, וועל איך דיך אויפהענגען אויף דיינע צעפ אדער איך וועל מיט דיין פלייש האדעוועז די פיש אויף סאַכאלין...

— דו דארפסט זיך נישט אזוי אויפרעגן, מיין קינד, איך בין אויף אלץ גרייט, כאטש די מינוט... מיין קערפער איז אין אייערע הענט...

אט אזוי איז דער מאסקווער טאקע אוועקגעפארן מיט א לאנגער נאז און לאבאוו איז געבליבן מעסטן די קאמער און רייניקן אלע טאג די וואנצן...

דאס אלץ האט נישט לאבאוו דערציילט שלמהן, גאט באהיט! ער האט קיין מאל וועגן זיך קיינעם גארנישט דערציילט. דאס איז שלמה געוויר געווארן „הינטן ארומער”. אין טורמע איז נישטא אזוינס, אז מען זאל נישט וויסן. אזוי, צי אנדערש, אבער מען ווייסט אלץ וועגן יעדן איינעם. דער קלאזעט איז פארשריבן מיט מעשות. אויפן שפאציר ווערט מען פיל זאכן געוויר. דער דעזשורנע פון קארידאר דערציילט א מאל.

עס האט לאנג נישט גענומען און שלמה האט זיך מיט לאבאוון שטארק באפריינדעט, לאנגע שעהן פלעגן זיי שמועסן אויף היסטארישע און רעליגיעזע טעמעס. לאבאוו האט אים שטארק ליב באקומען און שלמה האט געהאט פאר אים גרויס אפשיי. פיל נעכט האבן זיי זיך אפילו שלאפן נישט געלייגט. לאבאוו האט אים דערציילט וועגן איטאליע און פראנקרייך און שלמה אים, וועגן דעם אמאליקן לעבן אין די יידישע שטעטלעך, וועגן די יידן אין מיטל־אזיע. שלמהן האט געוואונדערט, וואס א יעפיסקאפ קען פריי לייענען יידיש און העברעאיש, און לאבאוון האט געוואונדערט, וואס אזא יונגער ווי שלמה קען אזוי טיף תלמוד, רמב״ם און אלע איבעריקע שווערע יידישע ספרים.

קאפיטל XLVIII

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס שלמה האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער צווייטער קאַמער אויפן פערטן קאָרידאָר, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע פיר ווענט שאַפן מיט זיך אַ לאַנג־דויערנדיקן ברעג אין זיין לעבן. דאָ, אַבי געזונט, קען ער זיצן חדשים מיט יאָרן... ער האָט אויסגעקויפט וויפל עס איז נאָר געווען ווייס פּאַפּיר אין טורמע־קליטל, איבערגעשריבן פון זכרון תהילים, עטלעכע צענדליק פרקים משניות און האָט זיך אַליין געמאַכט אַ סדר־היום, מיט אַזאַ חשבון, אַז ער זאָל קיין מאָל קיין איבעריקע צייט נישט האָבן. פינף אַ זייגער פאַר טאָג פלעגט מען אויפהייבן די גאַנצע טורמע מיט אַ קלינגען אויף יעדן קאָרידאָר. ביז האַלב זעקס האָט מען געדאַרפט זיין אָנגעטון, אָפּגעוואַשן און שטיין אויסגעשטעלט אין די רייען, גרייט צום איבערציילן. דערנאָך פלעגן אַלע זיך צונויפנעמען אין גרופּעס און פירן פאַרשיידענע געשפּרעכן. אָט די פרייע צוויי, דריי שעה פלעגט שלמה אויסנוצן אויף אָפּדאַווענען און תהילים זאָגן.

אין עקסטן ווינקל פון דער קאַמער, מיטן פנים צום בלויליכן פענצטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ פלאַמענדיק האַרץ, פלעגט ער מיט מנשהס ניגון און מיט זיין זיידנס דביקות אָפּזאָגן גאַנץ תהילים. אין די דאָזיקע פּאָר שעה איז ער געווען אין גאַנצן אויסגעטון: פון זיין שווערער לאַגע, פון קיעווער צוציאונגס־קראַפט, פון פּאָלים צויבער, פון די נאָכווייעניש פון קאָזאַקאָווס רציחות. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „לבי ובשרי ירננו אל אל חי" — און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען... פון דאָס ניי האָט זיך אין זיין האַרצן צעפלאַקערט די ליבע צו ציון. ווי צוריק מיט צען, צוועלף יאָר האָט זיין האַרץ אין אים געוויינט אויף די יאָרן, וואָס גייען אַוועק און ער איז נאָך אַלץ אין חוץ־לאָרץ... און אַצינד נאָך, ביי דער געפּעאו אין די הענט, איז דאָך אודאי און אודאי אָפּגעשמועסט פון ציון...

אין דער שעה פון אַכט ביז ניין פלעגט מען ברענגען ברויט מיט זודיק וואַסער. נאָך דעם זענען געגאַנגען די גליקלעכסטע פופצן מינוט פונעם מעת־לעת אין אַרעסטאַנטישן לעבן: דער שפּאַציר אונטערן פרייען הימל. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער שטח איז געווען אויסגעמאָסטן, אויב עמעצער האָט געשטעלט אַ טריט ווייטער, ווי עס איז געווען אָנגעצייכנט, זומער מיט קרייד, ווינטער מיט אַ קויל, איז ער שוין געווען אויף אַ וואָך אָפּגעשטעלט פון שפּאַציר... נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען זעלנער מיט געווער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די געציילטע מינוטן האָט מען אויף האַלב באַנגבעט און דאָס איבעריקע איז איבערגעלאָפן, נאָך איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, דאָך האָט דאָס פאָרט געהייסן אַ גרוס פון דער פרייער וועלט. די זון שיינט אַזוי חנעוודיק און אַזוי ליבלעך, אַז מען פאַרגעסט גאָר, אַז עס איז ווינטער... און באמת

טאַקע, עס איז גאָרנישט אַזוי מסוכן קאַלט. נאַטור־קענערס, ווי לוקיטש און וואַסיוק, זאָגן פאָרויס, אַז הײַנטיקס יאָר וועט זײַן אַ פריער פרילינג, אין חודש מאַרט וועלן שוין זײַן פאַרזייט די פעלדער. אַלע טאָג כאַפּט מען אויף פון דער לופט עפּעס נײַעס. דאָס קלייטל איז דער קוואַל פון די „פּאָטשטן".

אַרײַנגעקומען אין קאַמער, שפּילט שלמה מיט וואַסיוקן אַ פּאַרטיע אין שאַך, אַ מאָל צוויי, נאָך דעם זעצט זיך דער „געשווירענער פּירלינג" שפּילן אין דאָמינאָ. שלמה שפּילט מיט אַשכאַקאַדזען און מעדאָוואַר מיט וואַסיוקן. אַזוי שפּילט מען שוין, ביז מען ברענגט מיטאָג. אַלע געבן זיך אַ לאָז מיט די טעפּעלעך צום קעסל, חוץ צוויי מענטשן אין קאַמער, וואָס שענקען אַוועק זייער אָנבײַסן: דאָס איז לאָבאָוו, וואָס עסט פון זײַן אייגנס אפילו קיין צענטל נישט אויף; דער צווייטער איז פּיאַטיגאָרסקי, וואָס חוץ צו אַ גלאָז הייס וואַסער רירט ער זיך צו גאָרנישט צו. שלמה גייט צו צו זײַן קוישל, עסט אָפּ, וואָס ער האָט דאָרט, און נעמט זיך לערנען משניות. אָפּגעלערנט צוויי, דרײַ פּרקים, נעמט ער עפּעס אַ בוך פון די עטלעכע ביכער, וואָס די טורמע־ביבליאָטעק האָט אַרײַנגעשיקט, ליגט זיך צו, לייענט אַ ביסל, דערנאָך דאַוונט ער מנחה, כאָטש עס איז נאָך פרי, און כאַפּט אַ דרימל אויף עטלעכע שעה. ווען ער כאַפּט זיך אויף, איז שוין אין דרויסן נאַכט. מען ברענגט אַרײַן טיי, ער דאַוונט אָפּ מעריב, עסט אָפּ: אָדער פאַרפרוירענע פיש, וואָס שטייען אַ גאַנצן טאָג אויפן קאַלטן צעמענט, אָדער פּאָווידלע, הערינג, כאַלוואַ, פאַרטרינקט מיט אַ גלעזל וואַרעמס און זעצט זיך צו צום פּאָטער וואַסילי. יענער, אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט זײַן נאַכט־געבעט, וואַרט שוין אויף אים.

זיי האָבן זיך שטאַרק צוגעבונדן איינער צום צווייטן, לאָבאָוו און פּיאַטיגאָרסקי, זיי האָבן אַ נישט־אויסשעפּנדיקן קוואַל פון רייד... עס ווערן אַרומגערעדט אַלערליי היסטאָרישע עפּאָכעס, די צײַט פון דער גריכישער העגעמאָניע איבער דער וועלט, שפּעטער — פון דער רוימישער. שלמה הערט אויס אַ געניטען באַריכט פון יענער באַרבאַרישער תקופה. לאָבאָוו מאַכט אַ גאַנץ אויספירלעכן איבערבליק פון דער צײַט, ווען די רוימער האָבן געקרייציקט יעזוסן, ביז דעם אויפקום פון דער פויפּסטלעכער מאַכט און איר צעוואַקסן זיך אין אַ וועלט־הערשאַפט. שלמה מישט אויף אַ שמועס וועגן די בלוטיקע קרייץ־צוגן קעגן יידן. לאָבאָוו פּרוּווט אָפּזוכן אַרגומענטן צו פאַרענטפערן יענע טאַטן פונעם קריסטנטום אין יענע פאַרצײַטישע יאָרן. און אַזוי אומבאַמערקט ווערט האַלבע נאַכט און זיי שפּאַרן זיך צו אויף די עטלעכע שעה, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביזן „אויפהייבן" דעם עולם.

אַן אַנדער מאָל פאַרהערט מען זיך קעגנזײַטיק. שלמה זאָגט אַ פּסוק פון תהילים און לאָבאָוו זאָגט מיט אַ רואיקן שמייכל, אין וועלכן קאַפּיטל דער פּסוק געפינט זיך. שלמה היצט זיך, ער קען נישט מסכים זײַן דערמיט, וואָס דער יעפּיסקאָפּ קען תהילים בעסער ווי אַנדערע יידן. ער פרעגט נאָך אַ פּסוק און נאָך אַ פּסוק, נאָר לאָבאָוו פאַרטראַכט זיך אפילו נישט. עס ליגט

ביי אים אויף דער צונג דער גאַנצער תהילים. שלמה בלייבט זיצן איבער־ראַשט און טיף באַליידיקט. לאַבאַוו בעט אים דערלאַנגען זיין איבערגע־שריבענעם תהילים, שלמה דערלאַנגט, נישט ווילנדיק, נאָך וואָס. יעדעס מאָל באַוואונדערט שלמה אויף דאָס ניי, ווי דער פּאָטער וואַסילי לייענט פריי העברעאיש. איצט לייענט ער איבער אַ פּסוק און פרעגט שלמהן ווו עס גע־פינט זיך, שלמה זאָגט. נאָך עטלעכע — שלמה געדענקט גוט, דאָס האָט ער איבערגעשריבן דעם תהילים נישט אויף שווין, נאָר אויף שפּעטער, ווען ער וועט שוין האָבן זיינע אייגענע ציין יאָר אויף צפון. אָבער דערווייל גע־דענקט ער נאָך אַלץ גוט. דער פּאָטער וואַסילי פאַרהערט אים משניות אויף אויסנווייניק, שלמה זאָגט ווי אַ וואַסער. דאַן לייגט ער אַרויף זיין האַנט אויף שלמהס אַקסל, זיינע גוטע אויגן שמייכלען מיט קינדערשער גוטסקייט:

— הייגט, זאָג מיר, קינד מיינס, פאַר וואָס פאַרדריסט דיך, וואָס איך געדענק אויך אַ ביסל די פּסאַלמען פון קעניג דוד? ערשטנס, בין איך מער פון צוויי מאָל אַזוי פיל אַלט ווי דו, צווייטנס, האָב איך אין רוים געענדיקט די טעאָלאָגישע הויך־שול. אין פּאַריז — שפּעטער — אַן אַקאַדעמיע, אין וועלכער איך האָב געענדיקט דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט, און כמעט גע־ענדיקט דעם היסטאָרישן פאַקולטעט... כ'האָב אין מיין לעבן פיל מער יאָרן געלערנט, וויפל דו האָסט שוין אין גאַנצן אָפּגעלעבט אויף דער וועלט... און דו פאַרגינסט מיר אַלץ נישט, כאָטש אַליין קענסטו נישט ווייניקער פון מיר...

שלמה פלעגט אים גאָרנישט ענטפערן, נאָר פון דעסט וועגן בלייבן נישט געטרייסט. עס האָט אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ:

— סטייטש, סטייטש, וויפל זענען דען דאָ יידן אַזעלכע, זיי זאָלן וויסן, אין וועלכן קאַפּיטל יעדער פּסוק געפינט זיך? און דאָ אַ גוי — און ווייסט! אמת, אָט דער גוי איז נישט קיין פּראָסטער מענטש, אים קען מען געוויס פאַררעכענען צווישן די חסידי־אומות־העולם. יאָ, אָבער דער תהילים איז דאָך אונדזערער, פון דוד מלך ישראל...

פאַר טאָג־צו פלעגן זיי זיך שטענדיק צעגיין ווי גוטע פריינט.

פאַרן שלאָף פלעגט שלמה אַ טראַכט טון ביי זיך:

— וואָס וועט מען טאַקע סוף כל סוף טון מיטן פּאָטער וואַסילי? און וואָס קען זיין מיט מיר אַליין? אָט זיץ איך שוין דריי וואָכן אין טורמע און קיינער דערמאָנט זיך אין מיר אפילו נישט. כ'האָב מורא, אַז מיט מיר וועט זיין דאָס זעלבע וואָס מיט לוקיטשן. יענער איז אַ נישט־פאַרענדיקטער קור־לאַק, און איך — אַ נישט־פאַרענדיקטער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער... איך קען דאָ אָפּזיצן אַ יאָר, ביז מיין ענין וועט אַוועקגיין קיין מאָסקווע, און נאָך דעם? — נאָך דעם רעדט מען שוין נישט! אַבי געזונט, יאָרן וועט מען מיר געבן...

*

ערנער פון אַלץ איז געווען דאָס גיין אין באָד אַריין. די היגיענע אין ספּעציעלן קאָרפּוס האָט געמוזט זיין שטרענג אָפּגעהיט. פאַר געפּיינען אַ לויז ביי אַן אַרעסטאַנט, האָט דעם נאַטשאַלניק פונעם קאָרפּוס געדראָט אַ מיאוסער פאָרוואורף מיט אַ התראה. אַלע פינף, זעקס טעג, אַזוי ווי אַ זייגער, פלעגט מען טרייבן אין באָד אַריין. מערסטן טייל פלעגט דאָס טרעפן ביי נאַכט. מען ליגט איינגעוואָרעמט יעדער אונטער זיין צודעק, פּלוצלינג עפנט זיך דאָס „אייגל" אין דער טיר און דער קאָרידאָר־וועכטער שרייט אַריין :

— אויפהייבן זיך ! אין צען מינוט אַרום אין באָד אַריין !

דער רחמנות אויף די מענטשן איז געווען אומגעהייער גרויס. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ האַרמידער, אַזאַ איבערקערעניש, אַז עס האָט געשווינדלט אין די אויגן. יעדער איינער האָט פיבעריק געפּאַקט זיין הלבשה, אַ קאָלדרע, אַ קישן — אַלץ האָט געמוזט גיין אין דעזינפעקציע. דאָס עסנוואַרג ווידער האָט מען אויך געמוזט צוזאַמענגעמען. בעת דעם גיין אין באָד אַריין ווערט אַלץ אַרויסגעשטעלט אויפן קאָרידאָר, ווייל די קאַמער ווערט פאַר דער צייט דעזינפעקצירט. אין עטלעכע מינוט אַרום עפנט זיך די קאַמער. אַלע טראָגן אויף גיך אַרויס זייער שפּייז, נעמען די זעק אויף די פּלייצעס און מען גייט אַזוי ווי די יידן פון מצרים...

עס איז נאָך האַלבער נאַכט, די קערפּערס זענען צעפּאַרעט פונעם שלאָף. אין דרויסן בלאָזט אַ טרוקענער עסעריקער ווינט, ער נעמט דורך אַלע אבּרים. אין באָד אַריין איז זייער ווייט, אפשר אַ פערטל קילאָמעטער. די הענט, האַלטנדיק די קלומקעס, פרירן גיך. דער ווינט פאַרשלאָגט דעם אָטעם. ביז דעם באָד זענען דאָ עטלעכע טויערן מיט וועכטערס, איידער מען דערקלאַפּט זיך, איידער מען דערשלעפּט זיך. קוים אַ מאָל געקומען אין באָד אַריין !...

אין פעדערשטן צימער, ווו מען דאַרף זיך אויסטון, איז קעלטער ווי אין דרויסן. מען טוט זיך אויס. אַלץ ווערט אָנגעגרייט ביים פענצטער צו דעזינפעקצירן און אַליין שטייט מען ביי דער טיר אויף אַריינגיין אין באָד אַריין. די פיס פרירן צו צום צעמענט, האַלט מען אין איין טאַנצן פון איין פוס אויף דעם צווייטן. די ציין קלאַפּן פיבערדיק. די נאָכהענגענדיקע הויט אויף די ביינער ווערט באַלד בלוי און ציטערט. ענדלעך עפענען זיך די טויערן פונעם גן־עדן און מען לאָזט אַריין אין באָד אַריין.

אויף דער טיר שטייען צוויי אַלטע, מיאוסע קאַזאַטשקעס. איינע טיילט זייף, די צווייטע שערט. מיט איין און דערזעלבער מאַשינקע שערט זי אָפּ דעם קאָפּ, די באָרד און אַלע איבעריקע ערטער... פאַר אָט די קאַזאַטשקעס זענען די אַרעסטאַנטן נישט קיין מענטשן, נאָר שאָף. זייער אומפאַרשעמטקייט האָט גאָר קיין ברעג נישט. געקומען צום פאָטער וואַסילי, דערזען זיין באָרד און זיינע לאַנגע לאָקן, וויל אים די קאַזאַטשקע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען אויף דער אַרבעט, נאָר אָפּשערן. זי האָט אַזאַ באַפעל : קיין איין האָר נישט דורכלאָזן, אַן אַן אויסנאַם. וויפל די אַרעס־

טאַנטן גיבן איר נישט צו פאַרשטיין, אַז ער האָט אָט די פּריוויליעגיע פון מאָסקווע און זי איז דאָ אַ קליין מענטשעלע, ווייל זי פאָרט נישט הערן קיינע תירוצים און זי שרייט אין איין קול:

— ביי דער טיר בין איך אַליין מאָסקווע, לערנט מיך נישט קיין שכל!

נאַקעטערהייט שטייען אַלע אַזוי לאַנג און אַמפּערן זיך מיט אָט דער אַלטער סאָלדאַטקע, ביז עס גייט אַוועק אַ זעלנער אויפצוזוכן דעם נאַטשאַלניק פון דער באָד. ער זוכט אים אין קאָמענדאַטור, אין דער קאַנצעלאַריע, אין דער קאַראַאולקע — איין מאָל ניין, ער איז אויסגערונען! מיט גרויס מאַטערניש געפינט ער אים אַ שלאָפנדיקן אין סקלאַד. ער קומט צו גיין אַ בייזער, מחמת מען האָט אים אויפגעריסן אין מיטן שלאָף. דערהערט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, גיט ער אַ שפּיי און הייסט דורכלאָזן דעם עולם. אויף איר שרייט ער:

— צוליב איין ווילדן קוימען־קערער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיטן בערשטל פון פאָרנט און מיט דער גריוועס פון הינטן, גייסטו מיך אויפוועקן פון שלאָף? — איצט אַז אַ גלח איז מיר שוין איבערגעגאַנגען דעם וועג, וועל איך שוין זיכער נישט איינשלאָפן.

— וואָס זשע בין איך שולדיק? ס'איז דאָך דאָ אַזאַ פאַראָרדענונג!...

— גיי, ביסט אַן אַלטע קליאַטשע און פאַרשטייסט נאָך ווייניקער פון אַ קליאַטשע...

אַריינגעקומען אין באָד־צימער, איבערגעפרוירענע ווי די העלצער, איז נאָך דערווייל קיין שום וואַסער נישטאָ. וואַרט מען. מען טאַנצט פון איין פוס אויף דעם צווייטן און מען וואַרט... ענדלעך גיט אַ שפּריץ הייס וואַסער, אַלע גיבן זיך אַ וואָרף צו דעם... בייט זיך אָבער דאָס וואַסער באַלד אויף אייז־קאַלטן... נאָך דעם ווידער הייס און ווידער קאַלטס. אַזוי עטלעכע מאָל, טאָ דאָס, טאָ יענץ, ביז עס שטעלט זיך ענדלעך אָפּ אויף נאָרמאַל... אויף בלויז קאַלטס. עס זוכן זיך בפירוש אָפּ בעלנים, וואָס וואַשן זיך מיט דעם קאַלטן אויך... שלמה איז איינער פון זיי. די זייף לאָזט מען איבער אויף דער פּאָדלאָגע, אפילו נישט צוגערירט זיך צו איר, און מען ווערט אַרויסגעפירט נאָך אין אַן אַנדער צימער. אַהערצו וועט מען זיי אַרויסוואַרפן דאָס אָנטון פון דער דעזינפעקציע, נאָר דערווייל מוז מען צווואַרטן. אין דעם דאָזיקן צימער פעלן פראָסט פשוט אַ העלפט שויבן פון די פענצטער און דער ווינט שפּאַצירט דאָ אַרום מעשה באַלעבאָס. אַלע אַנטלויפן פון אַקעגן די פענצטער, מען באַהאַלט זיך אין די ווינקעלעך און מען וואַרט.

קיין אייביקע זאַך איז אָבער נישטאָ, סוף כל סוף עפנט זיך טאַקע אַ לאָדן און עס הייבן אָן אַרויספאַלן קלומקעס, פּעקלעך און אויך אַ מאַסע איינציקע הויזנס מיט שקאַרפּעטקעס. דאָס אַלץ איז אַזוי ברענדיק־הייס, אַז נעמען דאָס אויפן לייב איז אוממעגלעך. בלאָזט מען אויף דעם העמד, מען פאָכעט מיט דעם אין דער לופט, מען טראָגט עס אַקעגן אָפענעם פענצטער... עס שטייט אַ געפּילדער עד לב השמים: דער האָט אָנגעטון דעמס

גאָטקעס, יענער האָט פאַרביטן אַן אַנוטשע און ביי אַ דריטן האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ שנירל פון די שיך...

ווידער גייט מען אַרויס אויפן ווינט. דאָס מאָל שמייסט ער שוין מיט אַ שטעכיקן שניי. אין פּנים פליען שאַרפע שפּילקעס, אָבער פאַרשטעלן עס קען מען נישט. די הענט זענען פאַרנומען מיט די פּעקלעך. אין פּלייצע בריט פון דעם אַנגעגליטן בעטגעוואַנט, דערפאַר אָבער איןביידע זייטן בלאָזט מיט סכנות־נפשות. לאַנג שלעפּט מען זיך אין ספּעץ־קאָרפּוס אַריין. ווען מען קומט אין קאַמער אַריין, טרעפט מען ערשט דאָרט גרויסע קאַליור־זשעס, נאַסע ווענט און נאַסע נאַרעס און דערצו — אַן אומדערטרעגלעכן געשטאַנק פון קאַרבאָל. די פּאָר אַרעסטאַנטן, וואָס דעזשורען אין דעם טאָג, נעמען זיך מאַכן אָרדענונג אין קאַמער און דער גאַנצער עולם שטייט דערווייל ביי דער טיר, יעדער איינער האַלט זיך מיטן קוישל עסנוואַרג אין איין האַנט און מיטן פּאַק שמאַטעס אין דער צווייטער. ערשט שפּעטער ווערט מען געוואויר, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די פּראָדוקטן זענען געשטאַנען אויפן קאָרידאָר, ווייט פון דער דעזינפעקציע, שטינקט אַלץ מיט קאַרבאָל און מיט יאָדאָפאָרם, אַז מען קען עס אין מויל נישט נעמען.

אומבאַמערקט הייבט אָן אין די פענצטער צו ווערן העלער... עס שאַ־ריעט אויף טאָג. דער שניי שיט נאָך אַלץ. פּאַר די, מיט וואַטע איינגע־וויקלטע, גראַטעס פליען פעדערן אָן אַ שיעור און אָן ערך. דער הימל איז מרה־שחורהדיק און נאָך מרה־שחורהדיקער איז אויף די הערצער פון די איינוווינער פון דער דאָזיקער קאַמער. נאָך דער באָד־עקספּעדיציע זענען אַלע קראַנק דריי טעג — אַנדערש קען דאָס שוין נישט זיין.

קאפיטל XLIX.

דעם צוועלפטן מארט איז שלמה געזעסן מיט וואסיוקן שטארק פארטיפט אין א פארטיע שאך. זיי האבן אפילו נישט געהערט, ווי די טיר האט זיך געעפנט און דער קארידאר־וועכטער מיט נאך א פרעמדן זעלנער האבן א רוף געטון שלמהן. עמעצער פון די שכנים האבן שלמהן א טארקע געטון און אים אנגעוויזן אויף דער טיר. ער האט פארווונדערט אנגעקוקט דעם וועכטער און נישט פארשטאנען, וואס מען וויל פון אים. ווען מען האט אים געזאגט, אז מען רופט אים, האט ער זיך א פארחידושטער געווענדעט צו די וועכטער:

— אנטשולדיקט, איר קערט א טעות האבן, ווייל איך האב ערשט אייערנעכטן באקומען א פעקל.

— אזא פעקל האסטו נאך נישט באקומען. אויף דיר ווארט דער אויספארשער.

שלמה האט א ציטער געטון מיטן גאנצן קערפער. דאס ווארט „אויספארשער” איז שוין עפעס געווען אזוי ווייט און האט שוין עפעס אזוי מאדנע געקלונגען!... עס איז אים מיט א מאל געווארן א שאד אט די רויִקע, גליקלעכע קאמער, מיט אירע ביכער, מיט איר שאך, מיט איר פאטער וואסילי און מיט איר ווינקל, ארויף לעבן פענצטער. מאמענטאל האבן זיך פאר זיינע אויגן באוויזן: אי די לייטער, אי דאס פערדישע קעמל, דאס צווענגל און די אכצנטע קאמער. א ריי רוצחישע פנימער האבן אויף אים אראפגעקוקט פון די ווענט, געררייצט זיך, גערופן...

אין דרויסן האט געשיינט די זון. די קאליוזשעס אויפן גארטן, וואס הינטער דעם שפיטאל, האבן אזוי אויפגעלייגט געשמייכלט צו דער זון, אקוראט ווי ערב־פסחדיקע. די שטראלן האבן שוין אזוי מילד געווארעמט, אז אין הארצן האט זיך צעזונגען א סאלאווי. עס האט שוין די נשמה געלעכצט נאך א גרין גרעזעלע; נאך א סווישטשע פון א פייגעלע; נאך א שפאציר אין אן אויפוואכנדיקן וואלד; נאך אן איינזאם שיפל אויף דער מיט פונעם טייך מיט א פידל אויף די קני; נאך א גערדיכטן, שמעקנדיקן גארטן אום פרילינג פארן זונען־אויפגאנג...

אין צענטראלן קארפוס איז דער עלפטער קארידאר ספעציעל איינגעארדנט פאר דעם אויספארשונגס־אפאראט. דער וועכטער האט שלמהן אפגעשטעלט פארן צוועלפטן צימער, אנגעפרעגט זיך און אים אריינגעלאזט אינעווייניק. די קאמער איז געווען גרויס ווי א געוויינלעך באלעבאטיש צימער: צוויי טישן, בענקלעך, א סאפע און א שפיגל. די ווענט — אפילו אן איין פארטרעט. אויפן מיטלסטן טיש, וואס אקעגן דער טיר, איז געלעגן א דינע פאפקע פאפירן. איבער איר, אנגעשפארט אויף איין האנט, איז געזעסן א ציוויל געקליידעטער יונגער מענטש, פון וועלכן עס האט שטארק

געשמעקט מיטן בעסטן פּאַרפום. דאָס פּנים זײַנס איז געווען קאַלט, נאָר העפלעך, די לאַנגע האָר — פּאַרקעמט גלאַט אַרונטער, מעשה פּאָעט. אין דער לאַץ — אַן אָרדן פון דער „רויטער פאָן".

— אוודאי פּאַר עמעצנס בלוט — האָט שלמהן דורכגעבליצט אַ געדאַנק.

ער האָט באַמערקט זײַן אייגן פּנים אין שפּיגל און נײַגעריק עס באַטראַכט. אויף אים האָט פון דאָרטן אַרויסגעקוקט אַ קוים, קוים באַקאַנטע פיזיאָנאָמיע, אין איר איז געווען בלויז אַ רמז אויף דעם פריערדיקן שלמהן. עס האָט געפעלט דער שוואַרצער וואַלד האָר אויפן קאָפּ. עס איז געווען צו באַמערקן עפּעס שרעקלעך־עקשנותדיקס אין די אַרויסשטאַרטשענדיקע באַקן־ביינער, אין די פרישע, טיפע קנייטשן אויפן שטערן, אין די פאַרשנורע־וועטע ליפּן־ווינקלען. נאָר די אויגן, — די פענצטערלעך פון דער נשמה — זענען געווען די זעלבע וואָס פריער: שאַרפע, ליכטיקע און גוטע. אַ פרייד־לעך פייערל מיט אַ „דער גאַנצער וועלט אויף צעפּיקעניש" פלאַקערט אין זיי, וואַרעמט און מאָנט עפּעס...

דער אויספאָרשער הייבט אויף די אויגן און זאָגט שטיל און ערנסט:

— פּיאַטיגאָרסקי, זעצט זיך אָט דאָ אַקעגן.

שלמה זעצט זיך אַוועק און וואַרט. יענער ענדיקט לייענען און פרעגט דערשטוינט:

— איז וויפל צײַט זיצט איר שוין אַרעסטירט?

— העכער פינף חדשים.

— און איר האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן זיך מודה צו זײַן?

— מודה זײַן זיך אין מעגלעך נאָר דאַמאָלסט, ווען מען האָט אין וואָס...

— ווילט איר דערמיט זאָגן, הייסט עס, אַז איר פילט זיך אין גאָרנישט שולדיק?

— אין גאָר — נישט!...

— און דאָס, וואָס מענטשן האָבן אויף אײַך אָנגעוויזן ווי אויף אַן אָרגאַניזאַטאָר פון רעליגיעזע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע אינסטיטוציעס?

— עס איז אַ צווייטער בייליסעס בלבול, נישט איך בין אַן אָרגאַניזאַ־טאָר, נישט עמעצער האָט אויף מיר אָנגעוויזן.

דער אויספאָרשער האָט אַזש אַ שפּרונג געטון:

— ווי קענט איר אָפּלייקענען אַזאַ זאַך, וואָס איז אויף אײַך דערוויזן געוואָרן מיט הונדערטער באַווײַזן און באַשטעטיקט מיט עדות?

— עס איז שקר וכזב. ס'איז נישטאָ אויף מיר קיינע באַווײַזן און קיינע עדות.

— האָט איר שוין דווקא אַ טעות, בירגער פּיאַטיגאָרסקי, אויף אײַך האָט אָנגעגעבן אַ געוויסער זאַכאַר אָסיפּאָוויטש שטיין און צוויי ברידער ווײַנער האָבן באַשטעטיקט זײַנע רייד.

— ערשט פון נאָכן אַרעסט האָב איך אָנגעהויבן צו הערן פון אַזעלכע פאַמיליעס און מחמת מען וויל זיי מיר נישט ברענגען „אויג אויף אויג",

האַלט איך די אָנגערופענע פּערזאָנען פאַר נישט עקזיסטירנדיקע.

דער אויספאָרשער האָט מיט אַ ביטערע שמייכעלע געזאָגט:

— עס זענען דאָ געוויסע סיבות, וואָס שטערן אונדז צונויפצופירן אייך מיט די אָנגערופענע פּערזאָנען.

שלמה האָט קאַלט אָפּגעשניטן:

— און ביי מיר זענען אויך דאָ געוויסע סיבות, נישט צו נעמען אויף זיך קיין פאַרברעכן, וועלכן איך בין נישט באַגאַנגען.

יענער האָט אַן איבערראַשטער געקלאַפּט מיטן בלייפעדער אין טיש און נייגעריק באַטראַכט שלמהן. שלמה איז געזעסן אַ רואיקער און אַן אַנטשלאָסענער.

— און וואָס, רעכנט איר, פּיאַטיגאָרסקי, וועט זיין דער סוף פון אייער איינגעשפּאַרטקייט? איך בין נישט פון דער געפּעאו, איך וועל אייך מיט קיין איין וואָרט נישט באַליידיקן. איר זאָגט, ניין? וועל איך פאַרשרייבן: ניין. איז וואָס זשע מיינט איר, אַז איר וועט דערמיט געהאָלפן ווערן? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! איר זענט דאָך, זע איך, אַ קלוגער מענטש, פאַר־שטייט איר מן־הסתם, אַז די פּראָקוראַטור קען נאָר גרינגער מאַכן יענעמס לאַגע אָדער אַ מאָל אפילו שווערער מאַכן, דאָס איז געווענדט אין דער גע־שאַפענער סיטואַציע, אין די אומשטאַנדן, וואָס שאַפן זיך בעת דער אויס־פאָרשונג. אָבער אַזאַ הארטע נוס ווי איר, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט איינ־בייסן, וואָס טוט מען מיט אַזעלכע? אַנו טרעפט!

— איך האָב נישט אַזאַ גוטן קאָפּ, איך זאָל קענען טרעפן די מע־טאָדן פון דער מלוכהשער יוסטיץ... מן־הסתם שיקט מען זיי נישט אין קיין קוראָרט...

— דאָס זענט איר גערעכט, פּיאַטיגאָרסקי, נישט אויף קוראָרט און אפילו נישט אויף קיין פּראָסטער דאַטשע, נאָר מען קערט זיי אום צוריק אין געפּעאו אויף אַזוי לאַנג, וויפל זיי איז נייטיק אויף צו דערוויסן זיך דעם אמת. און וואָס עס איז אַזוינס געפּעאו, דאַרף איך אייך נישט דערציילן, איר ווייסט דאָס אפשר בעסער פון מיר... איר זענט דאָרט געזעסן, זע איך, אוועלכע דריי חדשים?...

— ניין, העכער פיר.

— אַזוי? איז נאָך בעסער! נו, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, וואָס עס הייסט אַריינפאַלן אין זייערע הענט צום צווייטן מאָל... און מיט אייך וועט דאָס זיכער געשען, ווייל מיט אייער פּערזאָן האָט זיך פאַראינטערעסירט דער שעף פון מאָסקווער געפּעאו. זיין נאָמען, דאַכט זיך, דאַרף איך אייך נישט אָנרופן, איר קענט אים אַליין זייער גוט...

— וואָס אַנבאַלאַנגט מיך —

— וואַרט, שלאָגט מיר נישט איבער. איצט, ווען איר געפינט זיך אין דעם טעטיקייטס־פעריאָד פון דער פּראָקוראַטור, זענט איר פון די געפּעאו־אָרגאַנען אָפּגעצוימט, איר קענט אייך מודה זיין נאָר אין אַ טייל פאַר־ברעכנס, מיר ענדיקן די אויספאָרשונג אין אַ שטרענגן צען־טאָגיקן טער־

מין, מען משפט אייך אָפּ אין אַ בירגערלעכן געריכט אויף אַ צוויי, דריי יאָר, אַ האַלב יאָר זיצט איר שוין באַלד... אַז מען אַרבעט ערגעץ, ווערט מען באַפרייט נאָכן אָפּזיצן אַ דריטל טערמין, אַזוי אַז אייך לוינט שוין נישט דאָס גאַנצע איינשפּאַרן זיך. אָבער אויב איר ווערט מגולגל צוריק אין יענע שרעקלעכע קאַזעמאַטן *, קען נאָך אייער ענין מיט דער צייט אָנקומען אויך אין „דריילינג־טריבונאַל"... איר האָט געהערט אַ מאָל אַזאַ נאָמען?

— וואָס פרעגט איר? ווי איז דאָס מעגלעך נישט צו הערן פון אַזאַ בכבודיקן, הויכן געריכט? אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט מיך, איז מיר קיין שום חילוק נישט, צי מיין ענין וועט אָנקומען אין סאַלאָמינקער ראַיאָן־געריכט, אין קיעווער אָבל־געריכט, צי אין מאָסקווער „דריילינג־טריבונאַל". איך בין אומשולדיק. גאַנץ אומזיסט האָט מען ביי מיר צוגערויבט מיין פרייהייט און עס איז מיר קיין שום חילוק נישט, ווער עס וועט מיר אַרויסטראָגן דעם אורטייל. די ראַטנמאַכט, וועט אין ערגעץ נישט דער־לאָזן, אַז עס זאָל אומקומען אַ נפש פאַר גאָרנישט מיט נישט...

— אָבער איר גלייבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס איר זאָגט?

— פאַר וואָס רעכנט איר, אַז איך גלייב נישט?

— ווייל אַ מענטש, וואָס זיצט אָפּ פיר חדשים אויף יעליזאַוועטינסקע, קען נישט זיין אַזוי אָפּטימיסטיש געשטימט. איר איראָניזירט...

— גאָט באַהיט! מיט אַן אויספאָרשער וועל איך זיך דערלויבן צו איראָניזירן? איך זע, אַז איר האָט אַ שלעכטע מיינונג וועגן דער באַ־ציאונג פון די געפּעאו־אָרגאַנען צו די אַרעסטאַנטן, אָבער איך האָב דאָרט גאָרנישט באַמערקט אַזוינס, וואָס זאָל באַווייזן אויף אַ נישט דעליקאַטער באַציאונג, דערפאַר קען איך נישט פאַרשטיין אייער פּעסימיזם...

דער אויספאָרשער האָט אַ פאַרלוירענער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אין גאַנצן אַראָפּגעשלאָגן פונעם דרך, האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהן:

— הערט, פּיאַטיגאָרסקי, מיר האָבן אַ ביסל אַראָפּגעבלאָנדזשעט פונעם גלייכן וועג. עס איז נישט אונדזער זאַך צו אורטיילן וועגן דער גוטסקייט אָדער שלעכטסקייט פון דער געפּעאו. נישט מיר גייען זיי אָרגאַניזירן אָדער רעאָרגאַניזירן. דאָס איז דער ערשטער נאַרקאָמאַט אין לאַנד, וואָס קאָנ־טראָלירט אַלע איבעריקע נאַרקאָמאַטן. מיט איין זאַך, האָף איך, וועט איר מסכים זיין מיט מיר, אַז עס איז גלייכער מיט דעם אָרגאַן זיך קענען פון דער ווייטנס...

— דאָס אודאי!... אפילו מיט אייך אויך...

דער אויספאָרשער שענקט שלמהן אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— אויך מסכים... אפילו מיט מיר אויך... נאָר איך בין פון דעסט וועגן נישט אַזאַ שרעקלעכער, נישט אַזוי?

— ווער זאָגט דען עפּעס? איר זענט זייער אַן אינטעליגענטנער מענטש.

* אונטערערדישע צעלעס.

— אַלזאָ, גייען מיר איבער צו דעם טעכנישן טייל פון אונדזער באַגעגעניש. איך וועל אייך שטעלן פראַגן און איר דאַרפט ענטפערן.

— ביטע, פרעגט. וואָס אינטערעסירט אייך?

שלמה באַטראַכט פאַרוווּנדערט, ווי דער אויספאָרשער נעמט אַרויס פון זיין דיקן פאָרטפעל אַ בויגן פּאַפּיר מיט אָפּגעדרוקטע פראַגן — עפּעס אַ מין אַנקעטע, לייגט אים אַוועק פאַר זיך, גלעט אים אויס מיט ביידע הענט, שרייבט לאַנגזאַם אויף די „אייביקע" פעדער, וואַרפט אַ יאוש־פולן בליק אויף זיין פּאַציענט און אַ קראַץ טוענדיק זיך אין זיין פּאָטעטישער שעוועליורע פרעגט ער:

— ווער האָט אייך באַקענט מיט די ברידער ווײַנער?

— מען דאַרף מיך ערשט באַקענען מיט זיי.

— ניין, ענטפערט נישט אַזוי. איר ענטפערט גלייך: יאָ, אָדער ניין?

— איך קען נישט קיין ווײַנערס.

— יאָ... עמעצער האָט זיי אייך געבראַכט קיין קיעוו, צי איר זענט אַליין געפאָרן נאָך זיי קיין לאָזאָוואַיאַ?

— איך האָב שוין איין מאָל געזאָגט, אַז אָט די אַלע פראַגן זענען צו מיר נישט שייך...

דער אויספאָרשער הייבט אויף די אויגן פונעם פּאַפּיר:

— אין וויפל ערטער האָט זיך געפונען אייער ישיבה?

— אין איין אָרט אויך נישט.

— און וויפל מלמדים האָבן ביי אייך געלערנט? און ווו געפינען זיי זיך? און די נעמען פון די קינדערס עלטערן? זייערע אַדרעסן?

— נו, פאַרשרייבט פיר מאָל: „איך ווייס נישט".

— הייסט עס, איר ווילט אויף גאָרנישט ענטפערן?

— פאַר וואָס עפּעס גאָר: איך וויל נישט?

— ווי באַלד אַזוי, האָבן מיר דאָך גאָרנישט פון וואָס צו רעדן?

— צו מיין גרויסן באַדויערן איז דאָס אַזוי. איר אַליין האָט דאָך ערשט גערעדט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מיאוס ערטל דאָס יעליזאַוועטינסקע איז, הייגט פאַרשטייט איר דאָך, אַז פאַר פיר חדשים קנעלן מיט מיר האָבן זיי נישט קיין איין פּראָטאָקאָל געחתמעט מיט מיין האַנט, און איר שטעלט מיר בוכשטעבלעך די זעלבע פראַגן, וואָס די „בלויע היטלען". הייגט, וואָס קען איך אייך ענטפערן?

— מיין פּראָטאָקאָל וועט איר דווקא יאָ חתמענען, וואַרט, איך וועל גאָר ענדיקן שרייבן.

אַ מינוט פופצן האָט דער אויספאָרשער געקריצט מיט דער פען, נאָך דעם מייסטעריש זיך אונטערגעשריבן און דערלאַנגט שלמהן דעם פּראָטאָקאָל אויף איבערצולייענען. דאָרט זענען געווען אויסגערעכנט אַלע פראַגן מיט די ענטפערס, און אַן אַלגעמיינער סך־הכל, אַז „דער אַרעסטירטער האַלט זיך פאַר אַ קרבן פון אַ מיספאַרשטענדניש און איז זיך אין גאָרנישט

מודה און אַז דערויף האָט זיך געחתמעט פּיאַטיגאָרסקי און נאָך אים — דער אויספאָרשער״.

אַן אַרויסגערופענער וועכטער האָט אים צוגעשטעלט צוריק אין קאַמער. כאָטש עס האָט געדויערט אַנדערטהאַלבן שעה פון זיין אַוועקגיין ביזן קומען, דאָך האָט דער שאַך געוואַרט אויף אים אין דער זעלבער לאַגע, ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רופעניש צו די אויספאָר־שערס. אָדער יעדן טאָג, אָדער אַ טאָג איבער אַ טאָג. און אַלע מאָל צו אַן אַנדערן און אַלע מאָל די זעלבע געשיכטע:

— איר זענט זיך דערינגען נישט מודה? טאָ זאָגט זשע דאָס!... וואָס? דאָס לייקנט איר אויך אָפּ? סטיימיש, אין וואָס דען זענט איר זיך שוין יאָ מודה? אין גאָרנישט? וואָס זשע טוט איר דאָ? איר זיצט על־פּי־טעות? מילא, וואָס קען איך טון מיט אייך, שרייבט אונטער, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ, און גייט אייך צוריק אין קאַמער...

און אַזוי אַלע מאָל, און יעדעס מאָל אַן אַנדערער, און מיט יעדן דאַרף מען אָנהייבן פון „מה טובו״.

דאָס האָט זיך געצויגן אַן אַכט, צען טאָג און ווידער האָט מען שלמהן געלאָזט צו רו.

קאפיטל L

דער סדר־היום זיינער האָט זיך ווידער אויסגעפילט פּינקטלעך ווי אין דעם בעסטן מלוכה־אַנשטאַלט. שלמה געדענקט אַליין נישט, ווי דאָס איז געשען, נאָר דער פאָטער וואַסילי האָט ביי אים געוווּסט אַלץ: פאַר וואָס ער זיצט, וואָס מען וויל פון אים דערגיין און אַזוי ווייטער. פאַר די פינף חדשים, זינט ער איז פון דער היים, האָט ער אין אים געטראָפן דעם ערשטן מענטשן מיט אַן איידעלן כאַראַקטער, אַ קאָלעגע לויט דער מיסיע און אַ שטרענגן בעל־סוד. אין אַלגעמיין האָבן זיי איינער ביים צווייטן אַלץ געוווּסט: וואָס זיי האָבן געטון, וואָס עס שטייט זיי פאַר אויסצושטיין און ווי גרייט מען דאַרף זיין אויף אַלץ.

פון נישט עסן אַזוי לאַנג קיין וואַרעמס, איז שלמהס קערפּער באַוואָרפן געוואָרן מיט פורונקלען אויפן האַלדז, אויפן רוקן און אויף די לידקעס. יעדן טאָג, צווישן מיטאָג און נאַכט־עסן, פלעגט אים אַ וועכטער אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין צום דאָקטער פון הויט־קראַנקהייטן, כדי אים איבער צו באַנדאַזשירן. נישט קוקנדיק אויף זיינע שמערצן פון די מכות, האָבן אים אייניקע אין קאַמער שטאַרק מקנא געווען אויף דער געלעגנהייט אַלע טאָג נאָך אַ ביסל צו שפּאַצירן אונטערן פרייען הימל. דערפאַר אָבער האָט שלמה גוט געוווּסט דעם פרייז פון דער דאָזיקער פּריוויליעגיע. ער האָט נישט געקענט ליגן אויף קיין זייט, די פורונקלען האָבן פון אים אויסגע־זויגן דעם דם־התמצית. ער איז געוואָרן געל־גרין פון אויסזען, דאָס עסן פלעגט אים נישט באַקומען. דער דאָקטער האָט אים געוואָרנט, אַז טאָמער הייבט ער נישט אָן צו עסן דעם הייסן מיטאָג אַלע טאָג, אַזוי הייבט ער אָן אים צו געבן אַזעלכע איינשפּריצונגען אויף צו רעגולירן די בלוט־ציר־קולאַציע. שלמה פלעגט אים צוזאָגן, אַז ער וועט אָנהייבן עסן, און ביז צו דער קאַמער אין דעם פאַרגעסן.

איין מאָל ביי טאָג עפנט זיך אויף די טיר פון דער קאַמער און עס קומען אַריין: דער נאַטשאַלניק פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג, דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליט־אָפּטיילונג און מיט זיי עטלעכע קאַראַאול־וועכטער. די לעצטע בלייבן שטיין אויפן קאָרידאָר און די צוויי נאַטשאַל־ניקעס זעצן זיך צו אין מיטן דער קאַמער אויף די נאַרעס, באַקוקן גוט אַלע אַרעסטאַנטן און פרעגן ביי זיי:

— נו, „צווייטע קאַמער”, ווי לעבט זיך אייך? ווער איז ביי אייך סטאַראָסטאַ?

דער סטאַראָסטע גייט צו צו זיי.

— אַזאַ אינספּעקציע, ווי איר האָט אַצינד ביי זיך אין קאַמער, טרעפט זייער זעלטן. אַלזאָ, דערמאָנט זיך אַלץ און זאָגט, וואָס פעלט אייך דאָ ביי אונדז?

— חוץ פרייהייט, פעלט אונדז, דאַכט זיך, גאָרנישט.

— מיר רעדן פון די זאכן, וואס מיר קענען אייך געבן. די פרייהייט קען אייך נאר אומקערן דאס גריכט אדער דער אפגעזעפענער טערמין. איז וואס זשע פעלט אייך, פון דעסט וועגן?

— כ'ווייס אליין נישט וואס. א דאפלטע נארמע עסן וואלט נישט גע־שאדט אדער א דאפלטע נארמע צייט אויף שפאצירן... כ'ווייס וואס נאך?

— איר רעדט נארישקייטן, בירגער סטאראסטא, איר רופט אלץ אן אזעלכע זאכן, וואס קיינער קען זיי אייך נישט געבן. איר רופט אן עפעס רעאלס...

דער נאטשאלניק פון דער פאליט־אפטיילונג שלאגט אים איבער:

— סערגיי איוואנאוויטש, וואס פרעגט איר ביי אים? דא דארף זיין א יידישער שרייבער, ביי אים פרעגט. איר זענט דאס פיאטיגארסקי, חבר שלמה גיט א ליכטן ציטער פון אומגעריכטקייט, נאר ער ענטפערט רואיק:

— יא, פיאטיגארסקי — דאס בין איך. פון וואנען ווייסט איר דאס?

— נאטשאלסטווע שטעלט מען נישט אזעלכע פראגן.

— אנטשולדיקט.

— דערציילט איר, פיאטיגארסקי, וואס פעלט ביי אייך אין קאמער, כדי די ארעסטאנטן זאלן זיך נישט לאנגווייליקן? וועלכע שפילצייג האט איר?

— שאך איז דא. דאמינא. שאשקעס — אויך. נאר ליטעראטור פעלט אוים.

— וויפל ביכער האט מען אריינגעשיקט צו אייך אין קאמער?

— אויף עטלעכע און צוואנציק מענטשן אין גאנצן פיר ביכער, און דערצו: נישט קיין ערשט־קלאסיקע...

— למשל, וועלכע?

— עס איז דא זאלא, דאסטאיעווסקי, טשערנישעווסקי און סינקלער...

— זענען דאס, לויט אייער מיינונג, נישט קיין ערשט־קלאסיקע שרייבער?

— צו די שרייבער האב איך גארנישט, כאטש זייערע ווערק לייענען זיך גענוג שווער. נאר דא האנדלט זיך נישט וועגן זייער קוואליטעט, דא מיין איך צו זאגן אט וואס: לויט דעם ניווא פון די היגע איינוווינער, אין דורכשניט, דעסט גלייכן נעמענדיק אין אכט דאס ארט מיט די באדינגונגען, און די הויפט־זאך: די שטימונג, מיט וועלכער די ביכער ווערן דא גע־לייענט, מיין איך, אז דער איצטיקער אסארטימענט ביכער איז נישט וואוש־נע צוגעקליבן...

— עס קען זיין, אז איר האט רעכט. זאגט זשע איר, וועלכע שרייבערס, לויט אייער מיינונג, וואלטן די חברים אייערע ליבערשט געלייענט?

— א! די רוסישע ליטעראטור איז זייער רייך און איבערזעצונגען — מאכט אויך נישט אוים. דער עיקר איז, אז דאס ווערק זאל זיין שפאנענדיק און לייכט צום לייענען. אזוינע שרייבערס קען מען אנרעכענען פיל־פיל צענדליקער...

— פּרוווט אָנרופן עטלעכע...

— קודם־כּל דאַרף מען זען צו באַקומען די ביכער פון טשעכאָוון. זיינע ווערק צייכענען זיך אויס מיט אַ זעלטענעם הומאָר און בייסיקער סאַטירע. און דאָן — שלום־עליכם. כאָטש אין דער איבערזעצונג פּאַרלירט זיך פיל פון זיין זאַפטיקייט, אָבער פון דעסט וועגן, וואָלטן זיינע ווערק צווישן די גרויע תּפיסה־ווענט אונדז אַריינגעבראַכט אַ סך פרייד. דאָס וואָלט דעם אַרעסטאַנט אויף פיל שעהן געמאַכט פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און וואָס אים דערוואַרט. מען וואָלט אויך דאָ געלייענט מיט פאַרגעניגן: טאָל־סטאָיען, טורגעניעוון, שטשעדרינען, גאָרקין, וויקטאָר הוגאָ, סטעפאַן צוויג און אַפילו די נייע, ווי שאָלאָכאָוו און אַלעקסיי טאָלסטאָי. מיט אַזעלכע באַרימטע ווערק, ווי „מלחמה און שלום" און „דער שטילער דאָן", וועלכע זענען, לויט מיין מיינונג, די סאַמע פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָלט זיך אַן אייגוווינער פון אונדזער אומהיימלעכער „כאַ־טע" ממש מחיה געווען. דער עיקר: זיי וואָלטן אין אַ געוויסער מאָס אייך־געשלעפערט זיין ווייטיקלעכן זכרון, וואָס וויל זיך פון אים נישט אָפּטון. פאַר ווייניקער באַהאַוונטע וואָלטן אַפילו נישט געשאַדט איבערזעצונגען פון וואַלטער סקאָטן, פון אַלעקסאַנדער דיומאַ און פון זשול ווערן... וואָס זוכט דען דער אַרעסטאַנט אין בוך? — ער וויל, אַז דורך דעם בוך זאָל ער ווי אויף אַ לייטער אַרויסקריכן פון אָט דער שרעקלעכער תּפיסה און עטלעכע שעה גוט פאַרברענגען אין אַ פרייער, אינטערעסאַנטער סביבה. ער וויל, אַז אַ דאַנק דעם בוך זאָל כאָטש צייטווייליק פאַרשווינדן פון זיינע אויגן דאָס צוזעגעסענע לוקיאַנאָווקע מיט אירע טרויעריקע טורעמס...

— איר וואָלט געקענט זיין נישט קיין שלעכטער לעקטאָר... פּיאַטיגאָר־סקי. איר רעדט שיין, מען קען נישט זאָגן... נעמט טאַקע שוין צונויף די פיר ביכער און קומט מיט מיר אין ביבליאָטעק אַריין, וועט איר אייך אַליין אויסקלייבן אַנדערע.

דער וועכטער האָט געוואַרט ביים אַריינגאַנג. שלמה מיטן נאַטשאַלניק פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג זענען זאַלבעצוויט אַריינגעגאַנגען אין דעם שיין מעבלירטן ביבליאָטעק־זאַל. שלמה האָט זיך גענומען קלייבן אין קאַטאַלאָג און דער נאַטשאַלניק האָט אַ ווונק געטון דעם ביבליאָטעקאַר, ער זאָל זיי לאָזן אַליין. ווען יענער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, איז דער נאַטשאַלניק צוגעגאַנגען האַרט צו שלמהן, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און וואַרעם געזאָגט:

— שלום עליכם אייך, שלמה אפרים־אהרונס...

שלמה דרייט זיך האַסטיק אויס, מעסט אָפּ דעם נאַטשאַלניק מיט אַ שאַרפן קוק און דערלאַנגט אים די האַנט. יענער פאַרהאַלט זי לענגער אין זיינער, שפּיגלט זיך אין שלמהס פאַרלוירנקייט און פרעגט ביי אים:

— איר זענט נישט חושד אין מיר קיין אונטערגעשטעלטן שפּיאָן, צי אַ פּראָוואָקאַטאָר?

— ווי איז אייער פאַמיליע, בירגער נאַטשאַלניק?

— אונטער פיר אויגן, מעגט איר מיר זאָגן חבר... און מיין נאָמען וועט אייך גאָרנישט זאָגן, ווייל איר האָט פון אים קיין מאָל נישט געהערט...

— ווי אזוי זשע?... עס איז דאָך עפּעס זייער וווּנדערלעך...

— באַלד וועל איך אייך זאָגן, ווי אַרום איך קען אייך. דורך מיינעם אַ חבר האָבן זיך אייערע עלטערן דערשלאָגן צו מיר. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי „זי" האָט געבראַכט דעם גרוס, אַז מען האָט אייך איבערגעפירט אין טורמע אַריין... איר זענט בלייך געוואָרן, וואָס איך ווייס פון „איר"? איך האָב דאָס אייך אומיסטן געזאָגט, כדי איר זאָלט פאַרשטיין, אַז איר מעגט מיט מיר רעדן. נאָך אַ סימן קען איך אייך זאָגן, אַז צוואַנציק טאָג אין שבט איז געווען אייער יינגסטער שוועסטערלס געבורטס־טאָג. איצט גלייבט איר שוין, אַז איר רעדט מיט אַ פריינט? אודאי בעסער פון אַלץ איז, אַז מען ברענגט אַ בריוועלע, אָנגעשריבן מיטן כתב־יד פון די עלטערן, אַזוי ווי זיי האָבן געבעטן, דאָמאָלסט פאַרשפּאַרט מען אָט די אַלע סימנים, נאָר מיר פּאַסט נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן. איך האָב די גאַנצע צייט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, אייך אויפצוזוכן אין קאַמער און איבערגעבן אַ גרוס. איר זעט דאָך, ווי שווער דאָס אַלץ באַקומט זיך ביי מיר... איך האָב געמוזט נעמען מיט זיך דעם נאַטשאַלניק פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג מיט עטלעכע זעלנער, אַנדערש פּאַסט נישט פאַר אַזאַ פּערזאָן ווי איך צו גיין איבער די קאַמערן. איך וואָלט דאָס מאָל אויך נישט געווען איינגעגאַנגען דערויף, נאָר מאָרגן פאָר איך אַוועק אין קאָמאַנדירקע אויף צוויי חדשים און אייער מאַמע האָט ממש איינגעלייגט די וועלט. איך האָב שוין נישט געקענט פאַרליידן דעם רחמנות און איר צוגעזאָגט. זיי האָבן מיר געוויזן אייער פאָטאָגראַפיע פון פאַר אַ יאָרן, כדי איך זאָל אייך גרינג דערקענען. מוז איך אייך אָבער זאָגן דעם אמת, אַז איר זעט איצט אויס „אַ ביסעלע" אַנדערש ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע און דאָך האָב איך אייך כמעט דערקענט... איר האָט אייער טאַטנס אויגן... ווילט איר הערן דעם גרוס פון דער היים?

— איר דאַרפט נאָך פרעגן?

— ביי זיי איז אַלץ בשלום, ביי די קרובים אויך. אייער ענין זעט אַזוי אויס: אייער פאָטער האָט שטאַרקע פאַרבינדונגען אין דער רעפּובליקאַנישער פּראָקוראַטור. כאָטש העלפן העלפט דאָס גאָרנישט, אָבער זיי ווייסן באַלד אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אייך. איז אָט וואָס עס קומט פאָר: נאָך אַזאַ צייט אָפּזיצן האָבן אייערע אויספאָרשער נישט וואָס צו ווייזן דער פּראָקוראַטור און עס האָט שוין געהאַלטן גאָר־גאָר אויף אַ דרך, האָט זיך אָבער אַריינגעמישט דער פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק פון דער אוקראַינישער געפּעאו, דער באַוווּסטער קירסט. ער איז מיט אַ וואָך צוריק אַליין אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע זיך דערשלאָגן, אַז די אָנפירונג פון געפּעאו פון פאַרבאַנד זאָל זיך משתדל זיין ביים גענעראַלן פּראָקוראָר פון פאַרבאַנד וועגן דעם, אַז מען זאָל פאַר אייך מאַכן אַן אויסנאַם און אייך איבערגעבן צוריק אין קיעווער געפּעאו אויף זעקס חדשים. ער מאָטיווירט זיין השתדלות מיט

דער וויכטיקייט אויפֿצודעקן אייערע פֿאַרברעכנס. אָט דערבײַ האַלט דאָס בײַ היינטיקן טאָג. עס איז שווער פֿאָרויסצוזאָגן, וואָס מיט אײַך וועט זײַן... איצט קען זײַן, אַז אין יעדן טאָג ווערט באַשלאָסן אייער גורל. אייער פֿאָטער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף פֿיל רחמים, ווײַל טאָמער שפּילט קירסט אויס, איז זייער ביטער... ער האָט מיר אפֿילו אָנגעזאָגט אַ היפּשע פּאָר ווערטער... וואַרט, איך האָב זיי ערגעץ פֿאַרשריבן אויף רוסיש... איך האָב נישט געוואָלט, נישט געוואָלט און צום סוף געמוזט מרוצה ווערן. ער האָט דיקטירט און איך האָב געשריבן... אַ גאַנצער פּראָגראַם, דאַכט זיך... באַלד וועל איך עס געפֿינען. אָט איז עס — לייענט!

קוים איינהאַלטנדיק די טרערן האָט שלמה געלייענט די יידישע ווער־טער, געשריבן מיט רוסישע בוכשטאַבן:

„זונעניו, די גמרא זאָגט: אפֿילו אויב אַ שאַרפֿע שווערד ליגט אויף אַ מענטשנס האַלדז, זאָל ער זיך נישט מייאש זײַן פֿון דעם אייבערשטנס רחמנות, אָט דאָס מיינט מען: ואמונתך בלילות, ווער שמועסט נאָך אין אַזאַ חודש ווי אדר, שישועות בו מקיפות. נאָר מען דאַרף, ווי בײַ חזקיהו המלך, אַליין זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט און אַ בעט טון בײַ דעם וואָס לעבט אייביק, רחמנא ליבא בעי. קיינעמס תפילה ווערט נישט אַזוי אָנגענומען ווי דעם חולהס אַליין, אָבער מען דאַרף מיט הכנעה צופֿאַלן צו השי״ת און מיט אַ קבלה בלב כדכתיב: בתחנונים ידבר רש... ס'איז נישקשה זיך אָנשפּאַרן אויף אַזאַ הייליקן זיידן ווי דער בעל־שם־טוב זכרונו לברכה, אַ זיידע מעג זיך מטריח זײַן, גישקשה, בני בנים כבנים... ווײַטער — איך בין אויף דיר גוזר בגזרת כיבוד אב: טאָמער קומט דיר דאָרט אויס צו עסן טריפֿות, זאָלסטו זיך אפֿילו נישט ישובן און עסן גלײַך מיט אַלע, ווײַל דער עיקר העיקרים איז: „אך את נפשו שמור”!... טאָמער ביסטו דאָרט געצווונגען צו אַוועלכן עס איז הילול־שבת, טו אַלץ בלי פּקפּוק כל שהוא ואל יהי לבך מהסס — „מוטב שיחללו עליו שבת אחת ואל יחלל שבתות הרבה”! טאָמער קומט דיר דאָרטן אויס אָפּצונאַרן, לייקענען, סימולירן, אפֿילו זאָגן אויף זיך, אַז דו ביסט חלילה אַ „פּושע־ישראל”, טאָ זײַ נישט קיין בעל־נפש־היפּה און טו אַלץ וואָס נייטיק איז, געדענקסט: „לדוד בשנותו את טעמו”?... ולכל לראש, זונעניו ליבער, נישט פֿאַרלירן דעם מוט, נישט צולאָזן צו זיך קיין מרה שחורה! עצבות, יאוש, דאָס זענען אַזעלכע זאַכן, וואָס „כל באיה לא ישובון”... אמת, „וגילו ברעדה” איז נישט קיין קליינע מדרגה, אָבער געדענק שטענדיק די רבישע טייטש: „וירא בצר להם — אָבער ערשט ווען? — בשמעו את רנתם — דערהערנדיק ווי זיי זינגען אונטערן קאַנטשיק”... איך גיי דיר נישט מאַכן גרינג דאָס האַרץ, בנוגע דײַן ענין. הלואי, רבש״ע, וואָלט געווען אַזוי גוט, ווי ס'איז דערווײַל נישט גוט... מען דאַרף בעטן בײַ השי״ת סליחה, מחילה וכפּרה, דו — דאָרט און מיר — דאָ, ווײַל כידוע איז נאָר חטאים זענען דער מסך המבדיל בין יש־ראל לקונו און דערפֿאַר טאַקע זאָגט דוד המלך אין מ״א: „רפאה נפשי — וואָס איז די קרענק? — כי חטאתי לך!” צי למשל, פֿריער מיט צוויי קאַ־

פיטלעך: „ועתה מה קויתי... מכל פשעי הצילני״... ער בעט נישט אויף הצלה פון די רוצחים, נאָר פון די פשעים, און יענע וועט שוין ממילא קומען. און דערפאַר טאַקע זאָגט דוד המלך נאָך אין אַן אָרט: „והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו״. ער זאָגט נישט: „מכל צרותיו״, ווייל ס'איז הא בהא תליה און אַן תשובה בלב שלם, איז לא הא ולא הא... אודאי, אודאי איז בעסער, אז מ'נעמט זיך אין די הענט אַריין איידער מען ווערט שוין גע־שטראָפט, וואָרעם „מן המיצר״, אז מען שרייט: „איך האָב חרטה״!... האָט עס שוין נישט דעם געשמאַק, וואָס לפני המעשה, נישט מער ס'איז שוין אַן אַלטער כלל: „אם הרגם — ודרשוהו״... איין זאַך בעט איך דיך מיין זון, פאַרגעס נישט, אַז קודשה בריך הוא איז אַ כל יכול. פאַר אים איז נישט שייך אוממעגלעך אָדער צו שווער. פונקט ווי ער איז אַ „גולל אור מפני חושך״, אַזוי און — נאָך מיט מער חשק, קען ער זיין אַ „גולל חושך מפני אור״, מען דאַרף נאָר די ווערט זיין... חזק ואמץ וד׳ יהיה בעזרך. איך ענדיק און בעט דיך איין זאַך: תקוף המנותא! * ווייל דאָרט ווו עס כאַפט זיך אַריין דער יאוש, קען שוין קיין ישועה נישט קומען, האָט זי שוין נישט צו וועמען צו קומען...״

שלמה האָט געוואָלט לאָזן דעם בריוו ביי זיך פאַר אַ זכר, נאָר דער נאַטשאַלניק האָט אים ביי אים צוגענומען, צעפליקט אויף פיץ־פיצלעך און אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קעסטל אַריין. שלמהס ליפן האָבן לייכט געציטערט, ער האָט געשוויגן.

— אָט דאָס איז דער גאַנצער גרוס, חבר פּיאַטיגאָרסקי. זייט נישט טרויעריק. איר זענט דאָך עפּעס אַ גלויביקער, אפשר וועט אייך גאָט דאָס מאָל אויך העלפן?

שלמה האָט אַן אומגליקלעכן שמייכל געטון:

— העלפן וועט ער זיכער, אויב נישט אין קיעוו, וועט ער העלפן אויף סאַפּאַלין, דאָרט דאַרף מען אויך רחמים... און טאָמער אפילו... איך זאָג, און טאָמער אפילו הייסט מען אָפּזאָגן דעם ודוי הגדול און... און מען לאָזט אָפּ אַ מאָטאָר פון אַ לאַסט־אויטאָ, ווי דער מנהג איז, אויך דאַמאָלסט דאַרף מען רחמים... ביי אונדז שטייט געשריבן: מחיה מתים ברחמים רבים...

— זייט נישט אַזוי געפאַלן ביי זיך, עס איז נאָך דערווייל אַלץ אין דער לופטן.

— איך בין נישט געפאַלן ביי זיך, און פון וואָס צו זיין געהויבן ביי זיך — זע איך אויך נישט. מען פאַרשפּאַרט גאָר קלערן, קירסט איז פיל מעכטיקער פון מיר. ער וועט מיך צעקוועטשן ווי אַ מילב... נאָר דאָס איז פאַר מיר נישט קיין איבערראַשנדיקע נייעס. איך האָב שוין לאַנג געשטעלט אַ ליכטל נאָך מיינע יונגע יאָרן... אַזוי איז מיר באַשערט, מען קען גאָר־נישט העלפן... טרייסט דאָרטן מיינע עלטערן, זיי וועלן מן־הסתם קומען צו

---

* זיי שטאַרק אינעם גלויבן.

אייך נאָך א גרוס. זאָגט זיי, אַז איך בין פריילעך, אַז איך בענק שוין נישט נאָך דער פרייהייט, אַז איך האָב מיך שוין צוגעוווינט צו דעם היגן לעבן און עס פעלט מיר גאָרנישט, און זאָלן זיי אויפהערן איינרייסן די וועלט צוליב מיר... עלעהיי זיי וואָלטן נאָר געהאַט פינף קינדער... אַט דאָס איז אַלץ...

— פיאַטיגאָרסקי, מוטיקט זיך! איר נעמט אויף זיך די צרה, איידער זי איז נאָך געקומען... נו, אַנטשולדיקט מיר, איך מוז אין פינף מינוט אַרום זיין ביים נאַטשאַלניק פון דער טורמע אויף אַ באַראַטונג, איך שיק אייך באַלד אַריין דעם ביבליאָטעקאַר... נו, זייט מיר געזונט, חבר פיאַטיגאָרסקי, איך ווינטש אייך, זיך באַגעגענען מיט מיר אויף דער פרייהייט...

— איך דאַנק אייך זייער שטאַרק פאַר אַלעמען. אפשר זענט איר דער לעצטער גוטער פריינט, וואָס איך זע נאָך אין קיעוו... איר ווייסט וואָס? זאָגט זיי נישט, אַז איך בענק שוין נישט נאָך דער פרייהייט. אַזאַ גראָבן ליגן איז אַפילו אויף קאַטאָוועס אויך אַ פאַרברעכן צו זאָגן...

זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט און דער נאַטשאַלניק איז אַרויסגעגאַנגען. אין פופצן מינוט אַרום האָט זיך שלמה אומגעקערט אין קאַמער מיט אַ פריש פעקל ביכער.

אויף דער נאַכט פרעגט פאָטער וואַסילי ביי שלמהן:

— וואָס האָט ער דיר עפּעס געבראַכט פאַר אַ נייעס, דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג?

שלמה האָט אַ פאַרוואונדערטער אויפגעהויבן די אויגן אויף לאָבאָוון. פאַר איבערראַשונג האָט ער נישט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן.

— פאַר וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי, קינד מיינס? מען האָט דאָך גע־דאַרפט זיין אַ בלינדער, מען זאָל נישט זען, אַז די גאַנצע עקספּעדיציע איז געווען נאָר צוליב דעם, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליטישער אָפּטיי־לונג זאָל דיך אַרויסרופן אויף אַ זעאונג אונטער פיר אויגן. אַזעלכע אינס־פּעקציעס פון צוויי פאַרטרעטערס פון נאַטשאַלניק פון דער טורמע האָבן זיך נאָך קיין מאָל נישט געטראָפן... הייגט, זיין דערקענען דיך... זיין וויסן, אַז דו ביסט אַ שרייבער און נאָך דווקא אַ יידישער... דאַרפסט זיך נישט וווּנדערן, קינד מיינס... עס איז זייער פשוט...

— קלערט איר, הייסט עס, אַז נאָך מענטשן אין קאַמער האָבן באַמערקט דאָס זעלבע?

— איך קלער בפירוש, אַז ניין. ווען יאָ, וואָלט מען דאָ געוווען גע־שמועסט וועגן דעם נאָך דיין אַוועקגיין מיט זיי. דו האָסט דעם שמועס וועגן די ביכער געפירט אַזוי ערנסט, אַז קיינעם האָט נישט געקענט איינ־פאַלן, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַנדערש...

— פאָטער וואַסילי, מיר איז אויך ביז דער לעצטער מינוט גאָרנישט איינגעפאַלן...

— כ׳האָב אַפילו דאָס אויך באַמערקט, מיין קינד. איז וואָס זשע דער־ציילט ער עפּעס נייעס?

שלמה האָט וואַרט און וואַרט איבערגעגעבן לאָבאָוון אַלץ וואָס עס האָט אים דערציילט דער נאַטשאַלניק, קיין איין וואָרט האָט ער נישט פאַר־פעלט. דער פאָטער וואַסילי האָט אַלץ שווייגנדיק אויסגעהערט און דאַן אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די דלאָניעס. לאַנג איז ער אַזוי געזעסן פאַר־טראַכט, ענדלעך האָט ער צוגענומען די הענט פון די אויגן און שעפּטשנ־דיק אַרויסגעמורמלט:

— זיי וועלן דאָס נישט טון. זיי וועלן די קאָנסטיטוציע נישט ברעכן...

— ווער זיי?

— די מאַכערס פון דער גענעראַל־פּראָקוראַטור... אַט וועסטו אומיסטן זען, קירסט וועט גאָרנישט אויספירן, גלייב מיר, קינד מיינס... איך קען די ראַטנמאַכט אפשר בעסער ווי זי אַליין קען זיך... זיי וועלן נישט גיין אויף אַזאַ אויסגעשריגענעם פאַרברעכן ווי אומקערן אַ מענטשן צו דער אויספאָרשונג, נאָך זיין ענדיקן דעם רעגלאַמענט־טערמין. אויסלאַנד וואָלט געוווּיר־וועררנדיק דערפון געקלאַפּט אין אַלע פּויקן, און זיי היטן זיך דער־פאַר ווי פאַר פייער. פּיאַטיגאָרסקי, דו ווילסט הערן פון מיר אַ קלייניקע נביאות?

— איר מוזט דאָס נישט אָנרופן נבואה, חכמה שטייט העכער פון נבו־אה. זאָגט, ביטע, איך הער אייך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

— דו ביסט דאָך עפּעס אַן אָנגעליענטער, ווייסטו אודאי דערפון אויך: די רוימער, ברענגענדיק די געפאַנגענע פון יהודה, האָבן זיי זיי געצוווּנ־גען צו קעמפן מיט ווילדע חיות, אין אַמפי־טעאַטער פאַר טויזנטער מענטשן. און עס איז געווען ביי זיי אַ געזעץ, אַז דער, וועמען עס גיט זיך איין צו באַקעמפן די חיה, דעם ווערט געשאָנקען דאָס לעבן און די פרייהייט, דער איז באַגנעדיקט געוואָרן פון די געטער.

— פאָטער וואַסילי, דאָס וואָס איר דערציילט, איז פאַראייביקט אין אַ שיר פון יהודה־ליב גאָרדאָן: „בין שני אריות".

— מיר דאַכט אויך, אַז איך האָב עפּעס ענלעכס געהערט, נאָר איך זאָג דאָס נאָר קעגן דעם, אַז ביי דער ראַטנמאַכט איז אויך פאַראַן דער זעלבער געזעץ. ער איז ביי זיי אין ערגעץ נישט פאַרשריבן, נאָר דאָך עק־זיסטירט ער: ווער עס האַלט אויס די דריי חדשים אין געפּעאו און זיי האָבן נישט באַקומען קיין שום קאָנקרעטע באַווייזן קעגן אים, איז פאַר — פאַלן!... צוריק קערט מען נישט אום!...

— פאָטער וואַסילי, אָבער ביי זיי איז דען שייך אַ כלל? היינט איז ביי זיי אַזוי, מאָרגן — אַנדערש, און איבערמאָרגן ווידער אַנדערש... מען קען נישט גאַראַנטירן פאַר זייערער אַ מידה, ווייל זייערע מידות זענען אָפּ־הענגיק פון דעם „טאָג־ווינטעלע" און פון דער שטימונג פון די מעכטיקע...

— דו ביסט טאַקע געראַכט, מיין זון. אין דיינע ווערטער שטעקט אַ טיפער אמת. דעם דאָזיקן אמת האָסטו נישט געלייענט אין קיין ביכלעך, דו ביסט אים דערגאַנגען מיט אייגענער דערפאַרונג... דיך האָט געפירט צו דעם־גרויזאַמען אמת אַ וועג פון שפּיציקע דערנער, אַ וועג פול מיט שלענג

און מיט עקדעשן. פֿאַרבאַהאַלט אָט די אמתן טיף אין זכרון, טאָמער וועלן זיי דיר נאָך אַ מאָל צו נוץ קומען, אָבער דו ביסט נאָך זייער יונג און צו היציק, כּדי צו אורטיילן וועגן זייערע מנהגים. איך בין באַקענט מיט דער סטרוקטור פֿון אָט דער אַזוי־גערופֿענער „מלוכה“, אַזוי ווי מיט מיינע געליבטע „פּעטשערסקי־לאַווראָס“. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אין אַלגעמיינע שטריכן באַלייכטן די לאַגע פֿון דיין ענין, דאַן וועסטו מיט מיר מסכים זיין, אַז איך רעד נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— אַ שאלה, אויב איך וויל? אדרבה, איך בין זייער נייגעריק...

— ביי אונדזער מלוכה עקזיסטירן צוויי מאַכטן: די אָפֿיציעלע, דאָס איז דער נאַרקאָם פֿאַר יוסטיץ, די פּראָקוראַטור, די געריכטלעכע אינסטאַנצן. אָט די אַלע אָרגאַנען וואַרפֿן זיך מער־ווייניקער אונטער דעם געזעץ. און דער קאָדעקס — ווי רעאַקציאָנער ער זאָל נישט זיין — קען מען נאָך פֿאָרט פֿון אים דערוואַרטן כאָטש אַ זכר פֿון גערעכטיקייט, פֿון אויפֿריכטיקייט, פֿון זייער, אַזוי צעפּויקטער, דעמאָקראַטיע. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, קיין „מדת הרחמים“ וועסטו אויך ביים „נאַרקאָמיוסט“ נישט געפֿינען, אויך זיי זענען גאַנץ ווייט פֿון סענטימענטן, אָבער אפֿילו זייער „מדת הדין“ פֿאַרמאָגט פֿון דעסט וועגן געוויסע באַגרעניצונגען, אַזוי צו זאָגן נאָרמעס. דאַקעגן קען מען שוין גאָרנישט דערוואַרטן פֿון דער צווייטער, נישט אָפֿיציעלער מאַכט, דאָס איז „דער קאַנטשיק פֿונעם רוסישן פֿאָלק“: די געפּעאו! דאָ הערשט שוין בלויז דער סטיכישער ווילן פֿון די אכזריותדיקע קאַריעריסטן און סתם מענטשן מיט פֿאַרדאָרבענע הערצער. דאָס זענען די געטרייסטע נאָכפֿאָלגער פֿון אַמאָליקע „אָפּריטשניקעס“*. דער באַגריף „פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט“ איז ביי די דאָזיקע פֿייניקער אין די רויט־בלאָע היטלען, ביי די דאָזיקע מאָדערנע קאַניבאַלן — און אפֿשר אפֿילו נישט מאָדערנע? — דערפֿירט צו אַ מינימום. באַקומען נאָך אַ „דריי־עק“ אָדער אַ „פֿיר־עק“ אין דער פּעטליצע, אָדער אפֿילו נאָר אַ שמייכל פֿון זיין שעף, שטייט ביי אַזעלכן העכער פֿון אַ צענדליק מענטשישע לעבנס. דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין נושא־חן זיין ביי נאַטשאַלסטווע, אין אויסדינען זיך, איז אַלץ כּשר וישר, איז נישט שייך קיין מיטל, וועלכן מען טאָר נישט באַנוצן. קיינער גייט דיך נישט קאָנטראָלירן: פֿאַר וועלכן פֿרייז דו האָסט געקראָגן דעם אונטערגעשריבענעם פּראָטאָקאָל, דער עיקר איז: אַבי דו ביסט נישט קיין בטלן און האָסט אים געקריגן. נאָרמאַל וואָלט געדאַרפֿט אָט דער דאָזיקער, אַזוי־גערופֿענער „פּאָליטישער אָרגאַן“, אָדער פּראָסט גערעדט: אָט די רויטע זשאַנדאַרמעריע, קאָנטראָלירט ווערן דורך די מלוכהשע, יורידישע אינסטיטוציעס, דורך אויסגעפּרוווטע פֿאַכמענער מיט יושר אין האַרצן און מיט קאַלטן פֿאַרשטאַנד, אַזוי ווי עס פֿירט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, אפֿילו ביים צאַר — וואָס קען שוין זיין ערגער? — איז אויך אַזוי געווען.

---

* איוואַן גראָזנעס לייב־גוואַרדיע. די דאָזיקע גוואַרדייער האָבן זיך באַרימט געמאַכט מיט זייער אומגעהערטער אכזריות.

אַזוי, זאָג איך, וואָלט געדאַרפט זיין, די פּאַקטישע לאַגע אין לאַנד איז פּונקט אַ פּאַרקערטע: די יוסטיץ־קאָמיסאַריאַטן ווערן אומאָפּיציעל קאָנט־ראָלירט — און טיילווייז, אַפילו דיקטאַטאָריש טעראָריזירט פון די אָרגאַ־נען פון אָט דער שרעקלעכער, אַלמעכטיקער געפּעאו. אָבער דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלגעמיינעם כלל, טרעפן אָבער — און כמעט אין אַלע צייטן — אויסנאַם־פּאַלן: דאָס זענען אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע די פּראָקו־ראַטור האָט זיך באַזונדערס פּאַראינטערעסירט. און איך גלייב זייער שטאַרק, אַז איינער פון אָט די גליקלעכע — ביסטו, סאָלאָמאָן. אָט דער פּאַקט, וואָס זיי האָבן שוין קעגן דיר אויסגענוצט אַזאַ רייכן אַרסענאַל פּאַר־שיידנאַרטיק געווער און האָבן פון דיר נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין מינדסטן באַווייז אין דיין שולד, אָט דאָס איז דער איינגאַרטיקער, מילדערנ־דיקער מאָמענט אין דיין ענין, אָט דאָס, האַלט איך וועט דיך ראַטעווען!

— פּאָטער וואַסילי, ווי זאָגט דאָס ווערטל: פון אייער מויל אין גאָטס אויערן!... עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען די גענעראַלע פּראָקוראָרן זאָלן אויך האַלטן מיט אייך...

— מען דאַרף האָפן, נאָר האָפן, קינד מיינס. אַזאַ ייד ווי דו טאָר נישט אַפילו אויף איין רגע פּאַרלירן די האָפענונג...

קאַפּיטל LI

ניקיפאָר לוקיאַנאָוויטש קאַליוזשנעי, אָדער ווי אַלע אין קאַמער האָבן
אים גערופן — דער אַלטער לוקיטש — איז געווען דער זקן־הדור אין לו־
קיאַנאָווקער טורמע, נישט לויט דער עלטער, נאָר לויט דעם „סטאַזש”, לויט
די אָפּגעזעסענע יאָרן. הונדערטער מענטשן זענען דורכגעגאַנגען זייערע
אויספאָרשונגס־פּעריאָדן פאַר זיינע אויגן, מיט אַלעמען איז ער געלעגן
זייט ביי זייט, יעדן פון זיי איבערדערציילט זיין פּעקל צרות, און אויסגע־
הערט יענעמס ביטער האַרץ. אַלע זענען אָפּגעשוווּמען : ווער אין נאָענטע
לאַגערן, ווער אין צווייטן עק וועלט אַריין, ער איינער איז דאָ געבליבן
שטעקן ווי אַן אָפּגעגריזשעטער צאָן־וואָרצל ביי אַן אַלטיטשקער אין מויל.

לוקיטש — דאָס איז אַ לעבעדיקער ספר־הזכרונות פון טורמע־געשיכ־
טעס. ער פאַרמאָגט אין זיין אַרסענאַל אויך קאָמישע עפּיזאָדן, וועלכע ער
גיט איבער מיט זיין אייגנאַרטיקן סגנון, געדיכט באַפּעפּערט מיט נישט
צווויידייטיקן נבול־פּה. אויף זיין צונויפגעקאָרטשעט פּנים ציט ער בשעת־
מעשה אַרויף אַ נאַאיוו־כיטרע שמייכעלע. דער עולם לאַכט מיטן פולן מויל
און האָט הנאה. אָבער אַזעלכע עפּיזאָדן האָט ער זייער ווייניק, כמעט גע־
ציילטע. דאָס רוב פון זיינע געשיכטעס זענען טרויעריקע, נישט טרויעריקע,
נאָר שרעקלעכע, שוידערלעכע.

ווען ער הייבט אָן פונאַנדערצוויקלען זיינע „סקאַזאַניעס” *, אַזוי הייבט
אָן יעדער באַזונדער דורכצוטאַפּן זיין אייגענעם „באַגאַזש” : צי קען
נישט טרעפן מיט אים אַליין קיין ענלעכס. אַנדערע, מער נערוועזע, לאָזן
אים נישט דערציילן : די נשמה איז אַזוי אויך געווען פאַרביטערט, די נערוון
זענען אַזוי אויך פון שטאָל און פון אייזן, אַז זיי האַלטן אויס... אָבער
דאָס רוב איז מען אָט די „שטערערס” גובר, מען פאָלגט זיי נישט, די „צע־
פּיעסטעטע־אינטעליגענטן” ; גלייך ווי נישט יעדער האָט נערוון, גלייך ווי
נישט יעדן איז ביטער אויף דער נשמה... דער רוסישער מענטש האָט אָבער
ליב אַ מעשהלע. דער אומעט איז אַזוי גרויס, אַז מען מוז זיך מיט עפּעס
אַנדערש אָנפילן דעם מוח, זיך אַליין פאַרגעסן מאַכן די אייגענע סיטואַציע.

שפּעט אין אָונט. אויף יענער זייט פענצטער, הערט מען, ווילדעוועט
דער ווינט. אין קאַמער איז קאַלט, דאָס איז אַ סימן, אַז אויף דער גאַס איז
גאָר אַ גרויסער פראָסט. די „וויעטשערע” איז שוין אָפּגעגעסן, די פּראָ־
וויערקע ** — איבערגעקומען, שוין אַ ביסל זיך געשפּילט, אַ ביסל לעקציעס
געהערט, מיט וואָס „דערהרגעט” מען די איבעריקע שעהן ? מען פּרוווט
זיך לייגן, אָבער דער שלאָף קומט נישט אַזוי לייכט. ערגעץ זיצן מענטשן
אין טעאַטערס, קינאָס, קלובן, ערגעץ שליטלט מען זיך, לשם פאַרגעניגן,

---

* דערציילונגען.

** דאָס איבערציילן די אַרעסטאַנטן.

אויף באַקוועמע שליטעלעך אַרומגעדעקט מיט וואַרעמע פוטערס, און געט־ראָגן פון ברענענדיקע פערדלעך. ערגעץ זענען פאַראַן היימלעכע הייזער, משפחות זיצן גליקלעכע אַרום די טישן, מען עסט צוזאַמען, וואָס גאָט האָט געגעבן און מען שמועסט געמיטלעך, און דאָ —

דער צער קלעמט צונויף די הערצער פון די אומגליקלעכע ווי מיט צוואַנגען. דאָס בענקעניש ווערט אומדערטרעגלעך. איינציקווייז, ווי אומ־גערן, פאַרבלאָנדזשעט מען צו לוקיטשס בעטל, מען שפּאַרט זיך צו אויף דעם, אויף אַ שכנישן פון דער זייט, אויף אַ שכנישן פון יענער זייט:

— לוקיטש, האָ לוקיטש, צעטרייב אַ ביסל דעם אומעט, דערצייל עפּעס...

— מיינע דערציילונגען קענען נאָר אָניאָגן אַן אומעט, נישט פאַר־טרייבן אים... קיין שמחות האָט מען דאָ נישט געפּראַוועט.

— כאַפּט עס דער רוח, זאָל זיין אָניאָגן... דערצייל וואָס־ס'איז־נישט־איז, אַבי דערצייל...

— אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא... אָבער זעט, אַז איר זאָלט קיין חרטה נישט האָבן...

אין קאַמער האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית־עולם.

— ...איז דאָס געווען, הייסט עס, אויך אין אַ ווינטערנאַכט, אויך אין אַזאַ קעלט, נאָר אין אַ פּיל שפּעטערדיקער שעה. ס'איז דאַמאָלסט אודאי געווען נאָך האַלבער נאַכט. די גאַנצע קאַמער איז געשלאָפן. מיט אַ מאָל עפנט זיך אויף די טיר און מען וואַרפט אַריין צו אונדז אַ מענטשן אין אַ לייכטן פּידזשאַקל אויפן נאַקעטן לייב. דער מענטש, זעט מען, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. דאָס פּנים איז פאַרשוואָלן, די אויגן אונטערגעט־שלאָגן, אַזאַ צעמישטער, אַז באַגעגענדיק זיך מיט אים, פאַלט אָן אַן אימה מיט אַ פּחד. דער פאַרשוין קוקט זיך אַרום מיט אומצוטרוי, הערט זיך איין, ווי מען דרייט איבער דעם שליסל אין לאָך, באַקוקט אונדז אַלע מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק, און ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה גיט ער אַ שפּרונג און קריכט אַרונטער אונטער אַ נאַרע. מיר זענען אַלע אין שרעק פון זיינע משוגענע באַוועגונגען, פון זיינע העוויות. אונטער דער נאַרע, זעען מיר, גריזשעט ער זיך איין מיט די ציין אין הילצערנעם פּיסל פון דער „קאַד־לע" * און כריפּעט ווי אַ נישט־דערקוילעטער אָקס. מיר זענען אַלע, פאַר־שטייט זיך, אַראָפּ פון די „נעלעגערס", געוואָלט אים אַרויפליינן אויף אַ נאַרע — גראָד איז דאַמאָלסט געווען גרוים אין קאַמער — איין מאָל: ניין! ער לאָזט נישט. ער קלאַפּט זיך מיטן קאָפּ אין דער צעמענטענער פּאָד־לאָגע, וואַרפט מיט די הענט און מיט די פיס ווי אַ מענטש, וואָס טרענקט זיך, ווי אַ נישט נאָרמאַלער. מיר האָבן אים געמוזט לאָזן צו רו. אַ טרונק וואַסער האָט ער יאָ גענומען. די ציינער האָבן ביי אים געקלאַפּט אין

* אַזאַ לענגלעכער טאַבורעט, צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע שטיקער האָלץ, וואָס דינט אויף אונטערצושטעלן אונטער די נאַרעס.

קווערטל — אַ שרעק! מיר האָבן עטוואָס אונטערגעהויבן זיין פּידזשאַקל און זענען אָפּגעשפּרונגען פֿאַר שרעק: דאָס גאַנצע ליַיב איז געווען צעפּאַ־סעוועט מיט בלוטיקע שפּורן. די פּלייצע האָט אויסגעזען ווי אַ רעגנבויגן, ווי אַ ציגיינערשער כאַלאַט — אויב איר האָט אַ מאָל געזען... לכתחילה האָבן מיר זיך ביי אים נישט געקענט דערשלאָגן אפילו צו קיין איין וואָרט, ממש ווי ביי אַ שטומען. אָבער ווען מיין שכן האָט אים צוגעטראָגן אַ שטיקל צוקער, און אַ צווייטער אַ שטיקל קאָלבאַס — פֿון אַ היימיש פּעקל, האָט ער אויף אונדזערע צענדליקער פֿראַגן קוים געענטפֿערט מיט געצײלטע דיבורים:

— זאָלבעפֿינפֿט זענען זיי געווען... איינער אויפֿן קאָפּ... צוויי אויף די פֿיס... די איבעריקע... מיט ווירעלעך.. מיט ביליאַרדנע שטעקנס... מיט פֿיסלעך פֿון אַ בענקל... רציחהדיק... מערדעריש...

ווער ער איז אַזעלכער, פֿאַר וואָס מען האָט זיך מיט אים אַזוי פֿלייסיק אָפּגעגעבן, דאָס האָט מען ביי אים בשום אופֿן נישט געקענט אַרויסבאַקו־מען... איבערטראָגן אויף אַ נאַרע, האָט ער זיך אַליין נישט געלאָזט... ער האָט זיך געקלאַמערט אין די פֿיסלעך פֿון דער נאַרע, אונטער וועלכער ער איז געלעגן, געריסן אונטער זיך די צעמענטענע פּאָדלאָגע, ווי ער זאָל וועלן אויסגראָבן אַ גרוב פֿאַר זיך. מען האָט דייטלעך געזען, אַז דער מענטש האָט זיך נאָך נישט באַפֿרייט פֿון דעם נישט לאַנג איבערגעלעבטן קאָשמאַר. די חיהשע שרעק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע אויגן, האָט עדות גע־זאָגט, אַז ער ווייסט אפילו נישט, ווו ער געפֿינט זיך. ער האָט זיך קעגן אונדז געוועהרט מיט אַלע כוחות, ווי מיר זאָלן אים וועלן שלעכטס טון, און אפֿשר האָט ער אפילו דאָס אויך נישט געטראַכט, נאָר אינסטינקטיוו זיך געשיצט פֿון יעדן אָנגריף, ווייל בכלל איז געווען קענטיק, אַז ער רעאַגירט נישט אויף קיין זאַך. מיט איין וואָרט: דער מענטש איז געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. מיט אַ מאָל האָט זיך צו אונדז דערטראָגן דאָס ציאָ־קען פֿון פּאָדקאָוועס איבערן קאָרידאָר. אַ סך פֿיס אין שטיוול האָבן זיך געיאָגט פֿון די טרעפּ אין דער ריכטונג פֿון אונדזער קאַמער. אויף טויט־דערשראָקענע זענען מיר זיך צעלאָפֿן איבער די נאַרעס און זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די „גאַנצע" נאַטשאַלסטווע: עטלעכע נישט מונדירטע אויספֿאָרשערס, דער קאָמענדאַנט, דער קאַראַ־אולנע נאַטשאַלניק און נאָך עטלעכע טשינאָווניקעס, וועלכע איך האָב נישט געקענט. זייערע שאַרפֿע בליקן האָבן ווי מיט צוואַנגען אויפֿגעריסן אונדזע־רע אויגן, זיך אַריינגעשטאָכן אין יעדן פֿון אונדז ווי מיט אַן אומגעזעענעם שאַרף־שפּיציקן גאָפּל און אונדז אויפֿגעזעצט אויף די נאַרעס. איינער פֿון די „ציווילע" האָט געמאַכט אַ שריט פֿאָרויס:

— ווו איז דעמידיעוו?

מיר האָבן אַלע געשוויגן. וואָס זאָלן מיר ענטפֿערן?

דאָ האָט זיך שוין אָנגערופֿן דער קאָמענדאַנט, דער גוטער קאָשאָוואָי

— האָ! נישט פאַר אייערע יאָרן... פאַרגעסן! ער האָט צוגערופן דעם סטאַראָסטע:

— ווהין האָט איר אַהינגעטון דעם, בטעות אַהער געבראַכטן אַרעסטאַנט?

דער סטאַראָסטע האָט אים אָנגעוויזן אונטער די נאַרעס. נישט ווילנדיק האָבן אַלע אין קאַמער געווענדעט זייערע בליקן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג און — איך שווער אייך ביים צלם, וואָס מען האָט ביי מיר צוגענומען בשעת דעם אַרעסט — וויפל איך וועל לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס פּנים פונעם געשמיסענעם אין יענעם מאָמענט. מיט ביידע הענט און מיט ביידע פּיס האָט ער גְעהאַלטן אַרומגענומען די קאָזלעס פון די נאַרעס, די צעשויבערטע האָר זענען געשטאַנען ווי די שפּיזן, דאָס פּנים איז געווען אַזוי טויט, אַז די בלוטיקע פלעקן אויף דעם האָבן אַזש געשריגן. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ חיהשע שרעק, אַזאַ שוידערלעכע אימה, אַז אפילו די נאַטשאַלסטווע איז אויף איין ווײַלע געבליבן אָפּהענטיק. דאָס האָט אָבער מער נישט געדויערט ווי אַ קורצע ווײַלע. די צעמישונג איז גלייך פאַריבער. מען האָט אַרײַנגערופן פונעם קאָרידאָר די וועכטער און זיי געהייסן אַרויסשלעפּן דעם אַרעסטאַנט. דער אָנגערופענער דעמידיעוו האָט זיך געאַמפּערט מיט אַלע כוחות, ער האָט זיך געקלאַמערט אין די קאָזלעס מיט אַלע אברים. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביי אַן אַבסאָליוטער שטילקייט, וועלכע האָט נאָך שוידערלעכער געמאַכט דעם דאָזיקן „קאָמישן" געראַנגל. די וועכטער האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען, געקנייפּט, געריסן, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן: דעמידיעוו האָט זיך ווי צונויפגעוואַקסן מיט די קאָזלעס און ס'איז אים אוממעגלעך געווען אָפּצורייסן. כ'ווייס גאָרנישט, פון וואַנען האָבן זיך גענומען די כוחות צו אים, און וואָס פאַר אַ זין האָט געהאַט דער גאַנצער קאַמף, אָבער איר ווייסט נישט, אין אַזאַ צושטאַנד, ווי ער איז דאַמאָלסט געווען, איז קיין זאַך נישט אָפּגעפרעגט, דאַמאָלסט איז אַ מענטש אויף אַלץ פעאיק, אפילו הרגענען זיין אייגענעם טאַטן. דער סוף איז געווען, מען האָט געמוזט די ליגנדיקע אַראָפּטרייבן און אויפהייבן די נאַרעס. אַז מען האָט דעמידיעוון אָפּגעריסן פון די קאָזלעס און אים אויסגעדרייט די הענט אַרונטער, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזאַ שרעקלעכן רעווע — הייליקע מוטער! ווי קומט גאָר צו אַ מענטשן אַזאַ קול? ממש ווי אַ פאַרוואונדעטער טיגער. פאַר די הענט און פאַר די פּיס האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַמער. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נאָך דעם ספּעקטאַקל אַזוי גיך נישט געקענט איינשלאָפן. ס'איז נישט פאַריבער קיין האַלבע שעה — ניין, וואָס זאָג איך, אַ האַלבע שעה? — קיין פערטל שעה אויך נישט, אפשר צען מינוט — אַהאַ! מען שליסט שוין ווידער אויף. — וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעס? אַלע אויפן קאָרידאָר! נישט אָנטון זיך, נאָר גלייך פון די נעלעגערס. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די באַלעבאַטים: אַן אויספאָרשער, אַ פּנים, דעמידיעווס, און דער קאָמענדאַנט. מיר האָבן זיך

אַלע אויסגעשטעלט ווי צו דער „פּראַווירקע" און דאָס פּאָרל האָט שפּאַ־צירט פאַר די רייען און אונדז געקוקט אין די אויגן. ווייסט איר, וואָס זיי האָבן געוואָלט? — מיר זאָלן זיי זאָגן, וואָס האָט דעמידיעוו אונדז באַוויזן צו דערציילן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז זיי האָבן גערעדט צו דער וואַנט. ווען עמעצער זאָל געוועןן אויסזאָגן כאָטש איין וואָרט, וואָלטן מיר אים דערנאָך אין קאַמער אַליין געוועןן דערוואָרגן... אפשר אַ שעה צייט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן נאַקעטע אויפן קאָרידאָר.

טאָ האָט מען אַ פרעג געטון ביי דעם, טאָ — ביי יענעם:

— ווי רופט מען דעם פרעמדן אַרעסטאַנט?

— איר האָט אַליין אין קאַמער געפרעגט אויף איינעם, דעמידיעוו.

— פון וואַנען איז ער?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— ער האָט דאָך געזאָגט —

— איך האָב נישט געהערט, ער זאָל דאָס זאָגן...

— ער זאָל דאָס זאָגן, האָסטו נישט געהערט, וואָס דען האָסטו יאָ געהערט?

— איך האָב גאָרנישט געהערט.

— האָט ער, הייסט עס, גאָרנישט געזאָגט?

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

— פאַר וואָס האָט ער נישט געזאָגט?

— ווייל קיינער האָט ביי אים נישט געפרעגט.

— פאַר וואָס האָט קיינער ביי אים נישט געפרעגט?

— ווייל מיר זענען אַלע געשלאָפן...

— מיר האָבן דאָך אייך געטראָפן וואַכנדיקע...

— דאָס האָט איר אונדז טאַקע אויפגעוועקט...

און אויף דער שטעל גיט זיך דער אויספאָרשער אַ דריי אויס צו אַ צווייטן:

— ווען וואָס, האָט ער אייך דערציילט, האָבן מיר מיט אים גע־שמועסט?

— איך האָב נישט געהערט, ער זאָל דערציילן.

— ווי אַזוי קען דאָס זיין, דו סוואָלאָטש, ער איז דאָך געלעגן, האָב איך באַמערקט, נישט ווייט פון דיר...

— איז וואָס זשע איז דער משל?

— האָסטו געדאַרפט הערן...

— האָב איך טאַקע געהערט, אַז ער האָט געשוויגן...

— פאַר וואָס זשע האָט ער געשוויגן, ער איז דען אַ שטומער?

— קיינער האָט צו אים נישט גערעדט, האָט ער געשוויגן.

— פאַר וואָס זשע האָט קיינער צו אים נישט גערעדט?

— ווייל יעדער פון אונדז האָט געגנוג זיין אייגן פּעקל, דערפאַר אינ־טערעסירט מען זיך נישט מיט קיין פרעמדע...

— איי, ביסטו אַ פאַרביסענער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער...

— אַנטשולדיקט, בירגער אויספאָרשער, איך בין אין דער פּאַרטיי פון יאָר 1924, אַזוי אַז —

— שווייגן, הונט איינער!... אין דער פּאַרטיי איז ער... אין לוקיאַ־נאָווקער פּאַרטיי....

און אַזוי אַ געשוואָלענע שעה צייט.

פון דעסט וועגן, אויף דער „פּראָגולקע", זענען מיר ביים קלייטניק גע־ווויר געוואָרן, ווער דער דעמידיעוו איז. ער איז געווען דער אָנפירער פון די קיעווער „עוואַנגעליסטן". אַ סעקטאַנט. וואָס מיט אים איז געוואָרן דער סוף, ווייס איך נישט, נאָר דער וועכטער, וואָס האָט געהאַט אָט דעם ביטערן טעות און אים געבראַכט אין אַ פרעמדער קאַמער, איז פאַר דעם שטיקל אַרבעט באַלוינט געוואָרן מיט פופצן מעת־לעת אָפּזיצן אויפן פערצנטן קאָרידאָר. ווען ער האָט זיך דערנאָך ווידער באַוויזן אויף אונד־זער קאָרידאָר, איז אים שווער געווען צו דערקענען. ער האָט אויסגעזען עלטער מיט צוואַנציק יאָר...

און נאָך אַ קורצער פּויזע:

— אָט וואָס אויף גאָטס וועלטעלע קומט פאַר!...

די נאַכט איז אָן אומרואיקע געהאַנגען אויף יענער זייט פענצטער. דער ווינט האָט עקשנותדיק געריסן די גראַטעס. אין קאַמער איז געווען גענוג ליכטיק און שטאַרק קאַלט. פאַר יעדנס אויגן איז געשטאַנען דער סודותפולער דעמידיעוו. קיינער האָט נישט איבערגעריסן די שטילקייט. דער אַלטער לוקיטש האָט אַליין דער ערשטער זיך אָנגערופן:

— צי אַ שטייגער, די מעשה מיט גוסיעוון — איר ווילט הערן?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, אָבער נאָך די אויגן האָט ער געזען, אַז מען וויל.

— דער דאָזיקער גוסיעוו איז דאָ אין גאַנצן געזעסן דריי מאָנאַטן. אויפן עקסטן בעטל, וואָס ביי דער פּאַראַשע איז ער געשלאָפן. קיין פּרטים וועגן זיין „פּעקל" ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר, אַז מ'האָט אים „גענייט אַ דיעלע" מיט אַ זאַגאָוואָר*. מען האָט אים געצוווּנגען זיך חתמענען, אַז זיינע חברים האָבן אָנטייל גענומען אין אַ געוויסער געשיכטע, און דאַן וועט מען אים גלייך פריילאָזן. דער גוסיעוו האָט זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן. ער האָט איבערגעטראָגן געבערענטע ליידן, פריער אויף יעליזאַוועט־טינסקי, דערנאָך דאָ, און — איין מאָל ניין! כאָטש שים אין אים, ער חתמעט נישט. ווען די אויספאָרשערס האָבן געזען, אַז מען קען מיט אים גאָרנישט מאַכן, פאַלן זיי אויף אַזאַ המצאה: איין מאָל נאָך האַלבער נאַכט נעמט מען אים צו מיט געבונדענע הענט פון דער קאַמער און מען פירט אים אָפּ, אונטער אַ גרויסן קאָנוואָי — וווהין מיינט איר? אויף

---

* פאַרשווערונג.

דימעיעווקער צווינטער*. די סאלדאטן גראבן פלינק אוים א גרוב, אן אמתן קבר, מען הייסט גוסיעוון זיך אויסטון אדם־נאקעט, אראפקריכן אין גרוב אריין און זיך אוועקלייגן. גוסיעוו האט געפרווט בעטן, וויינען, פראטעסטירן, דער אויספארשער, — וועלכער איז געווען ביי דער עקזעקוציע — האט אים אבער געענטפערט, אז ער קען אפשאפן דעם ראזסטריעל** מיט איין און איינציקן באדינג: אויב ער, גוסיעוו, חתמעט טאקע אט דא שוין די מסירה אויף די חברים. גוסיעוו האט א כראקע געטון דעם אויספארשער אין פנים אריין און איז אראפגעשפרונגען אין גרוב אריין. עטלעכע אומענדלעך־לאנגע מינוטן האט מען אים געלאזט ליגן אין דערוואַרטעניש, דערנאך האט זיך דערהערט א זאלפ פון עטלעכע ביקסן. מען האט גוסיעוון קוים דערמינטערט, אזוי האט ער געחלשט. אויף צוריקוועגס האט אים דער אויספארשער געזאגט, אז די זעלנער האבן זיך דאס מאל שלעכט געצילט, אבער מארגן ביי נאכט — האט ער אים פארזיכערט — וועלן זיי דאס בעסער מאכן... ווען מען האט אים אריינגעפירט אין קאמער, איז אים שווער געווען צו דערקענען, אזוי פארענדערט איז זיין פנים געווארן. דעם גאנצן מעת־לעת האט ער זיך נישט אויפגעהויבן פון דער נארע. נישט געגעסן, צו קיינעם נישט אויסגערעדט קיין ווארט, אפילו נישט געגאנגען אויף דער פראגולקע, — נאר געלעגן מיטן פנים אראפ און שווער געטראכט... די צווייטע נאכט, אז מען איז ווידער געקומען נאך אים, ווען ער האט ביי דעם אויטא דערזען די נעכטיקע זעלנער מיט די ביקסן, האבן זיינע נערוון נישט אויסגעהאלטן און ער האט אונטערגעשריבן אלץ, וואס מען האט פון אים געפאדערט.

צום סוף האט ער זייער שיין באקומען אכט יאר און איז אוועק מיטן עטאפ אויף צפון...

* קריסטלעכער בית־עולם.

** דאס צעשיסן.

קאפיטל LII

אין קאמער איז געווען שטיל ווי אויף א בית־עולם. איינער האט נישט געקוקט אויפן צווייטן. לוקיטש האט באטראכט זיין אודיטאָריע טריאומפירנדיק: אזוינע געלערנטע מענטשן און אלע קוקן אים אין מויל אריין. אנו, זאל נאך עמעצער פרובירן אזוי באהערשן דעם עולם, ווי ער...

מיט א מאל גיט ער זיך א פאטש אין שטערן:

— איי, גוט! כ'האב עס געפאקט! אט דא וועט איר פלאצן פאר געלעכטער...

אלע ארעסטאנטן קוקן אן פארוואונדערט, ווי ער הירזשעט פון פארגעניגן. מען קוקט זיך איבער און מען איז חושד, אז דער אלטער איז געווירט פונעם זינען.

— אט דאס איז א געשיכטע פון געשיכטע־לאנד... אט וועט איר זען, אויף וואס אונדזערע מוזשיקעס זענען א מאל פעאיק... שוין איין מאל א געשיכטע...

וואסיוק האט אויף אים אנגעשריגן:

— וואס ריטשעסטו, דו אלטער רעטעך? פון דיינע שדישע מעשות נעמט אפ דער חשק צו לעבן אויף דער וועלט...

— שווייג, דו, בירויוק*! האט זיך צעשריגן ווי אויפן טאטן... ערשטנס, זענען די מעשות אזוי מיינע ווי דיינע, מען ווייסט נאך נישט, וועמענס מער... און צווייטנס... ער האט זיך גאר צעשריגן, דער בוויוואל**...

וואסיוק, מיט קרענקלעך־אנגעצונדענע אויגן, ווענדעט זיך צום ארומיקן עולם:

— אזא מיאוסע נבלה!... גאנצע טעג עפושט עס אויפן געלעגער און ביי נאכט קראקעט עס אין די אויערן, גלייך ווי ס'איז דא כאטש איין אמתדיק ווארט אין זיינע קאנטער־רעוואלוציאנע פזמונות... ער מיינט, ער האט אנגעטראפן אויף אזעלכע נאראנים, וואס וועלן גלייבן אין זיינע פעטליורעווסקע מעשהלעך... ער קוקט, וואס מען הערט אים אויס... מען האט עפעס אנדערש צו טון? מען הערט און מען טראכט זיך: —

Собака лае, а вітер несе... ***

לוקיטש, מיט א גיפטיק שמייכעלע:

— וויש זיך אפ די נאז, דו שאכער־מאכער... ווארעניקעס האט זיך

---

* געמיינט: אן איינזאמער מענטש. אזעלכער, וואס מיידט אויס צו קומען אין א געזעלשאפט.

** א ווילדער אקס.

*** דער הונט האוקעט און דער ווינט טראגט עס אוועק.

אים פּאַרגלוסט... כאַפּ־לאַפּ האָט זיך אים פּאַרגלוסט... אַ קאָם־סאַ־מאַ־ליעז...

וואַסיוק גיט זיך אַ זעץ־אויף אויף דער נאַרע, פּאַכעט צו אים פון דער ווייטנס מיטן פויסט:

— מאַך צו דאָס מויל, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל עס דיר צו־מאַכן, דו קולאַקישער ווײַדל, קיזיאַק דו...

— מילאַ, איך בין כאָטש אַ קולאַק — איז נאָך פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס איך זיץ אין „קאַזיאָנע־דאָם“* און מאַך קאַליע ברויט אומזיסט, אָבער דו ביסט דאָך עפּעס אַ פּראָלעטאַרי ... כאַ — כאַ — כאַ, אַן אודאַר־ניק... וואָס טוסט דו אויף דעם קוראָרט? וואָס האָסט דו זיך פאַרשטעקט אין אָט דעם קולאַצקע לאָך?

אין וואַסיוקס אויגן ברענט די רציחה. ער שלעפּט האַסטיק אַראָפּ אַ שטיוול און לויפט צו צו לוקיטשן:

— דו ווערסט אַנטשטומט, דו געפּגרטער הונט, וואָרעם אָט צעשפּאַלט איך דיר דעם קאָפּ...

אשכאַקאַדזע האָט ביי אים אַרויסגעריסן דעם שטיוול פון דער האַנט:

— ביסט משוגע געוואָרן, וואַסיוק, צי עפּעס אַ נישט־גוטער איז איז אַריין אין דיר! האָסט זיך פאַרבענקט נאָכן פערצנטן קאָרידאָר?

אין וואַסיוקס ליפּן־ווינקלען האָט זיך געבלעזלט שוים:

— איך מוז אָט דאָס קולאַצקע טינופת אַוועקהרגענען!... מיין טויט אָדער זיין טויט...

— גיי, דו משוגענער, גיי אויף דיין אָרט... די נערוון האָבן זיך ביי דיר צעשפּילט...

וואַסיוק האָט שלאַבעריק אַוועקגעשלייכט צו זיין נאַרע און ווי נאָר ער האָט זיך צוגעזעצט, איז געקומען די רעאַקציע: ער האָט זיך שטאַרק צע־וויינט. לאָבאָוו, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין נאַרע און זיך נישט געמישט, איז צוגעגאַנגען צו אים; זיך צוגעזעצט אויף אַ שפּיץ נאַרע ביים צוקאָפּנס און אים אַ גלעט געטון איבער די פלאַקסענע האָר:

— וואָס וויינסטו, זון מיינער? ס׳האָט דיך דאָך קיינער מיט גאָרנישט באַליידיקט...

וואַסיוק, דורך טרערן:

— וואָס דען קראַקעט ער דעם גאַנצן אָוונט ווי אַ שוואַרצע קראָ, אָט דער אַלטער הונט? טאָמער איז ווייניק אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן אָן זיינע מעשות?...

וואַסיוק האָט זיך פון זיינע אייגענע רייד נאָך שטאַרקער צעוויינט.

*** אַ מלוכה־הויז. אַזוי איז אָנגענומען ביי די רוסישע אַרעסטאַנטן אָנ־צורופן אַ טורמע.

לאַבאָוו האָט מיט אַ שפּיץ פון זיין ריאַסע אים אָפּגעווישט דאָס פאַרוויינ־טע פּנים:

— קיין הונט איז קיינער פון אונדז נישט... ווייל הינט שפּאַצירן אַרום אויף דער פריי... און וואָס דו זאָגסט — אַנגעזאַלצן, איז דאָס אודאי אַזוי און טאַקע דערפאַר הערן אים אַלע אויס... ווען אונדז וואָלט געווען גוט אויפן האַרצן, איז נישט ער וואָלט דאַמאָלסט געגאַנגען דערציילן, נישט מיר — הערן... און אויב גאָט האָט אונדז אויסדערוויילט, אַז מיר זאָלן אויס־טרינקען דעם ביטערן כוס, דאַרף מען אים, זון מיינער, טרינקען אָן טענות, ביזן דנאָ, אפילו מיט אָט די גרויליקע מעשות... הימל און ערד האָבן געשווירן, אַז קיין זאַך זאָל נישט פאַרלוירן גיין. עמעצער מוז דאָך אויס־הערן און פאַרגעדענקען אָט די אַלע געשיכטעס, וואָס זשע איז אין אונדז דער יחוס, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער געטלעכער מיסיע? בארוּ־איק זיך, מיין קינד און גיי בעט איבער לוקיטשן, דו האָסט אים אומזיסט געזידלט...

לוקיטש, פון זיין נאַרע, מיט אַ קאַליע שטימע:

— ווער דאַרף עס, אַז ער זאָל מיך איבערבעטן?... און אַליין, הייסט עס, פאַרשטיי איך דען נישט זיין ביטער געמיט? נאָר דאָ האָב איך גאָר געוואָלט דערציילן אַ קאָמישע געשיכטע, ווי אַזוי אונדזערער אַ מוזשיק האָט איבערגעכיטרעוועט דעם הויפּט־אויספאָרשער, סליוונקן אַליין... ניין, איר ווייסט נישט, ווער דאָס איז סליוונקן, נישט פאַר אייערע יאָרן!...

מעדאָוואַר, נישט קוקנדיק אין וואַסיוקס ווינקל, רופט זיך נישט דרייסט אָן:

— דערצייל, דערצייל, ס'איז זייער ציקאַווע צו הערן... מיר דאַכט, אַז איך האָב יאָ אַ מאָל געהערט פון אַזאַ נאָמען... סליוונקן... סליוונקן... פונעם וואָרט סליוואַ... כ'קען זיך אויפן אָרט נישט דערמאָנען... זיכער געהערט... נאָך פאַרן בוימל...

לוקיטש קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און טרעפט אָן אויף הסכמה־דיקע בליקן. ער וויקלט זיך שטייפער איין אין זיין סוויטקע, וואָס איז דורכ־געדרונגען מיט דעזינפעקציע־ריחות, וואַרפט אַ האַלב־מיטליידנדיקן, האַלב־טריאומפירנדיקן בליק אויף וואַסיוקן, וואָס ליגט מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין צוקאָפּנס־קלומעקל און הייבט אָן:

— דאָס איז געווען מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן צוריק... איך בין שוין דאַמאָלסט לאַנג געזעסן. אין לאַנד האָט מען נאָך לײַדנשאַפטלעך געקאָר־טשעוועט די קולאַקעס און שטרענג געזיפּט די ספק־קולאַקעס. אין אַ שיי־נעם פרימאָרגן האָט מען אין מיין קאַמער אַריינגעפירט אַ מוזשיקל פון אַ יאָר פופציק, זעכציק. טראָפים צעבולסקי האָט מען אים גערופן. ערגעץ פון מאָהילאָווער קאַנטן. אויף אים איז געווען אַ מסירה, אַז ער איז אַ שטיקל קולאַק און דער עיקר: ער געהער צו אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַ־ציע. מען האָט אויף אים געהאַט אַ פאַרדאַכט, איך געדענק נישט אויף זיכער צי, אַז ער איז אַליין אַן אָנהענגער, אָדער ער ווייסט פון אַזעלכע

וואָס געהערן צו דער גרויסער באַוועגונג פון די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעוואָרפן די באַוווּסטע לאָזונגען:

Колхозы, да! — только без коммунистов * !

Вырвем Украину с под московского сапога** !

אויף וויפל איך פאַרשטיי, איז דאָס געווען אַן אומזיסטיקער בלבול. ווען איר זאָלט געווען זען אָט דעם סאָרט נפש, וואָלט איר אויך דאָס זעלבע געזאָגט. וואָס ס׳איז מיט אים געוואָרן דער סוף, ווייס איך נישט. איך בין גראָד דאַמאָלסט געשוואָלן געוואָרן, מען האָט מיך אויף עטלעכע וואָכן איבערגעפירט אין איזאָליאַטאָר *** און ווען מען האָט מיך געבראַכט אויף צוריק „אַהיים", האָב איך שוין צעבולסקין נישט געטראָפן. אין אַ צייט אַרום האָט זיך מיר געחלומט, ווי מיר ביידע שווימען אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים און צווישן אונדז שטייט אַ שיסל ווי די פּאַראַשע די גרייס, פול אָנגעלייגט מיט וואַרעניקעס... ביי מיר איז דער חלום אַ סימן, אַז ער לעבט, אָבער איר גלייבט דאָך נישט אין קיין חלומות — איז ווי איר ווילט אייך...

זיין „דיעלע" איז איינגעשטאַנען ביי דעם שרעקלעכן סליוניקן. פון דעם סליוניקן פלעגט מען דערציילן אַזוינע שוידערלעכע מעשות, אַז... כ׳האָב שוין מורא פאַר וואַסיוקן... בקיצור — איז אָנגעקומען אָט דער צעבולסקי ווינען אונטער איין דאָך מיט אונדז. בסך־הכל איז ער גאָר געווען פון דער אָרעמקייט, אַלע יאָרן פאַרן צאַר און פאַר די סאָוויעטן איז ער אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע לאַפּטיעס און האָט אַרויסגעשטעקט דעם צונג. בשעת דער ראַסקולאַטשעוואַניע האָט ער נישט געדרימלט. ווו ער האָט נאָר געקענט, דאָרט האָט ער עפּעס צוגעשלעפּט, ווו ס׳איז עפּעס שלעכט געלעגן, האָט ער עס שוין צורעכט געמאַכט. ער האָט געהאַט מזלדיקע פינגערלעך און אַ נעזל פון אַ דרעסירטער אָווטשאַרקע ****. דער דאָרפס־ראַט האָט אים אויך צוגעטיילט: אַ דירה, אַ קו, אַ גוטן זשערעבעץ ***** מיט אַלע איבעריקע זיבן זאַכן. דער צעבולסקי האָט אַזוי געהאַלטן אין איין אַרומוואַקסן מיט באַלעבאַטישקייט, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מען האָט זיך אומגעקוקט, אַז פון דעם בידנעם טראָפּימען איז אויסגעוואַקסן אַ שפּאָגל־נייער קולאַק. און דאָ איז נאָך אונטערגעקומען דאָס מסירהלע וועגן דער אָרגאַניזאַציע — בקיצור, מען האָט אים גענומען.

ווען איר זאָלט אַ קוק טון אויף דעם נפש, וואָלט איר פאַר אים זיכער קיין גראָשן נישט אַוועקגעגעבן: אַ נידעריקס, אַ דאַרס, אַ קוואַרס, קען זיך נישט אונטערשרייבן. מיט איין וואָרט: אַ פשוט מענטשל, זייער אַ פשוטס, אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט שכל, כיטרעקייט, האָט ער געקענט פאַר־

---

* קאָלכאָזן — יאָ, נאָר אָן קאָמוניסטן!

** לאָמיר אויסרייסן אוקראַאינע פון אונטער דעם מאָסקווער שטיוול.

*** אַ צייטווייליקער לאַזאַרעט אין אַ טורמע.

**** דער בעסטער מין אויסשפּיר־הינט.

***** אַ פערד אַן „ער".

שטעקן אין גאַרטל צען אויספאָרשערס מיט די דרויבלעך... זעקס וואָכן איז ער אָפּגעזעסן און מען האָט אים נישט אַרויסגערופן. דאָרט, ביי אים אין דער היים, האָט מען, ווייזט אויס, נישט אויסגעזאָגט, ווו ער געפינט זיך, און ער האָט געהונגערט. דאָס מוזשיקל האָט געהאַט אַ שטאָך אין דער אכילה, און האָט דעם הונגער איבערגעטראָגן אַזוי שמערצלעך, אַז אַלע גערערים אין אים האָבן זיך אַזש געשאָקלט.

זעקס וואָכן נאָך זיין אָפּזיצן דאָ ביי אונדז רופט אים סליוונ̇יק אַרויס צו זיך. דאָס איז געווען אַרום האַלבער נאַכט. איך געדענק — אַזוי ווי עס זאָל ערשט נעכטן געווען געשען — אַז ער האָט זיך דאַמאָלסט לאַ — אַנג געזאַמט, כמעט ביז טאָג. ווען מען האָט אים צוריקגעבראַכט אין קאַמער אַריין און ער האָט זיך אַ ביסל אויסגעשלאָפן, האָט ער מיר איבערדער־ציילט וואָרט ביי וואָרט, וואָס צווישן זיי איז געשמועסט געוואָרן.

דער אויספאָרשער האָט אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ ווייסן בויגן פאַפּיר, גענומען די פעדער אין דער האַנט, צוגערוקט אַ בענקל נאָענט צום טיש, זיך אַליין אַוועקגעזעצט און אָנגעוויזן צעבולסקין, ער זאָל זיך אויך זעצן. נאָך דעם ווי סליוונ̇יק האָט אים באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, זאָגט ער אים:

— זאָג מיר, צעבולסקי, דו ביסט עפּעס אַ קלוגער מענטש?

— ווי אַזוי קען איך אויף זיך אַליין זאָגן? דאָס ווייב זאָגט, אַז איך בין אַ דוראַק, ווען נישט וואָלט איך נישט געווען אַזוי אָרעם ווי דער טויט... כ׳ווייס? מן הסתם, אַז זי זאָגט, ווייסט זי...

— דו ביסט אָרעם? דו ביסט דאָך אַ פאַרפונדעוועטער קולאַק...

— איך — אַ קולאַק? ביי מיר טרעפט איר נאָר די אָפּשניצלעך פון אונדזערע קולאַקעס... כ׳בין אַזאַ קולאַק פונקט ווי איר...

— צעבולסקי, האַלט די צונג. פאַרגעס נישט, ווו דו געפינסט זיך. דאָ איז דיר נישט קיין שענקל... אָבער נישט דאָס איז איצט דער עיקר... לאָ־מיר רעדן צו דער זאַך... דו ווילסט זיין אויפריכטיק מיט מיר, צי דו וועסט מיר דולן דעם קאָפּ מיט ליגנס?

— וואָס איך ווייס, דאָס וועל איך זאָגן... כ׳האָב נישט קיין שום אינ־טערעס צו לייקענען...

— צי דו האָסט יאָ אַן אינטערעס, צי ניין, דאָס וועלן מיר שפּעטער זען... איך ווייס געווי, אַז דו ביסט נישט פון די הויפּט־אָנפירערס, מיר ווייסן אַלץ, זייַ זיכער, אָבער דאָך געהערסטו צו אַן אָרגאַניזאַציע... דאָס איז ביי אונדז קלאָר ווי דער טאָג... געדענק זשע, אויב דו וועסט ערלעך ענט־פערן אויף אַלע פראַגן, וועט זיין פאַר דיר געזונטער...

— איך וועל ענטפערן. פאַר וואָס זאָל איך נישט ענטפערן? נאָר ס׳איז גוט צו רעדן, אַז עס שפּילט נישט אינעווייניק...

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין דעם הונגער... זשאַבעס קוואַקען ביי מיר אין בויך... איך קען מיט דער צונג נישט רירן...

— אַט דאָס איז גאָר?... ע, דאָס איז אַ קלייניקייט...

סליוויניק האָט טעלעפאָניש באַפוילן און מען האָט מאָמענטאַל אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע סעודה, אַפילו וווּרשט, אַפילו וויים ברויט. צעבולסקי האָט זייער שיין אַריינגעשטעקט דאָס גאַנצע עסנוואַרג און זיך צוגעגרייט צו ענטפערן.

דער אויספאָרשער איז צוגעטראָטן גלייך, אָן הקדמות:

— זאָג נאָר, דו קערסט שוין לאַנג צו דער אָרגאַניזאַציע?

— מען קען זאָגן, לענגלעך, טאַקע זייער לאַנג, פונעם אָנהייב אָן.

— פונעם אָנהויב אָן, זאָגסטו?

— יאָ, פונעם אָנהויב אָן. פונעם ערשטן טאָג, וואָס זי האָט זיך געגרינדעט.

— און די גאַנצע צייט, אָן איבעררייס —

— די גאַנצע צייט, אָן איבעררייס. ווי דען?

— אַ סך מיטגלידער פאַרמאָגט זי, די —

— אַ סך, זייער אַ סך...

— און אַלע זענען פון אייער דאָרף?

— פאַר וואָס עפּעס נאָר פון אונדזוערן? פון די אַרומיקע כוטאָרעס אויך.

סליוויניקס פּען לויפט גיך איבערן פּאַפּיר. פאַרשריבן, קלאַפּט סליוויניק אַ צופרידענער מיט די פינגער אין טיש:

— אַזוי, אַזוי... דו רויכערסט?

— אין דער היים... אַז איך האָב געהאַט... ווי דען?

— נעם דיר עטלעכע פּאַפּיראָסן...

צעבולסקי האָט פאַררויכערט און סליוויניק, אַ שיינענדיקער, האָט ווי פריער געפּויקט מיט די פינגער אין טיש. מיט אַ מאָל האָט ער זיך ראַש אַ קער געטון אין צעבולסקיס זייט און אין איין אָטעם אַ פרעג געטון:

— אייער אָרגאַניזאַציע האָט געאַרבעט זעלבסטשטענדיק, צי זי האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע אויך?

— געהאַט פאַרבינדונגען, ווי דען? כמעט אַלע וואָך פלעגט מען פאָרן קיין מאָהילאָוו און אַ מאָל קיין ווינּיצע...

— מהם... גוט, גוט... איך זע, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מענטש... דו ליוגסט נישט...

— פאַר וואָס עפּעס זאָל איך ליגן? איך בין אַ פראַוואָסלאַוונער מענטש... וואָס איך וויים, דאָס זאָג איך...

— פאַרזאַמלונגען פלעגן אָפט פאָרקומען?

— כמעט אַלע וואָך... אַלנפאַלס, נישט ווייניקער פון צוויי מאָל אין חודש...

— וויכטיק, וויכטיק... שוין פאַרשריבן, וואָרט ביי וואָרט. איצט זאָג מיר אַזאַ זאַך: אין אייער אָרגאַניזאַציע גייען אַריין בלויז עלטערע מענטשן, צי יונגע אויך?

— פונקט פאַרקערט: יונגע נאָך מער פון אַלטע, אַזאַ מעשה גאָר...
— פרויען אויך?
— וואָס פרעגט איר? מיידלעך, ווייבלעך... יונג און אַלט...
— מאַלאַדיעץ, צעבולסקי! אָט אַזוי האָב איך ליב... אָפּנהאַרציק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָוויעטישן בירגער!
— כ'האָב דאָך אייך גלייך פונעם אָנהייב געזאָגט: איר קענט אויף מיר אויסרעכענען אַקוראַט ווי אויף זיך אַליין. וואָס איך ווייס, דאָס זאָג איך...
אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער אויספאָרשער, אַ יונגערער, מיט אַ בויגן פּאַפּיר אין דער האַנט. סליוּוניק האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט: „אַרויס, אַרויס, נישט איצט!" יענער האָט אַ פאַרלוירענער אים געוויזן צוויי פינגער: „אויף געציילטע צוויי מינוט"... אָבער סליוּוניק האָט אים אומברחמנותדיק דורכגעטריבן, נישט געוואָלט זיך אַליין איבער־שלאָגן דעם געלונגענעם פּאַנג. ער האָט זיך פון דאָס ניי אַריבערגעבויגן צום אַרעסטאַנט:
— איז זאָגסטו, הייסט עס, צעבולסקי, אַז מיטגלידער זענען געווען פון פאַרשידענער עלטער און פון ביידע געשלעכטן?
— כ'האָב דאָך אייך שוין איין מאָל געזאָגט: יונג און אַלט, אָן אַ אויסנאַם...
— דו אַליין פלעגסט זיי אָפט באַזוכן?
— ווי אַ מאָל, צייטנווייז אויך דריי מאָל אין טאָג...
— אָט ווי! ביסטו דאָך טאַקע אַן אַקטיוויסט, און דו האָסט מיר נאָך געוואָלט איינרעדן, אַז דו האָסט נישט קיין אינטערעס... איצט זאָג מיר: פיל מיטגלידער פלעגן אַזוי אָפט באַזוכן אייער —
— אַלע! אַלע ביז איינעם! צומאָל פלעגט זיין אַזאַ געדראַנג, אַז מען פלעגט שיר נישט דערשטיקט ווערן...
— וואָס איז געווען די סיבה פונעם געדראַנג? ווען פלעגט דאָס טרעפן?
— ווען מען פלעגט זיך אומקערן פון מאָהילאָוו, אָדער פון וויניצע...
— אַ־האַ! פאַרשטאַנען! אַז מען פלעגט זיך אומקערן פונעם צענטער, געבראַכט נייס, האָט יעדער באַזונדער געוואָלט —
— זיכער האָט יעדער געוואָלט... וואָס דען, פאַרשפּעטיקן איז אַ גע־שעפט?
סליוּוניק האָט אויף אַ ווײַלע פאַרזשמורעט די אויגן און נאָך אַ לאַנ־גער פּויזע גוטברודעריש געפרעגט:
— צעבולסקי, דעם ביטערן טראָפּן האָסטו ליב?
— פאַר וועמען ער איז ביטער, פאַר מיר איז ער זיס... אין דער היים... כאָטש די אַלטע סטערווע פלעגט מיר וואַרפן אַלע קריגלעך אין קאָפּ אַריין, אָבער ס'האָט איר געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס... זי האָט זיך געטון אירס און איך האָב זיך געטון מיינס... אָבער דאָ —

— פאַר אַזעלכע אָפּגהאַרציקע בירגער, ווי דו ביסט, וועט זיך געפֿי־נען דאָ אויך אַ קאָפּעטשקע...

סליוועניק האָט אָנגעקלונגען און מען האָט אַריינגעבראַכט אַ האַלב פלעשל בראָנפן מיט אַ גלאָז. צעבולסקי האָט געמאַכט איין כוסה, די צווייטע און איז לעבעדיקער געוואָרן. דער אויספֿאָרשער האָט לאַנג, מיט אַ ברען געשריבן, פאַרגעסנדיק דערין, אַז אין קאַבינעט זיצט אַן אַרעסטאַנט, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. צעבולסקי האָט אָבער אויך ווי פאַרגעסן, אַז ער זיצט פאַר אַ מאַיאָר פון דער געפּעאו. ער האָט אַן אויפגערוימטער אַלע מאָל דערגאָסן די גלאָז, נאָך אַ מאָל דערגאָסן און ווידער אַ מאָל דערגאָסן, ביז אין פלעשל איז קיין טראָפּן נישט געבליבן.

געענדיקט שרייבן, רופט זיך סליוועניק אָן אַ יומטובדיקער:

— אַזוי, הייסט עס, צעבולסקי, אַז מער האָסטו גאָרנישט וואָס צוצו־געבן, האַ?

— קומט אויס, אַז ניין... כ'האָב דאָך איך גלייך אַריינקומענדיק גע־זאָגט... איך האָב פיינט סודות... ביי מיר, וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג...

— אויב אַזוי, חתמע זיך אונטער דיינע פּאָקאַזאַניעס * וועגן דער אָרגאַניזאַציע...

— מיטן גרעסטן כבוד... שרייבן קען איך נישט, אָבער דריי צלמ־לעך ** שטעל איך ווי אַ קאָזאַק... נאָר איר ווייסט, בירגער אויספאָרשער, עפּעס איין זאַך קומט ביי מיר אויס מאָדנע...

— וואָס אַזעלכעס? זאָג, שעם זיך נישט...

— ווער שעמט זיך דען?... איר ווייסט, וואָס מיך פלאָנטערט אַ ביסל? אָט דער נאָמען! ווייסט אים דער רוח...

— וועלכער נאָמען? וואָס בעבעסטו?

— נו, אָט דער זעלבער טאָקע, וואָס איר האָט ערשט־אָ אָנגערופן...

— וועלכן נאָמען מיינסטו? אָרגאַניזאַציע?

— אָט־אָ דעם זעלבן טאָקע... עס רעדט זיך, דאַכט זיך, אויס קורצער אַ ביסל...

— רעד דייטלעכער, שכור דו...

— איך רעד, דאַכט זיך, גאַנץ דייטלעך... ביי אונדז ענדיקט מען דאָס דאָזיקע וואָרט אויך אויף „אַציע”, אָבער דער אָנהייב — אַ ביסל אַנ־דערש...

סליוועניק, מיט ברייט צעעפנטע אויגן:

— וואָס הייסט אַנדערש? ווי אַזוי?

— קאָ — אָ — פּע — ראַ — אַ — אַ — צי — ע *** !...

* גביות־עדות.

** אַן אָנגענומענער מנהג אין רוסלאַנד פאַר אַנאַלפאַבעטן.

*** דאָ געמיינט — אַ מאַגאַזין פאַר זאַכן פון ערשטן געברויך.

קאפיטל LIII

אין עטלעכע טעג ארום האט מען שלמהן, צווישן אנדערער שפּייז, צוגעשיקט אויך המן־טאשן. הייסט עס, פאוואלינקע שוין פורים אויך...

די נאטור האט געפּראוועט מופתים. קיין סימן פון קיין ווינטער איז שוין נישט געווען. די זון — א בריענדיקע. קיין סימן פון קיין שניי. די ערד — א צעפּארעטע, א געשוואלענע ווי א פּלעצל קעגן פלאם. די הימלען — בלוי־ווייס, קיין סימן פון קיין כמארעלע, — פרילינג! פרילינג אין סאמע ברען...

פאראיבער עטלעכע וואכן.

עס זענען נישט פארגעקומען קיינע ענדערונגען אין לעבן פון דער קאמער. איין טאג איז געווען ביז גאר ענלעך אויפן צווייטן. די גאנצע ענדערונג איז געווען נאר אין דער נאטור. אין יעדן פרימארגן, אומקערנדיק זיך פונעם שפּאציר, פלעגט מען נאר שמועסן דערפון, אויף וויפל דער פרילינג האט זיך דערנעענטערט פאר דעם פארגאנגענעם טאג.

אין איין אינדערפרי האט מען זיך אומגעקערט פונעם שפּאציר מיט פולע אויערן נייעס. דער קלייטניק האט דערציילט, אז ער וויסט פון א זיכערער קוועלע, אז מיט עטלעכע טעג צוריק זענען פארגעקומען אין מאסקווע גרויסע זיצונגען פון דעם „דריילינג־טריבונאל" און פון דער „באזונדערער בעראטונג" ספּעציעל פאר קיעוו, און פון טאג צו טאג קען מען דערווארטן נייעס ביי די, וועמענס ענינים געפינען זיך דארטן. די שטימונג אין קאמער איז געווען אן אנגעצויגענע. אין יעדן איינעם האבן זיך אויפגעוועקט זיינע ווייטיקן. קיינער האט נישט געוואגט הויך צו לאכן. די שפּילן האט מען לחלוטין פארווארפן. די קאמער איז אין יענע טעג געווען געגליכן צו א שיף אין מיטן ברויזנדיקן ים. אמת, דער קאפּיטאן האט נאך קיין איין שלעכט ווארט נישט געזאגט, אבער די פּאסאזשירן אליין פילן, אין וואס פאר א סכנה זיי געפינען זיך.

ווען שלמה האט אויפגעעפנט די אויגן אין יענער נאכט, איז שוין מעדאוואר געשטאנען אנגעטון ביי זיין נארע, דאס פּנים זיינס, איז געווען בלאס, אן איין טראפּן בלוט. דער נאטשאלניק פון דער טורמע, מיט צוויי בלויע ראמבן אין די פּעטליצעס, האט עפּעס אריינגעקוקט אין א פּאפּיר. לעבן אים איז געשטאנען דער נאטשאלניק פון דער אפּעראטיווער אפּטיילונג, דער קאמענדאנט פון דער טורמע, דער קאראאול־נאטשאלניק, א צענדליק זעלנער מיט ביקסן און נאך צוויי פרעמדע אין לעדערנע מאנטלען, ציוויל געקליידעט.

דער נאטשאלניק האט נערוועז געפרעגט:

— ווי אזוי איז אייער פאמיליע־נאמען?

— מעדאוואר.

— אייער נאָמען, דעם פאָטערס?
— כאַסקל דאַווידאָוויטש.
— ווו געבוירן?
— אין באָסלאָוו, קיעווער אָבלאַסט.
— וויפל אַלט?
— צוויי און פופציק.
— אייער היימישער אַדרעס?
— קאַראָלענקאַ 26. ווינונג 9.

דער ציווילער האַלט אין דער האַנט אַ טאָוועלע. ער טוט עטלעכע מאָל אַ קוק אויף מעדאָווארס פּנים און צו זיך אין דער האַנט אַריין. ער קוקט זיך איבער מיט דעם נאַטשאַלניק פון דער טורמע. זייערע בליקן זאָגן:

— אַלץ שטימט, דאָס איז דער זעלבער, וואָס מיר דאַרפן.

דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע גיט אַ קוק אויף זיין פּאַרטרעטער, יענער אויפן קאָמענדאַנט, דער קאָמענדאַנט גיט אַ ווונק און פיר זעלנער דערנענטערן זיך צו דער נאַרע. ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, גיט מעדאָוואַר אַ טאַנץ אַרויף אויף דער נאַרע און נישט מיט זיין קול גיט ער אַ געשריי:

— וואָס גייט איר מיט מיר טון?

דער קאָמענדאַנט ענטפערט קאַלט:

— אויפן וועג וועלן מיר דיר שוין זאָגן.
— צו וואָס זשע דאַרף מען גאָר זעלנער?
— פרעג ווייניקער קשיות, אַזוי דאַרף מען...

מעדאָוואַר הייבט אָן צו וואַרפן מיט די הענט און מיט די פיס און שרייט מיט אַ שרעקלעך קול, פון וועלכן עס קילט דאָס בלוט אין די אָדערן:

— וואָגט נישט צוגיין צו מיר, רוצחים, תלינים! פאַר וואָס גייט איר מיך הרגענען? איך האָב קליינע קינדער... באַנדיטן! סוואָלאַטשעס!... מיינע קינדער וועלן זיך אין אייך נוקם זיין. אַוועקט, אַוועקט פון מיר!

דער קאָמענדאַנט האָט ווידער אַ מאָל אַ ווונק געטון און די זעלנער האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט פון דער נאַרע. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, זיך אַ וואָרף געטון אויפן צעמענט און משוגענערווייז זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די קולאַקעס אין קאָפּ:

— גוואַלד, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אויף דער וועלט, אַז פאַר פאַרשיווע עטלעכע ליטער בוימל זאָל מען שיסן אַ מענטשן, אַ טאַטן פון קליינע קינדער, פון נישט קיין אויסגעגעבענע טעכטער... נעמט צו ביי מיר אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, אפילו די דירה, אפילו די פּיאַנע... אָבער לאָזט לעבן מיך!... שיקט מיך אויף צפון, אויף סאַכאַלין, אויף קאַמטשאַטקע, אָבער — שיסן? וואָס הייסט שיסן? אַוועקט!... אַוועקט וואָן פון מיר, אויסוואורפן! הענקער! מענטשן־פרעסערס!

די זעלנער האָבן אים מיט גוואַלד אויפגעשטעלט, אויסגעדרייט די הענט אַרונטער און זיי פאַרשלאָסן אין אַ רינגל. מעדאָווארן איז מיט אַ מאָל גע־

ווארן נישט צו דערקענען. דאס פנים איז געווארן ווי מיט אש פארשאטן, די אויגן זענען ביי אים ארויסגעקראכן אויפן שטערן, פון מויל האט געזעצט א שוים, ער האט נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— מערזאוועצעס, צו וואס דארפט איר מיך שיסן? א מער פארפירט מיך אין הער דריטער קליניק. זאל ער מיך, דער חתן מיינער, שניידן, בראקן... אים דערלויב איך, אבער אייך — נישט! הינט, באסיאקעס *, סאמאזוואנצעס **!... קוקט, חברים, קוקט וואס מען טוט מיט מיר. גיט איבער די קינדער מיינע, ווי אזוי זייער פאטער איז אומגעבראכט געווארן... זאלן זיי יארצייט האבן, איך בין א ייד!...

פון הינטער דער טיר האבן זיך נאך דערטראגן זיינע גוואלדן, דערנאך איז מיט א מאל שטיל געווארן. און דאן האט מען אין דער נאכטיקער שטילקייט באלד דערהערט, נישט ווייט פון פענצטער, רוישן א מאטאר... אלע האבן מיט פארכאפטע אטעמס זיך צוגעהערט, יעדע מינוט איז געווען א יאר... מיט א מאל האט זיך ביי יעדן אלץ א ווארף געטון אינעווייניק. עס האבן אויסגעשאסן עטלעכע ביקסן מיט א מאל און דער מאטאר האט אויפגעהערט צו רוישן.

אוים מעדאוואר!... גלייך ווי נישט געוועזן אויף דער וועלט. ערשט היינט ביי טאג געשפילט אין דאמינא. פארן שלאף האט ער געוויזן אשכאקאדזען, ווי אזוי מען גייט א מאלדאוואנישן האפאק און אצינד ליגט ער שוין א צונויפגעדרייטער ווי א געקוילעטער האן...

קיינער האט אין קאמער קיין ווארט נישט אויסגערעדט. יעדער איז זיך געלעגן אויף זיין נארע מיט אפענע אויגן, און געוועבט זיינע שרעקלעכע פיצלעך געדאנקען. שלמה האט א קוק געטון אויף לאבאוון, יענער איז נעשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט, דעם קרייץ ביים מויל און האט שטיל געדאוונט. שלמהן איז געווארן א בזיון פאר זיך אליין: דער אומגעקומענער איז דאך א ייד, דארף ער דאך גיכער עפעס טון פאר זיין נשמה וועגן. ער האט זיך אפגעגאסן נעגלוואסער און גענומען לערנען משניות, די אותיות פון יחזקאל.

אויפן צווייטן טאג איז גארנישט געשען אזוינס, נאר די גאנצע קאמער איז געווען אבלדיק. מען האט מורא געהאט זיך באגעגענען מיט די בליקן, אזוי ווי די זינדיקע.

אויף איבערמארגן נאך דעם פרישטיק איז אריינגעקומען דער נאטשאלניק פון דער אפעראטיווער אפטיילונג, דער נאטשאלניק פון דער קאנצעלאריע און דער קאמענדאנט פון דער טורמע. זיי האבן צוגעמאכט הינטער זיך די טיר און בלייבנדיק שטיין אין מיטן צימער אויסגערופן:

— ארעסטאנט וואסיוק! שטיי אויף און הער אוים דיין אורטייל!

---

* באראוועסע.

** אוזורפאטארס.

וואסיוק איז געבליבן זיצן ווי געליימט. זיי האָבן אויף זיין פּאָזע נישט געלייגט קיין אכט און אָנגעהויבן לייענען:

„וואסיוק, פּיאָטער אנדרעיעוויטש, געבוירן... אלט... איז באשולדיקט אין באגנבענען דאָס מלוכה־אייגנטום און ווערט פארמשפּט, לויטן „געזעץ פון זיבעטן אויגוסט" צו טויט־שטראָף".

אין קאמער הענגט אַ פארגליווערטע שטילקייט. דער נאטשאלניק פון דער קאנצעלאריע לייענט ווייטער:

„נאָר נעמענדיק אין אכט זיינע יונגע יאָרן, די האָפענונג, אַז ער קען נאָך ווערן אָרנטלעכער, נעמענדיק אין אכט זיינע פארדינסטן פארן קאָל־כאָז, זיין געטריי ארבעטן אָלע יאָרן — ווערט אים די טויט־שטראָף פאר־ביטן אויף צען יאָר קאָנץ־לאגער אויפן ווייטן צפון, מיט דער רעכט צו באקומען פּעקלעך, בריוו און אָן קאָנפיסקאציע פון אייגנטום. קיינע קאַ־סאציע־אָנקלאגעס ווערן נישט אָנגענומען. דער אורטייל איז גילטיק צום אויספירן".

געענדיקט לייענען, ווענדעט זיך דער קאָמענדאנט צו וואסיוקן:

— מאכט גרייט אייערע זאכן, ווייל אין צוואנציק מינוט ארום וועט מען קומען נאָך אייך. אייך איז אָפּגעגאלטן, איר וועט זיך לאנג אין עטאפּן־קאראנטין נישט דארפן וואלגערן. מאָרגן גייט אָפּ אַן עטאפּ אויף צפון. דאָס ברויט, וואָס איר האָט היינט באקומען נעמט מיט, ווייל היינט וועט איר שוין גאָרנישט באקומען, חוץ אַ ביסל זופּ.

זיי זענען שוין לאנג געווען אַוועקגעגאנגען און וואסיוק איז נאָך אַלץ געזעסן אַזוי פארשטיינערט, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. לאבאָוו איז צוגעגאנגען צו אים, אים אַ טרייסל געטון ביים אַקסל:

— זון מיינער, דו דארפסט זיך צוגרייטן. מען וועט דיך שוין באלד אַ רוף טון.

וואסיוק האָט אויפגעוואכט, זיך געגומען, אַ שולדיקער, פארענטפערן פאר לאבאָוון, פאר וואָס ער האָט זיך פארטראכט אין אַזאַ ערנסטן מאָ־מענט. ער האָט צונויפגעלייגט זיין קלימעקל און שעמעוודיק גערעדט:

— און טרעפט, וואָס איך האָב געטראכט, פאָטער וואסילי... גיי זיי אַ חכם, אַז מען וועט מיר פאר עטלעכע קילאָ מעל שענקען גאנצע צען יאָר — און אַזוי ווייט פון מיין טייער דערפל... אוי, אַ דערפל ביי אונדז, זאָג איך אייך... וויפל הונדערטער פּודן ברויט האָב איך מיט מיין בריגאדע איינגעבראכט דעם קאָלכאָז... איי־איי־איי! גיט מען מיר צען יאָר פאר אַ קלימעקל... און דאָ האָב איך גאָר בדעה געהאט חתונה האָבן... כ'האָב איינע... נאָר ווער ווייט זי שוין אָנקוקן? אוי, האָב איך פארשפּילט מיין וועלט פאר גאָרנישט...

און מיט אַ מאָל פאלט ער צו מיט אַ געוויין צו לאבאָווס האנט:

— זאָג מיר דעם אמת, הייליקער פאָטער, עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, צי ניין? ער האָט דאָס געהייסן מיר אַזוי אַ תל מאכן פון מיין יונגער וועלט?... ער? ער? וואָס האָב איך אים אַזוינס געטון? וואָס?...

עס זענען אוועק נאָך עטלעכע טעג, ס'איז סומנע געוואָרן אין קאַמער. יעדער איינער האָט עפּעס דערוואַרט. דאָס אומבאַוווּסטקייט האָט אויסגע־צאַפּט דאָס בלוט, ערגער פונעם ערגסטן אורטייל. דער קליינטניק האָט דער־ציילט, אַז עס איז דאָ אַ פאַראָרדענונג פון די „הויכע פענצטער", ביזן ערשטן מאַי אָפּצורייניקן די טורמע פון אַ דריטל אַרעסטאַנטן. אַלע געריכטן, אַלע טריבונאַלן אַרבעטן איצט ביי טאָג און ביי נאַכט בלויז איבער די ענינים פון לוקיאַנאָווקער „קוואַרטיראַנטן".

...אין דער לופט איז געהאַנגען אַ חלף. יעדן איינציקן מוז ער אַ שניט טון, וועמען מער און וועמען ווייניקער...

קאפיטל LIV

דעם ניינצנטן אפריל, מען האט נאר באוויזן זיך אומצוקערן פונעם שפאציר, ווי א זעלנער האט אין „אייגל" אויסגערופן:

— פיאטיגארסקי! מיט די זאכן, מאך זיך גרייט!

א פראסט איז אריבער שלמהן איבערן גאנצן לייב. אט דאס איז דאס! געקומען א סוף צו זיינע גוטע זיבן יאר. ער האט זיך מיט א טיפן טרויער אומגעקוקט אויף אלע ליבע קליינינקייטן, אויף אלע שכנישע פנימער און גענומען צונויפלייגן די זאכן. עמעצער האט אים ארויפגעלייגט די האנט אויפן אקסל. שלמה האט זיך אומגעקוקט, דער פאטער וואסילי איז גע־שטאנען דערנעבן און האט ווארעם געשמייכלט.

— געערטער חבר לאבאוו, פאטער וואסילי, קירסט האט גובר געווען...

— א טעות, מיין זון, דו גייסט צו דער פרייהייט.

— אך, פאר וואס זאגט איר אזוינס, וואס איר אליין גלייבט נישט דערינען?

— דו רעדסט אן דרך־ארץ, קינד מיינס, נאר איך בין דיר מוחל, ווייל דאס איז פון צעטראגנקייט.

— אנטשולדיקט, טייערער פאטער, איך האב אייך אומגערן באליי־דיקט.

— איך ווייס אליין, אז אומגערן, און דערפאר טאקע בין איך נישט ברוגז אויף דיר. אבער דו גייסט אהיים, עס איז ביי מיר כמעט קיין ספק נישט.

— אך, וואס רעדט איר? נאך מעדאוואָרן און וואסיוקן, וועט מען מיך אפלאזן אהיים? עס איז דען א מעגלעכע זאך?

— איינס האט נישט צום צווייטן, אויף דיר האבן זיי קיין שום קרעצל נישט געפונען, אין וואס זיך אנצוטשעפען. דו ביסט פאר זיי ווי קוועק־זילבער: מען זעט דיך מיט די אויגן, מען קען דיך אבער נישט נעמען מיט די הענט, דו לאזט זיך נישט אננעמען. און וואס דו זאגסט: מעדאוואר, וואסיוק — איז דאס אן אלטע מעשה... דאכט זיך, אין אייערע ספרים ווערט ערגעץ געבראכט וועגן א שטאט, וואס איז געווען אזוי גרויס, אז ווען דער שונא האט שוין אנגעהויבן די שחיטה אין איין עק שטאט, האט מען נאך געפראוועט חתונות אין דעם צווייטן עק שטאט. איא, עס איז דא ערגעץ אזא מעשה?

— יא, ס'איז דא. דאכט זיך אין ביתר...

— מיר דאכט אויך, אז אין ביתר. איז אט אזוי פירט זיך אומעטום. דא א לויה, דארט א חופה... ביי דיר, פיל איך, שמעקט מיט א חופה...

— פאטער וואסילי, וואס קען דאס זיין, וואס מען האט מיר מיין אורטייל נישט איבערגעלייענט דא אין קאמער?

— פארשטייסט אליין נישט, פאר וואס? ווייל אויף דיר איז קיין אור־טייל נישטא!

— און איך רעכן, ווייל מען פירט מיך איבער צוריק אויף יעליזאַוועט־טינסקע.

— זאָלסט מער נישט רעדן אַזעלכע נאַרישע רייד, איך בין עלטער פון דיר און פאַרשטיי בעסער פון דיר, ווהין מען פירט דיך...

— אוי, פאָטער! איר שטעקט מיך אָן מיט אייער אָפּטימיזם. אָבער איר געדענקט אודאי, וואָס שלמה המלך זאָגט אין אַזאַ פאַל? „תוחלת ממושכה מחלת לב"*. איידער זיך איינרעדן לופט־שלעסער און דערנאָך ביטער וויינען אויף זייער קבר, איז גלייכער נישט דאָס און נישט יענץ...

— דו ביסט אודאי גערעכט, נאָר דיינע שלעסער זענען פון שטיין און צעמענט... שלמה, באַלד קומט מען נאָך דיר. עס קען זייער זיין, אַז מיר זאָלן זיך מער קיין מאָל נישט באַגעגענען. ווי עס איז, האָבן מיר פאַרט אָפּגעלעבט צוזאַמען אַזעלכע צען וואָכן — דאָס איז אַ גרויסער שטיק פונעם לעבן. מיר האָבן פיל שעהן פאַרבראַכט צוזאַמען און, דאַכט זיך, באַפריינדעט געוואָרן...

— טייערער פאָטער וואַסילי, דעם „דאַכט זיך" האָט איר געמעגט נישט זאָגן...

— יאָ... איז האָב איך צו דיר אַ בקשה...

— טייערער פאָטער, וואָס עס איז נאָר אין מענטשלעכע כוחות...

— כ'וויים, כ'וויים, דאַרפסט מיר נישט זאָגן. דו פאַרשטייסט? פאַר אַ צווייטן וואָלט די ביטע נישט געווען אָנגעמאָסטן, אָבער פאַר דיר — יאָ...

— זאָגט, כ'בעט אייך, זאָגט, איך וועל אַלץ אויספילן פאַר אייערט וועגן...

— עס איז נישט פאַר מיר פּערזענלעך, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט...

— איז וואָס זשע דאַרף איך טון?

— פאַרלויפיק גאָרנישט. קומסט אַהיים, זע פּאָפּראַווע זיך. ביסט שטאַרק אויסגעמוטשעט. דאַכט זיך, דעם זיבעטן אָקטאָבער, האָסטו גע־זאָגט, האָט מען דיך גענומען?

— יאָ, דעם זיבעטן אָקטאָבער.

— נו, אָט, הייסט עס קאַרגע צוויי הונדערט טעג... פאַר אַזאַ לאַנגער צייט נישט נעמען קיין הייסן לעפל געקעכץ אין מויל אַריין, קען מען טאַקע פאַלן פון די פיס... דו דאַרפסט זיך גוט־גוט פאַרריכטן... נאָך דעם האָב חתונה, האָב קינדער, אָרדן זיך איין אויף אַן אַרבעט. היט זיך די ביינער, אַז דו זאָלסט נאָך אַ מאָל צו זיי אין די הענט נישט אַריינפאַלן. דאָס איז אַזאַ שאַיקע, וואָס אַז זיי דערזען אַ באַקאַנט פּנים, איז דאָס אַ גרויסע סגולה אויף אומצוקומען... נאָר וואָס וויל איך דיר זאָגן? — טאָמער קומ־סטו נאָך אַ מאָל קיין אויסלאַנד, אונטער אַזאַ הימל, וווּ די רויטע עפּי־דעמיע האָט קיין שליטה נישט. עס מעג זיין אין פינף יאָר אַרום, אין צען יאָר, אפילו אין צוואַנציק יאָר אַרום, זע, דערצייל פאַר דער גרויסער וועלט,

* אַ האָפענונג, וואָס פאַרציט זיך, (דויערט) איז אַ קרענקונג פאַרן האַרצן.

וואָס דו האָסט געזען... זאָלן אַלע וויסן, אי די קריסטלעכע וועלט, אי די ייִדישע, און אפילו די מאָכמעדאַנישע, וואָס אַזוינס דער אַזוי באַזונגענער אָקטאָבער האָט געשענקט דער וועלט... אַ צווייטן וואָלט געוועזן נאַריש דאָס אָנצוזאָגן, אָבער דו וועסט דאָס קענען אויספּילן. דו האָסט דערצו אַלץ, וואָס מען דאַרף, אי מאַטעריאַל, אי טאַלאַנט... דאָס וועט זיין די טובה, וואָס דו קענסט מיר טון...

שלמה איז געשטאַנען מיטן פּעקל אין דער האַנט, ער האָט פאַרלוירן געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע, מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן, טאָמער דערזעט ער ביים פּאָטער וואַסילי אויף די אויגן אַ פאַררעטערישע טרער. ער האָט שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

— דאָס וואָס איר בעט ביי מיר, וועט איר נאָך אַליין טון. אייך וועט זיך די זאַך בעסער איינגעבן, איידער מיר...

— דו רעדסט נאַרישקייטן, זון מיינער, מיך וועלן זיי שוין נישט אָפּ־לאָזן. אַזעלכע מענטשן ווי איך טאָרן זיך נישט געפינען אויף דער פריי־הייט.

— טייערער פּאָטער וואַסילי, איר זענט דער שטאַרקסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט אין מיין לעבן, און דאָך שמעקט מיט ביי־טערן יאוש פון אייערע רייד. ווי קומט דאָס צו אייך?

— וואָס ווילסטו, אַ מענטש איז דאָך פאָרט נאָר פון פלייש און בלוט... און ווידער, עס איז טאַקע אַ שוואַכקייט פון מיר... וואָס דען מיינסטו? שאַ! מען שליסט שוין אויף די טיר, דאָס מיינט מען דיך. גיי, קינד מיינס, אין אַ גוטער שעה און זאָלסט שוין מער קיין מאָל זיך נישט געפינען הינ־טער גראַטעס... גיי, גיי, האָסט שוין דיין חלק אָפּגענומען לכל הדעות...

לאַבאָוו האָט מיטביידע הענט אָנגענומען שלמהס קאָפּ און אים אַ קוש געטון אין שטערן. שלמה אים — אין האַלדז. שטאַרק און וואַרעם האָבן זיי זיך געדריקט די הענט. דער וועכטער האָט שוין געוואַרט אויף דער שוועל און אומגעדולדיק געקלונגען מיטן די שליסלען. שלמה האָט זיך געזעגנט ביי דער האַנט מיט אַלע חברים פון דער קאַמער און נאָך אַ מאָל אַ קוק געטון אויפן פּאָטער וואַסילי. יענער איז געשטאַנען ביי זיין נאַרע אַ בלאַסער, אַן אויסגעלאָשענער. שלמה האָט זיך אַ ריס געטון פון דער טיר, צוגעלאָפן און אַ שטאַרקן קוש געטון לאַבאָוון גלייך אין די ליפּן. נישט אומקוקנדיק זיך מער, מיט טרערן אין די אויגן, איז ער אַרויסגע־לאָפן פון זיין קאַמער. צום לעצטן מאָל האָט זיך שלמה איינגעהערט אין דעם ריטמישן קלאַנג פון דעם גרויסן שלאָס און ער האָט פאַרלאָזט דעם פּערטן קאָרידאָר.

אויף דער גאַס איז געוועזן פרילינג אין פולן זינען פון וואָרט. שלמהס האַרץ האָט געצאַפּלט צווישן האָפענונג און שרעק:

— סאָלאָמינקע, צי פּעטשערסק? טאַטע־מאַמע, צי קירסט? גן־עדן, צי גיהנום?

אין קאַנצעלאַריע האָט אים דער נאַטשאַלניק געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ דאָקומענטן האָט איר געהאַט ביי זיך בשעתן אַרעסט?

— מיין מיליטערישן בילעט און רענטגען־אויפנאַמעס פון מיין פאַר־וווּנדעטן פוס.
— אַט דאָס זענען אייערע פּאַפּירן?
— יאָ, די זעלבע.
— בריוועלעך אויף דער פרייהייט האָט מען אייך אין קאַמער מיט־געגעבן?
— ניין.
— טאָמער יאָ, ליגט זיי אַליין אַרויס. וואָרעם אויב מען וועט זיי ביי אייך געפינען, ווערט איר אָפּגעשיקט אין עטאַפּן־קאַמער אויף פינף טעג.
— איך האָב נישט וואָס אַרויסצוציִיען.
— באַלד וועלן מיר זען.
ער האָט אַ ווונק געטון צום זעלנער. יענער האָט שלמהן גרונטלעך באַ־טאַפּט, דורכגעטרייסלט די זאַכן און גאָרנישט געפונען.
דער נאַטשאַלניק האָט זיך געווענדעט צו שלמהן:
— נעמט אייך אייער בילעט מיט די אויפנאַמעס. דאָ האָט איר אַ צייַ־געניש, ווו איר האָט זיך געפונען די לעצטע חדשים, און אַז איר זענט אין גאַנצן באַפרייט. דאָס האָט איר אַ ווענדונג אין אייער ראַיאָן־מיליציע, מען זאָל אייך תיכף ומיד צושרייבן. גייט, איר זענט פריי! אויף טראַמוויי האָט איר ביי זיך?
— אַ דאַנק, אַזאַ סומע וועט זיך נאָך געפינען.
— איך ווינטש אייך, זיך מער אַהער קיין מאָל נישט אומקערן...
— אַ דאַנק. איך ווינטש אייך אויך דאָס זעלבע...
— ווען נישט דאָס, וואָס איר זענט שוין אַ באַפרייטער, וואָלט איר פאַר אַזאַ ענטפער באַקומען —
— ווען נישט דאָס, וואָס איך בין שוין אַ באַפרייטער, וואָלט איר פון מיר אַזאַ ענטפער נישט באַקומען.
— דאַכט זיך, אַז צו מיר פּערזענלעך קענט איר קיינע טענות נישט האָבן...
— גאָט באַהיט! איר זענט זייער אַ פיינער מענטש.
— איר האָט געבעטן אייך איבערבייטן די קאַמער, האָב איך, דאַכט זיך, גלייך —
— איך בין אייך פאַר אַלץ זייער דאַנקבאַר און אַממערסטן דערפאַר, וואָס איר שטופּט מיך אַרויס.
— קענען מיר זיך, ווי באַלד אַזוי, געזעגענען ביי די הענט —
— אָך, מיטן גרעסטן כבוד!
ביים אַרויסגאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּונקט פאַרמירט זיך אַן עטאַפּ און מען וועט אַ פּאָר שעה נישט קענען עפענען דעם טויער. מען האָט שלמהן דערווייל צוריק אַרויפגעפירט אין אַ קאָרידאָר. ער האָט זיך צוגע־זעצט אויף זיין קלימעקל און די געדאַנקען האָבן אים אָנגעטראָגן. נאָך מערקווירדיק, נאָך אַזאַ לאַנגן זמן אַרעסטירט זיין האָט ער נישט גע־

טראכט וועגן דעם, ווי זעט אויס דער הימל, נישט צווישן די פיר ווענט, נישט וועגן דעם, ווי אומגעריכט און פריידיק עס וועט זיין פאר זיינע על־טערן זיין אומקערן זיך, ווי ווארעם מען וועט אים באגעגענען, ווי ער וועט ווידער זען פאלין, און דאס מאל שוין זיין פאלין... ווי ער וועט נאך היינט לייגן תפילין, אנקושן זיי צו דער זעט פאר קארגע צוויי הונדערט טעג, אויך נישט וועגן דעם, אז באלד דארף זיין פסח — אויף זיין חשבון זענען נאך פארבליבן ביי זיבן, אכט טעג — אויך נישט וועגן זיין באגע־געניש מיט די חברים: יוסף, טאניע, משה פרידמאן, מנשה, דער זיידע, די מומע טייבל, מיט ר' אברהם פייגנבוים, הרב ביאליק... ער האט וועגן דעם אלעמען נישט געטראכט. זיין קאפ, זיינע געפילן זענען נאר געווען ביים פאטער וואסילי. א ווונדערלעכער מענטש אט דער לאבאוו... שלמה גלייבט נישט, אז ביי קריסטן זענען דא פיל אזעלכע הויכע און שיר נישט הייליקע נשמות. און דער עיקר, ער וואלט נאר געוואלט וויסן, וואס קלערן זיי צו טון מיט אים? זיין זינד באשטייט דאך נאר אין דעם, פאר וואס ער איז געבוירן געווארן, פאר וואס ער לעבט, פאר וואס ער האט געלערנט און איז געווארן א יעפיסקאפ... קיין מער רעאלע חטאים האבן זיי דאך נישט אויף אים... אודאי שמעקט זיי שטארק, אז ער זאל זיך אפזאגן פון זיין גלויבן פאר דער גאנצער וועלט... זיי וואלטן געהאט מיט וואס זיך צו בא־רימען. זיי וואלטן שוין דערפון געקלאפט אין אלע טאצן, אז אפילו אזעל־כער איז אויך אריבערגעגאנגען אין זייער גלויבן. נאר זיי האבן אין אים א ביטערן טעות. לאבאוו וועט דאס פאר קיין פאל נישט טון... פונקט אזוי גוט ווי שלמה איז געווען גרייט געהרגעט צו ווערן און נישט אויסגעבן קיין איין חבר, אזוי וועט לאבאוו אומקומען און נישט פארראטן זיין גלויבן... וואס זשע וועט טאקע זיין מיט אים? אך, עס איז אים אזא שאד אט דער מענטש... ער וואלט זיך שוין אומגעקערט אין קאמער אריין נאך אויף זעקס חדשים, אבי באפרייט ווערן צוזאמען מיט אים... נאר וואס קומט ארויס פון אזעלכע פוסטע פאנטאזיעס? אויב לייטיש זיך פירן, וואלט די ראטנמאכט געדארפט אזעלכע מענטשן ווי לאבאוו ארויסשיקן פון זייער לאנד, אריבערשטעלן די גרענעץ און גיי דיר אויף אלע פיר זייטן: — מיט אונדז ביסטו נישט איינשטימיק, — ווילן מיר נישט, אז דו זאלסט ביי אונדז וווינען! אט דאס וואלט געהייסן כאטש א רמז פון דעמאקרא־טיע. וואס זשע קומט ארויס? ווען — אהין, ווען — אהער, דערווייל איז גוט פאסקודנע...

עמעצער גייט, מען שליסט אויף א שלאס. שלמה גיט א ציטער פאר פרייד:

— אהיים! אויף ענגעלס־גאס 72! עס איז ביי אים היינט יום־טוב!

ווען דאס טירל האט זיך פארהאקט הינטער אים און דער שלאס פאר־שלאסן, האט ער ערשט דערפילט דעם מעכטיקן שטראם פרייד וואס האט אים אונטערגעשווענקען —

— ...ברכי נפשי את ד'...

די הימלען, וואס וויסן פון אלע סודות, פון אלע פערצנטע קארידארן

און אכצנטע קאַמערס, פון אַלע מינים מלאכי־חבלה מיט די פאַרשידנסטע כלי־משחית, האָבן איצט מיט נצחון באַגעגנט דעם אויסגעלייזטן און דער־מונטערנדיק אים צוגעוווּנקען —

— ...השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע...

אַלע זיינע אברים האָבן שירה געזונגען צו זייער באַשעפער —

— ...כי הצלת נפשי ממות, הלא רגלי מדחי, להתהלך לפני אלהים, באור החיים...

די ערד איז בחפזונדיק אַנטלאָפן פון אונטער זיינע פיס, די טריט האָבן פון זיך אַליין געשוועבט אין דער לופט, די פריע גרעזעלעך, די אויפגעוועקטע ווערעמלעך — אַלע האָט געאָטעמט מיט שמחה, אַלע האָט געשריגן: „שלום" —

— ...כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון...

די נאַקעטע, פייכטע בערגלעך האָבן זיך צעלאָזט לויפן אַ קעגן דעם גאַסט מיט אַ שאַלנדיק געזאַנג:

— ...ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה...

אַלע ביימער פונעם נעבעכדיקן סעדל האָבן אים אַנטקעגנגעשטרעקט זייערע אויסגעקרימטע צווייגן און בסבר פנים יפות מקבל פנים געווען דעם אורח: — שלום עליכם, שלמה סערדצע! שלום עליכם — עליכם שלום! סימן טוב ומזל טוב —

— ...וכל עצי השדה ימחאו כף...

די פייגעלעך וועלכע האָבן זיך שוין באַוויזן אומצוקערן פון זייער ווינ־טערדיקן נע־ונדנעם לעבן, האָבן איבערגעריסן זייער פרימאָרגנדיק געזאַנג און אויף קולי־קולות באַגריסט דעם אַנגעלייגטן גאַסט —

— ...מבין עפאים יתנו קול...

די זון איז צוגעפאַלן מיט איר צעשטראַלטן פנים צו אַלע אַרומיקע שויבן און דורך טרערן אַרויסגעשמייכלט:

— ברוך הבא... ברוך הבא... אַ פנים, אויף אַ לעבעדיקן דערוואַרט מען זיך טאַקע. זאָל שוין איצט זיין אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער...

יאָ! הימל און ערד זאָגן עדות, אַז ס'איז ביי אים היינט יום־טוב... אַ יום־טוב שהזמן גרמא... דער גרעסטער יום־טוב, וואָס ס'איז זיך נאָר מעגלעך פאַרצושטעלן...

ענדע פון פינפטן באַנד.

דער קומענדיקער באַנד:

אַ פאַרגעסענע טובה